פּנקס קאָוועל

נשמה יאַניטש.״

מיר דרוקן די אינטערעסאַנטע השערות און מיר האָפן, אַז די מיט־אַרבעטער פון געוועזענעם „סאַג״ וועלן אפשר וויסן מער וועגן דעם ענין. דאָס צוגעשיקטע ליד איז, פונקט ווי „אַ תפילה״, אַ גוט ליד און מאַכט דעם איינדרוק, אַז ס'איז געשריבן געוואָרן פון אַ דיכטער און ניט קיין אָנפאַנגער.

מיר דרוקן דאָ איבער דאָס ליד און מיר פרעגן נאָך אַ מאָל: ווייס עמיצער ווער עס איז דער מחבר נשמה יאַניטש?

ביכער מיינע

פון נשמה יאַניטש

ביכער מיינע, אידישע ביכער,
כ'קוק אויף אייך און קלער,
וואו וועט איר מגולגל ווערן,
ווען איך וועל ניט זיין שוין מער?

צי וועט איר ליגן אין אַ קעלער
ערגעץ וואו פאַרשטעקט,
אָדער אויף אַ בוידעם־שטיבל,
פול מיט שטויב באַדעקט?

צי וועט איר אַס אַזוי שוין בלייבן
פאַרגעסן, ניט דערמאָנט,
און קיינער וועט נאָך אייך ניט
בענקען,
ניט נעמען אייך אין האַנט?

ביכער מיינע, כ'ווייס, כ'בין
שולדיק,
מיט מיין גאַנצן דור צוגלייך —
כ'האָב קיין יורש ניט דערצויגן
וואָס זאָל זיך נוציקן אין אייך...

און אפשר? שטייט דאָך וואו
געשריבן,
והשיב לב בנים על אבות,
אפשר וועט אַמאָל אַ קינדס־קינד,
אַ בלעטער טאָן אייך אויף
קאַטאַוועס.
בלעטערן, און אַריינקוקן,
וועלן אייער סוד אַנטפּלעקן
וועט פון שטויב אייך אַרויסנעמען,
און וועט געבן אייך אַ תיקון!

אַליין

פון

וואָלף אַרצט

מיין געליבטע, ווי אַ פאַלנדיקער שטערן, ביסטו אַנטרונען.
שווער פאַרן געדאַנק דאָס צו פאַרשטיין.
טרערן אָן אויפהער, ווי רינען.
אַרומגערינגלט מיט פריינט, אָבער איך בין אַליין.

שווער צו גלויבן, נאָר איין שטונדע פאַר דיין אויסגיין,
האָסטו פאַרלאַנגט איך זאָל מיט דיר ווידוי זאָגן.
מיט אַ פאַרוויינטן קול, שווער דעם לאַסט צו טראָגן,
אונדזערע קינדער היטן מיך, דאָך בין איך אַליין.

דיך צו באַגלייטן אויף אייביק,
איך קאָן דאָס קוים פאַרשטיין.
גיין צוזאַמען בין איך אַלעמאָל געווען גרייט,
פיל בעסער ווי בלייבן אַליין.

מיין מוח טרינקט זיך אין טרערן,
פאַרהוייטיקט מיין האַרץ, שווער צו פאַרשטיין,
וואָס וועט פון מיר ווערן?
אונדזערע קינדער און אייניקלעך, ליב, אָבער איך בין אַליין.

כ'וועל וואַנדערן אויף דער וועלט דיך זוכן.
גיין אויף פלעצער, וואו מיר האָבן פאַרבראַכט אַזוי שיין.
אונדזערע פריינט ווילן פאַרגרינגערן מיין ווייטיק.
כ'קען ניט אַנטלויפן פון זיך,
כ'פיל פאַרבליבן אַליין.

דאָס לעבן וועט אַנגיין אויך אָן מיר,
שווער צו באַהאַלטן מיין טרויעריק געוויין,
ווען מיינע לעזער וועלן מיך פאַרלאָזן.
פאַרשליסן די טיר,
דאַן וועל איך זיכער בלייבן אַליין.

פּנקס קאָוועל (קאָוולע)

לידער פון אברהם רייזען

אַ פראַגע

גראַמען וואָס איך האָב געקליבן,
לידער וואָס איך האָב געשריבן,
פערזן וואָס איך האָב געזונגען,
טענער וואָס איר האָט געקלונגען —
זאָגט מיר, וואָס וועט פון אייך זיין,
ווען איך וועל שוין דאָ ניט זיין?

וועט זיך איינער ווען געפינען
מיט אַ הארץ און מיט אַ זינען
און אייך, ליבע מיינע גראַמען,
וועט מיט צאַרטער האַנט צוזאַמען
קלייבן, פלעכטן אייך אין אַ קראַנץ,
בלייבן זאָלט איר אייביק גאַנץ?

אָדער איר וועט גיין פאַרלאָרן,
ווי גאָר קיינמאָל ניט געבאָרן,
ווי פון יוגנט די חלומות,
ווי אין שול די אלטע שמות

קינס: איינזאַמקייט (ליד); אברהם
ווילק: דער רעזולטאַט פון די וואַלן
אין פראַנקרייך: ד״ר נח גריס:
„קילות אין דער נאַכט״: שלמה
שוואַרץ: פּאַרמער־יונג אין שטאָט
(ליד): ד״ר אליהו שולמאַן: די
איינגאַבע פון דער אידישער לי־
טעראַטור־קריטיק היינט צו טאָג:
שאול מאַלץ: יודנריין (ליד): חגן
קיעל: אַ בלאָנדע שולמית (ליד):
י. פאַגעל: ישראל גאָלדבערג —
אַ טוער אין דער אידישער אַרבע־
טער־וועלט: חיים פּלאַטקין: ליכ־
טיקע טויערן (ליד): הינדע זאַ־
רעצקי: לידער: משה עטינגער:
לידער.

צו באַקומען דעם „וועקער״ אין
אָפיס פון אידישן סאָציאַליסטישן

דורכפאַלן און דערגרייכונגען
דער סאָוועטישער אַגראַר־פּאָלי
אברהם פיינזילבער: דער סאַ
ליסטישער וואַל־נצחון אין אי
טראַליע: אהרן טהאָרן: קאַרופּ
אין פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען
לינדערמאַן: מאַרקס אַלס געשיכ
פילאָזאָף: דערקלערונג פון
יאָרקער קאָמיטעט פון „בונד״:
ראָזענפעלד: אברהם מלאָטעק
טעראַטור: בנימין עליס: אין ט
קענט: יצחק קאַהאַן: סטעפאַן צו
פרץ מיראַנסקי: זיי: משה שט
גאַרט: איין מאָל נאָך. פון או
פּאַרטיי־לעבן: ניו־יאָרק, מעלבו
דעם נומער „אונזער צייט״
מען באַקומען אין אָפיס, 25 א
78־טע גאַס, ניו־יאָרק, נ. י.
טעלעפאָן: 0850 - 535

פנקס קאָוועל

ארויסגעגעבן דורכן
ל״ל פאר״ן פון קאָוועל און אומג.
אין ארגענטינע

שנת ה׳תשי״ב   בוענאס איירעס 1951

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2026

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2026

Printed in Argentine *Impreso en la Argentina*

PINCAS KOWEL

LIBRO EN HOMENAJE A NUESTROS HERMANOS MASACRADOS POR LA BARBARIE NAZI EN NUESTRO PUEBLO NATAL

Editado por la:
**UNION RESIDENTES ISRAELITAS DE KOWEL Y SUS ALREDEDORES
EN LA REPUBLICA ARGENTINA**

1951

TALLERES GRAFICOS "CULTURA" - SARMIENTO 2157 - BS. AIRES

פנקס־קאָמיסיע



בצלאל באלער

רעדאַקטאָר פון „פנקס"

עס זיצן פון רעכטס: א. י. גאלפערין, בצלאל באלער, זיסיע וויינפער און יעקב אברך.
עס שטייען פון רעכטס: לייבל שיטער, נ. גאלסטי, נ. ווארצל און י. ח. פאנטורין.

דער גאנצער מאטעריאל, וואָס איז געדרוקט אין דאָזיקן „פנקס־קאָוועל”, איז צוזאמענגעקליבן, (טייל) געשריבן, (טייל) באארבעט און רעדאקטירט געוואָרן פון בצלאל באלער.

הילע און יזכור־בלאַט געצייכנט:
פון נ. וואָרצל.

מצבת זכרון

מיט דעם דאָזיקן „פנקס־קאָוועל” וואָס מיר גיבן ארויס, ווילן מיר פאראייביקן אונזער היים־שטאָט קאָוולע.

מיר צאָלן דערמיט, א הייליקן חוב, צו דער על קידוש השם אומגעקומענער און אויף אן אכזריות׳דיקן אופן אומגעבראַכטער עדה אידן, צווישן וועלכע עס זיינען געווען אונזערע טאַטעס, מאַמעס, שוועסטער, ברידער, קרובים און באקאַנטע, עליהם השלום.

מיר, די קאָוולער לאנדסלייט אין אַרגענטינע, טוען די דאָזיקע הייליקע אַרבעט, כדי דער זכר פון דער קהלה קדושה אין קאָוועל אויף וואָלין, זאָל בלייבן אויף אַלע אייביקייטן ולדור דורות.

אינהאַלט:

זייט
פאָרוואָרט — די רעד. — 13
קאָוולע מיין שטאָט — בצלאל באַלער — 17

I

געשיכטלעכער איבערבליק

קאַפּיטל א. — די גרינדונג פון דער שטאָט. — פאַרוואָס דער נאָמען: „קאָוועל" — 23
קאַפּיטל ב. — „שטאָט" און „זאַמד" — 24
קאַפּיטל ג. — די שטאָט פּראָגרעסירט, — „פּאַדריאַדטשיקעס" א. א. — 27
קאַפּיטל ד. — ת"ת א. א., רעוואָלוציע-יאָרן 1903-1906 — 30
קאַפּיטל ה. — קאָוולער אינסטיטוציעס, אנשטאַלטן און בתי־תפילה — 37
קאַפּיטל ו. — קאָוולער אינטעליגענץ א. א. — 44
קאַפּיטל ז. — קאָוולע אין די יאָרן פון דער 1־טער וועלט־מלחמה 1914-1918 — 50
קאַפּיטל ח. — געקומען און אַוועק די באָלשעוויסטישע אַרמייען א. א. — 58
קאַפּיטל ט. — אונטער דער פּוילישער ממשלה א. א. — 66
קאַפּיטל י. — אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט-מלחמה — 73
קאַפּיטל יא. — ווען די דייטשן זיינען באַפאַלן רוסלאַנד א. א. וו. — 78
קאַפּיטל יב. — קאָוולע אונטער דייטש־נאַציסטישער מאַכט א. א. — 82
קאַפּיטל יג. — אַרייַנגעטריבן די אידן אין געטאָס, די ערשטע ליקווידאַציע פון קאָוולער אידן — 87
קאַפּיטל יד. — די צווייטע ליקווידאַציע, חורבן קאָוולע — 92
די אומגעקומענע קדושים אין דער גרויסער שיל — משה בעבטשוק — 98
קאָוועל — (אידישער היסט. אינסטיטוט אין וואַרשע) — 104
סך־הכל של קהלת קובל — מרדכי וואַקס — 107

II

זכרונות און עפּיזאָדן

קאָוולער אַנשטאַלטן, אינסטיטוציעס און פּאַרטייען — אברהם גלאַז — 114
א בריוו פון דיכטער זישע ווײַנפּער — 124
די ציוניסטישע יוגנט־באַוועגונג אין קאָוולע — איסר קאַמינסקי — 129
די קאָוולער אַרבעטער־באַוועגונג — חיים מלמד — 144
דעראינערונגען פון קאָוולע — דערציילט פון א. י. גאַלפּערין — 149
קאָוולע אונזער קרייזשטאָט — ל. באַיאַן — 156
ממעקים (זכרונות) — יוסף שפּירא — 179
אביסל זכרונות — רחל גרינבלאַט־פּאַנטורין — 185
די קאָוולער העברעאישע גימנאַזיע — א. היינאַך — 189
דעראינערונגען — רבקה ווײַנשל - רעזניק — 193
וואָס איז אַזוינס אַ פּנקס — דערציילט פון ל. שוטער — 195
יוסף אברך — יעקב טייטלקער — 201
אַ דעראינערונג — יוסף פּאַס — 205
אביסל זכרונות — צ. יוכט — 207
קלמן ליס — (פון מלך ראַוויטשעס בוך „מיין לעקסיקאָן") — 213
קאָוולע (פּאָעמע) — קלמן ליס — 215
אין מיין קאַנט אין פּשוטן (ליד) — קלמן ליס — 218
ליד צו אַ טויטן פּאָעט — קהת קליגער — 219

זייט
יאָסל זכריהוס (בורשטיין) (באַאַרבעט פון ח. גראַדעס פּאָעמע „מוסרניקעס”) ב. ב. 221
מלכה די ראַדאָוויטשער (פּאָעמע) — — — — — ז. וויינפּער — — 227
מיין פּאַרשפּילטער קאַמף — — — — — — פייוול שיפּער — — 230

III

די וואָס זיינען געפאַלן אויף דער וואַך

יהיאל שיינבוים
(פון ד״ר דוואַרזשעצקיס בוך: „ירושלים דליטא אין קאַמף און אומקום”) 235
שיינדל שוואַרץ
(פון מלך נייַשטאַדטס בוך: „חורבן און אויפשטאַנד פון די אידן אין וואַרשע”) 240
דבורה באַראַן
(פון מלך נייַשטאַדטס בוך: „חורבן און אויפשטאַנד פון די אידן אין וואַרשע”) 244
לאה פיש
(פון מלך נייַשטאַדטס בוך: „חורבן און אויפשטאַנד פון די אידן אין וואַרשע”) 246
שמאי לאופער
(פון מלך נייַשטאַדטס בוך: „חורבן און אויפשטאַנד פון די אידן אין וואַרשע”) 248
ליובא לעדערהענדלער — — — — — — — — — — — — 249

IV

אויסצוגן פון קאָוולער אידישע אויסגאַבעס

פון „קאָוולער שטימע” — — — — — — — — — — — — 252
פון „אונזער לעבן” — — — — — — — — — — — — 278

V

אייניקע ישובים פון קאָוולער קרייז

מעלניצע — — — — — — — — געשריבן פון בצלאל באַלער — — 291
עפּיזאָדן פון מיין געבוירן־שטעטעלע (מעלניצע) — פייוול באַלער — — 320
מעלניצע, אין די לעצטע יאָרן — — — — — — מ. לאַנדאַ — — 335
צבי מערסיק
(פון מלך נייַשטאַדטס בוך: „חורבן און אויפשטאַנד פון די אידן אין וואַרשע”) 338
קרעמנע — ליבעכין — — — — — איבערגעגעבן פון דוד גאַידין — — 341
מאַניעוויטש — — — — — — איבערגעגעבן פון יהודה ווערבאַ — — 350
באַטעשאָוו — — — — — — איבערגעגעבן פון לייבל באַקלער — — 352

VI

קאָוולער אין אַרגענטינע

לאַנדסלייט־פאַריין פון קאָוועל און אומגעגנט — — — — — — — 360
קרעדיט־קאָאָפּעראַטיווע „ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ” — — — — — — 391
25 יאָר קאָוולער באַנק — — — — — — — — ישראל האַניק — — 414
די קאָמיסיאָנען פון קאָאָפּ. „ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ” פון 1926 ביז 1951 417
קרעדיט־קאָאָפּעראַטיווע „על פּאַרוועניר” — — — — — — — 427
דעראינערונגען — — — — — — — — — שמחה קאַלב — — 438
דאָס „נייע קאָוולער בענקל” — — — — — — — לייבל שומער — — 441
זכרונות — — — — — — — — — — — ישראל מלמד — — 445
די קאָמיסיאָנען פון קאָאָפּעראַטיווע „על פּאַרוועניר” פון 1929 ביז 1951 448

VII

יזכור

שלוס־וואָרט — — — — — — — — — — בצלאל באַלער — — 509

בילדער:

זייט
דער „פּאַמיאַטניק" — 27
די איד. מיידל־שול — 31
תרבות־שולן — 33
האָטעל „וויקטאָריאַ" — 35
פּאָסט־געביידע — 36
פאַרוו. פון לינת־הצדק — 38
אַ גאַס אין קאַוולע — 39
קרייז־שפּיטאַל — 40
פּרויען־גימנאַזיע — 41
פאַרוו. פון דער גרויסער שול — 42
שעווצאַווס פּרויען־גימנאַזיע — 45
פּרויען פּראָ־גימנאַזיע — 45
מענער־גימנאַזיע — 46
בולוואַרנע־גאַס — 47
קאַוולער מאַרק — 48
קאַוולער וואָקזאַל — 50
פאָלקס־קיך — 51
אַ מיטיק אין פאָלקס־קיך — 52
ל"ג־בעומר־פייערונג — 54
לערער אין וויינבערגס שולע — 55
קאַוולער פייערלעשער — 56
פאַרוו. פון פאָלקס־קיך — 57
אַ מצה־בעקעריי — 59
פייערלעשער־אָרקעסטער — 60
אַ איד. דעלעגאַציע באַגעגנט דעם
פּוילישן פּרעזידענט — 62
בית יתומים־קאָמיטעט — 63
שפּייזן־פאַרטיילונג פאַר קינדער — 64
פאָלקס־קיך — 65
הצופים בעת אַן אויפנאַמע — 67
זאַמלער בעת אַ בלומל־טאָג — 67
פאַרוואַלטונג פון „מאַז" — 68
זאַמלער בעת אַ בלומל־טאָג — 69
חברים געזעגנען עולים קיין א"י — 70
הכידים געזעגענען יאַנקעל מאַנדל צו
זיין עולה זיין קיין א"י — 71

זייט
אַ געזעגנונגס־אַקט פאַר פּראָפ. ראובן
ערליך — 72
די „גאַרקע" — 91
פראָנט פון דער גרויסער שיל — 95
דער ברודער־קבר — 97
הויל־אַנשטאַלט אין „אַזע" — 116
פאַך־שול „אָרט" — 118
פאַרוו. און לערער פון פריק־שולע — 119
תלמידים פון תרבות־שול — 121
משה פערעל און זיין פרוי — 122
דיכטער זישע וויינפער — 124
אַפּשידס־אַקט פאַר לוסיע כאַדראַוו — 131
אַ גרופּע פון מכבי — 132
אַ גרופּע פון מכבי — 133
מאַנדאָלין־אָרקעסטער פון מכבי — 134
פאַרוו. פון פּועלי־ציון — 135
אַ זאַמל־פּאַרל אין אַ בלומל־טאָג — 137
ספּאָרט־קלוב אין גימנאַזיע — 138
אַ פּיראַמידע פון השומר הצעיר — 140
אַ פּיראַמידע פון השומר הצעיר — 141
פאַרוו. פון בר כוכבא — 142
איד. דראַמאַט. מוזיק. פאַריין — 152
חזן פון דער שיל מיט משוררים — 154
הויפּט־גאַס אין ראַטנע — 157
אַ גאַס אין ראַטנע — 158
זרובבל אין ראַטנע — 159
יתומים־קאָלאָניע אין ראַטנע — 160
החלוץ־אָרג. אין ראַטנע — 162
אַ גרופּע חלוצים פון וואָלין — 164
אַ גרופּע מכביסטן — 167
פאַרוו. פון „„העובר" — 169
שילער פון העבר. גימנאַזיע — 181
שילער פון העבר. גימנאַזיע — 183
פאַרשטייער פון אינסטיטוציעס — 184
שילער פון שעווצאַווס גימנאַזיע — 186
חלוצים אין הכשרה — 187

זייט
א גרופע סקויטן — — — — — 188
חלוצים אין הכשרה — — — — 190
א גרופע פון מכבי — — — — — 191
קאוולער דראמ. קרייז אין לודמיר 192
שרייבער אין קאוולער מאגיסטראט 200
איד. קינדער-גארטן — — — — 204
טריסקער חסידים — — — — — 206
שילערס פון „ארט״ — — — — 208
א פיק־ניק אין א וואלד — — — 209
א גרופע ספארטלער פון מכבי — — 211
מ. ספעקטאר, דירעקטאר פון „ארט״ 212
יחיאל שיינבוים — — — — — 236
די לויה פון יחיאל שיינבוים — 239
שיינדל שווארץ — — — — — — 240
דבורה באראן — — — — — — 244
לאה פיש — — — — — — — 246
ליובא לעדערהענדלער — — — — 249
א גרופע פון „השומר הצעיר״ — — 256
א גרופע פון זעלבסט־בילדונגס־קרייז 257
הסתדרות „השומר הצעיר״ — — — 258
מאיר (מוניע) מארדער — — — 259
א גרופע אנפירער פון השומר הצעיר 261
א פוטבאל־פארמעסט — — — — 262
קינדער פון בית יתומים — — — 271
קאמיטעט פון בית יתומים — — 274
ר׳ אהרן וואלף באלער — — — — 306
דער מעלניצער רב — — — — — 312
שמחת תורה אין מעלניצע — — 330
צבי מערסיק — — — — — — 338
דראמאטישער קרייז אין מאניעוויטש 351
החלוץ-הצעיר אין מאניעוויטש — 351
א גרופע גרינדער פון קאוולער ל״ל־פאריין — — — — — — 360
גרינדער אויף א באערונגס־אקט — 365
באנקעט פאר וו. ב. פרויד — — — 366
דעלעגאטן אין פויליש-איד. לאנדסמ. 367
אויף א יום־טוב פון קאוולער פאריין 368
אונזערע דעלעגאטן אויף אן אקט פון פויליש איד. פארבאנד — — — 369
ל״ל אויף א טיי לכבוד ז. וויינפער 371
א גרופע קאוולער גראטעוועטע — 373

זייט
א גרופע קאוולער שארית הפליטה 375
א גרופע קאוולער לעבנסגעבליבענע 377
א גרופע קאוולער שארית הפליטה — 378
באנקעט פאר ה׳ יעקב אברך — — 381
פראקלאמירונג-אקט פון פנקס־קאוולע 382
פאקסימיל פון בריוו פון ליט. פאריין 385
פרויען־קאמיסיע פון פאריין 1951 386
פארוואלטונג פון פאריין 1951 — 387
פרעזידענטן פון קאוולער־ל״ל־פאריין 388
פרעזידענטן פון קאוולער־ל״ל־פאריין 389
ערשטער עקזעקוטיוו פון לוי און שפאר־קאסע — — — — — — 393
דירעקטאריום אויפן צען - יעריקן יובילעאום — — — — — — 397
דירעקטארן ביים איבערנעמען אמט 399
דירעקטאריום אין 1942 — — — 402
דירעקטאריום אין 1946 — — — 404
דירעקטארן און געסט אויפן 20־יע־ריקן יובילעאום — — — — 406
עקזעקוטיוו אין 1951 — — — 407
געסט אויף דעם יו״ט פון 20-יעריקן יובילעאום — — — — — — 408
דירעקטאריום און א טייל געסט — 409
דער אויבן־אן אויפן אקט פון 20-יעריקן יובילעאום — — — 410
דער פערסאנאל פון קאאפעראטיווע 412
איצטיקער דירעקטאריום פון קאאפ. „ריא דע לא פלאטא״ — — — 413
דירעקטאריום פון קאאפעראטיווע „על פארוועניר״ אין 1935 — 429
דירעקט. פון „על פארוועניר״ אויפן צען־יעריקן יובילעאום — — 431
באערונגס־אקט פאר ישראל מלמד און מ. קאגאן — — — — — 433
באערונגס-אקט פאר ישראל מלמד — 433
דירעקטארן פון „על פארוועניר״ אויף א יו״ט — — — — — 435
דירעקטאריום פון „על פארוועניר״ אין 1951 — — — — — — 437
איצטיקער פרעז. פון „על פארוועניר״ ה׳ אברהם קאפלאן — — — — 440

פאָרוואָרט

מיט א געפיל פון ווייטיק אין אונזערע הערצער, צוליב דער פארניכטונג פון אונזער ליבער און אומפארגעסלעכער היים־שטאָט קאָוולע, אין וועלכער ס׳איז בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, אומגעבראכט געוואָרן דורך די דייטשע רוצחים, ימח שמם, צווישן אלע אנדערע צענדליקער און הונדערטער אידישע קהילות, אויך אונזער טייערע און ליבע קאָוולער עדה אידן, און פילנדיק דעם צער דערפון, וואָס מיט דעם דאָזיקן „פנקס", וואָס מיר, די קאָוולער ל״ל, גיבן ארויס, שטעלן מיר אַ מצבה, נאָך דער שטאָט קאָוולע און נאָך די אידן, די קדושים וטהורים, וועלכע זיינען אומגעקומען על קידוש השם; און אויך מיט אן אינערלעכן ציטער אין הארצן, צוליב דער גרויסער אחריות וואָס מיר נעמען אויף זיך פאר דער געשיכטע און פאר די קומענדיקע היסטאָריקער, וועלכע וועלן אמאָל שרייבן דאָס בלוטיקע קאפיטל געשיכטע פון דעם אומקום פון זעקס מיליאָן אידן און פון דעם אונטערגאנג פון די אידישע קהילות אין אייראָפּע אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, — אויך אונזער שטאָט קאָוולע אריינגערעכנט.

— מיט אָט־די געמישטע געפילן פון ווייטיק, צער און אחריות, טרעטן מיר צו צו דער הייליקער ארבעט פון פאראייביקן אונזער אידישע היים־שטאָט קאָוולע, אין דעם דאָזיקן בוך, וועלכן מיר רופן־אָן: „פנקס־קאָוועל" (קאָוולע).

עס איז פארשטענדלעך, אז מיר קענען נישט זיין היסטאָריש־פּינקטלעך, אין שייכות מיט דער גענויער דאטע פון דער גרינדונג פון דער שטאָט קאָוועל, וואָס אידן האָבן גערופן אויך רופן נאָך ביז היינט, היימיש־אידישלעך: „קאָוולע".

מיר קענען אויך נישט אָנווייזן, ווער עס איז אָדער עס זיינען געוועזן אירע גרינדער, פּשוט צוליב דעם פעלן פון היסטאָ־

רישע דאָקומענטן, וועלכע זאָלן באשטעטיקן די ריכטיקייט פון די אָנגעגעבענע דאטן, נעמען א. א. וו.

מיר באגרייפן — ווי מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט — די גרויסע אחריות, וואָס מיר טראָגן פאר דער געשיכטע, אויב מיר וועלן אָנגעבן וועלכע ס'נישט איז אומפינקטלעכקייטן. דערפאר באטאָנען מיר, אז מיר וועלן זיך באזירן, אין שייכות מיט דער גרינדונג פון דער שטאָט און דעם פעריאָד פון איר ערשטער אנטוויקלונג, רק אויף השערות און לעגענדעס.

אוודאי וואָלטן מיר געוואָלט, אז אונזער באשרייבונג פון דער שטאָט קאָוולע, זאָל זיין א פינקטלעכע און א פולקאָמע, כדי אזוי ארום ארויסצוברענגען דאָס אלגעמיינע בילד און דעם פרצוף פון דער שטאָט: וואָס זי איז געווען, און וואָס פאר א ראָלע זי האָט געשפילט אין דעם אידישן לעבן. אָבער מיר וועלן זיך באמיען, מיט אלע אונזערע מעגלעכקייטן, לויט די צונויפגעזאמלטע דאָקומענטן, מאטעריאלן, בילדער, זכרונות, גבית־עדות א. א. וו., אז אונזער שווערע אויפגאבע זאָל אין א געוויסער מאָס פארווירקלעכט ווערן.

נאכדעם ווי מיר וועלן געבן א קורצן און אלגעמיינעם איבערבליק איבער דער אנטשטייאונג און גרינדונג פון דער שטאָט קאָוולע, וועלן מיר זיך דער עיקר פארנעמען מיט באשרייבן דאָס אידישע לעבן אין קאָוולע פון דער צייט, בערך מיט 80 ־ 70 יאָר צוריק און ווייטער, ד. ה. פון דער צייט וואָס מיר, (אייניקע פון אונז), געדענקען און ווייסן.

איז אויב ס'וועט אונז געלינגען איבערצוגעבן, זאָל זיין אין א קורצער פאָרעם, די אקטואציע פון דעם געזעלשאפטלעכן און אלגעמיינעם אידישן לעבן אין אלע זיינע שאטירונגען, במשך דעם אויבנדערמאָנטן צייט־אָפשניט און אויך פארפיקסירן אייניקע אינטערעסאנטע אידישע טיפן און געזעלש. טוער, וואָס האָבן אָנגעפירט מיטן געזעלש. אידישן לעבן ביי אונז אין שטאָט, וועלן מיר זיין גליקלעך און צופרידן פון אונזער ארבעט.

אויך איז אונזער הויפט־כוונה צו פארצייכענען דאָ, אין דאָזיקן פנקס, אויפן סמך פון שילדערונגען מפי עדי־ראיה ושמיעה, די טרויעריקע און בלוטיקע געשעענישן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין קאָוולע אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, וואָס די אידן האָבן דאָרט איבערגעלעבט און זיך אָנגעליטן, ביז זייער

אזוי שרעקלעכן און טראגישן אומקום דורך די דייטשע און אוקראינישע מערדער און רוצחים, ימח שמם וזכרם.

זיכער וועלן אייניקע אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן עקזיסטירט ביי אונז אין שטאָט מיט לאנגע יאָרן צוריק, אָדער אין די לעצטע יאָרן שוין, און די פערזאָנען וועלכע האָבן אין זיי אקטואירט אָדער סתם פערזאָנען יחידים, אנגעזעענע מענטשן, — נישט באשריבן ווערן, דאָ אין דעם פנקס.

ווילן מיר פעסטשטעלן, אז אויב אזעלכעס וועט געשען, וועט דאס זיכער נישט זיין צוליב א בייזוויליקייט אָדער מינדערשעצונג צו וועלכער ס׳איז נישט איז אינסטיטוציע אָדער—פערזאָן, נאָר פשוט צוליב א פארזען אָדער צוליבן פעלן פון נעמען און דאטן, אויף וואָס מיר וועלן זיך מערסטנטייל באזירן אין אונזער שרייבן דעם פנקס.

איצט, אין דער צייט ווען ס׳איז, צו אונזער גרויסן צער און ווייטיק, גאָרנישט פארבליבן פון דעם גאנצן קאָוולער אידישן לעבן, — צוליב וועלכער סיבה מיר שרייבן אייגנטלעך דעם דאָזיקן פנקס — איז דער זכר פון אלע אינסטיטוציעס און אנשטאלטן, אָן אויסנאם וואָס פאר א כאראקטער זיי זאָלן נישט האָבן געטראָגן, — אונז ליב און טייער. אזוי אויך אלע פערזאָנען, סיי געזעלש. טוער, ווי סתם יחידים, פון גרעסטן ביזן קלענסטן.

דערפאר בעטן מיר אונז צו גלויבן אין אונזער אויפריכטיקייט, אז מיר האָבן זיך באמיט צו באשרייבן אלץ וואָס מיר געדענקען און ווייסן, און לויט דעם מאטעריאל וואָס מיר האָבן צונויפגעזאמלט, גיבן מיר דאָ איבער דאָס, וואָס ס׳איז אינטערעסאנט און וויכטיק אז ס׳זאָל פארצייכנט ווערן פאר דער געשיכטע, כדי עס זאָל ווערן פאראייביקט דער נאָמען פון אונזער היים־שטאָט, די קהילה קדושה קאָוולע, וואָס האָט געציילט אין אירע בליענדיקע יאָרן — 25 טויזנט אידישע נפשות (קעגן א צען טויזנט קריסטלעכע).

אָט־די אויבנדערמאָנטע שווערע און אחריותפולע אויפגאבע האָבן מיר אויף זיך גענומען. איז אויב ס׳וועט אונז כאָטש טיילווייז געלינגען, וועלן מיר זיין צופרידן, וואָס מיר האָבן דערפילט אונזער הייליקן חוב.

די רעדאקציע.

בצלאל באלער

קאָוולע מיין שטאָט

קאָוולע מיין שטאָט, קאָוולע מיין היים, אָרט פון מיין געבוירן,
קאָוולע אויף וואָלין, וואו מיין וויגעלע ז׳געווען, איך האָב דיר אָנגעוואוירן.
אָבער פארגעסן האָב איך דיך נישט, אייביק וועל איך דיר געדענקען,
ביז אין מיין לעצטן אָטעם־צוג, וועל איך נאָך דיר בענקען.

כ׳געדענק אייך מיינע ליבע אידן, די קאָוולער פון „שטאָט”,
ווענען פארלאָזט איך האָב, צוריק נאָך מיט יאָרן.
און די וואָס געוואוינט האָבן, אויך אויפן „זאמד”,
צוזאמען, אייך אלע, האָב איך אין זכרון.

איך געדענק אויך די גאסן און געסלעך, די שמאָלע און לאנגע
און „ניעווסקי פראָספעקט” דער ברייטער און שיינער,
וואו מיר פלעגן, ווען יונג געווען, — שפאצירן און פלירטן
צו פאָרלאך באזונדער, אז זען זאָל נישט קיינער.

איך געדענק אויך די אידן די שיינע, די חשובע בעלי־בתים,
גרויסע סוחרים, נגידים און קבצנים
פון „בולוואַרנע”, פון „מאָנאָפּאָלנע”, פון „ריאד” און פון „מאַרק”
וואָס אויף אלץ, געווען זיינען זיי, קונים און בעלנים.

אויך די אידן די פרומע, די רבנים און דיינים,
אידן לומדים בני תורה און אַריסטאָקראטן,
ווי רב יצחק שאָול דער גראַבאָוויצער, ר׳ אפרים דער דיין,
און לערער, דאָקטוירים און אדוואָקאטן.

אידן בעלי־מלאכות, קרעמער און בעלי־עגלות
אָנגעפולט די שטאָט, האָט איר אַלע מיט לעבן,
געזאָרגט פאַר פרנסה, פאַר זיך און בני בית
און אויך אויף אָרימע, אַכטונג געגעבן.

אין די בתי מדרשים די גרויסע, אין די שילכלעך די קליינע,
און אין די פאַרשידענע קלויזן, ווי טריסקער און ניסכיזשער,
האָט איר זיך געקהלט און געאַמפּערט, אַרום חסידות, גבאות,
דאָרט געלערנט האָט ווער משניות, און ווער עין יעקב בצבור.

און די שולן און גימנאַזיעס, מיט אונטעריכט העברעאיש און רוסיש
אָנגעפירט פון צוויי קאָוולער אינטעליגענטן וואונדערבאַרע,
אין דער ערשטער — דירעקטאָר אשר פראַנקפורט
און אין דער צווייטער — דאָווידאָוונאַ קלאַראַ.

און פאַרטייען אַלערליי, פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס און חברות
ווי: נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע און עקאָנאָמישע אינסטיטוציעס,
פון אַ ביקור־חולים, לינת הצדק, מושב זקנים, בית יתומים,
ביז ציוניסטן, בונדיסטן און אַנטיילנעמער אין רעוואָלוציעס.

און די קאַדרען חלוצים, צווישן דער יוגנט דער קאָוולער,
וואָס מאַרשירט האָבן פאַראַדנע מיט אָרקעסטער און כאָר
היינט, איז אַ שיפס־קאַפּיטאַן אין ישראל
לוסיע, דער פירער פון קאָוולער „ברית טרומפּלדור“.

אויך שרייבער און פּאָעטן, קינסטלער און דענקער,
האָסטו אידישע קאָוולע, דער וועלט געגעבן צושטייער,
אויך העלדן און קעמפער, האָבן באַצאָלט מיט זייער פרייהייט,
פאַר אַ וועלט אַ שיינער, אַ גערעכטער און אַ פרייער.

נו, און פון היימישע יאַטן די „פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע“,
וואָס פלעגן ביי אַ ליאַדע שרפה, קלאַפּן „טרעוואָגע“,
אַזעלכע איז דאָך נישט געווען צו זען און צו געפינען
אויף דער גאַנצער „יוגאָ־זאַפּאַדנאיא זשעלעזנאיא דאָראָגאַ“.

אָט אַזוי האָט געלעבט און געשאַפן, די שטאָט מיינע קאָוולע,
וואָס געווען איז, אַן עיר ואם בישראל,

אָט אַזוי און נאָך מער, נאָך שענער און רייכער,
איז געווען דאָרט דאָס לעבן, וואָס געשיינט האָט אַמאָל.

אָט אַזוי, געדענק איך אייך, קאָוולער אידן,
מיינע טייערע און ליבע, פון רייך ביז צו אָרעם
איינגעקריצט זייט איר, ביי מיר אין מיין האַרצן
אויף אייביק דאָרט באַהאַלטן, בחדרי חדרים.

די בענקשאַפט איז נאָך גרעסער, דער ווייטיק נאָך שטאַרקער,
ווען איך הויב זיך אָן צו באַדענקען און דערמאַנען,
אַז קאָוולע מיין שטאָט, איז שוין נישטאָ מער,
און די אידן פון דאָרט, מער נישט פאַראַנען.

די נאַצים, די בעסטיעס, ימח שמם וזכרם,
האָבן אייך, אייערע לעבנס, פריצייטיק פאַרשניטן,
אייערע זקנים און קינדער, לעבעדיקערהייט באַגראָבן
און דאָס לעבן, אויף טויט, אייך פאַרביטן.

ווייל איך זע אייך קדושים, שטענדיק אין מיין דמיון,
און כ׳ווייטיק אויפן בראָך, וואָס אונז איז געשען,
דערפאַר נעם איך באַשרייבן מיט צער אין מיין האַרצן
דאָס לעבן פון מיין שטאָט, און וואָס דאָרט איז געווען.

קאָוולע מיין שטאָט, קאָוולע מיין היים, אָרט פון מיין געבוירן.
קאָוולע אויף וואָלין, וואו מיין וויגעלע ז׳געווען, איך האָב דיר אָנגעוואוירן.
אָבער פאַרגעסן האָב איך דיך נישט, אייביק וועל איך דיר געדענקען.
ביז אין מיין לעצטן אָטעם־צוג, וועל איך נאָך דיר בענקען.

I

געשיכטלעכער איבערבליק

די געשיכטע פון דער שטאָט קאָוועל (קאָוולע)

קאפיטל א.

די גרינדונג פון דער שטאָט. — פאַרוואָס דער נאָמען: „קאָוועל“

לויט א לעגענדע וואָס מען פלעגט דערציילן אין אונזער געגנט, שטאמט דער נאָמען „קאָוועל“, ווי עס האָט אפיציעל געהייסן אונזער שטאָט (אידן האָבן זי גערופן „קאָוולע“) — צוליב פאָלגענדיקער פאסירונג, וואָס איז פאָרגעקומען מיט הונדערטער יאָרן צוריק, אין דער צייט ווען קיין באנען זיינען נאָך נישט געווען און מען פלעגט פאָרן פון איין ישוב צום צווייטן מיט פערד און וואָגן. און פריצים, רייכע לייט און, אָפגערעדט פון אזעלכע וואָס קרובים למלכות, פלעגן פאָרן אין ספעציעלע פארמאכטע קארעטעס, געשפאנט מיט פיר אָדער מער פערד „נאשפיין“. איז איינמאָל. — ווערט דערציילט — דורכגעפאָרן נאָענט פון דעם אָרט וואו עס איז שפעטער געגרינדעט געוואָרן די שטאָט קאָוועל, וואָס געפינט זיך אויף דרום־מערב זייט אין רוסיש־אוקראינע, אין וואָלינער גובערניע — א קארעטע, אין וועלכער ס'איז געזעסן א רייכן פריצס א טאָכטער. האָט געטראָפן, אז די אקס פון דער קארעטע האָט זיך צעבראָכן און זי האָט ווייטער נישט געקאָנט פאָרן.

דער „קוטשער“ (פורמאן פון דער קארעטע) האָט אָנגעהויבן ארומזוכן א פארצווייפלטער, אין מיטן וועג און אין פוסטן פעלד, עמעצן וואָס זאָל די אקס פאררעכטן. לאנג איז דער פורמאן ארומגעגאנגען און געזוכט, ביז ער האָט אָנגעטראָפן אויף אן איינזאמער הייזקע, אין וועלכער עס האָט געוואוינט א פויער מיט זיין פאמיליע.

דער פויער, א פאָליאק, וואָס האָט גראָד געקענט די מלאכה פון שמידעריי. און מען האָט אים גערופן „קאָוואל“, האָט נאָך דעם ווי ער האָט

אויסגעהערט דעם פורמאנס בקשה, מיטגעגאנגען מיט אים צום פּלאַן, דאָרט וואו די קארעטע מיט דער פריצה זיינען שטיין געבליבן און ער האָט פארריכט די אקס און זיי האָבן ווייטער געקענט פאָרזעצן זייער רייזע.

די פריצה — דערציילט ווייטער די לעגענדע — א גרעפין, פון דער קייזערלעכער משפחה, האָט אים דאנקבארקייט צום פויער, פאר דער הילף וואָס ער האָט איר געגעבן, אים געוואָלט מיט עפּעס באלוינען. אָבער דער פויער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון צו נעמען וועלכן ס'איז ניט לוין.

— וואָס דען פארלאַנגסטו? האָט אים די גרעפין געפרעגט. — בעט עפּעס ביי מיר, וועל איך דיין פארלאַנג דערפילן.

האָט איר דער פויער געענטפערט, אז ער וואלט געוואָלט נישט מער ווי דאָס, אז דאָ אויף דעם אָרט וואו ער וואוינט, זאל ווערן א גרעסערער ישוב. אז עס זאָלן זיך באזעצן דאָ אין דעם פוסטן געגנט מער מענטשן, ווייל עס איז אים אומעטיק צו זיצן דאָ אליין אין איינזאמקייט. די גרעפין האָט דעם פויער מיט אויפמערקזאמקייט אויסגעהערט און אים געענטפערט:

— זיי רואיק, פויערל מיינער. אין גיכן וועט דאָ ווערן א גרויסער ישוב, און דער דאָזיקער ישוב וועט ווערן אָנגערופן אויף דיין נאָמען „קאָוואל". (וואָס איז אין יארן ארום פארוואנדלט געוואָרן אין „קאָוועל").

און די פריצה האָט איר וואָרט געהאלטן.

אין א קורצער צייט ארום, האָבן אָנגעהויבן אָנקומען, ווי דורך א גע־היימען באפעל, פויערן און אויך אידן, וועלכע האָבן זיך באזעצט נאָענט און ארום דעם פריערדיקן איינזאמען פויערישן שטיבל. וואָס ווייטער מיט דער צייט, זיינען געקומען אלץ מער און מער איינוואוינער, גוים און אידן פון אלע שיכטן און באשעפטיקונגען, ביז עס איז געוואָרן א באדייטנדיקער ישוב.

אזוי ארום איז געגרינדעט געוואָרן און אנטשטאנען די שפּעטער גרויס־געוואָרענע שטאָט „קאָוועל".

קאפיטל ב.

„שטאָט" און „זאמד"

זיך באזירנדיק ווידער אויף לעגענדעס און נעמענדיק אין אכט די דריי אידישע בית־עלמינס, וואָס זיינען אין קאָוולע געוועזן, איז זיך צו משער זיין, אז אידן האָבן אָנגעהויבן זיך צו באזעצן (אין א גרעסערער

צאל) אין קאוולע, מיט אן ערך פון א פינף אדער זעקס הונדערט יאר צוריק *).

פארשטייט זיך, אז אין אנפאנג זיינען געקומען נאר איינצלנע משפחות אידישע, וועלכע האבן זיך פארנומען מיט די פרנסות, ווער אלס פאכטער (ארענדאר) און ווער אלס קרעטשמער, ווען קאוולע איז נאך קיין שטאט נישט געווען, נאר א דארף. אבער מיט דער צייט, אין צענדליקער און צענדליקער יארן ארום, ווען עס איז שוין נאענט פון ישוב דורכגעלייגט געווארן אן אייזנבאן-ליניע און דאס דארף האט באקומען אן אויסזען פון א שטעטל, מיט א וואקזאלכל וואס האט אנגעוויזן דער וועלט אז דא איז „סטאנציא קאוועל״, האבן זיך באזעצט א פאר הונדערט קריסטלעכע און אידישע משפחות, וועמען עס האט צוגעצויגן דער נייער ישוב, מיט זיינע צענדליקער און הונדערטער דערפער וואס ארום אים.

שפעטער האבן אנגעהויבן אנקומען פון ווי ווייט, א גרויסע צאל אידן, וועלכע האבן זיך באזעצט אין קאוולע און האבן מיט זייער האנדל און מסחר מיט די פויערים פון די ארומיקע דערפער און מיט אידן פון די קלענערע שטעטלעך און דורך מלאכה און ארבעט ביי פארשידענע פאכן און מלאכות, אויסגעפורעמט קאוולע אלס א וויכטיקן האנדלס-צענטער, וואוהין עס זיינען געקומען קויפן און פארקויפן, פויערים זייערע תבואות און סוחרים זייערע סחורות פון נאענט און ווייט.

אויף אזא אופן איז די שטאט געוואקסן און געשטיגן אין איר פארנעם אין פארשידענע אספעקטן און אופנים, וואס ווייטער און מער, אלץ גרעסער און גרעסער. אבער דעם ריכטיקן אימפולס און א שטויס צו איר אנטוויקלונג האט די שטאט באקומען דאן, ווען עס איז אויסגעפאלן דער סטראטעגישער פלאן, אז די אייזנבאן-סטאנציע אין קאוולע זאל ווערן א צעטיילונגס-פונקט (א באן־קנופ פון פארשידענע באן-ליניעס). דאס איז געווען אן ערך מיט א הונדערט יאר צוריק.

ביז אין יענער צייט, איז קאוועל, ווי געזאגט, געווען א שטעטל, כאטש שוין מיט א גרעסערער צאל איינוואוינער. אבער וואס האט פונקט ווי אנדערע שטעטלעך, געזונקען אין בלאטעס און זאמדיקע וועגן. די מערסטע טייל פון דער באפעלקערונג האט געלעבט אין ארעמקייט און אין נויט, אן געהעריקע אנשטאלטן און אן אינסטיטוציעס, וואס א גרעסערער אידישער ישוב מוז האבן.

---

*) אין דער אלגעמיינער ענציקלאפעדיע, באנד יידן ד', זייט 105, שרייבט רפאל אבראמאוויטש:

... אזוי האבן זיך געשאפן שוין אין 12-טן און 13-טן י״ה, די ערשטע קליינע קאלאניעס פון יידן אין פוילן און מיט א יארהונדערט שפעטער די ערשטע קהילות אין ליטע (ליטע האט אין 13־טן י״ה, געהאט איינגענומען גאנץ ווייס-רוסלאנד, און 11-טן י״ה וואלין, פאדאליע, קיעווער און טשערניגאווער געגנטן).

אידן האָבן געזאָרגט און געדאגהט פאר זייער טאָג-טעגלעך אויסקומעניש, פאר פרנסה, וואָס איז זיי אָנגעקומען גענוג שווער, און דערפאר האָבן זיי, אויסער א חברה-קדישא (קאָוולער אידן פלעגן זאָגן „חברה מתעסקים“), א בית המדרש, א פאָר חסידים-שטיבלעך און א תלמוד-תורה פאר אָרעמע קינדער, — קיין אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס נישט געהאט.

אָבער ווי נאָר עס האָט זיך אָנגעהויבן די ארבעט פון אויסברייטערן די באַן-ליניעס, וואָס האָבן זיך געצויגן פון קיעוו דורך קאָוועל ביז ווארשע פון איין זייט, און א צווייטע — קאָוועל—ברעסט-ליטאָווסק—ווארשע, און אנדערע: קאָוועל—סארנע—קיעוו, קאָוועל—וולאדימיר-וואָלינסק (און שפּעטער אויך קאָוועל—קאמען-קאשירסק), האָט א דאנק דעם, די שטאָט, וואָס איז געשטאַנען אָפּגערוקט פון דער באַן-סטאנציע א פּאָר וויאָרסט, זיך אָנגעהויבן אויסצוציען און אויסברייטערן און האָט באַקומען אַן אויסזען פון צוויי באזונדערע טיילן שטאָט, אַן אלטע און א נייע טייל. און די דאָזיקע צוויי טיילן שטאָט האָט מען גערופן מיט צוויי באזונדערע נעמען. די אלטע טייל האָט מען גערופן „שטאָט“ און די ניי-צוגעקומענע טייל, וואָס האָט זיך געצויגן אין דער לענג און אין דער ברייט ביז צום וואָקזאַל, האָט מען גערופן „זאמד“.

דעם נאָמען „זאמד“ האָט מען געגעבן דערפאר, וואָס דער באָדן דאָרט אויף יענעם פּלאַץ, איז געווען א טיף-זאמדיקער. א טייל זאָגן, אז דאָס איז צוליב דעם הויכן זאמדיקן אָנשיט, וואָס דאָרט איז געווען און אויף וועלכן עס איז געשטאַנען א גרויסער דענקמאָל פון „א ברידער-קבר“ נאָך די געפאלענע סאָלדאטן דאָרט, בעת נאפּאָלעאָנס מלחמה אין יאָר 1812. (אידן פלעגן דאָס רופן: „דער פּאמיאטניק“).

דער טייך „טוריע“ וואָס „לויפט“ אין קאָוולע האָט אויך צוגעהאָלפן צו דער מחיצה צווישן ביידע טיילן שטאָט. ווייל פונקט שניידט דורך דער טייך די מיט שטאָט, דאָרט וואו עס ענדיקט זיך דער טייל „שטאָט“ און עס הויבט זיך אָן דער „זאמד“ און אַן איבערגעלייגטער בריק צעטיילט זיי (אין די פריערדיקע יאָרן זיינען דאָרט געווען צוויי בריקן).

אין יענער צייט, ווי מיר האָבן אויבן דערמאָנט, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו בויען די באַן-ליניעס, האָט א דאנק די ניי-צוגעקומענע איינוואוינער (וועגן וועלכע מיר וועלן שפּעטער דערציילן), זיך אויסגעבויט אויפן „זאמד“, וואו די גאסן האָבן שוין אָנגעהויבן ברוקירט ווערן, א רייע נייע הייזער און מאָדערנע געביידעס, ווי: קינאָס, קלובן, האָטעלן און כמעט אלע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און אנשטאלטן האָבן זיך דאָרט געפונען.

בכלל האָט אויפן „זאמד“ פּולסירט גאָר אַן אנדער מין לעבן ווי אין

Kowel. Denkmal des Napoléonischen Krieges. (Brüdergraben).
Ковель. Памятникъ Наполеонской войны. (Братская могила).

„דער פּאַמיאַטניק" (דענקמאָל) — געשטעלט אין 1812 — נאָך די געפאַלענע אין דער נאַפּאָלעאָנישער מלחמה.

„שטאָט". ווייל די ניי־אָנגעקומענע, די מערהייט פון זיי, זיינען געווען מאָדערנע און וועלטלעכערע אידן, לגבי די שטאָטישע.

אָבער נישט קוקנדיק אויף דעם אונטערשיד, וואָס איז געווען צו מערקן, סיי אין איר אויסערלעכן אויסזען ווי אין קלאס מענטשן, פון איין טייל שטאָט צו דער צווייטער, איז דאָך די אלגעמיינע באפעלקערונג געווען געאייניקט אין אלע קהלשע ענינים און געפירט א געמיינזאם געזעלשאפטלעך לעבן, און אידן האָבן זיך געטיילט און אָנטיילגענומען בציבור אין אידישע פריידן און ליידן ווי איין גאנצע שטאָט, ווי זי איז עס באמת געווען.

קאַפּיטל ג.

די שטאָט פּראָגרעסירט. — „פּאָדריאַדטשיקעס". — משכיל אל דל־שולע

ווי מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, האָט די שטאָט אָנגעהויבן אינטענסיווער זיך צו אנטוויקלען סיי קאָמערציעל ווי געזעלשאפטלעך און בכלל אָנגעהויבן פּראָגרעסירן אויף פארשידענע געביטן אין איר שטאָטישן

לֿעבן, פון דעם מאָמענט אָן, ווען עס האָבן אָנגעהויבן זיך צו בויען די אַלֿע פֿריער אויסגערעכנטע באַן־לֿיניעס.

די „פּאָדריאַטשיקעס" (אונטערנעמער), אידן וואָס האָבן זיך אונטערגענומען ביי דער רעגירונג די לֿיניעס אויסצובויען, זיינען געקומען פון רוסלאַנד מיט זייערע פאַמיליעס צו באַזעצן זיך. די מערהייט פון זיי זיינען טאַקע געווען האַלב־אַסימילֿירטע אידן, אָבער דאָך אידן.

צום פּראָגרעס פון שטאָט האָט אויך צוגעהאָלֿפן דאָס, וואָס אין יענער צייט (מער אָדער ווייניקער) האָט מען אָנגעהויבן איינצוקוואַרטירן אין שטאָט עטלֿעכע פּאָלקן סאָלדאַטן, געבראַכט פון טיף־רוסלאַנד, אַזעלֿכע ווי: קאַמטשאַטסקי פּאָלק, טאָרוטינסקי, קיגנבורגסקי, פּיאַטיגאָרסקי, מסטסיסלאַוולסקי, איזאַסלאַווסקי, טשאָרנאָגאָרסקי און אַנדערע פּאָלקן, פאַר וועלכע עס זיינען פון פֿריער נישט געווען צוגעגרייט קיין „קאַזאַרמעס" (קוואַרטעלֿן) *).

און ווידער זיינען עס געווען אידן, געקומענע פון רוסלאַנד און אויך שוין קאָוולֿער איינוואוינער גופא, וועלכע האָבן אויסגעבויט קאַזאַרמעס און פאַרדונגען דער רעגירונג צו האַלטן דאָרט דאָס מילֿיטער, און אַנדערע האָבן זיך אונטערגענומען צוצושטעלֿן פאַר זיי פּראָוויאַנט.

צווישן די ערשטע און די צווייטע זיינען געווען די פאַמיליעס: רודמאַן, מייזנער, באַראָן, פיינשטיין, ענטין, קערזשנער, באַר, קאַדיין, וואָליש, אַבראַך, ווייגבערג און נאָך אַנדערע וואָס מיר געדענקען נישט זייערע נעמען.

די מערהייט פון זיי, זיינען געווען אידן גבירים, וועלֿכע האָבן פֿריער אין רוסלאַנד געלֿעבט אין אַן אַנדער סביבה און געווען געוואוינט צו אַ פרייער לֿעבן און מיט אַנדערע פּירונגען און באַנעמונגען, ווי עס האָבן זיך געפירט אין יענער צייט די קאָוולֿער תושבים.

די ניי־אָנגעקומענע האָבן גערעדט מערסטנטייל רוסיש און איניקע פון זיי האָבן אפילֿו מיטגעבראַכט מיט זיך פראַנצויזישע „גובערנאַנטקעס" (דערציערינס) פאַר זייערע קינדער און האָבן זיך בכלֿל געפירט אויף אַזאַ שטייגער, וואָס ס'איז ביז דאַן געווען אַן ייש און אַ רבותא צו זען אין אונזער שטאָט.

די גרויסע צאָלֿ אַרבעטער וואָס מען האָט געבראַכט פון טיף־רוסלאַנד און אויך די היימישע אַרבעטער פון שטאָט גופא און פון די נאָענט־ליגנדיקע שטעטלֿעך און דערפער, וועלֿכע זיינען באַשעפטיקט געוואָרן ביים בויען

---

*) פאַרשטייט זיך, אַז די אַלֿע פּאָלקן, זיינען נישט געקומען מיט אַמאָל. נאָר געקומען און זיך געביטן, אַזוי אין משך פון יאָרן.

די אלע באן-ליניעס. שאסייען, ברוקן און קאזארמעס, האבן מיט זיך מיטגעבראכט א גרויסע מחיה און שפע אין האנדל און אין מסחר.

עס זיינען אויפגעקומען נייע האנדלס-צווייגן און איינינקע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, וואס האבן אויסגעבעסערט דאס עקאנאמישע לעבן פון דער באפעלקערונג. און דאס אלין האט געבראכט דערצו, אז די שטאט האט באקומען גאר אן אנדער אויסזען ווי פריער און ממילא איז שוין אויך געקומען צו אן אויפשטייג. אויסער אין פריוואטן לעבן און אין עקאנאמישן זינען, אויך אין געזעלשאפטלעכן און אין סאציאלן לעבן אין אלגעמיין.

די ניי־געשאפענע בעסערע באדינגונגען, דאס באקומען לייכט ארבעט א. א. וו., האט זיך געלאזט הערן ווייט ארום קאוולע, און עס האבן אנגעהויבן אנקומען אידן סוחרים און בעלי מלאכות פון אנדערע שטעט און שטעטלעך צו באזעצן זיך. אזוי ארום האט די שטאט פראגרעסירט מיט גאר א שנעלן טעמפא, און איז אויסגעוואקסן צו איינע פון די באדייטנדיקסטע האנדלס־שטעט אין וואלינער קאנט.

אין יענער צייט, זיינען עס געווען די ניי־אריינגעפארענע אינטעליגענטע און פארמעגלעכע אידן, וועלכע האבן זיך אנגעהויבן ארומקוקן, אז זיי דארפן עפעס טון פאר דער דערציאונג און אויסבילדונג פון די קינדער פון דעם ארעמען שיכט אידן אין שטאט. אידן וועלכע האבן נישט געהאט די מעגלעכקייט צו שיקן זייערע קינדער אין א שולע אדער אפילו אין א הדר. שוין אפגערעדט פון א גימנאזיע אדער אין אנדערע ענלעכע לערן-אנשטאלטן, וואס זיינען שוין דאן געווען אין שטאט.

מסתמא אויך באווירקט פון דער אין יענער צייט אויפגעקומענער השכלה-עפאכע, האבן דאן איינינקע פון זיי געגרינדעט א מאדערנע אידיש-העברעאישע שולע, וואו מען האט אויך געלערנט רוסיש און אנדערע קענטשטאנדן, און האבן די דאזיקע שולע א נאמען געגעבן „משכיל אל דל". כאטש ס'האט שוין דאן עקזיסטירט א „תלמוד תורה", אויסגעהאלטן פון דער שטאט, וואו עס האבן געלערנט קינדער־יתומים און פון גאר ארעמע עלטערן. אבער ס'פארשטייט זיך, אז זי איז געפירט געווארן אויף א שטרענג רעליגיעזן אופן און דער אונטעריכט איז געווען לויט דעם אלט-מאדישן סטיל, אויף וועלכעס די אנפירער און אנהענגער פון דער „משכיל אל דל"-שולע, האבן נישט געקענט מסכים זיין.

אלס אנפירער פון „משכיל אל דל" איז אראפגעבראכט געווארן פון טשערניגאוו, א יונגער ענערגישער דירעקטאר, א קענער פון שפראכן און גוטער פעדאגאג מיטן נאמען יודקעוויטש (דאס איז געווען ארום יאר 1890), און ער צוזאמען מיט נאך איינינקע לערער האבן מיט דער-

פאַלג און איבערגעגעבנקייט אָנגעפירט די שולע, אין וועלכער עס האָבן געלערנט אידישע קינדער געצנלעך אומזיסט.

אָבער צוליב אן ערנסטער קראנקייט, אויף וועלכער דער דירעקטאָר יודקעוויטש האָט געליטן, איז ער אין זיין פריער עלטער פון 34 יאָר געשטאָרבן.

די שטאָט האָט שטארק באַדויערט און ממש באַוויינט זיין פריצייטיקן טויט און מיט גרויס כבוד אים באגלייט צו זיין אייביקער רו.

אויף דער מצבה וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אויף זיין קבר אין דער פאָרם פון א „מאָנומענט“, האָבן זיינע אָנהענגער און פארערער, ווי אויף צו להכעיס די פרומע, וואָס זיינען געווען קעגן דעם רוסישלערנען אין דער „משכיל אל דל“-שולע, אָנגעשריבן אויף רוסיש פאָלגנדיקע פערזן:

„טי ראַנאָ סכאַראַניל סוואָי סוויאַטיאָ סילי?“
„אושאָל אָטאַזוואני זשעסקאָטאָקאָיו סודבאָי“
„נאָ ניע זאבודיעם מי אָ ראָדנאָי טוואָיעי מאָגילי“
„אי ניע אומרוט דיעלאָ, ראַזשדיאָניע טאָבאָי“.

אין אידיש:

אין דיין פריער יוגנט האָסטו באהאלטן דיינע הייליקע כוחות.
ביזט אוועק, געריסן פון דעם שלעכטן גורל
אָבער נישט פארגעסן וועלן מיר אין דיין קבר
און נישט שטארבן וועלן דיינע מעשים, געבוירענע צוזאמען
מיט דיר.

נאָך דעם טויט פון ודקעוויטשן האָט די שולע „משכיל אל דל“ וואָס איז מיט פיל אָנגעשטרענגטער און מיפולער ארבעט געגרינדעט און איינגעאָרדנט געוואָרן, אויפגעהערט צו עקזיסטירן.

קאַפיטל ד.

תלמוד תורה. — ישיבה. — שטודירנדע יוגנט. —
רעוואָלוציע־יאָרן 1906—1903

נאָך דעם אונטערגאנג פון דער „משכיל אל דל“-שולע, האָט דער מער רעליגיעזערער טייל פון די שטאָט-בעלי בתים, — וועמען עס איז פריער נישט געווען צום הארצן די דאָזיקע שולע, ווייל, — האָבן זיי געטענהט, די קינדער ווערן דאָרט דערצויגן אין אפיקורסישן גייסט און צוליב די „לימודים היצוניים“ וואָס מען האָט דאָרט געלערנט, — ערשט



דער אַרויסלאָז פון שילערינס, פון זעקסטן יאָר, אין דער אידישער מיידל־שול (אין 1910), מיט די
לערער און דירעקטאָרין דר״אַ גאָלדינאַ סאַמואילאָוונאַ פיינשטיין (אין צענטער).

באקומען פרייע הענט און האָבן גענומען פארגרעסערן די תּלמוד תּורה, וואָס איז ביז דאן געשטאנען אין שאָטן צוליב דער קאָנקורענץ פון „משכיל אל דל“ און עס זיינען אהין אריבער לערנען די לערער פון דאָרט, ווי: לערער קאנטאָר, לייקאך, פעדאט, וויינבערג (רוסיש), סנדר ראָזנצווייג (גערופן „סנדר מלמד“) און אנדערע.

די ישיבה וואָס איז געווען אין שטאָט האָט אָנגעפירט דער ראש ישיבה ר׳ מאיר יאגאָדניק. עס האָבן דאָרט געלערנט מערסטנטייל קינדער פון אָרעמע עלטערן פון קאָוולע און פון דער סביבה אָן שכר-לימוד און איז אויסגעהאלטן געוואָרן פון קהל. א סך פון די ישיבה-אינגלעך האָבן „געגעסן טעג“.

דער קאָוולער גביר און נדבן איציע רויזן האָט אליין אויף זיין חשבון אויסגעהאלטן 20 תּלמידים און אנדערע נדבנים האָבן זיי אויך אונטערגעשטיצט, ווער מער און ווער ווייניקער.

די קינדער ווידער פון דער רייכערער און אריסטאָקראטישער טייל באפעלקערונג, האָבן געלערנט אין די גימנאזיעס, אין דער שטאָטישער רעגירונגס-שול און אנדערע ענלעכע לערן-אנשטאלטן וואו מען האָט געמוזט לערנען אויך אום שבת. דאָס איז געווען, פארשטייט זיך, א שטער פאר א סך קינדער צו לערנען אין די דאָזיקע שולן צוליב הילול שבת וואָס די עלטערן פון די קינדער, פרומע אָדער אפילו וועלטלעכע, האָבן נישט דערלויבט צו דעם, און אויב עס האָבן זיך יאָ געפונען צווישן די לעצטע וואָס האָבן זיך דערלויבט צו שיקן זייערע קינדער אהין לערנען, האָבן זיי געהאט אויסצושטיין גענוג חרפּות און בזיונות פון די מתפּללים שבת אין שיל, צוליב זייערע קינדערס מחלל שבת זיין.

עס האָבן אויך געלערנט א סך קינדער אין חדרים, ביי פּריוואטע מלמדים און לערער אריינגעפאָרענע פון ליטע און פון פּוילן, אזעלכע ווי: מארים, געללער, קאָפּיט, קיוואק, לושטשיק און א סך אנדערע. א טייל פון דער אונטערוואקסנדיקער יוגנט, איז נאָכהער אוועק שטודירן אין אנדערע גרעסערע שטעט, ווער קיין פּעטערבורג, קיעוו, אָדעס און אנדערע ערטער וואו עס האָבן זיך געפונען אוניווערסיטעטן, פּאָליטעכניקומס א. א. וו. און צוריקגעקומען געענדיקטע דאָקטוירים, אדוואָקאטן און אנדערע פרייע פּראָפעסיעס.

אויך איז א קליינער טייל בחורים פון רעליגיעזע עלטערן, נאָך דעם אָפּלערנען א צייט אין תּלמוד תּורה, אָדער ביי רביים און מלמדים, אוועק לערנען אין די ישיבות, ווער קיין ליבאוויטש, ווער קיין ווילנע און אין אנדערע שטעט וואו עס האָבן זיך געפונען ישיבות און סעמינארן, צו פארפולקאָמען זייער לערנען אין תּורה און חכמה, אָבער פון וואנען נישט אלע זיינען צוריקגעקומען נאָך עטלעכע יאָר לערנען דאָרט.



די תלמידים און לערער פון די „תרבות־שולן": הרצליה און ד"ר פרידלענדער

די זעלבע פרומע און רעליגיעז-געשטימטע יונגעלייט, ווי זיי זיינען געוועזן בעת זיי זיינען אהין אוועק.

אויף אזא אופן האָט זיך אויסגעבילדעט און עס איז אויפגעקומען א באַדייטנדיקע צאָל פון אינטעליגענטע און קולטורעל-אנטוויקלטע אידישע יונגנטלעכע, וועלכע האָבן אקטואירט און אָנטיילגענומען יעדער לויט זיין אָנשויאונג און אידעאַל אין פארשידענע אין יענער צייט אויפגעקומענע אָרגאניזאציעס, פּאָליטישע, נאציאָנאלע א. א. וו. און צוזאמען מיט דער גרויסער צאָל יוגנטלעכע פון ארבעטער-קלאַס, וועלכע זיינען אויך געווען אָרגאניזירט אין באַזונדערע פּראָפעסיאָנעלע און פּאָליטישע פאראיינען און פּארטייען האָבן זיי מיט זייער אקטיוויטעט אויף אַלע געביטן פון אידישן און אַלגעמיינעם געזעלשאפטלעכן לעבן, פארשאַפן אָנזען אונזער שטאָט און א שם איבער גאַנץ וואָלינער קאַנט.

אָט די דאָזיקע באַוואוסטזיניקע און אָרגאניזירטע יוגנטלעכע מאסע מיט זייערע אָנפירער, האָבן מיט זייער אקטואציע, מיט זייער יוגנטלעכן שוואונג און ברען רעאגירט מיט שטורמישע מאסן-דעמאָנסטראציעס, מאניפעסטאציעס, שטרייקן א. א. וו. צוגלייך מיט אַלע ארבעטער אין די אנדערע שטעט אין רוסלאנד, ווען דער מאָמענט האָט עס געפאָדערט.

עס געדענקט זיך באַזונדערס, דאָס אקטיווע אָנטיילנעמען פון דער קאָוולער אָרגאניזירטער אידישער ארבעטערשאפט אונטער דער פאָן פון „בונד“, אין די יאָרן פון 1903 ביז 1906, ווען איבער גאַנץ רוסלאנד האָט געברויזט און געקאָכט מיט רעוואָלוציאָנערע שטימונגען, און עס זיינען פאָרגעקומען כמעט אין אַלע שטעט און שטעטלעך שטרייקן, דעמאָנסטראציעס מיט פּראָטעסטן קעגן דער צארישער אונטערדריקונג פון ארבעטער-קלאַס, פאָדערנדיק פארשידענע בעסערע באַדינגונגען, מענטשלעכערע באַהאנדלונג א. א. וו. האָט שוין דאַן אין קאָוולע דער „בונד“ געציילט עטלעכע הונדערט אָרגאניזירטע מיטגלידער צווישן פרויען און מענער, וועלכע האָבן טאַקע א דאַנק זייער אָרגאניזירטקייט אין תחילת אַיסגעקעמפט בעסערע ארבעטס-באַדינגונגען.

און וואָס די „בעסערע“ באַדינגונגען זיינען באַשטאַנען, קען מען אָפּלערנען פון פאָלגנדיקן כאראקטעריסטישן לידל, וואָס די ארבעטער האָבן געזונגען ביי אונז, ווען זיי פלעגן זיך צונויפקומען אין שניידערשן בית המדרש, וואו זיי פלעגן אָפּהאַלטן זייערע געהיימע צוזאמענקונפטן. דאָס לידל האָט זיך געזונגען אזוי:

„איידער מיר האָבן די „סטרוקציעס“ (אינסטרוקציעס) געמאכט
„היי בעזשי — זשונאָ — זשונאָ
„האָבן מיר געארבעט טאָג און נאכט
„היי בעזשי — זשונאָ — זשונאָ

„היינט אז מיר האָבן די „סטרוקציעס" געמאכט
„היי בעזשי — זשונאַ — זשונאַ
„ארבעטן מיר נאָר פון אכט ביז אכט
„היי בעזשי — זשונאַ — זשונאַ".

די בעסערע אויסגעקעמפטע באדינגונגען זיינען געווען, הייסט עס, ווען מען האָט שוין געארבעט נאָר פון אכט ביז אכט...

שטאַרק איז געווען ביי אונז אין שטאָט, דער רעוואָלוציאָנערער אויפברויז און אָנטייל פון די ארבעטנדיקע מאסן אין מאָנאט אָקטאָבער פון 1905־טן יאָר.

נאָך א ריי אָרגאניזירטע ארבעטער־שטרייקן אין פארשידענע פאבן, האָט מען דורכגעפירט מאניפעסטאציעס מיט רויטע פענער געטראָגענע פאראויס און מיט אויסרופן: „דאָלאָי סאמאָדערזשאַוויען", „זאָל לעבן די רעוואָלוציע" און אנדערע ענלעכע אויסרופן און לאָזונגען.

מיידלעך מיט אָפּגעשוירענע האָר פון די קעפּ ווי די אינגעלך, און בחורים אָנגעטון אין שווארצע און רויטע „אויסגענייטע" בלוזעס, אונטערגעבונדן מיט א שנור מיט „קוטאסן" אריבערגעוואָרפן איבער די

KOWEL—Hotel Victoria.
КОВЕЛЬ—Гостинница Викторія

האָטעל „וויקטאָריאַ", אויף לוצקער גאַס



די פּאָסט־געביידע

הייזן, זיינען געלאָפֿן איבער דער שטאָט, צווישן איין געהיימער ארבעטער-פֿארזאמלונג אין דער צווייטער, און האָבן געוועקט, גערופֿן און אָרגאניזירט די ארבעטער צו רעוואָלוציע און קאמף.

פֿארשטייט זיך, אז די עלטערע מענטשן אין שטאָט האָבן געקוקט קרום אויף די אינגלשע „ציציליסטישע" שטיק וואָס זיי פּראַווען, און מאַמעס האָבן מיט מורא און פּחד פֿארבראָכן מיט די הענט. אויף די „ווילדע" מעשים פֿון זייערע קינדער די „מה־יעשהניקעס" און האָבן צוגעגעבן שטילערהייט: הלוואי דער סוף דערפֿון זאָל זיין א גוטער. און ווי די נבואה האָט גערעדט אין זיי. דער סוף איז טאַקע נישט געווען קיין גוטער.

עס איז געווען אין דעם טאָג פֿון 9-טן יאנואר 1906, ווען די גאנצע אָרגאניזירטע קאָוולער ארבעטערשאַפֿט צוזאמען, אידן און קריסטן, האָבן דורכגעפֿירט א גראנדיעזע מאַניפֿעסטאציע, אלס פּראָטעסט-אויסדרוק, פֿאר די צוריקגעצויגענע דורך דער מאַכט, צוגעזאָגטע פֿרייהייטן, פֿאר דעם פֿאָלק און פֿאר די ארבעטנדיקע מאַסן. האָבן סאָלדאַטן און קאָזאַקן אויף פֿערד זיך פּלוצים אריינגעריסן צווישן דער מאַרשירנדיקער ארבעטער-מאַסע און האָבן געשלאָגן און געממיתט וועמען און וואו זיי האָבן געטראָפֿן. אייניקע ארבעטער האָט מען צוגעבונדן צו די ווידלען פֿון די קאָזאַקישע פֿערד און זיי געשלעפּט אזוי ארום אין גאַלאָפּ איבער די גאַסן פֿון שטאָט.

פיל אַרבעטער זיינען געכאַפּט געוואָרן און אַריינגעזעצט געוואָרן אין די תפיסות און אייניקע אויך פאַרשיקט קיין סיביר.

דאַן, אין יענעם יאָר 1906, נאָך דער דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, ווען די צאַרישע רעגירונג האָט נאָך מער אָנגעהויבן צו פאַרפאָלגן, נאָכצושפּיאָנירן און אונטערצודריקן נאָך מיט מער אכזריות ווי פריער, יעדן שפּור פון אָרגאַניזירטער אַרבעטער-באַוועגונג און יעדן פּרוּאוו פון לאָזן הערן אַ פרייען געדאַנק, דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן די אידישע מאַסן-אימיגראַציע קיין אַמעריקע.

אויך פון אונזער שטאָט, האָט זיך אין יענעם יאָר אָנגעהויבן אַ מאַסן-אויסוואַנדערונג. צו ערשט זיינען געפאָרן, אָדער בעסער געזאָגט — אַנטלאָפן פאַרפאָלגטע דורך דער פּאָליציי, די אַרבעטער-אָנפירער און אויף זיי קוקנדיק, האָבן אויך אימיגרירט אַ סך אַרבעטער און יונגעלייט פון סוחרישן און בעל-הבתישן שטאַנד, וועלכע האָבן שפּעטער אַריבערגענומען צו זיך קיין אַמעריקע, ווער זיין פרוי און קינדער און ווער אַנדערע קרובים און פריינט.

קאַפּיטל ח.

קאָוולער אינסטיטוציעס, אַנשטאַלטן, פאַריינען און בתי־תפילה

פאַרשידענע אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטן האָבן עקזיסטירט און זיינען טעטיק געווען ביי אונז אין שטאָט. אייניקע געגרינדעט אין די לעצטע יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט און נאָך פריער, און מערער אויפגעקומענע אין די שפּעטערדיקע יאָרן און וועלכע האָבן זיך אויפגעהאַלטן ביז אין די לעצטע יאָרן פון חורבן קאָוולע.

מיר וועלן דאָ דערמאָנען אַ טייל פון זיי:

ביקור חולים (אידישער שפּיטאָל), מושב זקנים, בית יתומים, לינת הצדק, „אָרט“, „אָזע“, פאָלקס-באַנק, האַנדווערקער-פאַראיין, סוחרים־פאַראיין, לאָקאַטאָרן־שוץ, גמילות חסדים-קאַסע (אויסער וואָס כמעט יעדער בית המדרש אָדער שילכל האָט געהאַט אַ באַזונדער גמילות חסדים-קאַסע פאַר זייערע אייגענע מתפללים).

די ציוניסטישע באַוועגונג איז געווען ביי אונז אָרגאַניזירט, ווי אין אַלע אַנדערע שטעט, אין אַלע אירע צווייגן און גרופּירונגען, ווי: אַלגעמיינע ציוניסטן, מזרחיסטן, פּועלי ציון, צעירי ציון, השומר הצעיר און רעוויזיאָניסטן.



די פאַרוואַלטונג פון „לינת־הצדק“ (אין צענטער — פאַרזיצער טורער, אין דער זייט — סעקרעטאַר גאָסקאָ).

דער אַפּטייק פון „לינת הצדק“, ערשטער רעכטס — פאַרמאַצעווט זלמן שטולערמאַן.


KOWEL—Alexandnr II Strasse.
КОВЕЛЬ—ул. Императ. Александра II.

א זייטיקע גאַס אין קאָוולע

ספּאָרט-פאַראיינען זיינען געווען: די סקויטן־אָרגאַניזאַציע „הצופים“ געגרינדעט און אָנגעפירט פון ענערגישן קאָמאַנדיר לוסיע כאָדאָראָוו (היינט קאַפּיטאַן פון א ישראל־שיף), בר-כוכבא, חשמונאי און אַנדערע.

דער „בונד“, איינע פון די ערשטע פּאָליטישע פּאַרטייען אין שטאָט, וועגן וועלכער מיר האָבן געשריבן אויספירלעכער אין פריערדיקן קאַפּיטל.

אין די יאָרן 1917-18, מיטן אויפקום פון דער באָלשעוויסטישער מאַכט אין רוסלאַנד, און אונזער שטאָט איז געווען פאַרנומען פון די פּאָליאַקן, איז אויך געווען קאָנספּיראַטיוו טעטיק א קאָמוניסטישע יוגנטלעכע גרופּע. א סך פון זיי זיינען דורך דער פּוילישער פּאָליציי. אויף זייערע געהיימע פאַרזאַמלונגען אָדער דורך מסירות פון זייערע פּריוואַטע וואוינונגען אַרעסטירט געוואָרן און פאַרמשפּט געוואָרן אויף לאַנגע יאָרן תפיסה.

פון די אַלע אויבן אויסגערעכנטע אינסטיטוציעס, אַנשטאַלטן, חברות און פאַראיינען, האָבן מיר ליידער נישט קיין גענויע דאַטעס פון זייער גרינדן זיך, פון זייערע פאַרוואַלטונגען, אַקטיוויטעטן א. א. וו., עס וואָלט זייער נויטיק געווען אָט דאָס אַלץ, דאָ אין דעם אַלגעמיינעם איבערזיכט צו פאַרצייכענען, כדי עס זאָל בולטער און קלאָרער אָפּגע-

שפּיגלט ווערן א שטיק אידיש לעבן פון אונזער היים-שטאָט. האָבן מיר דאָס לײדער נישט, — מוזן מיר זיך באַגנוגענען מיט דעם, וואָס מיר רעכענען אויס די אַלע אינסטיטוציעס (און אפשר נישט אַלע) וואָס האָבן עקזיסטירט, אָן אָנצוגעבן פּרטים.

זיכער וועלן אין די זכרונות-ארטיקלען, געשריבן דורך פּערזאָנען און יחידים, וואָס וועלן ווייטער אין דאָזיקן פּנקס געדרוקט ווערן, דערמאָנט ווערן א טייל פון די אקטיווע און אָנפירנדיקע פּערזאָנען אין זייערע רעספּעקטיווע אינסטיטוציעס. וועט דאָס שוין מוזן פאררעכנט ווערן, פאַר א טיילווייזער דערגענצונג צו אונזער איצטיקן איבערזיכט.

א באַדייטנדיקע צאָל לערן-אנשטאלטן זיינען ביי אונז געווען. אָנהויבנדיק פון א תלמוד תורה ביז א העברעאישע גימנאזיע, תרבות-שולן און חדרים, און א רייע פּריוואטע אידיש-העברעאישע שולעס, אָנגעפירט, אגב, פון גוטע לערער און פּעדאגאָגן.

גימנאזיעס, פריער ריין-רוסישע, שפּעטער רוסיש-פּוילישע און פּוילישע פאָלקס-שולן זיינען געווען, וואו עס האָבן געלערנט צוזאמען מיט די קריסטלעכע קינדער, אויך א גרויסע צאָל אידישע קינדער פון אריסטאקראטישע און פארמעגלעכע עלטערן, ווי מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט.

שולן און בתי מדרשים, חסידים-שטיבלעך און מנינים, בתי מדרשים אויף פּריוואטע נעמען (ווייל זיי האָבן זיי אליין אויסגעבויט), אַלע צוזאמען זיינען זיי געווען מער ווי א פּאָר צענדליק.

צום ערשטן, די גרויסע שיל, וואָס האָט מיט איר אינעווייניקסטער



קרייז-שפּיטאָל



פרויען־גימנאַזיע

שיינקייט און פּראַכט, מיט אירע מאַלערייען און שניצערייען. נישט געהאַט קיין גלייכן צו זיך אין אנדערע שטעט ווייט ארום. די גרויסע שיל האָט זיך געבויט, צוליב פאַרשידענע סיבות, אריבער דרייסיק יאָר. עס האָבן געדאַוונט אין איר די בעסטע חזנים. צו באַנייען די שיל איז אַראָפּגעבראַכט געוואָרן דער דעמאָלט באַוואוסטער חזן מאיר באַרדיטשעווער מיט א צוגעקליבענעם גוט־איינגעשטודירטן כאָר. אָנגעפירט פון דיריזשאָר אהרעלע פיינטוך.

מאיר באַרדיטשעווער האָט אָבער לאַנג נישט געדאַוונט אין קאָוולער שיל, ווייל די בעלי בתים פון שיל האָבן געוואָרפן אן אויג אויפן דיריזשאָר פיינטוך, וועלכער האָט אויסער זיין טיפן מוזיקאַלישן וויסן, אויך פאַרמאָגט א קאָלאָסאַלע שטים און געווען א וואונדערלעכער בעל־מנגן. מען האָט אים קאָנטראַקטירט אלס חזן פון דער גרויסער שיל, אויפן אָרט פון זיין פריערדיקן רבין מאיר באַרדיטשעווער, וועמען ער האָט ווייט איבערגעשטיגן.

עס זיינען אויך געבליבן אין שטאָט, מיט פיינטוכן צוזאַמען, די מערהייט פון די משוררים, קינדער פון באַרדיטשעווער אָרעמע עלטערן. איינער פון זיי, דער משורר כאַלאַט, איז שפּעטער אין א צייט ארום, געוואָרן דיריזשאָר פון כאָר.

די גרויסע שיל, דער חזן פיינטוך מיט זיין כאָר, איז געווען דער שטאָלץ פון די קאָוולער אידן, ווייל עס האָט צוגעגעבן חשיבות און ווערדע דער קאָוולער קהילה.

אין „שטאָטישן” בית המדרש, האָט געדאַוונט דער אַלטער ר'


474
473
472
471

די פּאַרוואַלטונג און גבאים פון דער גרויסער שיל, אין יאָר 1920 (אין צענטער פּאַרזיצער יוסף צאל)

ישראלי חזן, א איד א למדן און א גרויסער ירא שמים. געגאנגען איז ער געקליידט אין סאמעטענע און אין זיידענע מלבושים.

א נידעריקער אין וואוקס, איז ווען מען פלעגט אים זען גיין מיט געלאסענע טריט פון זיין שטוב אין בית המדרש צום דאווענען, מיט לאנגע ווייסע זאקן ארויפגעצויגן ביז די קני און אין פאנטאפל־שיך אויף די פיס. דעם אויבערמאנטל א גלאנציק־אטלאסענעם, און אויב אום ווינטער, א טכוירענעם פוטער, אריבערגעווארפן איבער די אקסלען, פון וואנען עס האט (אויב עס איז געווען אום שבת), ארויסגעקוקט דער שויך־אנגעטוענער טלית, מיט א גרויס סאמעטן היטל אויפן קאפ, וואס האט נאך מער בולטער געמאכט דעם קאנטראסט צו זיין בלייך אויסגעאיידלט פנים, מיט זיין גרויסער ווייסער בארד ביז צום גארטל, — האט זיך דאן קיינער גארנישט געקענט פארשטעלן אז דער־א איד, א חלוש דאכט זיך, זאל ביים „עמוד" בשעת התפילה, קענען ארויסווייזן אזא גבורה ממש, מיט זיין קול, וואס ווען ער האט געוואלט, איז דאס געווען ווי א שאגת ארי. דער גרויסער עולם מתפללים, פלעגט מיט הנאה און פארוואונדערונג צוגלייך אויסהערן זיין „ראש־חודש־בענטשן", א השכיבנו אדער אן אנדער „שטיקעלע", וואס איז דורך אים געזונגען געווארן מיט מתיקות און מיט אמתדיקן בעל־תפילהשן נוסח.

ר' ישראלי הזן ע"ה (שענקער איז געווען זיין פאמיליע־נאמען), איז געווען איינער פון די לעצטע שליחי־ציבור פון אמאליקן דור, וואס האט בעת התפלה, טיף באנומען דעם זין פון זיין שליחות און גוט געהאט בכוונה דעם „ודע לפני מי אתה עומד"...

נאך זיין פטירה, האט דארט אין שטאטישן בית המדרש איבערגענומען די שטעל פון הזנות, דער עלצטער פון זיינע דריי זין, ר' דוד הזן.

אין „שטאט" איז אויך געווען א גאנצע רייע חסידים־שטיבלעך: דאס טריסקער שטיבל, סטעפענער (אויך גערופן: ניסביזשער), ריזשינער, קאצקער, ליבאוויטשער און קארלינער, א שניידערשער בית המדרש, א מנין ביים „גראבאוויצער" (ר' יצחק שאול דין), א מנין ביים טריסקער דבין אין הויף אויף בריסקער גאס, און א מנין אויף דער „גארקע" (דארט וואו די קאזארמעס זיינען געשטאנען).

אויפן „זאמד" זיינען געווען, דער אזויגערופענער „זאמדיקער" בית המדרש, מיט זיין פאפולערן אין שטאט „אהבה רבה"־שילכל ביי דער זייט. דאס „זאמדיקע" טריסקער שטיבל, דער „קאמערטשעסקע" בית המדרש. פרוזשאנסקים בית המדרש, ענטינס בית המדרש, בריקס (קאזיאנער ראבינער) בית המדרש, דאס קרעמענער בית המדרש, אחוץ אייניקע מנינים אין פריוואטע הייזער: דער מנין ביי ר' אפרים דיין, א

מנין ביים בארג-אראָפּ־צו פון דער לוצקער גאס און א באזונדערע שילכל האָבן אויך געהאט די אידן וואָס האָבן געוואוינט אויף „קאָוועל ווטאָראַי" (אזוי האָט מען גערופן דעם געגנט פון שטאָט, וואָס אויף יענער זייט וואָקזאַל, וואו עס האָבן פריער וויניק, אָבער לעצטנס — אייניקע צענדליק אידישע משפחות געוואוינט), און נאָך א רייע אנדערע מנינים און אפשר אויך אייניקע שילכלעך וואָס מיר געדענקען איצט נישט גענוי.

קאפיטל ו.

קאָוולער אינטעליגענץ און קאָמערץ

מיר וועלן פארצייכענען אין דאָזיקן קאפיטל, אייניקע פון א סך אין קאָוולע געבוירענע, וועלכע האָבן דערוואָרבן, א דאנק זייער בילדונג, קולטור און וויסן — פּאָפּולאַריטעט און אָנזען ביי אונז אין שטאָט.

קלארא ערליך, דירעקטאָרין פון דער אכט-קלאסיקער רוסישער און שפּעטער רוסיש־פּוילישער גימנאזיע. א הויך-געבילדעטע פריילין, א טאָכטער פון אריסטאָקראטיש־פארמעגלעכע עלטערן, האָט זי געהאט גרויס אָנזען און פארערונג אין שטאָט און באזונדערס אין די אינטעלעקטועלע קרייזן און פון וועמענס לערן-אנשטאלט עס איז ארויס א באדייטנדיקע צאָל געלערנטע יוגנט.

אשר פראנקפורט, א קינד פון אָרעמע עלטערן, איז ווען ער האָט געענדיקט אין קאָוולע די גימנאזיע, האָט ער זיך ווייטער געלערנט אין אן אוניווערסיטעט פילאָסאָפיע און סאָציאָלאָגיע. קומענדיק צוריק קיין קאָוולע פון אוניווערסיטעט, א דיפּלאָמירטער דאָקטאָר אין די אויבנדערמאָנטע מאטעריעס, ארום 1918, האָט ער זיך איינגעלערנט פּערפעקט העברעאיש און געגרינדעט אין קאָוולע די העברעאישע גימנאזיע, פון וועלכער ער איז געוואָרן דירעקטאָר, אָנפירנדיק זי מיט דערפאָלג ביז אין די לעצטע יאָרן.

יוסף אברוך, אויך א קינד פון אָרעמע עלטערן, דער פאָטער א שוחט, די מוטער א קרעמערין, האָט ער נאָך זיין צוריקקערן פון אדעס, וואו ער האָט געענדיקט די ראבינער־שול, זיך ווייטער זעלבסט געלערנט וועלטלעכע לימודים און שפּראכן און איז געווען איינער פון די בעסטע לערער אין די תרבות-שולן ביי אונז אין שטאָט.

קלמן ליס, א זון פון בעל-הבתישע עלטערן פון מיטלשטאנד (זיין פאָטער איז אויך געווען א בעל־דרשן), האָט ער געלערנט אין הדר, נאָכהער אין גימנאזיע, שפּעטער אוועק לערנען אין ווילנער לערער-סעמי־



לערערנס און שילערנס פון שעווצאָווס פרויען־גימנאַזיע. צווישן די זיצנדע־
די דריטע רעכטס — קלאָרא דאַווידאָוונאַ ערליך.


Kowel.
Ковель.
Frauen Progymnasium.
Женская Прогимназія.

פרויען — פראָ־גימנאַזיע



מענער - גימנאַזיע

נאָר. א סך געלייענט און געוואָרן באַקאַנט מיט דער וועלטלעכער, איבערהויפּט מיט דער רוסישער ליטעראַטור. דערפילנדיק א דראַנג צו שרייבן, האָט ער אָנגעהויבן צו שרייבן לידער און שפּעטער אויך איבערזעצונגען פון רוסיש. ער איז געוואָרן אָנערקענט אלס טאַלאַנטפולער דיכטער פון קינדער-לידער. עטלעכע יאָר פאַר דער צווייטער וועלט-מלחמה איז ער געוואָרן דירעקטאָר אין א דערהאָלונג- און דערציאונגס-אנשטאַלט פאַר צוריקגעשטאַנענע קינדער אין אָטוואָצק. זייענדיק אליין א שוואַכער און קראַנקער, האָט ער דאָך א דאַנק זיין פעאיקייט, ענערגיע און ווילן, אָנגעפירט דעם דאָזיקן אנשטאַלט מיט גרויס דערציערישער קענטעניש און דערפאָלג. ביז די נאַציס ימ"ש זיינען אין 1939 אריין קיין פוילן און ער איז דאָרט אומגעקומען צוזאַמען מיט זיינע תלמידים ווי א קדוש.

מיר ווילן דאָ אויך פאַרצייכענען, אז אין די יאָרן פון פאַר דער ערשטער וועלט-מלחמה, האָט אין קאָוולע א לענגערע צייט געוואוינט און זיך דאָ אויסגעפורעמט אלס שרייבער דער באוואוסטער טאַלאַנטפולער בעלעטריסט יונה ראָזנפעלד. דאָ אין קאָוולע האָט ער געאַרבעט אין א טאַקער-וואַרשטאַט און אין דער זעלבער צייט געשריבן זיינע אָריגינעלע פסיכאָלאָגישע דערציילונגען, אין וועלכע עס ווערן געשילדערט טיפן און פאַרשוינען פון קאָוולער אידישן לעבן. אזוי אז ווען מיר לייענען יונה ראָזנפעלדס, אין יענער צייט געשריבענע דערציילונגען,

איז, כאַטש די נעמען פון די העלדן זיינען דאָרט געענדערטע, — דאָך דערקענען מיר זיך, דורך זיי, מיט א טייל פון קאָוולער אידישן לעבן, מיט זייערע נויטן און פּראָבלעמען, מיט זייערע פרײדן און ליידן וואָס י. ר. האָט אזוי מייסטערהאַפט-קינסטלעריש געשילדערט.

אויך דער טאלאנטפולער דיכטער זישע וויינפּער (היינט אין נאָרד־אמעריקע) און די ברידער־דיכטער לייבל, ברוך און מאטעס אַליצקי, כאַטש אלע געבוירענע אין טריסק (א שטעטעלע נעבן קאָוולע), האָבן זיי אָבער זייערע ערשטע טריט אין דער אידישער ליטעראטור געשטעלט ווען זיי זיינען געווען און האָבן געארבעט, ווער אלס אַנגעשטעלטער און ווער אלס לערער ביי אונז אין שטאָט.

מיר וואָלטן נאָך געקאָנט דאָ אויסרעכענען א גאנצע רייע אינטעליגענטע און געבילדעטע יונגעלייט, ווי: יאָסל בורשטיין, חזן, וועלוועלער, גילדווארג, די ברידער קליניצקי און נאָך א סך פון וואויל־לערנער און עילוים, אויסער א גאנץ באדייטנדיקע צאָל פון אַנגעזעענע און באוואוסטע דאָקטוירים, אדוואָקאטן און אנדערע פּראָפעסיאָנאלן און אינטעלעקטואלן פון צווישן די קאָוולער געבוירענע און דערצויגענע, וועלכע יעדער איינער פון זיי איז געווען אויסער זיין געלערנטקייט, ווער אין

KOWEL—Boulvar-Str.
КОВЕЛЬ—ул. Бульварная.

ראַג בולוואַרנע און לוצקער גאַסן



דער הויפּט־אריינגאַנג צום קאָוולער „מאַרק"

וועלטלעכע און ווער אין אידישע לימודים, זיינען זיי אויך געווען טעטיק, יעדער איינער אויף זיין געביט און אין זיין קרייז, אין פארשידענע געזעלשאפטלעכע, קולטורעלע, נאציאָנאלע און פּאָליטישע אָרגאניזאציעס און אנשטאלטן.

מיר ווילן זיך אָבער דאָ באַגנוגענען נאָר מיט די אויבן־אויסגערעכנטע און מיר גלויבן, אז מיט זיי אליין האָבן מיר געגעבן א בילד, זאָל זיין אין מיניאטור, פון דער אינטעליגענטער און קולטורעל־געבילדעט יונגט, וואָס מיר האָבן געהאט אין קאָוולע און וועלכע האָבן זיך געציילט אין די צענדליקער און אין די הונדערטער. אָבער וועלכע זיינען שוין היינט צו אונזער גרויסן באַדויערן און צו אונזער גרויסן צער און ווייטיק מער נישטאָ.

מיר ווילן דאָ, אין דעם קאפּיטל צוגעבן א פּאָר ווערטער, וועגן דער אידישער קאָמערץ ביי אונז אין שטאָט.

ווייל קאָוולע איז געווען — ווי שוין דערמאָנט — א צעטיילונגספּונקט פון פארשידענע באַן־ליניעס, פלעגן זיך דאָ אָפּשטעלן, אין זייערע ווייטערדיקע רייזעס, און ספּעציעל קומען, פארשידענע „וואָיאַזשאָרן" און סוחרים פון אלע גרויסע קאָמערציעלע און אינדוסטריעלע צענטערן צו פארקויפן דאָ זייערע סחורות, וועלכע האָבן דאָ געהאט א גוטן אָפּגאַנג און די שטאָט האָט שטענדיק גערודערט און געווען באַזוכט פון אידן־סוחרים פון די קלענערע שטעט און שטעטלעך ארום קאָוולע און

פון פריצים, גלחים און פויערים פון די ארומיקע הונדערטער הויפן און דערפער איינצוקויפן זייערע סחורות און פראדוקטן.

אין קאוולע זיינען געווען א גרויסע צאל הורט־סוחרים און ספעציעל אזעלכע, וואס האבן געהאט דעם מאנאפאל (קאנצעסיע) פון פארשידענע סחורות איבער דעם גאנצן וואלינער געגנט ארום. איז אויך דערפאר די קאמערציעלע באוועגונג אין שטאט געווען שטארק אנזעעווודיק און אין גרויסן מאסשטאב.

די שפע איז געווען גרויס, פרנסה האט ביי אידן ניט געפעלט, ארבעט האבן די בעלי מלאכות געהאט. אנשטאלטן, אינסטיטוציעס און חברות אויף אלע געביטן פון אלע שאטירונגען זיינען געווען טעטיק און די שטאט איז געוואקסן און פראגרעסירט אין אלע הינזיכטן.

קינדער אין די שולן און אין די גימנאזיעס האבן געלערנט, שטודירט און געמאכט פלענער וועגן זייער ווייטערדיקער צוקונפט.

מיט איין ווארט, עס איז אנגעגאנגען און עס האט פולסירט א פולבלוטיק אידיש לעבן אויף אלע געביטן און אין אלע פארמען און פולן זין פון ווארט.

ביי דער געלעגנהייט ווילן מיר דא דערמאנען א טייל פון די אנגעזעענע אידישע הורט־סוחרים און קליין־אינדוסטריאלן ביי אונז אין שטאט. זיי זיינען געווען:

די פארצווייגטע משפחה היינאכס (צוקער, טיי), מנשה איטשעס, מיכל עדלשטיין, יוסף שוחט (גאלאנטעריע), ראבינערזאן (שיך), גרייווער, צאל, רויטנבערג (מאנופאקטור), משה ניימארק (אייזן), קאסאווסקי (טאבאק), בארזאך (אייזן), בריזעלי, קאפעלושניק (פוטער), שיע בוראק (באקאליי), לעווין (קירזשנעריי), שיטער, פלאמענבוים, בוראק (צירונג־הענדלער), בראנזאפט (לעדער), אשכנזי (פאפיר), קאפטשוק, פידעל (פעל-הענדלער), וועלוועלער (באקאליי), די ברידער ראובן און אברהם יעקב גושעבמאכער (מעל), יעקב משה ארשעווער, ברידער וואלק, חיים שארפאנקער, בנציון וואקס (תבואה), איציע רויזן (וואלד), ברידער בראנשטיין (סמאלע, גאז), וואלק, פוגאטש (האלץ), שערבוים (הערינג), כאסים (צוקער), ארמארניק, הלל גאלדבערג, פערלמוטער, באקסער, צוקערמאן (מילן), צופערפיין (אייל- און בוימל־פאבריק), שקאלניק (ביר־ברויערײ), אפרת (טארטאק), שמעון זאקנער, פאליק פידעל (גארבעריי), און נאך צענדליקער גרויסע סוחרים און קליין־אינדוסטריאלן וואס האבן געהאנדלט און זיך באשעפטיקט מיט פארשידענע סחורות און ארטיקלען; אפגערעדט פון די הונדערטער קלענערע סוחרים און קרעמער, וועלכע האבן זיך באשעפטיקט מיט די



דער קאָוולער וואָקזאַל

זעלבע אויבן-אויסגערעכנטע מינים און אַרטיקלען, און די ערשטע ווי די לעצטע האָבן אַזוי אַרום געמאַכט באַקאַנט די שטאָט קאָוולע, אין גאַנצן וואָלינער קאַנט און איבער גאַנץ רוסלאַנד און פּוילן, וואָס ווייטער אַלץ מער און מער, אַזוי ביז צו דער צייט פון דער ערשטער וועלט-מלחמה, וואָס האָט אויסגעבראָכן אין דעם יאָר 1914 און וואָס האָט געענדערט דעם נאָרמאַלן גאַנג און ריטם פון דעם לעבן אין שטאָט. ווי מיר וועלן עס פּרוּוון באַשרייבן אין קורצן, אין קומענדיקן קאַפּיטל.

קאַפּיטל ז.

קאָוולע, אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט-מלחמה

1914—1918

אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט-מלחמה (1914-18) האָט זיך פיל געביטן צום ערגערן דער פּרצוף-פּנים און דער אויסזען פון שטאָט.

צוליב דעם מלחמה-פראָנט, וואָס האָט זיך באַלד אין אָנהויב מלחמה דערנענטערט צו קאָוולע, האָבן אַ טייל פון די מער פאַרמעגלעכע פאַמיליעס, גרויסע סוחרים, אינדוסטריאַלן, פּראָפעסיאָנאַלן און סתם בעלי-בתישע משפּחות, פאַרלאָזט די שטאָט און זיינען אַוועק, ווער אין טיפ-

די פאָלקס־קיך

רוסלאנד און ווער אין די נאָענטערע גרויסע שטעט ווי קיעוו, אדעס און אנדערע ערטער. און צוזאמען מיט זיי איז אויך אוועק דאָס ראשיקע, פון לאנגע יאָרן איינגעפונדעוועטע אידישע לעבן פון שטאָט.

עס זיינען אריין די דייטשן. ווי באוואוסט איז אויך עסטרייך־אונגארן דאן געווען דייטשלאנדס פארבינדעטע. ווען זיי פלעגן פארנעמען א שטאָט, פלעגן זיי איינאָרדענען צוויי באזונדערע קאָמאנדאטורן. ביי אונז אין קאָוולע, האָבן די דייטשן זיך באזעצט מיט זייער קאָמאנדאטור אין „שטאָט“, און די עסטרייכער אויפן „זאמד“. האָבן טאקע די „שטאָטישע“ אידן מקנא געווען די „זאמדיקע“, ווייל די עסטרייכישע קאָמאנדאטור האָט זיך אָן אן ערך געפירט פיל בעסער און מענטשלעכער אין זייער פארוואלטן מיט דער ציווילער באפעלקערונג, ווי עס האָבן דאָס געטון די דייטשן אין „שטאָט“־טייל. דאָך, האָבן אידן זיך איינגעלעבט מיט דער נייער אָקופאציע־מאכט און האָבן ווי־נישט־ווי, דורכגעלעבט די צייט פון זייער הערשאפט, ווער בעסער ווער ערגער, צופאסנדיק זיך צו די נייע אומשטענדן.

אין פארלויף פון דער דאָזיקער צייט, זיינען צוגעקומען א סך נייע איינוואוינער אין שטאָט, וואָס זיינען געווען אין צאָל, אפשר נאָך מער פון די וואָס זיינען פריער ארויסגעפאָרן. עס האָבן זיך באזעצט דאן א סך אידן סוחרים און בעלי־מלאכות, ארויסגעטריבענע און אנטלאָפענע פון די קלענערע שטעטלעך און דערפער ארום קאָוולע, וואו די מלחמה

פאַזיציעס זיינען געווען נאָענט. דאָס זיינען מערסטנס געווען אידן פון די שטעטלעך: מעלניצע, ראַטנע, סטיבעכווע, ניסכיטש, קאַמען-קאַשירסק און אנדערע, וועלכע האָבן זיך נישט שלעכט איינגעאָרדנט אין שטאָט, און איינציקע פון זיי האָבן אפילו געמאַכט אין פאַרלויף פון דער צייט, נישט קיין שלעכטע געשעפטן (מלחמה-געשעפטן), בלייבנדיק שפּעטער שוין אלס שטענדיקע קאָוולער איינוואוינער.

אין די יאָרן ענדע 1918 און אין אנהויב 1919, ווען די מאַכט פון די דייטשן איז געווען שוין א געבראָכענע און זיי, די דייטשן, האָבן אויפגעשטעלט אין קיעוו, און אוקראַינישע „זעלבסטשטענדיקע" מאַריאָנעטן־רעגירונג, אונטער סקאָראָפּאַדסקיס אָנפירונג, אלס אָקעגן-ווירקונג דעם דעמאָלסט אויפגעשטאַנענעם באָלשעוויסטישן רעזשים אין רוסלאַנד; אָט אין יענער צייט, האָבן אידן אין אונזער געגנט געלעבט אין אזא בהלהדיקן און כאַאָטישן צושטאַנד, ווי קיינמאָל נישט, אין פאַרלויף פון דער מלחמה ביז דאַן.

עס איז דאַן געווען א צייט פון שמוגל מיט וואַלוטע, מיט פאַרשידענע סחורה־אַרטיקלען און פון סתם אויפגעכאַפּטע, מאָמענטאַלע לופט־מסחרים, וואָס האָבן נישט געהאַט און קיין האַפּט און קיין היזוק; פון איין טאָג אויפן צווייטן אפילו. אידן יאַ־סוחרים, נישט-סוחרים, אידן בעלי-

ביי א מיטינג אין פאָלקס־קיך פאַר אידישע סאָלדאַטן.
אין צענטער — פאָרזיצער פּרוזשאַנסקי (זון).

מלאכות, ארבעטער, מלמדים און ווער נישט, אלץ האָט געהאנדלט; אלט און יונג, מענער און פרויען פון גרויס ביז קליין, אלע האָבן געשמוגלט מיט וואָס נאָר ס'האָט זיך געלאָזט.

עס איז געווען אין דער צייט, ווען עס האָבן זיך געביטן די „פלעננינקעס" (די געפאנגענע סאָלדאטן) פון איין מאכט צו דער צווייטער. די געפאנגענע רוסישע סאָלדאטן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין דער צייט פון דער מלחמה אין דייטשלאנד, זיינען איצט געפאָרן צו זיך אהיים קיין רוסלאנד, און אזוי פארקערט, די דייטשע געפאנגענע, וואָס זיינען געווען אין רוסלאנד זיינען געפאָרן קיין דייטשלאנד, עסטרייך א. א. וו.

די וואָקזאלן זיינען געווען טאָג און נאכט איבערגעפולט מיט די „פלעננינקעס", ווארטנדיק אויף די משא־וואגאָנען (קיין אנדערע זיינען דאָן כמעט נישט געווען), כדי אפצופאָרן יעדער אין זיין באשטימטן ארט. אָט אין יענער צייט איז עס געווען, ווען אידן האָבן געקערעוועט וועלטן מיט שמוגלעריי. א סך האָבן זיך אנגעטון אין מיליטערישע שינעלן ווי די „פלעננינקעס", ארומגעוויקלט ארום זיך אויפן לייב. פארדעקט מיטן ברייטן און לאנגן שינעל פארשידענע סחורות און געפאָרן וואוהין די אויגן האָבן געטראָגן. וואָס נאָר פאר א סחורה מען האָט געהערט, אז עס פעלט אויס ערגעץ אין אוקראינע אָדער אין רוסלאנד, האָט מען געשמוגלט אהין, און געבראכט אנדערע ארטיקלען אויף צוריק. אזוי צום ביישפיל, האָט מען געפירט קיין ראָוונע, בערדיטשעוו, זשיטאָמיר, אָדעס, קיעוו, יעקאטערינאָסלאוו, כערסאָן און אין אנדערע שטעט אזעלכע סחורות, ווי: קנעפ, שיך־צוועקלעך, פארב, זיידנס און אנדערע ארטיקלען און געבראכט אויף צוריק: טאַבאק, מאכאָרקע און אנדערע מינים וואָס האָבן אויסגעפעלט ביי אונז אין שטאָט און בכלל ביי אונז אין געגנט.

אויך מיט געלט־וואלוטע האָט מען געמסחרט און געשמוגלט. מען האָט אוועקגעפירט, למשל, די קליינטשינקע קערענסקיס 20־ער און 40־ער פאפירענע קערבלעך (רובל), וואָס זיינען געווען דין ווי פאפיראָספאפיר, אָדער פון דער נייער אוקראינישער מאכט שוין ארויסגעלאָזענע — קארבאָוואנצעס, וואָס מען האָט זיי גערופן „ליילעכער" (אזוי גרויס זיינען זיי געווען), און מען האָט צוריקגעבראכט צארסקי הונדערטער און פינפאונצוואנציקער פאפירענע באנקנאָטן, גאָלדענע רוסישע פינפערלעך און צענערלעך און אנדערע „וואלוטעס".

אָט ארום אזעלכע „מסחרים" האָט מען גערודערט און געקערעוועט א וועלט און אנגעזאמלט פעק און זעק מיט פאפירן־געלט פון

א גרופע געז. טוער אויף א ל״ג-פייערונג

פאַרשידענע רוסישע און אוקראַינישע רעגירונגען און רעזשימען וואָס האָבן זיך געביטן אין פאַרלויף פון א קורצער צייט, און מיט דייטשע מאַרקן, אָסט- און וועסט-מאַרקן, עסטרייכישע קראָנען און אַנדערע, ביז אין א שיינעם פרימאָרגן איז פון דער גאַנצער אָנגעקליבענער „עשירות״ גאָרנישט געוואָרן. עס איז געוואָרן אויס צאַר, אויס קערענסקי, אויס סקאָראָפאַדסקי, עס זיינען אוועק די דייטשן און די עסטרייכער און מען האָט מיט זייערע געלטער געקענט נאָר אויסשפאַלירן די ווענט, אזא ווערט האָבן זיי באַקומען. אידן זיינען געבליבן צוריק ווי דאָס מעשהלע דערציילט, „ביי דער צעבראָכענער קאָרעטע״.

נאָכן פאַרענדיקן זיך פון דער מלחמה (ד. ה. זי האָט זיך פאַרענדיקט אָפיציעל, נאָר צווישן די אַליאירטע מיט דייטשלאַנד, אָבער פאַקטיש איז אונזער געגנט נאָך געווען אין מלחמה-צושטאַנד, צוליב דער מלחמה פון פוילן מיט דער סאָוועטישער רוסלאַנד און פון אַנדערע אָפגעריסענע „ווייסע״ גענעראַלן וואָס האָבן זיך קעגנגעשטעלט דער נייער רוסיש-באָלשעוויסטישער מאַכט), און אונזער געגנט איז אריבער צו דער פוילישער מאַכט, וואָס איז נאָך אזוי פיל יאָרן זיין אונטער רוסישער הערשאַפט, צוריק אויפגעשטאַנען תחית המתים. דאַן האָט א טייל, אָבער א באַדייטנדיק קליינער טייל פון די אַרויסגעפאָרענע פון אונזער שטאָט, זיך צוריק אומגעקערט. אָבער עס איז שוין נישט געווען דאָס זעלבע וואָס פריער.

די זעלבע אידן, וואָס האָבן בעת פאר דער מלחמה, געפירט מיט גרויס פארנעם זייערע מסחרים און אונטערנעמונגען און מהאי טעמא, האָבן זיי געפירט א רייך און לוקסוס-ארטיקן לעבן, האָבן נאָך זייער צוריקקומען געטראָפן גאָר אן אנדער קאָוולע מיט אן אנדער ארט לעבן אין אלע אופנים. עס איז שוין נישט געווען דאָס פריערדיקע פרייע „פעלד“ פון מסחר און האנדל. דאָס גרויסע און ברייטע רוסלאַנד, מיט וועמען זיי זיינען געשטאַנען פריער אין קאָמערציעלע פארבינדונגען, איז איצט געווען אויף יענער זייט גרענעץ, וואו עס איז שוין במילא געווען אן אנדער מלוכה-אָרדענונג (די סאָוועטישע), וואו עס זיינען, אגב, געבליבן צוליב פארשידענע סיבות א סך פאמיליען־מיטגלידער פון די צוריקגעקומענע, ביי וועמען א פרוי, ביי וועמען קינדער אָדער אנדערע משפּחה־מיטגלידער. און דאָ, אונטער דער נייער פוילישער הערשאַפט איז שוין נישט געווען די פריערדיקע האנדלס-באַדינגונגען און אויך נישט. ווי געזאָגט, די אלטע האנדלס-פעריפעריע און עס איז שוין נישט געווען; ווי דאָס פאָלקס-ווערטל זאָגט, מיט וואָס און ביי וואָס די הענט צו פארטשעפען.

עס זיינען אפילו געווען אייניקע אויסנאַמען, ווי צ. ב. די קראפיווניקערס און די האָניקס, וואָס זיינען געווען די פּראָוויאַנט-צושטעלער ביים פוילישן גארניזאָן מיליטער, וואָס איז געשטאַנען אין שטאָט און אומגעגנט. די ארמארניקס און צוקערמאַנס מיט זייערע מילן און נאָך אייניקע גרויסע סוחרים זיינען אויפגעקומען, ווי: יאָסל שוחט, כאַסיס

דירעקטאָר ווייסבערג (דער ערשטער, לינקס) מיט די לערער פון זיין שולע, אין יאָר 1916.



די קאָוולער פרייוויליקע פייערלעשער, גרייטן זיך צו א „פּאַראַד"

אין א פּאָר אנדערע וועמען עס האָט אָפּגעגליקט און זייערע מסחרים און האָבן זיך, אזוי צו זאָגן, ארויסגערוקט פאָראויס און האָבן זיך אָנגעזען צווישן דעם כלל פון אמאָליקע סוחרים. די געוועזענע פּני פון שטאָט און היינטיקע יורדים (ווי עס זיינען דאָס געוואָרן, למשל: ראַבינערזאָן, קאָסאָווסקי, די היינאַכס א. א.). אָבער דאָס זיינען געווען אויסנאַמען. אין אלגעמיין גענומען, איז שוין נישט געווען די זעלבע קאָוולע וואָס פריער און האָט באַקומען אן אויסזען פון אן אמתער יורדת. כאָטש נישט אין געזעלשאַפטלעכן זין. ווייל אויפן געזעלשאַפטלעכן געביט, זיינען ווידער אלע אינסטיטוציעס און אנשטאַלטן געווען טעטיק ווי פריער און אין א טייל פון זיי האָט די ארבעט זיך אפילו אויסגעברייטערט און געשטאַרקט.

ווי נאָר די פּאָליאַקן זיינען אריין אין שטאָט, איז — ווידער דאָס זעלבע — צוליב דעם וויכטיקן באַן־קנופּ וואָס קאָוולע האָט געהאַט, איז געווען אין שטאָט א גרויסע מיליטערישע באַוועגונג. עס זיינען דאַן אָנגעקומען אין שטאָט א סך מיליטער פון די אזויגערופענע „פּאָזנאַנ־

טשיקעס", גרויסע כלבים און אנטיסעמיטן, און די שטאט האט געהאט אויסצושטיין פון זיי גרויסע צרות און יסורים. מען האט אנגעהויבן כאפן אידן אויף ארבעט (צו צענעמען די אקאפעס, טראגן די צונויפגעזאמלטע אמוניציעס אויף די פעלדער, צו די דראט־פארצוימונגען א. א. ו.) עס איז שוין דאן געווען פאלן פון שניידן בערד ביי אידן און סתם ראבעוען אידיש האב און גוטס.

ערשט ווען דאס פוילישע מיליטער אין איר מאסיוו איז אוועק ווייטער פון קאוולע, אויף איר מארש קיין קיעוו, האט די אידישע באפעלקערונג אין קאוולע אביסל פרייער אפגעאטעמט. אבער עס האט נישט לאנג אנגעהאלטן דער פארהעלטנישמעסיק רואיקער צושטאנד. עס האט לאנג נישט געדויערט און עס האט זיך אנגעהויבן דער באוואוסטער ריקצוג פון די פאליאקן פון ארום קיעוו, וואוהין זיי האבן שוין געהאט דערגרייכט און פון וואנען די באלשעוויסטישע ארמייען, אונטער דער קאמאנדע פון גענעראל בודיאני, האבן זיי מיט א ווילדן אימפעט און קראפט געיאגט. דאן האבן מיר ווידער איבערגעלעבט אן אומרואיקע און אנגסטלעכע צייט.

דאס פוילישע מיליטער האט אנגעהויבן אפטרעטן אין גאייל, און די שטאט האט א שטיקל צייט באקומען אן אויסזען פון א מיליטערישן לאגער, און די אידישע באפעלקערונג האט געהאט אויסצושטיין גענוג צרות צרורות. אין דער־א צייט איז געשען א פאל, וואס האט נאך מער אנגעווארפן אימה און פחד אויף קאוולער אידן. סאלדאטן זיינען ארומגעלאפן אין די גאסן און אויך אין די שטיבער כאפן מענטשן צו דער

. די פארוואלטונג פון פאלקס־קיך, ביי א מיטיק פאר אידישע סאלדאטן

אַרבעט. זיינען זיי אַריין אין אַ שטוב (פון אסתר־חיה ראובן שעפּסלס) און דאָרט געפונען אונטער אַ בעט אַן אויסבאַהאַלטענעם אידן (אַ טריסקער) און מען האָט אים אויפן אָרט דערשאָסן. מען קען זיך פאָרשטעלן דעם שרעקלעכן רושם וואָס דער־אַ פאַל האָט געמאַכט אין שטאָט.

אויך צעראַבירונגען און אונטערצינדונגען פון הייזער און קראָמען זיינען פאָרגעקומען, פאַראורזאַכטע דורך די כוליגאַנישע פוילישע סאָלדאַטן און אידן האָבן פאַר מורא און פחד געהאַלטן די נשמות אין די הענט.

דערצו זיינען נאָך אָנגעקומען די שרעקלעכע ידיעות פון די פּאָגראָמען אין די אוקראַינישע שטעט און שטעטלעך אויף דער אידישער באַפעלקערונג, דורך די אוקראַינישע מיליטערישע באַנדעס, ווי די פּעטלוראָווצעס, זעלענאָווצעס, אָסקילקיס און אַנדערע באַנדיטן, וועלכע האָבן געהאַט פרייע הענט צו ראַבעווען און פּאָגראָמירן אידן וויפל זייערע באַנדיטישע הערצער האָט זיך געוואָלט און געגלוסט.

אָט אין אַזאַ אומרואיקער לאַגע און צושטאַנד האָט זיך קאָוולע געפונען ביז אין די ערשטע טעג פון מאָנאַט יולי 1920, ווען עס זיינען אַריין צו אונז אין שטאָט די באָלשעוויסטישע אַרמייען.

קאַפּיטל ח.

געקומען און אַוועק די באָלשעוויסטישע אַרמייען. — ווידער די פּאָליאַקן. — בולאַק־באַלאַכאָוויטש

ווען די באָלשעוויסטישע חיילות זיינען אַריין אין שטאָט, איז גלייך געוואָרן לייכטער אויף דעם געמיט. מען האָט פרייער אָפּגעאָטעמט, ווייל מען האָט זיך כאָטש געפילט זיכער מיטן לייב און לעבן. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ס׳האָט אָנגעהויבן אויספעלן פאַרשידענע שפּייזאַרטיקלען און ס׳איז געווען פּשוט אַ מאַנגל אין ברויט און מען איז געווען צערודערט און צעמישט פון דער איבערגעלעבטער אומרואיקער צייט און זייענדיק אין מורא פאַר דעם קומענדיקן מאָרגן, וואָס ער קען מיט זיך ברענגען, דאָך איז מען געווען פאַרהעלטנישמעסיק רואיק.

די ערשטע צו דערפילן די נייע אָרדענונג, זיינען געווען די רייכע אידן. מען האָט אָנגעהויבן ביי זיי צו סעקוועסטרירן די אָנגעפּולטע מאַגאַזינען און סקלאַדן מיט סחורות און זיי אַרויספירן פון שטאָט.

דער מלחמה־פראָנט איז געווען נאָענט, סוחרים האָבן נישט געהאַנדלט. בעלי־מלאכות האָבן ווייניק געאַרבעט, און געלעבט האָט מען

אַרבעטער אין דער מצה־בעקעריי פון נחמן מינצים

פון דעם, מיט וואָס מען האָט זיך פריער פארגרייט. גאנצע פאמיליעס, מענער, פרויען און קינדער פלעגן זיך ארויסלאָזן איבער די דערפער, פעלדער און וועלדער און פון דאָרט ברענגען שפייז צום עסן און א טייל האָבן אויך דערפון געמאכט פרנסה, איבערפארקויפנדיק די געבראכטע פּראָדוקטן, ווי קארטאָפל, מעל, פּרוכט און אנדערע זאכן, צו אנדערע. די דאָזיקע סיטואציע האָט אָבער לאנג נישט אָנגעהאלטן. ווייל ביז מען האָט זיך רעכט אומגעקוקט און איידער מען האָט באוויזן זיך צוצופּאסן צו דער נייער אָרדענונג, מיט די אלע טאָג ניי־אויפגעהאנגענע פאראָרדענונגען און „אוקאזן“, ווי אזוי די ציווילע באפעלקערונג פון שטאָט דארף זיך פירן א. א. וו., האָט מען אָנגעהויבן באמערקן א באוועגונג און א צערודערונג אין די מיליטערישע קווארטעלן פון די נייע אָקופּאנטן און מען האָט פארשטאנען אז עפּעס גרייט זיך אן ענדערונג.

עס האָט לאנג נישט געדויערט און דאָס מיליטער האָט זיך אָנגעהויבן צו עוואקואירן. מאסן סאָלדאטן אויף פערד און צופוס צוזאמען מיט פארוואונדעטע, געפירט אין וועגענער. זיינען אין א בהלהדיקער איילעניש דורכגעלאָפן די שטאָט און דאָס מיליטער פון שטאָט גופא. ווי די קאָמאנדאטור פון שטאָט האָט נישט באוויזן מיטצונעמען מיט זיך א סך פון זייערע מלחמה־מכשירים און האָבן איבערגעלאָזט מאגאזינעם מיט אמוניציע. וועגענער מיט פּראָוויאנט זיינען געבליבן שטיין אין מיטן גאס און מען איז אוועק.

די שטאָט האָט זיך דאן געפונען אין דעם טאָג (דאָס איז געווען

ערב ראש השנה), אין א מין „קיינעמס לאנד", אן קיין שום מיליטערישער מאכט פון וועלכן ס'איז צד. ערשט שפעט אין אוונט, האבן זיך באוויזן די ערשטע פוילישע אויסשפירער און נאכהער איז אנגעקומען דער גאנצער איבעריקער מאסיוו סאלדאטן און עס האט ווידער אקופירט די שטאט די פוילישע מאכט, וואו זי איז שוין פארבליבן דעפיניטיוו.

קוין נאך דעם ווי די פאליאקן זיינען אריין און האבן אנגעהויבן ווידער צו באלעבאטעווען, האבן אידן ווידער אנגעהויבן צו פילן די נייע ארדענונג. אן ארדענונג פון רציחה, גניבה, גזילה און אנטיסעמיטיזם. אויף וואס די פאליאקן זיינען פון שטענדיק אן גרויסע מאדימס. צווישן אלע טעגלעכע דאגות וואס מען האט געהאט; דאגות פרנסה, דאגות וואס ס'איז נישטא פשוט וואס צו עסן, ווייל עס האבן נאך פון פריער אנגעהויבן אויספעלן שפייז-ארטיקלען פון ערשטן געברויך און ברויט איז געווען א לוקסוס-ארטיקל (א טייל בעקער האבן געבאקן ברויט פון א געמיש פון קאשטאן-מעל, האלין-זעגעכץ און א פראצענט גערשטן-מעל, און אויך דאס דאזיקע „ברויט" איז געווען בצמצום, און איז צוכאפט געווארן, ווי נאר עס איז פון די אויוונס ארויס), איז צו דעם אלעמען נאך צוגעקומען די שרעק צוליב די אנפאלן פון די טרויעריק-באקאנטע אין יענער צייט „האלערטשיקעס". דאס זיינען געווען פוילישע זעלנער אונטער דער קאמאנדע פון פראנצויזישע אפיצירן, אנגעפירט פון גענעראל האללער.

א פחד און א שרעק האבן זיי אנגעווארפן אויף די אידן פון שטאט

דער ארקעסטער פון דער קאוולער „פאזשארנע קאמאנדע" (פייערלעשער). אין יאר 1919.

מיט זייער איבערפאלן אומשולדיקע אידן און ביי די וואָס האָבן געטראָגן בערד, האָבן זיי מיט די באגנעטן זיי אָפּגעשניטן און נישט זעלטן האָבן זיי פשוט מיט די הענט ארויסגעריסן די האָר פון באָרד צוזאמען מיטן פלייש. האָט מען טאָקע געזען, נישט ווינציק אידן, עלטערע און אינגערע, ארומגיין אין גאס און אין שול, אונטערגעבונדן די באקן־בערד מיט א פאטשיילע, פארשטעלנדיק אזוי ארום די חרפה צוזאמען מיט דעם ווייטיק.

צו יענער צייט האָט נאָך קאָוולע איבערגעלעבט א פּאָר טעג פון גרויס שרעק און אידן האָבן ממש געהאלטן די נשמה אין די הענט.

דאָס איז געווען דאָן, ווען אין אונזער געגנט האָט זיך באוויזן דער באוואוסטער באנדיט גען. בולאק באלאכאָוויטש מיט זיינע כוליגאנישע באנדעס, וועלכע האָבן מיטגעארבעט מיט דעם פּוילישן מיליטער אין זייער קאמף קעגן די באָלשעוויקעס. אָבער אומעטום, וואו נאָר זיי זיינען אריין, האָבן זיי קודם כל אויסגעהרגעט די אידישע באפעלקערונג און האָבן צעראבירט און צעשטערט אידיש האָב און גוטס.

די דאָזיקע שרעקלעכע ידיעות האָבן זיך פארשטענדלעך, ווייט געלאָזט הערן אין אידישע שטעט און שטעטלעך. דערפאר, ווען מיר האָבן ביי אונז דערהערט אז באלאכאָוויטשעס באנדעס דערנענטערן זיך צו דער שטאָט, איז געוואָרן א בהלה און א מהומה.

דאָס איז געווען נאָך דעם, ווען די באנדיטן זיינען שוין דורכגעגאנגען די נאָענט־ליגנדיקע שטעטלעך און דערפער ווי: קאמען־קאשירסק, ראטנע, קרעמנע, ליבעכין און אנדערע, וואו זיי האָבן אומעטום אויסגעהרגעט א סך אידן, פון די וואָס האָבן נישט באוויזן באצייטנס צו ראטעווען זייערע לעבנס, אנטלויפנדיק אין די וועלדער און אין אנדערע ערטער, ווי עס האָבן דאָס געטון דער גרעסטער טייל פון די אויבנדערמאָנטע ערטער און פון אנדערע שטעטלעך.

אין איינעם א פרימאָרגן, איז די שטאָט אויפגעוועקט געוואָרן מיט דער שרעקלעכער ידיעה, אז „די באלאכאָווצעס גייען“. די שרעק און צערודערונג איז געווען גרויס אין לשער. שטאָט בעלי־בתים האָבן זיך גלייך פארזאמלט און אָפּגעהאלטן א באראטונג, וואָס צו טון כדי די אָנקומענדיקע געפאר אויסצומיידן. אין דער זעלבער צייט האָבן זיך געגרייט די שטענדיקע קאָוולער אזויגערופענע „באיעוואיא בריגאדא“ (שלאָג־בריגאדע), וואָס איז באשטאנען פון טרעגערס, איזוואָזשטשיקעס, בעלי־עגלות, קצבים און אויך קינדער פון בעלי בתישע עלטערן, וואָס האָבן שוין נישט ביי איין געלעגנהייט באוויזן זייער „האנט־מלאכה“, צו די וואָס האָבן זיך פארטשעפּעט מיט אידן.

דאָס מאָל איז דער ענין געווען א גאנץ ערנסטער און א געפערלע-



אַ אידישע דעלעגאַציע באַגעגנט דעם פוילישן פּרעזידענט מאָשטשיצקי, בעת זיין באַזוך אין קאָוולע.
1) דער פּרוזשאַנער רבי, 2) דער ראש ישיבה, 3) הרב ר׳ נחום משה׳לע טווערסקי, 4) אפרים דיין,
5) דער טריסקער רבי, ר׳ וועלוועלע ז״ל.



א טייל מיטגלידער פון בית־יתומים־קאָמיטעט. אין צענטער — רייצע לעווין, רעכטס פון איר — אשר ערליך און לינקס — זיסיע וויינפער.

כער, און מען האָט זיך אָרגאַניזירט אויף גיך, אויף א געהעריקן אופן, און מען איז געשטאַנען גרייט על כל צרה שלא תבוא.

דערווייל האָבן אָנגעהויבן אָנקומען אין שטאָט, אידן מיט פעק און זעק, מיט ווייב און קינדער פון דער „גאָרקע“. דאָס איז דער ערשטער אריינגאַנג אין שטאָט, אָנקומענדיק פון דער בריסקער גאַס, פון וואַנען מען האָט דערוואַרט אז די „באַלאַכאָווצעס“ דאַרפן אָנקומען.

אויף דער פאָרגעקומענער באַראַטונג פון די בעלי־בתים, איז אויסגעקליבן געוואָרן א דעלעגאַציע פון אָנגעזעענע מענטשן, די פני העיר, אידן און קריסטן, און מען איז אוועק צום קאָמאַנדאַנט פון שטאָט און צו אנדערע איינפלוסרייכע פערזאָנען (געוויינלעך נישט מיט ליידיקע הענט...) עס איז איז געלונגען צו פועלן דורך זייער אינטערווענץ, אז בולאַק באַלאַכאָוויטש זאָל מיט זיין באַנדע באַנדיטן דורך קאָוולע נישט דורכגיין.

און אַזוי איז געשען. זיי האָבן אין דער לעצטער מינוט, ווען זיי זיינען שוין געשטאַנען אונטער דער שטאָט, גרייט אַריינצוגיין, זיך גאָר פאַרנומען אויף אַן אַנדער וועג און אין שטאָט נישט אַריין. אַזוי אַרום איז אַריבער דער דאָזיקער טאָג אין שרעק און אין מורא, און דער אומגליק וואָס האָט געלויערט אויף דער שטאָט, איז אויסגעמיטן געוואָרן.

* * *

מיר ווילן דאָ, ביי דער געלעגנהייט פאַרצייכענען, אַז נאָך די אויבנדערמאָנטע פּאָגראָמען און הריגות אויף אידן, וואָס די באַלאַכאָוועצעס האָבן דורכגעפירט אין אונזער קאַנט, זיינען געבראַכט געוואָרן צו אונז אין שטאָט אַ סך יתומים פון די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך, פון קאַמען־קאַשירסק, ראַטנע, קיפּיטשעווו, קרעמנע, טריסק, יורעווישטש און אַנדערע ערטער.

די אַלע אָנגעקומענע קינדער־יתומים האָט מען אַריינגענומען אין שטאָטישן בית יתומים. אָבער נישט האָבנדיק קיין פּלאַץ, פאַר אַזאַ גרויסער צאָל קינדער, איז מען געווען געצוואונגען איינצואָרדענען אַ טייל פון זיי אין סאַרנע און אין ראָוונע אין די דאָרטיקע בית יתומים.

די קאָוולער געזעלשאַפטלעכע טוער האָבן זיך פיל אָפּגעגעבן מיט דער דערציאונג פון די דאָזיקע אומגליקלעכע קינדער און מען האָט געזאָרגט אַז אין דעם בית יתומים זאָל זיי אַ חוץ פלעגונג און דערנערונג אין בעסטן זין פון וואָרט, אויך געגעבן ווערן אַ אידישע און וועלטלעכע בילדונג און דערציאונג.

דאָס פאַרטיילן שפּייז־ און מלבושים־פּעקלעך אויף יום־טוב פאַר אָרעמע קינדער.

דער קאמיטעט פון פאלקס־קיך ביים אויסטיילן עסן. פון רעכטס צו לינקס: רייצע לעווין, פריילן בוראק, לאנגער, בנציון שדכן, שיקע פרידמאן, נײמארק א. א.

עס דארף דא דערמאנט ווערן, איינער פון די געטרייסטע און איבערגעגעבנסטע טוער פון קאוולער בית יתומים, דאס איז געווען דער אדוואקאט עפלבוים. אליין אן אסימילירטער איד, וואס האט זיך אין אנדערע אידישע ענינים נישט געמישט, קיינמאל אין שול נישט געגאנגען, און בכלל געווען ווייט פון אידן און אידישקייט. אבער פארן בית יתומים האט ער זיך ממש מוסר נפש געווען. מען פלעגט אים שטענדיק זען אין גאס אין דער באגלייטונג פון א פאר יתומים. שבת פלעגט ער גיין אין שול און אין די בתי מדרשים, נישט לאזן „אויסנעמען” די תורה און האלטן רעדעס, האלב אויף רוסיש און האלב אויף זיין שלעכטן אידיש-לשון, און בעטן און אפעלירן צו די אידן, אז מען זאל העלפן און שטיצן דעם בית יתומים.

נישט איינמאל האט ער בעת זיין ריידן צום עולם, וועגן די עלנטע יתומים, זיך צעוויינט. אזוי געטריי און איבערגעגעבן איז ער זיי געווען. מען האט אים גערופן דער „טאטע” פון די יתומים.

די צווייטע איבערגעגעבענע טוערין פאר די יתומים, אדער בעסער געזאגט, פאר די יתומות, איז געווען די אינטעליגענטע פריילין רייצע לעווין, וועלכע האט כמעט טאג און נאכט נישט פארלאזט דעם בית-יתומים. וואו זי האט אויפגעפאסט אויף דער אפטיילונג פון די יתומות, אכטונג געגעבן אז עס זאל זיי גארנישט פעלן, און געוואכט איבער זיי ווי א גוטע געטרייע מאמע, גיט אכטונג איבער אייגענע קינדער.

זי, רייצע לעווין, איז פונקט ווי אדוואָקאט עפלבוים, געגאנגען שטענדיק אין גאס באגלייט מיט איינע אָדער מער יתומהלעך, וועמען זי האָט געדארפט מיט עפעס באזאָרגן אָדער ערגעץ־וואו איינאָרדענען. האָט מען טאקע דער פריילין רייצע לעווין גערופן די „מאמע“ פון די יתומות.

פון די דאָזיקע אויבן־דערמאָנטע יתומים־הייזער, זיינען שפעטער, מיט דער הילף פון „דזשאָינט“, אוועקגעשיקט געוואָרן א סך קינדער אין די יתומים־הייזער פון נאָרד־אמעריקע, דרום־אפריקע און אויך קיין ארגענטינע.

קאפיטל ט.

אונטער דער פוילישער ממשלה. — עמיגראציע. — עליה. — ערב חורבן

נאָך דאָס פאָרגעקומענע, וואָס מיר האָבן אין קורצן באַשריבן אין פאָריקן קאַפיטל, נאָך אָט דער־אָ צייט פון איבערגעלעבטער שרעק, מורא און פחד, האָט זיך אָנגעהויבן צו נאָרמאליזירן דאָס לעבן, צופאסנדיק זיך צו די נייע אומשטענדן. מען האָט צו ביסלעכווייז זיך צוגעוואוינט צו די נייע פוילישע „פאַזשאָנדקעס“. אידן האָבן ווידער געארבעט, געהאנדלט און געוואנדלט. כאָטש דער גרעסטער מערהייט איז אָנגעקומען שווער, זייער שווער, די פרנסה, דאָך האָט מען זיך ווי נישט איז, דורכגעלעבט, ווער בעסער ווער ערגער.

דאקעגן, דאָס געזעלשאפטלעכע לעבן, האָט זיך דווקא פארשטארקט און אויסגעברייטערט. עס זיינען געווען די צייטן פון תיכף נאָך דער באלפור־דעקלאראציע. דער נאציאָנאל־ציוניסטישער געדאנק האָט ארומגעכאפט א סך קרייזן פון יונג און אלט. עס האָבן אָנגעהויבן צוקומען אידישע און העברעאישע שולן. א גאנצע רייע פון אידישע אינסטיטוציעס און געזעלשאפטן, פון די וואָס מיר האָבן אין א פריערדיקן קאַפיטל דערמאָנט, האָבן, נאָך א צייט זיין אומטעטיק, זיך ווידער געעפנט און א סך נייע זיינען צוגעקומען. עס האָט אָנגעהויבן דערשיינען א וואָכנבלעטל „די קאָוולער שטימע“ אונטער דער רעדאקציע פון יאנקל בוראק, א העברעאיש־אידישע חודש־שריפט „על המשמר“ און אנדערע פעריאָדישע אויסגאבעס. יוגנטלעכע סקויטישע און ספאָרט־אָרגאניזאציעס זיינען אנטשטאנען, ווי „הצופים“, „מכבי“, „השמונאי“ און אנדערע. עס האָט בכלל ווידער אָנגעהויבן צו שלאָגן אן אינטענסיוו אידיש



די „הצופים“, בעת דער אויפנאַמע פון פּילסודסקין אין קאָוולע
(אין פּראַנט -- לוסיע באַדאַראַוו).



פּאַרלאַך זאַמלער, אין אַ בלומען־טאָג לטובת דער „קראַנקן־קאַסע“, אין קאָוולע

פאַרוואַלטונג פון „טאז" אין קאָוולע

געזעלשאַפטלעך לעבן, כאָטש אין עקאָנאָמישן זין איז די לאַגע פון ניינציק און אפשר מער פּראָצענט פון דער אידישער באַפעלקערונג געווען זייער צרהדיק.

די פּוילישע רעגירונג, אין איר דראַנג און ווילן צו פאַרפּוילישן די „קרעסן", האָבן אָנגעהויבן צו באַזעצן אונזער געגנט מיט נייע פּוילישע פאַמיליעס אַראָפּגעבראַכטע פון קאָנגרעס-פּוילן. צומיינסטנס זיינען דאָס געווען אָרעמע באַדנלאָזע פּויערים. אויך זיינען צוגעקומען אין שטאָט, אַ סך נייע פּוילישע מלוכה-אָנגעשטעלטע און אייזנבאַנער, וואָס האָבן אָבער ווייניק-וואָס אויפלעבונג און אויסבעסערונג אַריינגעבראַכט מיט זיך אין עקאָנאָמישן זין. ווייל צוזאַמען מיט די נייע מושלים און נייע פּוילישע איינוואַנדערער איז אויך געקומען דער באַוואוסטער לאָזונג פון „סוואָי דאָ סוועגאָ" און אַנדערע ספּעציעלע אַנטיסעמיטישע געזעצן און רדיפות אויף אַלע געביטן פון אידישן לעבן זיינען געשאַפן געוואָרן, און אידן זיינען געוואָרן וואָס ווייטער, אַלץ מער פאַראָרעמטער און דערדריקטער.

צו יענער צייט, האָט די אידישע באַפעלקערונג אין קאָוולע געציילט קרוב צו 30 טויזנט נפשות. די קאָנסעקווענצן פון די ספּעציעל-אַרויפגעלייגטע שטייערן אויף אידן-סוחרים, אינדוסטריאַלן, קרעמער און בעלי בתים, שטייערן ווי: „דאַבאַדאָווע", „אָבראָטאָווע", „מאַיאָנט-

קאזוע", „מעשקאניאזוע" און אנדערע לאקאלע שטייערן וואס זיינען אלע מאל צוגעקומען, האבן שטארק פארשווערט די אזוי אויך שלעכטע עקאנאמישע לאגע פון די אידן און האבן ביי זייערע קליינע געשעפטן און מאגערע פרנסות, די דאזיקע שטייערן נישט געקענט צאלן. האט טאקע דאן א געוויסע צייט געשמט אין אונזער געגנט, ווי בכלל אין גאנץ פוילן, די טרויעריק-בארימטע „גראבסקים - עגלה" (גראבסקי איז דאן געווען פוילישער פינאנץ-מיניסטער), וואס האט צוגענומען דאס לעצטע פון שטוב ביי די, וואס האבן דעם געפאדערטן שטייער-באטרעף נישט געקענט באצאלן.

מען האט אנגעהויבן זען אין גאס א סך אידן, געוועזענע גרויסע סוחרים, געוועזענע גרויסע גבירים, איבערהויפט פון צווישן די צוריקגעקומענע פון רוסלאנד (וואו זיי זיינען געווען אין דער צייט פון דער מלחמה), בכבודיקע אידן און אינטעליגענטן, אויף וועמענס פנימער עס איז נאך געווען קענטיק זייער אמאליקע פאר-מלחמהדיקע גדולה און עשירות, ווען זיי האבן נאך אין שטאט, ווי מען זאגט, „געפירט שטאט" — ווי זיי גייען איצט מיט פאמעלעכע, געלאסענע טריט, אין דעם שבת-יום טובדיקן סערדוט אין דער וואכן (א סימן דלות), צוליב נישט האבן עפעס אנדערש וואס אנצוטון און בכלל וואס צו טאן. דאס זיינען גע-

די ארדנער און זאמלער, בעת א „בלימל־טאג" לטובת דער תלמוד־תורה
(אין צענטער ה' פרושאנסקי — פאטער).

חברים ביים געזעגנען אַ גרופּע עולים קיין ארץ ישראל.
עס שטייען: ערשטער רעכטס — לוסיע כאַדאַראָוו, ערשטער לינקס — אהרן ווערבא

ווען אידן, וואָס האָבן שוין פאַרלוירן זייער האָפענונג און גלויבן, צו דערלעבן בעסערע צייטן. דאָס זיינען געווען, מיט איין וואָרט, אידן-יורדים.

אָבער שטאָט האָט געוואוסט, געזען, און נישט געשוויגן. עס האָט זיך געשאַפן אַן ענגער קרייז פון מענטשן, וועלכע האָבן באַזאָרגט די דאָזיקע געציילטע יורדים-משפחות, מיט דאָס סאַמע נויטיקסטע צום לעבן, אויף אַ שטילן און געהיימען אופן. אַזוי אַז קיינער זאָל חלילה נישט באַמערקן. דאָס איז געווען דער אמתער מתן בסתר.

די גרינדער און אָנפירער פון „מתן בסתר“ זיינען געווען: אלטער דער מצבה-קריצער (שלום וועקסלבוים) און שמחה הינך.

דערביי ווילן מיר דאָ פאַרצייכענען, אַז עס זיינען געווען ביי אונז אין שטאָט עטלעכע פרויען. דווקא פון אָרעמען אָבער באַלעבאַטישן שטאַנד, וואָס פלעגן אַלע פרייטיק צונויפנעמען חלות, געלט און זיי צעטיילן, אין לינת-הצדק, ביקור-חולים, אין טורמע און אויך צו אַזעלכע פאַמיליעס וואָס נאָר זיי אַליין (די פרויען-זאַמלערינס) האָבן געוואוסט, אַז דאָרט נויטיקט מען זיך אין הילף.

אַזוי און אויף אַזאַ אופן, איז דאָס לעבן אָנגעגאַנגען ביי אונז אין שטאָט אין משך פון עטלעכע יאָר, און אָט-אָ דער צושטאַנד פון אונטערדריקונג פון איין זייט און פון ירידה פון דער צווייטער זייט, האָט נאָך מער, עקאָנאָמיש ווי מאָראַליש, צעבראָכן און רואינירט דער אידי-

שער באַפעלקערונג. אין אידן, מערסטנטייל אַזעלכע, וואָס האָבן שוין טאַקע נישט געהאַט קיין שום פּערספּעקטיוון, צו פאַרזיכערן זייער עקזיסטענץ, און עס איז זיי שוין געווען, באו מים עד נפש, האָבן אָנגעהויבן אויסצוואַנדערן מעבר לים.

אידן, מ׳שטיינס געזאָגט סוחרים, וואָס האָבן נישט פאַרדינט אויף די „פּאַדאַטקעס״ צו צאָלן, אידן בעלי מלאכות, וועמען מען האָט אָנגעהויבן דערגיין די יאָרן מיט „צעכן״, אידן אַרבעטער, וואָס זיינען אַרומגעגאַנגען אַרבעטסלאָז, און אידן סתם „שטעקל־דרייער״, איז ווער פון זיי עס האָט נאָר געקענט צונויפקלאַפּן אויף הוצאות, האָט זיך גענומען צום אויסוואַנדערן. מען האָט אָנגעהויבן „שפּאַלטן ים׳ען״. עס איז נישט אָנגעקומען אַזוי גרינג דאָס פאָרן, ווי מען קען זיך דאָס פאָרשטעלן, אָבער מען איז געפאָרן. ווער קיין נאָרד־אַמעריקע, אויב זיי האָבן באַקומען פון זייערע קרובים אַרויספאָדערונגס־פּאַפּירן; (עס האָבן זיך דאָן אויך געפונען אַגענטן, וואָס האָבן אָן „פּאַפּירן״, נאָר פאַר גוט באַצאָלט, אַריבערגעפירט קיין נאָרד־אַמעריקע אין די צענדליקער יונגעלייט), און ווער קיין אַרגענטינע, בראַזיל און אין אַנדערע לענדער.

קיין ארץ ישראל, זיינען אויך דאַן געפאָרן אַ סך פאַמיליעס און יחידים, וואָס אַ סך פון זיי זיינען געווען נישט דווקא פון אָרעמען שטאַנד. דאָס זיינען געווען אידן יונגעלייט ציוניסטן־אידעאַליסטן, וואָס האָבן ליקווידירט זייערע געשעפטן (אַזעלכע ווי: גייער, גיטעלים און אַנדערע), און זיינען געפאָרן קיין ארץ ישראל מיט דעם געדאַנק צו

מתפללים פון ריזשינער שטיבל, געזעגנען יאָסקע מאַנדעל (אין צענטער)
צו זיין עולה זיין קיין ארץ ישראל.

פריינט און געז. טוער, אויף אַ געזעגנונגס־אַקט פאַר פּראָפעסאָר ראובן ערליך צו זיין אָפּפאָרן קיין אַרגענטינע.

העלפן בויען דאָס לאַנד. אָבער אַ טייל פון זיי זיינען צום באַדויערן (צוליב דעם עקזיסטירנדיקן קריזיס דאַן אין ארץ ישראל), נאָך אַ קורצער צייט אָפּזיין דאָרט, זיך אומגעקערט קיין קאָוולע. אָבער די זעלבע האָבן די ליבע צו ארץ ישראל נישט אָנגעוואוירן און האָבן ווייטער געאַרבעט און פּראָפּאַגאַנדירט פאַרן ציוניסטישן געדאַנק און אידעאַל (ווייסברויט, גיטעלים און אַנדערע).

יאָרן זיינען געגאַנגען און געקומען אַלץ ערגער און שווערער. דער אַנטיסעמיטיזם איז געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער, אויף אַזוי ווייט, אַז עס איז אַפילו געקומען צו „עקסצעסן" מצד די אַנטיסעמיטישע יוגנטלעכע. די פּוילישע סטודענטן פון דער „מיערניטשי"־שולע, וואָס זיינען באַפאַלן און געשלאָגן אידן אין די גאַסן און צעראַבירט אידישע געשעפטן (אגב, האָבן אייניקע פון זיי, פון די סטודענטן־„מיערניקעס", דאַן געכאַפּט גוט אָנגעבראָכן די ביינער, און אַ פּאָר פון זיי האָט מען אַראָפּגעוואָרפן פון שטאָטישן ברוק אין וואַסער אַריין). ווער ס'האָט געקענט, האָט זיך געראַטעוועט, ווידער דורך עמיגראַציע. כאָטש וואָס ווייטער איז געוואָרן שווערער דאָס אַרויספאָרן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן צומאַכן די טויערן פון די איינוואַנדערונגס־לענדער. דאַך זיינען געוועזן אַזעלכע גליקלעכע וואָס האָבן ווי אינסטינקטיוו דערפילט, דעם אָנקומענדיקן שטורעם, דעם אָנקומענדיקן חורבן, און מען האָט זיך געריסן צו פאָרן וואו די אויגן האָבן געטראָגן. דאַן זיינען ווידער אַסך גרופּעס חלוצים געפאָרן קיין ארץ ישראל, וואו זיי זיינען שוין פאַרבליבן עד היום הזה.

אַט אַזוי, מער ווייניקער, האָט מען געלעבט און געליטן ביי אונז אין שטאָט, ביז אין יאָר 1939, ווען דער גרעסטער וועלט-רוצח, היטלער ימח שמו, האָט אָנגעצונדן די וועלט מיט דער צווייטער וועלט-מלחמה און ער האָט זיך פאַרמאָסטן אומצוברענגען דאָס גאַנצע אידישע פאָלק און זיין בלוטיקע לאַפּע, האָט פּונקט ווי צו אַלע אַנדערע אידישע שטעט און שטעטלעך, אויך דערגרייכט צו אונז אין שטאָט.

ווען דער דאָזיקער בלוטיק-שווידערלעכער צייט, וואָס קאָוולער אידן האָבן איבערגעלעבט, פון זינט דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט-מלחמה ביז זייער אומקומען על קידוש השם אין יאָר 1942, האָבן מיר ידיעות פון עדי ראיה, וואָס זיינען געווען אין קאָוולע אין דער צייט פון דער רוסישער און דייטשישער אָקופּאַציע, געלעבט צוזאַמען מיט די אידן דאָרט אין די געטאָס (לאָלא ראַכוואַרגער - קראַווטשינסקא, איציק פינקלשטיין, ביידע איצט אין אַרגענטינע און משה בעבטשוק, איצט אין פוילן), און עס איז זיי גליקלעכערווייז געלונגען זיך צו ראַטעווען און נישט אומקומען ווי עס זיינען אומגעקומען די גאַנצע קאָוולער עדה אידן דורך די דייטשישע און אוקראַאינישע מערדער און רוצחים, ימח שמם וזכרם.

קאַפּיטל י.

די צווייטע וועלט־מלחמה. — עס פאַרנעמען די שטאָט די סאָוועטן. — דאָס לעבן אין שטאָט אונטער רוסיש־סאָוועטישער מאַכט.

ווען ס'איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט-מלחמה און דייטשלאַנד איז באַפאַלן פוילן (דעם 1-טן סעפּטעמבער 1939), און עס איז צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד געשלאָסן געוואָרן דער באַוואוסטער „רוסיש-דייטשער" אָפּמאַך, וואָס האָט געבראַכט דערצו, אַז ביידע איבערגעדערמאַנטע מלוכות האָבן זיך איינגעטיילט מיט פוילן, איז אונזער שטאָט קאָוולע אַרונטערגעפאַלן אונטער דער רוסיש-סאָוועטישער מאַכט.

די רוסיש-דייטשע גרענעץ אין אונזער געגנט, איז דאַן געווען ביים טייך בוג, וואָס געפינט זיך אַ 70 קילאָמעטער פון קאָוולע צו מערב-זייט. עס איז דעמאָלט געווען אין שטאָט אַן אָנגעלויף פון אַ סך אידן, איבערהויפּט פון יונגע מענטשן, געקומענע פון יענער זייט בוג, וועלכע זיינען באַצייטנס אַנטלאָפן פון די פוילישע שטעט און שטעטלעך, וואָס זיינען שפּעטער פאַרנומען געוואָרן פון די דייטשע האָרדעס.

ווען די ערשטע סאָוועטישע טאנקען, מיט די מארשירנדיקע סאָלדאטן און אָפיצירן ביי די זייטן אין זייער פולער מיליטערישער באוואָפענונג האָבן זיך באוויזן אין שטאָט, האָט די אידישע באפעלקערונג זיי באגעגנט מיט בלומען אין די הענט און מיט וויוואט־אויסרופן פאר די נייע אָקופאנטן מיט זייערע אָנפירער.

די רוסן האָבן זיך איינגעאָרדנט אין שטאָט און עס איז איינגעשטעלט געוואָרן א קאָמיסאריאט, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט אלע שטאָטישע ענינים.

ווי זיכער די אידישע באפעלקערונג איז נישט געווען, אז עס וועט זיי קיין שלעכטס נישט געשען און אז די נייע מאכט וועט זאָרגן פאר דער באשפייזונג פון דער באפעלקערונג, האָט זיך דאָך באלד אָנגעהויבן פילן א מאנגל אין שפייז־ארטיקלען. עס האָט אָנגעהויבן אויספעלן ברויט, מעל און אנדערע לעבנס־מיטלען פון ערשטן געברויך.

עס זיינען דורך די רוסן באזעצט געוואָרן אלע עפנטלעכע אנשטאלטן און אינסטיטוציעס פון שטאָט און דער קאָמיסאריאט האָט ארויסגעגעבן א פאראָרדענונג, אז די גאנצע ציווילע באפעלקערונג דארף זיך רעגיסטרירן, וואָס איז, פארשטייט זיך, באלד אויסגעפאָלגט געוואָרן.

עס זיינען אויך דורך דער מיליטערישער שטאָטישער פארוואלטונג באזעצט געוואָרן א רייע גרויסע געשעפטן און אונטערנעמונגען, ווי יוסף שוחטס גאלאנטעריי־קראָם, כאסיסעס הורט־געשעפט פון באקאליי, ארמארניקס און צוקערמאַנס מילן און אנדערע ענלעכע גרויסע געשעפטן, צו וועלכע די אייגנטימער זייערע, זיינען נישט צוגעלאָזן געוואָרן און די סחורות און שפייז־ארטיקלען פון דאָרט זיינען אויספארקויפט געוואָרן צו דער באפעלקערונג צו ביליקע פרייזן.

אלע אנדערע קלענערע קראָמען און געשעפטן, קליינע פאבריקלעך און ווארשטאטן פון אלערליי פאכן און מלאכות, זיינען נישט באלעסטיקט געוואָרן און האָבן געקענט ווייטער אָנגיין מיט זייער האנדל און מלאכה ווי פריער, אָבער די מאכט האָט קאָנטראָלירט, אז די פרייזן זאָלן נישט זיין קיין צו הויכע.

עס האָבן זיך אויך געשאפן ארטעלן, אָנפירנדיק זיי געמיינזאם פון ארבעטער און געוועזענע בעלי בתים. דער רוי־מאטעריאל צו דער ארבעט אין די קליינע ארטעלן און פאבריקלעך, און די הויפט־שפייז ארטיקלען, ווי: פלייש, מעל און אנדערע, זיינען צוגעשטעלט געוואָרן, לויט א שטרענגן קאָנטראָל, דורך דעם באשפייזונגס־קאָמיסאריאט.

גלייכצייטיק, איז דערלויבט געוואָרן א קליינער פריוואט־האנדל, צווישן דער ציווילער שטאָטישער באפעלקערונג מיט די פויערים פון די

ארומיקע דערפער, וועלכע פלעגן קומען אין שטאָט אויף מארק־טעג און ירידים, צו פארקויפן זייערע דאָרפישע פראָדוקטן.

אין דער־אָ ערשטער צייט פון דער רוסישער אָקופּאַציע, זיינען ארויסגעשיקט געוואָרן פון שטאָט, קיין טיף־רוסלאנד, אלס פארדעכטיקע אין פּוילישן אָדער אין דייטשן פאטריאָטיזם, פיל פּאָליאקן מיט זייערע פאמיליעס. אויך אייניקע אידישע רייכע פאמיליעס (די ארמארניקס און אנדערע) זיינען ארויסגעשיקט געוואָרן אלס בורזשויען און אייניקע וואָס זיינען עובר געווען אויף די נייע באפעלן און פאראָרדענונגען, זיינען ארויסגעשיקט געוואָרן קיין סיביר.

יוסף שוהם, דער באקאנטער און אָנגעזעענער סוחר און גביר, איז אין דער צייט, ווען ס'זיינען פאָרגעקומען די ארויסשיקונגען, אומבאמערקט פון קיינעם און אומבאוואוסט אויף וואָס פאר אן אופן, פארשוואונדן געוואָרן פון שטאָט. געשמועסט האָט מען, אז פאר גוט באצאלט, האָט ער געקראָגן אן אעראָפּלאן, וואָס האָט אים אריבערגעפירט אין א זיכערן אָרט, ערגעץ אין אויסלאנד און איז פון דאָרט אוועק קיין נאָרד־אמעריקע (אָבער זיכער אין דעם איז מען נישט).

דאָס איז אלץ פאָרגעקומען אין די ערשטע פּאָר חדשים פון דער רוסישער אָקופּאַציע. אָבער שפּעטער, האָט דאָס לעבן אָנגענומען א מער רואיקערן און סטאבילן כאראקטער און מען האָט זיך שוין אָנגעהויבן צוגעוואוינען צום נייעם ארט לעבן און צום געדאנק, אז אזוי דארף עס זיין.

בפרט אז עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען פון פארשידענע קוועלן אומאָפיציעלע ידיעות און קלאנגען, ווי שרעקלעך בארבאריש די דייטשן, די נאצים, באגייען זיך מיט דער אידישער באפעלקערונג אין די שטעט און שטעטלעך אויף יענער זייט גרענעץ, דאָרט וואו די דייטשן געפינען זיך, איז מען אוודאי געווען צופרידן און גליקלעך, וואָס קאָוולע איז אריינגעפאלן אונטער דער רוסישער מאכט, וואו מיטן פיזישן לעבן איז דער איד זיכער און אין אנדערע פאלן אפילו פּריווילעגירטער פון דער פּוילישער באפעלקערונג.

פון דער צווייטער זייט אָבער, איז אויך געווען ביי א טייל אידן, א געוויסע אומצופרידנקייט (פארשטייט זיך, נישט קיין עפנטלעך ארויסגעוויזענע), צוליב דעם וואָס מען איז דאָך נישט געווען אינגאנצן פריי צו טון און צו האנדלען, וואָס מען וויל און ווי מען וויל, ווי מען איז געוואוינט געווען פריער ביי די פּאָליאקן. כאָטש בעת דער פּוילישער ממשלה האָבן אידן געליטן פון א שטארקן אנטיסעמיטיזם און מען האָט געהאט אויסצושטיין פארשידענע רדיפות און געשות, האָט מען שוין דאָס אלץ ווי פארגעסן, ווייל מען האָט זיך איצט געפילט נישט פריי

אין געבונדן די הענט צו מסחר און האנדל, נאָך מער ווי פריער.

אלֿין איז געווען אונטער קאָנטראָלֿ און שטרענגער אויפזיכט פון דער סאָוועטישער מאכט, אזוי ביי יעדער קלֿייניקייט פון האנדל און אינדוסטריע. דאָס טו נישט און יענץ פארקויף נישט. אלֿין האָט געמוזט זיין געמאַלֿדן און פארשריבן אין די געהעריקע מלוכה־אינסטאנצן, און עס האָט נישט געטאָרט קיין זאך, אפילֿו דאָס מינדסטע, געטאָן ווערן אָן דער געהעריקער דערלֿויבעניש פון דער מילֿיטערישער מאכט, אָדער ווען אפילֿו פון דער ציווילֿער, וועלֿכע איז געווען אונטערגעוואָרפן און האָט געדארפט אָפּגעבן דין וחשבון פון אלֿין, דער שטאָטישער מיליטערישער פארוואלֿטונג.

אַבער, ווי געזאָגט, איז מען צוביסלֿעך און מיט דער צייט, צוגעוואוינט געוואָרן צו דעם נייעם ארט לֿעבן און מען האָט, ווילֿנדיק נישט ווילֿנדיק, זיך צוגעפּאַסט צו אלֿין, וואָס איז יאָ אָדער נישט ניחא געווען, ווײלֿ קיין אנדער ברירה איז דאָך נישט געווען.

שטארק ווײ־געטון האָט די קאָוולֿער אידן, וואָס באלֿד ווי די רוסן זיינען אריין אין שטאָט, זיינען פארמאכט געוואָרן די העברעאישע גימנאזיע „תרבות" און דער בית־הספר „הרצליה" (שפּעטער איז געעפנט געוואָרן א אידישע גימנאזיע) און די אידישע נאַציאָנאַל־שטודירנדיקע יוגנט ,וועלֿכע האָט זיך ביז איצט דערצויגן און אויסגעלעבט אין העברעאיש, האָט נישט געהאט וואו צו פאָרזעצן זייער לערנען. אין חדרים פון אלֿטן שניט האָט מען יאָ דערלויבט צו לערנען מיט קינדער, און לֿערער פון די פארמאכטע שולֿן האָבן געגעבן לעקציעס פריוואט אין אידישע היימען.

אלֿע שילֿן און בתי מדרשים זיינען ווייטער געווען אָפן און פריי פאר אידן מתפּלֿלים ווי פריער, אויסער דעם שטאָטישן גרויסן בית המדרש, וואָס איז דורך די רוסן פארנומען געוואָרן פאר א מיליטערישן מאגאזין.

דאָס אידישע נאַציאָנאַל־געזעלֿשאפטלֿעכע לֿעבן אין שטאָט, און אלֿע אירע פאָרמען און שאטירונגען, ווי עס איז געווען איינגעשטעלט און טעטיק פריער, איז געוואָרן אָפּגעשטעלֿט און איבערגעהאקט און עס האָט זיך איצט באגרענעצט נאָר צו עקאָנאָמישער און סאָציאלֿער אָדער פילֿאנטראָפּישער הילֿפס־ארבעט.

די יוגנט פלֿעגט זיך צונויפקומען צו פארוויילן אין די אָוונטן אין די טאנץ־זאלֿן און אין אנדערע פארוויילונגס־פלֿעצער, ווי טעאטער און קינאָ. א סך יוגנטלֿעכע זיינען אריינגעטראָטן אין סאָוועטישע רעגירונגס־אנשטאלֿטן און ביוראָס, וואו זיי האָבן פארנומען אמטן. מענער אין מילֿיטערישן עלֿטער זיינען גערופן געוואָרן צו מיליטער־דינסט, אוועק־

שיקנדיק זיי קיין רוסלאנד אין באשטימטע רעספעקטיווע דינסט-פלעצער.

אין דער־א צייט האט פאסירט א פאל, וואס האט געמאכט א גרויסן רושם אין שטאט. א פאר־פאלק וואס האט געהאט נאך פון פריער מיט א צייט ארויספאדערונגס-פאפירן פון זייערע קרובים קיין ארץ ישראל, האט די סאוועטישע רעגירונג, נאך לאנגע באמיאונגען, דערלויבט זיי ארויסצופארן. אין דעם טאג ווען זיי זיינען פון שטאט ארויסגעפארן, האבן אידן, גרויס און קליין, מיט קנאה-בליקן זיי ארויסבאגלייט און זיי שטארק מקנא געווען, וואס זיי האבן דאס גליק און די זכיה ארויסצופארן, און זיך געוואונטשן אין דער שטיל, אויך צו דערלעבן אזעלכע ניסים, ווי דעם גליקלעכן פאר-פאלק איז געשען.

אין אזעלכע באדינגונגען, איז אנגעגאנגען דאס לעבן אונטער דער נייער רוסישער הערשאפט, א צייט פון 7 חדשים. ביז אין איינעם א פרימארגן, האבן זיך אויף די ווענט פון די הייזער איבער אלע גאסן, באוויזן מעלדונגען אין וועלכע עס האט זיך געזאגט, אז יעדער איינער וואס וויל אריבערפארן אויף דער דייטשער זייט, כדי זיך צוריק צו פאראייניקן מיט זיין פאמיליע, וואס געפינט זיך דארט, זאל זיך רעגיסטרירן, וועט אזא דערלויבעניש ארויסגעגעבן ווערן.

עס האבן זיך פאררעגיסטרירט א סך אידן און קריסטן, וועלכע האבן געהאט זייערע משפחה־מיטגלידער אין פוילן אויף יענער זייט אונטער דייטשער אקופאציע. און ווען עס זיינען אריבער א דריי חדשים נאך דעם ווי מען האט זיך פאררעגיסטרירט, — דאס איז געווען דעם 10-טן יולי 1940, דריי אזייגער פארטאג, — האט מען אויפגעוועקט די אלע אידן וואס האבן זיך פארשריבן אויף אריבערצופארן אויף דער דייטשער אקופירטער זאנע און מען האט זיי דערלויבט צו נעמען מיט זיך נאר א קליין פעקעלע מיט די סאמע נויטיקסטע זאכן אויפן וועג (אביסל קליידער און שפייז) און מען האט זיי צונויפגעזאמלט אויף איין פלאץ און פון דארט זיי אוועקגעשיקט קיין טיף־רוסלאנד (עס האט נישט געהאלפן קיין בעטן און קיין אינטערווענירן, אגב איז אויף דעם אויך קיין צייט נישט געווען, אזוי בליץ-שנעל איז עס געמאכט געווארן). דאקעגן די פאררעגיסטרירטע פאליאקן, דייטשן און אוקראינער, זיינען אריבערגעשיקט געווארן, אזוי ווי מען האט זיי צוגעזאגט, — אויף יענער זייט גרעניץ, קיין פוילן אונטער דייטשער אקופאציע.

די אידישע באפעלקערונג האט אין יענעם מאמענט, נישט געקענט פארשטיין, די האנדלונג פון דער סאוועטישער מאכט בנוגע די אידן, א האנדלונג וואס האט אויסגעזען ווי אן אפן־ארויסגעוויזענעם אומצוטרוי צו זיי און א שלעכט באנאנגענע, — אויפן מאמענט — טאט. כאטש דאס האט שפעטער געבראכט דערצו, וואס די ארויסגעשיקטע

זיינען א דאנק דעם געראטעוועט געוואָרן פון אומקום. אָבער אויפן מאָמענט, איז עס, — ווי געזאַגט, — געווען א רעטעניש און אן אומפארשטענדלעכקייט.

אן אומפארשטענדלעכקייט דערפאר, ווייל די געהאָרכזאמקייט און לאָיאליטעט פון דער אידישער באפעלקערונג לגבי דער סאָוועטישער מאכט זיינען געווען פּולקאָם און אזעלכע זיינען זיי פארבליבן אויך אויף ווייטער, כאָטש מיט א געוויסער באהאלטענער אומצופרידנקייט, צוליב די געענדערטע לעבנס־פאָרמען אין גייסטיק־נאציאָנאלן ווי אין עקאָנאָמישן זין, צו וועלכע אידן האָבן זיך געמוזט (זאָל זיין נישט בטוב) צופאסן, ווייל אזוי איז געווען דער באפעל און דער געזעץ פון דער נייער מאכט.

אין דעם־א שטייגער איז דאָס לעבן אָנגעגאנגען ביז דעם 22־סטן יוני 1941, ווען די דייטשן ימה שמם, זיינען פלוצים און אומגעריכט באפאלן רוסלאנד.

קאָפּיטל יא.

ווען די דייטשן זיינען באַפאלן רוסלאַנד און ביז זיי זיינען אריין אין שטאָט

אין א זומערדיקן אָוונט פון זונטיק דעם 22־טן יוני 1941, ווען אין שטאָט איז אלץ געווען אזוי רעלאטיוו רואיק און שטיל און ווי געוויינלעך אין א זונטיקדיקן טאָג, איז מען זיך צוזאמענגעקומען, ווער ביי פאמיליעס צו פארברענגען אביסל און ווער ס'איז געווען אויף א געזעלשאפטלעכער אונטערנעמונג. די יוגנט האָט זיך געוויילט, ווער אין א טאנץ־זאל און אנדערע האָבן סתם שפּאצירט איבער די גאסן און געמיטלעך געשמועסט, האָט מען פלוצים דערהערט א שטארקן גערויש פון אָנקומענדיקע אעראָפּלאנען, וואָס האָט גערופן די אויפמערקזאמקייט פון אלעמען.

כאָטש עס איז נישט געווען קיין זעלטנהייט צו הערן אן אעראָפּלאן־גערויש און זיי זען אָפּט פליען איבער דער שטאָט, האָט מען אָבער דאָס מאָל ווי דערפילט אן אנדערשקייט ווי שטענדיק. עפּעס ווי אן אומרואיקער פאָרגעפיל פון אומזיכערקייט און שרעק האָט אלעמען ארומגענומען, דערהערנדיק גאָר פלוצים אין דער שטילער און געמיטלעכער זונטיקדיקער נאכט, דאָס אָנקומען פון א מחנה אעראָפּלאנען, זיך צעשפּרייטנדיק איבערן אויסגעשטערנטן הימל, ווי רויב־פייגל.

אלע זיינען ארויס פון די הייזער אויפן גאס ארויס, צו זען וואָס ס'איז פלוצים געשען, און וואָס זיינען דאָס פאר א אעראָפלאנען, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין מיטן דער נאכט און אזוי פיל פאר אמאָל. אלע האָבן געקוקט מיט פארריסענע קעפ צום הימל, און אידן האָבן ארויסגעזאָגט פארשידענע השערות און סברות.

איניקע האָבן פארשטאנען, אז דאָס זיינען סתם מאנעווערס פון די סאָוועטישע לופט-כוחות; אנדערע — אז דאָס שיקט מען זיכער מיליטער דורכן לופט־וועג צו דער דייטשער גרענעץ, כדי צו פארשטארקן די פּאָזיציעס דאָרט, ווייל עפּעס רעדט מען און עפּעס האָט מען געהערט זאָגן, וועגן זאכן וואָס גייען איבער פון מויל צום אויער, אז נישט אלץ איז גלאטיק און אז נישט אלין איז אין אָרדענונג צווישן רוסלאנד מיטן נייעם „פריינט", צו ווען מ'האָט מלכתחילה נישט געהאט קיין גרויס צוטרוי, אָבער מען האָט געמוזט ווייזט אויס, אויף דערוויל מאכן א שטיקל אָפּמאך, צוליב פארשידענע דיפלאָמאטישע און מיליטערישע איסרעכענונגען און ענינים, כדי זיך בעסער צוגרייטן מיליטעריש און באוואָרענען די גרענעצן א. א. וו.. אזוי זיינען אידן געשטאנען און האָבן גערעדט צווישן זיך, ווי דער שטייגער איז.

אויך רוסישע מיליטערלייט, סאָלדאטן און אָפיצירן, וואָס האָבן פארבראכט די נאכט אין זייערע קלובן און פון זייערע פריוואטע וואוינונגען, זיינען ארויס אויפן גאס און געשטאנען און געקוקט צום הימל, אביסל איבערראשטע און פארוואונדערטע. עס האָט זיי אליין, ווייזט אויס אויך געחידושט אָט דער פלוצימדיקער אעראָפלאנען־אָנקום אין אזא גרויסער צאָל, און אויך ביי זיי האָבן זיך צעטיילט די מיינונגען וועגן זייער אָפּשטאם, פון די אעראָפלאנען, הייסט עס. עס איז דאָך געווען אין אָוונט, גוט באמערקן זיי, האָבן זיי נישט געקענט, ווייל זיי זיינען געפלויגן זייער הויך. אָבער דאָך איז מען געקומען צום באשלוס אז דאָס זיינען „נאשי", אונזערע, רוסישע הייסט עס. אזוי האָבן די סאָלדאטן און אָפיצירן בפירוש געזאָגט: „טאָ נאשי".

און וויבאלד אן אָפיציר אליין האָט געזאָגט, ווייסט ער דאָך וואָס ער רעדט, איז דאָך נישטאָ וואָס מורא צו האָבן און פארוואָס זיך צו באאומרואיקן, און מען איז טאקע אביסל באַרואיקטע צוריק אריין אין די שטיבער. אָבער עס איז געווען א געמאכטע רואיקייט, ווייל עס האָט אינערלעך דאָך ווי געשראָקן און געוואָרנט, אז עפּעס נישט קיין גוטס איז צו דערווארטן, סיי ווען די אעראָפלאנען זאָלן זיין רוסישע אָדער נאָר דייטשע. און די נאכט איז שוין אין די אידישע הייזער אינגאנצן רואיק נישט אריבער.

און אזוי ווי דאָס הארץ האָט פיל אידן פאָראויסגעזאָגט, האָט מען

גלייך מיטן פרימאָרגן, ווי נאָר עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן, דערהערט ווידעראַמאָל דאָס אָנקומען פון א גרויסער צאָל עראָפּלאַנען איבער דער שטאָט, און באַלד האָבן זיך דערהערט שטאַרקע אויפרייסן פון געפלאַצטע באָמבעס, וואָס האָבן געמאַכט אויפציטערן די לופט.

איבערגעשראָקענע זיינען אַלע ארויס פון די שטיבער אויף דער גאַס ארויס, זען וואָס ס'איז געשען. דאָס מאָל האָט מען זיך שוין איבערציגט אז דאָס זיינען דייטשע עראָפּלאַנען, און אז עס זיינען אראָפּגעפאַלן באָמבעס נאָענט פון וואָקזאַל און אויף „קאָוועל ווטאָראָי“, נישט ווייט פון די באַן-ליניעס, אויך אויפן „זאַמד“, אויף א גאָרטן נעבן דער „קראַסאַוויצעס“ הויז זיינען אראָפּגעפאַלן באָמבעס. עס זיינען פון די באָמבעס צעשטערט געוואָרן עטלעכע הייזער און עס זיינען אומגעקומען עטלעכע מענטשן.

א מורא און א שרעק האָט יעדן איינעם ארומגענומען פון דער-א פּלוצימדיקער און אומדערוואַרטעטער באָמבאַדירונג. די גיכע-הילף-קעטשלעך זיינען ארומגעלאָפן איבער דער שטאָט, צונויפצונעמען די פאַרוואונדעטע און געלאָפן פון איין אָרט צום צווייטן, צו לעשן די אין פלאַמען-שטייענדיקע הייזער.

דאָס מיליטער וואָס איז געווען איינגעקוואַרטירט אין די קאַזאַרמעס אויף דער „גאָרקי“ און אין פּריוואַטע הייזער, האָט מען געזען, אז זיי הייבן זיך אָן צוגרייטן אין א בהלהדיקער איילעניש. מיליטערישע אויטאָס, טאַנקען און אנדערע מיליטערישע עקיפּן און מלחמה-מכשירים. וואָס זיינען געשטאַנען אין שטאָט, האָבן זיך באַוויזן אין די גאַסן אין זייער פולער אויסשטאַטונג און באַוואָפענונג. אויך רוסישע עראָפּלאַנען האָט מען שוין געזען ארומפליען און די בהלה און שרעק איז געוואָרן גרויס אין לשער, ווייל עס איז שוין באַוואוסט געוואָרן, אז דייטשלאַנד איז אומגעריכט באַפאַלן רוסלאַנד און מען האָט באַלד דערפילט, אז א גרויס אומגליק רוקט זיך אָן.

צוליב דער מורא פאַר ווייטערדיקע באָמבאַרדירונגען, איז מען געלאָפן ארויס, אויסער דער שטאָט, אין די פעלדער און אין די וועלדלעך. ווער עס האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין די קעלערס און אין די פעסט-געמויערטע הייזער און א סך אידן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן צוזאַמען מיט קריסטן אין נייעם גרויסן „קאָסטשיאָל“, וואָס נעבן „פּאַמיאַטניק“, וואָרהין דער גלח פון דאָרט האָט איינגעלאַדן אויך דער אידישער באַפעלקערונג, צו קומען אהין זיך צו באַשיצן פאַר די באָמבאַרדירונגען.

עטלעכע טעג האָט אָנגעהאַלטן די פּאַניק אין שטאָט. עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען פון קריגס-פראָנט א סך פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן אין די שפּיטאָלן זיינען איבערגעפילט געוואָרן מיט זיי. אויך שולן, שילן

און אנדערע הייזער און אנשטאלטן זיינען אויף גיך פארוואנדלט געוואָרן אין לאזארעטן פאר דער גרויסער צאָל אָנקומענדיקע פארוואונדעטע סאָלדאטן, וואו זיי האָבן באקומען די ערשטע הילף און זיינען גלייך אָפּגעשיקט געוואָרן ווייטער.

פון די אָפטע באָמבארדירונגען און איבערשיסונגען אין דער לופט, צווישן די דייטשע און רוסישע עראָפּלאנען, זיינען די מענטשן געוואָרן ווי צעמישט און זיינען געלאָפן פון איין אָרט צום צווייטן, נישט וויסנדיק וואָס אָנהויבן צו טון און ווי אזוי ארום זיך צו ראטעווען.

געזען האָט מען אז דער פראָנט דערנענטערט זיך צום שטאָט פון טאָג צו טאָג און אפילו פון שעה צו שעה, ווייל ווי באוווסט איז דער אָנפאל פון דייטשלאנד אויף רוסלאנד געווען אן אומגעריכטער און א פאררעטערישער. האָבן די אין קלענערע אין צאָל דאן רוסישע ארמייען, זיך נישט געקענט אויפן ערשטן מאָמענט, קעגנשטעלן מיט דער גאנצער קראפט און האָבן געמוזט צוריקטרעטן.

א מעלדונג איז ארויסגעגעבן געוואָרן, אז ווער פון די אידן וואָס וויל, קען מיטפאָרן מיטן רוסישן אָפּטרעטנדיקן מיליטער. האָבן א סך אידישע יונגעלייט ווי אויך עלטערע אידן, זיך אָנגעשלאָסן אין די „עשאלאָנען” מיליטער און מיטגעפאָרן מיט זיי; ווער מיט דער באן, ווער מיט פערד און וואָגן און אפילו נאָכגייענדיק צו פוס.

עס זיינען געפאָרן מערסטנטייל אזעלכע, וואָס האָבן זיך געפילט נישט אינגאנצן כשר פּאָליטיש, פאר דער דייטשער נאצי־רעגירונג; אזעלכע וואָס האָבן געארבעט אין רוסישע רעגירונגס־אנשטאלטן א. א. וו., און עס זיינען געפאָרן אזעלכע אידן, וואָס האָבן סתם זיך געשראָקן און געציטערט פארן בלויזן נאָמען נאצי־דייטש. אָבער דער גרעסטער טייל, אפשר 90 פּראָצענט פון דער אידישער באפעלקערונג זיינען געבליבן אין שטאָט, זיך נישט פאָרשטעלנדיק און זיך נישט ריכטנדיק אויף דעם גרויסן אומגליק און גרויסן בראָך, וואָס עס דערווארט זיי.

עס זיינען געווען פאלן, וואָס מענער, וועלכע האָבן געמוזט אוועקפאָרן און האָבן געקענט אויך מיטנעמען זייערע פרויען און קינדער, האָבן אָבער די לעצטע (די פרויען) נישט געוואָלט פאָרן, צוליב דעם נארישן געדאנק, פון אָפּהיטן דאָס הויז און דאָס ביסל בעל-הבתישקייט, וואָס ס׳איז זיי געווען א שאָד איבערצולאָזן אויף הפקר. און א סך, גאָר א סך אידן האָבן דווקא יאָ געוואָלט פארלאָזן די שטאָט, אָבער עס איז שוין פאר זיי אין ערגעץ קיין פלאץ נישט געווען.

איידער מען האָט געהאט צייט זיך אומצוקוקן, וואו מען איז אין דער וועלט און וואָס אָנצוהויבן צו טאָן, זיינען שוין אלע וועגן ווייט אונטער דער שטאָט, פארנומען געוואָרן דורך דייטשע סאָלדאטן און

אוקראינישע באנדעס און עס איז שוין נישט געווען ווי אזוי ארום צו אנטלויפן. דאָס איז געשען א דאנק דעם פארראט און פינפטע קאָלומניקעס פון א סך אוקראינער, וועלכע האָבן אָנגעפירט אַן אונטערערדישע ארבעט לטובת דייטשלאנד און אזוי ארום צוגעהאָלפן צו א שנעלערן דערנענטערן זיך פון קריגס-פראָנט צו דער שטאָט.

שבת דעם 28-טן יוני 1941 האָבן די דייטש-נאציסטישע האָרדעס פארנומען קאָוולע.

קאפיטל יב.

קאָוולע, אונטער דייטש־נאציסטישער מאכט. — דער אכזריות'דיקער טויט פון טריסקער רבין ר' וועלוועלע

ווען די דייטש-נאציסטישע ארמייען זיינען אריין אין שטאָט, האָבן נאָך אייניקע הייזער, אין די זייטיקע טיילן פון שטאָט און נאָענט ארום וואָקזאל געברענט פון די געטראָפענע באָמבעס און פון די נאָר-וואָס פאָרגעקומענע איבערשיסונגען און קיינער האָט זיך גאָרנישט פארנומען זיי צו לעשן.

די שטאָט גופא אבער, איז געבליבן כמעט גאנץ און אומבאשעדיקט. אידן האָבן ווידער געזען אין דעם די אלטע ברכה פון ניסכיזשער צדיק ז״ל, וואָס האָט אמאָל צוריק מיט יאָרן געבענטשט קאָוולע, אז איבער דער שטאָט וועלן קיין שריפות קיין שליטה נישט האָבן.

די מערסטע טייל פון דער אידישער באפעלקערונג, האָבן זיך באהאלטן אין די הייזער און קעלערס, מורא האָבנדיק ארויסצוגיין אין ערשטן מאָמענט אין גאס אריין.

אין זעלבן פרימאָרגן, האָבן זיך אייניקע אידן, וועלכע האָבן זיך געפונען ביי באָקסערן אויפן הויף, געוואגט ארויסצוגיין פון זייער דאָרטיקער באהעלטעניש און האָבן אָנגעטראָפן אויף דורכמארשירנדיקן מיליטער, זיינען זיי אלע, 22 אין צאָל, אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן. צווישן זיי איז געווען דער יונגער אדוואָקאט יעקב גובערמאן. דאָס זיינען געווען די ערשטע קרבנות.

לויט דעם באפעל פון די ערשטע מעלדונגען, אויפגעקלעפטע אויף די ווענט דורך דער דייטשער מאכט, זיינען די קהילה-אָנפירער ווילי פאָמעראנץ, משה פערל, ווידרע און נאָך אייניקע בעלי בתים מיטן ראש הקהילה הרב נחום משה טווערסקי בראש, געגאנגען זיך מעלדן צום שטאָט-קאָמאנדאנט קעמפף.

א באפעל האָט קעמפּף זיי געגעבן, אז אלע געשעפטן און אונטערנעמונגען מוזן זיין אָפן און אויף די זעלבע און אויך אויף אלע פריוואטע אידישע הייזער זאָלן אויפגעהאנגען ווערן, געל־געפארבטע טאָוולען. אלע אידישע מענער, פרויען און קינדער, מוזן טראָגן אויף זייער אָרעם א ווייסן באנד מיט א בלויען מגן דוד. דער באפעל איז, פארשטייט זיך אויסגעפילט געוואָרן.

ווען די געשעפטן זיינען געעפנט געוואָרן, האָבן זיך באוויזן א סך אוקראינער פויערים, איבערהויפּט יונגע שקצים, און האָבן גענומען וואָס נאָר זיי האָבן געוואָלט, פאר נישטיקע פרייזן, און א סך האָבן גאָרנישט באצאָלט.

אין א סך געשעפטן זיינען אריין דייטשע זעלנער און ציווילע אוקראינער און סתם געראבעוועט. אלין וואָס איז זיי געקומען אונטער דער האַנט, פון איינריכטונגען און מעבל־זאכן, האָבן זיי צעבראָכן און זיי ארויסגעוואָרפן אויפן גאס. די דורכגייענדיקע אין גאס דייטשע מיליטארן, האָבן צוגעזען ווי אידיש האָב און גוטס ווערט צעראבירט און פארניכטעט און האָבן ווילד הנאה געהאט פון אזעלכע, פאר זיי, פארוויילנדיקע ספעקטאקלען.

אין א פאָר טעג ארום, איז דורך דער דייטשער מאכט צוזאמענגעשטעלט געוואָרן א פּאָליציי־באנדע, אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען א גרויסע צאָל אוקראינישע שקצים־כוליגאנעס פון צווישן קאָוולער איינוואוינער גופא און אויך פון די ארומיקע דערפער.

דער אָנפירער פון די אוקראינישע רוצחים־פּאָליציאנטן איז געווען דער ד״ר פּיראָגאָוו (א קאָוולער איינוואוינער) און זיין פרוי. וועלכע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אירע מערדערישע מעשים לגבי די אידן, נאָך מער ווי איר מאן.

שעף־קאָמאנדאנט פון דער אוקראינישער פּאָליציי איז געווען איינער א דייטש א באנדיט מיטן נאָמען מאנטעל.

אין אָט אזעלכע באדינגונגען, איז זיך פאָרצושטעלן, וואָס די אידישע באפעלקערונג אין שטאָט האָט איבערגעלעבט און אין וואָס פאר א פארצווייפלטער לאגע זיי האָבן זיך געפונען. מען האָט אָנגעהויבן בשתיקה אויסצובאהאלטן פארשידענע שפייז, לעבנסמיטל און ווערטזאכן און בכלל אלץ וואָס האָט וועלכע־נישט־איז ווערט געהאט, כדי אפשר וועט מען קענען פאר דעם אין אן עת צרה ראטעווען דאָס לעבן.

א באפעל איז ארויסגעגעבן געוואָרן, אז פאר אידן איז פארבאָטן ארויסצוגיין אין גאס פון פאר 10 אזייגער אין דער פרי און פון נאָך 6 אזייגער נאָכמיטאָג. א סך אידן זיינען אין גאס באפאלן געוואָרן פון אוקראינישע ציווילע און דייטשע סאָלדאטן און נאָכדעם ווי מען האָט

זיי גוט צעשלאָגן, האָט מען זיי די בערד אַפּגעשניטן און מיט חוזק און ווילדן געלעכטער זיי אַפּגעלאָזן.

דעם טריסקער רבין ר׳ וועלוועלע, ווען די דייטשן האָבן באלד נאָך זייער אריינקומען, געפאַדערט אז ער זאַל זיך צושטעלן צום קאָמאנ־דאנט קעמפּף, און ער האָט זיך א צייט אויסבאהאלטן, האָט מען נאָכדעם ווי מען האָט אים געפונען אין זיין באהעלטעניש, — ארעסטירט, און נאָכן אפּהאלטן אים עטלעכע טעג א פארשפארטן און א פארפייניקטן אין טורמע, נישט צולאָזנדיק צו אים קיינעם און אויך נישט קיין עסן און טרינקען, האָט מען אים דעם רבין ר׳ וועלוועלע, דעם קאָפּ אָפּגעשניטן און אים אריינגעשטעלט אין א שוי־פענצטער פון דער אוקראיני־שער קאָאָפּעראטיווע און דאָרט איז דער אָפּגעשניטענער קאָפּ געשטאנען עטלעכע טעג. אוקראינער זיינען געגאנגען קוקן אויפן בייזן וואונדער. וואָס מען האָט דעם „זשידאָווסקי ראבין“ געטון, און אידן?...

אידן, האָבן אין דער שטיל, מיט גרוים ווייטיק אין הארצן, באַ־וויינט און באקלאָגט דעם שרעקלעכן און אכזריותדיקן טויט פון דעם לעצטן פון דער גזע רביים און גאונים, דעם קדוש וטהור ר׳ וועלוועלע, זכר צדיק לברכה.

אין א פּאָר וואָכן ארום, נאָכדעם ווי די דייטשן האָבן זיך געפונען אין שטאָט, איז אויפן באפעל פון קעמפּף׳ן געשאפן געוואָרן א יודנראט צווישן וועלכע עס האָבן פיגורירט די אָנגעזעענסטע כלל־טוער פון שטאָט: משה פערעל, ווידרע, שלמה מאנדעל, ד״ר קאָהן (א לאָדזשער איד), צוקער, קהתל לעווינס איידעם און נאָך א 10 אידן פון די חשוב־סטע בעלי בתים פון שטאָט מיט ווילי פּאָמעראנץ בראש אלס פּאָרזי־צער.

דאָלמעטשער (איבערזעצער) צווישן יודנראט און דער קאָמאנדא־טור איז געווען וועווקע באקון. אלס אָנגעשטעלטע אין יודנראט זיינען געווען: יונה פערלמוטער און קאפּטשוק, אלס בוכהאלטער — גראניטש.

קאָמיסאר פון ארבעטס־אמט איז געווען איינער א לאָדזשער „פאָלקס־דויטשע“, א רשע־מרושע און א שונא־ישראל מיטן נאָמען וויענסקי.

דער יודנראט האָט אים געמוזט צושטעלן, טאָג־טעגלעך א געוויסע צאָל אידישע ארבעטער. די אידישע פּאָליציי ביים יודנראט, צווישן וועלכע עס זיינען געווען: באס, ערליך (שרהקע ערליכס זון), ליאָווע מלמד און אנדערע יונגעלייט פון קאָוולע גופא און פון די אריינגעפּאָ־רענע, — האָט געדארפט אלע טאָג פירן די ארבעטער צו דער ארבעט און ברענגען זיי צוריק פון דאָרט.

קעמפף האָט אלע טאָג געגעבן דעם יודנראט אנדערע באפעלן און פאראָרדענונגען, איינער ערגער פון די אנדערע. ער האָט באפוילן אים צוצושטעלן פארשידענע מעבל, געשיר, און אלערליי חפצים און מלבושים. וואָס נאָר ס'איז אים איינגעפאלן אין זיין נאצישן קאָפּ, האָט ער באלד פאררופן צו זיך א פאָרשטייער פון יודנראט און האָט געגעבן א קורצן טערמין, אז די דורך אים פארלאנגטע זאכן, מוזן צו דער צייט צוגעשטעלט ווערן. אין קעגנטייל האָט ער געדראָעט אלעמען צו דערשיסן.

איינמאָל האָט קעמפף געפאָדערט א גרויסע צאָל פעלצן (פוטערס) פאר די אפיצירן און די געפאָדערטע צאָל איז צו דער געהעריקער צייט צוגעשטעלט געוואָרן, אָבער באלד נאָכדעם האָט גערופן די אויפמערקזאמקייט דער פאקט, וואָס מען זעט נישט מער באקונען אין גאס און אידן האָבן זיך אנגעהויבן פאראינטערעסירן, כדי זיך צו דערוויסן וואָס מיט באקונען איז געשען. און מען איז געוואויר געוואָרן, אז קעמפף האָט נאָכן צונעמען ביים יודנראט די פעלצן, איז אנשטאָט איבערצוגעבן זיי צו זיינע העכערע באהערדן, האָט ער זיי ערגעץ אויסבאהאלטן. באקון האָט דערפון געוואוסט. אזוי ווי ער האָט געוואוסט פון א סך קעמפף'ס „שיינע” מעשים, האָט אים קעמפף געהייסן פארלאָזן קאָוולע און מען ווייסט נישט וואו ער איז אהינגעקומען. אנדערע האָבן געוואוסט צו דערציילן, אז קעמפף האָט באקונען שטילערהייט דערשאָסן.

אין א פאָר וואָכן ארום, איז קעמפף אוועק פון שטאָט און אויף זיין פלאץ איז געקומען א צווייטער, מיטן נאָמען קאסנער. דאָס איז געווען א היה, א ווילדע חיה אין א מענטשן-געשטאלט, א רוצח און א סאדיסט, וואָס האָט הנאה געהאט פון מענטשלעכע ליידן און יסורים. ער פלעגט שלאָגן און הרגענען אידן אָן א שום סיבה. ווען מען פלעגט אים נאָר דערזען אין גאס, איז באפאלן א פחד און א מורא. ער פלעגט גיין אין גאס באגלייט פון א מוראדיקן גרויסן הונט מיט אן „אראפניק” אין האנט. ווען ער האָט זיך אנגעשיכורט, אָדער סתם אזוי, נאָך א הוליאנקע מיט זיינע חברים, פלעגט ער שפעט אין אָוונט ארויסגיין מיט זיי זיך פארוויילן; און די בעסטע פארוויילונג זיינע איז געווען, צוצוגיין צו אידישע הייזער און אריינשיסן דורך די פארמאכטע לאָדנס אין די פענצטער אריין און פון גרויס הנאה, וואָס אידן אין די הייזער האָבן זיך אויף טויט דערשראָקן און קינדער האָבן זיך צעוויינט, האָט ער הויך אויפן קול געריטשעט פאר געלעכטער. דער פחד און די מורא אין די נעכט איז געווען אזוי גרויס, אז ווען מען פלעגט פון די שטיבער ארויס, הערן בילן א הונט אויפן גאס, האָט מען מורא געהאט אז דאָס גייט קאסנער און וועט ווידער שיסן אין די פענצטער.

א באפעל האָט קאסנער געגעבן, אז אלע אידישע מענער זאָלן זיך

אָפשערן און אָפגאָלן. אויך איינִיקע פרויען האָבן לויט זיין ווילדן קאפריז זיך געמוזט אָפשערן די האָר פון קאָפ ביז צו דער הויט.

אידן האָבן אליין נישט געטאָרט שעכטן, נישט קיין קו, נישט קיין עוף אפילו — גאָרנישט. בכלל האָבן אידן נישט געטאָרט האנדלען פריי, מיט קיין שום זאך. אלץ איז געווען צו באקומען נאָר אויף קארטן, אויסגעטיילטע אין קלענסטן מינימום, קוים די נשמה צו דערהאלטן.

דאָך, ווי שטרענג און געפערלעך עס איז נישט געווען, האָט מען זיך ווי ס'איז נישט מיט שפייז אן עצה געגעבן. באהאלטענערהייט האָט מען צווישן זיך אויך מיט גויים צוגעהאנדלט און אזוי ארום באקומען לעבנס-מיטלען אויסער די קארטן. עס פלעגן פויערטעס פון דערפער און פון די וואָס האָבן געוואוינט אונטער דער שטאָט, ברענגען פארשטעלטערהייט פארשידענע שפייז, גרינצייג און אנדערע זאכן, וואָס אידן האָבן אָפגעקויפט ביי זיי פאר גוט געלט און אויך קצבים פלעגן פון צייט צו צייט, אין געהיים שעכטן, ווער א קעלבל און ווער טאקע א קו און דאָס פלייש צעטראָגן אין די שטיבער, באנאכט אָדער פארטאָג, היטנדיק זיך אז די אוקראינישע פאָליציאנטן אָדער דייטשן זאָלן נישט באמערקן.

איינמאָל האָט פעלדמאן דער קצב געשאָכטן אין געהיים א קו; דאָס איז געווען ערב פסח. מיט דער כוונה, אז אידן זאָלן האָבן כשר פלייש אויף פסח. די אוקראינישע פאָליציי האָט זיך דערפון דערוואוסט און פעלדמאנען ארעסטירט. נאָכדעם ווי מען האָט אים א גאנצן טאָג געשלאָגן מכות-רצח, האָבן די רוצחים אים אליין, פעלדמאנען, געהייסן מאכן די תליה, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן נעבן משה שויבס דירה, אויף ווארשאַווסקי גאס ראָג בריסקער. און פעלדמאן איז אויף דער תליה אויפגעהאנגען געוואָרן.

א פאָר טעג איז דער קדוש פעלדמאן אזוי געהאנגען אויף דער תליה, ביז מען האָט דערלויבט אים ברענגען צו קבר-ישראל. דאָס איז געשען דעם ערשטן טאָג פסח פון יאָר ה'תש"ב (1942).

ווי געזאָגט, האָט דער יודנראט געמוזט צושטעלן אלץ וואָס קאסנער האָט פארלאנגט. די בעסטע שניידער, שוסטער, סטאָלער און אנדערע בעלי מלאכות, פון די בעסטע וואָס אין קאָוולע זיינען געווען, האָבן ביי אים געמוזט ארבעטן. אלס זיין שטיוול-פוצער האָט ער אויסגעקליבן דעם סטודענט געלמאן.

איינמאָל האָט ער באפוילן, אז דער יודנראט זאָל אים צושטעלן איינִיקע פון די בעסטע בעלי-מלאכות פון פארשידענע פאכן. א צוואנציק מאן בסך-הכל, צווישן זיי איז אויך געווען דער שניידער קאָגאן

און דער סטודענט געלמאַן. קאַסנער האָט זיי אַלע אוועקגעפירט אויפן בית עולם און די אַלע צוואַנציק אידן דערשאָסן.

אין א פּאָר טעג אַרום, האָט ער ווידער באַפוילן דעם יודנראַט, ברענגען די זעלבע בעלי־מלאכות צו דער אַרבעט. ווען מען האָט אים געענטפערט אַז זיי זיינען נישטאָ, אַז מען ווייסט נישט וואו זיי זיינען אַהינגעקומען (מען האָט מורא געהאַט צו זאָגן אים, אַז ער אַליין האָט זיי דערשאָסן), האָט ער אַזוי לאַנג געשריען און געדראָט מיט שיסן, ביז מען האָט אים געמוזט זאָגן דעם אמת, אַז ער אַליין האָט זיי דאָך דערשאָסן. האָט ער, קאַסנער, דאַן זיך צעשריען און די טריפהנע רציחה האָט אין אים געברענט פאַר כעס, פאַרוואָס מען האָט אים דעמאָלט געבראַכט (צום שיסן) פּונקט די בעסטע אַרבעטער, וועלכע ער דאַרף איצט האָבן...

קאַפּיטל יג.

אַריינגעטריבן די אידן אין געטאָס. — די ערשטע ליקווידאַציע פון קאָוולער אידן

ווען עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען ידיעות דורך פאַרשידענע אונטערערדישע קוועלן, אַז אין פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך, ווי ראָוונע, לוצק, ראָזשישטש און אַנדערע ערטער, האָט מען אויסגעהרגעט אַלע אידן, האָבן קאָוולער אידן נישט געוואָלט גלויבן און צולאָזן דעם שרעקלעכן געדאַנק אַז אויך זיי דאָ אין קאָוולע קען אַזעלכעס געשען.

דאָרט, האָבן אידן געזאָגט, האָט עס פּאַסירט דערפאַר, ווייל מען האָט זיכער נישט אויסגעפאָלגט אַלץ וואָס די רוצחים האָבן פאַרלאַנגט. אין איין שטאָט, זאָגט מען, האָט מען געהרגעט א דייטשן זעלנער, אין א צווייטער, האָבן פּאַרטיזאַנער זיך אויסבאַהאַלטן ביי אידן און דערפאַר האָבן די דייטשן זיך נוקם געווען אין אַלע אידן.

אָבער דאָ, אין קאָוולע, איז דאָך דער יודנראַט אַזוי פּינקטלעך און פאָלגט דאָך אויס אַלץ וואָס ווערט נאָר אַרויסגעזאָגט און פאַרלאַנגט. דערפאַר וועט דאָ נישט פאָרקומען דאָס זעלבע ווי אין אַנדערע שטעט. אַזוי האָבן אידן זיך געטרייסט און געהאָפט אויף א נס, אַז מען וועט דאָך, נישט אינגאַנצן אויסגעראָטן ווערן, כאָטש מען האָט געזען אַלע טאָג דעם טויט פאַר די אויגן.

ווען מען פלעגט אוועקגיין צו דער אַרבעט, האָט מען זיך אָפּגעזעגנט מיט ווייב און קינדער. ווייל מען איז נישט געווען זיכער צי מען

וועט זיך אומקערן צוריק מיטן לעבן. נישט איינמאָל האָט געטראָפן אז א גרופּע אידן, וועמען מען האָט אוועקגעפירט צו דער ארבעט, פלעגן נאָכן טאָג שווערער ארבעט, דערשאָסן ווערן און מען האָט נישט געוואוסט וואו זייער געביין איז אהינגעקומען. (מיר ווילן דאָ פארבייגייענדיק באמערקן אז אין דער צייט האָבן שוין אידן געמוזט טראָגן אויף זיך צוויי געלע לאַטעס, איינע אויפן הארץ און די צווייטע אויף דער פּלייצע).

אָט אזוי, אין שרעק און אין מורא, האָבן אידן געלעבט (אויב דאָס קען הייסן געלעבט) ביז דעם 31-סטן מאי 1942, ווען עס איז געגעבן געוואָרן דער באפעל, אז די אידן זאָלן זיך אָפּזונדערן אין געטאָס.

געטאָס זיינען געווען צוויי. איין געטאָ אויפן „זאמד“, וועלכע האָט ארומגענומען די גאַסן: ליסטאָפּאַדאָווא, דורכגעשניטן די נייע-וואָקזאַלנע גאַס, אַלטע-וואָקזאַלנע און פארכאַפּט די אונטערשטע קליינע געסלעך וואָס ארום זיי. דער „זאמדיקער“ געטאָ איז באשטימט געוואָרן פארן ארבעטער-קלאַס.

די צווייטע געטאָ איז געווען אין „שטאָט“ און האָט זיך אָנגעהויבן ביים „שטאָטישן“ בריק אויף לוצקער גאַס און זיך געגרענעצט ביי די איבעריקע בריקן פון שטאָט (אויף בריסקער גאַס, — נעבן טריסקער רבינס הויף; אויף מאציוווער גאַס, — נעבן דער „קאזנאטשייסטווע“ און אויף לודמירער גאַס, — נעבן קלויסטערל). דער-אָ געטאָ איז באשטימט געוואָרן פאַר די געוועזע סוחרים און אנדערע פּראָפעסיעס.

כדי צו וויסן, ווער אין וועלכן געטאָ עס דארף זיך געפינען, זיינען געטיילט געוואָרן ווייסע און גרינע קארטן, וואָס יעדער איינער האָט געדארפט גיין אין קאָמאנדאטור זיי ארויסנעמען. האָט ביים ארויסנעמען די קארטן געטראָפן, אז גאנצע פאמיליעס זיינען צעטיילט געוואָרן צווישן ביידע געטאָס. א מאַן אין איין געטאָ און זיין פרוי און קינדער — אין צווייטן געטאָ, און דאָס זעלבע מיט אנדערע משפחה-מיטגלידער.

אין דעם באשטימען די געטאָס האָבן אידן געזען און דערפילט, אז נישט קיין גוטס דערווארט זיי און די שרעק, בהלה און מהומה איז געווען גרויס. עס זיינען געווען הארצרייסנדיק די געוויינען און די יללות פון די פאמיליעס, וואָס האָבן לויט די באקומענע קארטן, זיך נישט געקענט געפינען צוזאמען אין איין-און-דעמזעלבן געטאָ. קיין ריידן, קיין בעטן האָט נישט געהאָלפן. ווער עס האָט געפּרואווט עפּעס זאָגן, — דעם האָט מען געשלאָגן, געהרגעט. דער כאַאָס און טומל איז געווען אין לשער און די געוויינען פון פרויען און קליינע קינדער זיינען געגאנגען עד לב השמים.

צייט אויף אריבערצוציען זיך אין די באשטימטע געטאס איז געגעבן געווארן נישט מער ווי זעקס שעה. אין זעלבן טאג פון באפעל, מיטוואך דעם 31־סטן מאי 1942, בעת אלע אידן האבן זיך שוין געפונען צו דער באשטימטער שעה אין די געטאס, צונויפגעדרענגטע און צונויפגעקוועטשטע אין די צימערן, אין קארידארן און קעמערלעך, און וואו נאר א שטיקל פלאץ איז געווען ביי וועמען אין הויז, האבן אידן זיך אריינגעווארפן מיט זייער ביסל ארעמקייט, מיט די רעשטלעך פון זייער האב און גוטס, וואס זיי האבן „אוספעיעט" אין פארלויף פון די פאר שעה צייט וואס ס'איז זיי געגעבן געווארן מיט זיך מיטצונעמען.

צו עטלעכע משפחות אין איין הויז, געמישטע פאמיליעס צומאל אין איין צימער, האבן זיך די אומגליקלעכע אידן באזעצט. איינער האט דעם אנדערן, שטום מיט די בליקן אנגעקוקט און ווי געפרעגט: נו, אידן, איר זעט צו וואס מיר האבן זיך דערלעבט? און איצט, וואס ווייטער? דער „וואס ווייטער"? האט געשניטן און געעקבערט דעם מוח, האט אנגעזאגט נישט קיין גוטס און עפעס שרעקלעכעס. אבער קיין אויסוועג און קיין רעטונג איז נישט געווען צו זען.

פארמאכט איז מען געווארן ווי היות אין א שטייג. אלע וועגן, גאסן, געסלעך און בריקן לענג-אויס דעם טייך אין „שטאטישן" געטא און דאסזעלבע אין „זאמדיקן" געטא, זיינען געווען שטרענג באוואכט פון דייטשע סאלדאטן און אוקראינישע פאליציי, און במילא אפילו ווען מען וואלט יא געקענט דורך א וועלכן ארט זיך ארויסגנבענען פון געטא, איז וואוהין גייט מען? און וואוהין אנטלויפט מען? (אין פארלויף פון די עטלעכע חדשים דייטשער אקופאציע, איידער מען האט אריינגעטריבן די אידן אין געטאס, איז ווי שטרענג די וועגן ארום שטאט זיינען נישט אפגעהיט געווארן, האבן דאך באוויזן א צאל יונגטלעכע ארויסצורייסן זיך פון שטאט. ווער עס האט זיך פאראייניקט מיט די פארטיזאנער אין די וועלדער און ווער עס האט זיך אויסבאהאלטן ביי באקאנטע גוטע פויערים אין די דערפער אדער אונטער דער שטאט. עס זיינען אזעלכע גויים אויך געווען).

אבער, צייט לאנג צו קלערן האט מען נישט געגעבן. אויף מארגן, דעם 1-טן יוני פארנאכט, ד. ה. פונקט צו די 24 שעה וואס די אידן זיינען פארמאכט געווארן אין „שטאטישן" געטא, איז געגעבן געווארן א באפעל, אז אלע אידן פון געטא זאלן זיך גרייט-מאכן צום ארויספארן אויף א לענגערער צייט אין א קאלאניע אויף ארבעט. דאס וועט זיין, האט מען זיי געזאגט, א ספעציעלע אידישע ארבעטער-קאלאניע.

צי ס'איז אמת וואס מען האט זיי געזאגט, צי נישט אמת, אידן האבן דערפילט אז איצט איז געקומען דער סוף צו זייער לעבן. ווידער

איז די בהלה און מהומה געוואָרן גרויס. שרעק און מורא האָט יעדן באהערשט. ווידער האָבן פרויען און קינדער זייערע איינגעשטילטע געוויינען באנייט און איינער דעם צווייטן האָט קיין טרייסט-וואָרט נישט געקענט זאָגן.

מען האָט געזען אז מען איז פארלוירן, אז מען גייט צום סוף. אבער העלפן האָט מען זיך נישט געקענט. א גאנצע נאכט האָט מען זיך געגרייט; ווער עס האָט צוגעגרייט אביסל שפּייז און ווער עטלעכע מלבושים מיטצונעמען מיט זיך, קלערנדיק, אפשר איז דאָך אמת. אז מען וועט אוועקפירן אין א קאָלאָניע ערגעץ אויף ארבעט; און ווער עס איז געזעסן די גאנצע נאכט און געוואָרט אז מען זאָל שוין קומען און ארויספירן פון געטאָ און זאָל שוין גיכער נעמען אן ענדע, א סוף צו אָט די ליידן און צו אזא לעבן, וואָס איז סיי-ווי קיין לעבן נישט.

עס זיינען אויך געווען אידן וואָס האָבן זיך אין דער-אָ נאכט אויסבאהאלטן אין קעלערס, בוידעמער און אין אנדערע באהעלטעניש, מיט דעם געדאנק, אפשר וועט זיי פאָרט געלינגען זיך צו ראטעווען דאָס לעבן (און עס איז טאקע אייניקע געלונגען).

אויף איינעם א בוידעם, ביי לייזער סווינניוך אין הויז, וואָס אויף בריסקער גאס ראָג מאציוווער, האָבן זיך אויסבאהאלטן 9 פערזאָן; צווישן זיי איז אויך געווען א פרוי מיט א זעקס אָדער זיבן-חדשימדיק קינד. עס האָט שוין געבלויט אויף טאָג. אקעגן איבער, נישט ווייט פון דעם הויז, וואו די 9 אידן זיינען געלעגן באהאלטן, איז געווען דער „פּאראדנער פּלאַץ"; דאָרט האָט מען צונויפגעזאמלט אלע אידן פון געטאָ, מענער, פרויען און קינדער. זיי זיינען געשטאנען מיט פעקלעך אין די הענט און געציטערט און געוויינט פאר שרעק. אלע מאָל קומען אָן נאָך מער אידן, געטריבן פון אוקראינישע פּאָליציי. די פּאָליציאנטן לויפן ארום אין אלע הייזער און שטאלן, זוכן, אפשר איז נאָך וועלכער איד דאָרט פארבליבן, אפשר האָט זיך ערגעץ-וואו „חלילה" א איד אויסבאהאלטן.

און דאָ אויפן בוידעם ליגן די 9 אידן פארשטעקט אין א ווינקל, ווי איינהאלטנדיק דעם אָטעם. דאָס הארץ קלאפּט פאר פחד און מורא, אז די פּאָליציי זאָל אויך אהער נישט קומען זוכן. און דאָ, צעוויינט זיך פּלוצים דאָס פּיצעלע קינד. די אידן אויפן בוידעם האלטן די נשמה אין די הענט פאר שרעק און בעטן זיך ביי דער פרוי איינצושטילן דאָס קינד. די מוטער פון קינד שטרענגט זיך אָן מיט אלע כוחות דאָס קינד איינצושטילן, אז ס'זאָל נישט וויינען. עס העלפט נישט. דאָס קינד וויינט ווידער. די אידן ציטערן און בעטן זיך רחמים ביי דער פרוי, דאָס קינד איינצושטילן, אויב נישט זיינען זיי פארלוירענע. מיטאמאָל, — דאָס



די „גאָרקע" — דער בריסקער וועג׳ וואָס פירט צום דאָרף באַכאָווע

קינד ווײנט נישט מער. עס איז שטיל געוואָרן. די מוטער האָט איר קינד דערשטיקט... (איבערגעגעבן פון יצחק פינקלשטיין; ער איז געווען איינער פון די 9 אידן אויפן בוידעם).

די גאַנצע מאַסע אידן, העכער 8 טויזנט מענטשן אין צאָל (לויט אייניקע — 9 טויזנט), זיינען פון „פאַראַדנעם פּלאַץ" אין דעם־אָ פרימאָרגן פון 2־טן יוני 1942, י"ז סיון ה"תש"ב, אװעקגעפירט געוואָרן אויף וועגענער און אַ סך געטריבן צו־פוס, גלייך מיטן בריסקער שאָסיי, זעקס וויאָרסט אונטער דער שטאָט, ביז צום דאָרף באַכאָווע. דאָרט זיינען זיי אלע אויסגעשטעלט געוואָרן שורות־ווייז. איין שורה אונטער דער צווייטער ביי אַ שווין פון פריער צוגעגרייטער גרוב. מען האָט יעדע רייע אידן, וואָס האָט זיך דערנענטערט צו דער גרוב, פריער געהייסן זיך אויסטאָן מוטער־נאַקעט. די מלבושים האָבן סאָלדאַטן און ציווילע ארויפגענומען אויף וועגענער און די אידן זיינען ביים ראַנד פון גרוב דערשאָסן געוואָרן. אזוי איין רייע נאָך דער צווייטער, זיינען אלע אידן מענער, פרויען און קינדער דערשאָסן געוואָרן און אין איין ברודער־קבר פאַרשאָטן געוואָרן.

בעת דער דאָזיקער מאַסן־הריגה, איז צווישן די אידן, וואָס זיינען געשטאַנען, וואַרטנדיק אויפן טויט, האָט זיך אויך געפונען ראובן גזשעבמאַכערס זון, דער בן־יחיד, אהרן, אַן אינזשעניער. האָט ער געפּרואווט זיין מזל און האָט זיך געווענדעט צום מערדער קאַסנער, וואָס איז געשטאַנען ביי דער זייט און זיך צוגעקוקט צי עס ווערן פּינקטלעך אויסגעפירט זיינע מערדערישע באַפעלן. און ער האָט אים געבעטן, קאַם-

נערן, אים צו לאָזן לעבן, ווייל ער האָט נאָך ארויסצוזענדיקן א וויכטיקע ארבעט פאר דער דייטשער מאכט, און דערביי אים געוויזן די פּלענער טאַקע פון דער אָנגעהויבענער ארבעט.

דער רוצח קאַסנער האָט אים אויסגעהערט און נאָכן באַקוקן די פּלענער וואָס גזשעבמאַכער האָט אים געוויזן, האָט ער באַפוילן אים אַוועקשטעלן אין א זייט און אהרן גזשעבמאַכער האָט דאָס מאָל דעם טויט אויסגעמיטן.

אין א פּאָר חדשים ארום, איז קאַסנער צוגעפאָרן צו גזשעבמאַכערס וואוינונג און ארויסרופנדיק אים, גזשעבמאַכערן, האָט ער אים געהייסן אריינגיין אין זיין אויטאָ, ווייל, האָט ער אים געזאָגט, ער דאַרף מיט אים צופאָרן באַטראַכטן אַן ארבעט ביי א געביידע, וואָס בויט זיך. גזשעבמאַכער האָט פארשטאַנען וואָס דער מערדער קאַסנער איז מיט דעם אויסן. האָט ער זיצנדיק צוזאַמען מיט אים אין אויטאָ, בעתן פאָרן, מיט א ראַזיר-מעסער זיך איבערגעשניטן די אָדערן, און אליין א סוף געמאַכט צו זיין אייגן לעבן. נישט געבנדיק די געלעגנהייט דעם מערדער, דעם רוצח קאַסנער, צו האָבן דעם בלוטיקן פארגעניגן, אז ער זאָל אים אליין דערשיסן.

קאַפּיטל יד.

די צווייטע ליקווידאַציע פון קאָוולער אידן. — די פאַרשפּאַרטע אידן אין דער גרויסער שיל. — חורבן קאָוולע

די אידן פארשפּאַרטע אין „זאַמדיקן" געטאָ, האָבן א פּאָר טעג נישט געוואוסט פון דער ליקווידאַציע פון די אידן פון „שטאַטישן" געטאָ.

מען האָט אין יענער נאַכט, דורך ווייטע אָפּקלאַנגען, יאָ געהערט, אז עפּעס אויסערגעוויינלעכעס קומט פּאָר אין „שטאָט", וואָס האָט אַלעמען באַאומרואיקט. מיטן בלייען אויף טאָג האָט מען אויך געהערט שיסערייען וואָס קומען פאָר אונטער דער שטאָט. וואָס האָט ווידער אָנגעוואָרפן א שרעק און א מורא און א שלעכט פאָרגעפיל האָט אלעמען באַהערשט. אָבער גענוי, וואָס אזוינס אין „שטאָטישן" געטאָ קומט פאָר, האָט מען נישט געוואוסט און זיך נישט פאָרגעשטעלט.

ערשט אויפן דריטן טאָג, האָט מען זיך דערוואוסט, אז אלע אידן פון „שטאָטישן" געטאָ זיינען דערמאָרדעט געוואָרן.

עס איז זיך פאָרצושטעלן, און אפשר איז דאָס אוממעגלעך זיך דאָס פאָרצושטעלן, ווי אזוי די אידן האָבן די דאָזיקע שרעקלעכע ידיעה אויפ-

גענומען און וואָס זיי האָבן דאן געפילט. פארשטייענדיק, אז אויך זיי דערווארט דער זעלביקער סוף.

אויף טויט-איבערגעשראָקענע, מיט צעוויטיקטע און צעפייניקטע הערצער, האָט מען זיך שטום אָנגעקוקט איינער דעם צווייטן, וויסנדיק אז איצט וועט קומען די רייע אויף זיי, אומגעבראכט צו ווערן, אָבער מען האָט זיך גאָרנישט געקענט העלפן. דער געטאָ איז געווען שטארק באוואכט, און במילא, וואוהין לויפט מען? און וואוהין גייט מען? אז אויף יעדער טריט און שריט לויערט דער טויט.

איין פאל, אן אויסערגעוויינלעכער איז געשען, ווען א גרופע פארטיזאנער, איבערגעקליידעטע אין דייטשע מונדירן, זיינען אריין מיט אן אויטאָ אין געטאָ און האָבן מיטגענומען מיט זיך אייניקע יונגע בחורים און מיידלעך און זיינען פארשוואונדן.

מען האָט ווידער גענומען אידן צו דער ארבעט. ביים טויער פון געטאָ האָט מען יעדן אידן, ביים ארויסגיין און אריינגיין, שטרענג באזוכט, צי פירט מען חלילה נישט אריין אָדער ארויס עפעס שפּייז, געלט, אָדער אנדערע זאכן.

פאר יעדער קליינינקייט, וואָס איז ביי עמעצן געפונען געוואָרן, האָט מען באשטראָפט מיט קלעפּ און אויך מיט טויט.

איינמאָל האָט מען ביי אזא אונטערזוכונג געפונען ביים שניידער לייזער קארטאפלע, באהאלטן אין די שיך געלט. האָט מען אים, אויפן אָרט ביים טויער דערשאָסן.

נאָכדעם ווי די אידן האָבן זיך געפונען א צוויי חדשים אין „זאמדיקן" געטאָ, האָט מען זיי אריבערגעפירט אין „שטאָטישן" געטאָ. אין פארלויף פון איין טאָג האָבן שוין ווידער די אידן פון „זאמדיקן" געטאָ, אן ערך א צען טויזנט מאן, זיך געפונען אין די פארלאָזטע און חרובע הייזער פון „שטאָטישן" געטאָ, מיט זייער ביסל אָרעמקייט, זיך באזעצנדיק אין וואוינונגען, וואו-וועמען עס איז געלונגען זיך אריינצוכאפּן.

אין א צוויי וואָכן ארום, נאָכדעם ווי די אידן זיינען אריבערגעפירט געוואָרן פון „זאמדיקן" אין „שטאָטישן" געטאָ, אין א דינסטיק ביינאכט איז עס געווען, האָט מען ווידער צונויפגענומען די אידן אויפן „פּאראדנעם פּלאץ" און פון דאָרט, זיי אוועקגעפירט, מיטוואָך פארטאָג, דעם 19-טן אויגוסט 1942, ו' אלול ה'תש"ב, צום זעלבן פּלאץ, וואו עס זיינען אומגעבראכט געוואָרן די אידן פון ערשטן געטאָ און נעבן דעם זעלבן קבר אויך זיי אלעמען, פון גרויס ביז קליין, דערשאָסן.

דאָרט, זעקס ווייאָרסט אונטער קאָוולע, נעבן דאָרף באכאווע, נישט ווייט פון שאָסיי וואָס פירט פון קאָוולע דורך ראטנע — קיין בריסק, געפינט זיך דער ברודער-קבר פון די קדושים וטהורים, די אידן פון

קאָוולע און אריינגעפּאָרענע, וואָס זיינען אומגעקומען על קידוש השם דורך די מערדערישע נאַציס, די דייטשן ימח שמם.

אויך אין דער צייט פון דער צווייטער ליקווידאַציע, האָבן אידן זיך געפּרואווט אויסבאַהאַלטן, אין קעלערס, אויף בוידעמער און אין אנדערע ערטער; אָבער די אוקראַינער פּאָליציי האָט כמעט אַלעמען אויפגעזוכט (אויסער איינציקע געציילטע, וועמען עס איז געלונגען על פי נס זיך ארויסצורייסן דורך פארשידענע וועגן און אומוועגן — אויסער דעם געטאָ און זיך אויסבאַהאַלטן ביי גוטע פּויערים און האָבן זיך אַזוי־אַרום געראַטעוועט. און אַ דאַנק וועמען מיר האָבן היינט אַט די אַלע דאַטעס און ידיעות וואָס מיר פארצייכענען דאָ). און די אַלע אידן, מענער, פרויען, יוגנטלעכע און קינדער וואָס זיינען פון די באַהאַלטענע ערטער ארויסגענומען געוואָרן, האָט מען פארשפּאַרט אין דער גרויסער שיל.

עטלעכע טעג האָט מען זיי געהאַלטן דאָרט אָן עסן און אָן טרינקען. אַ שטאַרקע וואַך פון אוקראַינישע פּאָליציאַנטן און דייטשע סאָלדאַטן איז געווען אויסגעשטעלט ארום דער שיל, אַזוי אַז קיינער האָט פון דאָרט זיך נישט געקענט ארויסראַטעווען.

די, פרוי חוה ערליך, האָט געפּרואווט ארויסשפּרינגען דורך אַ פענצטער, איז זי אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן. (איין בחור, משה בעבטשוק, וואָס איז געווען פארשפּאַרט צוזאַמען מיט די דריי הונדערט אידישע קרבנות אין דער גרויסער שיל, איז געלונגען זיך פון דאָרט צו ראַטעווען. — איצט אין פּוילן, און אַ צווייטער בחור, שער — איצט אין ישראל).

איינציקע פּאָליציאַנטן זיינען אריין אין שיל און פון דאָרט ארויסגעפירט יונגע מיידלעך און נאָכדעם ווי מען האָט זיי געשענדעט און פארגוואַלדיקט, האָט מען זיי פארהלושטע צוריק אין שיל אריינגעפירט.

די אידן, וויסנדיק זייער אומגליקלעכן סוף וואָס עס דערוואַרט זיי, האָבן מיט זייער אייגן בלוט, אָנגעשריבן אויף די ווענט פון שיל זייערע נעמען און ווי אַזוי זיי ווערן געפּייניקט, אָנזאָגנדיק צו נעמען נקמה פאַר זייער אומשולדיק פארגאָסן בלוט.

נאָך איינציקע טעג האַלטן די 300 אידן פארשפּאַרט, האָט מען זיי אַלע דערמאָרדעט.

ווי עס גיבן איצט איבער באַגלויבטע עדות, קאָוולער איינוואוינער, צוריקגעקומענע פון רוסלאַנד און וועלכע זיינען געווען אין קאָוולע נאָך



דער פראָנט פון דער „גרויסער שיל", אין ענדע יאָר 1945. — פאַרמויערטע טיר און פענצטער און פארוואקסן דער וועג מיט גראָז...

דעם ווי די מלחמה האָט זיך געענדיקט, — איז די שטאָט קאָוולע אינגאנצן פארברענט און רואינירט.

קריסטן וואָס זיינען געבליבן אויף די ערטער האָבן איבערגעגעבן, אז די שטאָט איז אזוי איינגאנצן חרוב ונחרב געוואָרן פון די באָמבארדירונגען און איבערשיסונגען בעת די שלאכטן, ווען די נאציסטישע היילות זיינען געיאָגטע פון די רוסן אנטלאָפן פון שטאָט.

עס זיינען נאָר גאנץ געבליבן א פאָר געציילטע הייזער, די גרויסע שיל און טיילווייז דער וואָקזאל.

די זעלבע עדי-ראיה זיינען געווען אויך ביים ברודער-קבר פון די אומגעקומענע קאָוולער קדושים. זיי האָבן געזען דאָס, וואָס נאצי-דייטשלאנד האָט געטון צו אונזערע ליבסטע און טייערסטע וואָס מיר האָבן פארמאָגט.

זיי זיינען אויך געווען אין דער גרויסער שיל, וואו די אידן זיינען געפייניקט, געשענדעט און געמאָרדעט געוואָרן, און האָבן דאָרט איבערגעלייענט אויף די ווענט, די נעמען פון די הרוגים, די קדושים. און זיי האָבן איבערגעלייענט די מיט בלוט אָנגעשריבענע ווערטער: „אידן, נעמט נקמה פאר אונזער אומשולדיק פאר-

גאָסן בלוט". „אידן, פארגעסט נישט אין דעם, וואָס די דייטשן האָבן אונז געטון".

די דאָזיקע ווערטער, אָנגעשריבענע אין א מקום-קדוש, מיט דעם בלוט פון אונזערע טייערסטע און ליבסטע, די קדושים וטהורים פון דער קהילה קדושה קאָוולע, — שטייען פאר אונזערע אויגן און פאר די אויגן פון אלע אידן, און ווי פייערדיקע ריטער שמייסן זיי דער גאנצער וועלט אין פנים און שרייען און וואָרענען: זעט, וואָס דייטשלאנד איז! זעט, וואָס פארא מערדערייען די דייטשן זיינען באגאנגען קעגן אונז, נאָר דערפאר, ווייל מיר זיינען אידן! איר זאָלט דאָס קיינמאָל נישט פארגעסן און זיי קיינמאָל נישט מוחל זיין!

— ניין, מיר טאָרן נישט און וועלן דאָס נישט פארגעסן, און מיר וועלן זיי, די רוצחישע דייטשן, קיינמאָל נישט מוחל זיין,



דער ברודער־קבר

משה בעבטשוק (פוילן)

די אומגעקומענע קדושים אין דער גרויסער שיל

וואָס די דייטשן האבן געטון צו קאוולער אידן אין דער גרויסער שיל.—וועגן קאוולער יודנראט און אידישע פאליציי*)

(געשריבן פון אן עד ראיה)

אין דער צייט פון דער צווייטער ליקווידאציע, בין איך מיט מיין מוטער ע"ה געווען אויסער דער געטאָ. נאך דרייצן טעג פון וואנדערן צווישן באקאנטע אוקראאינער, האט איינער, א רוצח, אונז איבערגעגעבן אין די הענט פון די מערדער און דעם 1-טן סעפטעמבער 1942 האט מען אונז געבראכט אין דער גרויסער שיל, וואוהין מען האט צונויפגעזאמלט די געכאפטע אויסבאהאלטענע אידן.

מען האט אונז געבראכט אין שיל 5 אזייגער פארטאָג. מיר האבן דארט קיינעם נישט געטראָפן, ווייל פריער, דעם 31-טן אויגוסט 19 אזייגער, האבן די דייטשע מערדער אלע אידן, וואס מען האט צונויפגעזאמלט אין שיל, ארויסגעפירט און געהרגעט.

אין פארלויף פון א שעה האט מען אַנגעהויבן צוברענגען פרישע קרבנות. פון די ערשטע וואס מען האט געבראַכט איז מיר געבליבן אין זכרון, וואלף גאניק מיט זיין פאמיליע, וואס האבן זיך אויסבאהאלטן אויפן אלטן בית עולם און אוקראאינער כוליגאנעס האבן זיי אויסגעגעבן.

ווען מען האט געבראכט פרישע קרבנות אין שיל אריין, האט מען זיי אויסגעטאָן, סיי מענער ווי פרויען, נאקעט, ווי די מאמע האט זיי

---

*) פאקטן און דאטן ארויסגענומען פון בריוו, געשריבן צום רעדאקטאר פון פנקס. — די רעד.

געהאט. מען האָט ביי זיי צוגענומען אלץ וואָס מען האָט געפונען, פון ווערטפולע זאכן און נאָכהער געשלאָגן מכות רצח. א סך מענטשן זיינען אויסגעגאנגען פון די קלעפ און געשטאָרבן אויפן פלאץ, אין שול.

צייט צוויי טעג האָט מען צונויפגעזאמלט אין שיל דריי הונדערט נפשות. אלע זיינען געלעגן אָדער געזעסן אויפן פאָל.

מען האָט גאָרנישט געגעבן צום עסן און אויך נישט ארויסגעלאָזט קיינעם צו האָבן דעם מענטשלעכן געברויך, נאָר יעדער האָט געטון זיין באדערפעניש אויפן אָרט וואו ער האָט זיך געפונען.

עס איז דעמאָלסט געווען זייער ווארעם און פיל פליגן, קאָמארן און אנדערע אינזעקטן האָבן זיך אָנגעזעצט אויף אונז און עס איז נישט געוועזן אויסצוהאלטן. מענטשן זיינען געווען הילפסלאָז און פארצווייפלט. מען איז געזעסן און נאָר געוויינט. מענער האָבן געזאָגט ווידוי, וואַרטנדיק אויפן טויט.

איך האָב זיך געווענדעט צו א גרופע מענער, מיט א פאָרשלאָג, אז מיר זאָלן פרואוון מאכן אן אויפשטאנד, אפשר וועלן מיר זיך אזוי ארוס ראטעווען. (איך האָב געפונען א ליטער בענזין, און האָב דערמיט עפעס געוואָלט אויפטון...), אָבער קיינער האָט מיינע ווערטער נישט גענומען אין אכט, און מיין פאָרשלאָג נישט אונטערשטיצט.

די לאגע איז געווען א שוידערלעכע, יעדע מינוט זיינען אָנגעקומען נייע קאנדידאטן צום טויט. אלע זיינען געווען שטארק דערשלאָגן, צוליב די פייניקונגען, מאָרדן, הונגער, אומריינקייט און צוליב די דערהרגעטע עלטערן און קינדער.

דער אויסזען פון די מענטשן איז געווען א שרעקלעכער. די מערהייט איז געווען פאסיוו צו זייער אומגליקלעכער לאגע, דערשלאָגן, אַנגעוואוירן דעם בטחון און ממש געווארט אויפן טויט.

אויפן דריטן טאָג האָבן אלע אידן אין שיל אויסגעקריצט זייערע נעמען אויף די ווענט אלס מצבה און אָנדענק אז זיי קומען אום אין דעם טאָג פון די דייטשע רוצחים.

אין פארשידענע שפראכן און אין פארשידענע פאָרמען האָבן די אומגליקלעכע קאָוולער אידן אָנגעשריבן זייערע נעמען אויף די ווענט, און דערביי זיך געריסן די האָר פון קאָפ.

אלע פיר ווענט פון שיל זיינען פארשריבן געוואָרן מיטן בלוט פון די קרבנות.

אין שיל האָב איך געטראָפן קליידער און בילדער פון מענטשן, וועלכע זיינען אומגעקומען מיט א פאָר טעג פריער. איך האָב געפונען מיין פאָטערס ע״ה הויזן און מיין שוועסטערס, ביילע ע״ה. א קליידעלע. אויך האָב איך געפונען בילדער פון מיין פעטער יעקב בעבטשוק (אברהם

אליעזר ברוינשטיינס אײדעם) און זיין פאמיליע. (וועלכע בילדער איך האָב איצט מיט זיך אַלס איינציקער אָנדענק פון מיין משפחה).

איינגעקריצט האָט זיך אין מיין זכרון דאָס שוידערלעכע בילד, ווי אַזוי דער דייטשער פּאָליציי־קאָמאַנדאַנט מאַנטעל, האָט אַ וואָרף געטון פונדערווייטנס אין שיל אַריין, אַ לעבל ברויט, 2 פּאָמידאָרן און 2 ציבעלעס, און ווי אַזוי אַלע אידן אין שיל האָבן זיך געוואָרפן אויף דער ערד צו כאַפּן דאָס ברויטל. קיינער פון אונז האָט אָבער דאָס ברויטל נישט געקענט צעברעכן, אַזוי פאַרדאַרט איז עס געווען. און ווען מען האָט שוין נאָך גרויסע שוועריקייטן דאָס ברויטל צעבראָכן, האָט מען דאָס ערשט נישט געקענט עסן, ווייל עס איז אינעווייניק געווען בלויז שימל. איך שרייב וועגן דאָזיקן שוידערלעכן עפּיזאָד, ווייל עס איז געווען שרעקלעך דאָס בילד צוצוזען.

איך האָב באַשלאָסן אַרויסצושפּרינגען דורך אַ פענצטער, און זאָל זיין וואָס עס וויל זיך. איידער איך בין פון פענצטער אַרויסגעשפּרונגען, איז אַנטלאָפן מיינער אַ חבר, יעקב צוקער, אָבער אים האָבן די רוצחים געכאַפּט און אים געשלאָגן עד למיתה.

מיך האָט דער מזל צוגעשפּילט, ווייל אין דער מינוט וואָס איך בין אַרויסגעשפּרונגען פון פענצטער, איז דער פּאָליציי־מאַן אַריין אין אַ שטוב זיך איבערצוטון פאַרן בייטן אים פון דער וואַך.

מען האָט מיך נאָכגעשאָסן אין דער פינצטערניש, אָבער מיין דרייסטקייט האָט מיך געדינט און עס איז מיר געלונגען צו אַנטלויפן אין אַ וואַלד אַריין און נאָך לאַנגע וואָגלענישן און וואַנדערונגען, (וואָס דאָס צו באַשרייבן, וואָלט פאַרנומען פיל צייט), האָב איך זיך געראַטעוועט.

דער אוקראינער איליושעק פ. אודיעיעוויטש (לינקס), וואָס האָט אויסבאַהאַלטן 22 חדשים משה בעבטשוק און בערי מאַרדער, וועלכע האָבן זיך אַדאַנק אים געראַטעוועט. — רעכטס: משה בעבטשוק.

איצט וועל איך ענטפערן אויף א פּאָר פראגן, וואָס איר האָט מיר געשטעלט:

...וועגן קאָוולער יודנראט און קאָוולער אידישע פּאָליציי, קען איך באשטעטיקן מיט מיין גאנצער אהריות, אלם עד ראיה, אז זיי האָבן זיך אויפגעפירט מוסטערהאפט גוט. איך קען חלילה אויף זיי קיין שלעכטס נישט זאָגן. פארקערט, זיי האָבן מיטגעליטן צוזאמען מיט אלע אידן. דאָס זעלבע אויך פון דער קאָוולער אידישער פּאָליציי. זיי זיינען אלע, סיי דער יודנראט, ווי די אידישע פּאָליציי, אומגעקומען צוזאמען מיט אלע אידן, בעת דער צווייטער ליקווידאציע, מיטוואָך דעם 19־טן אויגוסט 1942 — ו׳ אלול ה׳תש״ב.

דער אידישער פּאָליציאנט ערליך (שרהקע ערליכס זון), איז אומגעקומען דורך דעם שעף פון דער פּאָליציי מאנטעל. בעת ערליך האָט זיך געראנגלט מיט אים און געוואָלט מאנטעלן דערשטיקן (דאָס איז פּאַרגעקומען אין טורמע), אָבער מאנטעל האָט אים באזיגט און האָט אים, ערליכן, אראָפּגעלאָזן לעבעדיקערהייט אין בית־הכסא אריין...

וועגן די געטאָס? ווי אזוי דאָס לעבן איז דאָרט געווען? איז וועט דאָס זיין זייער שווער פאר איינעם וואָס איז דאָרט נישט געווען, זיך דאָס פאָרצושטעלן, ווי אזוי מען זאָל דאָס נישט באשרייבן.

די געטאָס זיינען געווען ארומגענומען מיט א הויכן פּארקאַן, מיט שטעכיקן דראָט פארצויגן און באוואכט פון אוקראאינישע פּאָליציי. מען קען זיך דאָס פאָרשטעלן ווי א תפיסה, נאָר מיט דעם אונטערשייד וואָס אין א תפיסה, ווייסט מען לויטן אורטייל, וויפל צייט מען דארף דאָרט זיצן און שפּעטער וועט מען ארויס אויף דער פריי; אָבער אין געטאָ זיינען ארומגעגאנגען לעבעדיקע מתים, וואָס האָבן געווארט אויפן טויט־אורטייל.

יעדער מענטש האָט אין געטאָ באקומען צו 21 דקגר. ברויט אויף א טאָג. די באפעלקערונג איז געווען דערשלאָגן. געוואוינט האָט מען צו 8 און מער מענטשן אין א צימער.

מען פלעגט שיסן מענטשן אָן א פארוואָס און אָן א פארוואָס. מיר האָט זיך אין מוח איינגעקריצט א פאל, ווען עס איז צוגעפאָרן צום געטאָ־טויער קאסנער מיט נאָך דייטשן און האָט געשאָסן 5 אידן, אָן קיין שום אורזאך. צווישן די דערשאָסענע געדענק איך קאפּעלושניקן, א וואורשטן־מאכער.

אָפּט זיינען אריין דייטשן ביינאכט אין געטאָ און געמאכט א טומל, שיסנדיק עטלעכע אידן. זיי האָבן דאָס געטאָן בכדי אפילו ביינאכט, נאָך דעם טאָג שווערער פיזישער ארבעט, זאָלן די אידן אויך נישט שלאָפן רואיק.

די לאַגע אין די געטאָס איז געווען א שוידערלעכע — הונגער, אומריינקייט און שרעק. דאָס זיינען געווען די דריי זאכן וואָס אידן האָבן געהאט לרוב.

עס איז דאָ זייער פיל צו שרייבן פון דעם, ווי אזוי קאָוולער אידן זיינען געפייניקט געוואָרן אין די געטאָס, ווי אזוי מען האָט גאנצע מחנות אידן געטריבן צו דער ארבעט באָרוועסערהייט אויף גלאָז. צענדליקער אידן זיינען צוריק פון דער ארבעט נישט אהיים געקומען; מען האָט זיי אין וואסער אריינגעוואָרפן און דערטרונקען. אָבער איך פיל זיך נישט בכוח נאָך צען יאָר צייט, ווען דאָס איז פאָרגעקומען — דאָס צו באשרייבן, און איך וועל דערווייל דערמיט פארענדיקן.



יידישער היסטאָרישער אינסטיטוט
ווארשע
אל. גען. שווערטשעווסקי נר. 79 טעל.

ווארשע, דעם 12 יוני 1951 י.
660/51

ה"ה א. גלעזן
ליגניצע

מיר שיקן אייך איבער אויף אייער ביטע א מאטעריאל וועגן קאוועל בעת דער היטלעריסטישער אקופאציע.

איר דארפט נעמען אין אכט, אז דאס איז אן אלטער מאטעריאל פונם רינגעלבלום־ארכיוו, אסך ווערטער זיינען ניטא לעזבאר און דערפון קומען פינטעלעך.

דירעקטאר פון ייד. היסט. אינסטיטוט

ב. מארק

פאַקסימיל פון צוגעשיקטן בריוו פון היסטאָרישן אינסטיטוט אין ווארשע

רינג. אַרכיוו נ׳ 1316

קאָוועל *)

וואַרשע, געטאָ, 16.7.42

פון א פּערזאָן, וואָס איז די טעג צוריקגעקומען פון קאָוועל, האָבן מיר באַקומען די פאָלגנדיקע ידיעות וועגן דער אידישער לאַגע אין דער שטאָט. ביז דעם 27-סטן מאַי ד. י. איז די לאַגע פון די אידן אין קאָוועל געווען אין פאַרגלייך מיט אנדערע שטעט אין יענעם קאַנט — א גוטע. דער דייטשער שטאָט-קאָמיסאַר האָט זיך באַצויגן זייער קאָרעקט צו די אידן און האָט נישט דערלויבט קיין שום ספּעציעלע נגישות בנוגע די אידן. עס איז אפילו נישט געווען א באַזונדערער וואוין-פערטל פאַר די אידן. די ערשטע כמארעס אויפן הימל פון אידישן קאָוועל האָבן זיך באַוויזן אין דער צווייטער העלפט פונם חודש מאַי, ווען עס איז געקומען אַן ענדערונג אויפן פּאָסטן פון שטאָט-קאָמיסאַר: אויפן אָרט פון אָרנטלעכן דייטש איז נאָמינירט געוואָרן א רוצח, א שונא ישראל פון ריכטיקן היטלעריסטישן שניט. דעם 27-סטן מאַי זיינען אויסגעקלעבט געוואָרן אין די גאַסן א מודעה פון דער מאַכט, אַז עס ווערן געשאַפן אין קאָוועל 2 געטאָס: איין געטאָ אין דער אומגעגנט פון דער קאַלעיאָוועגאַס — א. ג. „אַריסטאָקראַטישער" געטאָ פאַר אַרבעטנדיקע, פאַר 1.400 פאַמיליעס (א דריי טויזנט פינף הונדערט נפשות), די צווייטע געטאָ אויף די „פּיאַסקעס", פאַר אומפּראָדוקטיווע עלעמענטן.

דעם 31-סטן מאַי אין אָוונט, איז געקומען אין בנין פון יודנראַט דער שטאָט-קאָמיסאַר, טויט-שיכור, און ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט א פּעקל אַרבעטס-קאַרטן פאַר 1.400 אידן.

---

*) שוין קורץ פאַרן אַריינגעבן דעם „פּנקס" אין דרוק האָבן מיר דורך דער פאַרמיטלונג פון אונזער לאַנדסמאַן אברהם גלאַז (אין פּוילן, ליגניצע), באַקומען צוגעשיקט דעם דאָזיקן מאַטעריאַל פון „אידישן היסטאָרישן אינסטיטוט" אין וואַרשע, אַרויסגענומען פון „רינגלבלום-אַרכיוו".

הגם אייניקע פאַקטן און דאַטן, ווערן דאָ אַנדערש איבערגעגעבן ווי עס האָבן אונז דערציילט די עדי ראיה, וועלכע געפינען זיך איצט דאָ אין אַרגענטינע, דאָך האָבן מיר גאָרנים געענדערט. — די רעד.

....נעטאָ און ער האָט געהייסן דאָס פאַרטיילן צווישן די אידן לויט די אויפגעשריבענע נעמען .... זיינען דערשאָסן געוואָרן אלע מיטגלידער פון יודנראט. אין דעם זעלביקן טאָג האבן די דייטשן געהייסן זיך צושטעלן אויפן געוועזענעם מארק-פלאַץ אלע אידן, וואָס האבן נישט באקומען קיין ארבעטס-קארטן. אין קאָוועל האבן זיך דעמאָלסט געפונען אן ערך 14 טויזנט אידן. פון דער צאָל האבן זיך צונעשטעלט אן 8 טויזנט. א טויזנט אידן האבן זיך אויסבאהאלטן אין שטאָט. איבער טויזנט פערזאָן פון דער יוגנט זיינען זיך צעלאפן פון דער שטאָט אין די ארומיקע דערפער און דארט זיך באהאלטן. איבער 3.500 האבן געהערט צו די ארבעטנדיקע.

די אידן, וואָס האבן זיך צוגעשטעלט, האבן זיך נישט גערעכנט, אז זיי זיינען פאראורטיילט צום טויט. א קלאנג, אז אויך אין .... זאָלן אויך האבן דעמאָלסט די דייטשן געהייסן אלע אידן זיך פארזאמלען אויף אן ארט און בשעת .... דארט געשטאנען איז צו .... , צו מיינעם, ווי מען האט א טאָג שפעטער אפגעפירט אויסערן שטאָט און געמיינט, אז עס וועט זיך איבערחזרן די זעלבע מעשה. אבער, ליידער, האבן די דייטשן געמאכט א נידערטרעכטיקע פראָוואָקאציע. „נאָך האוזע!“ האָט זיך געלאזט הערן אן אויסגעשריי אויפן פלאַץ, און די אידן זיינען געווען זיכער, אז דאָס מיינט מען זיי, אז זיי קענען שוין גיין צוריק אין די היימען — דעמאָלסט האבן די דייטשן אָנגעהויבן צו שיסן אין דער מאסע און א סך אידן זיינען אומגעקומען אויפן ארט. שפעטער האָט מען זיי אלע אוועקגעפירט אין א דאָרף באכואוו, אונטער קאָוועל, וואו ס'זיינען שוין געווען צוגעגרייט גריבער פאר די קרבנות. באלד אויפן ארט זיינען אלע אידן דערשאָסן געוואָרן און אריינגעוואָרפן געוואָרן אין די קברים.

צווישן די דערמאָרדעטע געפינט זיך אויך דער לעצטער קאָמיסארישער פרעזעס פון דער ווארשעווער גמינע, ראטמאַן מאוריצי מייזעל. דעם 9־טן יוני האבן די דייטשן ארויפגעלייגט אויף דער אידישער באפעלקערונג א קאָנטריבוציע פון איין מיליאָן רובל און זיי האבן באקומען צייט ביזן 11־טן, ס'זאָל ווערן איינגעצאָלט אויף מארקן. דעם 10-טן — א טאָג פאר דעם געגעבענעם טערמין — איז געקומען אין יודנראט (וועלכער איז געשאפן געוואָרן תיכף דעם 1־טן, נאָך דער מאסאקרע פון די פריערדיקע מיטגלידער), דער שטאָט-קאָמיסאר און געפינענדיק נאָך אין קאסע 100 טויזנט רובל, האָט ער דאָס צוגענומען און איז אוועק, דערביי האָט ער נאָך באוויזן צו דערשיסן די אידישע ארבעטער, וועלכע ער האָט דאָרטן געטראָפן. דער טערמין פון אריינטראָגן די קאָנטריבוציע-סומע איז פארגרעסערט געוואָרן ביז 1,5 מיליאָן רובל. אויסער דעם

האָבן נאָך די אידן געמוזט צושטעלן זייערע אלע גאָלדענע חפצים און טייערע שטיינער, ווי אויך קאָסטבארקייטן. אין שטאָט איז אדורכגעפירט געוואָרן אן ענערגישע אקציע דורך די יודנראטניקעס צונויפצוזאמלען דאָס געלט, ווי אויך קאָסטבארקייטן. און דעם 15-טן איז גענצלעך אָפּגעגעבן געוואָרן די קאָנטריבוציע, ווי אויך דאָס גאָלד (גאנצע קילאָס).

דעם 14-טן האָבן די רוצחים ארויסגעגעבן א פאראָרדענונג, אז אלע מענער זאָלן זיך אָפּשערן די האָר און ביי דער ארבעט מוז מען גיין אָן היטלען. גלייכצייטיק איז ארויסגעגעבן געוואָרן א פאראָרדענונג, אז די אידן איז דערלויבט צו גיין אין גאס פון 5 ביז 8 און פון 12 ביז 2. 7 אזייגער פארנאכט מוזן שוין זיין אלע אידן אין די הייזער און די לאָדנס פארהאמערט.

⁂

אויף אלע אידישע הייזער האָבן געמוזט די אידישע אייגנטימער צוקלאפן א רונדיקן אָפּצייכן פון דיקט מיטן ראדיוס פון 20 צענטימעטער.

ביזן שאפן פון געטאָ איז געוועזן געביטס-קאָמיסאר אין קאָוועל א געוויסער דייטש קעמפף. ער האָט געהערט צו די א. ג. „גוטע דייטשן”. ער האָט גענומען געלט און זיין באציאונג צו אידן איז געווען א מענטשלעכע. ווי עס איז אויבן געזאָגט געוואָרן, זיינען געשאפן געוואָרן 2 געטאָס; דאָס ערשטע געטאָ אויף די „זאמדן” האָט ארומגענומען די גאסן: יאסנע, קרוטקע, וולאָדזשימיערסקא, מאטשעיאָווסקא. אלס אינספּעקטאָר פון ערשטן געטאָ איז נאָמינירט געוואָרן דער דייטש קאסנער. דאָס צווייטע געטאָ „אריסטאָקראטישע”, האָט ארומגענומען די גאסן: אומגראדע נומערן פון מלינארסקע, שענקעוויטשא (פון האלואווקי ביז סטזשעלעצקא), א טייל פון פּאניאטאָווסקיעגא, טישאָווסקע, זשעראָמסקיעגאָ (אומגראדע) א טייל פון קאלעיאָווע, פּאָפּזשעצשטנא, ליסטאָפּאדאָווא. אלס קאָמיסאר פון צווייטע געטאָ, בעק. —דאָס געטאָ איז געשאפן געוואָרן דעם 27-טן מאי. אין דעם זעלביקן טאָג, אין די שעהן פון 12 ביז 5 האָט געמוזט אדורכגעפירט ווערן די איבערזידלונג פון די אידן אין די אָנגעוויזענע גאסן. אין משך פון די 5 שעה איז פארגעקומען אין אָרדענונג דאָס איבערקלייבן זיך פון די אידן אין די געטאָס. דער געביטס-קאָמיסאר קעמפף איז א גאנצן טאָג ארומגעריטן אויף דעם פערד און זיך צוגעקוקט צו דער אומזידלונג. שפּעטער האָט ער אויסגעדריקט פאר די אידן זיין צופרידנקייט מיט דער אָרדענונג און שטילקייט ביים אדורכפירן די איבערזידלונג (פאָרזיצער פון דעמאָלסטיקן יודנראט — פּאָמעראנץ).

דינסטיק, דעם 1-טן יוני, 5,30 אזייגער אינדערפרי, איז געקומען אין צווייטן געטאָ („אַריסטאָקראַטישע“) דער געטאָ־אינספּעקטאָר טויט־שיכור און ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך 1.300 האַנטווערקער-אַרבעטס קאַרטן און ער האָט זיי איבערגעגעבן דעם ערשטן בעסטן איד, וועלכן ער האָט אָנגעטראָפן אין גאַס. ער האָט אים געהייסן דאָס אָפּגעבן אין יודנראַט (אין פּעקל זיינען געווען האַנטווערקער־אויסווייזן). די אידן, וואָס וועלן נישט באַקומען קיין אויסווייזונגס-קאַרטן, וועלן מוזן אַריבער אין ערשטן געטאָ.

דעם זעלבן טאָג, 10 אזייגער אין אָוונט, האָבן די דייטשן געהייסן דעם יודנראַט, ווי אויך די אידישע מיליץ, זיך פאַרזאַמלען אין יודנראַט־בנין. דאָרטן זיינען זיי געווען פאַרשפּאַרט ביז 2 אזייגער ביינאַכט. געזעסן זיינען זיי אַלע אין קעלער. 2 אזייגער האָבן די היטלעריסטן זיי אוועקגעפירט אין ערשטן געטאָ (פון די נישט־באַשעפטיקטע) און דאָרטן האָבן זיי געמוזט גיין פון שטוב צו שטוב און אַרויסשלעפּן פון די באַהעלטענישן אַלע אידן און זיי צונויפזאַמלען אויף דעם פּלאַץ בזשעסקי. יעדן איד איז דערלויבט געווען מיטצונעמען אַ 3—4 קילאָ באַגאַזש. אויפן פּלאַץ זיינען צונויפגעזאַמלט געוואָרן ביז אַן אַכט טויזנט פּערזאָן. פון דאָרטן האָט מען זיי אויף לאַסט-אויטאָס אוועקגעפירט קיין באַכואָוו. די, וועלכע זיינען דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט, זיינען געקומען צו קבורה אויפן קאָוולער בית-עולם. די קברנים זיינען געווען די אידישע פּאָליציאַנטן.

אויף מאָרגן, דעם 2-טן יוני, האָבן די ס. ס.-לייט אַראַנזשירט אַ משפּט אויף די יודנראַטניקעס, באַשולדיקנדיק זיי אין איבערקויפן דעם שטאָט־קאָמיסאַר קעמפּף. דער משפּט איז פאָרגעקומען אויף אַ בערגל און דער אורטייל איז געווען — טויט. ווען מ'האָט זיי געפירט צום טויט איז איינער פון די יודנראַטניקעס אַנטלאָפן. אויך זאָגט מען, אַז דער פּרעזעס פּאַמעראַנץ איז ניצול געוואָרן פון טויט: די רוצחים האָבן אים פריער אוועקגעשיקט אַהיים און שפּעטער קיין בריסק, וואו ער געפינט זיך ביז איצט אַ לעבעדיקער.

דער פּלאַץ בזשעסקי איז געווען אַרומגערינגלט פון זשאַנדאַרמעריע, קאָוולער און פון אַ דערבייאיק שטעטל. די קאָוולער זשאַנדאַרמען האָבן זיך באַצויגן מיט אַ געוויסן מיטלייד צו די אידן; עס זיינען געווען פאַלן, ווען זיי האָבן דערמעגלעכט די אידן צו אַנטלויפן פון פּלאַץ און זיך ראַטעווען.

דעם 2-טן יוני, נאָך דער שחיטה, זיינען אוקראַינישע פּאָליציאַנטן אַרומגעגאַנגען איבער די אידישע וואוינונגען און פון דאָרטן אַרויסגעשלעפּט די זיך אויסבאַהאַלטענע אידן, דעם 2-טן אין אָוונט האָבן די

רוצחים דערלויבט די באהאלטענע אידן אריבערצוגיין פון ערשטן אין צווייטן געטאָ. און הגם די אידן האָבן נישט געגלויבט און נישט געהאט קיין שטארקן צוטרוי צו די דייטשע הבטחות, האָבן פונדעסטוועגן א געוויסע צאָל זיך אריבערגעכאפּט אין צווייטן געטאָ אריין, אויך זיינען א טייל פון די אידן ניצול געוואָרן א דאנק דעם, וואָס זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו די אידישע ארבעטער-גרופּעס, וואָס זיינען צוריקקומענדיק פון זייער ארבעט אדורכגעגאנגען דעם פלאץ בזשעסקי. אזוי זיינען פון א 5—600 אידן אריינגעקומען אין געטאָ אריין. אָבער די לעצטע גרופּע פון 200 מאן, וואָס האָט אויך געוואָלט אזוי ארום אריינקומען אין געטאָ, איז ארעסטירט געוואָרן און וואָס עס איז מיט זיי געשען — איז אומבאקאנט.

וועגן דער אידישער יוגנט ווערט איבערגעגעבן, אז א סך פון זיי זיינען אנטלאָפן צו די פּארטיזאנער, וואָס אָפּערירן אין יענעם קרייז — ראטנער קאנט. אזוי ווערן איבערגעגעבן, אז אין ראטנע זיינען לעצטנס דורך די פּארטיזאנער דערהרגעט געוואָרן 2 ס. ס.-לייט. די „פארגעלטונג" איז געווען: 113 ראטנער אידן און אביסל אוקראינער — דערהרגעט! די מורא פאר די פּארטיזאנער איז ביי די דייטשן גענוג גרויס. אזוי, למשל, האָט די דייטשע מאכט שטרענג פארבאָטן צו פאָרן אויף די וועגן איינצלנע אויטאָס.

מצד דער אידישער באפעלקערונג, וואָס איז אויסגעשחטן געוואָרן זיינען נישט געווען קיין שום פרואוון פון אנטקעגנשטעלן זיך די רוצחים. נאָר וועגן איין פאל ווערט איבערגעגעבן, אז א אידישער יונגערמאן האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט א דייטשן רוצח אויפן בית-החיים און ער איז באלד ליקווידירט געוואָרן. עס ווערט נאָך איבערגעגעבן, אז בשעת דער שחיטה אויפן בריסקער פלאץ, האָט גערעדט צו די פארזאמלטע אידן א לערער (ה. אוורוק*) וועלכער האָט געזאָגט, אז זייער בלוט ווערט נישט פארגאָסן אומזיסט, אז ס'וועט נאָך קומען א טאָג פון נקמה.

צווישן די אומגעקומענע: לאה לערער, פון דער „תרבות-שול"; פראנקפורט — גימנאזיע-דירעקטאָר.

ביי קאָוועל געפינט זיך א געפאנגען-לאגער פאר סאָוויעטישע זעלנער. די אידישע געפאנגענע זיינען באלד דערשאָסן געוואָרן (61 מאן) אין לאגער ארבעטן אידן פון קאָוועל. א דאנק זיי איז געלונגען צו ראטעווען א סך סאָוויעטישע אידן, וואָס פלעגן אריינגיין אין די רייען פון די צוריקקערנדיקע אידישע ארבעטער און אזוי ארום ניצול ווערן פון טויט.

---

*) געמיינט דעם לערער אוורוך. — די רעד.

מרדכי וואקס

„סך־הכל של קהלת קובל“

(געדרוקט אין צייטונג „הגה“ — תל־אביב, דעם 1־טן מערץ 1946)

חוזר אני בעת מבקור במחנה-פליטים שבדרום איטליה ובשורות איוב בפי: קובל, עיר שישבו בה כעשרים אלף יהודים, איננה קימת ונשארו בה רק שרידי חרבות. עומדים בה עדין על מקומם בית-הכנסת הגדול והבית של משפחת סגל, שעל יד הגשר. כל השאר נהרס ונשרף.

מן התושבים נשארו בחיים ונמצאים במחנות אונרר"א, שבאיטליה: דוד ברומבערג, מנוס בערנשטין, ישראל דרקסלר, אברהם שפירא (ממשפחת הרבי מטריסק), ארנולד שטרנבוים, ד"ר הסיס ויצחק אשכנזי. מלבדם נמצאים עוד ברוסיה: ישראל סגל, משה פרידמן, פטיה פנטורין והפרטיזנים סימה ריכשטול (כעת — סימה סטוק), בנעם קובל ועוד אחדים, ששמותיהם אינם ידועים לי.

זה הוא ה„סך-הכל“ המר מתולדותיה של קהלה, אשר הצטינה פעם באלפי צעירים שדברו עברית ושתססו בה חיים חלוציים של הנוער הציוני. זאת היא אחרית משפחותינו, אשר קוינו לראותן פעם עמנו בארצנו.

עדי־ראיה מספרים, שתקות ישראל עודדה את קדושינו ברגעי-חייהם האחרונים, כשעמדו פנים אל פנים מול המות האכזרי. המורה הגלם אברוך עמד והניף את ידו האחת מול היהודים המוצאים להורג ועודד את רוחם למות בכבוד ובגאון והלביע את רגשות־בוזם לרוצחים הנצים (את ידו המלאכותית גזלו ממנו הנצים). אז גדע (קצין, כרת) הקצין הנצי בחרבו גם את ידו השניה של המורה — הגבור, שלא שם לב לכאבו הגדול וכשכלו שותת דם, נשאר עומד על מקומו וצעק בשארית כחותיו: „עם ישראל חי! מות ונקם בגרמנים!“

בני עירי זוכרים בודאי גם את המנהל של הגמנסיה העברית („תר-

בות") מר פרנקפורט ואת הרב טברסקי ז"ל: גם הם הבליגו (התגברו) על הכאבים והיסורים ועודדו את רוח העם בשעת ההרג. יהי זכרם ברוך לעולמים!

ויבדלו לחיים ויזכרו לתהלה הלוחמים שנשארו בחיים: פטיה פנטורין, שאבדה לו רגל אחת בקרב עם הנצים, והפרטיזנים סימה ריכשטול ובנעם קובל והמעטים שעזרו על ידם. הם נתקבצו יחיד בדצמבר 1944 ועלו על קברות קדושינו בבכובה, ששה קילומטר מחוץ לקובל מצד הרחוב הבריסקאי. הם בנו גדר מסביב לקברות קדושינו והציבו להם מצבות. עד אז היו עצמות הקדושים מפזרות ללא ציון ולא גדר, ורק שכבת-עפר דקה כסתה עליהן.

כיצד לקבע את יום השנה להזכרת נשמות מתינו? על כך קבלתי ידיעות מדיקות אלה: ביום י"ז בסיון תש"ב הוציאו להורג שבעת אלפים איש ואישה, זקן ונער, וביום ו' באלול תש"ב נרצחו הנותרים, מלבד מאתים נפש מהשרידים שנרצחו בדצמבר 1942.

נזכר תאריכים אלה, — נעלה נר לנשמות הקדושים ונשמר את צואתם בלבותינו!

מרדכי וקס.

II

זכרונות און עפּיזאָדן

אברהם גלאַז (פּוילן)

קאָוולער אַנשטאַלטן, אינסטיטוציעס און פאַריינען

איך וועל אָנהויבן פון איינער פון די עלצטע און וויכטיקסטע אינסטיטוציעס, וואָס זיינען געווען אין קאָוולע, דאָס איז דער אידישער שפּיטאָל (גערופן „ביקור חולים“).

דער אידישער שפּיטאָל, איז נאָך א צייט פון איניקע יאָרן — אים בויען — באַנייט געוואָרן אין יאָר 1898. אין דער אָרגאַניזירונג און איינאָרדנונג פון שפּיטאָל, איז געקומען צו הילף די עסקנים, — דער דר. וויינבערג, וועלכער איז דאַן געווען מיליטערישער דאָקטער איבערן גאַרניזאָן מיליטער, וואָס איז געשטאַנען אין שטאָט.

אידישער שפּיטאָל

אין געהיים, היטנדיק זיך פאַר דער העכערער מיליטערישער מאַכט, האָט ער געגעבן אינסטרוקציעס און אָנווייזונגען ווי אַזוי דעם שפּיטאָל צו בויען און איינריכטן. כאָטש אַן אסימילירטער איד, וואָס האָט אין אנדערע אידישע ענינים קיין אינטערעס נישט אַרויסגעוויזן, האָט אָבער ד״ר וויינבערג, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז מען וויל בויען אַ אידישן שפּיטאָל, האָט ער זיך געשטעלט אין אומקאָנדיציאָנעלער דינסט, איינשטעלנדיק זיין מיליטערישע קאַריערע, און האָט געהאָלפן מיט ראַט און טאַט, ביז דער שפּיטאָל איז אויפגעבויט און איינגעאָרדנט געוואָרן מיט אַלע נויטיקע, — צו יענער צייט עקזיסטירנדיקע — מעדיצינישע איינריכטונגען און אינסטרומענטן.

דער ערשטער הויפּט־דאָקטאָר אין שפּיטאָל איז געווען ד״ר קולקין, מיט וועמען עס האָבן מיטגעאַרבעט נאָך אַ גאַנצע רייע דאָקטוירים;

לאנג־יעריקער פּארזיצער פון שפּיטאָל-פּארוואלטונג איז געווען דער ה׳ קלורגלוז.

נאָך ד״ר קולקין האָט איבערגענומען די דירעקציע פון שפּיטאָל דער ד״ר פיינשטיין, א גרויסער מומחה אין דער מעדיצינישער וויסנשאפט (אגב אן איבערגעגעבענער ציוני געווען). א דאנק דער געטרייער און איבערגעגעבענער אָנפירונג פון די עסקנים, האָט דער איד. שפּיטאָל געלייסטעט פיל הילף דער קאָוולער אידישער באפעלקערונג און פון אומגעגנט, אזוי פון איר גרינדונג ביז צו דער ערשטער וועלט-מלחמה.

ווי נאָר דאָס דייטשע מיליטער איז אריין אין שטאָט (אין 1915), האָבן זיי פארנומען דעם שפּיטאָל, צו היילן דאָרט זייערע פארוואונדעטע סאָלדאטן און אידן האָבן שוין אהין קיין צוטריט נישט געהאָט, אזוי אין פארלויף פון דער גאנצער צייט, ביז די מלחמה האָט זיך געענדיקט.

ווען די דייטשן זיינען אוועק פון שטאָט, האָבן זיי כמעט אויסגעליידיקט דעם שפּיטאָל, פון אלץ וואָס דאָרט איז געווען. די פּאָליאקן ווידער, ווען זיי האָבן פארנומען די שטאָט, איז דער שפּיטאָל אריבער, פריער אונטער דער מאכט פון פּוילישן מיליטערישן קאָמאנדאנט און שפּעטער אונטער דער ציווילער פּארוואלטונג פון שטאָט-ראט (מאגיסטראט).

ביים אָפּטרעטן פון פּוילישן מיליטער, צוליב דער באָלשעוויסטישער אָפענסיווע, האָבן די פּאָליאקן פארענדיקט דאָס אויסליידיקן און בארא־בעווען אלץ וואָס אין שפּיטאָל איז געווען און וואָס די דייטשן האָבן נאָך עפּעס איבערגעלאָזן.

שפּעטער, ביים צוריקקערן פון די פּאָליאקן אין שטאָט, באזעצנדיק זיך דעפיניטיוו, און די פּוילישע שטאָט-פארוואטונג האָט ווידער איבערגענומען דעם שפּיטאָל אונטער איר מאכט, האָבן קאָוולער אידן, — געזעלשאפטלעכע טוער, אָנגעהויבן צו קלערן אז ס׳איז שוין צייט, אז דער אידישער שפּיטאָל, כאָטש א האלב-רואינירטער און אויסגעליידיקטער, זאָל ווידער אריבער אונטער אן אייגענער אידישער פארוואלטונג און אָנפירונג.

דאָס אויספעלן פון א אידישן שפּיטאָל, פאר אידישע קראנקע, האָט זיך געפילט, ווייל זיי האָבן געמוזט אָנקומען דאן אין „פּאָוויאטאָוון“-שפּיטאָל (קרייז-שפּיטאָל), וואו זיי האָבן זיך שלעכט געפילט צוליב כמה טעמים, ווי: כשרות, שפּראך און אנדערע ספּעציפישע אומאָנגענעמלעכקייטן און אומבאקוועמלעכקייטן, וואָס א אידישער קראנקער האָט אויסצושטיין אין א קריסטלעכן שפּיטאָל, בפרט צווישן אזעלכע אנטיסעמיטן ווי די פּאָליאקן זיינען געווען.

נאָך אייניקע בארונגען, אָפּגעהאלטענע צווישן פאָרשטייער פון

אינסטיטוציעס, איז באַשלאָסן געוואָרן, זיך צו ווענדן צום דעמאָלסטיקן שטאָט־פּרעזידענט וואַליגורסקי. עס איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ דעלעגאַציע פון אייניקע געזעלשאַפטלעכע טוער, וועלכע האָבן זיך פאַרגעשטעלט פאַרן שטאָט־פּרעזידענט, מיט דער ביטע, אַז ער זאָל דעם שפּיטאָל איבערגעבן צוריק אונטער אידישער פאַרוואַלטונג.

דער פּרעזידענט האָט אין זיין ענטפער דערקלערט, אַז ער קען דעם שפּיטאָל נישט איבערגעבן, אַזוי לאַנג, ווי ער האָט נישט קיין יורידישע רעכט דערצו. דאַן האָבן די דעלעגאַטן פאָרגעשלאָגן דעם פּרעזידענט, אַז ער זאָל פאַררופן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון דער גאַנצער אידישער באַפעלקערונג, אויף וועלכן פאָרשלאָג ער איז מסכים געווען און עס איז פאַררופן געוואָרן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג אין דער גרויסער שטאָטישער שיל, צו וועלכער עס זיינען געקומען אַ גרויסע צאָל אידן, און עס איז באַשלאָסן געוואָרן אויסצואוויילן אַ פאַרשטייערשאַפט פון דריי פּערזאָן, דעם שפּיטאָל איבערצונעמען.

די דריי פּערזאָן זיינען געווען: ליבער אַרמאַרניק, אַברהם גלאַז און שלמה שאַמעס. אַבער צוליב דעם וואָס אייניקע שטאָט־באַלעבאַטים איז נישט געפעלן געוואָרן דער צוזאַמענשטעל פון דער פאַרשטייערשאַפט, האָט מען נישט דערלאָזט דורך אַ פּראָטעסט אין די געהעריקע אינסטאַנצן, אַז דער שפּיטאָל זאָל דורך די אויבנדערמאָנטע דריי פאַרשטייער איבערגענומען ווערן.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן אונטערהאַנדלונגען צווישן די געזעלשאַפטלעכע טוערס אין שטאָט, ווי אַזוי דורכצופירן די זאַך, אַז אַלע זאָלן זיין צופרידן. דער ענין האָט זיך געצויגן עטלעכע חדשים, ביז מען איז ענדלעך געקומען צו אַ הסכם, אַז עס זאָלן פאַררופן ווערן פאַרשטייער פון אַלע עקזיסטירנדיקע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס אין שטאָט און אויסקלויבן, אויב עס וועט נויטיק זיין, אַ צווייטע פאַרשטייערשאַפט.

די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין לאָקאַל פון דער געזעלשאַפט „טאָז“. דאָרט איז מען געקומען צו אַ פאַרשטענדיקונג און ס'זיינען אויסגעקליבן געוואָרן פינף פּערזאָן; דאָס זיינען געווען די ה"ה: ד"ר זיסקינד, שלמה טולער, אַברהם גלאַז, שלמה שאַמעס און ליבער אַרמאַרניק, וועלכע האָבן באַקומען די געהעריקע פולמאַכטן דעם שפּיטאָל איבערצונעמען.

נאָך די דורכגעפירטע פאָרמאַליטעטן ביי דער מאַכט, איז דער שפּיטאָל איבערגענומען געוואָרן, אַבער ווי אויבן דערמאָנט, אַ ליידיקן, אָן די געהעריקע איינריכטונגען און אַנדערע עלעמענטן אין וועלכע אַ שפּיטאָל נויטיקט זיך.

מען האָט געדאַרפט אָנהויבן אויפסניי אַלעס איינצואָרדענען און צו



אין געז. „אזע”: קינדער ווערן געהיילט מיט איקס־שטראַלן

שאַפן; פֿון בעטן, וועש, מעדיצינישע אינסטרומענטן א. א. וו.

פֿיל מי און צייט האָט זיך געפאָדערט אָט דאָס אַלין צו שאַפן און איינאָרדענען, אָבער א דאַנק דער מיטהילף און וואַרעמען אָפּרוף פֿון קאָוועלער אידן, האָט זיך איינגעגעבן אַלעס נייטיקס צו שאַפן און אוועקצושטעלן דעם שפּיטאָל אויף דער געהעריקער הויך.

עס זיינען אין שפּיטאָל געווען זעכציק בעטן און איז באַדינט געוואָרן פֿון אַלע אידישע דאָקטוירים אין שטאָט, גענצלעך אומזיסט. פֿאַרשטענדלעך, אז ביי אַזעלכע אומשטענדן האָבן זיך די אידישע חולאים גוט געפֿילט דאָרט, און די אידישע געזעלשאַפֿט איז געווען צופרידן, וואָס דער אידישער שפּיטאָל, וועלכער איז מיט אַזוי פֿיל מי און מאַטערניש צוריק מיט יאָרן אויפגעבויט געוואָרן און איז פֿון אידישע הענט ארויסגענומען געוואָרן, איז ענדלעך ווידער אריבער אין אידישן רשות.

„טאָז”

די געזעלשאַפט „טאָז” האָט געהאַט אַן אַמבולאַטאָריע און א דענטיסטן־קאַבינעט, וואו כמעט אַלע אידישע דאָקטוירים אין שטאָט פֿלעגן אָפּגעבן טאָג־טעגלעך א פּאָר שעה אין טאָג, מעדיצינישע הילף פֿאַר אָרעמע קראַנקע, גענצלעך אומזיסט.

אין דער פאַרוואַלטונג זיינען געווען פאַרטראַטן: ד"ר קערנער, ד"ר זיסקינד, ד"ר ווידרע, ד"ר סאַמשטיין, סאַני מאַרגוליס, יחיאל שטיין, וואָלף פען, שלמה שאַמעס און אברהם גלאַז.

דער „טאָז" פלעגט אויך אָרגאַניזירן זומער-קאָלאָניעס פאַר קינדער. די ערשטע צייט פלעגט מען דינגען פויערישע כאַטעס, אין וועלכע עס פלעגן זיך אויפהאַלטן די קינדער; דאָס איז געווען אומבאַקוועם און אויך צו קאָסטבאַר. האָט די פאַרוואַלטונג באַשלאָסן אויפבויען אַן אייגענע געביידע. ס'איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ בוי-קאָמיסיע מיטן ה' אברהם גלאַז אַלס פאָרזיצער.

נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס קיין געלט איז נישט געווען, האָט מען געקויפט נעבן האָראָדאָלעין (אַ דאָרף, 6 קילאָמעטער פון קאָוולע), צען טויזנט קוואַדראַט מעטער סאָסנאָוון וואַלד. דאָרט איז אויסגעבויט געוואָרן אַ פּרעכטיקער בנין, מיט אַ שיינער וועראַנדע, מיט אַ באָד און מיט אַלע אַנדערע נייטיקע באַקוועמלעכקייטן, וואו אָרעמע אידישע קינדערלעך, אינגלעך און מיידלעך, פלעגן יאָר-יערלעך געניסן אומזיסט פון פרישער געזונטער לופט, זיך דערהאַלנדיק אין זייער שוואַכן געזונט. די קאָלאָניע האָט אויפגענומען פון 500 ביז 600 אָרעמע אידישע קינדער יערלעך, פון קאָוולע און פון אומגעגנט.

„אָרט"

אויך די געזעלשאַפט „אָרט" איז געווען אין קאָוולע שטאַרק טעטיק. זי האָט געהאַט אַ דאַמען-שניידעריי-שול פון דריי גרופּן. אין יעדער גרופּע האָבן געלערנט ביי די 50 קינדער. יערלעך זיינען אַרויסגעלאָזן געוואָרן פון 40 ביז 50 קוואַליפיצירטע און פּראָדוקטיווע אַרבעטער.

באַלד ווי עס איז אַריין אין קראַפט דאָס „צעכן-געזעץ", איז געשאַפן געוואָרן אַ פּאַטראָנאַט-קאָמיסיע, וועלכע האָט אָרגאַניזירט אָוונט-קורסן און גלייכצייטיק זיך פאַרשטענדיקט מיט די מייסטערס פון דער „אָרט"-שולע, אַז זיי זאָלן פרייל אָזן די שילער אין דער געהעריקער צייט צו די קורסן, בכדי נאָכן ענדיקן, זאָלן זיי קענען ווערן זעלבסשטענדיקע און באַרעכטיקטע — לויטן נייעם געזעץ — אַרבעטער.

אין די לעצטע יאָרן, פאַר דער צווייטער וועלט-מלחמה, ווען ס'האָט געבושעוועט שטאַרק דער אַנטיסעמיטיזם, איז דער מאַטעריעלער מצב פון קאָוולער אידן געווען זייער אַ שלעכטער. צענדליקער און הונדערטער אידן זיינען געזעסן אָן פרנסה. דאַן האָט די פאַרוואַלטונג פון „אָרט" געשאַפן אַ קאָמיסיע מיטן פּראָפעסאָר ראובן ערליך אַלס פאָרזיצער, און די אויפגאַבע פון דער קאָמיסיע איז געווען, אַרויסצוגעבן אָן-פּראָצענ־

פאָד־יום־טוב פון דער געז. „אָרט“. פאָרזיצער ד״ר באָקאָלאָווסקי

טיקע הלוואות צו אָרעמע אידן, איינצוקויפן פאר דעם געלט קי, און פון דער מילך זאָלן זיי זיך קענען מפרנס זיין. אזוי אָרום האָבן א סך אָרעמע פאמיליעס אין קאָוולע, א דאנק דער אונטערשטיצונג פון „אָרט“, זיך געקענט דורכלעבן.

אויך האָט מען געעפנט א שלאָסעריי און א סטאָלעריי פאר אינגלעך, צו לערנען זיי דאָרט די דאָזיקע מלאכות. צו דעם צוועק איז געקויפט געוואָרן אן אייגן הויז אויף לוצקער גאַס, וואו ס׳איז אמאָל געווען דאָס געריכט־הויז (סוד). נאָר צום באדויערן, איז נאָכן אריינלייגן פיל געלט און מי פון די עסקנים, צוליב דעם אויסברוך פון דער מלחמה, אלין געגאנגען לאיבוד און די אָנגעהויבענע ארבעטן און אלע שיינע אויסגערעכנטע פלענער — צעשטערט און בטל געוואָרן.

אין די פאַרוואַלטונגען פון „אָרט“־געזעלשאפט זיינען געווען פארטראָטן: אברהם גלאַז, יחיאל שטיין, אשר פראנקפורט, שלמה שאַמעס, פרוי פון ד״ר צעכאנאָוויטש, וואָלף פען, יאנקל שווארין, יצחק שענקער, שיקע פרידמאַן, פרוי פון ד״ר ווייטער, פרוי אייזנבערג און ישראל גורטענשטיין. אין דער געלט־אקציע צו קויפן דאָס הויז, האָט דעם גרעסטן אנטייל גענומען דער ד״ר ווייטער.

בית יתומים

דער בית יתומים (מיר שרייבן וועגן אים, אין אונזער היסטאָרישן איבערזיכט אויספירלעכער. — די רעד.), אין וועלכן עס האָבן זיך אויפגעהאַלטן און דערצויגן ביי 120 קינדער־יתומים, א סך פון זיי, וואָס זייערע עלטערן זיינען אומגעקומען בשעת און נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה, האָט זיך געפונען אין אן אייגענער געביידע און איז מוסטערהאַפט און געטריי אנגעפירט געוואָרן פון דעם אומדערמידלעכן עסקן פאַר די יתומים, אדוואָקאַט עפּלבוים.

דאָס יתומים־הויז האָט אויך געהאַט אן אייגענע זומער-קאָלאָניע, וואוהין די קינדער פלעגן יעדן זומער, — טורנעסווייז — געשיקט ווערן אויף פרישער לופט.

פאַרוואַלטעט איז געוואָרן דער דאָזיקער וויכטיקער אנשטאַלט פון די איבערגעגעבענע עסקנים: אדוו. עפּלבוים, רייצע לעווין, אשר ערליך, מיכל רויזן, יהיאל פאַנטורין און שקאָלניקס איידעם (מיר געדענקען לײדער נישט זיין נאָמען).



די פאַרוואַלטונג און לערער פון „פרץ־שולע" אין קאָוולע, וואו עס האָבן געלערנט די קינדער פון בית יתומים. עס זיצן אין צענטער (פון רעכטס צו לינקס): ה. סעגאַל, ל. קאָוועבערג, ז. וויינפער, תייקע סעגאַל ברעגמאַן, הויצע לעווין, אשר ערליך און דער דעלעגאַט פון קאָוולער „רעליעף" אין אמעריקע.

מושב זקנים

„אין מושב זקנים, וואו עס זיינען אויפגענומען געוואָרן אלטע, אָרעמע און עלנטע מענטשן, איז א דאנק די טוערס וועלכֿע האָבן זיך מיט דעם דאָזיקן נוצלעכֿן אנשטאלט פאראינטערעסירט און געזאָרגט פאר אים און א דאנק דער קאָוולער ברייטהארציקער אידישער באפעלקערונג, וועלכֿע האָט געשטיצט די דאָזיקע אינסטיטוציע, זיינען די זקנים באזאָרגט געוואָרן מיט אלעם נויטיקן.

דער מושב זקנים איז געווען איינגעריכטעט אין די בעסטע היגיעניש באדינגונגען און עס איז געזאָרגט געוואָרן דערפאר, אז די אלטע און עלנטע לייט, זאלן זיך פילן באקוועם און היימלעך.

די פארוואלטונג איז באשטאנען פון: בתיה ארמארניק, מיכֿל רויזן, שבֿנא באָרושיק, מיכֿל ראָזנבלאט און סאנדלשטיין (פון דער דרוקעריי).

תלמוד תורה און בתי־ספר

געווען איז אויך ביי אונז אין שטאָט א גוט־איינגעאָרדנטע תלמוד־תורה מיט אן אייגן הויז (גענויער אין היסטאָרישן איבערזיכט).

אין דער פארוואלטונג זיינען געווען פארטראָטן: יעקב פּטאקאָווסקי, אידל סופר, אריה לייב לאנדע, מיכֿל שיטער און געלטמאן.

צוויי בתי־ספר, אָנגעפירט פון דער אָרגאניזאציע „תרבות“, זיינען געווען. איינע אין „שטאָט“ און איינע אויפן „זאמד“. זיי זיינען געווען זייער גוט איינגעאָרדנט און עס האָבן דאָרט געלערנט א גרויסע צאָל קינדער, מיט צענדליקער לערער, קאָוולער געבוירענע יונגעלייט און אויך אריינגעפאָרענע.

אויך צוויי גימנאזיעס זיינען געווען; א העברעאישע און א פּויליש־(פריער רוסיש־) אידישע. די העברעאישע גימנאזיע איז לעצטנס געווען אין אן אייגן הויז. עס זיינען פון דאָרט ארויס אין די הונדערטער אידישע קינדער מיט בילדונג אין אידישן און אלגעמיינעם וויסן. אָנגעפירט איז די גימנאזיע געווען פון דעם אייגנארטיקן קאָוולער־געבוירענעם אינטעליגענט, ד״ר אשר פראנקפורט. די רוסיש־פּויליש־אידישע גימנאזיע איז געווען אָנגעפירט פון דער קאָוולער געבוירענער פריילין קלארא ערליך. (און אנדערע שולן, פון וועלכֿע מיר רעדן אויף אן אנדער פּלאץ אויספירלעכֿער).

פּאָלקס־באנק

אין דער פּאָלקס־באנק האָבן געפונען א באדייטנדיקע הילף, אידן האנטווערקער, ארבעטער און קליינהענדלער, וועלכֿע האָבן זיך גענויטיקט אין א הלוואה.

תלמידים פון „תרבות־שול" מיטן לערער פיגלמאַן

די פאָלקס-באַנק איז דעם מענטשן פון מיטעלן און אָרעמען קלאַס שטענדיק אַנטקעגנגעקומען מיט אַ קרעדיט, אָן שוועריקייטן, נעמענדיק אַ קליינעם פּראָצענט און אויף לאַנגע ראַטעס אויסצוצאָלן, וואָס דאָס האָט זיי פיל פאַרלייכטערט אין זייער שלעכטער עקאָנאָמישער סיטואַציע.

אין די פאַרוואַלטונגען זיינען געווען פאַרטראָטן, אין פאַרשידענע פּעריאָדן, צווישן אַ סך אַנדערע, די ה"ה: חיים גרינבערג (דירעקטאָר), אברהם שענקער, שלמה שאַמעס, יוסף מילשטיין, מאיר לייב ווידריטש, איציק שאַמעס און משה פּערל.

האַנטווערקער, קליינהענדלער און סוחרים־פאַריינען

אין האַנטווערקער־פאַראיין האָבן אָנטיילגענומען אין די פאַרוואַלטונגען, פאָלגנדיקע פּערזאָנען: פעטריקאָווסקי, מאיר לייב ווידריטש, איציק פייער, שלמה שאַמעס, לייבל גוז, בנימין באַלער, אברהם גלאַז, שמואל גאַרבער, בינם מלמד, יחיאל שטיין, וואָלף פען, שיע פרידמאַן, אהרן פרידמאַן און אַנדערע.

דער קליינהענדלער־פאַראיין איז טיילווייז אָנגעפירט געוואָרן פון

די ה"ה: אריה פרישבערג, לייבוש קראוזע, מאָטל מאליושקע, בנימין (ניאכטשיק) גייער און אנדערע.

דער סוחרים-פאראיין איז אויסער אנדערע, וועמענס נעמען מיר געדענקען נישט איצט, אָנגעפירט געוואָרן פון: ליבער ארמארניק, ווילי פּאָמעראַנץ, דוד אָפּאלינער און דונאיעווסקי.

אין דער לעצטער צייט, ווען די פּוילישע מאכט האָט איינגעפירט אידישע קהילות, האָבן די אלע אידישע אינסטיטוציעס, פיל געגאָסן פון דער קהילה-סובווענץ, וועלכע האָט אויסגעטיילט אלע אידישע אינסטיטוציעס מאנאטלעכע סובסידיעס.

א דאנק די דאָזיקע סובסידיעס, איז פיל פארלייכטערט געוואָרן די עקזיסטענץ-מעגלעכקייטן פון יעדער רעספּעקטיווער אינסטיטוציע.

משה פּערל און זיין פרוי גאָלדע

אויך האָט די קהילה פיל געהאָלפן און געשטיצט אינדיווידועל אָרעמע און קראנקע אידן, פארלייכטערנדיק זיי אזוי ארום אין זייער שווערער עקאָנאָמישער לאגע.

אין דער קהילה זיינען געווען פארטראָטן: הרב נחום משה טווערסקי (דעם טריסקער רבינס ר' וועלוועלעס איידעם), ערשטער ראש-הקהילה; משה פּערל, צווייטער ראש-הקהילה; שלמה קלורגוז, מיכאל פיינשטיין, פּעטריקאָווסקי, אהרן פרידמאן, משה שניידער, אהרן פיש, אידל סופר, אברהם גלאז, בינם מלמד און קהת גאָלאידע און אנדערע.

ביים שרייבן די דאָזיקע דעראינערונגען, האָב איך איבערגעלעבט א שוידערלעכן און ווייטיקדיקן געפיל, זיך דערמאָנענדיק, אז די היט-

לעריסטישע בעסטיעס ימח שמם, וועלכע האָבן אומגעבראכט דאָס בעסטע פון אידישן פאָלק, האָבן אויך אומגעבראכט די גרעסטע מערהייט פון אָט די אלע אויבנדערמאָנטע קאָוולער געזעלשאפטלעכע טוערס, וועלכע זיינען געווען אזוי איבערגעגעבן טעטיק, יעדער אויף זיין געביט און אין זיין רעספעקטיווער אָרגאניזאציע אָדער פאראיין, זיך מקריב זייענדיק לטובת הכלל און לטובת דער געזעלשאפט.

איך וויל דאָ אויך צוגעבן, אז אלס איינציקער, אפשר, לעבנגעבליבענער עדות, וואָס געדענקט אָט די אלע אויבנגאויסגערעכנטע אינסטיטוציעס, געזעלשאפטן און אנשטאלטן מיט זייערע פארוואלטונגען, מיט וועמען א סך פון זיי כ׳האָב מיטגעארבעט (אויב איך האָב איינציקע אינסטיטוציעס מיט זייערע פארוואלטונגס־מיטגלידער פארגעסן, אָדער פארזען צו דערמאָנען, בעט איך, מיר אנטשולדיקן), האָב איך מיך באמיט אָביעקטיוו און אין קורצע שטריכן זיי דאָ צו באשרייבן און צו דערמאָנען, כדי זייערע נעמען און זייערע גוטע מעשים זאָלן פאראייביקט ווערן אין דעם דאָזיקן „„פנקס קאָוועל“.

ערע זייער אָנדענק!

אַ בריוו פון דיכטער זישע ווײנפּער, צום רעדאַקטאָר פון פנקס־קאָוועל *)



21־טער דעצעמבער 1950, ניו יאָרק.

השובער בצלאל באַלער:

איך קאָן זיך נישט דערמאָנען אָן א פריערדיקער בריוו פון אייך צו מיר. אוודאי פאַרפאַלן געוואָרן. עס טרעפט זיך אַזוינס.

קיינע דירעקטע זכרונות שרייב איך דערווייל נישט. אומדירעקט האָב איך אריינגעוועבט מיין לעבן אין טריסק אין א גרעסערן ראָמאַן, וואָס איך האָב נישט לאַנג צוריק פאַרענדיקט. אביסל קאָוולע איז דאָרט אויך דאָ. ווייל דאָס לעבן אין טריסק איז געווען טיף פאַרבונדן מיט קאָוולע.

אין א צווייטן ווערק, וואָס ברייט זיך איצט אויס אין מיר, וועט קאָוולע פאַרנעמען א ברייטערן אָרט, ווייל אָט־די שטאָט האָט ארויפגעלייגט אויף מיין יוגנטלעכן לעבן א היפּשן חותם.

רופט עס נישט „קאָוועל". נאָר „קאָוולע". קאָוועל איז אין דער געאָגראַפיע, אָבער פאַר אונז איז דאָס קאָוולע.

קאָוולע איז מיר געוואָרן אייגן נאָך איידער איך האָב די שטאָט געזען מיט די אויגן.

ביי אונז אין טריסק איז געווען א „קאָוולער וועג" איבער וועלכן איך בין נאָך קינדהווייז ארומגעלאָפן מיטן „סטונדל" ארויס פון די מיטקעס. ווען איך האָב זיך אָנגעהויבן לערנען שרייבן ביי יאַנקל שרייבער, זיינען די ערשטע ווערטער געווען: — „מיין טאַטע איז געפאָרן קיין

---

*) צוליב דער תשובות פון דעם, פון וועמען דער בריוו איז געשריבן, דרוקן מיר אים, אָן קיצורים. — די רעד.

קאָוולע”. אמת, מיין טאטע איז שוין דעמאָלט אפילו געווען אויפן עולם האמת, און ער האָט קיין קאָוולע שוין נישט געקאָנט פאָרן, אָבער נאָכגעשריבן האָב איך פונדעסטוועגן אָט-די ווערטער.

ווען איך האָב אויף מיין צוועלפטן יאָר, צום ערשטן מאָל באזוכט קאָוולע, איז דאָס געווען פאר מיר א גוואלדיקע איבערלעבונג. א קליינקייט קאָוולע פאר א אינגעלע פון טריסק! אויפן וועג אהין, אין נוח בעל-עגלהס וואָגן, האָב איך דערוואַרט צו טרעפן אלע מענטשן דאָרטן שטארק פארפוצטע, — די מענער אין צילינדערס, און די ווייבער אין די אייגענע האָר! ווייסט איר פארוואָס? דאָס איז געווען דערפאר, ווייל אויף א משפחה-התונה אין טריסק איז געווען דער קאָוולער משפחהניק אידל הייט מיט זיין ווייב. האָט ער געטראָגן אויפן קאָפ א גלאנציקן צילינדער, און זיין ווייב, די אייגענע האָר. איך האָב זיך דערפילט אביסל אנטוישט, ווען איך האָב דערזען, אז די קאָוולער אידן טראָגן פראָסטע היטלען און די ווייבער, פונקט אזעלכע טשיפיקעס און פאטשיילעס ווי אין טריסק.

און דאָך האָט קאָוולע געמאכט א גוואלדיקן איינדרוק. א קליינקייט, אזא גרויסע שטאָט! אזעלכע רוישיקע גאסן! און אזוי פיל קראָמען! ווען מיין ברודער משה, וואָס האָט געהאט א באקאליי-קראָם אין טריסק, האָט מיך אריינגענומען אין דעם הורטאָוונעם געשעפט פון יהושע בוראק, בין איך א בעלן געווען זיך שטעלן ציילן די פעקלעך ציקאָריע. וואָס איך האָב דאָרטן געטראָפן אויף א פאָליצע. — אזוי פיל פעקלעך ציקאָריע! — האָב איך אויסגעשריגן מיט גרויס פארוואונדערונג.

צירלס אכסניה אויף דער לודמירער גאס, איז פאר מיר געווען עפעס אזוינס, פון וועלכן איך האָב דערנאָך פאר מיינע חברים אין טריסק געהאט צו דערציילן און צו דערציילן.

— אזוי פיל בעלי-עגלות, אזוי פיל סוחרים און פון אזוי פיל שטעט!

שפעטער בין איך געוואָרן אן אָפטער גאסט אין קאָוולע. קרובים געהאט. דער פעטער מאָטל און די מומע בוניע, וואָס האָבן געהאט א מעבל-געשעפט נעבן דער בריק אויפן וועג צום „זאמד”. דער פעטער אברהם, וואָס האָט געהאנדלט מיט גרויען אלטווארג און איז אליין געווען, ווי אן אטלאסענע קאפאָטע, אפילו אין דער וואָכן. שפעטער איז אהין אויך צוגעקומען דער פעטער משה, וועמענס בן-יחיד, מיין איינציק לעבנסגעבליבענער קוזין פון טאטנס צד, זיסיע וויינפער, לעבט איצט מיט אייך אין בוענאָס איירעס. ארום א יאָר צייט פאר מיין אָפפאָרן קיין אמעריקע, בין איך געווען א תושב אין קאָוולע.

איך האָב געארבעט ביי משה חיים גראיעווער אין מאנופאקטורגעשעפט, ווי א שטיקל בוכהאלטער, און שפאצירט אין די אָוונטן אויפן

„זאמד“ מיט די „באַרישניעס“ און גערעדט „פּאָ רוסקי“, פּאָרוואָס איך האָב געהאַט געוויסנביסן, ווייל איך האָב באַלאַנגט צו א גרופּע „אידישיסטן“, אונטער דער אָנפירונג פון פייוול פריד — אַן עלטערער הבר, וואָס האָט דער ערשטער געבראַכט צו אונז יונגטלעכע, די געדאַנקען פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, אויף וועלכער עס האָבן געגלאַנצט אַזעלכע ליכטיקע נעמען ווי יצחק לייבוש פּרץ און ד״ר חיים זשיטלאָווסקי.

פון יענע יאָרן איז ביי מיר פאַרבליבן דאָס געשטאַלט פון משה חיים גראַיעווער, — א הויכער, אַן אימפּאָזאַנטער, וואָס איז געווען מער תלמיד־חכם ווי סוחר און געציטערט האָט ער פאַר זיין קליין־געוויקסיק ווייב, וואָס איז געווען רייזע מעכציעס א טאָכטער און א דורכגעטריבענע סוחרטע, ווי עס איז געווען איר מוטער אין איר באַזונדער מאַנופאַקטור־געשעפט.

— מיין ווייב איז אַן אשת-חיל, — פלעגט ער זיך ווײַצלען אויף איר השבון, און זיך באַקלאָגן, אַז ער האָט גאָר געדאַרפט ווערן א „סופר בישראל“. פאַר זיין התונה האָט ער אָפּגעדרוקט עטלעכע אַרטיקלען אין „הצפירה“ אונטערן נאָמען „גהם“. ביי זיי איז געווען א טעכטערל, אַן אויסגעבליכטע גימנאַזיסטקע, וואָס פלעגט קוקן אויף מיר מיט פאַרבענקטע אויגן. אָבער איך, ווי איז צו מיר, בין געווען פאַראינטערעסירט אין אַנדערע „באַרישניעס“ מיט וועלכע איך פלעג שפּאַצירן אין די אָוונטן אויף דער וואָקזאַלנער גאַס.

עס האָט זיך אין יענער צייט באַזעצט אין קאָוולע דער נאָוועליסט יונה ראָזנפעלד; שטייט ער מיר פאַר די אויגן אין זיינע שפּאַציר־גאַנגען מיט דער פליישמאַן-באַרישניע, בשעת מיר יונגטלעכע פלעגן אים נאָכקוקן און זיך וואונדערן, וואָס אַזאַ קליינגעוויקסיקער ווי ער איז געווען, זאָל פאַרמאָגן אין זיך אַזאַ גרויסן טאַלאַנט.

— סיידן אַז דער כוח ליגט אין זיינע גרויסע בלאָנדע וואָנצעס, — פלעגן מיר זיך ווײַצלען. און נישט איינער פון אונז איינגלעך, האָט זיך וואָנצעס פאַרלאָזן.

אין זיינע שפּעטערדיקע יאָרן אין ניו־יאָרק, האָבן מיר נישט איינמאָל גערעדט וועגן דעם, און א סך געלאַכט. איצט איז ער שוין אויפן עולם-האמת, און איך בין אַן עדות, אַז אין אים איז געווען א סך וואָרעמקייט צו קאָוולע.

— א פּשוטע שטאָט געווען, אָבער א אידיש־פאָלקסטימלעכע, — פלעגט ער זאָגן וועגן קאָוולע.

נו יאָ, קאָוולע האָט זיך נישט אויסגעצייכנט מיט קיין באַזונדערן

גלאַנין, אַבער פון איר וואָכעדיקער קאַפּאָטע האָט געשלאָגן מיט טיפער, געוואָרצלטער אידישקייט און לויטערער פאָלקס־חכמה.

עס האָט זיך אין איר געחסידעוועט, געמתנגדעוועט, געמשכּילעוועט, געציוניסטעוועט און געסאָציאַליסטעוועט און אפילו געאידישיסטעוועט, ווי אין אַלע אַנדערע שטעט פון דעם מין.

שטילע, פאַרחלומטע יוגנטלעכע יאָרן מיינע אין קאָוולע! דער בראשית פון מיין שרייבן, וועלכער איז אויפגענומען געוואָרן אין דעם קליינעם דירהלע פון דער יונגער אסתּר ראַבינער, וואָס כאָטש זי איז קיין גימנאַזיסטקע נישט געווען און דורך די טעג געהאָלפן איר מוטער, דער אלמנה, אין איר קרעמל אויפן „זאַמד“, איז זי דאָך געווען באַהאַוונט אין דער גאַנצער רוסישער ליטעראַטור.

— גאָרקי סקאַזאַל! אַננאַ וויערביצקאַיאַ סקאַזאַלאַ!

אָט קומט אין זכּרון דער גרויסער וויכּוח ביי מיר אין טריסק וועגן די צוויי קאָוולער קלעזמער־קאַפּעליעס. דער האָט געוואָלט האָבן, אַז סנדרס קאַפּעליע איז אָו־וואַ! און אַ צווייטער האָט דווקא געהאַלטן פון אשרס.

ווען איך האָב געלעבט אין קאָוולע, האָט אשר געשפּילט אין דעם איינציקן פילם־הויז פון קאָוולע, „אָדעאָן“. אָט זע איך אים פאַר די אויגן מיט זיין פעך־שוואַרצער באָרד איבער דעם פידל, וואָס האָט גענאָסן פון זיך אין דער טונקעלער „אָדעאָן“־שטילקייט מיט זיסלעכע, לירישע טענער. און איך האָב ביי זיך דעמאָלסט אָפּגעמאַכט, אַז סענדער מיטן געלן בערדל, איז אוודאי אַ בעסערער קאַפּעל־מייסטער, אָבער אשר איז זיכער אַ בעסערער פידלער.

קאָוולע! — עס שטייט פאַר די אויגן די שאָסיינע גאַס, וואָס האָט זיך געצויגן פון דעם טריסקער רבינס הויף דורך די פאַרשידנפאַרביקע קראָמען, אַרום וועלכע עס האָט געווימלט דער קאָליריקער, לעבעדיקער טומל פון אידיש, אוקראַיניש, פּויליש און רוסיש, און איז אַריינגעפאַלן אין שטילער מאַניערלעכקייט אויפן וועג אַרויף צום „זאַמד“־צו. די אידישע אָרעמשאַפט אין זייערע נידעריקע הילצערנע הייזער מיט לייםגעווייסט, און די נגידישאַפט אין זייערע הייזער מיט גאַניקלעך און געפאַרבטע טירן און פענצטער. פון אַלץ און אַלעמען האָט זיך געטראָגן מיט דער נאַאיווקייט פון פּשוטער היימישקייט, וואָס שמעקט מיט שטאָל אפילו, ווען מען פאָרט שוין אויף דראָזשקע־קאָלעיאַסלעך.

ווען איך האָב אין מיינע שפּעטערדיקע יאָרן אַ פּאָר מאָל באַזוכט קאָוולע, ווי דער „גאַסט פון אַמעריקע“, האָט קאָוולע אויסגעקוקט אין מיינע אויגן אַביסל יורדיש. די זעלבע שטאָט, נאָר דערשלאָגן. דאָס ליכ־

טיקסטע געשטאַלט איז אין מיינע אויגן געווען משה פּערעל, וואָס האָט געוועקט צו טעטיקייט.

ווער האָט געקאָנט טראַכטן, אז עס וואַרט אויף אים א נאַצישע קויל אינמיטן פון זיינע קאָוולער גאסן? ווער האָט דעמאָלסט געטראַכט, אז עס קומען קוילן אויף אַלע טייערע אידן פון קאָוולע? האָט זיך דען אויף דעם געריכט טריסק און בריסק? נעסכיזש, קאַמען, מאַציעוו, לודמיר, לוצק און די אַלע אַנדערע הונדערטער שטעט, וואָס האָבן גערוישט מיט אידיש לעבן?

פאַרוואָס- פאַרווען? פאַר וועלכע זינד? ווײ איז אונז, די פאַרבליבענע, צו פרעגן אָט די פראַגע!

אָבער קאָנען מיר דען עפּעס אַנדערש טאָן, ווי בלויז פרעגן? אין אונזער פּיינלעך פרעגעניש, זוכן מיר זיך צו פאַרגרינגערן מיט פּנקסים.

נו גוט, זאָל זיין א פּנקס! זאָל ער בלייבן לדורות און מאָנען — דערמאָנען!

ווי איר זעט, ליבער פריינט, האָב איך אָנגעהויבן מיין בריוו צו אייך מיט דער כוונה צו לאָזן וויסן, אז איך קאָן איצט נישט שרייבן קיין זכרונות, און די פּען האָט זיך אַליין אַוועקגעלאָזן איבערן פּאַפּיר.

נעמט־זשע אָט דאָס צוזאַמען מיט מיינע הייסטע גרוסן צו אַלע טייערע קאָוולער מיט וועלכע איך האָב זיך באַגעגנט אויף מיין באַזוך ביי אייך אין בוענאָס איירעס.

אפשר וועט זיך מאַכן א געלעגנהייט, אז איך זאָל אייך ווידער באַזוכן, וועלן מיר ווידער בציבור זיצן אויף אונזערע הורבות און פּלאָנעווען א נייעם אויפבוי.

ווי עס איז איצט אויף אונזער וועלט, טרייסלען זיך שוין ווידער די רעשטאָוואַניעס פון דעם וואָס מיר פאַרמעסטן זיך צו בויען, און וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען איז אינם איצטיקן מאָמענט שווער פאָראויסצוזאָגן.

לאָמיר זיך טרייסטן מיט דער פאַרבליבנקייט, און לאָמיר זיך אַליין פאַרזייען, פאַרפלאַנצן און גיין מיט די פּנימער אַנטקעגן אַלע שטורעמס. וועלן מיר סוף כל סוף דערמיט אַליין באַרעכטיקן אונזער איבערגעבליבנקייט.

אייער, אין טיפער פאַרבונדנקייט

זישע וויינפער.

איסר קאַמינסקי

די ציוניסטישע יוגנט־באַוועגונג אין קאָוולע

אין יאָר 1917, ווען עס איז פראָקלאמירט געוואָרן די באלפור־דעקלאראציע, אין וועלכער עס ווערט צוגעזאָגט: „אויפצוריכטן פארן אידישן פאָלק אן עפנטלעך געזיכערטע היים אין ארץ־ישראל", — אין דער־אַ צייט, האָט זיך אָנגעהויבן א רודער טון צווישן דער אידישער יוגנט אין קאָוולע.

נישט מער ווי א יאָר צייט האָב איך דאן געהאט געוואוינט אין קאָוולע, וואוהין איך בין געהאט געקומען פון קליינעם שטעטעלע ראטנע, (ניט ווייט פון קאָוולע), וואו עס האָבן שוין, אגב, געהאט עקזיסטירט ציוניסטישע יוגנט־קרייזן, — האָב איך דאָ אין קאָוולע, לכתחילה נישט געקענט געפונען מיין פלאַץ צווישן דער יוגנט. אָבער אין גיכן האָט זיך די לאָגע געביטן.

עס האָבן צו יענער צייט אָנגעהויבן זיך אומקערן פון רוסלאנד, א סך פון די פאמיליעס, וועלכע האָבן פארלאָזט די שטאָט, צוליב די געשעענישן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, און צווישן זיי איז אויך צוריקגעקומען די פאמיליע באדאָראוו. א פאמיליע א האלב־אסימילירטע, פון די געוועזענע רייכסטע מענטשן אין קאָוולע. וואָס האָבן די קינדער זייערע געשיקט אין די גימנאזיעס און אוניווערסיטעטן און בכלל ארויסגעוויזן א קנאפן אינטערעס צום אידישן נאציאָנאלן לעבן.

צוזאמען מיט זיי איז אויך געקומען זייער אינגסטער זון לוסיא. שיין אין פיזישן אויסזען, רייך אין בילדונג און א באגאבטער רעדנער, האָט ער אָנגעהויבן צו קאָנצענטרירן ארום זיך, קודם, די שטודירנדיקע יוגנט, און בליץ־שנעל איז פארשפרייט געוואָרן איבער גאנץ קאָוו־

אַ גרופּע פון „הצופים“, אויף אַן אויספלוג. אין צענטער — לוסיע כאַדראַוו

לע די ידיעה, אַז עס האָט זיך געגרינדעט אַ סקויטן־אָרגאַניזאַציע מיט דעם נאָמען „הצופים“.

עס האָבן זיך אַרום לוסיען קאָנצענטרירט אין די הונדערטער יוגנטלעכע, שילער פון די אידיש-העברעאישע שולן און פון קלאַרא ערליכס גימנאַזיע. און אויף די גאַסן האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן אוניפאָרמירטע יוגנט, מיט כאַקי־קאָסטיומען, אין קורצע הייזלעך און מיט שטעקנס אין די הענט.

די שפּראַך פון לוסיען איז דאָן געווען — רוסיש און אין זיינע פּראָפּאַגאַנדע-רעדעס, פלעגט ער מיט זיין פלאַמיק וואָרט באַגייסטערן און אָנצינדן די הערצער פון יונגע און עלטערע. אַן אויסערגעוויינלעכער אָרגאַניזאַטאָר, האָט ער זיך נישט באַגנוגנט מיט דער אָנגעפירטער אַרבעט אין קאָוולע אַליין, נאָר ער האָט אויך אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן די יוגנט אין די אַרומיקע שטעטלעך, אין וועלכע עס זיינען דורך אים געגרינדעט געוואָרן אין די צענדליקער קנים און די באַוועגונג האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן און זיך אויסברייטערן.

אין הויז פון לוסיען איז געווען דער אַזויגערופענער גענעראַלשטאַב. אַהין פלעגט מען קומען אָפּגעבן די „ראַפּאָרטן“. דאָרט איז געווען איינגעאָרדנט אַ שיינע „קאַנצעלאַריע“, וואו אין פראָנט אַקעגנאיבער דער אַריינגאַנגס-טיר איז געהאַנגען דאָס בילד פון באַדען פּאַול (דער גרינדער פון דער אַלוועלטלעכער סקויטן־אָרגאַניזאַציע), און אויף די ווענט זיינען געהאַנגען פאַרשידענע בילדער פון אידישע פּערזענלעכ-

קויטן און עמבלעמען פון דער סקויטן-ארגאניזאציע, און איבער זיי, די אידישע ווייס-בלויע פאן, צוזאמען מיט דער גרינער פון די סקויטן.

אין דער סקויטן-אַרגאַניזאַציע האבן זיך אויך אנגעשלאָסן מיידלעך, סטודענטקעס און שילערינס פון פארשידענע שולן און סתם בעל-הבתישע טעכטער פון שטאט, וואס האבן — גלייך ווי די אינגלעך, — געטראגן אוניפארמירטע קאסטיומען און איניקע פון זיי זיינען אפילו געווארן אנפירערינס פון גדודים.

בעת עס פלעגן פארקומען ציוניסטישע פייערונגען, אדער אנדערע ימים טובים און פאראדן פון לאָקאַלן כאראקטער, איז דער אנטייל פון דער דאזיקער אוניפארמירטער יוגנט געווען שטארק אנזעעוודיק.

דער אמת איז, אז מיר האבן נאך דאן, אויך קלאָר נישט געוואוסט וואס מיר ווילן, אבער מיט גרויס פאטאס און ברען, פלעגן מיר זינגען די „התקוה" און אונזער שטרעבונג איז געווען — ארץ ישראל.

נישט לאַנג האט געדויערט און אין קאוולע איז געגרינדעט געווארן א צווייטע יוגנטלעכע ארגאניזאציע מיט דעם נאמען „הסתדרות השומר הצעיר". כאטש אין איר אורשפרונג איז זי אויך געווען א סקויטישע, אבער ביי די שומרים האט מען זיך פארנומען, אזוי צו זאגן, אויף א ברייטערן וועג. מען האט זיך אנגעהויבן פארטראכטן וועגן טיפערע נאציאנאלע פראבלעמען, פאר וועלכע מען האט אנגעהויבן פראפאגאנדירן און דורכפירן דיסקוסיע-אוונטן און גלייכצייטיק זיך אליין לערנען.

אפשידס־אקט פאר לוסיע באדראוו (אין צענטער), צו זיין אפפארן צום ציוניסטישן קאנגרעס אין יאר 1921.

אַ גרופּע פון „מכבי“

פארשטייט זיך אז עס איז אָנגעגאנגען א קאָנקורענין-טעטיקייט צווישן ביידע אָרגאניזאציעס. ווער ס׳איז געבליבן ביי די „הצופים“ און ווער ס׳איז אריבער צום „השומר“. צווישן די לעצטע איז אויך געווען דער שרייבער פון די דאָזיקע זכרונות. דער אָנפירער פון „השומר“ איז געווען ה׳ בוים. אין אונזערע רייען האָבן זיך אויסער דער שטודירנדיקער יוגנט אויך גרופּירט יוגנטלעכע פון פארשידענע קלאסן און שיכטן, ווי: האנדלס-אָנגעשטעלטע און סתם ארבעטער-קינדער, ביי וועלכע עס האָט זיך דערוועקט דער נאציאנאלער געפיל און האָבן מיט זייער יוגנטלעבן הויש דערפילט אז פון דעם וועט אמאל ארויסקומען עפּעס גרויסעס און ווערטפולעס.

אין אונזערע עפנטלעכע שמועסן, פלעגן מיר זיך פארנעמען אויסער מיט נאציאָנאל-ציוניסטישע פּראָבלעמען, אויך מיט ליטעראטור-ענינים און אנדערע אקטועלע פראגן וואָס זיינען געשטאנען אויפן סדר-היום. דאָס האָט אריינגעבראכט נאָכמער לעבן און אינטערעס פאר די יוגנטלעכע חברים, וועלכע האָבן זיך וואָס ווייטער, אלץ מער אָנגעשלאָסן אין אונזערע רייען.

איך טראָג מיך אוועק מיט מיינע געדאנקען אויף צוריק מיט א 30 יאָר און וועל פארצייכענען ווי אזוי ביידע יוגנטלעכע אָרגאניזאציעס האָבן געמיינזאם געפייערט א ל״ג-בעומר.

א דאנק דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע ביי אונז אין שטאָט, איז געלונגען צוזאמענצוברענגען ביידע יוגנטלעכע אָרגאניזאציעס צו איין

טיש. מיר איז דאן אויסגעקומען צו אקטואירן אלס דעלעגאט פון „השומר". דער צוזאמענקום איז פאָרגעקומען ביי לוסיען אין „גענעראל־שטאב" (ער האָט נישט געוואָלט פארלאָזן זיין קאבינעט). נאָך לאנגע אונטערהאנדלונגען איז געלונגען אויסצוארבעטן דעם אופן ווי אזוי די קאָנצענטראציע און דער גאנצער פּראָגראם זאָל דורכגעפירט ווערן.

ביידע אָרגאניזאציעס האָבן זיך קאָנצענטרירט אויף דעם הויף פון דער שולע „הרצליה" (די שפּעטערדיקע „תרבות"-גימנאזיע). 5 אזייגער פארטאָג האָט מען שוין געזען, ווי פון פארשידענע ווינקעלעך פון אונזער שטאָט, ציען זיך יוגנטלעכע, בחורים און בחורות מיט רוק-זעק אויף די אקסלען און מיט שטעקנס אין די הענט. נאָך א סך פון זיי, זיינען נאָכגעגאנגען די מאמעס, באגלייטנדיק זייערע קינדער ארויס פון דער שטאָט, ווייל געווען איז עס דאָס ערשטע מאָל, וואָס יוגנטלעכע לאָזן זיך ארויס אין א וואלד, אין א דיסציפּלינירטן מארש, מעשה סאָלדאט...

פאָראויס, פאר דער דעספילע, איז געגאנגען ה׳ לוסיע, א פּאָר טריט נאָך אים, דער ה׳ בוים און ביי די זייטן, די חברה שויב און אנדערע. יעדער סגן הגדוד און סגן הקבוצה, נעבן זייערע חברים. אידישע און פוילישע פאָנען האָבן געפלאטערט. דאָס קול פון ה׳ לוסיע, זיין: אחת, שתים, שלוש, ארבע, האָט אפּגעקלונגען ווי ווייט, איבער די קאָוולער פרימארגן-גאסן. אזוי האָט זיך געצויגן אונזער מארשרוט איבער לוצקער גאס, צו דעם וועלדל-צו, וואָס אויף יענער זייט בארג, אייניקע קילאָמעטער אונטער דער שטאָט. דאָרטן האָבן ביידע אָרגאניזאציעס איינגע-

שנת
„מכבי"
קול
תרפב

א גרופּע פון מכבי

KONCERT-BAL
PO KONCERCIE
TAŃCE
MAKKABI

מאַנדאָלין־אָרקעסטער פון „מכבי“

שטעלט זייערע לאַגערן. דער טאָג איז פארבראכט געוואָרן אין דורכפירן פארשידענע ספּאָרט־איבונגען, פיזישע פארמעסטונגען און אפילו אין א פּרואוו צו צונעמען איין גרופּע ביי דער צווייטער די הויפּט־פאָן.

נאָכן דורכפירן די איבונגען („מאנעווערעס“ האָבן מיר עס גערופן, אויפן מיליטערישן שטייגער), ווען עס האָבן זיך בארואיקט די געמיטער, האָבן מיר פארלאָזט דעם וואלד, איבערלאָזנדיק א סך שאָלעכין פון אייער אויפן פּלאַץ. (פארגעסט נישט אז עס איז געווען ל״ג־בעומר, און איבערן מנהג צו עסן אייער אין דעם טאָג, האָבן מיר נישט געוואָלט מוותר זיין).

מארשירנדיק צוריק א היים איבער דער לוצקער גאס, האָבן טאטעס און מאמעס, שוועסטער און ברידער און סתם אידן, מיט הנאה זיך צוגעקוקט צו אונזער שטאָלצן מארשירן און נישט ביי איין מאמע, האָבן זיך טרערן באוויזן אין די אויגן, פאר פרייד און נחת, צוזעענדיק ווי איר זון אָדער טאָכטער, גייט צוזאמען מיט אלע אין דעם־א שיינעם און פּאראדנעם מארש.

און ווי איצט געדענק איך עס, איז פּלוצים אין מיטן מארשירן, האָט אָנגעהויבן גיסן א גרויסער שלאַקס־רעגן, און מיר? ווי גאָרנישט.

די געזאנג-מארשן האבן נישט אויפגעהערט. עס האבן ווי-ווייט אפגעהילכט אונזערע שטימעס מיט: „העבודה היא היינו" און: „פאראויס רייט זשאבאטינסקי". געגאנגען און געזונגען, מוטיק און דרייסט, ווי קיין זאך. מאמעס האבן גערופן זייערע קינדער פון די רייען ארויס, אהיים. אבער קיינער פון אונז האט נישט פארלאזט די רייען, דיסציפלין, קיין איין דעזערטירער. אלע ווי איינער זיינען מיר געגאנגען אונטערן גאס-רעגן, נאס געווארן ווי איסגעווייקטע הענער און דאך, געמארשירט מיט פעסטן און זיכערן טראט, מיט דעם קאפ אין דער הויך: אחת, שתים! אחת, שתים! אונטער דער קאמאנדע פון אונזער הויפטאנפירער ח' לוסיע. שוין דענסטמאל, האבן אונזערע מדריכים מיט אונז געלערנט דעם פסוק פון נישט אונטערגעבן זיך און נישט אפשרעקן זיך פאר קיינע שום שטערונגען וואס קענען טרעפן אין וועג...

אנגעקומען זיינען מיר אין גרויסן בית-המדרש וואס, אין „שטאט". ווי גרויס דער בית-המדרש איז געווען, איז ער פארפולט געווארן מיט יוגנטלעכע און עלטערע. יעדער ארגאניזאציע איז אפגעגעבן געווארן איר פלאץ. הוין די אויבנדערמאנטע צוויי ארגאניזאציעס, האבן זיך אויך באטייליקט אלע שולן און די „מכבי"-ארגאניזאציע מיט אירע מיט-



פארוואלטונג פון פועלי-ציון א. ג. „בער באראכאוו".
עס זיצן פון רעכטס צו לינקס: סקאף, קאפעליושניק, רויז, יששכר אלטער און כירעל.

גלידער, וועלכע זיינען געגאנגען געקליידט אין שיינע גלאַט־געפּרעסטע בלויע הויזן און ווייסע בלוזעס. וואָס האָט נאָך קאָלירפולער געמאכט דאָס בילד פון גאנצן ארום.

אין נאָמען פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע, האָט דאן גערעדט דער עלטערער ווייסברויט; אין נאָמען פון „השומר”, דער אינגערער ווייסברויט און די שלום־רעדע האָט געהאלטן לוסיע אליין. גערעדט האָט ער אין רוסיש (ביי די „שומרים” פלעגט מען רעדן אידיש, אויך העברעאיש; דאקעגן ביי די „הצופים”, איז געווען די הויפּט־שפּראך — רוסיש), אָבער זיינע ערשטע ווערטער זיינען געווען: אחים ואחיות יקירים! עס איז געווען א מייסטער־רעדע, וועלכע האָט אלעמען באגייסטערט ממש.

עס האָבן אויך נישט געפעלט, פארשטייט זיך, קיין לידער און געזאנגען, אין וועלכע ביידע אָרגאניזאציעס האָבן זיך געפלייסט איינער דער אנדערער איבערצושטייגן. אין לידער זינגען, האָט יעדער פון אונז גוט געקענט, און א סך. ווייל עס איז שוין דאן געווען א הוב, אז יעדער חבר אָדער חברה מוז קענען לפחות צען העברעאישע לידער. האָט מען טאקע דערפאר געהאט מיט וואָס זיך צו באווייזן. דער שיינער און אימפּאזאנטער אקט איז צולעצט מיטן געזאנג פון „התקוה” געשלאָסן געוואָרן.

פון דאן אָן האָט די יוגנט אָנגעהויבן אקטיוו זיך צו באטייליקן אין זאמלונגען פארן קק"ל, ווי: זאמלען הנוכה־געלט, צעטראָגן „שלח־מנות” און שנה טובה־קארטן, אויסליידיקן פושקעס א. א. וו. ווען עס פלעגט דורכגעפירט ווערן א „בלימל־טאָג” לטובת א וועלכער ס'איז נישט אינסטיטוציע, האָט יעדע אָרגאניזאציע געמוזט צושטעלן איר באשטימטע צאָל פּאָרלעך־זאמלער. און שוין איז געווען צו זען, גיין איבער די קאָוולער גאסן די שיינע פּאָרלעך, א מיידל מיט א אינגל, מיט די ווייס־בלויע באנדן אויף די הערצער און אָרעמס, מיט א קוישעלע אין האנט, זאמלענדיק ביי די דורכגייער פאר א נויטבאדערפטיקן צוועק, צוטשעפּענדיק יעדן א בלימעלע אין לאָץ.

נאָכן טאָג ארומגיין איבער די צענדליקער קאָוולער גאסן און געסלעך, פלעגן די שוין מיד־געוואָרענע פּאָרלעך זיך צונויפקומען אויפן באשטימטן פּלאַץ, וואו דאָס געזאמלטע געלט האָט געדארפט איבערגעגעבן ווערן און דאָס פּאָרל וואָס האָט געהאט געזאמלט די גרעסטע סומע פלעגט באקומען אן אויסצייכענונג.

אין א קורצער צייט ארום איז געשאפן געוואָרן דער „„החלוץ”, וועלכע אָרגאניזאציע האָט שוין געהאט דירעקט צו טון מיט ממשות־דיקער עליה קיין ארץ ישראל. עס איז איינגעאָרדנט געוואָרן א סטאָלע-

שימקע איזן און ראָזאַ בריזעלי, אין אַ
„בלימל־טאָג" פאַרן „בית יתומים"
אין קאָוולע.

ריי־וואַרשטאַט און אַ צוואַנציק בהורים האָבן זיך גענומען לערנען דאָס פאַך, בכדי צוגרייטן זיך צו עליה.

דער „החלוץ" האָט זיך גרופירט פון הברים פון די סקויטן־אָרגאַניזאַציעס און אנדערע יוגנטלעכע אָן קיין שום אָנגעהעריקייט (ביז דאַן), צו וועלכע ס'איז נישט גרופירונג. דער וואַרשטאַט האָט זיך געפונען ביי מאָניש רויזן אין דער מצה־בעקעריי און אָנפירער פון דעם זעלבן איז געווען דער גוטער סטאָלער־מייסטער שלמה ביזשיק.

אין יענעם יאָר (1921), איז פאָרגעקומען אין קאַרלסבאַד, דער ציוניסטישער קאָנגרעס נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און מיר האָבן באַשלאָסן צו שיקן אונזערן אַ דירעקטן דעלעגאַט. אויסגעוויילט איז געוואָרן, פאַרשטייט זיך, נישט קיין אנדערער ווי הבר לוסיע. עס זיינען נאָך זיבער פאַראַן הברים, וואָס געדענקען, מיט וואָס פאַר אַ פרייד מיר האָבן אונזער הבר. דעם דעלעגאַט, אַרויסבאַגלייט ביז צום וואָקזאַל. די לידער און געזאַנגען קלינגען מיר נאָך ביז היינט אין די אויערן. ה' לוסיע איז געשטאַנען אויף דער פּלאַטפאָרמע און האָט זיך מיט אונז אַלעמען



ספּאָרט־קלוב אין קלאַרא ערליכס גימנאַזיע

געזעגנט. מיט: „היה מוכן!" און מיר אַלע, ווי איינער האָבן אויסגעדונערט: „תמיד מוכן!".

מיט וואָס פאַר א פריידיקער דערוואַרטונג מיר האָבן אויסגעקוקט אויפן צוריקקומען פון ה׳ לוסיע. אין די צענדליקער חברים זיינען מיר ארויס צו דער באַן־סטאַנציע, אים מקבל פנים זיין. און מיט וואָס פאַר אן אומגעדולד, מיר האָבן געוואַרט צו הערן דעם באַריכט פון קאָנגרעס. מיט גרויס שפּאַנונג האָבן מיר אויסגעהערט זיין איבערגעבן אונז, פון די געשפּרעכן וואָס ער האָט געהאַט מיט די גרעסטע מנהיגים פון יענער צייט און באַזונדער, מיט דעם ליבלינג פון דער יוגנט, — זאב זשאַבאָטינסקי. פון דאַן אָן האָבן מיר זיך מיט מער אייפער און מוט גענומען צו אונזער טאָג־טעגלעכער ציוניסטישער ארבעט.

עס האָבן זיך אונטערגערוקט די וואַלן צום ערשטן פּוילישן סיים. ווי באַוואוסט, זיינען די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, געגאַנגען צוזאַמען אין איין בלאָק, אונטערן נומער 16. און שוין דאַן האָבן מיר גענומען אן אַקטיוון אָנטייל אין דעם פּאָליטישן לעבן. אויף א דעלעגאַטן־פאַרזאַמלונג פון אַלע פּאַרטייען, האָט אין נאָמען פון דער יוגנט גערעדט דער ח׳ לוסיע און גענומען אויף זיך די אחריות, אז ער מיט זיין גרופּע וועלן דורכפירן די טעכנישע ארבעט פון קלעפּן פּלאַקאַטן, צעטיילן צעט-

לען, האלטן ארדענונג א. א. וו.. וועלכע אויפגאבן זיינען דורך אונז דורכגעפירט געווארן אויפן בעסטן אופן.

מיר האבן אויך געשאפן זעלבסטבילדונג־קרייזן, כדי זיך צו פארטיפערן אין א רייע, פאר אונז אומקלארע פראבלעמען און צו דערלערנען גוט די העברעאישע שפראך. מיר האבן דאן אויך אנגעהויבן צו באקעמפן דעם אסימילאטארישן גייסט, וואס האט געהערשט ביי א סך יוגנטלעכע אין אונזערע רייען און אונזער אקציע האט געגעבן גוטע רעזולטאטן.

עס האבן אנגעהויבן צו קומען שליחים פאר דעם קרן היסוד־קאמפיין און מיר יוגנטלעכע, האבן שטענדיק גענומען אן אקטיוון אנטייל אין דער דאזיקער ארבעט, אויספילנדיק בשלימות די אויפגאבן, וואס זיינען אויף אונז ארויפגעלייגט געווארן.

אויך פלעגן מיר איינארדענען „אוונטן" מיט פארשטעלונגען פון פארשידענע היסטארישע בילדער און זיך אפגעבן זייער פיל מיט גימנאסטישע איבונגען. אונזערע מענטשן־פיראמידעס, וואס מיר פלעגן אזוי קונציק אויסשטעלן, האט זייער אויסגענומען ביי אלע צושויער. פוטבאלשפיל איז אויך געווען א וויכטיקער צווייג אין אונזער ספארט־באוועגונג, און קאוולער „מכבי" האט זיך אפט אויסגעצייכנט אין די פארמעסטן מיט אנדערע ספארט־ארגאניזאציעס.

איך געדענק, ווען עס זיינען געקומען קיין קאוולע, די — איצט אין ישראל — ארבעטער־פירער, די ח"ח מערעמינסקי און בענקאווער, ווי זיי האבן אנגעהויבן איינצוקנעלן מיט אונז און טיפער איינווארצלען אין אונז דעם חלוציש גייסט. און ה' בענקאווער איז אויף א שטיקל צייט געווארן א תושב אין קאוולע און אונטער זיין אנפירונג האבן די ציוניסטישע יוגנטלעכע ארגאניזאציעס באקומען גאר אן אנדער אויסזען און אנזען, און א דאנק דעם האבן זיך די זעלבע אנגעהויבן ביסלעכווייז צו דערווייטערן פון די פריערדיקע ריין־„סקויטישע" פרינציפן און באגריפן און אנגעהויבן צו ווערן מער חלוציש אין גייסט און אין מעשים, אויף אזוי ווייט, אז עס האבן אנגעהויבן צו פארן גאנצע גרופעס חברים קיין ארץ ישראל.

די ערשטע גרופן חברים זיינען געפארן אין די יארן 1923-24 און שפעטער זיינען געפארן נאך חברים; וואס ווייטער, אלץ מער און אפטער און פון דאן אן האט קאוולער יוגנט אנגעהויבן צו פארנעמען א וויכטיקן פלאץ און אנטייל אין דעם אויפבוי־ווערק פון אונזער אויסגעבענקט אלטניילאנד. און ביי היינט צו טאג קען מען זיי זען אין די קיבוצים און מושבי עובדים, אין דער הגנה, אלס פקידים א. א. וו.



א „פיראַמידע" פון קאָוולער „השומר הצעיר"

דער ה׳ לוסיע איז אויך געווען צווישן די ערשטע עולים, און איצט פאַרנעמט ער דעם אמט פון ערשטן קאַפּיטאַן אויף א ישראל-שיף, וועלכע האָט זיבער געבראַכט צענדליקער און הונדערטער אידן עולים צו די ברעגן פון ישראל. אמת איז, אז געציילטע חברים האָבן פאַרלאָזט דאָס לאַנד, צוליב די שלעכטע אומשטענדן דאָן, אָבער די זעלבע האָבן זיך קיינמאָל נישט אנטוישט אין זייער ציון-אידעאַל און זעצן פאָר ווייטער, מיט אייפער און געטריישאַפט, זייער ארבעט פאַר ציון אומעטום וואו זיי געפינען זיך.

איינגעקריצט האָט זיך אין מיין זכרון, אן אָנדענקס-אַקט, געווידמעט די תל-חי געשעענישן, וואו עס זיינען געפאַלן, דער אומשטערבלעכער דיכטער י. ח. ברענער, יוסף טרומפּלדור, חנה טשיזשיק און אַנ-

דערע. די לאזונג פון אומגעקומענעם טרומפלדור: „אין דבר, כדאי למות בעד המולדת“, איז געווארן א פאראל ביי אונזער ציוניסטישער יוגנט און דער ביישפיל פון די תל-חי־העלדן, איז געווארן ביי אונז אן אקסיאמע.

איך דערמאן זיך אויך א „הערצל-אקט“, אין וועלכן מיר, די יוגנט-לעבע, האבן גענומען אן אנטייל. מיר האבן דאן אויסגעפירט א לעבעדיק בילד, וואס האט געהייסן „הרצלס חלום“. די הויפט-ראלן האבן געשפילט די ח׳ח בוים און שווארין, און מיר א גרופע מיטשפילער. זיינען געזעסן אין א „וואלד“ ביי א מדורה (שייטער) איינגעדרימלטע און עס קומט צו אונז צו חלום ד״ר הערצל און ווייזט אונז דעם וועג, אהין, קיין ציון. הברים געדענקען נאך מסתמא דעם גרויסן רושם וואס דאס בילד האט דאן געמאכט אויף אלע אנוועזנדיקע.

אייגענע יוגנט-ביבליאטעקן האבן מיר געהאט, מיט ביכער אויף אלע דריי שפראכן: אידיש, העברעאיש און פויליש. מיר האבן געלייענט גאנץ געשמאק, געפירט אפט, עפנטלעכע דיסקוסיעס מיט קעגנערישע



א פיראמידע פון א גרופע פון „השומר הצעיר“

די פארוואלטונג פון „בר־כוכבא" אין קאָוולע. פאָרזיצער — ליובצע ווײנשטיין,
דער ערשטער לינקס—פייוול פראנקפאָוויטש, דער צווייטער—ישראל חיים פאנטורין.

פארטייען; איינגעאָרדנט קעסטל־אָוונטן און ליטעראַרישע משפטים, ווי ס׳איז דעמאָלסט געווען די מאָדע.

מיר האָבן דיסקוטירט און געפירט די אזויגערופענע משפטים איבער פארשידענע ענינים: פּאָליטישע, וועלטלעכע און ליטעראַרישע, וואָס האָבן אריינגעבראכט מער וויסן, אויפקלערונג און לעבן צווישן די חברים פון אונזער באוועגונג.

דער „השומר" האָט אויך ארויסגעגעבן א חודש־זשורנאל „על המשמר". עס האָבן אין אים מיטגעארבעט א סך פון דער קאָוולער אינטעליגענטער יוגנט. קלמן ליס האָט דאָרט פארעפנטלעכט זיינע ערשטע לידער, וואָס זיינען זייער גוט אויפגענומען געוואָרן. צווישן די מיטארבעטער אין זשורנאל זיינען אויך געווען די ה״ה: בוים, פּאָדסטאווקא, גילדווארג, ל. אָליצקי און אנדערע. מיר האָבן זיך געפרייט מיט דעם זשורנאל און געלייגט אויף אים גרויסע האָפענונגען, אז ער וועט אונז ברענגען גרויס נוצן, סיי אין אויפקלערערישן ווי אין פארטייאישן זינען.

אבער ליידער איז מער נישט דערשינען פון דאזיקן זשורנאל ווי א פאר נומערן.

מיין באשיידענע אפהאנדלונג איז באזירט אויף זכרונות, וואס נעמען ארום א צייט־אפשניט פון 1917 ביז 1924, ווען איך האב אויסגעוואנדערט קיין ארגענטינע. א סך הברים פון די פריער־דערמאנטע ארגאניזאציעס געפינען זיך איצט אין ישראל. א באדייטנדיקע צאל פון זיי זיינען צעשפרייט איבער פארשידענע לענדער פון דער וועלט, אבער זיי זעצן פאר זייער אנגעהויבענע ארבעט פאר זייער ציון־אידעאל, אומעטום וואו זיי געפינען זיך; און איינינקע פון די זעלבע חברים פארנעמען איצט וויכטיקע געזעלשאפטלעכע פלעצער און אנגעזעענע אמטן אין ציוניסטישע פארטייען און זיינען אפילו קאנדידאטן און דעלעגאטן צו ציוניסטישע קאנגרעסן.

געווען א יוגנט, א טייערע, א ליבע און א אידעאלע; איז געקומען א מערדערישע הענקער־האנט, א היטלער ימח שמו, און האט אט די גאלדענע יוגנט פארשניטן.

זאל דער הייליקער אנדענק פון די אלע אומגעקומענע ליבע הברים אונזערע, אונז הייליק און טייער זיין אויף אלע אייביקייטן און זייערע נעמען, ווי נעמען פון קדושים, מיט כבוד און ערע דערמאנט ווערן.

חיים מלמד

די קאָוולער אַרבעטער־באַוועגונג

(אין די יאָרן 1903—1906)

אין יאָר 1903, ווען אין די גרויסע שטעט פון צאַרישן רוסלאַנד (ליטע און פּוילן אַריינגערעכנט), האָט זיך צעפלאַקערט די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער באַוועגונג, און דאָס זעלבע האָט זיך אויך אָנגעהויבן אויסצושפּרייטן איבער די קלענערע שטעט און שטעטלעך פון לאַנד און האָט אויך דערגרייכט צו אונז קיין קאָוולע, — איז די ערשטע גרופּע אַרבעטער־פירער ביי אונז אין שטאָט, וועלכע האָט געהאַט די פּאָלמאַכט און די אויפגאַבע פון דער אידישער אַרבעטער אָרגאַניזאַציע „בונד“, צו אָרגאַניזירן דעם קאָוולער אידישן פּראָלעטאַריאַט, באַשטאַנען פון פאָלגנדע חברים: דער סטודענט גאָלדענבערג, דער דאָקטער־דענטיסט קרעטשמאַר, חיים וויינטרויב און די סטודענטן פריילין גאָכבערג.

די ערשטע אַרבעטער־פאַרזאַמלונג איז געווען אין דער אַלטער שטאָט, ביי דער פאַמיליע רודמאַן אין הויז. עס זיינען געקומען אויפן ערשטן רוף, א גרויסע צאָל אַרבעטער פון פאַרשידענע פאַכן און פּראָפעסיעס: שניידערס, שוסטער, סטאָליאַרעס, מולערס, דרוקער־אַרבעטער, האַנדלס־אָנגעשטעלטע (גערופן — „פּריקאַזטשיקעס“) און אַנדערע.

דער טאָג־אָרדענונג פון דער פאַרזאַמלונג איז געווען פאָלגנדיקער: 1) באַשטימען א קאָלעקטיוו (קאָמיסיע) צו קאָנצענטרירן אַלע אידישע אַרבעטער אין דער אָרגאַניזאַציע „בונד“, 2) שאַפן א ביבליאָטעק, 3) וויילן א קולטור־קאָמיסיע, און 4) צוגרייטן וואוינונגען פאַר פאַרזאַמלונגען.

נאָך דער דורכגעפירטער ערשטער פארזאמלונג, האָט זיך אנטוויקלט א שטארקע אגיטאציע צווישן אלע ארבעטער. עס איז געעפנט געוואָרן א „טשאינע“ (טיי־הויז) אויף דער יורידיקא גאס, וואו מען איז זיך לפנים צונויפגעקומען טרינקען א גלאָז טיי, אָבער דאָרט האָט מען אויסגענוצט די געלעגנהייט און דורכגעפירט דיסקוסיעס און רעפעראטן.

עס איז אויך באשטימט געוואָרן א שפאציר־פלאץ (גערופן „בירזשע“), וואו מען זאָל זיך קענען טרעפן אלע טאָג נאָך דער ארבעט. די „בירזשע“ האָט זיך אנגעהויבן פון דער גאס יורידיקא און געענדיקט ביים ערשטן בריק.

נאָכדעם ווי די ארבעטער האָבן זיך ווי געהעריק ארגאניזירט, איז באשלאָסן געוואָרן אנצוהויבן אן אקציע וועגן פארבעסערן זייערע לעבנסבאדינגונגען און דאָס מיטל דערצו איז געווען, — שטרייקן. די ערשטע אין שטרייק זיינען ארויס די שניידער־ארבעטער און די האנדלס־אנגעשטעלטע.

די פאָדערונגען זיינען געווען: אָפּשאפן שטיק־ארבעט (ביי די שניידערס), א קלענערן ארבעטס־טאָג און העכערן דאָס געהאלט (לוין). עס זיינען אויך ארגאניזירט געוואָרן אין דער אלגעמיינער ארבעטער־ארגאניזאציע „בונד“, באזונדערע ארבעטער־גרופן, לויט פאכן און פראָפעסיעס.

די מער אקטיווסטע גרופע איז געווען די פון די „פריקאזטשיקעס“, וועלכע האָבן געהאט אן אייגענע ביבליאָטעק און האָט אממיינסטן דורכגעפירט שטרייקן און האָט בכלל אן אקטיוון אנטיילגענומען אין אויספירן אלע פארטיי־ארבעטן און געהיימע פּאָליטישע שליחותן און דירעקטיוון, וועלכע זיינען פאראָרדנט געוואָרן פון דער צענטראלער אנפירונג פון דער בונדישער ארגאניזאציע.

אין יאָר 1905, איז ווי באוואוסט, איבער גאנץ רוסלאנד פארגעקומען רעוואָלוציאָנערע ארבעטער־אויפברויזן און אין די גרעסטע שטעט פון לאנד האָבן (אין מאָנאט אָקטאָבער) געשטרייקט אלע פאבריקס־ארבעטער. אויך די אייזנבאנער האָבן אָפּגעשטעלט די ארבעט. אלץ איז געווען פאראליזירט און די אומרואיקייט אין לאנד, איז פון טאָג צו טאָג געוואקסן.

די צארישע רעגירונג איז געווען געצוואונגען זיך צו רעכענען מיט דעם רעוואָלוציאָנערן אויפברויז פון די ארבעטער־מאסן און מיט זייערע גערעכטע פאָדערונגען, און דעם 17־טן אָקטאָבער פון זעלבן יאָר, האָט

דער צאַר אַרויסגעגעבן אַ „מאַניפעסט“, אין וועלכן עס האָט זיך געזאָגט, אַז ס׳וועט געשאַפן ווערן אַ „גאָסודאַרסטווענאַיאַ דומאַ“ (פּאַרלאַמענט), ס׳וועט געגעבן ווערן גלייכבאַרעכטיקונג פאַר אַלע בירגער פון לאַנד, עס וועט זיין פרייהייט פאַר פאַרזאַמלונגען, פרייהייט פאַר פּאָליטישע פּאַרטייען און פרייהייט פאַר דער פּרעסע.

דאָס פאָלק האָט אויפגענומען דעם דאָזיקן מאַניפעסט מיט יובל און פרייד און האָט געזען אין דעם אַ זיג פון די אַרבעטנדיקע און פאָלקס־מאַסן און האָבן געפייערט דעם דערגרייכטן נצחון מיט מאַניפעסטאַציעס, וועלכע זיינען דורכגעפירט געוואָרן איבערן גאַנצן לאַנד.

אויך ביי אונז אין קאָוולע איז דעם 18-טן אָקטאָבער פון יאָר 1905, פאָרגעקומען אַ גרויסע אַרבעטער־מאַניפעסטאַציע; צוזאַמען מיט די אייזנבאַן־אַרבעטער האָבן אין איר אָנטיילגענומען עטלעכע טויזנט מענטשן.

מען האָט געטראָגן רויטע פענער און טראַנספּאַרענטן מיט פאַרשידענע אויפשריפטן פון אַרבעטער־לאָזונגען. אַ מוזיק־אָרקעסטער איז געגאַנגען פאָראויס פאַר דער מאַניפעסטאַציע און אַרבעטער מיט פאַקלען אין די הענט האָבן מאַרשירט ביי די זייטן פון דער גרויסער אַרבעטער־מאַסע, וועלכע האָט זיך געצויגן, פון דער אַלטער שטאָט, איבער דער לאַנגער לוצקער גאַס, ביז צום אייזנבאַן־טעאַטער וואָס נעבן דער „דעפּאָ“.

דער אָרקעסטער האָט אויפן גאַנצן וועג געשפּילט די „מאַרסעליעזע“ און אַנדערע אַרבעטער־לידער זיינען געזונגען געוואָרן דורך די מאַניפעסטאַנטן, באַגלייט מיט פאַרשידענע אויסרופן קעגן דער רעגירונג און די מיניסטאָרן־סאַטראַפּן.

אַרומגערינגלט פון פּאָליציי און זשאַנדאַרמען איז די מאַניפעסטאַציע אַריין אין טעאַטער, אָבער דער גרעסטער טייל פון דער מאַסע איז געבליבן אין דרויסן, צוליב מאַנגל אין פּלאַץ.

אין טעאַטער, האָבן רעדנער אויף דער טריבונע, דערקלערט די באַדייטונג פונם מאַניפעסט און גערופן די אַרבעטער צו זיין שטענדיק אָרגאַניזירט און שטיין אויך ווייטער אויף דער וואַך. נאָכן פאָרגעקומענעם אַקט אין טעאַטער, איז זיך דער עולם צעגאַנגען רואיק און אין אָרדענונג און עס זיינען נישט פאָרגעקומען קיינע שום אינצידענטן אָדער אַרעסטן.

דאָס פאָלק האָט געחלומט און שוין געגאַרט צו באַקומען, די אין מאַניפעסט צוגעזאָגטע רעכטן און פרייהייטן. די גאַנצע ליבעראַלע און דעמאָקראַטישע פּרעסע אין לאַנד, האָט געווידמעט אַרטיקלען וועגן דעם דערגרייכטן אַרבעטער־ און פאָלקס־נצחון און האָבן אין זייערע קאָמענטאַרן אָנגעוויזן, אַז די צאַרישע רעאַקציאָנערע רעגירונג איז געצוואונגען

געוואָרן אונטערן דרוק פון די ארבעטער- און פֿאָלקס-מאסן צו עפענען א נייע בלאט אין דער געשיכטע אין רוסלאנד, ענלעך ווי עס איז פארגעקומען אין פראנקרייך נאָך דער פראנצויזישער רעוואָלוציע. עס איז אָבער אזוי נישט געשען.

די צארישע רעגירונג האָט טאקע באשטימט וואלן צו דער ערשטער „דומא“. אָבער גלייכצייטיק איז אנגעפירט געוואָרן דורך דער מאכט א שטארקער רעאקציאנערער דרוק קעגן די ארבעטער-פארטייען און קעגן דער רעוואָלוציאנערער באוועגונג.

אויך ביי אונז אין קאָוולע זיינען פארגעקומען רעוויזיעס און ארעסטן. מען האָט א סך ארבעטער-פירער פראצעסירט פאר זייערע רעוואָלוציאנערע טעטיקייטן און פארשיקט קיין סיביר אויף עטלעכע יאר.

נישט קוקנדיק אָבער אויף דער שטארקער אונטערדריקונג מצד דער רעגירונג לגבי די ארבעטער און זייערע ארגאניזאציעס, האָט דאָך דער „בונד“ ווייטער אנגעפירט זיין טעטיקייט. פארשטייט זיך אונטער געהיימע באדינגונגען. עס פלעגן ווייטער פארקומען ביי אונז אפטע פארזאמלונגען, וואו מען פלעגט רעפערירן און דיסקוטירן איבער פארשידענע ארבעטער- און קולטור-פראָבלעמען, און וועלכע האָבן געמוטיקט און אריענטירט די אידישע ארבעטנדיקע מאסן אין זייער ווייטערדיקן קאמף פאר א בעסער און פרייער לעבן.

די בלוטיקסטע מאניפעסטאציע פון דער קאָוולער ארבעטער-באוועגונג איז פארגעקומען דעם 9-טן יאנואר 1906. דער דאזיקער טאָג איז באקאנט און פאראייביקט געוואָרן אין דער געשיכטע אונטערן נאָמען: טאָג פון גלה גאפאָן, וועלכער האָט מיט זיינע פראוואקאטארישע מעשים פארנארט א סך טויזנטער ארבעטער (אין פעטערבורג), פירנדיק זיי צום צאר בעטן ברויט און פרייהייט. אָבער אלס ענטפער האָט מען צוגעגרייט הארמאטן מיט פולעמיאָטן און א סך טויזנטער ארבעטער מיט זייערע פרויען און קינדער, וואָס זיי האָבן געטראָגן אויף די הענט, — זיינען אין דעם טאָג אויסגעשאָסן געוואָרן.

די ארבעטער-פארטייען איבערן גאנצן לאנד, — גלייך ווי ס'איז באוואוסט געוואָרן די טרויעריקע בלוטיקע געשעענישן וואָס זיינען פארגעקומען אין פעטערבורג, — האָבן אומעטום דורכגעפירט פראָטעסט-אקטן און האָבן באשטימט דעם דאָזיקן טאָג פון 9-טן יאנואר, אלס טרויער-טאָג, אין אנדענק פון די געפאלענע ארבעטער-קרבנות.

ביי אונז אין קאָוולע איז אויך דאן פארגעקומען א ריזיקע ארבע-

טער־מאניפעסטאציע. אלע געשעפטן זיינען אויפן פארלאנג פון די ארבעטער, געשלאָסן געוואָרן. נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס פּאָליציי, זשאנדארמען און סאָלדאטן האָבן פּאטרולירט און געוואכט איבער די גאסן, האָבן זיך 10 אזייגער אינדערפרי, קאָנצענטרירט אויף לוצקער גאס אין די טויזנטער ארבעטער, וואו מען האָט זיך געגרייט דורכצופירן דעם פּראָטעסט־אקט.

אָבער אין מיטן דער ארבעטער-מאסע האָבן זיך פלוצים אריינגעריסן סאָלדאטן און פּאָליציי אויף פערד און מיט די בלויזע שווערדן האָבן זיי געשניטן און געשלאָגן, ווער ס'איז נאָר זיי אונטער דער האנט געקומען. בלוט האָט געראָנען פון די צעשלאָגענע, ווי וואסער.

אייניקע ארבעטער זיינען צוגעבונדן געוואָרן צו די וויידלען פון זייערע פערד און זיינען אזוי געשלעפּט געוואָרן איבער דער גאנצער לענג פון לוצקער גאס און דערנאָך זיי אריינגעוואָרפן אין טורמע. א סך זיינען אויך פארשיקט געוואָרן קיין סיביר אויף לאנגע יאָרן.

דער טאָג פון 9-טן יאנואר 1906, וועט בלייבן או אייביקער אָנדענק פאר די אלע, וואָס האָבן אָנטיילגענומען אין דאזיקן טאָג פון דער בלוטיקער מאניפעסטאציע פון דער קאָוולער ארבעטער־באוועגונג.

די ווייטערדיקע יאָרן — 1906-7 — איז די פּראָפעסיאָנעלע ארבעטער־באוועגונג און די טעטיקייט פון „בונד“ געווען שטארק אונטערדריקט און די פּארטיי־ארבעט האָט זיך געמוזט פירן אין געהיימע און קאָנספּיראטיווע באדינגונגען.

אויך די באזונדערע גרופּן אָרגאניזירטע ארבעטער, האָבן געמוזט אומלעגאל פירן זייער טעטיקייט. זיי האָבן נישט געהאט קיין רעכט צו זיין אָרגאניזירט און נישט געהאט קיין פרייהייט פון פארזאמלונגען א. א. וו.

זייערע לאָקאלן פלעגן אָפט פון דער פּאָליציי איבערגעפאלן ווערן און נאָכהער זיי שליסן. אזוי איז אין מאָנאט אָקטאָבער פון 1906 איבערגעפאלן געוואָרן פון זשאנדארמען, דער פאראיין־לאָקאל פון די האנדלס־אָנגעשטעלטע, וואו מען האָט געפונען אומלעגאלע ליטעראטור און די פירער פון פאראיין זיינען נאָך 6 מאָנאטן זיצן פארשפּארט אין טורמע, פארמשפּט געוואָרן אויף עטלעכע יאָר פארשיקונג קיין טיף־רוסלאנד און סיביר.

מיט דעם, ווערן מיינע זכרונות פון דער ארבעטער־באוועגונג ביי אונז אין קאָוולע, איבערגעריסן.

דערינערונגען פון קאָוולֿע

דערציילט פון **א. י. גאַלֿפערין** איבערגעגעבן פון **ב. באַלֿער**

ווען איך בין אָנגעקומען קיין קאָוולֿע אין יאָר 1906, האָב איך אַלֿס אָנגעהעריקער צו דער בונדישער פאַרטיי געזוכט, זיך אויסצולֿעבן, פאַרשטייט זיך, צווישן מיינע פאַרטיי-חברים און האָב אָנגעהויבן צו זוכן קאָנטאַקט מיט זיי.

עס איז געווען דאָס יאָר פון נאָך דער דורכגעפאַלֿענער רוסישער רעוואָלֿוציע פון יאָר 1905 און די אַרבעטער-באַוועגונג איז געווען אונטערדריקט און פאַרפאָלֿגט פון דער צאַרישער רעגירונג איבערן גאַנצן לֿאַנד, — דאָך האָב איך אין קאָוולֿע געטראָפן א קאָנספּיראַטיווע גוט-אָרגאַניזירטע בונדישע אָרגאַניזאַציע, צווישן וועלֿכע איך האָב געטראָפן די ח״ח: שיע לֿיס, די בונדישע אָנפירערין אין קאָוולֿע, די אינטעלֿיגענטע פריילֿין ליזע פּאָמעראַנץ, גדליהו וואַפּניאַרסקי,, אידל מילֿער, משה סעגאַלֿ (געווען סעקרעטאַר ביים ראַבינער בריק), וואָלֿאָדיע בריק און אויך גאָלֿדענבערגן, וועלֿכער האָט נאָר-וואָס געענדיקט אַלֿס אַדוואָקאַט און אַנדערע אומבאַקאַנטע צווישן וועלֿכע עס זיינען געווען א סך אַרבעטער פון בריסק, וואָס זיינען פאַרבליבן אין קאָוולֿע נאָך פון דער צייט ווען מען האָט געבויט דעם נייעם וואָקזאַלֿ.

באַקענענדיק זיך מיט די אַלֿע אויבן-אויסגערעכנטע און מיט נאָך א סך, וועמענס נעמען זיינען מיר אַרויס פון זכרון, פלֿעגן מיר אין פאַרלֿויף פון אייניקע יאָר זיך צונויפקומען אָפטער אין געהיים און פירן אונזערע טעאָרעטישע לֿעקציעס און דיסקוסיעס איבער פאַרטייאישע און פּאָליטישע פראַגן און פּראָבלֿעמען (איך זאָג „טעאָרעטישע” ווייל קיין פּראַקטישע אָרגאַניזאַציאָנעלֿע אַרבעט, האָט מען דאָך נישט געקאָנט און נישט געטאָרט פירן), און מיר האָבן געהאָפט, אז עס וועט דאָך, מיט

דער צייט. קענען עפּעס געטון ווערן ממשותדיקס פאר דער ארבעטער-באוועגונג.

דאקעגן, די ציוניסטישע באוועגונג, איז געווען פריי אין איר טעטיקייט און איז צו יענער צייט שוין געווען אן אָרגאניזירטער כוח אין קאָוולע; איז ווען ס'איז פאר אונז, הברים פון „בונד“, געוואָרן (אין א פּאָר יאָר ארום) אוממעגלעך זיך צוזאמענצוקומען אין אונזער קלוב, אפילו אין געהיים (ווייל מען האָט אונז שטארק נאָכשפּיאָנירט און גערודפט), האָב איך פּונקט ווי א סך אנדערע בונדיסטן, אָנגעהויבן אריינצוקומען אין ציוניסטישן קלוב, וועלכער איז געווען אין פארגלייך מיט אונזער בונדישן קאָנספּיראטיוון צימערל — א פּאלאַץ.

מיר האָבן דאָרט, אין ציוניסטישן קלוב, געטראָפן א סך אויסלענדישע און אלע אינלענדישע צייטונגען און זשורנאלן אויף פארשידענע שפּראכן און אויך א גוט-איינגעאָרדנטע ביבליאָטעק. און מען פלעגט אין די אָוונטן, נאָך דער ארבעט, פארברענגען אין שפּילן; ווער אין דאמקע, און ווער אין שאָך. עס פלעגן אויך אָפט דורכגעפירט ווערן קעסטלאָוונטן און עפנטלעכע דיסקוסיעס איבער פארשידענע נאציאָנאלע פראגן, קולטור-ענינים און אזוי ווייטער.

דאָרט, אין ציוניסטישן קלוב, פלעגן מיר שוין אויך טרעפן אריינקומען דעם, דאן אָנפאנגער-שרייבער, יונה ראָזנפעלד, וועלכער האָט געשטאמט פון א שטעטעלע טשארטאָריסק (לויט ז. רייזען איז ער געבוירן געוואָרן אין ראפאלעווקע. — די רעד.) נישט ווייט פון קאָוולע. ער האָט דאן געוואוינט אויף אלט-וואָקזאלנע גאס. נישט ווייט פון קלוב און פלעגט, ווי געזאָגט, אָפט אהין אריינקומען און מיט אונז געמיטלעך שמועסן און דערציילן פארשידענע אינטערעסאנטע געשיכטעס און אויך פון זיך אליין, ווי אזוי ער האָט אָנגעהויבן שרייבן און ווי אזוי, א דאנק י. ל. פּרץ, מיט וועמען ער האָט זיך צופעליק געטראָפן אין אָדעס, און וואָס ער, פּרץ, האָט אים צוגערעדט אז ער זאָל ווייטער שרייבן (נאָכדעם ווי ער האָט אים געוויזן זיין ערשטע אָנגעשריבענע דערציילונג), איז ער געוואָרן א שרייבער.

איך געדענק, ווי יונה ראָזנפעלד, האָט דאָרט אין קלוב, פאר אונז פאָרגעלייענט אייניקע פון זיינע ערשטע דערציילונגען, נאָך אין מאנוסקריפּט, אזעלכע ווי: „די קאָנקורענטן“ (א זאך וואָס איז ווי באוואוסט, שפּעטער מיט יאָרן, אינסצעניזירט געוואָרן פון מאָריס שווארץ און געשפּילט געוואָרן מיט גרויס דערפאָלג, דאָ אין בוענאָס איירעס), „א גנב“ און אנדערע.

עס געדענקט זיך מיר, ווי איך בין געזעסן ביי א טישל און ער, יונה ראָזנפעלד, נעבן מיר, און ער האָט מיר נאָר געוואָלט איינרעדן אז אום

ווינטער איז גוט זיך צו באָדן אין טייך און אז ער אליין, זאָגט ער, — באָדט זיך אויך, אין גרעסטן פראָסט אפילו, אין א „פּאָלאָנקע“ פון טייך...

שפּעטער איז יונה ראָזנפעלד אוועקגעפאָרן קיין ווארשע, שוין אלס אָנערקענטער, טאלאנטפולער אידישער שרייבער און האָט דאָרט, אין ווארשע אָנגעהויבן מיטצוארבעטן אין דער צייטונג „דער מאָמענט“. איך געדענק אויך, ווי אזוי מיר אין קאָוולע, זיינע פריינט און באקאנטע, האָבן אויפגענומען זיין ערשטע דערציילונג, מיטן נאָמען „אריינגעפאלן“, וואָס איז געווען געדרוקט אין „דער מאָמענט“; ווי שטארק הנאה מיר האָבן געהאט פון זיין קינסטלערישן שטייגן און מיר פלעגן יעדע נייע געדרוקטע דערציילונג זיינע, ארומטראָגן פון איינעם צום צווייטן, לייענען זי צוזאמען, קאָמענטירן און דיסקוטירן וועגן איר.

מען האָט דאן געזען, אז יונה ראָזנפעלד וואקסט א גרויסער אידישער שרייבער. און אז אונזער אָפּשאצונג וועגן אים, איז געווען א ריכטיקע, איז צו זען דערפון, וואָס ווי באוואוסט, איז ער שפּעטער, מיט זיין פרוי אוועקגעפאָרן קיין נ. אמעריקע און דאָרטן האָט ער אין פארלויף פון זיין שעפערישן לעבן, אָנגעשריבן א סך אייגנארטיקע קינסטלערישע דערציילונגען, וואָס האָבן אים פאראייביקט אין דער אידישער ליטעראטור. אלס איינעם פון די בעסטע שרייבער-בעלעטריסטן, און האָט א דאנק דעם באקומען ליב און אָנערקענונג פון די בעסטע אידישע קריטיקערס.

איך וויל דאָ דערציילן אביסל וועגן „טעאטער“ אין קאָוולע: טעאטער-זאלן זיינען אין דער ערשטער צייט געווען צוויי; דער „זשעלעזנאדאָראָזשנע“- (אייזנבאנער) טעאטער און דער „אָבשטשעסטווענע־קלוב“, אויף בולווארנע גאס (שפּעטער זיינען צוגעקומען די טעאטער- און קינאָ-זאלן „עקספּרעס“, „אָדעאָן“ א. א.). קיין סטאבילע טעאטער-טרופּע איז אייגנטלעך אין קאָוולע נישט געווען, נאָר א דאנק דעם, וואָס קאָוולע איז געווען א צעטיילונגס-פונקט פון באנען, האָבן פארשידענע טרופּעס: רוסישע, אוקראַינישע ווי אויך אידישע, מאכנדיק זייערע טורן איבער דער גרויסער רוסישער אימפּעריע — זיך אָפּגעשטעלט אין קאָוולע און געגעבן אָפט טעאטער-פארשטעלונגען.

אין דער צייט פון זייער אויפלויב, פלעגן דורכפאָרנדיק קאָוולע, זיך אָפּשטעלן די אַרטיסטן פון קייזערלעכן טעאטער, אזעלכע ווי: דאלסקי, קאָזשעוויניקאָוו און אנד. און פלעגן שפּילן „דער פאָטער“ פון סטרינדבערג און אנדערע קלאסישע פּיעסן. די אַר-


ישער דראמאטיש-מוזיקאלישער פעראיין אין קאוועל
1927
10
1917

אידישער דראמאטיש-מוזיקאלישער פאריין אין קאוולע

טיסטן-ברידער אדלגיים און דער דאן־באוואוסטער ארטיסט ארלעניעוו, זיי אלע פלעגן אפט קומען צו אונז מיט זייערע טרופעס און פלעגן שפילן אזעלכע פיעסן, ווי: האמלעט, אטעלא, אוריאל אקאסטא, ראזבויניקי און אנדערע. פון די אידישע טרופעס זיינען אפט געקומען גוזיקס טרופע, וועלכע האט צום אנפאנג געשפילט מיט א דייטשן דיאלעקט און אין די שפעטערדיקע יארן שוין אין א ריינעם אידיש. אויך קאמינסקיס טרופע די „ווילנער טרופע" און אנדערע פלעגן קומען פון צייט צו צייט קיין קאזולע, און קאזולער אידן האבן שטענדיק גוט באזוכט אלע פארשטעלונגען און האבן הנאה געהאט פון א גוטער קינסטלערישער פארשטעלונג.

אויך א דראמאטישער קרייז (דער דאן אזוי גערופענער „ליוביטעלסקי קרוזשאק") איז געווען ביי אונז אין שטאט. דער „דראמ.-קרייז" איז באשטאנען פון עטלעכע און צוואנציק פערזאן, צווישן וועלכע עס זיינען געווען אייניקע גאנץ פיינע טאלאנטן און וועמענס אנפירונג עס זיינען געווען: פוגאטש, קיוואוק, ניימארק, פריילין בורשטיין און אנד.

דער דאזיקער „דראמ.-קרייז" פלעגט זייער פיל לייסטן מיט זייער טעאטער-שפילן לטובת פארשידענע וואוילטעטיקע אינסטיטוציעס, אין קאזולע גופא, ווי אויך לטובת אנשטאלטן אין קליינע שטעטלעך ארום קאזולע, וואוהין זיי פלעגן איינגעלאדן ווערן צו שפילן טעאטער, אן קיין שום האנאראר.

אז איך האלט שוין אין דערציילן זכרונות פון קאזולער אידישן לעבן, איז אוממעגלעך, נישט צו דערמאנען עפעס פון דער קאזולער גרויסער שיל, וואס איז געווען א זעלטנהייט צווישן שילן און עס האבן זיך ארום איר געוועבט פארשידענע לעגענדעס.

די שיל האט זיך זייער לאנג געבויט. צוויי פערזאן, קאזולער אנגעזעענע בעלי בתים (איינער פון זיי: משה היינאך), האבן איינער נאכן אנדערן, אנגעהויבן בויען די שיל און זיינען אין מיטן דער ארבעט געשטארבן. קאזולער אידן האבן אין דעם געזען — א שלעכטן סימן און מען האט מורא געהאט ווידער אנצוהייבן בויען.

א צייט מיט יארן, זיינען די אויפגעשטעלטע, נישט-פארענדיקטע ווענט און די רעשטאוואניעס, נאך געשטאנען און ווי געמאנט א תיקון, ביז עס האט זיך געפונען דער אנגעזעענער שטאט בעל-הבית, ר' מיכל קאדיין (א ווינקל-אדוואקאט), וואס האט אן מורא און ווייזט אויס מיט דעם פעסטן באשלוס אז, זאל געשען וואס ס'זאל געשען, האט ער זיך אריינגעווארפן אין דער ארבעט און זיך אפגעגעבן צו איר מיט לייב און לעבן און נישט גערוט אזוי לאנג, ביז ער האט די שיל פארענדיקט, בשלום.

דער חזן זינגערמאַן (אין צענטער), רעכטס — דינער, לינקס — כאָלאָט

קאָוולער אידן, און דער עיקר שטאָט - בעלי־בתים, וואָס האָבן אויך ליב זיך צו קהלן, האָבן אים, קאַדיצן, אוודאי מקנא געווען און האָבן אים נישט פאַרגונען די גרויסע זכיה, וואָס ער האָט געהאַט מיטן פאַרענדיקן די אַרבעט פון דער שיל, און עס איז — געדענק איך — געווען א שטיקל קאַמף און א מחלוקת אַרום דעם שטעלן א געדענק־טאַוול אין שיל. קאַדיין האָט דורכאויס פאַרלאַנגט, אַז אַזעלכער זאָל אויף דער וואַנט אויפגעהאַנגען ווערן און זיין נאָמען זאָל פיגורירן אַלס דער, וואָס האָט די שיל אַרויסגעענדיקט.

די מחלוקה האָט זיך פאַרענדיקט דערמיט, וואָס אין איינער א נאַכט, האָט קאַדיין אַזא „טאַוול” אַליין אָנגעקלאַפּט אויף דער וואַנט, און ווען די קעגנער האָבן זיך דערזען שטיין פאַר א געשעענעם פאַקט, האָבן זיי שוין נישט געהאַט די העזה אים אַראָפּצונעמען און אַזוי איז ער געבליבן הענגען אויף דער וואַנט ביז דער לעצטער צייט.

אַלס דעם ערשטן חזן פאַר דער שיל האָט מען אַראָפּגעבראַכט דעם באַרדיטשעווער חזן מאיר פּיסאַק מיט זיין כאָר און דיריזשאָר אַהרעלע פיינטוך. מאיר באַרדיטשעווער האָט געדאַוונט א שבת אין שיל און האָט זייער אויסגענומען מיט זיין דאַוונען און אין מיטן דער וואָך האָט ער געגעבן א קאָנצערט אין „זשעלעזנע דאָראָזשנע”־טעאַטער, און דאָ, האָט אַהרעלע פיינטוך דער דיריזשאָר, זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע אייגענע פאַרפאַסטע קאָמפּאָזיציעס און מיט זיין זינגען, אויף אַזוי פיל, אַז ער

איז קאָנטראַקטירט געוואָרן אלס חזן אין דער נייער גרויסער שיל, און ער איז געוואָרן באליבט אין שטאָט. אויך פון ווי־ווייט ארום קאָוולע, פלעגט מען קומען אים הערן און הנאה האָבן פון זיין זינגען און מתיקות־דיקן דאווגען.

שפּעטער, אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען אהרעלע איז אוועקגעפאָרן פון קאָוולע (ווייל ער איז קאָנטראַקטירט געוואָרן אין בראָדסקים שיל אין קיעוו), און עס זיינען געקומען אין שטאָט פארשידענע באוואוסטע חזנים, ווי: קאַמענעצקי, דער גראָדנער חזן ציפּרוס, דער קעשענעווער חזן, אויך סיראָטא איז צוויי מאָל געווען אין קאָוולע און צולעצט דער פּעטערבורגער חזן זינגערמאן, וועלכער איז טאקע צוגענומען געוואָרן אלס שטאָט־חזן. — איז באמערקנסווערט דער פאקט, וואָס אין פארלויף פון דער־אַ צייט, האָט מען אהרעלען קיינמאָל נישט פארגעסן און געהאלטן אין איין ריידן פון אים.

און זינגערמאן, וואָס איז אליין געווען א גרויסער בעל־מנגן און א חזן מיט קענטניש און וויסן (ער איז פון קאָוולע ארויסגעפאָדערט געוואָרן קיין נאָרד־אמעריקע), האָט אויפן פארלאנג פון עולם, געמוזט זינגען אהרעלעס קאָמפּאָזיציעס. אזוי ליב האָט מען אים געהאט און אזוי איינגעקריצט אין זכרון ביי קאָוולער אידן, זיינען געווען זיינע הזנישע „שטיקלעך“, וואָס מיר קאָוולער, אפילו דאָ אין ארגענטינע, געדענקען זיי נאָך ביז היינט צו טאָג.

5. באַיאַן (מעקסיקע)

קאָוולע — אונזער קרייזשטאָט

(אידעען, באַגעגענישן און פּערזאָנען)

פֿופֿציק קילאָמעטער פֿון דער קרייזשטאָט קאָוולע, אויף דעם ברייטן שאָסיי־טראַקט קאָוולע־ברעסט־ליטאָווסק, ליגט דאָס שטעטעלע ראַטנע. דער שאָסיי לויפֿט פֿון מזרח אויף מערב און צעטיילט דאָס שטעטל אויף צווייען; אויף זיין צפֿון־זייט וואוינען די קריסטלעכע איינוואוינער פֿון שטאָט, אויף דרום־זייט געפֿינט זיך דער פֿירקאַנטיקער מאַרק מיט די הויפּט־גאַסן און הינטערגעסלעך וואו עס וואוינען קרוב צו 1500 אידישע נפֿשות.

דער שאָסיי איז דער איינציקער קאָמוניקאַציע־וועג וואָס פֿאַרבינדט דאָס שטעטל ראַטנע מיט דער וועלט: אויף מזרח־זייט ציט ער זיך קיין קאָוולע און אויף מערב — קיין בריסק דליטא.

עקאָנאָמיש איז דאָס שטעטל ראַטנע געווען שטאַרק פֿאַרבונדן מיט אירע צוויי שוועסטער־שטעט קאָוולע און בריסק. די אונטערגעוואַקסענע יוגנט האָט אָפּטמאָל נישט געהאַט וואָס צו טאָן אין דעם נישט־אינדוסטריעלן שטעטל און זי פֿלעגט זיך ציען אין די גרעסערע שטעט זוכן אַרבעט און באַשעפֿטיקונגען. קאָוולע און בריסק זיינען געווען די ערשטע סטאַנציעס אין דער גרויסער וועלט אַריין.

פֿון זינט עס געדענקט זיך, פֿלעגן זיך אין די וואָכעדיקע דינסטיק־מיטוואָכס אַרויסלאָזן בהברותא די באַלעגאָלישע משא־פֿורן מיט אָדער אָן פּאַסאַזשירן אויף דעם ברייטן שאָסיי־טראַקט אויף מזרח און אויף מערב, ד. ה. קיין קאָוולע און קיין בריסק און צוריקקומען שטענדיק אויף שבת אָנגעלאָדן מיט כל טוב. פֿרייטיק אַרום צוועלף פֿלעגט מען

די הויפט־גאַס אין ראַטנע. די שפאַצירנדע אויפן טראָטואַר: דער בירגערמייסטער
פון שטאָט און דער אידישער לאָוניק ישראל יצחק באַיאָן.

זען אַריינפאָרן די אָנגעלאָדענע פורן אויפן פירעקיקן מאַרק און אויסלאָדן די סחורות נעבן די פאַרשידענע קראָמען.

אויב עקאָנאָמיש איז דאָס שטעטל ראַטנע אָפּהענגיק געווען פון אירע שוועסטער־שטעט, איז אָבער לגמרי נישט געווען ניכר, אַז עס זאָל זיין צווישן זיי עפּעס אַ פאַרבינדונג אַ געזעלשאַפטלעכע אָדער אַ גייסטיק־קולטורעלע. נישט מען האָט זי געדאַרפט און נישט זי איז געווען. און אַט פאַרוואָס:

דאָס אידישע לעבן אין שטעטל, ווי אין שטאָט, איז געווען איינגעשטעלט און נאָרמירט פון גאַנצע דורות צוריק. דער אידישער שטייגער איז געווען אַן איינגעפונדעוועטער מיט גייסטיק־קולטורעלע געוואוינהייטן, וואָס האָבן זיך געשטיצט אויף דער רעליגיע און טראַדיציע און האָט זיך כמעט נישט גענויטיקט אין אַ געזעלשאַפטלעכער אָדער קולטורעלער טעטיקייט, וואָס זאָל אַרויסגיין מחוץ די גרענעצן פון דעם אייגענעם ישוב. שוין דער דיסציפּלינירטער שטייגער, די נאָרמירטע דיסציפּלין פון שבת און יום־טוב, פון התונות און בריתן, שלום־זכרס און בר-מצוהס, דאָס אליין איז געווען די טראַנסצעדענטאַלע פאַרבינדונג פון אידישע ישובים.

דאָס שטעטל האָט געהאַט איר רב, איר דיין, איר סופר, אירע מלמדים, שמשים און לומדים וואָס האָבן אָנגעפירט מיטן גייסטיקן לעבן און עס האָט זיך כלל נישט גענייטיקט אין דער אַפּיטראָפּסות אָדער גייסטיקער מיטהילף פון אירע עלטערע בכבודיקע שוועסטער־שטעט. אויב דער רב, דער תלמיד־חכם האָט זיך צונויפגעשריבן מיט אַ גדול בדור

וועגן א שווערער דין-תורה, אָדער וועגן א שווערער סוגיא אין לערנען איז דאָס גיכער געווען ריין פערזענלעכע ענינים און האָבן כלל נישט געהאט קיין שייכות מיט גייסטיקע פארבינדונגען וואָס זיינען כולל דער גאנצער געזעלשאפטלעכקייט. וואָס שייך ווידער אזעלכע טעטיקייטן ווי א ספר-תורה שרייבן, א רב אויפנעמען, א גבאי קלייבן פאר דער קהילה — זיינען דאָס געווען ריין-שטעטלשע ענינים און זיינען נישט אריבער די גרענעצן פון דער אייגענער קהילה.

די איינציקע צווישנשטאָטישע געזעלשאפטלעכע פארבינדונג האָט ארויסגערופן די חסידישע באוועגונג: די פארשידענע טריסקער, סטעפּעכווער, ריזשינער, קארלינער און אנדערע חסידים, וואָס האָבן געהאט אין דער שולגאס זייערע באזונדערע „שטיבלעך" צום דאווענען — זיי האָבן שוין יאָ אנטוויקלט א געזעלשאפטלעכע טעטיקייט וואָס איז אריבער די לאָקאלע גרענעצן פון ישוב. מען איז געפאָרן צום רבין, האָט מען זיך אויפן וועג אָדער ביים רבין, געטראָפן מיט אנדערע חסידים פון אנדערע אידישע ישובים, עס האָבן זיך פארבונדן געמיינזאמע אינטערעסן עקאָנאָמישע ווי קולטורעלע, וואָס זיינען ארויסגעוואקסן פון דער חסידישער ספערע להיפוך צו אן אנדערער און זיי האָבן איינגעפירט אין שטעטל פארשידענע דיפערענצירונגען ביים דאווענען, אין שטייגער און אזוי ווייטער.

אָט אזוי האָט זיך עס געצויגן ביז דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט-מלחמה פון 1914.

אַ גאַס אין ראַטנע — (קריווע אוליצע). ווינטער 1934

זרובבלס אַ באַזוך אין ראַטנע

די יאָרן 1914—1918 האָבן צעטרייסלט דעם איינגעשטעלטן סדר פון דעם לעבן פון דער וועלט און במילא אויך דעם אידישן לעבנסשטייגער. דער אַלטער אידישער שטייגער ווערט צעטרייסלט. די אידישע מאַראַל פון דורות לעבט איבער אַ שווערן קריזיס און עס איז זייער שווער אויפצובויען די געצעלטן פון דעם אַלטן ישראל סבא אויף די זעלביקע יסודות ווי זיי זיינען געווען פריער.

נאָך טליען די האַלאָוועשקעס פון די רואינעס פון חורבן, די מאַכטן האַלטן זיך אין איין בייטן, איבערפאַלן פון הפקר־צעווילדעוועטע באַנדעס און פּאָגראָמען פון אָפּטרעטנדיקע אַרמייען זיינען נאָך אָפטע דערשיינונגען אין שטעטל — און שוין הויבט אָן צו קלאַפּן אַ דופּק פון אַ נייגעזעלשאַפטלעך לעבן אין שטעטל. אַ לעבן וואָס האָט שוין זיינע פאַרבינדונגס-פעדעם מיט אַנדערע ישובים אין פוילן און דער עיקר — מיט דער נאָענטער קרייז־שטאָט קאָוולע.

עס אַרגאַניזירט זיך די ציוניסטישע באַוועגונג. עס אַרגאַניזירט זיך אַ סקויטישע יוגנט-באַוועגונג „הצופה”. עס שאַפן זיך דראַמאַטישע געזעלשאַפטן. עס אַרגאַניזירט זיך אַ הילפס-אַרבעט לטובת יתומים און נויטבאַדערפטיקע און אין אַלע טעטיקייטן זיינען שוין ניכר בולטע השפּעות און דירעקטע מיטהילף פון דרויסן, פון צענטער אין וואַרשע און פון די נאָענטערע ישובים. דער עיקר פון דער קרייז־שטאָט קאָוולע.

וואָס מער עס סטאַביליזירט זיך איין דאָס לעבן אין דער יונגער פּוילישער רעפּובליק, אַלץ מער אַרגאַניזירטער און דיפערענצירטער ווערט דאָס אידישע וועלטלעכע לעבן אין שטעטל; עס קומען אויף פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע. פּאָליטישע און קולטורעלע גרופּירונגען וואָס ווילן לייגן זייער חותם אויף דער אַרבעט אין שטעטל. עס קומט אויף אַ אי־

דישע פאלקס-באנק וואס שטייט צו הילף דעם סוחר, קליינהענדלער און האנטוווערקער. עס דיפערענצירן זיך די פאליטישע באוועגונגען; עס קומען אויף די אלגעמיינע ציוניסטן, פועלי-ציון, צעירי-ציון, התאחדות, בונדיסטן און קאמוניסטן, עס שאפן זיך קולטור-באוועגונגען וואס פירן אן אידעאלאגישן קאמף צווישן זיך: העברעאיסטן און אידישיסטן. עס ווערן געשאפן צוויי שולן: א תרבותשול און א אידישע שול; עס קומט אויף א שטאט-ביבליאטעק, עס ארגאניזירט זיך א האנטוווערקער-פאראיין און א פראפעסיאנעלער פאראיין. און דער גאנצער געזעלשאפטלעכער אקטיוויטעט קומט צו אן ענגערער פארבינדונג צווישן דעם שטעטל ראטנע און דער קרייז-שטאט קאוולע.

דעלעגאטן און שליחים קומען אראפ פון קאוולע אין אונזער שטעטל ראטנע אויף לעקציעס, אויף צו ארגאניזירן די ארבעט אין די עקזיסטירנדיקע ארגאניזאציעס; פון שטעטל ווידער פארט מען אויף קאנפערענצן אין דער קרייז-שטאט, דאס איז פון פאלקס-באנק, דאס איז פון יתומים-קאמיטעט, דא פון קרן-קימת לישראל, דא פון א ציוניסטישער ארגאניזאציע, פון „החלוץ”, „השומר” א. א. וו. און ווייטער.

עס טרעפט אפילו אפט, אז דאס שטעטל ווענדט זיך צו דער קרייז-שטאט נאך געזעלשאפטלעכער הילף בנוגע פראבלעמען וואס זיינען שייך צום לעבן פון שטעטל גופא. עס קומען פאר וואלן צום שטאטראט, צו דער קהילה. עס גייען עטלעכע וואל-ליסטעס אין א פארמעסט ווער וועט וועמען געווינען? די ציוניסטן ארדענען איין מיטינגען און

יתומים־קאלאניע ביי דער געז. פאר יתומים-פארזארגונג אין ראטנע, זומער 1928

ברענגען אראָפּ פון קאָוולע א ציוניסטישן רעדנער, די האַנטווערקער — זייערן א רעדנער, און די פּראָגרעסיווע — זייערן.

ווילן מיר טאַקע ביי דער געלעגנהייט ארויסכאַפּן אייניקע עפּיזאָדן און דערביי אויפלעבן אין זכרון און שטעלן א מצבה פאַר א גרופּע פון דער יינגער גענעראַציע געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע טוער פון קאָוולע — דער שטאָט אין פּוילן, מיט וועלכע מיר איז אויסגעקומען צו שטיין אין נאָענטע הבֿרישע באַציאונגען אין דער געזעלשאַפטלעכער צווישנאַרבעט פון אונזער שטעטל ראַטנע און דער קרייז־שטאָט קאָוולע.

געווען איז דאָס א יוגנט אַן אומרואיקע. אין איר נרעסטער מערהייט האָט זי געשטאַמט פון דעם מיטלקלאַס, זיי האָבן אָבער זיך געצויגן אין אַנדערע וועלטן — בשום אופן נישט געוואָלט מסכים זיין מיט דעם עקזיסטירנדיקן סדר, געוואָלט נעמען דעם גורל פון דער געזעלשאַפט, פון פאָלק אין אייגענע הענט, זיין אַקטיוו און רעאַגירן אויף אַלץ מיט דינאַמיק, מיט אַקציע און אַריינפלעכטן זיך און דאָס אייגענע לעבן אין דער דאָזיקער טעטיקייט. די דאָזיקע יוגנט איז געווען דער שאור שבעיסה — די הייוון פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, די טרעגער פון די אַקטיוו־רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען וואָס האָבן זיך פאַרמאָסטן צו קירעווען דאָס אידישע לעבן אין באַוואוסטזיניקע באַשטימטע וועגן.

און ווען איך רעד וועגן רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען, מיין איך נישט בלויז די באַוועגונגען וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט רעוואָלוציע כמשמעה און מיט סאָציאַליזם. איך מיין אויך יענע באַוועגונגען — אפילו די נאַציאָנאַלע — וואָס האָבן אויפגעשריבן א קאַמף קעגן דעם סטאַטוס־קוואָ פון אונזער אידישן לעבן, וואָס האָבן פּראָקלאַמירט דעם קאַמף קעגן דער סטאַטיק פון בירגערטום און קעגן זיין אידעאָלאָגיע פון „לאָז עס גיין ווי עס גייט“, פון אָננעמען די לאַגע ווי א באַשלוס פון גורל וואָס מען קען נישט און מען דאַרף זיך אים נישט קעגנשטעלן. איך מיין אָט די דינאַמישע, סאָציאַלע, פּאָליטישע און קולטור־באַוועגונגען וואָס האָבן זיך מוטיק פאַרמאָסטן דורכצופירן באַוואוסטזיניק א רעוואָלוציאָנערע שליחות, א נאַציאָנאַלע מיסיע אין אונזער לעבן.

און פון דעם שטאַנדפּונקט איז דער ציוניזם אין אַלגעמיין אויך געווען א רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין אונזער לעבן; האָט ער דאָך געוואָלט איבעראַנדערשן דאָס אידישע לעבן פון די פונדאַמענטן אָן. אָבער ווייל ס׳רוב פון זיינע טרעגער זיינען געווען קאָנסערוואַטיוו־געהאַמעוועט און פאַרגלייווערט אין זייערע טעטיקייטן, האָט ער נישט אַנטשפּראָכן דעם דינאַמישן גייסט און שטימונג פון דער יוגנט און במילא האָט זיך די יוגנט געלאָזן אויף אירע וועגן. זי, די יוגנט, האָט אַריינגעטראָגן אירע ניואַנסן אין די הערשנדיקע אידעען; אמת, געבונדן

די „החלוץ"־ארגאניזאציע אין ראטנע, אין יאר 1925

מיטן פאלק, מיט דער טראדיציע פון דורות. אבער נישט קיין קאנסערוואטיווע טראדיציע. נאר א טראדיציע וואס איז פושט צורה ולובש צורה — א פראגרעסיווע.

דער אויפקום פון די פאליטישע באוועגונגען ווי „החלוץ", „השומר", פועלי־ציון, צעירי־ציון, בונד און קאמוניזם פון איין זייט און די קולטור־באוועגונגען העבראיזאציע און אידישיזם פון דער צווייטער זייט, איז געווען אין גייסט און אין עמאציאנעלער איינשטעלונג פון דער יוגנט. ווייל די דאזיקע באוועגונגען זיינען די דינאמישע באוועגונגען וואס האבן באמת אויפריכטיק געמיינט צו ענדערן דעם אידישן גורל און צוזאמען מיט אים דאס אייגענע לעבן: — זיי זיינען פארבונדן מיט הגשמה עצמית. מיט אליין פארווירקלעכן אין לעבן דאס וואס מען אגיטירט און אין וואס מען גלויבט. עס זיינען געווען אידעען נישט נאר פאר יענעם נאר אויך פאר זיך — וחי בהם, צו לעבן אין זיי.

לאמיר דערמאנען א טייל פון יענער יוגנט מיט וועמען איך האב זיך נאענטער באקאנט בעת געמיינזאמער געזעלשאפטלעכער ארבעט ואלה שמותיהם: ליובא געלמאן, אהרן ווערבא, ישראל וואקסמאן, מאיר רייז, ביילע דאדיוק, ש. ספעקטאר, משה קופערבערג און אנד.

הגם גרעסער איז געווען די גרופע מיט וועלכער איך בין געקומען אין באריהונג און מער דיפערענצירטער. אבער צו דער ספעציפישער

כאראקטעריסטיק פון אונזער אָפּשאצונג וועט עס קיין סך מערער נישט צוגעבן, דעריבער באגרענעצן איך זיך בלויז מיט דער קליינער אויסגערעכנטער גרופּע מיט וועמען מיין פּערזענלעך געזעלשאפטלעך לעבן איז געווען אינטימער פארבונדן און וואָס זייער אומרו איז אויך געווען מיינער. מיט א טייל פון זיי בין איך געשטאנען אין שריפטלעכער פארבינדונג אפילו שוין פון אמעריקאנער קאָנטינענט וואו דער גורל האָט מיך פארטראָגן.

און נאָך א שטיקל התנצלות: אויב וועגן איינעם וועט מער גערעדט ווערן ווי וועגן א צווייטן, הייסט עס נאָך נישט, אז דער צווייטער איז ווייניקער וויכטיק, פארקערט, וועגן גאָר וויכטיקע פּערזאָנען וואָס ווערן דורך אגב בלויז דערמאָנט, וואָלט מען א סך און א סך געדארפט דערציילן, אָבער אזוי האָבן זיך צונויפגעלייגט די פאקטן און אזוי מוז איך זיי פארצייכענען ווי עס געדענקט זיך.

לאָמיר גיין כסדר:

מיט ליובא געלמאן, אהרן ווערבא און ישראל וואקסמאן האָב איך זיך געטראָפן אין דער „החלוץ"-באוועגונג.

אין די יאָרן 1924—1926 איז די דאָזיקע באוועגונג אויף וואָלין געוואָרן זייער שטארק און פּאָפּולער. פון זיך אליין זיינען אין יעדער שטאָט און שטעטל אויפגעקומען די החלוץ-אָרגאניזאציעס וואָס האָבן געציילט אין די טויזנטער מיטגלידער, און האָבן אריינגענומען יוגנטלעכע אין די צוואנציקער יאָרן, וואָס האָבן באשלאָסן איבערצורייסן מיט זייער שטיינער-לעבן, אריבערגיין גלייך אויף פּראָדוקטיווער ארבעט און פארבינדן זייער גורל מיטן קיבוצישן לעבן אין ארץ-ישראל.

גלייך זיינען אָרגאניזירט געוואָרן א גאנצע ריי הכשרה־פונקטן אויף וואָלין, וואו יעדער איינער האָט זיך געדארפט שטעלן צו א זעלבסטעקזאמען, צי איז ער מסוגל דורכצופירן די רעוואָלוציע אין זיין לעבן, צי איז ער צוגעפּאסט צו פיזישער ארבעט און צי וועט ער קענען פארביינן די אינדיווידואליסטישע כאראקטער־נייגונגען לטובת דעם קאָלעקטיוו א. א. וו.

עס זיינען געווען שטאָטישע הכשרה־פונקטן וואו הברים פלעגן גיין אויף הייז־ארבעט, האקן האָלץ, ארבעטן אויף שאָסייען, ביי בוי־ארבעט און זייערע פארדינסטן פלעגן אריינגיין אין דער קאָלעקטיווער קאסע וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער ווירטשאפט פון קיבוץ. עס זיינען אויך אָרגאניזירט געוואָרן קיבוצים אין פארשידענע פאבריקן, טארטאקן,

ערד-פּערמעס און שטיינער-האַקערייען וואו די צאָל חברים פלעגט דערגרייכן צו צוויי הונדערט אָדער מערער.

איינער פון די גרעסטע קיבוצים אויף וואָלין איז געווען אין דער שטיינער-האַקעריי פון קליעסאָווע נישט ווייט פון דער וואָלינישער שטאָט סאַרנע. דער דאָזיקער קיבוץ איז וויכטיק געווען מיט דעם, וואָס די באַדייטנדיקע צאָל פון זיין יוגנט-באַפעלקערונג האָט פאַר דעם קיבוץ אונטערוועגנס געשטעלט די אַלע וויטאַלע פּראָבלעמען וואָס זיינען געשטאַנען פאַר דעם נאָרמאַלן קיבוץ אין ארץ ישראל.

דער ערשטער פון דער גרופּע מיט וועמען איך האָב זיך באַגעגנט אין דער חלוצישער אַרבעט איז געווען אהרן ווערבאַ. ער איז דעמאָלסט געווען איינער פון די פירער פון דער החלוץ-באַוועגונג אויף וואָלין — אַ מיטגליד אין דער מועצת הגליל און ער פלעגט אַרומפאָרן איבער די פאַרשידענע שטעט צו אָרגאַניזירן די אַרבעט, אָפּקלייבן חברים פאַר דער הכשרה ווי אויך דורכצופירן אַקציעס לטובת דער הכשרה און עליה.

אומגעקערט האָט ער זיך נישט לאַנג פון אויסלאַנד וואו ער האָט שטודירט און האָט געמוזט צוליב עקאָנאָמישע מניעות איבעררייסן זיין סטודיום, ער האָט אָבער בשום אופן נישט געוואָלט פאַרבינדן זיין גורל מיט דעם מיטלקלאַס צו וועלכן עס געהערן זיינע עלטערן און ער האָט

א גרופּע חלוצים פון וואָלין, באַשטעטיקטע צו עליה. צווישן זיי די קאָוולער ליובע געלמאַן און ישראל וואַקסמאַן. — ראָוונע 1936.

זיך מיט זיין גאנצער דינאמיק אריינגעוואָרפן אין דער „החלוץ“־באוועגונג, וואו ער האָט אויך געוואָלט געפינען א תיקון פאר זיין אייגענעם לעבן.

געקומען איז ער צו אונז אין ראטנע אין שליחות פון „החלוץ“, פארשטארקן די ארבעט, האלטן א פאָר רעפעראטן פאר די חברים און דורכפירן אן אקציע לטובת דער באוועגונג. ער האָט געמאכט אויף אונז אלעמען אן אָנגענעמען רושם. זיינע לעקציעס זיינען געווען אינטערעסאנט און עס איז גלייך ניכר געווען אז דער דאָזיקער צוואנציקיעריקער יונגטלעכער איז טאלאנטירט. און באמת האָט ער פארמאָגט געזעלשאפטלעכן טאקט, ענערגיע, אינטעליגענץ און אָרגאניזאטאָרישע פעאיקייטן. די עטלעכע טעג וואָס ער האָט פארבראכט ביי אונז אין שטעטל האָט ער מיט זיין וואָרט און ליד אויף חברישע מסיבות אריינגעבראכט יום-טובדיקע שטימונג און האָט צעמענטירט די באוועגונג אין שטעטל.

ביי זיין באזוך ביי אונז אין שטעטל האָט אהרן ווערבא שוין געהאט דורכגעמאכט די הכשרה אין קיבוץ קליעסאָווע וואו ער איז געווען דער מנהל פון דער מזכירות און ער האָט זיך געגרייט עולה צו זיין אין ארץ ישראל.

און אָט א צווייטער עפיזאָד:

חול-המועד פסח 1926. א קאָנפערענץ פון אלע וואָלינער „החלוץ“־אָרגאניזאציעס אין קאָוולע. די קאָנפערענץ קומט פאָר אויף פאבריטשנע 5. עס באטייליקן זיך אין איר דעלעגאטן פון אלע שטעט און שטעטלעך אויף וואָלין, פון אלע אָרגאניזאציעס און פון אלע קיבוצים. עס זיינען צו דער קאָנפערענץ אראָפגעקומען פאָרשטייער פון דעם צענטער אין ווארשע, דער גאנצער מזכירות הגליל און א גאסט פון די קיבוצים פון ישראל — אברהם הארצפעלד. עס הערשט א יום-טובדיקע שטימונג אויף דער קאָנפערענץ, אלע דעלעגאטן גיבן אָפ באריכטן פון דער אָרגאניזאציאָנעלער און קולטור-ארבעט אין זייערע שטעט. עס ווערן אָפגעקליבן קאנדידאטן פאר די קיבוצים אויף הכשרה און מיט זייער אָ הארציקן גייסטרייכן רעפעראט פון א. הארצפעלדן ווערט די קאָנפערענץ געשלאָסן.

עס טיילט זיך אויס פון דער גרויסער מאסע דעלעגאטן א סימפאטישע גרופע חברים וואָס ווערן דיר נאָענט צום הארצן און צווישן זיי די קאָוולער: ליובא געלמאן, ישראל וואקסמאן, באָריא לעווין און אונזער אלטער באקאנטער אהרן ווערבא, וואָס האָט אונז די גאנצע צייט ארומגערינגלט מיט טיפער ליבע און פריינדשאפט. די דאָזיקע גרופע באצייבערן מיך מיט זייער

ערנסט, מיט זייער חברישקייט, מיט זייער אינטעליגענץ, לעבנסלוסטיקייט און הארציקער באנעמונג און אָט שטייען זיי פאר מיינע אויגן, נאָך א פערטל יאָרהונדערט, כמעט ווי לעבעדיקע:

ליובע געלמאן, א שלאנקע צוואנציקיאָריקע מיידל מיט א קלוגן אויסדרוק אויף איר פנים, איז נאָר וואָס געקומען פון דער וועלט. אין אויסלאנד האָט זי געענדיקט די רוסישע גימנאזיע און האָט מיטגעבראכט אלע גוטע און שיינע טראדיציעס פון דער דעמאָלסטיקער אייראָפּעאישער בילדונג. קלוג, אינטעליגענט און דערפאָלגרייך. און ווי באשיידן זי האלט זיך לגבי אלע חברים און חברטעס אירע און אפילו לגבי מיר דעם פראָווינציעלן 18—19 יאָריקן בחור, וואָס האָט זיך איצט אָנגעהויבן צו באקענען מיט דער גרויסער וועלט.

און אָט זיינען מיר ביי איר אין שטוב. די שטוב איז רייך אויסגעמעבלירט. א פיינע פיאנאָ שטייט ביי א שפיגל-וואנט און ליובא שפילט. אין הויז זיינען פארזאמלט א סך חברים און חברות פון דער ארגאניזאציע און אין צענטער פון אלעמען איז ליובא. אלע פארערן זי. מען וויצלט זיך אפילו אויפן רעכענונג פון א פּאָר חברים, אז זיי זיינען צוליב איר אריין אין דער אָרגאניזאציע.

די קאָנפערענץ האלט זיך שוין ביים שליסן, ביי ליובאן אין שטוב האָט זיך טאקע פארזאמלט די קאָמיסיע אויף אויסצוארבעטן די רעזאָלוציעס פון דער קאָנפערענץ. איך קען זיך אָבער נישט דערווארטן אויף די רעזאָלוציעס, עס איז ערב די צווייטע טעג יום-טוב. איך מוז נאָך קומען אויף יום-טוב אהיים. איך געזעגן זיך מיט מיינע נייע חברים וואָס איך האָב זיך דערוואָרבן אין קאָוולע. עס איז מיר א שאָד און אויך זיי באדויערן וואָס די באגעגעניש איז געווען אזא קורצע.

ווי ס׳איז אָבער באשערט געווען, האָבן זיך אונזערע וועגן א סך מאָל געקרייצט. נישט איין מאָל, נאָר צענדליקער מאָל איז אונז אויסגעקומען זיך צו טרעפן פערזענלעך, יאָרן נאָכאנאנד זיינען מיר געווען פארבונדן שריפטלעך צווישן זיך, דורכגעמאכט עליות און ירידות, קריזיסן און אויפשטייגן אין אונזער לעבן און עס ווילט זיך איצט זאָגן נאָך א פערטל יאָרהונדערט, אז זייער ליכטיקער אָנדענק ליגט טיף פארבאָרגן אין מיין הארצן און בשעת איך באהעפט זיך מיט זיי אצינד אין מיין געדאנק, פארוואָלקנט נישט קיין שום עפּיזאָד מיט וואָסער עס איז נישט שאָטן זייערע הערלעכע געשטאלטן.

אָבער לאָמיר גיין כסדר:

זומער 1926. מיר געפינען זיך שוין אין קיבוץ קלעסאָווע אין דער שטיינער-האַקעריי נישט ווייט פון דער גרעסערער שטאָט אויף וואָלין — סארנע. צוזאמען מיט אונז געפינט זיך אויך דער קאָוולער באָריא

לעווין, וואָס האָט פאַרלאָזן זיינע רייכע עלטערן און איז אויך אוועק אויף הכשרה אין קיבוץ קלעסאָווע.

אין איינעם א טאָג, ווען מיר זיינען געווען ביי דער ארבעט אין דער שטיינהאַקעריי; ווער ביים אויפרייסן שטיינער, ווער ביים אָנלאָדן זיי און ווער ביים האַקן חצץ, האָבן מיר באַמערקט, ווי עס דערנענטערן זיך צו אונז א נייע נאָר־וואָס אָנגעקומענע גרופּע חברים און חברות. צווישן דער גרופּע איז אויך געווען אונזער אלטע באַקאַנטע — ליובע געלמאַן.

— וועט ליובע געלמאַן קענען טאָן די זעלביקע ארבעט וואָס מיר, אַלע חברים און חברטעס פון קיבוץ טוען? וועט די אויסגעצערטלטע באַלעבאַטישע טאָכטער קענען שייערן טעפּ און קאָכן עסן? וועלן די אויסגעאיידלטע פּיאַנאָ-פינגער קענען האַקן שטיינער, זופּן דעם חצץ?

— די און אַנדערע מחשבות האָב איך געטראַכט ביי זיך אין האַרצן.

פון נאַטור א צוריקגעהאַלטענער — האָב איך זיך גלייך נישט געקענט צוזאַמענלעבן מיט דער נייער אומגעבונג און מיט אומצוטרוי און חשד דערווייל שפּאַצירט מיין וועג ביים ראַנד פון דעם קיבוץ־לעבן. מיין ראַטנער חבר יצחק קאַזאַק (איצט אין ארגענטינע), וואָס איז געקומען גלייך מיט מיר, האָט זיך שוין גלייך אין די ערשטע טעג אריינגעלעבט אין דער סביבה. ער האָט שוין אינטימע חברים מיט וועלכע ער פאַרברענגט, שמועסט מיט זיי, און איך... אויסגעפירט מיין טעגלעכע ארבעט בשלימות, זיץ איך אויף די נאַכטיקע אסיפות מיט אָנגעשפּיצטע אויערן און הער זיך צו צו די דיסקוסיעס ארום די פאַרשידענע פּראָב־

שנת
„מכבי"
תרפ״ב
קובל
פאָטאָגר.-„געללער"

א גרופּע מכביסטן אין קאָוולע

לעמען פון צוזאמענלעבן, פליכטן און הגשמה עצמית וואס עס פאדערט דאס קיבוץ־לעבן און האלט זיך אפ ווי ווייט מעגלעך צו נעמען א ווארט. כ'פלעג דאנקבאר זיין די ערשטע טעג די הברים, וואס פלעגן מיר שענקען אביסל אויפמערקזאמקייט, איך אבער, פון מיין זייט, האב זיך באמיט נישט צופיל פארטרויען זיך פאר א צווייטן, נישט צו פארבינדן קיין טיפע פריינדשאפט בכדי הלילה שפעטער נישט צו ליידן פון אן אנטוישונג.

ארום ליובא געלמאן האט זיך געטומלט. שוין אויף די ערשטע אסיפות האט זיך ארויסגעוויזן איר אנדערשקייט, איר העכערקייט און איר אינטעליגענץ לגבי אנדערע. אלע האבן געזוכט איר פריינדשאפט, ווייל זי האט באמת פארמאגט עפעס אזוינס, וואס האט איר אויסגעטיילט פון דער אומגעבונג. איר קלארער לאגישער פארשטאנד און אנאליז איבער יעדער פראגע און דער עיקר איר צוגאנג צו מענטשן און פארשטענדעניש פאר יעדערן, האט איר איינגעשאפט א סך פריינד, וואס האבן אי ארויפגעקוקט צו איר און אי איר ליב געהאט.

פון אירע ליבעס אבער, האט זי נישט געהאט קיין גרויס נחת. ווייל גרויס זיינען געווען די צאל פון אירע פארערס און א מענטשלעך הארץ קען דאך מער נישט ליב האבן ווי איינעם. מיט א סך צייט שפעטער פלעגט זי ביי מיר בעטן אן עצה: — באיאן, וואס טוט מען? כ'האב שוין א נייעם אומגליק! בערעז האט זיך מיר שוין אויך דערקלערט אין ליבע, ער האט ממש געוויינט פאר מיר! קיין עצה האב איך איר נישט געדארפט געבן, זי האט געהאט א קאפ אויף זיך און זי האט זיך גאנץ קלוג ארויסגעדרייט פון יעדער שווערער סיטואציע. ניכער האב איך געציטערט איבער זיך, געדארפט זיך אליין אן עצה־געבן, אז איך זאל אויך נישט אריינפאלן אין אן ענלעכער נעץ און דארפן שפעטער ליידן פון אן אנטוישונג.

די ערשטע טעג אבער איז אונזער פריינדשאפט געווען א פונדערווייטנדיקע, נישט הס ושלום צוליב איר שולד, נאר גראד צוליב מיינער.

עס איז געווען אין די ערשטע וואכן פון אונזער זיין אין קיבוץ. אין איינעם א טאג קומט צו מיר צו דער קאוולער באריא לעווין שטארק פארזארגט: — איר ווייסט, באיאן, כ'האב צו אייך א בקשה; ליובע געלמאן האט באקומען היין, אירע הענט זיינען פול מיט פאכירן און בלעזלעך, זי קען בשום אופן נישט גיין מארגן צו דער ארבעט. בעט איך זיך ביי איר, אז זי זאל בלייבן א פאר טעג אין שטוב, קען איך עס ביי איר בשום אופן נישט פועלן! אפשר וועט עס אייך געלינגען!

— איך!? — האב איך א פארוואונדערטער אויסגעשריען.

אבער אויך איך האב עס נישט געפועלט. ליובע געלמאן האט בשום


הועד והתזמרת „העובד" בקובל.
28/X 1933.

די פארוואלטונג און מאנדאלין־ארקעסטער פון „העובד" אין קאוולע

אופן נישט געוואלט פארלאזן איר פלאץ ביים האקן דעם הצין, זי האט אויך אפילו צייטווייליק נישט געוואלט אריבערגיין אויף לייכטערער ארבעט: זי איז דאך געקומען אויף אויסצופרואוון זיך — זיך צו עקזאמענירן, אויב זי וועט קענען דורכפירן די רעוואלוציע אין איר לעבן, און זי איז גרייט געווען צו גיין אויף קידוש השם צוליב איר נייעם גלויבן, צוליב איר נייער רעליגיע, צוליב דעם „דת העבודה" וואס א. הארצפעלד האט אונז געלערנט. און זי איז ביישגעשטאנען דעם נסיון.

און נישט נאר זי. הונדערטער וואלינער חברים און חברטעס פון „החלוץ", פון „השומר" האבן זיך, פונקט ווי זי, מיט די ציינער איינגעביסן אין דער ארבעט און זי נישט געוואלט פארלאזן ביז זיי האבן אין איר דעם ליכטיקן זין באקומען. זיי האבן אלע נשמה־פלאטערן, אלע אינדיווידועלע גייסטיקע שטימונגען, אלע עמאציעס און געפילן זייערע דערשטיקט אין זיך און האבן זיך מיט א מסירת־נפש איבערגעגעבן צו דער ארבעט, ביז זיי האבן זיך גייסטיק איבערגעשטאלטיקט, ביז זיי האבן אין פשוטער ארבעט הייליקע מתיקות געפונען, דעם ריטם און די מוזיק פונם לעבן.

זאל ליובא געלמאן — די קאוולער אינטעליגענטין — זייער פארשטייערין זיין!

און אַט איז אהרון ווערבא געקומען זיך געזעגענען מיט קלעסאָווע, פאר זיין עולה-זיין קיין ארץ ישראל און איבערגיבן די מזכירות פון קיבוץ אין די הענט פון א פארטרויאונגס-מאן. מיט אים איז אויך געקומען פון צענטער ה׳ בראגינסקי.

אן אלגעמיינע פארזאמלונג. עס ווערן רעפערירט פארשידענע לויפיקע פּראָבלעמען פון קיבוץ-לעבן: דער עקאָנאָמישער צושטאנד, הכשרה, ארבעטס-פלעצער פאר נייע חברים, דאָס צוזאמענלעבן און... וואלן פון א נייער פירערשאפט פון קיבוץ: מנהל עבודה — חבר אהרון חענדעלמאן, מנהל הפסקה — ה׳ באַריא לעווין. ארום דעם אמט פון מזכיר, וואָס דארף אויך זיין דער מנהל תרבותי, דער פירער פון דער קולטור-ארבעט און אידעאָלאָג פון קיבוץ, צעפלאקערט זיך א הייסע דיסקוסיע. עס זיינען דאָ א פּאָר קאנדידאטן וואָס האָבן זיך במשך פון דער קורצער צייט ארויסגערוקט אין די פאָדערשטע ליניעס, חברים מיט אינטעליגענץ, מיט אָרגאניזאטאָרישע פעאיקייטן, מיט טאלאנט צו רעדן און זיי האָבן שוין א שפּאָר ביסל אָנהענגערשאפט צווישן די קרוב צוויי הונדערט חברים און חברטעס פון קיבוץ.

חבר אהרון ווערבא נעמט דאָס וואָרט: — ער האלט, אז דער פּאַסיקסטער קאנדידאט אויף דעם אמט איז נישט קיין אנדערער ווי דער שרייבער פון די שורות. אלע פּראָטעסטירן: — „מיר קענען אים נאָך נישט!“ „במשך פון די פּאָר וואָכן וואָס ה׳ כאראָן געפינט זיך צווישן אונז האָבן מיר קיין שום אָריגינעלעס נישט ארויסגעזען פון אים“; „ער איז צופיל אינדיווידואליסטיש, צוריקגעהאלטן, גאָרנישט ווי עס פּאַסט פאר א חבר אין א קאָלעקטיוו“. איך אליין נעם א וואָרט און בעט מען זאָל אראָפּנעמען מיין קאנדידאטור. חבר ווערבא איז אָבער איינגעשפּאַרט. איך ווייס אליין נישט פארוואָס: — וואָס האָט ער דערזען אין מיר? ער נעמט נאָכאמאָל א וואָרט און גיט איבער גאָר אן אינטערעסאנטע כאראקטעריסטיק וועגן מיר. ער דערציילט זאכן, וואָס זיינען פאר מיר אליין גאָר ניי. ער דערציילט א גאנצע עפּאָפּייע וועגן מיינע אָרגאניזאציאָנעלע פעאיקייטן ביי דער ארבעט אין דער „החלוץ“-אָרגאניזאציע פון מיין שטעטל, וועגן דער קולטור-ארבעט, וואָס מיר האָבן מיט דערפאָלג אָנגעפירט און לסוף גיט ער צו: אזוי רעקאָמענדירט די צענטראלע פון „החלוץ“!

נאָך זיין וואָרט — און צווישן די חברים איז געקומען א גוטע ענדערונג לטובת מיין קאנדידאטור. אלע הייבן די הענט פאר מיר, אלע רינגלען מיך ארום און מען באגריסט מיך. מיטאמאָל, האָב איך, דער איינזאמער, דער מיט אומצוטרויי-פולער, באקומען אזויפיל פריינד און מיין באשיידן וואָרט איז געוואָרן דערהויבן ביז גאָר אין אלעמענס אויגן.

במשך פון די עלף חדשים וואָס עס איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין קיבוץ קלעסאָווע, האָב איך זיך זייער איינגעלעבט מיט די חברים. איך האָב זיך דערוואָרבן פיל פריינד, דער עיקר אָבער, מיט דער קאָוולער גרופע ובתוכם מיט חברטע ליובע געלמאן.

צו יענער צייט געהערט אויך מיין טיפע פריינדשאפט צו חבר ישראל וואקסמאן. ה' וואקסמאן איז די גאנצע צייט אויך געווען אויף הכשרה אין א צווייטן וואלינער קיבוץ. מיר פלעגן די גאנצע צייט זיך איבערשיקן גרוסן און זיך באמיט צו שטיין אין קאָנטאקט וועגן דעם גאנג פון דער ארבעט אין ביידע קיבוצים. ערשט צום סוף פון די עלף חדשים הכשרה, איז אונז אויסגעקומען ווידער זיך צו טרעפן פנים אל פנים און אונזער פריינדשאפט איז פארקניפט געוואָרן.

געווען איז דאָס אויף אן אלגעמיינער קאָנפערענץ פון אלע באשטעטיקטע צו עליה קיבוצניקעס, וואָס איז פאָרגעקומען טאקע אין קיבוץ קלעסאָווע. חבר וואקסמאן — אן אָפנהארציקער צוטרוילעכער חבר — איז גלייך מיט מיר געוואָרן היימיש און מיר האָבן זיך פארטרויט מיט די ספקות וואָס האָבן זיך באזעצט אין אונזערע הערצער. ער האָט דערפילט אן אומרו אין מיר און איך האָב דערפילט דעם זעלביקן אומרו אין אים: נישט באפרידיקט גענוג האָט אונז דעמאָלסט די קיבוץ־אידייע, וואָס האָט פאקטיש געהייסן פולשטענדיקע איזאָלאציע פון דעם אלגעמיינעם געזעלשאפטלעכן לעבן און פון דעם אלגעמיינעם סאָציאלן קאמף: א גרופע יחידים האָבן זיך אויסגעטיילט פונם כלל, האָבן געשאפן פאר זיך א קאָלעקטיוו און ווילן נישט וויסן פון קיינעם נישט. איז דאָס נישט אן עגאָאיזם פון א פריווילעגירטער קאסטע? און וואָס וועט זיין מיט דעם אלגעמיינעם קאמף קעגן אונטערדריקונג און עקספלאָאטאציע וואָס סאָציאליסטן פירן אין גאָר דער וועלט? צי קענען מיר, צי דארפן מיר אָננעמען לגבי אים אזא נייטראלע פארעוודיקע שטעלונג? מיר האָבן מיט אונזער אומרו אויך אָנגעשטעקט אנדערע חברים און חברטעס, און פונקט ווי היינט געדענקט זיך אָט די העפטיקע דיסקוסיע און פארטיידיקונג פון אונזערע פרינציפן, וואָס עס דארף זיין למעשה דער קיבוץ. מיר האָבן געזיגט. די אלגעמיינע פארזאמלונג פון אלע באשטעטיקטע צו עליה האָט אָנגענומען צווישן אלע אנדערע רעזאָלוציעס אויך אונזער טעאָרעטישע באגרינדונג וועגן דעם קיבוץ:

„דער קיבוץ דארף זיין די סאָציאלע לאבאָראטאָריע אין קליינעם מאָסשטאב, וואָס דארף צוגרייטן די גייסטיקע פירער פון דעם קליינעם קאָלעקטיוו, בכדי אין דער צייט פון דער גרויסער סאָציאלער איבערקערעניש זאָלן זיי קענען אָנפירן מיט דער גרויסער וועלט־ווירטשאפט“.

— גלויביקע וועלט, וואו ביסטו פאַרשוואונדן געוואָרן?

די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג האָט דעמאָלסט באַשטימט אין דעם עליה-עקזיקוטיוו די חברים: ליובא געלמאַן, ישראל וואַקסמאַן און דעם שרייבער פון די שורות. די עליה-צענטראַלע — איז קאָוולע.

דאָס פאָרן, אָבער, אין ארץ ישראל האָט זיך געשלעפּט מיט זייער פּאַמעלעכדיקע טריט. די שווערע עקאָנאָמישע לאַגע פון די חברים, וואָס האָבן פּשוט נישט געהאַט אויף קיין הוצאות, דערצו נאָך דער קריזיס אין ארץ ישראל, האָבן געהאַמעוועט דעם פּראָצעס פון עליה און עס איז געקומען בכלל צו אַן אידעאישן קריזיס.

אָט-אָ די ליכטע ספקות וואָס האָבן זיך געשאַפן אין די קיבוצים, זיינען מיט דער צייט פאַרטיפט געוואָרן. טענות זיינען געקומען, וואָס האָבן געפּייניקט דאָס געוויסן: די חלוצישע באַוועגונג, די קיבוצים איזאָלירן זיך פון דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין לאַנד און פון אַלע אירע סאָציאַלע אויפגאַבעס און צילן. ווען אַרבעטער שטרייקן אין אַן אונטערנעמונג צוליב לוין-העכערונג אָדער אַנדערע סאָציאַלע אומגערעכטיקייטן, סאָלידאַריזירן זיך נישט די חלוצישע קיבוצים מיט זיי, פאַרקערט, די קיבוצים פאַרכאַפּן גאָר די אַרבעטס-פּלעצער און ווערן שטרייק-ברעכער.

פון דער צווייטער זייט זיינען אַרויסגערוקט געוואָרן אַנדערע טענות:

די „החלוץ"-באַוועגונג מיט איר רעוואָלוציאָנערן אימפּעט טוט אָפּ די אינטימע פאַרבינדונג מיט אייגענע טאַטע-מאַמע און במילא מיטן פאָלק אין גלות; קינדער קוקן אויף זייערע עלטערן פון אויבן אַראָפּ מיט השד און אומצוטרוי. די חלוצישע באַוועגונג ביי איר טיפער נאַציאָנאַליזירנדיקער ראָל און מיט איר העברעאיסטישער קולטור-אַרבעט טראָגן דאָך אין זיך נעגאַציע צום אידישן עקזיסטירנדיקן לעבן, צום גלות-לעבן און במילא וועקט עס ביי דער יוגנט אַ ווידערגעפיל און אַ פרעמדקייט צו די אייגענע עלטערן, די איינגעשפּאַרטע טרעגער פון אָט דעם גלות-לעבן, וואָס זיי מוזן עס בעל כרחם אויפהאַלטן על אַפּם ועל חמתם פון די רעאַקציאָנער-אַנטיסעמיטישע פעלקער וואָס ווילן עס אומברענגען.

מיר האָבן דערפילט, אַז מיטן אַנטלויפן פון פראָנט און נעגירן דאָס לעבן פון אונזערע עלטערן, טוט מען זיך און דאָס פאָלק קיין טובות נישט און מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף עפּעס געפינען אַ סינטעז אין אַ גייסטיקער אידעאָלאָגיע, וואָס זאָלן זיך שטעלן מיטן פּנים צום אידישן מאַסן-לעבן און צו דער פאָלקס-קולטור.

צוריק צום פאלק, שטארקן זיינע פאזיציעס, פארבינדן זיך מיט זיין שפראך און קולטור — דאס איז געווארן אונזער לאזונג.

און אונזערע העלדן נעמען עס אויף מרצון און ווידער דורך הגשמה עצמית. מען רעזיגנירט דערוויל פון צו פארן אין ארץ ישראל און מען ווארפט זיך מיט נייעם מוט און גלויבן אין דער דאזיקער פאלקס־ארבעט.

צו אהרון ווערבא — וואס איז געקומען צוריק פון ישראל — ישראל וואקסמאן, ליובא געלמאן קומען צו ספעקטאר — א לערער פון „ארט"־שול, משה קופערבערג — א טאלאנטירטער בחור, וואס שרייבט ליטעראטור־עסייען, מאיר רייז, ע. פיגעלמאן — לערערס אין דער תרבות־גימנאזיע אין קאוולע און דער שרייבער פון די שורות.

דער ציל פון דער גרופע איז — צושטיין צו דער אידישיסטישער באוועגונג און צו אנטוויקלען א אידישע קולטור־ארבעט איבער די שטעט און שטעטלעך אין וואלין. מען בויט אידישע שולן, ביבליאטעקן אין אלע ישובים וואו עס לאזט זיך, מען ווערט אליין די לערער אין די שולן, מען בויט אויף אן אייגענע וואכנצייטונג און מען פארט אויף פראפאגאנדע־ארבעט לטובת דער אידישיסטישער באוועגונג איבער די פארשידענע שטעטלעך פון וואלין און מען ברענגט, אראפ רעפערענטן, וואס זאלן פארשטארקן די ארבעט און איר צוגעבן חשיבות.

צווישן די לעקטארן וואס מיר האבן אראפגעבראכט אין יענער צייט פאר קאוולע, ראטנע און אנדערע שטעט, זיינען געווען פרץ מארקיש, זרובבל און אנדערע.

פון יענער צייט געדענקט זיך אויך אונזערער א באזוך אין דעם שטעטל מאציעוו — א פאר שעה פארן מיטן באן פון קאוולע, ווען מאיר רייז מיט דעם שרייבער פון די שורות זיינען געפארן אהין אויף א פארלעזונג וועגן דער וויכטיקייט פון בויען אידישע שולן.

אין קאוולע קומט אויף א אידישע שולע, וואו צווישן אנדערע לערער, גייען אריין אהין ארבעטן אהרון ווערבא און ע. פיגעלמאן, וואס פארלאזט זיין ארבעט אין דער „תרבות"־גימנאזיע. ביי אונז אין ראטנע ארגאניזירט מען א אידישע שולע, וואו דער שרייבער פון די שורות ווערט דארט אויך א לערער. ישראל וואקסמאן און מ. טאבאטשניק פארן אוועק ארבעטן אין אידישע שולן אין דער פוילישער פראווינץ. ליובא געלמאן פארט אוועק אין דער פרעבל־שול פון ד"ר יאנוש קארטשאק אין ווארשע, דורכצומאכן א פעדאגאגישן קורס און ווערט א לערערין אין דער אידישער פאלקס־שול אין בריסק.

הגם מען איז טיילווייז צעטיילט געאגראפיש, דאך פאראייניקט אונז די אלגעמיינע אידייע פון אידישער קולטור און פון דער ארבעט

לטובת איר. מיר שטייען די גאנצע צייט אין שריפטלעכער פארבינדונג, און וואקאציע-צייט פרישט מען אפ די פריינדשאפט דורך געמיינזאמע באגעגענישן.

און אט הויבן זיך אן צו רייסן די פעדים פון די אינטימע באגעגענישן, אבער נישט הלילה פון דער פריינדשאפט וואס מיר פילן איינער צו דעם אנדערן.

די שאוויניסטיש-רעאקציאנערע פוילישע רעגירונג הויבט אן מיט א שטארקער האנט צו דיסקרימינירן קעגן דער סאציאלער, קולטור- און דערציאונגס- ארבעט פון די אידישיסטישע קרייזן. מען פסלט לאקאלן פאר די אידישע שולן, מען שליסט עקזיסטירנדיקע אידישע שולן מיט אדער אן תירוצים און מען הויבט אן צו שיקאנירן אידישע לערער, שולטוערס און פראפעסיאנעלע פירער. עס ווערט שווערער אויף וואלין צו פירן וואסער עס זאל נישט זיין קולטור-ארבעט. אהרון ווערבא פארט אריבער קיין ווארשע און ווערט דארט א פונקציאנאר אין די פראפעסיאנעלע פאראיינען פון די לינקע פועלי-ציון. ליובא געלמאן מוז די גאנצע צייט ארבעטן אין אידישע שולן, אין קינדער-היימען, ווייט פון איר געבורט-שטאט. דאס זעלביקע אויך י. וואקסמאן; לסוף נעמט מען ביי אים נאר צו דאס רעכט אויף צו ארבעטן ווי א לערער. צוליב פאליטישער כשרות. ער מוז עוקר זיין פון פוילן און ער אנטלויפט אין ראטנפארבאנד.

לאמיר ביי דער געלעגנהייט דערציילן וועגן אונזער לעצטער באגעגעניש:

הארבסט 1929. די פאציפיקאציע (א שיין ווארט פאר ברוטאלע מעשים) אין די מזרח-קרעסן פון פוילן גייט אן מיט דער גרויזאמער האנט פון דער פוילישער דעפענסיווע. אלע פראפעסיאנעלע און נאציאנאל-קולטורעלע באוועגונגען פון די מינדערהייטן ווערן טעראריזירט אויף א שענדלעכן אופן. עס קומען פאר מאסן-ארעסטן פון ארבעטער, פויערים און אינטעליגענץ. אויף וועמען עס פאלט נאר א חשד, אז ער האט סאציאליסטישע סימפאטיעס, ווערט אריינגעווארפן אויף יארן אין די פוילישע תפיסות. באצאלטע דעפענסיווע אגענטן פארן ארום איבער די דערפער, שטעט און שטעטלעך און שטעלן צו קרבנות פאר דער דעפענסיווע, וואס האט מיט גוט-אויסגעדרעסירטע מיטלען זיך אויסגעלערנט ארויסצופרעסן ביי די ארעסטירטע ווידויים אויף זינד, וואס זיי האבן אפילן נישט באגאנגען.

און אט נעמט מען זיך אויך צו די קולטור-באוועגונגען אויף וואלין. די אידישע שולן אויף וואלין ווערן געשלאסן, די ביבליאטעקן — פארמאכט און קאנפיסקירט און מען נעמט זיך צו די קולטור-טוער: „זיי

זיינען דאָך פארשטעלטע קאָמוניסטן!" און אין איינעם א הארבסטיקן פרייטיק צו נאכט האָט מען דורכגעפירט א פון־פאַראויס גוט־אָרגאניזירטן מאַסן־ארעסט אין אלע דערפער, שטעט און שטעטלעך פון קאָוולער קרייז. און אלע ארעסטירטע האָט מען שבת אין דער פרי געבראכט אין דער קאָוולער תפיסה פון אויספאָרשונגס־אמט. אויך ביי אונז אין שטעטל האָט מען אין יענער נאכט דורכגעפירט אן ארעסט און מען האָט פארנומען אלע יונגטלעכע פון אונזער קרייז און צווישן זיי אויך דעם שרייבער פון די דאָזיקע שורות.

אין די תפיסה־קאמערן פון אויספאָרשונגס־אמט איז געווען מיין לעצטע באגעגעניש מיט מיין חבר ישראל וואקסמאן. דאָרט האָב איך זיך אויך געטראָפן מיט א סך אנדערע באקאנטע מיינע פון דער פּראָגרעסיווער און סאָציאליסטישער באוועגונג פון קאָוולע און אומגעגנט, וואָס האָבן ארויסגעוויזן געוואלדיקן מוט און גייסטיקע גבורה לגבי די בעסטיאלישע אויספאָרשער. און דאָרטן האָב איך זיך אויך געטראָפן מיט ישראל וואקסמאנס א פעטער, חיים גרינבערג — דער דירעקטאָר פון דער אידישער פאָלקס־באנק, ציוניסטישער עסקן און פרעזידענט פון קרן קימת לישראל.

ווי קומט עס וואָס דער דאָזיקער ציוניסטישער עסקן פון קאָוולע זאָל אריינפאלן אין תפיסה צוזאמען מיט סאָציאליסטן, מיט קאָמוניסטן און מיט די אידישיסטישע קולטור־טוער?

ס'איז א טשיקאווע געשיכטע און זאָל זי דאָ דערציילט ווערן:

בעת מען האָט ארעסטירט זיין פלימעניק וואקסמאן, האָט מען דאָרטן אין שטוב דורכגעפירט א רעוויזיע און מען האָט געפונען א גאנצע ריי סאָציאליסטישע און טיילווייז אומלעגאלע ליטעראטור. בכדי נישט צו באשווערן די פּאָליטישע לאגע פון זיין פלימעניק, האָט חיים גרינבערג גענומען אויף זיך די שולד. ער האָט געטענהט, אז די דאָזיקע ליטעראטור איז זיינע און ער האָט זי פארשאפט פאר זיך בכדי צו האָבן אן אנונג, ווי אן אינטעליגענטער מענטש, וואָס עס שטעלן מיט זיך פאָר די דאָזיקע סאָציאליסטישע באוועגונגען. האָט מען דעריבער אים ארעסטירט צוזאמען מיט זיין פלימעניק.

פארשטייט זיך, אז דאָס איז געווען אן אקט פון פיינער מענטשלעכקייט, אפילו פון זעלבסטאָפּפערונג, אבי אָפּצוראַטעווען זיינעם א פלימעניק, וואָס איז אידעאָלאָגיש געווען מיט אים אפילו צעקריגט.

עטלעכע טעג איז אונז דעמאָלסט אויסגעקומען צו פארברענגען אין אוממענטשלעכע און אין אומהיגיענישע באדינגונגען צווישן חיות־אויספאָרשער און ברוטאלע שומרים, וואָס האָבן זיך אויף אן עקלדיקן און וואולגארן אופן איזדיעקעוועט איבער די ארעסטירטע. פייניקונגען

מכל המינים, וואָס נישט נאָר זיי האָבן פארקריפלט פיזיש, נאָר זיי האָבן געשענדעט דעם מין מענטש. האָבן די אויספאָרשער — די היטער פון געזעץ און מאָראל פון דער פוילישער „דעמאָקראטישער. רעפובליק" — אָנגעווענדעט לגבי זייערע קרבנות — די ארעסטירטע. דער סוף איז אָבער געווען: מען האָט נאָר אָפגעקליבן א טייל ארעסטירטע, וועלכע מען האָט אָפגעשיקט אין דער גרויסער קאָוולער תפיסה, די איבעריקע אָבער, האָט מען צוליבן פעלן פון באשולדיקונגס־באווייזן געמוזט באפרייען. ישראל וואקסמאן איז אויך באפרייט געוואָרן, ער האָט אָבער געמוזט עוקר זיין פון פוילן, ווייל די דעפענסיווע אגענטן האָבן אים שפיאָנירט אויף שריט און טריט; ער האָט געגנבעט די גרענעץ און איז אריבער קיין ראטנפארבאנד.

י. וואקסמאן איז לגמרי אָפגעריסן געוואָרן פון אונז. די גאנצע צייט. אָבער, האָט זיך זייער געוואָלט וויסן דעם ווייטערדיקן גורל פון אָט דעם חבר מיינעם, און ערשט אין פעברואר 1951 האָב איך באקומען דורך מיינער א חברטע — א לערערין פון דער אידישער שול אין מאָנטרעאל — וועלכע האָט דורכגעמאכט דעם גאנצן גיהינום פון דער לעצטער וועלט־מלחמה מיט אירע גירושים, וואָגלענישן און גרוילן אָט־אָ דעם טשעקאָוון גרוס:

> „מיט אייער חבר וואקסמאן און מיט זיין משפחה האָב איך זיך געטראָפן אין קאווקאז אין 1942. אויב אייך איז באקאנט, האָט ער חתונה געהאט מיט א סעמינאריסטקע, רחל פרידמאן. געלעבט האָבן זיי אין קרים ביזן אויסברוך פון דער לעצטער מלחמה. זי איז געווען א לערערין און ער איז געווען א זאָאָ־טעכניק. עס האָט זיך זיי זייער גוט געלעבט מאטעריעל. זיי האָבן געהאט צוויי פרעכטיקע מיידעלעך. ווען איך האָב זיך מיט זיי געטראָפן, האָט זי מיר דערציילט, אז אין 1937 האָט מען אים ארעסטירט, נאָר דורך א צופאל איז ער אין א יאָר ארום באפרייט געוואָרן. זיין באגעגעניש מיט מיר איז געווען א קאלטע, א צוריקגעהאלטענע. די צוריקגעהאלטנקייט האָב איך פארשטאנען, ווייל זי איז זייער כאראקטעריסטיש פאר יעדן רוסישן בירגער, וואָס וויל זיך נישט ארייגלאָזן אין פריינדשאפט מיט אן אויסלענדער. איך פלעג זייער אָפט קומען צו זיי. מיט איר געארבעט אין איין שול. שפעטער האָט מען אים צוגענומען אין מיליטער. הארבסט פון דעם זעלביקן יאָר, האָבן מיר געמוזט לויפן פון קאווקאז און פון דעמאָלסט אָן ווייס איך פון זיי גאָרנישט".

אויך איך האָב שוין ווייטער נישט געקענט בלייבן וואוינען אין מיין שטעטל ראטנע און האָב באשלאָסן זיך לאָזן אין דער וועלט. איך בין אוועק קיין ווילנע דאָרטן צו פארענדיקן מיין שטודיום. זיך קוואליפיצירן ווי א אידישער לערער און זיך איבערגעבן אויסשליסלעך צו אידישער קולטור-ארבעט. אין די לערער־סעמינארן, וואו מיר איז אויסגעקומען צו לערנען, האָב איך זיך געטראָפן מיט א סך קאָוולער יוגנטלעכע, סטודענטן — באגייסטערטע, גלויביקע, וואָס האָבן, נישט געקוקט אויף די שווערע באדינגונגען, זיך אריינגעוואָרפן אין אידעאליסטישער ארבעט לטובת זייער פאָלק.

און ווייל עס גייט נישט בלויז אין אויסרעכענען נעמען, וועל איך ארויסכאפן בלויז איינער א קאָוולערין, מיט וועמען כ׳האָב זיך נאָענטער איינגעלעבט בשעת מיין וואוינען אין ווילנע און דאָס איז מיין חברטע ביילע דאָדיוק.

איר פאָטער — משה דאָדיוק — מיט וועמען איך האָב זיך א דאנק זיין טאָכטער, שפעטער באקענט אין קאָוולע שוין — איז געווען זייער אן אינטערעסאנטער און סימפאטישער מענטש. ער איז ווייט געווען פון די וואָכעדיקע אידן, וואָס זיינען אריינגעטאָן בראשם וברובם אין מאטעריעלע ענינים. א איד, א משכיל, און דאָך האָט ער געהאט פיל אינטערעס פארן מאָדערנעם אידישן לעבן. א פלייסיקער לייענער פון דער העברעאישער און אידישער ליטעראטורן און א ליידנשאפטלעכער שמועסער וועגן תורה-ענינים. די שטוב פון די דאָדיוקס איז געווען א גאסט־פריינדלעכע און אָפן פאר יעדן איינעם.

משה דאָדיוק האָט געגעבן זיין טאָכטער א וועלטלעכע דערציאונג. נאָכדעם ווי זי האָט געענדיקט די פוילישע גימנאזיע אין קאָוולע, איז זי אוועקגעפאָרן קיין ווילנע אויפן הומאניסטישן פאקולטעט. געענדיקט האָט זי דעם פאקולטעט מיט אויסצייכענונגען.

פון דער נאטור — א באגאבטער, ליבלעכער מענטש — האָט זי געזוכט א גייסטיקן אָנשפאר אין איר אידייאישן לעבן און האָט זיך מיט לייב און לעבן אריינגעוואָרפן אין דעם אידעאליסטישן קרייז, וואָס האָט זיך דעמאָלסט געגרינדעט ארום דער צייטשריפט „פרייע שריפטן“, וואָס. איר רעדאקטאָר איז געווען ד״ר יצחק נחמן שטיינבערג.

דער דאָזיקער קרייז האָט זיך פארנומען מיט א ריי געביטן פון פילאָסאָפיע און ליטעראטור און האָט זיך באמיט אויסצושמידן אן אידייע פאר אונזער דור. וואָס זאָל זיך אָנשפארן אויף די טראדיציעס פון אונזערע נביאים, די סאָציאלע קעמפער און אויף אן עטישן מאָדערנעם סאָציאליזם פון אונזער צייט.

ביילקע דאַדיוק און איר מאַן, ראובן ליכטשטיין — א שיינע עטישע פּערזענלעכקייט, לערער, שרייבער און אַספּיראַנט פון ייוואָ — זיינען געווען די נשמה פון דעם קרייז.

צו דעם קרייז האָבן געהערט א גרופּע אידעאַליסטישע אידישע לערער, שטודירנדיקע יוגנט, יונגע דיכטער און קינסטלער, וועלכע זיינען שפּעטער באַרימט געוואָרן אין פּוילן.

אין דעם דאָזיקן קרייז האָב איך זיך אויך געטראָפן מיט ביילע דאַדיוק און מיר זיינען געוואָרן נאָענטע פריינד.

אונטער דער השפּעה פון אָט דער אידעאַליסטישער סביבה, איז ביילע דאַדיוק אַריינגעטראָטן צו אַרבעטן אין די אידישע שולן און האָט אַריינגעלייגט דאָס שענסטע און בעסטע פון איר איידעלער נשמה.

אויסער דער שול און דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, האָט ביילע דאַדיוק און איר מאַן, ראובן ליכטשטיין זיך פאַרנומען מיט ליטעראַרישער אַרבעט. צווישן זייערע וויכטיקע אַרבעטן איז ווערט צו פאַרצייכענען זייער איבערזעצונג אויף אידיש, אַלפרעד אַדלערס פּסיכאָלאָגיש ווערק „דער זין פון לעבן“, אַרויסגעגעבן אין פאַרלאַג „טאָמאָר“ — ווילנע.

מוסטער־מענטשן און א מוסטער פּאָרפאָלק איז דאָס געווען. אַלע האָבן ליב געהאַט ביילקע דאַדיוק און אַלע האָבן זי פאַרערט. דאָס גרויסע אומגליק וואָס האָט געטראָפן אונזער פאָלק, האָט נישט אויסגעמיטן די שיינע הערלעכע געשטאַלטן פון די ביילקעס, פון די ווערבאַס און אַנדערע, און אויף דעם וויינט דאָס האַרץ און וויל קיין טרייסט נישט אָננעמען.

קאָוולע, מיין קרייז־שטאָט, דו האָסט געגעבן דער אידישער וועלט דיינע טרוימער, דיינע אידעאַליסטן, דיינע קעמפער וועלכע האָבן באַפרוכפּערט אונזער לעבן און עס שענער געמאַכט אין דעם וואָכעדיקן ברוטאַלן אַרום.

זאָלן די דאָזיקע שורות מיינע, וואָס נעמען אַרום בלויז א באַגרעניצטן קרייז, זיין דער טיפער אויסדרוק פון דעם רעספּעקט, אַכטונג און ליבע נישט בלויז צו די דערמאָנטע, נאָר אויך צו אַלע אידעאַליסטן, טרוימער און קעמפער פון אַלע שאַטירונגען פון אידישן לעבן, וואָס זיינען נישט דערמאָנט געוואָרן און זאָל זייער הערלעכער אָנדענק זיין דער ליכטיקער פייערזייל, וועלכער זאָל באַלייכטן אונזער פאָלק אין זיין ווייטערדיקן גאַנג איבער דורות.

מעקסיקע, 29־טער מאַי 1951.

יוסף שפּירא

ממעמקים

(זכרונות וועגן אונזער היים־שטאָט קאָוולע)

פֿון די טיפֿענישן פֿון דער נשמה הילכט אָפּ אַ פֿאַרשטיקטער קרעכץ: „זכרונות וועגן אונזער היים־שטאָט קאָוולע", די שטאָט וואָס איז אָטערשט געווען פֿול מיט אידיש לעבן און איצט איז אַלץ דאָרט, — טויט, חרוב און פֿאַרביי.

פֿונם נעפּל פֿון קאָשמאַרן נאָענטן עבר, הייבן זיך אָן אויסצושיילן פּערפּילן, וועלכע קענען נישט פֿאַרזינקען אין פֿאַרגעסנהייט, ווייל זיי זיינען פֿלייש און בלוט פֿון אונזער לעבן און שטריכן, וועלכע געהערן נישט מער צום קנין פֿון יחיד. נאָר צום כלל פֿון אונזערע בני-עיר בפֿרט און צום כלל-ישראל, וועמען אידיש לעבן אין פּוילן איז געווען טייער און ליב.

קאָוולע איז געווען אַ שטאָט איינגעטונקען אין פּאָעטישער נאַטורשיינקייט, אַרומגערינגלט פֿון גערטנער, האָט זי אויסגעזען ווי איין גרויסער קאַרשן־סאַד, וואָס שטייט פֿאַרחלומט בעתן זון־אויפֿגאַנג און טרוימט דעם חלום פֿון צאַרטקייט...

דער טייך „טוריאַ", וואָס צעטיילט קאָוולע אין צוויי אַנטאַגאָנישע טיילן: — די „שטאָט" און דער „זאַמד" — שלענגלט זיך אַוועק ערגעץ ווייט אין די פֿעלדער. דאָרט (ביים טייך) זעט מען אידן פֿרום זיך שאָקלען צו „תשליך". דאָרט שטיפֿט אידישע יוגנט לוסטיק ביים באָדן זיך אין די הייסע זומער-טעג, דאָרט זעט מען זיי אין די פֿראָסטיקע ווינטערטעג זיך גליטשן אויף „קאַנקעס".

די פֿרומע „שטאָט" איז איינגעהילט אין אַ גייסט פֿון תמימות, מיט אירע צענדליקער בתי־מדרשים און חסידישע קלויזן, וואָס רינגלען אַרום, ווי אַן ערן־וואַך, די פּרעכטיקע גרויסע שיל, מיט אירע דיקע ווענט און

וואונדערלעכע מאַלעריען. די מחנות פרומע אידן, מיט געקרייזלטע באָרד און פאות, גייען בנעימותדיק שבת אין דער פרי אין שיל; אידן וואָס טאַנצן התלהבותדיק אין מיטן גאַס לכבוד שמחת־תורה; אידן שמייען־ארום פארהאַוועטע אין די מאַרק־טעג, ארום דעם גרויסן יאריד אין די קלענערע מאַרקן, האַנדלען מיט הינער און קעלבער, מיט הערינג און קלייען, מיט היי און פעל — דאָס אלץ כאַראַקטעריזירט די „אַלטע" שטאָט, אלס די פעסטונג פון טראַדיציאָנעלן טייל פון קאָוולע.

דער אפיקורסישער „זאַמד" ווידער, מיט זיינע מאָדערנע געוועלבן אויף דער עלעגאַנטער „וואַרשאַווסקי גאַס", מיט די קינאָס, אַפטייקן, רעשיקן וואָקזאַל און מלוכהשע געביידעס, — איז דער פּראָגרעסיווער טייל פון קאָוולע, איז שוין מער פארגויאישט און מאָדערניזירט. ווייניקער חסידיש־געקליידטע און מער פויליש־ אדער רוסיש־רעדנדיקע, ווייניקער בתי־מדרשים און מאַנכע אָפענע אידישע געשעפטן אום שבת...

אָבער איבער די גרענעצן פון אַלט און ניי, האָט געשפּרייזט מיט שטאָלץ און מיט מוט די אידישע יוגנט, מיט די קלינגענדיקע אידיש און העברעאיש שפּראַכן אין מויל. דאָרט איז געווען די יוגנט פון די תרבות"־שולן, — צוויי גרויסע אָנפאַנגס־שולן: „הרצליה" און „ד"ר קלומל", און די גימנאַזיע „ח. נ. ביאַליק", וואָס זיי זיינען געווען דאָס שיינדל פון קאָוולע. די פריערדיקע קאָנקורענץ צווישן דער אסימילירטער „פּאָלסקאַ־זשידאָווסקאַ"־גימנאַזיע און די „תרבות"־גימנאַזיע איז מיטן לויף פון די געשעענישן פארשוואונדן, און איין גרויסער גייסט פון נאַציאָנאַלן אידישן באַוואוסטזיין, האָט איינגעהילט די קאָוולער יוגנט.

דער מייסטער וואָס האָט מיט זיין צויבער־שטעקעלע אָנגעפירט אָט די גרויסע קאַפּעליע פון תורה און אידישער דערציאונג, איז געווען דער דירעקטאָר פון דער גימנאַזיע „תרבות", ה' אשר פראַנקפורט ז"ל. באַזעלט מיט הויכן אידישן פּאַטריאָטיזם, האָט ער אויפן חשבון פון פּערזענלעכן גליק און קרבנות, אויפגעשטעלט אַ מאָדעל־שול־וועזן, וואָס שוין אין די לעצטע יאָרן פארן חורבן, איז דאָס פארוואַנדלט געוואָרן אין אַ לערער־סעמינאַר, מיט אָנערקענטע „מאַטורא"־רעכטן פון דער רעגירונג. דער וואָס קען די פארהעלטנישן אין די יאָרן פארן קריג, וועט וויסן וואָס ס'האָט באַדייט, צו באַקומען מלוכה־רעכטן פאַר אַ העברעאישע גימנאַזיע. ס'איז געווען נישט קיין אַנדערער, ווי אשר פראַנקפורט, וואָס האָט פון גאָרנישט, געמאַכט אַ יש. ער האָט אויסגעבויט אַ צוויי־שטאָקיקע געביידע פאַר דער גימנאַזיע. ער איז געפאָרן קיין ארץ ישראל צו די פיל צענדליקער תלמידים זיינע און פון דאָרט געבראַכט זייער ביישטייערונג פארן בנין. אויך האָט ער געפּלאַנט צו קומען קיין אַרגענטינע צוליבן זעלבן צוועק.



שילער פון זעקסטן קלאַס פון דער העברעאישער גימנאַזיע, מיט די לערער.
עס זיצן פון רעכטס צו לינקס, די לערער: גרובער, לאַיער, דירעקטאָר אשר פראַנקפורט און ד"ר פּראָפ. קוצינסקי.

אשר פראנקפורט איז געווען א מדריך אינם אמתן זין פון וואָרט. ער האָט דערצויגן אויף זיין שוים עטלעכע דורות פון אידישער יוגנט, וואָס איז מיטגעריסן געוואָרן מיט זיין ענטוזיאזם און פאטריאָטיזם און האָבן עולה געווען קיין ארץ ישראל. ממש מיט א נביאישן בליק האָט ער אונז, תלמידים זיינע —במעט ווי געצוואונגען, צו ליידן פורעניותן פון אונזערע פוילישע „קאָלעגן", אבער דאָך דורכמאכן די מיליטערישע איבונגען פאר סטודענטן; ווייל אידן —האָט ער אונז געלערנט— דארפן זיך קענען פארטיידיקן „דאָ" און קעמפן „דאָרט". און „דאָ" אין קאָוולע, זיינען זיינע תלמידים, צוזאמען מיט זייער גרויסן לערער אומגעקומען אויף קידוש-השם, אבער „דאָרט" אין ישראל, האָבן זיי מקדש געווען זיין נאָמען.

אבער פראנקפורט איז נישט געווען אליין. א גאנצער שטאב פון לערער און מהנכים האָבן מיטגעווירקט מיט אים. און ווער, פון אונז קאָוולער, געדענקט עס נישט דעם לערער יוסף אברוך ז"ל, מיט זיין גאונישן קאָפ און זיין התלהבותדיק הארץ? אברוכס א-לעקציע פון אידישער געשיכטע, איז געווען דאָס ארומשווימען אין אן אומענדלעכן ים פון ערודיציע און וויסן. און ווי אונטערבאוואוסטזיניק ער האָט דאָס אונטערגעשטראָכן ביי יעדער געלעגנהייט דעם מאָמענט פון מסירת-נפש און קידוש-השם, פירנדיק אים דער טראגישער אידישער גורל צו פארוואנדלען זיין לעבנס-לאנגע לערע אין טאט, אומקומענדיק אלס קדוש, ווען ער האָט צום לעצטן מאָל גערופן זיינע תלמידים און חברים צום קאמף קעגן שונא.

און די איבעריקע גאנצע פלעיאדע פון לערער אין די בתי-ספר און פראָפעסאָרן פון גימנאזיע — דאָס איז דאָך געווען א קאָלעקציע פון אינטעלעקטואלן, וואָס יעדער אויף זיין געביט, איז געווען אן אויטאָריטעט.

אָט איז דער שטרענגער גאליציאנער ראציאָנאליסט לייער—פראָפעסאָר פון לאטיין און געשיכטע; דער שוואכער אויסגעדארטער ראָזנפעלד (פון איינשטיינס תלמידים)—פראָפעסאָר פון מאטעמאטיק; און אָט דער קלאסיש-דיקלעכער און שטענדיק פארטראָגענער פיינשטיין—לערער פון זמרה, און א סך, א סך, וועלכע האָבן געשאפן א סימפאָניע פון פרעכטיקע פיגורן, וואָס זייער איינפלוס אויף דער יוגנט איז געווען אן אומגעהויער גרויסער. די קאָלעגיאלע באציאונגען צווישן די לערער און תלמידים איז געווען אזא פריינדלעכע, אז מיט דער צייט האָט זיך געשאפן צארטקייט און הארציקייט, ווי ביי מענטשן פון איין פאמיליע. לאנגע שעהן פון געמיינזאמע שפאצירן און שמועסן, טיפע דיסקוסיעס איבער פאָליטישע און ליטערארישע טעמעס, האָבן אָפגעשאפן קינסטלעכע מחיצות און

שילער פון דער העברעאישער גימנאַזיע מיטן לערער לייער

געשאַפן דעם וואונדערבאַרן גייסט פון האַרמאָניע און קעגנזייטיקער — ממש — ליבשאַפט וועמענס קראַפט, ווירקט נאָך ביז היינט צו טאָג, ווייט פון יענע צייטן און מקומות, אָבער דאָך אַזוי נאָענט צום האַרצן.

די סטודענטישע העברעאישע יוגנט איז געווען דער אַנפירנדיקער קערפּער אין אַלע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. און אַז מען דערמאָנט די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס פון „ביתר” ביז „השומר הצעיר”, מיינט מען דעם בית היוצר, די קוזניע, וואו עס האָט זיך אויסגעשמידט די נשמה פון דער אידישער יוגנט אין דער תקופה פון צווישן ביידע וועלט־מלחמות. די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס האָבן אַרום זיך קאָנצענטרירט די גאַנצע אידישע יוגנט, שטודירנדיקע ווי אַרבעטער, וועלכע האָט אין די אונטשעהן, זיך קאָנצענטרירט אין זייערע גרויסע לאָקאַלן און דאָרט זיך אויסגעלעבט גייסטיק און סאָציאַל. די אויסזיכטלאָזיקייט פון עקאָנאָמיש־נאָרמאַלע עקזיסטענין־מעגלעכקייטן, האָט פאַר דער אידישער יוגנט פאַרוואַנדלט די עליה קיין ארץ־ישראל פון אַ ריין אידעאַליסטישן ענין, אין אַ פראַגע פון פערזענלעכער צוקונפטס־דילעמע, אַ דאַנק וועלכער, די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן געהאַט דעם שליסל צו די טרויעריק־באַרימטע „סערטיפיקאַטן” פאַר עליה, האָבן אַקטואירט אין אַ פעריפעריע פון אַ אידעאַליסטיש־דיסציפלינירטער מיטגלידערשאַפט.

די ווייטערדיקע שטאַפּלען פון דער אידישער געזעלשאַפט, ביי אונז אין שטאָט: די קהילה, דאָס באַנק־וועזן און לייַ־קאַסעס, דער שפּי-

טאָל און אנדערע, דאָס אלין איז א פארבנרייך קאפיטל פאר זיך. אין די אלע אינסטיטוציעס האט זיך אויסגעדריקט דער דראנג צו קעגנזייטיקער הילף, די שטרעבונג צו פארגרינגערן דעם ביטערן קאמף פאר היונה. און די אלע אינסטיטוציעס זיינען געווען אנגעפירט פון אקטיווע כלל-טוער. און ס'איז שווער איבערצוגיין איבער דעם ווארט „כלל-טוער" און נישט דערמאנען אזעלכע נעמען ווי: משה פערעל, רייסישער, אדוואקאט עפל-בוים, בליכער און אנדערע, אלין מענטשן, וואס האבן געארבעט פאר דער געזעלשאפט מיט ערלעכקייט און פלייס.

אט די אלע פאקטארן, האבן געווירקט, אז קאוולע איז געווען אן „עיר ואם בישראל", א שטאט פון תורה און יהדות, פון אידישע קאמ-פאקטע מאסן, וועלכע האבן אין זייער ריזיקער מערהייט, שווער און ביטער געקעמפט פאר זייער היונה, און דאך נישט אויפגעהערט צו זיין שבת-יום-טובדיקע אידן, וואס האבן געצויגן די גאלדענע קייט פון אי-דישן „נצח ישראל".

נאך די אלע קדושים וטהורים, אונזערע פארערטע לערער און מדריכים, טייערע קרובים און פריינט, הארציקע חברים און באקאנטע, נאך זיי אלע, זאגן מיר היינט: יתגדל ויתקדש שמה רבה!... געגרויסט זאל זיין אייער נאמען און געהייליקט זאל זיין אייער אנדענק אויף אלע אייביקייטן!

SJONISTYCZNA
LUDOWE

פארשטייער פון א רייע קאוולער אידישע אינסטיטוציעס, מיט זייערע טראנספארענטן, בעת א „פאראד" אין יאר 1929.

רחל גרינבלאט—פאנטורין

אביסל זכרונות פון דער יוגנט־באוועגונג אין מיין געבורטס־שטאט קאוולע

עס איז געווען אין יאר 1918, ווען עס האט (נאכן פארענדיקן זיך פון דער ערשטער וועלט-מלחמה) ווידער אנגעהויבן צו פונקציאנירן די רוסישע גימנאזיע פון א. שעווצאוו, האט זיך דאן אויך געשאפן א קרייז פון לערערס-סטודענטן אנגעפירט פון די לערערס: קאפלאן, ראזנבלום און גראו, וועלכע האבן צוגעגרייט שילערס און שילערנס צו די עקזאמענס.

צווישן דער יוגנט, וועלכע האט באזוכט די גימנאזיע און די אוונט-קורסן, איז אנטשטאנען דער געדאנק צו גרינדן א סקויטן־ארגאניזאציע. די דאזיקע ארגאניזאציע איז אנגעפירט געווארן פון לוסיע כאדאראוו, אונטערן נאמען „הצופים“, און האט ארויסגעגעבן פון זיך פיל אקטיווע און שטאלצע חלוצים, פון וועלכע, אייניקע פון זיי, זיינען איצט פערזענלעכקייטן אין ארץ.

די ערשטע גרינדער פון „הצופים“, זיינען געווען: לוסיע באדאראוו, זוניע ווארצל, ישראל פאנטורין, פנחס שוב, אהרן לעוו, בראנזאפט, שוואלב, נפתלי גאלסט, בילה שער, יענטע קאם, רחל פישער, רחל גרינבלאט און אנדערע. שפעטער זיינען צוגעקומען: פנחס פאדסטאווקא, קובא גילדווארג, יצחק רויטער, שליאמקע געלער, יוסף סעגאל, ביבע קאגאן, ליובע געלמאן, נחמקע רובינשטיין, הייהקע קאפשוק א. א. אויך האט זיך געפונען צווישן אונז קלמן ליס, וועלכער האט אויסגעזונגען זיין מוזע, שרייבנדיק פאר אונז „סטיכן“ אין רוסיש און אויך אין אידיש.

מיר האבן געהאט אונזערע „צען געבאט“, באזירט אויף אידישער מאראל און עטיק, און מיר האבן געשטרעבט צו זיין שטארק אין גוף און אין גייסט.

אַ גרופּע שילער פון שעווצאָווס גימנאַזיע

מיר האָבן געקראָגן אַ שטיק פעלד אויף בריסקער גאַס, וואו מיר האָבן פאַרזייט אַלערליי גרינסן און קאַרטאָפל. מיר פלעגן ארויסמאַרשירן אין די סקויטן-אוניפאָרמען מיט אלע מכשירים אונזערע און אויך מיט אַ קעסל צום קאָכן עסן, און אַזוי אַ גאַנצן טאָג באַארבעטן דאָס פעלד.

מיט אייגענע כוחות פלעגן מיר אויך שאַפן די מאַטעריעלע מיטלען, דורכפירנדיק טעאַטער-אונטערנעמונגען אין טעאַטער „אָדעאָן“, וואו מיר האָבן געשפּילט „„בר־כוכבא“ א. א. פּיעסן, און אין טעאַטער „עקספּרעס“ פלעגן מיר מאַכן גימנאַסטישע איבונגען און דורכפירן סצענקעס פון סקויטישן לעבן. אויך „בלומען-טעג“ פלעגן מיר דורכפירן צוזאַמען מיטן בית יתומים און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס.

מיט אונזערע יונגע כוחות און שטאַרקן ווילן, האָבן מיר אַריינגעבראַכט אַ נייעם נאַציאָנאַלן גייסט צווישן דער צאָלרייכער קאָוולער אידישער יוגנט. אויך האָבן די סקויטן געקעמפט פאַר דער רעכט, אַז אידישע קינדער-שילער זאָלן באַפרייט ווערן פון שרייבן אום שבת אין די גימנאַזיעס. די „הצופים“ האָבן מיטגעהאָלפן, ביי אַלע לאָקאַלע און לאַנדגעשעענישן פון פּאָליטישן און נאַציאָנאַלן כאַראַקטער.

ווען מען האָט געקליבן דעם ד"ר יצחק גרינבוים אַלס דעפּוטאַט אין סיים, זיינען מיר געגאַנגען אין די אידישע שטיבער און יעדן ווייגלער אויפגעקלערט די וויכטיקייט פון צו שטימען פאַר אונזערע פאָרשטייער.

וועלכע גייען אין סיים קעמפן און פארטיידיקן די אידישע רעכט.

אין אונזער אקטיוויטעט און אין די פירונגען אונזערע, האָבן א טייל עלטערע אידן אפילו געזען און באטראכט פאר הפקרות, און מען האָט אויף אונז געקוקט ווי אויף קינדער וואָס זיינען אוועק אויף שלעכטע וועגן; אבער מיט דער צייט האָבן קאָוולער אידן און פון אומגעגנט זיך צוגעוואוינט צום נייעם יוגנטלעכן גייסט און שוואונג וואָס מיר האָבן אריינגעבראכט צווישן דער יוגנט, און האָבן דערזען אין אונז די טרעגערס פון אידישן נאציאָנאלן שטאָלץ און די צוקונפטיקע בויער פון ארץ ישראל.

אונזער ארבעט איז נאָך מער פארשטארקט געוואָרן, נאָך דעם צוריקקערן זיך פון לוסיען פון ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין קארלסבאד אין יאר 1921, וואוהין ער, לוסיע, איז געשיקט געוואָרן אלס פארשטייער פון אונזער אָרגאניזאציע. עס איז דאן פאררופן געוואָרן א ראיאָן-צוזאמענפאָר, פון אלע ארומיקע שטעטלעך, ווי: ראטנע, לודמיר, מאציעוו, טריסק און אנדערע שטעטלעך, און עס איז אויסגעהערט געוואָרן דער באריכט פון לוסיען און עס איז דאן אָנגעצייכנט געוואָרן א פּראָגראם פון ווייטערדיקער אקטיווער נאציאָנאלער ארבעט.

אויך דאן, ווען דער פוילישער פרעזידענט איז געקומען אויף א באזוך קיין קאָוולע, זיינען די „הצופים“ געווען פארטראָטן ביים „פאמיאטניק“, וואו ער איז אויפגענומען געוואָרן, האָבן מיר אדרוכמארשירט מיט אונזער פאָן און מיט די עמבלעמען און מיר האָבן באגריסט אויף העברעאיש, מיט אונזער דעוויז.

שפּעטער איז פאָרגעקומען א שפּאלטונג אין אונזערע רייען און עס איז אנטשטאנען דער „השומר הצעיר“. אבער די צוויי פארטייען, נישט וואָס זיי האָבן זיך נישט „קאָנקורירט“, נאָר האָבן איינער דער אנדערער

חלוצים אין הכשרה

א גרופּע פון די סקויטן „הצופים"

דערגענצט און געאַרבעט צוזאַמען, פאַרשטאַרקנדיק די טעטיקייט אין הלוצישן און נאַציאָנאַלן גייסט, אויסברייטערנדיק די מיטגלידערשאַפט מיט הונדערטער און הונדערטער יוגנטלעכע.

אין יענער צייט, זיינען מיר צוויי פיקטיווע פּאָרלעך (אויסנוצנדיק צוויי א"י־סערטיפיקאַטן), יהודית שאַמעס—יואל שאַפּירא און רחל גרינבלאַט *)—אשר זאַפראַן, נאָך אַן אָפּשיידס־באַנקעט, וואָס איז פאַר אונז געגרייט געוואָרן, וואו ישראל פּרוזשאַנסקי ע"ה איז געווען דער הויפּט־רעדנער, האָבן מיר פאַרלאָזן אונזער אַלטע היים און געפאָרן קיין ארץ ישראל. באַלד נאָך אונז זיינען אוועקגעפאָרן פון קאָוולע נאָך צענדליקער און צענדליקער יוגנטלעכע פון „השומר" און פון „הצופים" קיין ארץ ישראל און מיר האָבן געהאָלפן בויען דאָס לאַנד, ביים האַקן שטיינער, פלאַסטערן וועגן, אין די פּרדסים און ביי אַנדערע אַרבעטן. און נאָך היינט צו טאָג שטייען אין די הונדערטער די קאָוולער חברים און חברות אויף זייערע פּאָסטנס אין אונזער ניי־אויפגעקומענער מדינת ישראל און העלפן זי בויען, שטאַרקן און גרויס־מאַכן, צום רום און ליב פאַרן אידישן פאָלק און פאַר דער גאַנצער וועלט, וואָס דאָס איז געווען זייער אידעאַל און חלום, און צו וואָס זיי האָבן אַלע זייערע יאָרן געשטרעבט.

●

---

*) די שרייבערן פון דעם אַרטיקל.

א. הייבאַך (ישראל)

די קאָוולער העברעאישע גימנאַזיע

איינע פון די וויכטיקסטע אידישע דערציאונגס-אַנשטאַלטן אין קאָוולע איז געווען די העברעאישע גימנאַזיע. נישט נאָר דערפאַר, ווייל זי האָט פאַרשפּרייט און פאַרטיפט דעם אידישן נאַציאָנאַל-באַפרייערישן באַוואוסטזיין צווישן די אידישע מאַסן אין קאָוולע. אויך נישט דערפאַר ווייל זי האָט געהויבן דעם קולטורעלן ניוואָ פון דער אידישער יוגנט אין שטאָט, מיט טאָג-טעגלעכער שווערער און פרוכטבאַרער דערציאונגס-אַרבעט. נאָר אויך דערפאַר, ווייל זי האָט מיט טיפן און ערנסטן צוגאַנג צום אידישן קינד, פאָדערנדיק און ווייזנדיק ברייטע האָריזאָנטן, אויפגעהאָדעוועט א גאַנצע רייע ערנסטע קולטורעל-געזעלשאַפטלעכע, פּעדאַגאָגישע, קינסטלערישע און פּאָליטישע טוער.

אנטשטאַנען איז די העברעאישע גימנאַזיע אין יאָר 1922—1921. עס זיינען געווען צום אָנהויב בלויז דריי קלאַסן: ערשטער, צווייטער און דריטער. די ערשטע שילער זיינען געווען די קינדער פון די עלטערע קלאַסן פון דעם עקזיסטירנדיקן בית-ספר עממי. דאָס אָרט פון בית-ספר ביי ווערבען אין מויער אויפן צווייטן שטאָק, האָט דאַן פאַרנומען די גימנאַזיע.

די ערשטע יאָרן זיינען געווען זייער שווערע; עס זיינען נישט געווען קיין טישן און בענק און אַנדערע נויטיקער אינווענטאַר, פון אָנשוילעכע לערן-מאַטעריאַלן ביז טאַוולען און בילדער אויף די ווענט, נישט האָבנדיק אפילו קיין קוואַליפיצירטע אידישע לערער.

פון יאָר צו יאָר, האָט זיך אַלץ מער געבעסערט די לאַגע. אין יאָר 1927 איז געווען דער ערשטער אַרויסלאָז. דער דאָזיקער טאָג, ווען א גרופּע אידישע אַבסאָלווענטן, האָבן אויסגענייט די גאָלדענע מגן-דודס

חלוצים אין דער הכשרה אונטער קאוולע

אויף די היטלען און געזונגען איבער די גאסן דעם ''Gaudeaums igitur'', איז געווען א יום טוב פאר דער גאנצער אידישער באפעלקערונג.

עס זיינען געווען די יארן פון שטייגנדיקן אנטיסעמיטיזם אין פוילן; אין די יארן ווען מ'האט ארויסגעווארפן די אידישע יוגנט פון די מלוכהשע מיטלשולן און פארמאכט פאר זיי דעם וועג צו הויכער בילדונג.

אונטער דער העברעאישער גימנאזיע, איז געשטאנען די ברייטע אידישע ציוניסטישע עפנטלעכקייט. די דאזיקע עפנטלעכקייט האט באוויזן אין דער נויטיקער צייט צו מאביליזירן די הילף פון דער גאנצער באפעלקערונג. נאר א דאנק דער דאזיקער הילף, איז אויפגעשטאנען, זיך אנטוויקלט און ארויסגעגעבן אזוי פיל ערנסטע פרוכטן, אט דער דאזיקער קולטורעלער בנין.

ווער איז געשטאנען בראש, און ווער איז געווען דער איניציאטאר פון דעם דאזיקן גרויסן אויפטו? דאס איז געווען דער דירעקטאר אשר פראנפורט ז"ל. א זון פון אן ארעמען פאטער, א פארבער, האט ער דאך מיט איבערמענטשלעכן פלייס און ווילן זיך דערשלאגן אין די שווערסטע צארישע צייטן צו בילדונג. ער האט אבער פון זיין בילדונג נישט געמאכט קיין „קרדם להפר בו". נאר האט זיך געשטעלט אין דינסט פון פאלק, אין דינסט פון דערציאונג פונם יונגן אידישן דור.

אשר פראנקפורט האט קיינמאל נישט פארלייקנט זיין אפשטאמונג, און האט זיך באצויגן מיט פולער פארשטענדעניש צו די נויטן פון ארעמע

שילער, באַפרייענדיק זיי פון אָפּצאָל אָדער פאַרקלענערנדיק ביז א מינימום.

ער האָט אויך אַן אַקטיוון אַנטייל גענומען אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. יעדע וויכטיקע ציוניסטישע אַקציע פלעגט אַדורכגיין מיט זיין באַטייליקונג. ער איז אויך נישט געבליבן שטיין אין מיטן וועג און האָט שטענדיק געשטרעבט צו פאַרפולקאָמען, צו אַנטוויקלען דעם קולטורעלן בנין, וועמענס שעפער ער איז געווען.

אַרום יאָר 1930 האָט ער זיך גענומען צו רעאַליזירן דעם געדאַנק פון אַן אייגענעם בנין פאַר דער גימנאַזיע. מיט דער הילף פון משה פערעל און אַנדערע ציוניסטישע עסקנים, און קודם כל אַ דאַנק דער אייגענער ענערגיע, וועלכע האָט אים געבראַכט אויך קיין ארץ ישראל צו די אייגענע שילער, איז ענדלעך אַנטשטאַנען אויף שעווטשענקאָ גאַס (יורידיקאַ) דער צוויי־שטאָקיקער בנין.

אין 1939־סטן יאָר, ווען די סאָוויעטן זיינען געקומען, איז אָביעקטיוו אָפּגעשאַצט געוואָרן זיין טעטיקייט אויפן דערציאונגס-געביט, און ער איז פון די ערשטע אַרויסגעשטעלט געוואָרן אַלס קאַנדידאַט צו דער

אַ גרופע פון „מכבי" אין קאָוועל, יאָר 1928

„וואָרכאַהונער ראַדע" (סיים) פון אז. ס. ס. ר.; ער איז נישט אדורך צוליב זיין ציוניסטישער אנגעהעריקייט.

דורך דער צייט, ביז די דייטשן זיינען אריין אין קאָוועל, איז אשר פראַנקפורט געווען דירעקטאָר פון א גרויסער אידישער מיטל־שול, אויף וועלכער ס'איז פאַרביטן געוואָרן די העברעאישע גימנאַזיע. אין לערער־אַנסאַמבל זיינען געווען: רויטמאַן, ל. חזן, פעל, פּ. פּאָוונע, צווייגל, קושר, אוורוך און נאָך אנדערע, וועלכע זיינען (כמעט אלע) אומגעקומען דורך די נאַצישע מערדער.

אשר פראַנקפורט איז אומגעקומען צווישן די ערשטע פופציק אידישע כלל־טוער, פון די הענט פון די נאַצישע בעסטיעס אין 1941־טן יאָר, א קורצע צייט נאָכן אריינמאַרשירן פון די דייטשן.

דער קאָוולער דראַמאַטישער קרייז, צו זיין באַזוך אין לודמיר, וואו ער האָט געשפּילט לטובת דאָרטיקן בית יתומים אין יאָר 1924.

רבקה ווײַנשל—רעזניק

דערינערונגען פֿון מײַן געבוירנשטאָט קאָוועלע

אין יאָר 1905, ווען עס איז, ווי באַוואוסט, אָנגעגאַנגען אין גאַנץ רוסלאַנד אַ רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, קעגן דעם צאַר און קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, איז איינער פֿון צווישן די אָנפֿירער פֿון דער דאָזיקער באַוועגונג בײַ אונדז אין קאָוועלע, געווען מײַן פֿעטער זכריהו שוואַרצבלאַט (וועמען אַ סך קאָוועלער פֿון עלטערן דור, געדענקען נאָך געוויס). ער איז דאָס געווען דער, וועלכער פֿלעג אויך געהיימע פֿאַרזאַמלונגען און אויך גאַסן־מיטינגען און דעמאָנסטראַציעס, האַלטן פֿײַערדיקע רעדעס און רופֿן צו קעמפֿן פֿאַר אַ בעסערער און גערעכטער אָרדנונג.

נישט איינער פֿון די דאָזיקע רעוואָלוציאָנערן, זײַנען אַרײַנגעפֿאַלן צו פּאָליציי אין די הענט אַרײַן, וואו מען פֿלעגט זיי שרעקלעך פּײַניקן און פֿאַרמשפּטן צו שווערע טורמע־שטראָפֿן און פֿאַרשיקונגען. אויך מײַן פֿעטער, דער אויבנדערמאָנטער זכריהו שוואַרצבלאַט, איז אין יענער צײַט אַרעסטירט געוואָרן (שוין צום צווייטן מאָל) און זיצנדיק אַ פֿאַרפּײַניקטער אין קאָוועלער טורמע, האָט ער באַשלאָסן צו פּרוּוון זײַן מזל און האָט אָנגעשריבן אַ ביטע וועגן באַגנאַדיקונג. און ווי אומגלויבלעך עס זאָל נישט קלינגען דער פֿאַקט, איז עס דאָך אַזוי געשען: עס האָט נישט לאַנג געדויערט, איז אָנגעקומען אַ פֿאַראָרדענונג פֿון קיסר, אַז מײַן פֿעטער ווערט באַפֿרײַט, נאָר מיטן תּנאַי אַז ער מוז פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד. פֿאַרשטייט זיך, אַז ער, האָט קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט און געמוזט אַוועקפֿאָרן קיין נ. אַמעריקע. די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג איז ווײַטער אָנגעגאַנגען אומעטום און די קאָוועלער אַרבעטער־מאַסן האָבן אין אַ גרויסער מאָס אין אָט דעם קאַמף אָנטיילגענומען.

עס זיינען געקומען די יארן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, שפעטער די יארן פון פוילישער הערשאפט (דאס איבערלעבן פון קאוולער אידן, אין אט־דער צייט, וועט זיכער אין דעם היסטארישן איבערבליק, דא אין פנקס, גענוי באשריבן ווערן) און אונזערע קאוולער אידן זיינען איבערגעקומען די-א צייט, אין ליידן און אפקומעניש, ליידנדיק די קאנסעקווענצן פון אנטיסעמיטישע פארפאלגונגען פון די פאליאקן, און א סך אידן האבן אנגעהויבן אויסצואוואנדערן. אבער דער גרעסטער טייל האט נישט געקלערט דערפון, נישט פאראויסזעענדיק, די שרעקלעכע צייט, א צייט פון אומקום, וואס רוקט זיך אן אויפן אייראפעאישן אידנטום. עס איז געקומען די צווייטע וועלט־מלחמה, קאוולע איז מיטן רויך און פייער אוועק און די אידן פון דארט זיינען ווי שאף צו דער שחיטה געפירט געווארן.

ווי פיינלעך און שוידערלעך, איז זיך בלויז, פארצושטעלן אין אונזער געדאנק, אז אזא שרעקלעכער אומגליק איז צו אונזערע קאוולער אידן געשען. ווי ווייטיקט דאס הארץ, ווען מען דערמאנט זיך, אז נישטא שוין מער אונזער ליבע אלטע היים־שטאט, מיט אלע אונזערע ליבע און טייערע וואס מיר האבן דארט פארמאגט, און אז עס איז שוין נישטא מער די שיינע לוסטיקע קאוולער יוגנט, וועלכע פלעגט ממש פארפלייצן די ווארשאווסקע, לוצקער, וואקזאלנע און אנדערע גאסן, מיט לעבן און פרייד, אז א נחת איז געווען צו קוקן.

אפגעווישט און חרוב, זיינען געווארן די אלע גאסן, פון מיין היים־שטאט, וואו איך בין געבוירן און דערצויגן געווארן און וואו איך האב א פערטל־יארהונדערט אלע וועגן אויסגעטראטן. נישטא שוין מער אפילו דער הלום, די אלטע היים מיט די ליבע, הארציקע אידן, זיך נאכאמאל צו זען. אלץ איז פארברענט, אלץ איז חרוב. קיינער איז דארט מער נישטא. אבער מיר וועלן זיי קיינמאל נישט פארגעסן און אייביק וועלן מיר זיי האבן אין אונזער זכרון. כבוד זייער אנדענק!

וואָס איז אַזוינס א פנקס?

(אַן עפּיזאָד פון מיינע קינדער־יאָרן)

דערציילט פון לייבל שיטער, איבערגעגעבן פון ב. באַלער

איך געדענק, ווען איך בין נאָך אַ קינד געווען, פלעגט מיר אויסקומען צו הערן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, דאָס וואָרט „פנקס“.

ווען עס פלעגט, למשל, פאַסירן, אַן אויסערגעוויינלעך געשעעניש אין שטאָט, האָבן דעמאָלסט עלטערע מענטשן, רעדנדיק צווישן זיך און קאַמענטירנדיק דאָס פאַרגעקומענע, — פלעגן זיי זאָגן: אַזא מעשה נורא, דאַרף פאַרשריבן ווערן אין פנקס!

אָדער ביי אַן אנדער געלעגנהייט, נישט אַפילו קיין אויסערגעוויינלעכע פאַסירונג, אָבער גענוג קוריאָז און וואונדערלעך, וואָס נישט אָפט טרעפן זיך אַזעלכע זאַכן, — פלעגן ווייבער אַפילו, שמועסנדיק צווישן זיך, פאַרענדיקן מיט אָט די ווערטער: „עס איז נאָר אין פנקס צו פאַרשרייבן“.

אָבער וואָס דאָס איז אזוינס א פנקס, ווי אזוי זעט ער אויס און בכלל וואו געפינט ער זיך, דער פנקס, וואָס מען דערמאָנט אים מיט אזא יראת־הכבוד און מען רעדט פון אים, ווי פון א הייליקער זאך, — דאָס האָב איך נישט געוואוסט און אין מיין דמיון האָב איך זיך גאָרנישט געקענט פאַרשטעלן ווי אזוי ער זעט אויס.

און טאקע דערפאר, וואָס איך האָב נישט געהאט קיין פאַרשטעלונג פון דעם אויסזען און פון דעם אינהאלט פון דאָזיקן פנקס, אין וועלכן, ווי איך האָב שפעטער געהערט זאָגן, אז אין אים זיינען פאַרשריבן א סך אויסטערלישע געשעענישן, וואָס זיינען פאַרגעקומען אין אונזער שטאָט, — האָט מיך דערפאר ממש פארפאָלגט דער געדאנק און דער ווילן צו זען אים, דעם פנקס מיט מיינע אייגענע אויגן און אָנרירן אים מיט מיינע אייגענע הענט. און דאָס מזל האָט מיר צוגעשפילט און מיין פארלאנג איז דערפילט געוואָרן.

פאַרגעקומען איז עס אויף אזא אופן: דער פּנקס פון אונזער שטאָט פלעגט זיך געפינען, מסתמא פּונקט ווי אין אנדערע שטעט, ביי דער חברה קדישא, (ביי אונז אין קאָוולע פלעגט מען זאָגן — „חברה מתעסקים"), און ווען מען פלעגט קלייבן א נייעם גבאי פון דער „חברה מתעסקים", — ווי דער שטייגער איז געווען אין די קליינע שטעטלעך — אום שמחת-תורה, פלעגט דאַן דער פּנקס איבערגיין צום נייעם גבאי; אזוי יאָר-איין, יאָר-אויס.

מאַכט זיך איינמאָל אז מיין פאָטער ע"ה, פאַרגלוסט זיך צו ווערן גבאי פון דער חברה. וואָלט געווען זייער פיין און וואויל. אז מיכל זייגערמאכער, מיין פאָטער הייסט עס, זאָל ווערן גבאי. פאַרוואָס נישט? אדרבא ואדרבא. איז אָבער דאָ א מניעה דערביי; מיין פאָטער האָט נישט געקענט ווערן גבאי, דערפאַר וואָס ער האָט געהייסן מיכל.

מיט וואָס איז דער נאָמען מיכל, — וועט איר פרעגן — א פּסול צו גבאות אין דער „חברה מתעסקים"? וועט איר אוודאי זיין גערעכט; אָבער הערט א מעשה, וועט איר פאַרשטיין, אז ס'האָט שוין יאָ א שייכות מיט פּסול. עס איז געווען אנגענומען, א מנהג אזא, ביי אונז אין שטאָט, — און ס'איז זיכער אזוי טאַקע געווען פאַרשריבן אין פּנקס. — אז די אלע אידן, וואָס זייערע נעמען הייבן זיך אָן מיט א „מ", טאָרן נישט ווערן קיין גבאים פון דער „חברה מתעסקים", צוליב דעם טעם, וואָס דאָס וואָרט „מת" הייבט זיך אויך אָן מיט א „מם".

איצט איז שוין פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס מיין פאָטער ע"ה, איז, כאָטש וואָס ער איז געווען אן אנגעזעענער און חשובער בעל-הבית אין שטאָט, האָט ער דאָך נישט געטאָרט ווערן גבאי אין דער „חברה מתעסקים".

וואָס-זשע טוט מען אָבער, אז עס ווילט זיך פאָרט ווערן גבאי? און נישט אזוי דאָס עצם גבאות האָט מיין פאָטער ע"ה געלאָקט, ווי נאָר דאָס, צו ווייזן ר' יעקב פידל אָדער ר' אשר שוואַרץ, אז דאָס יאָר וועט ער, מיכל שיטער, א בעל-הבית פון „שטאָטישן" גרויסן בית-המדרש — פירן דאָס גבאות און נישט איינער פון זיי, די בעלי-בתים פון דער גרויסער שיל.

וואָס-זשע פאַר אן עצה גיט מען זיך, כדי אויסצופירן דעם אנגעצייכנטן ציל, אז דער נאָמען מיכל, שטייט ווי א שטיין אין מיטן וועג? איז מען געפאַלן אויף אן המצאה. מסתמא, שטעל איך מיך פאָר, איז פאָרגעקומען א שטילע אסיפה פון היימישע אידן, בית-המדרש בעלי-בתים. און עס איז באַשלאָסן געוואָרן ארויסצושטעלן פאַר גבאי ר' שמעון זאַקנער. קעגן וועמען ס'איז גאָרנישט פאַראַן וואָס אויסצוזעצן. נאָר אזוי ווי ער האָט נישט קיין צייט, צוליב דער „גאַרבאַרניע" וואָס

ער פירט און די מיל וואָס ער האָט און נאָך סיבות דאָרט, — זיך אָפּצוגעבן מיט גבאות. וועט ער, שמעון זאַקנער, איבערגעבן צו פירן די חברה מיין טאַטן. וועט עס הייסן אזוי: אָפיציעל איז טאקע גבאי שמעון זאַקנער, נאָר אָנפירן מיט אלע ענינים, וועט מיין פאָטער.

און אזוי איז טאקע געווען; עס איז געקומען שמחת־תורה, האָט מען מיט גרויס פאראד און געזאנג, געפירט ר׳ שמעון זאַקנער, נאָכן דאַווענען, פון בית־המדרש צו אים אהיים, וואו דער עולם האָט געטרונקען, כנהוג, — בראָנפן איבערגעקאָכט מיט האָניק און פארביסן מיט קראַפּן מיט מאָן, אויך איבערגעפרעגלט אין האָניק און ס׳איז געווען ליהודים.

אָבער באלד נאָך יום טוב, האָט שוין גאַנץ שטאָט געוואוסט, אז מיכל זייגערמאכער פירט אָן מיט דער חברה מתעסקים. ס׳האָט געהייסן אז מיין פאָטער האָט אָנגענומען א מין „סעקרעטאר־אמט“ ביי שמעון זאַקנער דעם גבאי פון דער חברה און דאָס איז דאָך לכל הדעות כשר, און ס׳איז גאָרנישט געווען וואָס אויסצוזעצן.

פון דעם גאנצן ענין פון דער אויבנגעבראכטער פאסירונג, בין איך געהאַלפן געוואָרן, און ס׳איז באשערט געווען אז מיין קינדישער פארלאַנג, צו זען מיט מיינע אייגענע אויגן דעם פנקס, צו וואָס איך האָב אזוי געגאַרט — זאָל מקוים ווערן. ווייל גלייך ווי דער פריערדיקער גבאי האָט איבערגעגעבן צו שמעון זאַקנער דעם פנקס מיט אלע אנדערע חפצים פון דער חברה, האָט ער קיין צייט נישט פארלוירן און האָט אַלין אריבערגעבראכט צו אונז אין שטוב אריין, און דאָ האָב איך, פארשטייט זיך, געהאַט די געלעגנהייט צו זען אים אַליין, דעם פנקס.

מיר האָבן דעמאָלסט געוואוינט ביי רויזע מעכצים אין מויער. אונטער די שויב־פענצטער פון אונזער געשעפט איז געווען אזא מין שאפע מיט טירלעך, וואָס האָבן זיך גערוקט אהין און אהער. אין אָט־אָ דער שאפע האָט מיין פאָטער אריינגעלייגט דעם אזוי־אָפּגעהיטן פנקס.

איינמאָל האָב איך אָפּגעוואַרט א מאָמענט, ווען קיינער איז אין קלייט נישט געווען און כ׳בין מיט פאמעלעכדיקע טריט און מיט נישט־ווינציק הארצקלאפעניש, צוגעגאנגען צו דער שאפע, געעפנט די טירלעך און א קוק געטון אויפן פנקס. איך האָב דערזען אן אלטן גרויסן ספר, ווי א משניות די גרויס, מיט גראָבע לעדערנע אָפּגעריבענע — און אין די עקן צעריסענע — טאָוולען, פון וואַנען עס האָט זיך ארויסגעזען שפיצן פון פארגעלטע, צוליב אלטקייט, פארשריבענע בלעטער.

א פחד איז מיר באפאלן פון בלויזן קוקן אויף אים. איך ווייס אליין נישט פארוואָס דער פחד און א מורא אזא, איז אויף מיר געקומען. אָבער אזוי האָב איך דאן געפילט; אין מיין קינדישער פאנטאזיע זיינען דאן

אין דעם מאָמענט, אפּערגעקומען בילדער, ווער ווייסט פון וואָס פאַר א מוראדיקע און שרעקלעכע מעשים און געשעענישן וואָס זיינען פאַרגעקומען ביי אונז אין שטאָט, וואָס איך האָב זיך אָנגעהערט פון זיי דערציילן און וועלכע זיינען זיכער אין דעם-אָ פֿנקס פארשריבן. און עפּעס ווי א דבר קדושה, ווי א באזונדערס הייליקע זאך, האָט דאן דער דאָזיקער ספר אין מיינע אויגן אויסגעזען און איך האָב מורא געהאט זיך צוצורירן צו אים.

אָבער צו וואָס דאַרף מען אזא ספר האָבן, און וואָס געווי, אָט דער ספר, — וואָס מען רופט אים „דער שטאָט-פֿנקס”, — שטעלט מיט זיך פאָר, האָב איך נישט געוואוסט און כ’האָב דאָס דאן מיט מיין קינדישן שכל נישט געקענט משיג זיין, און עס האָט מיך געמוטשעט דער געדאנק, דאָס דאָזיקע זיך צו דערוויסן.

בין איך איינמאָל, געדענק איך, צוגעגאנגען צו מיין מאמען, פונקט ווען זי איז געווען פארפּאָרעט מיט שטוב-ארבעט, און האָב איר פלוצים א פרעג-געטון: „מאמע, וואָס איז דאָס אזוינס א פֿנקס? צו וואָס דאַרף מען אים?”.

מיין מאמע ע”ה, האָט אויף מיר א מאָדנעם קוק געטון, און זיך צעשריגן: „גיי זיך געזונטערהייט אוועק פון מיר, פארדריי מיך נישט דעם קאָפּ מיט דיינע קשיות”.

א צווייטן מאָל, בין איך צוגעגאנגען צו דער באָבען מיינער, חיה רחל ע”ה, און איר אויך געגעבן א פרעג אין מיטן דרינען, די זעלבע פראגע: „באָבע, צו וואָס דאַרף מען האָבן א פֿנקס? וואָס שטייט אין אים פארשריבן?”.

די באָבע מיינע האָט מיך גאנץ גוט אויסגעהערט, און האָט מיר א גלעט געטון איבערן קאָפּ און געזאָגט: „ווען דו וועסט לייבעלע אי”ה ווערן א גרויסער, וועסטו דעמאָלסט פארשטיין, וואָס דאָס איז אזוינס א פֿנקס און וועסט דאן וויסן וואָס אין אים איז פארשריבן; איצט קענסטו דאָס נישט פארשטיין, גיי, קינד מיינס, זיך שפּילן מיט די קינדער, גיי...”

בין איך, פארשטייט זיך, פון דיביידע ענטפערס: סיי פון דער מאמעס און סיי פון דער באָבעס, אוועק נישט קיין צופרידענער. אָבער אזוי ווי דער ווילן און דער חשק צו דערוויסן זיך דעם סוד וואָס ס’שטעקט אין דעם פֿנקס, האָט מיך דאָך נישט אָפּגעלאָזט, האָב איך באשלאָסן דאָס צו פרעגן ביים רבין מיינעם, וואָס פלעגט אריינקומען צו אונז אין שטוב, לערנען מיט מיר. ווייל צוליב דעם וואָס איך האָב געלערנט אין גימנאזיע, האָב איך נישט געקענט גיין אין חדר צוגלייך מיט אנדערע אינגלעך, האָט מען פאַר מיינטוועגן געדונגען דעם מלמד ר’ ארטשע

קאַרלינער, אַ איד אַ גרויסער למדן געווען און אַ גרויסער כעסן, זאָל ער מיר מוחל זיין.

ביי אַט דעם רבין מיינעם האָב איך באַשלאָסן צו פרעגן, און ער זאָל מיר ענטפערן אויף מיין אַנגעווייטיקטער קשיא, וואָס האָט מיך ממש פאַרפאָלגט אין געדאַנק און קיין רו נישט געגעבן. אַבער ווי אַזוי פרעגט מען עס אים, און ווי אַזוי טרעט מען צו צום ענין, אַז ער איז שטענדיק אַנגעכמורעט און אין כעס. און ווען מען רעדט צו אים וועגן אַן אַנדער ענין וואָס האָט נישט קיין שייכות מיט לערנען, איז ס'היות נישט זיכער.

בין איך געפאַלן אויף אַן המצאה: איך האָב געוואוסט, אַז ער האָט ליב אַ גלעזל טיי, מיט סכנות, — אַ גלעזל וואַרעמס — פלעגט ער זאָגן. — האָב איך איינמאָל, ווען ער איז געקומען לערנען מיט מיר, און פונקט איז די מאַמע מיינע דאַן אין שטוב נישט געווען, אַז זי זאָל אים דאָס גלעזל „וואַרעמס” דערלאַנגען, ווי איר געוואוינהייט איז געווען, — האָב איך זיך איינגעשטעלט און האָב אַ זאָג־געטון: „רבי, איר ווילט, וועל איך אייך אָנגיסן אַ גלעזל טיי. — אָ, פאַרוואָס נישט, אדרבה, ברענג אַהער אַ גלעזל וואַרעמס, אָבער ברי זיך נישט אָפּ! — האָט ער מיך געוואָרנט.

איך האָב מיט ציטערדיקע הענט אים דערלאַנגט די גלאָז טיי. און כטוב לב הרבי, ביים גלעזל טיי, האָב איך אַזוי זיך טאַמעוואַטע אים אַ פרעג־געטון: „רבי, וואָס איז דאָס אַזוינס אַ פנקס? וואָס איז דאָרטן אין אים פאַרשריבן?”.

דער רבי, נישט אַרויסנעמענדיק די אויגן פון גלאָז, איבער וועלכן ער איז געווען איינגעבויגן און מיט ביידע הענט דאָס גלאָז אָנגענומען און געזופּט דערפון מיט גרויס הנאה, מיטן שטיקל צוקער אין מויל, אַרויסלאָזנדיק נאָך יעדן זופּ אַ הויכן האַ-האַ — האָט ער מיט געציילטע ווערטער, אויף זיין ליטווישער אויסשפּראַך, מיר אַזוי געענטפערט:

„אַ פנקס, לייבעלע, איז אַ ספר אין וועלכן עס ווערן פאַרשריבן אַלע אויסערגעוויינלעכע געשעענישן און טרעפענישן, וואָס קומען פאָר אין אַ שטאָט; סיי גוטע זאַכן און סיי חס ושלום נישט קיין גוטע זאַכן, און, — האָט ער ווייטער זופנדיק די טיי, — געצויגן די ווערטער — די גוטע זאַכן ווערן פאַרשריבן דערפאַר, כדי די ווייטערדיקע דורות, די וואָס וועלן קומען נאָך אונז, זאָלן זיך אָפּלערנען גוטע מדות און אויך טאָן מעשים טובים, און די שלעכטע זאַכן, וואָס געשעען, רחמנא לצלן, — ווערן פאַרשריבן, — כדי מען זאָל זיך פון זיי אָפּלערנען אַ מוסר השכל, אַז מען זאָל נאָכאַמאָל אַזעלכעס נישט טאָן און אויך כדי דער

איבערשטער זאָל זיך אויף ווייטער מרחם זיין, אַז עס זאָל שוין מער קיין שלעכטס נישט קומען, אמן.

— איצט פאַרשטייסטו שוין, וואָס דאָס איז אַזוינס אַ פּנקס? האַ? נו. ברענג שוין אַהער נאָך אַ גלעזל וואַרעמס, ברענג שוין! — האָט דער רבי פאַרענדיקט.

איצט, אין שייכות מיטן אַרויסגעבן דעם „פּנקס־קאָוועל“, — האָב איך זיך דערמאָנט אין דעם דאָזיקן עפּיזאָד פון מיינע קינדער־יאָרן און אין דעם אַלטן פּנקס פון אונזער שטאָט, וועלכן איך האָב געזען ביי מיינע עלטערן אין שטוב, און וועלכן מען האָט אַזוי אָפּגעהיט און טייער געהאַלטן, — און איך בין זיכער, אַז מיר, די קאָוולער לאַנדסלייט, אומעטום וואו מיר געפינען זיך, וועלן וויסן ווי אָפּצושאַצן דעם ווערט פון אָט דעם דאָזיקן „פּנקס“, וואָס מיר האָבן אַרויסגעגעבן און מיר וועלן אים הייליק און טייער האַלטן, מיט דער זעלבער חשיבות און אפילו קדושה, ווי די קאָוולער אידן האָבן אין פאַרלויף פון דורות און דורות טייער געהאַלטן זייער „פּנקס“, וואָס אונזער שטאָט האָט געהאַט.

ווייל, צום גרויסן ווייטיק און באַדויערן אונזערן, איז אָט דער „פּנקס־קאָוולע“, דאָס איינציקע וואָס איז פון אונזער ליבער היים־שטאָט — אַלס זכר, אונז געבליבן.

דריי שרייבער אין קאָוולער מאַגיסטראַט: פון רעכטס צו לינקס: — שלום בורשטיין, שענקער און אברהם באַבאָווער.

יעקב טייטלקער (ישראל)

יוסף אברך

געבוירן אין יאָר 1892 אין קאָוועל. א זון פון א טאַטן א שוחט און א מאַמען א בת-טובים, וואָס האָט געקענט אַלע מאמרי חז"ל אויף אויסווייניק און האָט ווי א פרומער איד, נישט פארפעלט דריי מאָל אין טאָג צו דאַוונען.

אין דער פריער יוגנט נאָך, אנטפּלעקט „יאָסקע“ אויסערגעוויינלעכע פעאיקייטן. אן אימפולסיווער, אן אומרואיקער, מיט אן אומגעזעטיקטן דורשט נאָך וויסן, האָט ער נאָך אלס חדר-אינגל, זיך אויסגעטיילט פון אַלע הדר-אינגלעך פון „שטאָט“, וואו ס'איז געשטאַנען דאָס אלטע איינגעפרעסטע הויז פון „פעסל דער שוחטקע“.

נישט באַגנוגנט זיך מיט דער תורה פון רבין, זוכט יאָסקע בגנבה פארבאַטענע מקורות, פּאקט „ספרים חיצוניים“, ווערט פארפאלן מיט זיי אויף גאנצע טעג אויפן בוידעם... אויסבאהאלטן פון שטארק-פרומען טאטנס אויג, דעם שטרענגן „בענצי דער שוחט“.

א דורכגעלייטערטער, א דורכגעשטראַלטער, באַווייזט זיך יאָסקע פאר זיינע חברים אין א סודותדיקער, אויסגעשטערנטער לבנה-נאכט, און בסוד-סודות, אונטער א פייערלעכן צוזאָג פון דיסקרעציע, איז ער מיט עקסטאַז זיי מגלה דעם סוד: אָט די שטערנדלעך פון אויבן זעט איר? זיי זיינען קיין שטערן נישט, נאָר וועלטן... — יעקב אָבינוס אויגן אין דער לבנה, זיינען לעכער אין דער ערד... — און דער הימל, איז נישט... שא, קיינער זאָל נישט הערן...

נאָך גייענדיק אין הדר, ווייזט ער ארויס זעלטענע בקיאות אין דער הבערעאישער שפּראַך, שלינגט ביכער ווי האלעשקעס, קינדער-ליטעראַטור און ליטעראַטור פאר גרויסע.

אין יאָר 1904, ווען ס'איז אָנגעקומען די ידיעה פון הערצלס טויט, נעמט יאָסקע צונויף זיינע חברים, הדר-אינגלעך, און האלט פאר זיי א באַ-

גייסטערטן פאָרטראג: „ווער איז געווען הערצל”, און הויבט אויפֿ די רעכטע האנט און שווערט פייערלעך: „אם אשכחך ירושלים, תשכח ימיני!” און די שבועה איז מקוים געוואָרן...

אן אמתע אשת-חיל, אן עקרת הבית, א פאבריקאנטין פון היימישער טינט-פּראָדוקציע, א קרעמערקע, א מעל-שענקערין, קען איינמאָל די מאמע, פעסל די שוחטקע, נישט אויסקומען אָן דער הילפֿ פון יאָסקען און נעמט אים מיט מיט זיך אין מיל אריין, מאָלן קאָרן.

א באוועגעוודיקער, א טשיקאווער, אן אמתער „אומרו”, לאָזט יאָסקע נישט דורך קיין איין זאך דורך די פינגער, כדי זיך צו דערוויסן דעם שורש דבר... באטאפּט דעם מיל-מעכאניזם, די מיל-שטיינער און די כסדר אנטרינענדיקע מיל-רימענס אויך...

יאָסקע פארלירט אין מיל די רעכטע האנט. אָבער אין ציון פארגעסט ער נישט...

אָפּגעלערנט 4 יאָר אין דער אָדעסער מאָדערנער ישיבה, קומט יוספֿ אברך אהיים מלא וגדוש, גרינדעט-מיט די ערשטע אידיש-העברעאישע פאָלקס-שול אין קאָוולע און פארנעמט איינעם פון די חשובסטע ערטער אין קולטורעל-געזעלשאפטלעכן און גייסטיקן לעבן פון קאָוולע בכלל און פון דער יונגער ציוניסטישער באוועגונג ביי אונז אין שטאָט, בפרט.

מיטן אויפשוואונג פון דער תרבות-באוועגונג, שטעלט זיך יוספֿ אברך אין אירע ערשטע רייען, און מיט דער גרינדונג פון דער ערשטער העברעאישער תרבות-גימנאזיע אין קאָוועל, דורך אשר פראנקפורט, פארנעמט ער א לערער-פּאָסטן אין דער גימנאזיע, וואו ער דערציט א דור פון חלוציש יוגנט, די פארווירקלעכערין פון די אידייען און שטרעבונגען, וועגן וועלכע ער האָט געחלומט זיין גאנץ לעבן.

יוספֿ אברך איז געווען א מענטש אן אמתער פריי-גייסט, א טיפער, דורכדרינגנדיקער באאָבאכטער פון לעבן, מיט א געזונטער שכל-הישרדיקער רעאלער לעבנס-אויפפאסונג און מיט א סובטעלער פארבענקטער נשמה נאָך א דערהויבענער אידעאלער וועלט-אָרדענונג און א געזונטן נאטירלעכן נאציאָנאל זעלבסטשטענדיקן קיום פון אידישן פאָלק.

ער האָט ליב געהאט דאָס נאטור-לעבן און געווען צוגעבונדן צו דעם מיט אלע פיבערן פון זיין עמאָציאָנעל-עמפינדלעכער נשמה. מיט התפעלות האָט ער אריינגעזאפּט אין זיך די סודותדיקע קלאנגען, דעם כישופדיקן

רייין פון דער נאַטור, און די שטילע פרימאָרגן־תפילה פון דער צניעותדיקער אין גרינעם טלית איינגעוויקלטער „טוריא“, אין וועלכער ער האָט טובלענדיק זיך קאַיאָר (כאור), זיין תפילה, זיין ענטוזיאַסטישע לעבנס־אַפּאָלאָגעטיק אריינגעגאָסן און מצרף געווען. שוואַך קערפּערלעך, ציטערדיק און אומבאַהאָלפן ווי א קינד, איז ער אָבער אין דער פּראַקטיק, אין טאָגטעגלעכן לעבן — געווען א ריז מיט א דרייסטן, באַפליגלטן גייסט אין שוואונג און אין שלימות.

ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען היטלער ימ״ש האָט אין זיין באַוואוסטער רעדע דערקלערט און אָנגעזאָגט די אויסראָטונג פון אייראָפּעאישן אידנטום, איז יוסף אברך ארומגעלאָפן ביי זיך אין צימער ווי א פארוואונדעטער לייב: „וואָס מיינט ער דאָס, דער אידיאָט, דער הצוף? הפקר א וועלט? די וועלט וועט אים לאָזן פארניכטן, די וועלט און אידן? ניין! ער מוז און וועט האָבן א מפּלה!“.

אין יאָר 1942, זיינען אלע קאָוולער אידן, צונויפגעטריבן געוואָרן אויף איין פּלאַץ, אַפּצופירן זיי צום אָרט פון זייער ליקווידאציע — אין דאָרף באַבאָווע, 6 קילאָמעטער פון קאָוולע, אויף בריסקער וועג, וואו ס'איז פון פריער אויסגעגראָבן געוואָרן גריבער. און ווי גרויס האָט געמוזט זיין דער ווייטיק און די מאָראַלישע יסורים פון יוסף אברך, ווען ער האָט זיך איבערציינגט אז: די וועלט איז טאַקע הפקר... אז קיינער שטערט נישט אין דער אומדערהערטער רציחה פון א גאַנץ פאָלק און ס'האָט נישט געקענט, נישט אויפברויזן אין אים די געפילן פון א נביא, וועלכער האָט אויך געפילט און געזען בחוש דעם אומבאַדינגטן מוז פון שטראָף פאר דער שוידערלעכער רציחה און די אומפארמיידלעכע מפּלה פון די פארברעכער.

און דער פיזיש־שוואַכער, איינהענטיקער (די פּראָטעזע זיינע, האָבן די רוצחים ביי אים צוגערויבט). יוסף אברך, האָט דאַן, ווי עס גיבן איבער עדי־ראיה — מוטיק און העלדיש, אויפהויבנדיק זיין איינציקע האַנט, געטרייסט און געמוטיקט זיינע אומגליקלעכע ברידער, אויף זייער לעצטן וועג פון טראַגישן אומקום, און צו די דייטשן, די הענקער, האָט ער געוואָרפן זיין שפּאָט־נבואה אין פּנים, פאָראויסזאָגנדיק זיי אָפן און פריי — די אומפארמיידלעכע מפּלה, וואָס מוז און וועט קומען. די איינציקע האַנט זיינע איז דאַן תיכף דורך א דייטשן רוצח, מיט א שווערד אָפּגעהאַקט געוואָרן און א שטראָם בלוט האָט א פּליס געטון פאר אַלעמענס צעווייטיקטע און צעשראָקענע אויגן...

נאר יוסף אברך איז מוטיק געבליבן שטיין אויף זיין ארט און באדנדיק זיך אין זיין אייגן בלוט, ווי אין פרימארגנדיקן וואסער פון דער „טוריא“, האט ער אן הענט, מוטיק און דרייסט ארויסגעשריגן א שפוך המתך׳דיקע קללה און טויט־אויסרוף פאר די דייטשע פאשיסטישע תלינים פון אידישן פאלק און האט אויסגערופן: „עם ישראל חי!“ דאס אידישע פאלק לעבט, און וועט לעבן! טויט און נקמה די דייטשע מערדער!

און אזוי קעמפנדיק פאר זיין פאלק און דינענדיק זיין פאלק, איז ער געפאלן מיט כבוד און מוט, ווי א שטאלצער מענטש און ווי נאך א שטאלצערער איד.

תהי נשמתו צרורה בצרור הקדושים והטהורים, צוזאמען מיט די אלע וואס זיינען העלדיש און מוטיק געפאלן פארן כבוד פון מענטש און אידישן פאלק.

●

אידישער „קינדער - גארטן“ מיט זייער לערערן פרייליין
אבלאט, קאוולע 1935.

יוסף פאס

אַ דערינערונג

(ווי אַזוי דער טריסקער רבי האָט געבאַקן מצה־שמירה)

דעם רבינס גבאי ר' יקותיאל, א איד א תלמיד-חכם, וועמען אלע הסידים האָבן ליב געהאט צוליב זיינע ווערטלעך, צוגעפאסטע משלים און וויצן — האָט נאָך מיט א טאָג פריער פאר ערב פסח זיך „אריינגעשטעלט" צו פנחס הערש-בערס, אָדער ווי קאָוולער אידן האָבן אים גערופן: „פנחס פון תלמוד תורה" — אין שטוב אריין, א קוק טאָן צי אלין איז אין אָרדענונג און צוגעגרייט ווי עס דארף צו זיין, ווייל היינט פארנאכט וועט מען ברענגען די „מים שלנו" — די שמירה-וואסער (ביז צו דער ערשטער וועלט-מלחמה, איז אין טריסקער שטיבל, אויפן רבינס היף, געווען אן אויוון, וואו מען האָט געבאקן דעם רבינס מצה-שמירה, נאָכדעם אבער, ווי די דייטשן האָבן באזעצט דעם רבינס הויף און דעם אויוון צוגענומען, האָט מען געבאקן די מצה-שמירה ביי פנחס פון תלמוד תורה).

נאָכן באקוקן און באזוכן ווי געהעריק אלין וואָס האָט א שייכות צום מאָרגנדיקן מצה-שמירה-באקן און נאָכדעם ווי ער האָט געוואָרפן א קוק אין דעם ווינקל און א בליק אין יענעם ווינקל און נאָך א פאָר געשטעלטע פראגן, טראָגט זיך ר' יקותיאל אוועק צוריק א פארשמאַיעטער ערגעץ-וואו, שטארק א פארנומענער און א בהפזונדיקער. און ווען די זון האָט זיך געזעצט, האָט מען געזען ווי עס שפאנט אריין מיט געלאסענע טריט, איינער נאָכן אנדערן: פריער ר' יקותיאל דער גבאי, נאָך אים, נאָך עטלעכע הסידים, צווישן וועלכע עס זיינען געווען ר' יודל סופר, בנימין יעקב פרידמאן (דער עקספעדיטאָר) און נאָך א פאָר הסידים געקומענע פון דער פרעמד צום רבין אויף פסח — מיט קריגלעך וואסער אין די הענט, וואָס זיי האָבן נאָר־וואָס אנגעשעפט פון טייך און שטעלן אוועק די קריגלעך אין א ווינקל פון צימער, גוט איינגעוויקלט און איינגעדעקט.

צומאָרגנס, ערב פסח, פון גאנץ פרי־אָן, האָבן זיך אנגעהויבן צונויפקומען די הסידים צו ר' פנחסן אין שטוב. אנגעטאָן אין די יום־טובדיקע קאפאָטעס און מיט מער געקרייזלטע פאות ווי שטענדיק. אלע זיינע האפערדיק און אביסל צעטומלט פון דערוואַרטונג אויפן רבינס אָנקומען.

צען אזייגער קומט אָן דער רבי, באגלייט פון גבאי מיט עטלעכע הסידים. עס ווערט א רעש און א גערודער. די שטוב איז פול מיט הסידים. דער רבי שטייט אין מיטן צימער און דער עולם ארום אים. אויפן בא-

פֿעל פון גבאי, גיט זיך יעדער איינער א שטעל־אוועק אויף זיין באַשטימטן ארבעטס־פּלאַץ, גרייט אַנצוהייבן די ארבעט. אויף א וואונק פון רבין נעמט מען זאָגן הלל. געענדיקט דעם הלל, ווערט אָנגעהייבן די ארבעט פון באַקן די מצה־שמירה.

— ס׳איז שפּעט! ס׳איז שפּעט! — שמאַיעט ארום ר׳ יקותיאל דער גבאי. — ערב יום טוב! ערב יום טוב! יאָגט אונטער א חסיד און די ארבעט ברענט אונטער די הענט; — יאָסל דער סופר איז דער קנעטער, פּנחס פון דער תלמוד תורה — דער שיבער, יעקב אידלס קינדער: שלום און שמחה, אלטער ישראל חזנס, אברהם אליעזר שפּאַק און נאָך א פּאָר אנדערע — זיינען די וואַלגערער, יצחק פּיזוויש־לייבס — דער רעדלער און אידל דער סופר — דער משגיח.

נאָכן ענדיקן באַקן די מצה־שמירה, ווערט זי גלייך אריינגעלייגט אין א לייוונטענעם ליילעך, וואָס איז אויסגעצויגן אויף א שטעקן, וועלכער איז אָנגעשפּאַרט אויף די אַקסלען פון צוויי חסידים און דער רבי אליין טיילט־אויס צו עטלעכע מצות צו אייניקע פון זיינע חסידים־מקורבים און דער רבי פּאַראויס, דער גבאי ביי דער זייט און די חסידים נאָך זיי, לאָזן זיך גיין מיט דער מצה־שמירה אהיים, צו זיך אין הויף אריין.

צוויי טריסקער חסידים: אברהם אליעזר שפּאַק און לייבל שטיינבערג אין טריסקער שטיבל ביי דער מלוה־מלכה.

צ. יוכט

אַ ביסל זכרונות

(וועגן קלמן ליס און קאָוולע)

דאָס איז געווען אין יאָר 1927. איך האָב דאָן געוואוינט און געאַרבעט אין דעם קליינעם וואָלינער שטעטעלע אָזדוטיטש. פרייטיק אינדערפרי — דער איינציקער וואָך-יאַריד אין שטעטל — גראַד אַ שיינער האַרבסטיקער טאָג געווען, יאַוועט זיך אַריין צו מיר אַ הויכער, ברייט-פּלייציקער, שיינער, געזונטער יונגערמאַן און שטעלט זיך פאָר פאַר מיר: קלמן ליס. איך בין דער לערער פון קוסעלין (אַ נאָענט שטעטל), איך בין דאָרט אויף אַ וואַקאַנסיע; היות ס'איז היינט אַ יאַריד-טאָג, האָב איך מיך אַראָפּגעכאַפּט אַהער. באַקענען זיך מיט דער שול, די לערער און דער עיקר, נעמען ביכער אין ביבליאָטעק (אָזדוטיטש האָט דאָן געהאַט די איינציקע גוטע ביבליאָטעק אין גאַנצן געגנט).

ביים ערשטן אויגנבליק, ביי די ערשטע פּאָר ווערטער, האָט מיך זיין פריינטלעכער שמייכל באַהערשט, גלייך ווי מיר וואָלטן זיך שוין פון לאַנג געקענט. איך האָב אים, פאַרשטייט זיך, איינגעלאַדן קודם-כל צו עסן מיט מיר צוזאַמען אַ וואַרעם, — ערשט פון אויזון אַרויסגענומען — וואָלינער פּלעצל מיט סמעטענע; זיך צערעדט וועגן ליטעראַטור, זיך באַקלאָגט אויף דעם מאָנאָטאָנעם לעבן פון שטעטל. מען וואָלט עפּעס געדאַרפט אויפלעבן: אַדורכפירן אַ פּאָר ליטעראַרישע אָוונטן, אַ משפט (דאָן איז עס געווען אין דער קולטור-מאָדע) און גלאַט אַזוי דורכקיבעצן די צייט און די עלנטקייט פון שטעטל.

נאָך אַ פּאָר שעה שמועסן, האָבן מיר געמאַכט אַ שפּאַציר איבערן שטעטל, באַטראַכטן דעם יאַריד. פון דעם פרייטיק אָן, איז קלמן ליס גע־

א גרופּע שילערנס פון „אָרט"־שול מיט זייער לערער צ. יובט, אויף אַן אויספלוג אין קאָוולע.

וואָרן מיין שבתדיקער אורח. ער פלעגט פּינקטלעך, יעדן פרייטיק, קומען צו מיר, טיילן זיך מיט די איינדרוקן פון דער טרויעריק-פאַרגאַנגענער וואָך. שפּעטער, נאָך דער פרייטיק-צו-נאַכטיקער סעודה, פלעגט זיך דערפאַר אָנהייבן דאָס בלי-שמחהדיקע, דאָס נשמה-יתרהדיקע. ביי דער גוט-אָנגעהייצטער הרובע, פלעגן מיר זיך אַוועקזעצן זאַלבעדריט: איך, מיין פרוי און קלמן. אָפּטמאָל, מיינע טייערע שוועגערינס, וועלכע זיינען געפאַלן א קרבן פון די נאַצישע בעסטיעס. קלמן פלעגט דאַן לייענען זיינע שאַפונגען און נאָך יעדער איבערגעלייענטער זאַך, פלעגט ער קוקן אויף אונז, צו זען, וואָס פאַר אַן איינדרוק ס׳האָט געמאַכט, און פרעגן א מיינונג.

דאָס ערשטע לידל זיינס, געדענק איך נאָך ביז היינט:

א טשומאַק, אַן אַלטער גוי,
שלעפּט זיך אויף זיין וואָגן שטרוי
און רויכערט זיך א פּיפּקע,
אַליין איז ער פון ווילקע.
גיט א שפּיי פון צווישן ציין
און ער רעדט צו זיך אַליין:

נעמא סאָלע, נעמא סמאָלע,
א או וואָזא נעמא קאָלע.

ביז היינט שוועבט נאָך לעבעדיק פאַר מיר דאָס בילד פון יענעם „טשומאק" מיט דער פּיפּקע. מיין ענטפער איז געווען: קלמן, שרייב! דו האָסט א ניצזין. ער פלעגט זיך שטאַרק רעכענען מיט מיין מיינונג. אזוי פלעגן מיר יעדן שבת פארברענגען. טיילמאָל צעלייגט זיך אויף די בעטן אין פארן שיין פון לעמפּל לייענען און שמועסן. דאָרט זיינען געבוירן געוואָרן זיינע „וואָלינער שליאכן".

ער האָט זיך ממש פארכליניעט מיט די געזונטע ערדישע קליינשטעטלדיקע וואָלינער אידן. עס פלעגט אים לאָקן זייער אויפשטיין אין די קאיאָרן; די עלטערע אין די בתי־מדרשים און די אינגערע אויף די יארידן. די וואָלינער פלאכע און סאמעט־גרינע לאנדשאפטן, די גויאישע ווייס-נידעריקע כאטקעס האָבן אים געגעבן א שלל מיט שטאָף צו שרייבן.

ס'איז אוועק א יאָר זינט דעם, און מיין וואנדער־גורל פון א לערער האָט מיך פארוואָרפן קיין קאָוולע. איך האָב דאָרטן קיין שום באקאנטן נישט געהאט. ווען איך בין אָנגעקומען קיין קאָוולע, האָב איך זיך, פארשטייט זיך, תיכף נאָכגעפרעגט אויף קלמן ליס. און דאָ ערשט הויבט זיך אָן אונזער הארציקע חברשאפט.

אויפנאַמע פון א „פיק־ניק" אין א וואלד הינטער קאָוולע אין יאָר 1920. עס זיצן פון לינקס צו רעכטס (אין צענטער) — דער ערשטער: קלמן ליס. דער דריטער: צ. יוכט.

די נייע באן-גאס איז געווארן אונזער שטענדיקער שפאציר (קלמן ליס האט געוואוינט אויפן ראג פון דער גאס). איך האב זיך באפריינדעט מיט זיין גאנצער משפחה: מיט זיין שוואגער באלאט, דער דעמאלסטיקער דיריגענט פון דער שטאטישער כאר־שול, מיט זיין פרוי, קלמנס שוועסטער מרים. צו מיין פרייד האט זיך ארויסגעוויזן אז זיין מוטער איז א לודמירער און דערצו מיין מאמעס א יוגנט־חברטע. דאס איז געווען גענוג, אז איך זאל זיך אינגאנצן אריבערציען צו זיי אין הויז און טאקע ווערן א גליד אין דער משפחה.

איך בין דאן געווען אליין, געארבעט אין דער אידישער פאלקס־שול און אין „ארט", מיין משפחה איז פארבליבן אין אזדוטיטש, ביז איך וועל געפינען א דירה.

דארט אין שטוב האבן מיר געשאפן א מין ליטעראַרישע קיבערצארניע. עס פלעגן זיך צוזאמענקומען: משה וויינשטיין, — א ליטעראַרישער אנפאנגער, — פארלייענען זיינע ערשטע לידער און דערציילונגען, ספעקטאר, וועלכער איז דאן געווען דירעקטאר פון „ארט"־שול, דער אינזשעניער מאיר רייז— פארזיצער פון דער פארוואלטונג ביי דער אידישער פאלקס־שול. מיר פלעגן אפט אויסמעסטן קאוועל אין דער לענג און אין דער ברייט. דער עיקר אין די יום־טובדיקע טעג. פארנאכט פלעגט זיך אנהויבן דאס טרוימערישע לעבן, שפאצירנדיק איבער די גאסן צווישן די שווייבלענדיקע מענטשן.

וואס פאר א הארציקע, ליבע מענטשן קאוולע האט פארמאגט; די וואלינער אפנהארציקייט און גאסטפריינטלעכקייט האט זיך געפילט אין יעדן בליק פון די פארבייגייער. ביז היינט קען איך מיך נישט פארשטעלן, אז דאס אלין איז אונטערגעגאנגען, אז א פינצטערער כוח האט פארשניטן אזא לעבעדיקע אידישע קהילה.

אין אונזער געזעלשאפט האט זיך אויך געפונען די טייערע, הארציקע. לערערין ליובא געלמאן און די איבערגעגעבענע חברטע ליובא פערל. דורך דער זעלבער גרופע איז שפעטער דערשינען די וואכנצייטונג „די קאוולער שטימע". די ערשטע נומערן זיינען רעדאגירט געווארן דורך מיר, דאבראווידקערן און ספעקטארן, שפעטער איז צוגעקומען שטשערבאטי. קלמן ליס און משה וויינשטיין האבן זיך באטייליקט מיט לידער און נאוועלן. פון צייט צו צייט פלעגט זיך ארעפכאפן לייבל אליצקי פון טריסק. ער פלעגט דאן אריינברענגען א מער יום־טובדיקערע שטימונג אין אונזער קרייז.

עס איז אוממעגלעך צו פארגעסן אט די שיינע אידעאליסטישע יוגנט. אט די אויסערגעוויינלעכע פעאיקע שילערינס פון „ארט"־שול מיט וועלכע איך פלעג אין די שבתים מאכן ספעציעלע אויספלוגן אין וועלדל הינטער קאוולע, און דארטן לייענען און אריינטייטשן פרצן, לייוויקן און אנדערע



א גרופּע ספּאָרטלער פון „מכבי”, אינסטרוקטאָר — טאַדי בערלין

אידישע דיכטער, שמועסן היים, פול מיט רוח הקודש, וועגן סאָציאַליזם, וועלט־באַפרייאונג א. א. וו. פון גרויס באַגייסטערונג פלעגן מיר זיך נאָכהער געמען קאַלערן אויפן גרינעם גראָז און שטילערהייט אויסזינגען אַ אָדע דער נאַטור און דעם וועלדל. אַלין האָט דאָרט געלעבט. געפיבערט מיט גייסט, מיט תוך, מיט אידישקייט און געשטרעבט צו גייסטיקער שלימות.

נאָך מיין אָפּזיין קנאַפּע פינף יאָר, האָב איך מיך צעשיידט מיט קאָוולע, מיט מיינע טייערע פריינט, מיט דער אידעאַליסטישער יוגנט; אָט די יוגנט וואָס קלמן האָט אזוי טרעפלעך באַזונגען אין זיין ליד: „וועמען זאָל איך שענקען מיינע הענט”. אַ יוגנט וואָס האָט זיך געריסן צום לעבן, צו שאַפן און דער קריזיס, אַנטיסעמיטיזם און הילפלאָזיקייט האָט זיי געפּענטעט, פּונקט ווי אַ לייב אין שטייג. געפּענטעט איז אויך געווען דער יונגער, געזונטער דיכטער און ריז קלמן ליס מיט זיינע גייסטיקע און פיזישע כוחות. ביז ער האָט שפּעטער באַקומען אַ תיקון אין וואַרשע, און שפּעטער — אַלס איבערגעוויינלעכער פּעדאַגאָג און דערציער — אין אָטוואָצקער אינסטיטוט. ביז היינט איז ער פאַרבליבן פאַר מיר דער סימבאָל פון יענער לעבעדיקער און רוישיקער קאָוולע, וואָס ליגט איצט חרוב און פאַרשניטן.

איך האָב זיך נאָך שפּעטער אייניקע מאָל געטראָפן מיט אים, געלערנט מיט אים צוזאַמען אויף העברעע פּעדאַגאָגישע קורסן אין וואַרשע, ביז איך בין אַרויסגעפאָרן קיין בראַזיל.

דעם לעצטן טרויעריקן גרוס וועגן קלמנען האָט מיר איבערגעגעבן זיגמונט טורקאָוו, בעת זיין אָנקומען קיין בראַזיל.

„איך האָב — זאָגט ער — געזען קלמנען צוויי וואָכן פאַר מיין אָפּרייזע קיין איסלאַנד, שוין ביי די נאַציס. איך האָב אים געטראָפן אויף זאַמענהאָף־גאַס. אַן אַלטן, גרייז־גראָען מאַן (ער איז דאַן אַלט געווען קרוב פערציק), אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן, הינקענדיק. איך האָב אים נישט דערקענט".

זאָל דאָס ביסל זכרונות דינען ווי אַ בלום אויף זיין הייליקן קבר.

מ. ספּעקטאָר
דירעקטאָר פון
אָרט־שול.

קל́מן ליס

(אַרויסגענומען פון מלך ראַוויטשעס בוך: „מיין לעקסיקאָן")

. . . ער איז ארום 1928 געקומען מיט ברען (קיין ווארשע); נישט קיין הויכער, דערפאר אָבער, זייער א קרעפטיקער, מיט א טונקל-בלאָנדער טשופרינגע האָר. וואָס פאל́ן אים כסדר שקאָציש אין די גרויסע צעשמייכל́טע אויגן מיט חן-גריבל́עך אין פנים און מיט א זייער הויכן טאָן אין רעדן און אין טאָן. ער איז געקומען פון וואלין (קאָוול́ע) מיט א סטאזש.

. . . אז מען האָט געל́ייענט זיינע לידער און געזען, אז זיי זיינען ריטמיש און לאָגיש, און מען האָט אים געזאָגט אָן ברען, פאוואָל́יע און געלאסן, אז מען קען איינס פון זיי אויסקלייבן און דרוקן — האָט ער זיך ל́פנים מיט דעם גאָרנישט איבערגענומען, מהמת ער איז שוין געקומען קיין ווארשע מיט א סטאזש. ער האָט שוין געדרוקט לידער אין „וואָל́ינער ל́עבן" א. א. וואָל́ינער אויסגאבעס.

. . . און קלמן ליס האָט זיך נישט געלאָזט שפייען אין זיין וואָל́ינער, פויערישער-געזונטער קאשע. ער האָט גלייך פונאנדערגעוויקל́ט די „וואָל́ינער שליאכן" און באוויזן שווארץ-אויף-ווייס... נו, מילא, אויב דרוקן איז ביי אים גאָרנישט, וועט מען נישט דרוקן... אָבער דאָ האָט זיך שוין ל́יס דערשראָקן און באל́ד גענומען געבן רעשט פון זיין שטאָל́ץ. איז מען בעסער געוואָרן און מען האָט יאָ געדרוקט. א וואָס פאר אן אָפטימיזם אין די לידער איז געווען, און וואָס פאר אן אָפטימיזם אין גאנצן ליס.

. . . עפעס האָט געשטראל́ט פון אים אזוי פיל́ אויפריכטיקייט און ל́עבעדיקייט און אמתדיקייט.

. . . אז מיר זיינען איינמאָל געוואויר געוואָרן, אז ליס נעמט איבער די אָנפירונג פון דעם אידישן אנשטאלט פאר דעפעקטיווע קינדער אין אָטוואָצק, האָבן מיר געשפאסט און נישט געגלויבט. מיר האָבן געזאָגט, אז דאָס איז א טעות: ער איז דאָרט אויפגענומען געוואָרן ווי א פאציענט... (ער האָט אביסל געשטאמלט).

דאָס (שפאסן) איז נאָר געווען דערפאר, ווייל אין זיין אייביקן ברען

פאר זיין צעפלאָכטן, פויעריש-וואָלינער, ברייטשליאכיקן ליד, האָט אונז ליס פארגעסן צו זאָגן, אז ער האָט א סך וועלטלעכע בילדונג, אז ער איז א געענדיקטער פעדאגאָג און אפילו א ספעציאליסט פעדאגאָג. און ער האָט מוסטערהאפט אָנגעפירט מיט דעם אנשטאלט צוזאמען מיט זיין, העכער פון אים און אביסל עלטער פון אים, הנוודיקער און רויטהאריק ווייב (א בת הרב איז זי געווען).

די דעפעקטיווע קינדער האָבן אים אזוי פארכאפט אצינד, אזוי ווי אמאָל זיינע לידער. כאָטש די לידער האָט ער נאטירלעך נישט אויפגעגעבן; פארקערט, ער האָט איצט געארבעט איבער פושקין-איבערזעצונגען, איבער א גרויסע פּאָעמע „דאָס ליד פון פעטער באטראק“ און איבער קינדער-לידער. און די טראגישע קינדער האָבן אים נאָכגעפאָלגט ווי די שעפעלעך א גוטן פאסטעך. זייערע אויגן האָבן געהאנגען אין זיינע ליפּן און געווארט אויף זיינע באפעלן, אזוי ווי פארכשופטע. און פונקט ווי די קינדער אין זייער דירעקטאָר, אזוי איז ליס געווען פארליבט אין זיינע משונהדיקע קינדער.

ער האָט מיר מיט אזא ענטוזיאזם דעם גאנצן טאָג, וואָס איך האָב דאָרט פארבראכט, דערציילט וועגן זיי, אז ווען איך בין פון דאָרט ארויס אין שפעטער נאכט, האָט זיך מיר געוואָלט עפּעס א שפּרונג טון, ווי א דעפעקטיוו קינד...

ווארשע איז געפאלן סעפטעמבער 1939. דער נאָמען פון קלמן ליס פלוצלינג אין די הויפּט-קעפּלעך פון אלע אידישע צייטונגען: „א דייטשע לופט-באָמבע האָט צעשטערט דעם מאָדערנעם אנשטאלט מיט לערער און קינדער“.

זאָל דאָס מעגלעך זיין, אז דאָס איז געווען דער פאקטישער סוף פון זיין טריאומפאלן קומען קיין ווארשע? (פרעגט ראַזוויטש).

פון רעדאקציע: ליידער איז קורין נאָכדעם טאקע געקומען דער טראגישער סוף פון פּאָעט קלמן ליס *), וועלכער האָט אזוי ליב געהאט זיין געבורט-שטאָט קאָוולע, און פון וועמען עס איז נאָך געווען צו דערווארטן זייער פיל אויפן ליטערארישן ווי אויפן קולטורעל-דערציערישן, געביטן. אָבער אין מיטן פון זיין שעפעריש יונג לעבן האָט דער וועלט-מערדער, דער דייטש ימ"ש, זיין לעבן איבערגעריסן.

קלמן ליס! דיינע לאנדסלייט, חברים און פריינט, באערן מיט כבוד דיין ליכטיקן אָנדענק!

---

*) זע ארטיקל פון צ. יוכט, זייט 207.

קלמן ליס

קאָוולע

(פּאָעמע)

כ׳וועל עס יעדערן דערציילן
כ׳וועל פאר קיינעם זיך נישט שעמען
עפּעס ריידן צו מיין הארצן
אלין די אלטע ליבע נעמען.

פון מיין קאָוולע — שטאָט וואָלינער
מיט די געסלעך די שמאָלע
וואו געבליט האָט מיר מיין קינדהייט
פריש ווי צווייט, ווי אין פרילינג־טאָלן...

לוצקער גאס פון מיין געבוירן,
ליבע הארצעדיקע סטענגע,
מיט א ריידל קורץ באהייזלט,
צי דערמאָנסטו זיך, געדענקסטו?!

דיינע נידעריקע כאטקעס
מיט די בודקעס אויף די ראָגן,
ווי חלומות אין פארנאכטן,
ווי די טרוימען אין פארטאָגן...

אָט ווי נעכטן, דאכט זיך נעכטן
זאָל עס האָבן ווי געוועזן,
דריי, צוויי שטיבלעך אויף דער „לוצקער"
און די רעשטע קליאָנען, בעזן.

דער שאָסיי ביים סאמע אָנהויב
בערגל́עך שטיינער, פרעס־מאשינען,
ביי די זייטן, ראָוועס שמאָל́ע
און אין ראָוועס, וואסער רינט זיך.

פרעגט נישט וואו, נישט ווען, פונוואנען
ווער־זשע דארף עס ראָוועס פרעגן?
על́ע וויסן, צו דער „טוריע"
שטראָמען ריטשקעס נאָך א רעגן.

און דער בריק דער אל́טער באל́יבטער,
מיט די הילצערנע פארענטשן,
וויפיל טרוימען אויסגעטרוימט דאָרט
אָנגעשפארט אין אים באל́ענטשן?!

עך, דו טוריע, ל́יבע טוריע,
ווי א של́ענגעל́ע געצויגן,
דיינע וועל́עכל́עך די קל́אָרע
שפיגל́ען מיר נאָך אין די אויגן!

דיינע ברעגעס סאמעט ווייכע,
איינגעשניטענע אין ל́אנען
האלטן זיך נאָר אין איין צייכענען
אין איין חלומען, דערמאָנען...

זומער־ל́עב אין ברען, אין סאמע
נאָך א האל́בן טאָג אין חדר,
איז א זיי־געזונט דער מאמען,
און א פייג דעם שווארצן בעדער.

ווער דארף בענק, און ווער דארף בעזעמס
מיט א פארע זיך צום שטיקן?
פון, אין וואסער, זאָל́ זיין גרעזנע
אָבער פריש... דאָס הארץ דערקוויקן...

אין שבתים און ימים טובים...
טוריע, טוריע, זיי געזעגנט!

כ׳טראָג געגוג נאָך ליבער, לויבן
אין מיין הארץ פאר דיינעט וועגן.

נאָר אצינד לאָז מיך לויפן
ווי דו לאָזט זיי, דיינע וועלן —
כ׳בין א קינד צוריק, און ס׳ציט מיר
צו דעם פלאץ מיט קארוזעלן:

צו דעם הילצערנעם צירק דעם רונדן
מיט די בענק אין האלבע קרייזן,
כ׳האָב א צענערל — א וואונדער
זאָל מען דאָרט מיר באווייזן!

זאָל דער קונצנמאכער ציען
ווידער סטענגעס פון א מיצל,
אפשר וועל איך ווי אמאָל, אים
היינט אויך נאָכמאכן א שפּיצל?

און דער זאמד, דער אָנגעשיטער
געלער בארג, מיט הויכן צלם;
ליגן אלץ נאָך דאָרט די ריטער?
ציטערט אלץ פאר זיי דער עולם?

זינגען אלץ נאָך און דערציילן
באנדוריסטן מיט א קרעכצן,
אז געקעמפט אמאָל האָט פּוילן
דאָ אין 1863?

און דער לירניק, אָט דער גרויער,
האָר צעפּלאָשעט, ווייסע טויבן,
ציט נאָך אלץ דעם זעלבן טרויער,
זינגט נאָך אלץ די זעלבע לויבן.

אויף זיין אלטער לירע, בראטשנער
א פארטרוימטער און פארטראכטער? —
היי, פּאַראָים פּאָרט סאאיע דאטשנע,
היי, איר וואָנעם שווארצע טראכטן...

כ׳וועל עס יעדערן דערציילן,
כ׳וועל פאר קיינעם זיך נישט שעמען. —
עפּעס ריידן צו מיין הארצן
אלין די אלטע ליבע נעמען...

קלמן ליס

אין מיין קאַנט אין פשוטן

אין מיין קאנט אין פשוטן אנקונציקן וואלין
וואקסן צארטע בלימעלעך צוזאמען מיט פאלין
וואקסן צארטע בלימעלעך צוזאמען מיט פאלין
אין מיין קאנט אין פשוטן אין הארציקן וואלין.

אין מיין קאנט אין פשוטן און תמימישן וואלין
וואקסן ווייסע לאנדישן מיט מיידל קלארן חן
וואקסן ווייסע לאנדישן מיט מיידל קלארן חן
אין מיין קאנט אין פשוטן אין תמימישן וואלין.

אין מיין קאנט אין פשוטן אין הארציקן וואלין
וואקסן שיינע טעכטער אויס. ווי שטראלן פון דער זון
וואקסן שיינע טעכטער אויס, ווי שטראלן פון דער זון
ביי עלטערן גאנץ פשוטע, אין הארציקן וואלין.

קהת קליגער

ליד צו אַ טויטן פּאָעט *)

(קלמן ליס — אומגעקומען אין וואַרשע)

קלמן, ברודער — פּאָעט וואָלינער,
בעת איך נעם ארום דיין טויטן צעשאָטענעם קאָפּ
מיט מיינע שטילע פּראָסטע שורות,
ווי מיט א קרענצל שווארצע רויזן פון טרויער, —
וויגט זיך ווידער דער פולער זעטיקער קאָרן
און דער גאָלדענער זאנג פון אונזער היימלאנד:
גייט ווידער אויף די זון איבער די כּוטאָרן,
אין די פאַרלאָשענע כּאטעס אויף די ברייטע שליאכן, —
נאָר דו ביזט נישטאָ, טויטער ברודער מיינער,
דו ביזט נישטאָ.

אין מיין צעפלאָמטן דמיון — מיט אבל־קרעפּ פארוויקלטן
און מיט שטיקלעך דערוואָרגענע בענקשאפטן אין אייגענעם אומעט,—
גייען מיר, גייען מיר אזוי, ווי נעכטן ערשט,
אונטער די לויטערע הימלען פון אונזערע קאיאָרן,
וואָס טריפן אריין זייער בלויע רו
אין די קלאָרע קרעניצעס פון אונזער זינגנדיקן בלוט;
פון הינטער די געפלאָכטענע פּלויטן פארשמעקט דער לאַנדיש
די שטילע פּרימאָרגנדיקע דערפער אין הויכן בוריאן,
וואו די בלאָנדע וועסנע חנדלט זיך און זינגט.

און א נישטפארגעסמיכל, וואָס שטרעקט זיך צו דער זון
און קווייטן, וואָס דאַווענען מיט ווייסע תפילות

---

*) פון זיין פּרעמירט בוך: „די וועלט פאַרבעט מיך שטאַרבן".

צום טיפן בלאַנקיטנעם סאַמעט פון הימל,
זאָגן אונז „גוט־מאָרגן“, ווי דאָס קאָרענע טשואישל,
וואָס פרעגט:
„שאָ טשואיטע נא סוויטע“. און זינגט אריין זיין
פּויערישן מודה־אני,
זיין ליכטיקן „דאָברי דען“ אין דער אויפגעוואַכטער
וועלט אריין.

אַ. קלמן, טײַטער ברודער מײַנער,
איך לייג מייַנע וואָלינער שורות, ווי בלויע קאָרנבלימלעך,
אויפן פרישן בערגל ערד פון דײַן אומבאַקאַנטן קבר
ערגעץ אין דער אימהדיקער מאָרד־נאַכט פון ברוינעם גזלן,
וואָס האָט דערשטיקט די פרילינגדיקע סאָלאָווייען אין דײַן בלוט
און דער טרויער, ווי אַן אַלטע ווערבע, כליפּעט אין מיר
דורך די אומרואיקע שעהן פון מײַן איבעריקן מקום־מקלט
מיטן זעלבן האַרץ און מיט די זעלבע אויגן פון דײַן מאַמען,
וואָס האָט דיך אויסגעכאָוועט אויף די אָרעמס פון דער בידנער דאַליע
צום שרײַטיקן סך־הכל פון דײַן יונגן לייב־און־לעבן.

און דו ביזט נישטאָ, טײַטער ברודער מײַנער, דו ביזט שוין נישטאָ,
נאָר דײַן זינגענדיקער אָטעם כוואַליעט ווידער
די גאָלדענע זאַנג פון אונזער ליכטיקן היימלאַנד,
פלאַטערט ווידער אויפן גרינעם שפּיגל פון דער אָזיערע,
ווינט זיך אינעם חיותדיקן שטענגל פונם פיאַלעטן נישטפאַרגעסמיכל,
וואָס ציט זיך צום בלאַנקיטנעם הימל,
און זופּט זיך אָן מיטן זוניקן בלויען ווײַן פון וועסנע.
דאָס לעבעדיקע נישטפאַרגעסמיכל, ברודער־פּאָעט וואָלינער,
וואָס דו האָסט ליב געהאַט אַזוי,
אפילו אין די סיוונדיקע פאַרנאַכטן
אונטער די פּאַנסענע שרינטן פון די בלאָנדזשנדיקע וואָלקנדלעך, —
וועט פאַר דײַן געדעכעניש אפילו אין אָסיען נישט פאַרבליען,
ווי די זאַפטיקע ברייט־ברוסטיקע פּאָעם
פון דײַן צעשפּילעטן לייוונטענעם העמד אַרויס
וועט נישט פאַרגיין פון דײַן גוטער וואָלינער ערד, —
כאָטש דו אַליין, טײַטער ברודער־פּאָעט מײַנער,
ביזט נישטאָ.
ביזט שוין מער נישטאָ.

יאָסל זכריהו׳ס (בורשטיין)

(טיילן, ארויסגענומען פון חיים גראַדעס פּאָעמע „מוסרניקעס")

באַארבעט פון ב. באַלער

1.

„ר׳ אבא *) גיט א גלעט א בחורל פון קאָוועל
„וואָס זיצט איר איך יוסף, אז דער אויבערשטער מעג זיך דערבאַרעמען,
„צונויפגעדרייט פאַרמרהשחורהט, ווי אן אָבל ?
„לערנט מוסר ! וועט איר זיך דערוואַרעמען...״

**) מיט א בליק נישט קיין זיכערן און אויגן נישט אויסגעשלאָפענע
קוקט „יוסף קאָוולער" און רירט נישט מיט קיין אבר
„ער שטאַרט דער מרה־שחורהניק — א קבר
„ווי א פרישע וואונד אן אָפענע״.

— — — — — — — — — —

„און ר׳ אבא ציט אויס א האַנט א האָריקע .
„יוסף קאָוולער גיט א שבועה
„אייביק בלייבן מיט נאָוועראַדאק. —
„און נעמט אויף זיך קבלות נייע צו די פּאַראַיאָריקע״.

2.

די מוסערניקעס וואָס אויך זיי האָבן געשוואוירן —
שטומען מיט האַרצקלאַפּעניש, און יעדער זיך דערמאָנט

---

*) דער משגיח איבער די מוסרניקעס אין נאָוואָרעדאַקער ישיבה.

**) די שורות אין קלענערער שריפט, איז דער אָריגינאַל ח. גראַדעס. די גרעסערע — צוגעגעבן פון מיר. ב. ב.

„קוקנדיק אויפן קאָוולער און אויף ר׳ אבאס האנט —
„— מיר דריקן אָט די טויטע האנט. שוין מכמה יאָרן״.

„יוסף שטעלט זיך, קוקט זיך אום אין ווייבער־שול
„ווי ער וואָלט הילף געזוכט אין חדר
„דאָס ווייבער־שילכל איז מיט שאָטנס פול
„און יוסף זאָגט פאַריאושט: כ׳טו א נדר
„קיינמאָל פון ישיבה נישט אוועקצוגיין,
„אויף יום טוב נישט צו פאָרן אהיים, קיין קאָוועל,
„און אין זיין שבועה קלאָגט געוויין,
„ווי אין דעם ערשטן קדיש פון אן אָבל...״.

„שטיל איז אין ביינאכטיקן בית המדרש, שטיל.
„אין ווייברשן שילכל וויגן זיך די שאָטנס.
„אויפן באלקן, אויפן דיל.
„און ס׳הוידען אויף די ווענט זיך, טלית־קטנס...״.

3.

„דער שלעפעריקער ועד האָט זיך אין גאס צעשיידט.
„יוסף קאָוולער, האָט זיך אויף א באנק צונויפגעדרייט,
„ער איז געלעגן אינם ווייבער־שילכל און געחלומט פון דער מאמען
(און אפשר פון זיין קליין זונעלע, דאָס באהנטע מיט אלע טעמען).

„יוסף קאָוולער איז געלעגן אויפגעדרייט אין ווייבער־שיל
„איינגעדעקט אין מאנטל און געפיבערט.
„די אויגן אויפגעריסן, שווארצאפלען טרערן פול
„די בענקשאפט אין זיין הארץ אריבער...

„ער האָט געזען אין גרויען שטיבעלע זיין מאמען,
„פארטאָג, זי וויינט און שיילט קארטאָפל,
„זי וויינט די אָרעמע, אן עלנטע און שפל,
„און פון דער ווייט האָט ער געוויינט מיט איר צוזאמען...״.

4.

א צייט אריבער און עם האָט געטראָפן,
מיט יוסף דעם קאָוולער, דעם לערנער דעם עילוי,

וואָס אויף דעם נישט געאהנט און געחלומט האָט קיינער,
און אויך נישט דער שטרענגער און בייזער ר׳ אבא, אפילו.

פונקט ווען די בחורים, ווי געווען זייער שטייגער
האָבן אליין זיך געפייניקט, מיט פרישות און איסור
און געשטראָפט זיך אליין, ווי שטרענגע קטיגורים
און איבערגעחזרט ר׳ אבאס דברי מוסר.

„גיט זיך פלוצים די בית מדרש־טיר א פראַל —
„ר׳ אבא פאַלט אריין מיט א יאָמער,
„אַז עס בלייבט די גאנצע חברה
„מיט אן אויפגעריסן מויל — ״

„ר׳ אבא שרייט: נישטאָ מער, אוי, נישטאָ מער,
„כ׳האָב אים ארומגעזוכט אי דאָרט אי דאָ
„נישטאָ, ער איז אין ערגעץ נישטאָ.
„ווער? שרייט אויס דער גאנצער עולם, ווער?
„ר׳ אבא קרעכצט, ווי א טוך א וואָלענער
„אויף ציינער אָנגעשוואָלענע:
„דער קאָוולער! יוספל, ער איז אין ווייבער־שיל געשלאָפן —
„און פארטאָג אנטלאָפן...״.

„ר׳ אבא נעמט א ווילדער אומלויפן אין קלויז:
„— אזוי פיל מוסר אים געלערנט, איך בין שולדיק, שליידערט מיך ארויס
„ער וועט קאַליע ווערן, קאַליע ווערן,
„און ווי אן אָפגעברענטע חיה, נעמט ער הוילן...״.

5.

דער וויכוח און מוסר־רייד, גייט אָן ווייטער, צוזאמען און באַזונדער
א טייל רעדן וועגן דעם קאָוולערס אנטלויפן: — א פלא! א וואונדער!
דער אַסטראָוואַליער שרייט: — תקיעת־כף?! יוספל דער תנא?!
דער וואַרשעווער פרעגט: — סטייטש? און אין הארצן
איז ער אים מקנא...

„פלוצים פלאצט אריין א באָמבע
„עס קייקלען זיך דער שוועל אריבער, פעקלעך,

„און יוסף קאָוולער קומט אריין — — — —
„ער ליגט שוין אין ר׳ אבאס אָרעמס איינגעקלעמט.
„יוסף דרייט אוועק זיין קאָפּ פארשעמט:
„— איך האָב געוואָלט דער מאמען זען. —
„בויגט ער זיך ווי צום טאטנס קבר צו דער ערד.
„— איז וואָס געשען?
— איך האָב פון מיטן וועג זיך אומגעקערט — — —

דער אַסטראָוואַליער דער שארפער מוח,
קוקט פארשטוינט, דאָ אויפן קאָוולער, דאָ אויף די ווענט,
און קלערט: — דערצו דארף מען גבורה, דארף מען כוח.
יוסף האָט מנצח געווען, —
— איך וואָלט עס נישט געקענט.*)

6.

מיר קאָוולער, וואָס האָבן יאָסל זכריהוס, פון דער היים אים, געקענט,
פארשטייען איצט, וואָס אין זיין הארצן און מוח האָט געברענט.
ווייל פונקט וואו ער האָט געוואוינט, איז אנטקעגן איבער זיין הויז
האָט זיך געפונען די ישיבה פון ליבאוויטשער קלויז.

און דורך די בהורימס לערנען, דורך זייער הארציקן ברומען,
האָט יוסף ווידער דערזען פאר זיינע צוגעמאכטע אויגן
די נאָווערעדאָקער ישיבה, וואו' ער איז איין מאָל געווען און צוריקגעקומען
און וואוהין עס האָט אים, ווי מיט צוואנגען, ווידער געצויגן.

מיר זעען אים שטיין ביים פענצטער אין דער שטיל
און בקול דממה דקה, א גמרא־ניגון פארציען,
זיך מצרף־זייענדיק מיט די לערנער, מיט געפיל.
הויך קלאפט דאָס הארץ, און מחשבות לאָזן נישט רוען:

— אזוי פיל געלערנט, געהקירהט, און אזוי פיל שוין דערגרייכט
צי האָב איך גוט געטון? צי האָב איך געהאט רעכט?

---

*) ביז אַהער עפ״י נוסח גראָדע.

מיט מיין פארלאָזן די ישיבה, דעם מוסד התורה,
וואו מתחלה ועד סוף, איז געשטעלט אויף יראת הבורא.

— און דאָ, גאָר געקומען בין איך אהיים, ווידער קיין קאָוועל.
טאקע חלילה, נישט אראָפּ פון אמתן דרך,
אָבער איך גיי אום, שטיל און געבויגן מיין קאָפּ ווי אן אָבל
און פיר מיך אין לעבן, באגלייך מיט אלע אן ערך.

— כ׳האָב א פרוי, א קינד, ווי גאָט האָט געבאָטן,
און כ׳לעב זיך, לפנים, ווי מען פירט זיך ביי לייטן,
אָבער מיין גאנצער איך, ווערט מיט ספקות באשאָטן:
— צי לעב איך אזוי, ווי ריינער אמת דארף באדייטן?

— נישט דאָס איז געווען דאָך, מיין דרך מלכתחילה,
וואָס פאר א זינען האָט געהאט מיין לערנען?
און וואָס איז די פּעולה?
צו זיין כאחד מכל אדם? געשטעלט־געמעקט? גענומען־געגעבן?
— אָט דאָס זאָל עס זיין, דער ציל אין מיין לעבן?

אזעלכע און ענלעכע ראנגלענישן און ספקות
האָבן פארכאפּט און באצווינגען זיין נשמה מיט מורא.
שטייענדיק ביים פענצטער, מיט פארמאכטע אויגן אין דבקות
הערנדיק לערנען אין ליבאוויטשער קלויז, דברי מוסר און תורה.

און פּלוצים, — אין זיין הארץ — א רוף ווי א קול קורא:
— לא זו הדרך! — (און ס׳באפאלט אים א מורא)
— יוסף, ס׳איז נאָך צייט! ס׳נאָך נישט שפּעט!
פרעגסט: — ס׳קינד? ס׳ווייב — אן עגונה?
— חלילה! א גט!...

7.

ס׳האָט לאנג נישט גענומען, ווי ס׳שטעטל האָט שוין גערעדט,
אז יוסף זכריהום האָט מיט זיין ווייב די „פּראָוויזאָרשע” זיך געגט.
און ווי איינער האָט אָפּגעטון, א מעשה נורא
איז ער נאָך מערער ווי פריער, אריין אין מרה שחורה.

און עס איז געשען, אז נאָך דעם אינערלעכן רוף, וואָס ער האָט
דערהערט.

האָט ער. נאָך א קורצער צייט, פון זיין זיך גטן
צוריק אין דער ווילנער ישיבה פון די בעלי מוסר, זיך אומגעקערט
און אויף אזא אופן, האָבן זיך גוף און נשמה, איבערגעבעטן.

אָבער ווי מיר זעען*) אז ווידער האָט אים דאָס לעבן
אין דער נאָוואָרעדאָקער ישיבה פון מוסר און פרישות
קיין רו און קיין מנוחה, אויך דאָרט נישט געגעבן
און ט'זיך נישט באפרייט פון אינערלעכע פיינען און נגישות.

עס האָט זיך אין אים געספקט און געבראַנדיקט
דאָס, וואָס נישט אלע האָבן געוואוסט און פאַרשטאַנען.
ער האָט דאָס אויך קיינעם נישט געקענט זאָגן און דערציילן
אז ביי אים טיף אין הארצן און איידעלער נשמה זיינען פאַראַנען,
אזוי פיל ספקות און אויך וואונדן נישט צום פאַרהיילן.

— — — — — — — — — — —

ווי מיר פאַרשטייען דאָס איצט,
(לויט גראַדע האָט באַשריבן),
האָט יוספן, סיי פון זיין היים,
ווי פון ישיבה, געטריבן,
דער איינער געדאַנק
און דער טיפער ווילן
צו לעבן מיט גאָט בשלימות
און מיט ריין-מענטשלעכע געפילן
און ר' אבאַס מוסר-ווערטער
האָט געהאַט ער אין זינען:
„— אז מען קען אין איין שעה
„דעם אמת געפינען
„אָבער אים איינצוהאַלטן —
„דאַרף ראַנגלען דער מענטש זיך,
„דאָס גאַנצע לעבן”.

---

*) פון ח. גראַדעס פריערדיקן שילדערן.

ז. וויינפּער (ניו-יאָרק)

מלכה די ראַדאָוויטשער *)

(פּאָעמע)

פיל מערער, ווי פון אַלע דערפלעך אין דער גאַנצער סביבה
האָט מען פונם דערפל ראַדאָוויטש**) גערעדט מיט ליבע
און אָט די ליבע האָט געשפּרייט די אַלטע מלכה***).
אפילו גוים האָבן זיך געצלמט און געמורמלט: „זשאַלקאַ“,
ווען מלכה האָט אויף אייביק צוגעמאַכט די גוטע בליקן.
פויערים ביים קאָסען און פויערטעס ביים שטריקן
האָבן לאַנג נאָך דעם צווישן זיך גערעדט מיט גרויס באַדויער
ווער רעדט, די אידן דאָרפסגייער, — צו זייער טרויער
קאָן נאָך ביז היינט אפילו גאָר קיין סוף נישט נעמען, —
מלכה איז נישטאָ, און ווער קען מלכהס אָרט פאַרנעמען?

און דעם גרויסן פּריץ פונם דערפל ראַדאָוויטש,
וועלן מיר צוליבן גראַם, רופן פּאַניע ליאַדאָוויטש. —
האָט אָט דער פּריץ, ווי אַלע פּריצים פון זיין גראַד,
געפירט אין ווייטע לענדער ערגעצוואו זיין „שטאַט“,
דאָס דערפל דאָ געלאָזט אויף ר׳ בונעמס הענט.
און אָט-אָ דעם ר׳ בונעמן האָט מען אומעטום געקענט,
ווי דעם אידן מיט די לאַנגע, בייזע ברעמען,
וואָס האָט קיין פּליג אפילו נישט געקאָנט פאַרשעמען, —
אַ איד אַ פּשוטער, אַ שטילער, — ר׳ בונעם מלכהס
האָט בלויז צוטאָן געהאַט מיט די איוואַנעס און מעבאַלקעס.

---

*) איבערגעדרוקט פון ז. וויינפּערס בוך: „געקליבענע לידער“.

**) ראַדאָוויטש — אַ דאָרף, אויפן וועג צווישן טריסק און קאָוולע.

***) מלכה דער ראַדאָוויטשערס, איין אייניקל — ריילע באַטשקאָווסקאַ, געפינט זיך איצט דאָ אין אַרגענטינע און אַ צווייט אייניקל — לייבל פּערל, געפינט זיך איצט אין מעקסיקע.

און ראדאַוויטש אליין, — א דערפֿל אין וואָלֿין,
ווי אלֿע דערפֿלעך, — ווינטער — ווייס און זומער — גרין, —
א קלויסטער, וואָס קוקט פון אלע כאטעס העכער,
ווייסע פויערשע כאטעס מיט שטרויענע דעכער,
נאָך העכער פון דער גרויסער שטוב, ר׳ בונעמס,
נאָך העכער פון די דראַנגעס ביי די ברונעמס,
וואוהין עס קומען וואסער שעפּן פויערים מיט עמער
פאר זיך, פאר פערד, פאר קי און פאר די לעמער,
גערטנער און סעדלעך און אן אלֿטער, גרויער צלם,
וואָס קרישלֿט זיך, כאטש נעם און שייל אים.

ר׳ בונעם מיט פויערים אויף פעלדער ביי די סטויגן
און מלכה ביי דער שוועל אין שטוב, קוקט אויס די אויגן
אויף אן אורח, — א איד, א גוי, — וואָס איז די נפקא־מינה, —
די שטוב איז א באטירטע, ווי ביי אברהם אבינו
און זי״? אויב גאָט האָט איר באשערט און דארף צו וואוינען
באַדארף זי דאָך גאָטס נאָמען דאָ באקרוינען
מיט וואָס זי קאָן, מיט וואָס נאָר זי אין שטוב פארמאָגט, —
איר בונעם איז דאָך טעג און נעכט אין פעלֿד פאריאָגט, —
נאָר דאנקען גאָט, — ער ברענגט און זי האָט וואָס צו געבן, —
הלוואי נישט ערגער אויפן גאנצן לעבן.

האָט מען טאקע צו איר שוועל געצויגן נישט בחנם,
דער שווייגנדיקער, אלטער ארענדאר ר׳ בונעם
האָט אין זיין שטוב זיך ווינציק וואָס געמישט, —
צו וואָס? דער קאָכלעפֿל האָט שטענדיק זיך געמישט
אויפן אויוון אינם טאָפּ מיטן ווארעמען געקעכץ,
און איז א מענטש נאָר אָנגעקומען מיט א קרעכץ,
האָט מלכה שוין אליין אים גלייך דערהערט,
און וואָס נאָר גאָט האָט אינם טאָפּ באשערט
איז גלייך געווען פאר אורחים אין דער שיסל,
און מלכה האָט געפרעגט: אפשר נאָך אביסל?

אן אורח אויפצונעמען, איז פאר איר געווען דער עיקר,
וואָס דארפט איר מער? אפילו פארן שכור,
דעם אלטן, היימלאָזן און באַרוועסן מעכאלקע
האָט שטענדיק אָט די אלֿטע, גוטע מלכה

געהאט אן אָרט צו שלאָפן נעבן אויוון, —
„מסתמא וויל מען דאָך אזוי פון אויבן,
אז א גוי א שכורער זאָל זיין מעכאלקע“
אָט אזוי פלעגט שטענדיק זאָגן מלכה
און דערביי א הויב טאָן אירע הענט, ווי ביי דעם בענטשן, —
„ווער זיינען מיר מ׳שטיינס־געזאָגט, צו משפטן א מענטשן!“

און איצט איז זי נישטאָ — טאָ זאָל־זשע אָט די מעשה
וועגן איר פארבלייבן, ווי פון דער ציג דער ווייסע,
וואָס מיר אלע האָבן אזוי ליב צו זינגען און צו הערן
אזי, אפשר וועלן מענטשן זיך באטראכטן און באקלערן
און ווערן איינס צום צווייטן בעסער, ליבער, —
דאָס לעבן איז דאָך קורץ און גייט אויף גיך אריבער.
דער סוף איז שטויב, אפילו פון דער רויז דער שענסטער.
איך שטיי און קוק איצט א פארטראכטער דורך מיין פענצטער,
די גרויסע שטאָט שטיקט זיך אין דעם טאָג, דעם העלן,
נאָר קיין מלכהס זיצן דאָ נישט ביי די שוועלן.

●

פּיוול שיפּער *)

מיין פֿאַרשפּילטער קאַמף

עס האָט זיך געענדיקט די בלוטיקע שלאַכט,
מיר האָבן צעקלאַפּט די פאַשיסטישע מאַכט.
די גאַנץ־ברייטע וועלט פּייערט דעם זיג,
נאָר איך, פּיוול שיפּער, האָב פאַרשפּילט דעם קריג.

ווען איך דערמאָן זיך אין מיין אַלטער מאַמען,
טו איך אַ ציטער, דאָס האַרץ הויבט אָן פלאַמען,
זי פלעגט צו מיר שטענדיק, די ווערטער רעדן:
— קינד מיינס, איך וויל זיך מיט דיר ניט שיידן.

און אליהו, און יעקב, און משה, — מיינע ברידער,
די שמחה אין שטוב, די טענין און די לידער,
פון מיין שוועסטער היה און די מומע ברכה
פון פעטערס, קוזינען און די גאַנצע משפּחה.

ווען איך דערמאָן זיך די גאַנצע כהלה,
פון די קינדער־יאָרן אין מיין היים און אין שולע,
— מאַמע, גיב קליידונג, מאַמע, גיב עסן,
ווי קען מען דאָס אַלץ, אַזוי גיך פאַרגעסן?

עס זיינען געקומען די פינצטערע טעג,
כ״האָב די היים פאַרלאָזט און אין וואַלד אַוועק,
איך האָב ניט געגלויבט, אַז כ׳וועל בלייבן אַליין,
איינער אַן קיינעם, און עלנט ווי אַ שטיין.

---

*) געקעמפט אַלס פּאַרטיזאַן אַרום די קאָוולער וועלדער, איצט אין ישראל אין דער הגנה־אַרמיי.

אַלס פּאַרטיזאַנער, גיי איך אין שלאַכט,
איך קעמף ווי אַ טיגער, פֿאַר אַ פֿרייער מאַכט.
איך גלויב ניט אין מענטשהייט, איך וואַרט ניט אויף גליק
נאָר אין בלוט מיט קרבנות, דערגרייכט מען דעם זיג.

מיר האָבן דערלעבט דעם 9־טן מאַי, **)
מיר האָבן געזיגט, די וועלט איז שוין פֿריי.
מיר האָבן צעקלאַפּט, די שוואַרצע מאַכט.
ווער עס איז פֿריילעך און ווער עס לאַכט.

איך פֿאָר דאָן קיין קאָוולע, איך פֿאָר צו מיין שטוב,
איך פֿאָר זען די אַלע, וואָס איך האָב געליבט.
אפשר אַ פֿריינט, איז געקומען צו פֿאָרן,
און מעגלעך אַ חבר, פֿון קינדער־יאָרן.

ליידער האָב איך קיינעם דאָרט ניט געטראָפֿן,
אויף משפּחה און פֿריינט, נישטאָ שוין צו האָפֿן,
וואו די שטוב איז געשטאַנען — ז׳צעשטערט און פֿאַרברענט.
ברידער און שוועסטער, האָט דער שונא פֿאַרלענדט.

אַלץ איז צעבראָכן, אַלץ אַזוי שוואַרץ,
איך קוק אויף דעם הורבן, עס ווייטיקט מיין האַרץ;
נאָר אַ שטיקל וואַנט, איז געבליבן דאָרט שטיין,
זי נאָר קאָן זאָגן, וואָס דאָ איז געשען...

געשריבן אין 1945, פּוילן.

**) פֿון 1945, ווען דייטשלאַנד איז באַזיגט געוואָרן.

III

די וואָס זיינען געפאלן
אויף דער וואַך

יחיאל (איליא) שיינבוים

העלד פון ווילנער געטאָ *)

(שטריכן און דאַטן, וואָס פעסיע שיינבוים האָט געשריבן צו ד״ר דוואָרזשעצקי)

...ווען איליא איז אַלט געווען 3 יאָר, איז זיין מוטער שווער קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן צו 28 יאָר; די באָבע, דעם פאָטערס מוטער, איז געווען פאַר איליאַן זיין „מאַמע”. אַלט־זייענדיק 12 יאָר, איז איליא אוועק פון פאָטערס שטוב צו דער באָבען, וועלכע איז געווען פאַר אים אַלץ.

יחיאל (איליא) שיינבוים

ער האָט זיך געלערנט אין תרבות־שול (גימנאַזיע) אין קאָוולע און אָנגעשלאָסן געווען אין קאָוולער סניף „פרייהייט”.

צו 16 יאָר אַנטלויפט ער אין קיבוץ קלאָסאָוו; זיין שוואַכער אָרגאַניזם האַלט נישט אויס די שווערע אַרבעט און ער ווערט קראַנק. דער פאָטער מיט דער שוועסטער סיפאַ, קומען אים אָפּנעמען אַהיים. ער איז אָבער פאַרעקשנט און פאָרט נישט צוריק. ווען ער ווערט גערופן אין פוילישן מיליטער, לערנט ער מיט התמדה דעם לימוד פון קאַמף און

---

*) אַרויסגענומען פון ד״ר דוואָרזשעצקיס פּרעמירט בוך: „ירושלים דליטא אין קאַמף און אומקום”.

שוין און באַקומט די מיליטער־ראַנג פון אָפיציר. זיצט אָבער אָפט אין מיליטער־אַרעסט פאַרן אַרויסגנבענען זיך פון די קאַזאַרמעס און אָפּזיצן שעהן־לאַנג אין סניף לובאָמיל (ליבעווגע), וואו ער האָט געדינט. פון מיליטער איז ער צוריקגעקומען אין קיבוץ־קאָוועל און אַרומגעפאָרן איבער גאַנץ וואָלין צו אָרגאַניזירן דאָרט סניפים פון „פרייהייט“, און דאַן אין קאָנגרעס־פּוילן...

— — — — — —

...אין יאָר 1938—39 איז ער געווען אין קיבוץ־באַראַכאָוו אין לאָדזש. פיל מאָל האָט ער געדאַרפט עולה־זיין און דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט אים נישט דערלויבט, ווייל ער איז געווען נויטיק צו אָרגאַניזאַטאָרישע און דערציערישע אַרבעט.

אין יאָר 1939 אַרבעט ער ביים אַריבערפירן חברים פון פּוילן, וועלכע איז געווען אונטער דער נאַצי־אָקופּאַציע, דורך וואָלין קיין ווילנע. אין זעלבן יאָר קומט ער אין קיבוץ „שחריה“ אויף סוכאָטשעווער גאַס 37. צוזאַמען מיט די חברים כרוסט עזריאל און דוד קאַזיבראַנסקי, שטעלט ער אויף דעם סניף „פרייהייט“ און ווידמעט זיך מיט גרויס ליבע צו דער דערציאונג פון די קינדער. אין יאָר 1940, ווען דער גרעסטער טייל פון די חברים פאָרט אַוועק פון ווילנע, פאַלט דער באַשלוס פון מרכז, אַז ער זאָל בלייבן, בכדי מיטצוהעלפן אָנצופירן די אַרבעט מיט די איבערגעבליבענע חברים. עס ברעכט־אויס די מלחמה.

(וועגן שיינבוימס העלדישן קאַמף און העלדישן טויט שרייבט דוואָרזשעצקי (זייט 389), אַזוי):

די קאַמפּס־גרופּע יחיאל:

...אויסער פ. פּ. אָ. (פאַראייניקטע פּאַרטיזאַנער אָרגאַניזאַציע), איז אַנטשטאַנען אין געטאָ אַ צווייטע קאַמפּס־גרופּע, וועלכע מען באַצייכנט איצט אַ. נ. „יחיאלס קאַמפּס־גרופּע“. אירע חברים האָבן געהאַט אַ באַדייטנדיקן אָנטייל אין פאָרמירן די ווידערשטאַנדס־באַוועגונג. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע האָט זיך געשטעלט אַלס ציל, צו פאָרמירן וואָס גרעסערע גרופּן צום פּאַרטיזאַנען־קאַמף אין וואַלד. דער אָרגאַניזאַציע איז געלונגען (אונטער יחיאל שיינבוימס אָנפירונג), אַריבערצופירן אין די וועלדער אַ פּאָר הונדערט פּאַרטיזאַנער, וועלכע זיינען געוואָרן דער קערן פון די אידישע פּאַרטיזאַנער־גרופּן...

(זייט 390): ...ד"ר לעאָ בערנשטיין, איינער פון די שטאַבס־מיטגלידער פון (יחיאלס) קאַמפּס־גרופּע, האָט מיר (דוואָרזשעצקין), צוגעשיקט אַ ברייטערע אָפּהאַנדלונג וועגן איר געשיכטע... מען רופט

זי אָן איליאַס (יהיאלס) גרופּע, ווייל יחיאל שיינבוים איז געווען איר צענטראַלע פיגור...

...דאָס וואָס די איליאַ־גרופּע האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט, איז געווען אַ פאַרשמעלצונג פון פאַרשידענע גרופּן (זעקס), וועלכע האָבן צום סוף זיך צונויפגעגאָסן אין איין שטאַרקער גרופּע אונטער דעם מאָראַלישן איינפלוס און אונטער דער ענערגישער לייטונג פון יחיאלן...

(זייט 391): ...איליאַ איז געווען די גייסטיקע טרייב־קראַפט און די באַליבטע אויטאָריטעט פון דער גרופּע. זיין גרענעצלאָזע איבערגעגעבנקייט פאַר זיינע חברים און זיין פאָטערלעכע זאָרג פאַר זיי, ווי אויך זיין שטאָלצער אידישער באַוואוסטזיין, זיינען געווען נישט די איינציקע גורמים פון זיין אויטאָריטעט צווישן זיינע חברים... (ד״ר דוואָרזשעצקי איז אויך געווען אין יהיאלס קאַמפּס־גרופּע — די רעד.).

(ד״ר דוואָרזשעצקי שרייבט): ...ווען מרדכי טענענבוים־טאַמאַראָוו (געווען אין 1939-40 אַלס פּליט אין קאָוולע) האָט פאַרלאָזן געטאָ־ווילנע און אַוועק אין וועג ביאַליסטאָק־וואַרשע, האָבן מיר אים געזעגנט אין אַ פינצטער צימערל פון די געטאָ־וואַרשטאַטן און אין גרויען פאַרטאָג אים באַגלייט צום געטאָ־טויער. כ׳האָב אים דאָרט געפרעגט:

— מרדכי, ווען מען לאָזט איבער אָנצופירן מיטן „החלוץ״ אין געטאָ? ווער וועט דיך פאַרטרעטן?

— יחיאל שיינבוים וועט מיך פאַרטרעטן.

ער האָט אים פאַרטראָטן; ס׳איז געווען דער זעלבער וועג, מרדכי טענענבוימס אין ביאַליסטאָק און יחיאל שיינבוימס אין ווילנע; און דער זעלבער גורל...

יחיאל שיינבוים איז געווען יונג, שלאַנק, וואָוקסיק, מיט אַ האַרציקן, חבר׳ישן שמייכל אויף די ליפּן. אַרבעטזאַם, עקשנותדיק־ענערגיש ביים אויספירן אַן אויפגאַבע; אַ שווייגער אין טאָג־טעגלעכן לעבן, פלעגט ער אויפבראַוזן ווי אַ לאַווינע ביים וואָרט „ווידערשטאַנד״.

ער פלעגט זאָגן:
מיך וועלן די דייטשן לעבעדיקערהייט נישט נעמען.
און זיי האָבן אים אויך לעבעדיקערהייט נישט גענומען.

(פון ד״ר לעאָ בערנשטיינס אַ בריוו צו ד״ר דוואָרזשעצקין):

...ווען די דייטשן זיינען דעם 1־טן סעפּטעמבער 1943, פינף

אזייגער אין דער פרי, פלוצים באפאלן דעם געטא, איז ער (יהיאל) גלייך אלארמירט געווארן. מיט דער געשיקטקייט און זיכערקייט פון א מיליטערמאן האט ער געגעבן באפעלן, צונויפגערופן גרופן, ארויסגעגראבן דאס געווער פון קעלערן און בוידעמער.

נאך א קורצער בעראטונג מיטן שטאב פון פ. פ. א., האט ער איבערגענומען דעם פארטיידיקונגס־פונקט אויף סטראשון־גאס 12. דא ליגט ער ביים פענצטער און ווארט, און באאבאכטעט מיט א קלאפנדיק הארץ.

אויף סטראשון־גאס 12, די פאדערשטע פאזיציע אין קאמפס־פלאן, האט זיך געפונען א גרופע קעמפער אין באשטאנד פון 40 מאן (אונטער דער אנפירונג פון יהיאלן).

... אלס צווייטער פארטיידיקונגס־פונקט איז באשטימט געווארן סטראשון גאס 7, אין צימער אין וועלכן איליא האט געלעבט.

דער דריטער פארטיידיקונגס־פונקט איז געווען באזעצט אויסשליסלעך פון חברים פון דער קאמפס־גרופע „איליא" און איז געשטאנען אונטער דער לייטונג פון אפטיילונגס־פירער פון איליאס באטאליאן — אלחנן מגיד.

דער פארטיידיקונגס־פונקט אויף סטראשון גאס 12 איז געווען שלעכט באוואפנט. איליא האט פארלאנגט ביים שטאב פון פ. פ. א. א מאשינגעווער (וואס איז אים צוגעזאגט געווארן צו שיקן).

... דערווייל קרעכצט אין גוססט דער געטא.

... ער (יהיאל) שטייט נעבן פענצטער מיטן רעוואלווער אין האנט און ער מוז דאס אלין צוזען. זיין פרוי, וועלכע האט געקניט נעבן אים, האט דערציילט: ער האט געפיבערט, זיינע הענט האבן שטארק געציטערט — אבער ס'איז נאך נישט געווען קיין באפעל צום שיסן.

ווען די דייטשן האבן דערזען, אז אידן גייען נישט צום טויער, וואוהין מען האט זיי געוואלט פארנארן, כדי ארויסצופירן זיי קיין פאנאר, (צום ליקווידירן), האבן זיי באשלאסן צו מינירן און אויפרייסן די הייזער. דער ערשטער קרבן איז געווען סטראשון גאס 15. דער אנטקעגנדיקער מויער פון סטראשון גאס 12. עס האט זיך געהערט א שרעקלעכע דעטאנאציע און ווי־געשרייען. ווי נאר די דייטשן זיינען ארויסגעלאפן אויפן גאס און ער (יהיאל) האט זיי דערזען, האט ער זיך אויפגעהויבן מיט זיין גאנצער גרויס ביים פענצטער און ווילד געשאסן צו זיי. די דייטשן האבן געענטפערט פון אויטאמאטישן געווער. א קויל האט דורכגעלעכערט איליאס הארץ און א שטראם בלוט האט זיך א גאס געטון

אויף זיין פרוי. זי האָט נאָך באַוויזן אים צוצודעקן די אויגן און צו אַנטרינען, — ווייל באַלד האָבן די דייטשן פאַרשיכּורטע פון גאַס, צעראַבירט די פעסטונג, וואָס איז געבליבן אָן איר קאָפּ און אויפגעריסן דעם בנין.

(ד"ר בערנשטיין דערציילט ווייטער):

...און שפּעטער, ווען ס'איז שוין שטיל געוואָרן, נאָך די אַרויסגעריסענע פון אונז זעקס טויזנט אידן, און שטיל זיינען געוועזן די אומגעקומענע אונטער די חורבות פון די אויפגעריסענע הייזער, און נאָך שטילער זיינען געווען די לעבעדיקע, די געבליבענע — האָבן מיר געפונען איליאַס קערפּער. ער איז געלעגן איבערן באַרג פון רויכיקע שטיינער. גאַנץ און נישט צעשעדיקט. נאָר אין זיין געל פּנים איז פאַרגליווערט געוואָרן די שיכּרות פון אויפרעגונג און ווילדער נקמה.

מיר האָבן אים אַריינגעלייגט אין אַן אָרון און געטראָגן צום טויער. די איבערגעבליבענע געטאָ־קעמפער און דער גאַנצער געטאָ האָבן אים אָפּגעגעבן דעם לעצטן כּבוד.

אין זומער 1944, ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט פון וואַלד, האָבן מיר געשטעלט אַ מצבה אויף זיין קבר, אויפן אַלטן ווילנער בית־עולם.

די לויה
פון
יחיאל
שיינבוים.

שיינדל שווארץ *)

געבוירן אין קאוועל אין א פארמעגלעכער משפחה. די עלטערן, פראגרעסיווע ציוניסטן, האבן געזארגט צו געבן איר א גוטע, אלגעמיינע און ציוניסטיש-אידישע דערציאונג. זי האט געלערנט אין דער קאוולער העברעאישער „תרבות"-גימנאזיע און געווען דארט איינע פון די פעאיקסטע שילערנס, — טעטיק אין די פארשידענע שולקאמיסיעס. א רואיקע, א חברישע, באשיידן און פריינטלעך האט זי מיט א סך טאקט מיטגעהאלפן אין די לימודים די אפגעשטאנענע תלמידים. — זי איז באליבט געווען ביי אלע לערער און תלמידים.

די שיינע און אויסגעאיידלטע שיינדל איז אין איר אויסערלעכער האלטונג און קליידונג געווען פשוט ביז נאכלעסיקייט, אבער מיט איר פריילעכן בליק, מיט אירע שווארצע אויגן און בלאנדע לאקן האט זי דעראבערט אלע הערצער אין א ברעקל קאקעטעריע. איר פנים האט תמיד אויסגעדריקט צערטלעכקייט, גוטסקייט און א גראדן שכל. אין 1937, ווען זי איז געווען אין 7-טן קלאס גימנאזיע, האט זי נאך א שווערן אינערלעכן געראנגל גובר געווען די קעגנערשאפט אין דער היים (וואו מען האט געוואלט, זי זאל אריין אין עפעס א שילער-ארגאניזאציע), און איז אריינגעטראטן אין „החלוץ-הצעיר", וואו עס זיינען געווען הויפטזעכלעך קינדער פון ארעמע און הארעפאשנע היימען. זי האט, צוזאמען מיט נאך עטלעכע חברים, ארגאניזירט א „החלוץ-הצעיר"-קרייז אין קלאס און האט זיך אפגעגעבן מיט התלהבות דער טעטיקייט פון דער ארטיקער ארגאניזאציע. זי האט געלערנט, ארגאניזירט אויספלוגן, איבערגענומען דערציאונגס-ארבעט. — אין דער דאזיקער טעטיקייט האט זי אזוי ווי געפונען א נייעם לעבנס-אינהאלט.

בעת זי איז אריין אין דער באוועגונג, האט זי געוואלט באלד

---

*) איבערגעדרוקט פון מלך נוישטאדטס בוך: „חורבן און אויפשטאנד פון די אידן אין ווארשע".

אויפהערן לערנען און ארויספאַרן אויף הכשרה. אָבער די עלטערן זיינען געווען קעגן דעם, און כדי נישט צו פארשאפן זיי עגמת-נפש האָט זי מסכים געווען צו פארענדיקן די גימנאזיע-לימודים און זי האָט זיי טאקע פארענדיקט מיט אן אויסצייכענונג. דעם 11־טן יוני 1938, צוויי טעג נאָך דעם מאטורא-עקזאמען, איז זי א גליקלעכע ארויסגעפאָרן אויף הכשרה קיין גראָכאָוו. עס איז איר שווער אָנגעקומען דאָס צופאסן זיך צום נייעם לעבנס-שטייגער, צו ארבעטס- און קאָמונע-לעבן, אָבער זי האָט די שוועריקייט גובר געווען און האָט גערעדט מיט ליבע וועגן איר ארבעט אין הינער-שטייג און וועגן אירע הינדעלעך. זי האָט זיך באַטייליקט אינם וועלט-סעמינאר פון החלוץ, וועלכער האָט געדויערט דריי וואָכן. ווען דער גראָכאָווער קיבוץ האָט אויפגענומען א גרופע אינגלעך-פליטים פון דייטשלאַנד, איז זי באשטימט געוואָרן אלס דערציערין און האָט איר אויפגאבע דערפילט געטריי און מיט אלע אירע מעגלעכקייטן. זי האָט א סך געארבעט איבער איר אייגענער פארפולקאָמונג — זי פלעגט מיט גרויס אויפמערקזאמקייט צוהערן זיך צו די רייד פון די ארץ-ישראלדיקע שליחים און זי פלעגט ממש שלינגען די ארץ-ישראלדיקע קיבוצישע פרעסע. איר הכשרה-צייט איז ביי איר אדורך אין א שטימונג פון שאפונגס-פרייד און פון עליה-אָפּוואַרטונג.

דעם 1־טן סעפטעמבער 1939 איז גראָכאָוו באָמבארדירט געוואָרן דורך די דייטשן, אָבער צווישן די 250 חברים איז נישט געווען קיין איינער, וועלכער זאָל וועלן פארלאָזן דאָס אָרט. אלע האָבן ווייטער פאָרגעזעצט די ארבעט — אין שטאַל, אין הינער-שטייג, אין פעלד. די רואיקע, צערטלעכע שיינדל האָט אלעמען געמונטערט און געשטארקט. — אומעטום איז זי געווען און מיט אלעמען. ווען די החלוץ-צענטראַלע האָט פארפליכטעט די חברים צו פארלאָזן דאָס אָרט און די חברים האָבן זיך גענומען גרייטן צוזאמען אין וועג אריין, איז שיינדל געווען צווישן די פאראנטוואָרטלעכע אָרגאניזאטאָרן. צען טעג האָט געדויערט דאָס גיין קיין קאָוועל, אויף וועגן, וועלכע די דייטשן האָבן כסדר באָמבארדירט. מען איז געגאַנגען ביינאכט, — און בייטאָג האָט מען זיך אויסבאהאלטן אין די וועלדער. דער הונגער האָט געמאטערט, די שיך זיינען צעריסן געוואָרן און די פיס צעוואונדיקט. זי איז בייגעשטאנען אלע שוועריקייטן, האָט געשטארקט זיך און אויך אנדערע; נאָר אין דער אָנוועזנהייט פון גאַנץ-נאָענטע האָט זי ארויסגעוויזן איר שמערץ און זיך מאנכעמאָל אויך גוט אויסגעוויינט. אין יענע פרואָוו-טעג איז זי אויסגעוואקסן און רייף-געהארטעוועט געוואָרן. אין קאָוועל האָט די באוועגונג באשלאָסן וואָס אויף ווייטער צו טון.

עס זיינען ארויס שליחים צו דער רומענישער גרענעץ, עס זיינען

אוועק הברים קיין וואַרשע אויסצובויען די באַוועגונג אינם אונטערערד. גרופּעס האָבן זיך אַרויסגעלאָזט קיין ווילנע, אין דער ליטע, האָפנדיק אַזוי אַרום אָנצוקומען קיין ארץ־ישראל. שיינדל איז באַאויפטראַגט געוואָרן צו זיין אַ פאַרבינדלערין פון דער באַוועגונג און אין איר נאָמען איז זי אַרויסגעפאָרן אין אַלע ווינקעלעך פון וואָלינער און ביאַליסטאָקער ראַיאָנען. זי האָט זיך פאַרשריבן אַלס סטודענטין אין לעמבערגער אוניווערזיטעט, כדי דערמיט צו פאַרלייכטערן איר שווערע און געפערלעכע אויפגאַבע. זי האָט געדאַרפט אָנקומען אין פאַרוואָרפענע שטעטלעך, אויסגעפינען חברים פון דער באַוועגונג, מוטיקן זיי און אָרגאַניזירן זיי אין פינפטלעך, אינסטרואירנדיק זיי אין דער אַרבעט. מיט ברען און איבערגעגעבנקייט האָט זי געטראָגן דעם שווערן יאָך פון דער אויפגאַבע. נאָר איין מאָל אין דריי חדשים האָט זי געהאַט אַ מעגלעכקייט צו באַגעגענען זיך מיט די אַנדערע חברים.

אין אָנהייב 1941 איז פאָרגעקומען אין ווילנער אונטערערד אַ סעמינאַר פאַר אַקטיווע חברים פון דער באַוועגונג אין ליטע. זי האָט גענבעט די גרענעץ, איז אַהין אָנגעקומען אין דער צייט און אָפּגעגעבן אַ באַריכט פון דער אונטערערדישער דערפאַרונג אין פּוילן, — ווייל די חברים אין ליטע האָבן ערשט געדאַרפט אָנהייבן זייער אונטערערדישע טעטיקייט. אין ווילנע האָט זי זיך געזעגנט מיט די חברים, וועלכע זיינען אָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל, — אָן קיין שום פאַרביטערונג, וואָס זי פאָרט נישט מיט זיי: „מען קען נישט אַנדערש“, האָט זי אַליין פאַרענטפערט; זי מוז פאַרבלייבן און פאָרזעצן איר אַקטיווע מיטאַרבעט אין דער באַנייאונג פון דער אונטערערדישער חלוצישער באַוועגונג. זי האָט נאָר געוואָלט, אַז די חברים אין ארץ־ישראל זאָלן זי נישט פאַרגעסן.

זי האָט טריי ווייטער געדינט דער באַוועגונג. די סאָוועטישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן זי אַרעסטירט און אַריינגעזעצט אין דער לוצקער טורמע צוזאַמען מיט יצחק (עדעק) גאַלאָוונער. ווען לוצק איז פאַרנומען געוואָרן דורך די דייטשן, איז זי אַנטלאָפן פון טורמע און זי האָט ווייטער פאָרגעזעצט איר אונטערערדישע טעטיקייט אונטער דער נאַציאָנאַלער אָקופּאַציע. עס איז שווער געווען אויפצוהאַלטן דעם קאָנטאַקט מיט די פּוילישע ראַנד־געביטן, וואו זי איז געווען טעטיק, און עס זיינען אָנגעקומען ווייניק ידיעות וועגן איר אַרבעט; מען האָט נאָר געוואוסט, אַז זי האָט אויסצופירן אַ זייער שווערע אויפגאַבע. זי האָט ווייטער אַרומגעוואָגלט איבער פאַרשידענע ערטער. פונאַנדערגעפירט מאַטעריאַלן א. א. וו. אינם בריוו פון „החלוץ“ אין פּוילן צו דער הסתדרות העובדים אין ארץ־ישראל — פון 15־טן נאָוועמבער 1943 — געפינט

זיך איר נאָמען צווישן די נעמען פון די צענטראַלע טוער, וועלכע זיינען אומגעקומען אין וואָלינער געגנט. — זי איז דעמאָלסט אַלט געווען 23 יאָר.

חברים, וועלכע האָבן באַזוכט קאָוועל באַלד נאָכדעם ווי די שטאָט איז פריי געוואָרן פון די דייטשן, האָבן געפונען אין דער האַלב־חרובער שיל פאַרשידענע אויפשריפטן אויסגעקריצט אין די ווענט. אין צווישן זיי אין אַ ספּעציעלער ראַם, אַ העברעאישע אויפשריפט: „שלום, די חברים פון אַ גרופּע חלוצים, וועלכע גייען שטאַרבן. מיר זיינען געבליבן טריי אונזער אידעאַל ביזן סוף. נעמט נקמה פאַר אונזער פאַרגאָסן בלוט”. — און געחתמעט זיינען פיר נעמען: שיינדל שיאַרין פון קאָוועל, לאה פיש פון האַראַכאָוו, רחל פאַגעלמאַן פון ליאַכאָוויטש און דוד אייזנבערג פון וואַרשע.

דבורה באראן

געבוירן אין קאוועל. דער פאטער א מאנופאקטור-סוחר, א ציוניסט און א פרומער. זי האט געענדיקט די „תרבות“-שול און דערנאך געלערנט אין א פראפעסיאנעלער שול פון „ארט“. נאך אין אירע לערן-יארן איז זי אריינגעטראטן אין „החלוץ-הצעיר“. סוף 1938 איז זי ארויס אויף הכשרה אין קיבוץ-באראכאוו אין לאדזש און געארבעט אין דער נייטעריי. נאך דער ליקווידאציע פונם קיבוץ, אין דער מלחמה-צייט, האט זי אנגעהערט אין דער גרופע פון די זעקס חברטעס, וועלכע זיינען פארבליבן אין לאדזש כדי אויפצוהאלטן דאס לעצטע פונם קיבוץ און פון דער באוועגונג. די צענטראלע האט זי דערנאך אריבערגעפירט אין ווארשע, וואו זי איז אריין אין דער לאנדווירטשאפטלעכער קבוצה פון „החלוץ“ אין טשערניאקאוו. נעבן ווארשע און אויסגעפירט דארט אלע ארבעטן ווי איינע פון די סאמע פאראנטווארטלעכסטע חברטעס. מיט דער גרינדונג פון דער אידישער קאמף-ארגאניזאציע איז זי אריין אין די קאמף-גרופעס פון „„דרור“.

א לעבהאפטע און חנוודיקע מיידל. אין די סאמע שווערסטע מאמענטן האט זי נישט פארלוירן איר גוטע שטימונג און אויך שטייענדיק אויף די פייער-פאזיציעס, האט זי נישט אויפגעהערט צו זינגען אירע באליבטע לידער. אין די ערשטע טעג פון געטא-אויפשטאנד האט זי געקעמפט אינם בערשטער-געביט אין דער קאמף-גרופע פון חנוך גוטמאן. ווען די דייטשן האבן פלוצלינג ארומגערינגלט ביי א שפעטערן קאמף

איבערגעדרוקט פון מלך ניישטאדטס בוך: „חורבן און אויפשטאנד פון די אידן אין ווארשע“.

דעם בונקער אויף פראנציסקאנער גאס 30, האָט דער קאָמאנדאנט באַפוילן, אַז זי זאָל ארויס די ערשטע און אדרוכברעכן א וועג פאַר די קעמפער, וועלכע האָבן זיך געפונען אינעווייניק. זי האָט אויסגענוצט דעם קנאפּן מאָמענט, ווען זי איז ארויס און די דייטשן זיינען איבערראשט געוואָרן פון איר שיינקייט און איר מוט, און זי האָט א וואָרף געטון אין זייערע רייען א גראנאט. די פּאָר מינוטן פון פּאניק, וואָס די דאָזיקע העלדיש־דרייסטע טאט האָט ארויסגערופן צווישן די דייטשן, האָבן די קעמפער אויסגענוצט אויף ארויסצוגיין פונם בונקער און עפענען א קאמף, אין וועלכן עס זיינען געפאלן פיר קעמפער, אָבער דערביי זיינען געהרגעט געוואָרן צענדליקער דייטשן. נישט האָבנדיק קיין אָנדער פּאסיקן שיין־קעלער, זיינען די קעמפער פארבליבן אויפן אָרט. אויפצומאָרגנס (דעם 3-טן מאי 1943), זיינען די דייטשן צוריקגעקומען און בעת דעם איבערגאנג פון בונקער, איז זי אומגעקומען מיט געווער אין האנט. איר נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאלענע אין ווארשעווער געטאָ־קאמף.

לאה פיש

געבוירן אין הראבאזו, וואלין, אין 1918, אין א פרומער משפחה. זי האט געלערנט מיט איסצייכענונגען אין א פוילישער שול און ביי פריוואטע העברעאישע לערער. זי האט זיך אנגעשלאסן אין „החלוץ הצעיר" און געגרינדעט די ארגאניזאציע אין איר שטעטל. צו 18 יאר איז זי ארויסגעפארן אויף הכשרה קיין גראכאוו, נעבן ווארשע און פון דארטן האט די צענטראלע זי ארויסגענומען אויף אנצופירן מיט גרופן יונגע חברים. עטלעכע מאל האט זי שוין געהאט באשלאסן אפצופארן קיין ארץ-ישראל, אבער זי האט זיך אונטערגעגעבן דער פאדערונג פון די חברים און פארבליבן ארבעטן אין דער באוועגונג, וואס האט איר גלייכצייטיק געדינט צו פארפולקאמען איר אייגענע בילדונג.

נאך דער דייטשער אקופאציע איז זי אריבער קיין ווילנע און איז גלייך געשיקט געווארן קיין קאוונע, כדי צו ארבעטן אין דער באוועגונג אין ליטע — און ווי תמיד האט זי געטריי אויסגעפירט איר שליחות. אויך דארט האט זי פארגעזעצט איר זעלבסטבילדונג און געלערנט שפראכן.

אין יענער צייט האט זי געהאט עליה-אויסזיכטן, אבער די צענטראלע האט ווידער באשלאסן זי צו פארהאלטן, און טראץ איר שטארקער בענקשאפט קיין ארץ-ישראל, האט זי זיך אונטערגעגעבן (איר ברודער חיים דן איז אין רמת הכובש). זי האט ארומגעוואנגלט איבער שטעטלעך און געבראכט צו די אידישע יוגנט-מאסן דעם ארץ-ישראל אידעאל.

ווען ליטע איז פאראייניקט געווארן מיטן ראטנפארבאנד און די

---

*) איבערגעדרוקט פון מלך נייסטאדטס בוך: „חורבן און אויפשטאנד פון די אידן אין ווארשע".

ציוניסטישע באוועגונג איז געוואָרן אומלעגאל, איז זי אוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע און אָפּגעשלאָגן די טירן פון פארשידענע אמטן, כדי צו באקומען עליה-מעגלעכקייטן; דאן איז זי צוריקגעפאָרן קיין ווילנע און פון דאָרטן איז אָנגעקומען קיין ארץ-ישראל איר לעצטער בריוו, וואָס צווישן זיינע שורות האָט זיך געפילט אירי שרעקלעכער צער צוליבן נישט קענען פאָרן קיין ארץ-ישראל.

ווען ס'איז באשלאָסן געוואָרן אריבערצופירן א טייל פון דער צענטראלע קיין וואָלין, איז זי אוועק פון ווילנע קיין לעמבערג און דערנאָך קיין קאָוועל. נאָר אומדירעקט זיינען אָנגעקומען א סך ידיעות וועגן איר שטארקער אקטיוויטעט און א סך מאָל ווערט דערמאָנט איר נאָמען צווישן די צענטראלע און אקטיווע חברים. וואָלין איז געווען איר לעצטער טעטיקייטס-אָרט. (אינם בריוו פון „החלוץ” אין פּוילן, פון 15-טן נאָוועמבער 1943, צו דער הסתדרות העובדים אין ארץ-ישראל, ווערט דערמאָנט איר נאָמען צווישן די צענטראלע טוער, וואָס זיינען געפאלן אינם קאמף מיט דעם אָקופּאנט).

חברים, וועלכע האָבן באזוכט קאָוועל נאָך דער באפרייאונג פון די נאציס, האָבן געפונען אין דער טיילווייז שטיין-געבליבענער שיל, פיר נעמען אויסגעקריצטע אין וואנט, אונטער א מעלדונג, אז זיי גייען שטארבן, — איר נאָמען איז געווען צווישן זיי.

שמאי לאופער

פון קאוולער געגנט איז ער געקומען קיין ווארשע, וואו ער האט געלערנט אין אוניווערזיטעט פילאסאפיע און באקומען דעם מאגיסטער-דיפלאם. ממש פון קינדהייט-אן איז ער געווען אין דער פועלי-ציון (צ. ס.)-באוועגונג און איז איר געבליבן געטריי ביז זיין לעצטן מאמענט. אין ווארשע איז ער באלד געווארן אקטיוו אין ציוניסטיש-סאציאליסטישן אקאדעמישן פארבאנד און האט אויך געווידמעט א סך ענערגיע דער קולטור-ארבעט פון די פראפעסיאנעלע פאראיינען, וועלכע זיינען געווען פארבונדן מיט דער פועלי-ציון (צ. ס.)-פארטיי. אין דער לעצטער צייט פאר דער מלחמה, איז ער ארומגעפארן אין שליחות פון צענטראל-קאמיטעט, אויף רעפעראטן אין דער פראווינץ.

ער איז געווען א גוטער און פאפולערער רעדנער; פלעגט ריידן מיט ברען, מיט פאלעמישער שארפקייט און מיט איבערצייגונגס-קראפט. ער פלעגט אויך ארויסטרעטן אויף געמיינזאמע פארזאמלונגען מיט פוילישע ארבעטער. ער איז געווען א קאמיטעט-מיטגליד פון דער ווארשעווער פועלי-ציון (צ. ס.)-ארגאניזאציע; האט מיטגעארבעט אין „דאס ווארט“, די ווארשעווער טאג-צייטונג פון דער באוועגונג פארן ארבעטנדיקן ארץ-ישראל, אלס איבערזעצער פון דער פוילישער פרעסע. ער איז געווען זייער אקטיוו אינם קאמף קעגן די געטא-בענק אין די אוניווערזיטעטן. די באוועגונג האט געלייגט אויף אים גרויסע האפענונגען.

בשעת דער נאצישער אקופאציע איז ער פארבליבן אין ווארשע און א סך מיטגעהאלפן אין דער אונטערערדישער ארבעט. ער האט נישט געלאזט פארלאשן ווערן דעם פייער פון דער באוועגונג; אפגעהיט איר קאמף-גייסט, — זייענדיק אויך אין דער אונטערערד-תקופה אן אקטיווער מיטגליד פון ווארשעווער פארטיי-קאמיטעט. ער האט אויך אנטיילגענומען אין דער פוילישער אויסגאבע פון דער פארטיי „נאווע טארי“. ער איז דערמארדעט געווארן בשעת דעם גרויסן גירוש, יולי—סעפטעמבער 1942.

אינם בריוו פון דער פוילישער פארטיי, פון 15-טן נאוועמבער 1945, צום איחוד-עולמי פועלי ציון (צ. ס.)-התאחדות, געפינט זיך זיין נאמען אין דער ליסטע פון די אקטיווע טוער, וועלכע זיינען געפאלן אין קאמף קעגן שונא. ער איז דאן אלט געווען 27 יאר.

איבערגעדרוקט פון מלך נייסשטאדטס בוך: „חורבן און אויפשטאנד פון די אידן אין ווארשע“.

ליובאַ לעדערהענדלער

א טאָכטער פון טוביה לעדערהענדלער, דער אײדעם פון דעם אָנגעזעענעם און חשובן קאָוולער תושב, חיים גערשונאָוויטש ע"ה. געווען איז זי א חברטע צו חברים און פריינט. געענדיקט די גימנאזיע, וואו זי איז געווען איינע פון די בעסטע שילערינס און האָט זיך געגרייט עולה צו זיין קיין ארץ-ישראל.

ווען די דייטשן האָבן פארנומען קאָוולע אין 1941, האָט זי און איר מוטער, גאָלדע (חיים גערשונאָוויטשעס טאָכטער) און די איבעריקע משפחה-מיטגלידער (דער פאָטער איז פריער געשטאָרבן), זיך געפונען אין קאָוולע. ווען די קאָוולער אידן זיינען פארשפארט געוואָרן אין די געטאָס, האָט ליובא באוויזן פון דאָרט זיך ארויסצוכאפן און זיך אויסבאהאלטן אין די וועלדלעך ארום קאָוולע, וואו עס האָבן זיך געפונען פארטיזאנער, און ליובא, — פארשטעלט אלס קריסטן, איז געווען צווישן זיי די פארבינדלערין.

פון א בריוו וואָס איר ברודער הערצל, געוועזענער סאָלדאט אין דער אידישער בריגאדע — איצט אָפיציר אין דער ישראל-ארמיי — האָט געשריבן צו זיין ברודער אדאָלפאַ קאהאן אין ארגענטינע און איז געווען געדרוקט אין „די פרעסע”, ערב יום כפור 1944, נעמען מיר ארויס פאָלגענדעס: „אונזער קליינע שוועסטער ליובא האָט געלעבט ביז יולי 1944. זי מיט דריי חברטעס האָבן געלעבט פארשטעלט אלס קריסטנס אויף מאָנאָפאָלנע גאס. זיי זיינען געווען פארטיזאנקעס און געקומען אין קאָנטאקט מיט די איינצלנע אידישע פארטיזאנער, וואָס האָבן געלעבט אין די קאָוולער וועלדער. צוויי וואָכן איידער די שטאָט איז איינגענומען געוואָרן דורך די רוסן און איז שטארק באָמבארדירט

געוואָרן הורך זיי. איז דאָס הויז וואו אונזער שוועסטער ליובא מיט אירע דריי הברטעס האָבן געוואוינט — שטארק באָמבארדירט געוואָרן, און די פיר אומגליקלעכע מיידלעך האָבן געמוזט פארלאָזן דאָס הויז. דאן איז א פּאָליאַק, א מנוול, איך ווייס נישט זיין נאָמען, געקומען צו זיי, האָט זיי דערקענט אלס אידישע מיידלעך און זיי איבערגעגעבן צו דער געשטאַפּאָ. די פיר מיידלעך זיינען גלייך דערשאָסן געוואָרן און זייערע קערפּערס זיינען אריינגעוואָרפן געוואָרן אין קאָוולער טייך „טוריא“.

ליובא איז דאן אלט געווען ביי די 23 יאָר.

IV

אויסצוגן פון קאָוולער אידישע אויסגאבעס

אין דער ראָזיקער אָפטיילונג האָבן מיר פאַראייניהייטלעכט די אָרטאָגראַפיע, נישט ענדערנדיק דעם סטיל, ווי עס איז געשריבן געוואָרן.



KOWLER SZTYME. דריטער יארגאנג.

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

פרייז 20 גראשען.

אנאנסען פרייז.
פאר א מיליפעטער שורה:
א עמוד האט 8 שפאלטן
פארן טעקסט—25 גר.
נאכן „ —15 „
אין „ —30 „
פארן אינהאלט און טערמין פון די אנאנסען איז די רעדאקציע ניט פעראנטווארטליך.

קאָוולער שטימע

דעמאָקראַטישע ליטעראַרישע וואָכענשריפט.

אבאנאמענט פרייז.
א מאנאט 1 זל. אין אויסלאנד 50 סענט
אדרעס:
KOWLER SZTYME
Kowel, Mieszczańska 14
דער רעדאקטאר נעמט אן טעגליך פון 2 ביז 3 נ. מ.
מאנוסקריפטן ווערן נישט צוריקגעשיקט.

קאָוועל, פרייטאג כח תשרי תר"ץ. № 103 Kowel, Piątek 1 Listopada 1929 r.

געניע געללער ∴ יעקב גאָרבאַטע
פ א ר ל א ב ט
קאוועל פאזדערניק 1929

צו דער פארלאבונג פון אונזער שוועס-טער געניע געללער מיט ה' יעקב גארבאטע א גליקליכן לעבענס-וועג און אונזער מוטער פיל נחת.
ברידער, שוועסטער,
שוואגערס, שוועגעריו.

צו דער פארלאבונג פון אונזער קוזינקע פרל' געניע געללער מיט ה' יעקב גארבאטע ווינשען מיר זיי פיל גליק און צופרידענהייט
חוה, סימא, מוריק פריידי.

צו דער פארלאבונג פון פרל' געניע געללער מיט ה' יעקב גארבאטע ווינ-שען מיר פיל גליק און צופרידענהייט
אשר רויטער און [illegible]

צו דער פארלאבונג פון מיין ליבען ברודער יעקב מיט פרל' געניע געללער

צו דער פארלאבונג פון
אונזער זוהן יעקב
מיט פרל' געניע געללער
ווינשען מיר זיי פיל גליק
עלטערן גארבאטע

מז"ט צו דער פארלאבונג פון ה' יעקב גארבאטע מיט פרל' געניע געללער און די עלטערן פיל נחת
רבקה משה אוסקאלאווסקי

גליק און צופרידענהייט ווינשען מיר אונזער ברודער און שוואגער יעקב גארבאטע צו זיין פארלאבונג מיט פרל' געניע געללער
ווירע מיט פרוי (ראזשטשע).

א גליקליכע צוקונפט ווינש איך מיין ברודער יעקב צו זיין פארלאבונג מיט

חנה גוכשטיין ∴ יונה בעבטשוק
פ ע ר ל א ב ט
מאניעוויטש 22 פאזדערניק 1929

מזל-טוב אונזערע ליבע עלטערן צו דער פארלאבונג פון אונזער ברודער יונה בעבטשוק מיט פרל' גוכשטיין גליק און צופרידענהייט און ווייטער לעבעדיג [illegible]
יעקב בעבטשוק [illegible]

מזל-טוב צו דער פארלאבונג פון אונ-זער ברידער יונה בעבטשוק מיט פרל' גוכשטיין און אונזערע ליבע עלטערן זאלן דערלייבן פיל נחת
לייביל בעבטשוק און פרוי

א הארציגען מז"ט אונזער פריינד דער פאמיליע בעבטשוק צו די חתונה פון זייער זוהן יונה מיט פרל' גוכשטיין
פאמיליע [illegible]

צו דער פארלאבונג פון ה' יונה בעב-טשוק מיט פרל' חנה גוכשטיין ווינשען מיר א גליקליכע צוקונפט

צו דער פארלאבונג פון ה' יונה בעב-טשוק מיט פרל' גוכשטיין ווינשען מיר פיל גליק ברידער וויסקינד

א גליקליכע צוקונפט ה' יונה בעבטשוק מיט פרל' חנה גוכשטיין צו זייער פארלאבונג ווינשט
סימאן פרייד און פרוי

א הערצליכן מזל-טוב ה' יונה בעבטשוק צו זיין פארלאבונג מיט פרל' חנה גוכשטיין יהושע פרידמאן

צו דער פארלאבונג פון ה' יונה בעב-טשוק מיט פרל' גוכשטיין מאניעוויטש
ווינשן מיר א גליקליכע צוקונפט
משה [illegible] און פרוי

צו דער פארלאבונג פון ה' יונה בעב-טשוק מיט פרל' גוכשטיין מזל-טוב
און פיל נחת די עלטערן

נדא טבא
לאחינו דוד ולגיסתנו הינדה
ליום הולדת בנם החביב לוצק.
יצחק׳ל
תזכו לגדלו ולחנכו ברב נחת
חנצה, משה פוגטש

געניע און בענעק ווייסבראט צום גע-בורט פון זייער זונדעלע לאנגע יאהר
און א גרינגע דערציהונג
פאמיליע זאקער

ה' בענעק ווייסבראט מיט פרוי געניע מזל טוב צום געבורט פון אייער זונ-דעלע און מיר ווינשען אייך א גרינגע דערציונג. ישראל לערנער און פאמיליע

מז"ט ה' שמואל יוסף ווערבע און פרוי צו דער חתונה פון אייער זוהן אהרן
מיט פרל' ספהר
נחום צוקערמאן און פרוי

ה' שמואל יוסף ווערבע און פרוי מזל טוב צו דער חתונה פון אייער זוהן
אהרן מיט פרל' ספהר
אברהם צוקערמאן און פרוי.

פאַקסימיל פון דער וועכנטלעכער אויסגאַבע „קאָוולער שטימע"

(ארויסגענומען פון „קאוולער שטימע", — פרייטיק כ״ב אלול תרפ״ט — 1929 - 9 - 27)

2 פארשטעלונגען פון „די ווילנער"

שבת קומען צו אונז קיין קאוועל די חשובע געסט — די ווילנער דראמאטישע טרופע. זייער קומען דארף פארוואנדלט ווערן אין א גרויסן יום טוב פאר דעם היגן איד. טעאטער-באזוכער, וועלכער האט דעם כבוד געהאט צו האבן אין קאוועל די ווילנער געסט בעת זייער דערפאלגרייכן טורנע איבער גאנץ פוילן, און געוויס וועלן מיר זיך אלע באגעגענען שבת און זונטיק אין טעאטער „עקספרעס" אויף די פארשטעלונגען פון די „ווילנער" — „קידוש השם" פון ש. אש און „ביינאכט אויפן אלטן מארק" פון י. ל. פרץ. מיר זיינען מער ווי זיכער, אז די 2 פארשטעלונגען וועלן צוציען אונזער טעאטער־פובליקום, וועמען עס איז טייער די אידישע קונסט.

„החלוץ"

שבת אין אוונט איז אין לאקאל פון החלוץ פארגעקומען א געזעגענונגס־באנקעט לכבוד דאס אפפארן פון דער קאוולער גרופע חלוצים קיין ארץ ישראל. דעם באנקעט רעפערענט מיט א זאכלעכער רעדע ה׳ לעווי, און עס האלטן געזעגענונגס־רעדעס ה״ה: פערעל, בוראק, סקאפ, ראזנצווייג, אטלאס, חיות און א גאנצע ריי פארשטייער פון פארשידענע ציוניסטישע ארגאניזאציעס און פאראיינען און ביי שיינע סערווירטע טישן אין א חברישער סביבה פארברענגט דער עולם אויך מיט נאציאנאלע און ציוניסטישע לידער און ארץ ישראל־טענץ ביזן גרויסן טאג אריין.

קיין פאזנאן

דינסטיק אוונט איז אין א ספעציעלן וואגאן אונטער דער באגלייטונג פון דירעקטאר ה׳ פראנקפורט, אפגעפארן 32 שילער פון דער „תרבות"־גימנאזיע קיין פאזנאן אויף דער אויסשטעלונג.

א דאנק-אויסדרוק

זייער ג׳ ה׳ ד״ר פנחס זיפקינד:

די פארוואלטונג פון „לינת הצדק" אין קאוועל דריקט אייך אויס איר טיפסטן דאנק פאר ערטיילן מעדיצינישע הילף צו ארעמע קראנקע פון „לינת הצדק" און יעדער באלוינונג, אונטערהאלטנדיק דערמיט די עקזיסטענץ פון „לינת הצדק".

מיט אכטונג
די פארוואלטונג פון „לינת הצדק"
אין קאוועל.

א קינד ברענגט זיין הילף פאר ארץ ישראל

אין אונזער רעדאקציע איז די טעג נעקומען דער 8-יעריקער איננעלע מטותל לערער פון ווארשאווסקי גאס. שילער פון 2-טן קלאס בית ספר „הרצליה", וועלכער

האָט אין זיינע קליינע הענטעלעך געהאלטן א פּעקעלע קליין־געלט. און האָט הארציק געזאָגט: נעמט ביי מיר צו דאָס געלט וואָס איך האָב אָנגעזאמלט, גאַנצע 2 זלאָטעס, און כ׳בעט איך, שיקט מיין געלט איבער פאר די אינגעלעך און מיידעלעך וואָס זייערע טאטעס און מאמעס זיינען געהרגעט געוואָרן אין אונזער לאנד ארץ ישראל. זיין בקשה איז מען אנטקעגנגעקומען און דאָס קינד איז אוועק א צופרידענער.

(פון ׳קאָוולער שטימע״ — פרייטיק כ״ח תשרי תר״צ — 29 - 11 - 1)

שמחת תורה אין די קאָוולער שילן

אונזער עולם, זייענדיק אויפגעמונטערט דורך די שיינע יום טוב-טעג, איז שמחת תורה געווען שטארק בגילופנדיק און האָט זיך באזונדערס אין די בתי מדרשים געלאָזט וואוילגיין, מאכנדיק רעוואָלוציעס אויף פארשידענע געביטן.

אין ווישינער שטיבל האָבן די יונגע הסידים דערקלערט א קאמף די אלטע און איין מאָל פאר אלע מאָל — זיי מוזן האָבן אן איינענעם גבאי. די מחלוקת האָט געבראכט דערצו, אז די אלטע הסידים האָבן אָפּגעטראָטן און די יונגע האָבן זייערס אויסגעפירט און אָנשטאָט די געוועזענע 2 גבאים, האָבן זיי נע-מאכט איינעם אן איינענעם...

די ליבאוויטשער „דייטשן” האָבן זיך שטארק צעבוגטעוועט קעגן די חסידים און האָבן געוואָלט אָפּנעמען ביי די לעצטע דעם כתר הגבאות, עס האָט זיך זיי אָבער נישט איינגעגעבן און זיי האָבן זיך באגנוגנט מיט א „פאָד־גבאי”...

די שטאָטישע קארלינער האָבן איינגעזען אז אין א צייט וואָס אלץ ווערט רעפאָרמירט מוז אויך רעפאָרמירט ווערן דער ענין פון גבאות — האָבן זיי טאקע פארביטן דעם הסידישן גבאי אויף א מער וועלטלעכן.

דאָס וואָס ס׳איז געשען אין סטעפען־נעפוכאיזשער שטיבל, שטייגט איבער אלע דערווארטונגען: שמיני עצרת אין דער פרי, ווען מען האָט נאָך פארהאנדלט די פעטע עליות פון שמחת תורה און פון א גאנץ יאָר, האָט אויסגעבראָכן א שטארקע מחלוקה איבער א חזקה תורה, וואָס האָט זיך געזאָלט אויסגליטשן פון „שטארקע הענט” — די ידי עשו. אמתע קצבישע, האָבן זיך שטארק צעשפּילט און מיט נסים וואָס מ׳איז אָפּגעקומען אָן סמנים. געליטן האָט נאָר דער גבאי, וועמענס אָרט עס האָט לפי שעה פארנומען דער עקס-גבאי פון פאראיאָרן.

אין קאָצקער שטיבל איז געשען א פּשוטער השגת גבול — מען האָט אויפגערופן „ראובנען” און „שמעון” האָט געמאכט די ברכה. עס איז געוואָרן א ויצעקו, מחלוקת, זידלערייען און דאָס כפרה־הינדל איז געווען דער קרן קימת, מען האָט פאר אים נישט געמאכט קיין בעבור שנדר...

אין פרוזשאנסקים ביהמ״ד האָט דער עולם געוואָלט פארקויפן „אתה הראית”־פּסוקים־וויז לטובת דעם בית יתומים. איז אָבער דאָרט פאראן א נפש, וואָס האָט א טבע צו זאָגן שטענדיק קאפּויער און האָט ווי דער שטיינער איז אין אזעלכע פאלן, אויסגעפירט. האָט זיך דער עולם מיישב געווען און אוועק אין

א באזונדער שטיבל און געמאכט שבת פאר זיך. אויף צו להכעיס דעם קהלשן „כל ולך" האָט דער בית יתומים געהאט א פּאָר הונדערט גילדן הכנסה...

אין דער גרויסער שיל איז פאראן א קמצן וואָס איז א בעלן אויף א פעטן ביסן אָן א גראָשן. אויב אָבער יעדעס יאָר האָט עס אים אָפּגעגאָלטן, האָט זיך היינטיקס יאָר געפונען א בעלן, וועלכער האָט בדאי צוויי מאָל תורה געקויפט און דער קמצן איז נעבעך געבליבן אָן א ביסן תורה...

אין טריסקער שטיבל אין „שטאָט", האָט זיך דער גבאי „גרויס־געהאלטן", אפילו נישט געגעבן די חסידים צו שמעקן פונם ביטערן טראָפּן אין שמחת תורה. נאָר א דאנק דעם שכן, וואָס דאָס שטיבל האָט נעבן דער זייט א צווייטן מנין זיינען די ערשטע אויך פארבעטן געוואָרן. ווי מ'שמועסט איז דאָס „אָן אדערויף" אויף שבת בראשית.

אין בהמ"ד ד'ענטין איז גאָר געווען פריילעך. מ'האלט נאָך די געשעעניש ביד, נאָר דאָך לאָזט זיך הערן אז שמחת תורה האָט מען דווקא געשלאָסן דעם אָרון קדוש און עס איז געוואָרן א לויפעניש דורך די פענצטער...

א שטיקל שמחת־תורהדיקן נחת האָבן מיר דאָך געהאט אין ביהמ"ד פון טריסקער רבין: שמחת תורה ביינאכט איז דער ביהמ"ד פול געווען פון ביידע מינים יונגווארג. די התפּעלות האָט אזש ארומגענומען אויך די חברים פון „בונד", וועלכע האָבן צוזאמען מיט חסידים געפּאטשט צום טאקט און געזונגען בשעת הקפות.

ואחרון אחרון — דער „זאמדיקער" בית המדרש: דאָרטן איז אין טאָג פון שמחת תורה געשלאָסן געוואָרן א שלום אויפן גאנצן פראָנט. הלוואי אויף לאנגע וואָכן.

(פון „קאָוולער שטימע", — פרייטיק ג'
סיון תר"צ — 1930 - 5 - 30)

חנוכת הבית פון דער תלמוד תורה

צווישן די חורבות וואָס די לעצטע וועלט־מלחמה האָט אָנגעמאכט ביי אונז אין שטאָט, האָט אמערסטן געליטן די ת"ת־געביידע, וועלכע איז אינגאנצן צושטערט געוואָרן, און עס איז פארבליבן א ליידיקער פלאץ. געוויסע עסקנים האָבן נאָך דער מלחמה אָפּגעגעבן פיל מי אין א פרעמדן פּריוואטן בנין און האָבן איינגעאָרדנט דאָרט צוריק די ת"ת, קלערנדיק, אז אפשר וועט דער פּריוואטער בנין פארבלייבן פאר א שטאָט־נחלה און דאָס האָט זיך אויך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט און די ת"ת האָט געמוזט דעם בנין פארלאָזן. 4 יאָר צייט וואלגערן זיך די אָרעמע קינדער מיט די מלמדים און לערערס פון דער ת"ת אין פארשידענע בתי־מדרשים און אזוי ארום האָט דאָס אָרעמע אידישע קינד נישט געקענט באקומען דעם געהעריקן חינוך.

מיט א פּאָר יאָר צוריק האָבן זיך אייניקע היגע עסקנים פאראינטערעסירט מיט דער געשאפענער אין ת"ת — לאנגע און די חשובע עסקנים ה' דוד שקאָלניק, ה' שמחה היינאך און ה' יעקב שמואל גאָלדבערג זיינען צוגעטראָטן צוריק אויפצובויען א נייעם בנין אויפן זעלבן אָרט וואו דער אלטער ת"ת־בנין איז געווען.

זיי איז אנטקעגנגעקומען מיט הילף די היגע מנדבים און אויך אונזער׳ע לאנדסלייט אין אמעריקע און זונטיק דעם 8־טן טשערוויעץ (יוני) קומט שוין פאָר די גרויסע פייערונג פון חנוכת־הבית פון דעם נייעם מויער פאַר דער ת״ת.

מיר גלויבן אז די קאָוולער באפעלקערונג וועט פארשטיין די גרויסע ארבעט וואָס די חשובע עסקנים האָבן אָפּגעטאָן לטובת דעם אָרעמען קינד און אלע וועלן אנטיילנעמען אין דער אידישער שמחה און פייערן אזא יום טוב־טאָג, וואָס קומט פאָר זעלטן ביי אונז אויף דער אידישער גאס.

מעלדונג

אויף דעם סמך פון ועד־באשלוס פונם 26־סטן ה. מ. ווערט דער חבר יוסף אברך צוריק איינגעשלאָסן אין דער רעוויזיאָניסטישער אָרגאניזאציע.

ברית הצה״ר בפולניה, סניף קובל.

קאָאָפּ. קרעדיט - קליינהענדלער באנק אין קאָוועל

דאמיט מאכן מיר באקאנט אז פונם 1־טן יוני ה. י., איז איינגעלאדן געוואָרן אלס דירעקטאָר פון אונזער באנק, דער באוואוסטער קאָאָפּעראטאָר און לאנגיאָריקער דירעקטאָר פון דער היגער פאָלקסבאנק, ה׳ חיים גרינבערג. אונזער באנק דערלעדיקט אלערליי באנקאָפּעראציעס ראיעל און פּינקטלעך.

ראט און פארוואלטונג.

א גרופּע חברים פון „השומר הצעיר" אין קאָוולע, אין יאָר 1924

א גרופע „פון זעלבסט־בילדונג־קרייז” (קבוצה להשתלמות עצמית) אין קאוולע אין 1921. אין צענטער: איסר קאמינסקי, פאר זיין אפפארן קיין ארגענטינע.

(פון „קאוולער שטימע”, — פרייטיק י”ד שבט תרצ”ב — 1932 - 1 - 22)

צו די עלטערן פון די קאוולער „תרבות”־שולן!

חברים עלטערן! פאטערס און מוטערס פון די קינדער אין די העברעאישע שולן פון „תרבות”!

מיר ווענדן זיך צו אייך, אלס צו די, וועלכע באווייזן זייער איבערגעגעבנקייט צו דער העברעאישער שול נישט נאר מיט רייד, נאר מיט מעשים, מיט גרויסע, שווערע מאטעריעלע קרבנות.

איר אלע וועלכע זאגט זיך אפ איינוויליק פון דער אומזיסטער שולע און שטרענגט זיך אן גוואלדיק אין דער היינטיקער קריטישער צייט, אבי צו לערנען אייערע קינדער אין דעם העברעאישן בית־ספר — טוט איר עס דאך געוויס נישט סתם אזוי זיך, צוליב ריינעם קאפריז. אן א פארוואס!

אויב איר קוקט נישט אויף די שוועריקייטן, מיט וועלכע עס איז פארבונדן דאס לערנען א קינד אין א שולע, וואס באקומט נישט, לידער, קיין שטיצע פון דער מלוכה, אויב איר טראגט עקשנותדיק אויף אייערע פלייצעס דעם דאזיקן יאך — מסתמא פילט איר דאך, אז נאר די דאזיקע שולע גיט אייער קינד די ליבטיקע און ליבע סביבה פון אייגענער נאציאנאלער שאפונג, נאר זי פארבינדט אים מיט זיין היים און מיט זיין פאלק. נאר זי שאפט פאר אים העכערע, איידעלערע ווערטן און אידעאלן, און היינטיקן שבת, קומענדיק אויף דער אלגעמיינער־פארזאמלונג פון „תרבות”, וועט איר קומען אהין אלס זייער וויכטיקע, זייער טעטיקע מיטגלידער פון דער געזעלשאפט „תרבות”, ווייל אייערע מעשים פאר דער אידייע פון „תרבות” זיינען דאך די וואגיקסטע, די ממשותדיקסטע.

קיינער פון די עלטערן זאלן נישט פעלן אויף דער דאזיקער פארזאמלונג! זאל דארט געהערט ווערן דאס ערנסטע און פראקטישע ווארט פון די עלטערן!

עס דארף נישט אויסגענוצט ווערן די פארזאמלונג פאר קליינלעכע טענות (וועלכע זיינען אומפארמיידלעך ביי יע-

דער גרויסער ארבעט), נאָר פאַר רואיקע, זאַכלעכע, אָבער שטרענגע קריטיק.

„תרבות” טאָר נישט זיין קיין כתבי־„אינסטיטוציע”, וואָס דינט אלס פעלד פאַר א פאָר עסקנים אום זיך ארויסצוווייזן און קונה שם זיין, נאָר דאַרף ווערן דער וואַרשטאַט פון העכסטער אָנשטרענגונג, כדי אין דער צייט פון אלגעמיינער ירידה ראטעווען דאָס טייערסטע ווינקעלע, די היים פון אונזערע קינדער.

דאָס ווינקעלע זיינען די בתי־ספר, דער הויפּט־יסוד, פון וועלכן עס פליסן ארויס אלע אנדערע שאַפונגען פון „תרבות”, און אין א שווערע צייט מוז דאָס דאָזיקע ווינקעלע קודם כל באַזאָרגט און פאַרפעסטיקט ווערן.

„תרבות” אין קאָוועל דאַרף האָבן אזא ועד, וועלכער זאָל די דאָזיקע ערשטע אויפגאַבע זיינע גוט פאַרשטיין און ענערגיש דורכפירן.

מיר אַפּעלירן צו אייך: קיינער זאָל זיך נישט אָפּהאַלטן פון קומען אויף דער פאַרזאַמלונג, ווייל אייער גלייכגילטיקייט אין אזא אנטשיידענעם מאָמענט קען, חלילה, ברענגען גרויס שאָדן אונזער הייליקע זאַך, און איר אליין וועט נאָכדעם חרטה האָבן.

עקסטרע און אויסעראָרדנטלעכע הילף פאַר די בתי־ספר! — מיט דעם לאָזונג מוזט איר אלע קומען צו דער פאַרזאַמלונג און דאָרט אים פאַרווירקלעכן!

עלטערן־קאָמיטעט ביים בית־הספר
„הרצליה”.

קבוץ החלוץ קובל

אכטונג! באַשטעלונגען אויף אויספירן אלע שווערע ארבעטן, ווי האָלץ־האַקן א. ד. ג. ווערן אָנגענומען אין קבוץ, וואַרשאַווסקא 106 הויז ה' מאָניש רויזען, ביי ה' מאָטל הערליך, וואַרשאַווסקא 184, ביי ה' משה גיטעלים סטשעלעצקא 8 און ביי ה' מאָטל מלמד, בריסקער 57.

הסתדרות „השומר הצעיר” אין קאָוולע אין 1924.
אין צענטער: איסר קאַמינסקי, איצט אין ארגענטינע.

מאיר (מוניע) מאַרדער

וויצע אוויאַציע־מיניסטער אין ישראל

מאיר מארדער, זון פון אברהם יצחק און העניע מארדער, ער האָט געלערנט און געענדיקט די העברעאישע גימנאזיע „הרצליה“ אין קאָוולע. איז געווען אַנגעשלאָסן אין דער „השומר־הצעיר“ אָרגאַניזאַציע אין קאָוולע, זייענדיק איינער פון אירע אַנפירער.

אין יאָר 1933, איז ער צוזאַמען מיט א גרופּע חלוצים עולה געווען קיין ארץ ישראל.

איצט פארנעמט מאיר מארדער דעם הויכן אמט פון: סגן שר התעופה (וויצע אוויאַציע־מיניסטער) אין ישראל.

נאָטא: די דאָזיקע קורצע דאטן, האָט אונז איבערגעגעבן מאיר מארדערס קוזין, אונזער לאַנדסמאַן פריינט וו. ב. פרייד.

(דאָס בילד פון יאָר 1930, אין עלטער פון 16 יאָר)

(פון „קאָוולער שטימע", — פרייטיק ט"ו אלול תרצ"ב — 16-9-32)

נאָטיצן

זאָל פארצייכנט ווערן א סקאנדאליעזער פאקט: די אָרט-שול אין קאָוועל איז כמעט ווי געשלאָסן געוואָרן. איך אונטערשטרייך „כמעט", ווייל עס איז שווער שלום צו מאכן מיטן געדאנק, אז די איינציקע אידישע פאך-שול אין קאָוועל, איינע פון די געציילטע אין וואָלין, זאָל אויפהערן צו עקזיסטירן.

צניעותדיק און שטיל האָט יאָרנלאנג זיך געלעבט אן אנשטאלט און אָן רעקלאמע האָט ער זיך אויסגעקעמפט א בכבודיק אָרט אין דער משפחה פון די קאָוולער אינסטיטוציעס. מיט פראצע פון יונגע אידישע טעכטער, וואָס האָבן פארלאָזן זייערע דעקלאסירטע טאטע-מאמעס גליקן אום צו ווערן זעלבסטשטענדיק און פראָדוקטיוו, — האָבן געאָטעמט די ווארשטאטן פון שול.

נישט שוין-זשע וועט איצט דער זשאווער פרעסן די מאשינען און אידישע קינדער וועלן ווייטער דארפן פארשווארצן לאנגע יאָרן ביי קאפריזנע מאָדיסטינס?!

און וואָס ערגער, מען קען נישט קיינעם באשולדיקן: האָבן דאָך די לערער חדשים-לאנג געהונגערט, נישט באקומענדיק די גראָשנדיקע פענסיע, זיינען דאָך די „אָרט"-טוער געווען שטענדיק אויפן אָרט, — טאָ וואָס בלייבט צו טון?

עס מוז די גאנצע עפנטלעכע מיינונג אנגאזשירט ווערן, און מיט זיבן וועגן זאָל דאָס אידישע קאָוולע גיין ראטעווען איינע פון אירע נוצלעכסטע און שענסטע אינסטיטוציעס.

מיט דער האנט אויפן הארצן אז — ידינו לא שפכו את הדם הזה, — ווייל די „אָרט"-שול דארף — מוז, און — וועט עקזיסטירן.

* * *

— נאָר פארוואָס זאָלן אידישע אינסטיטוציעס נישט אונטערגיין, אז די לייב-טייל פון אונזערע סובווענצן אין מאגיסטראט איז אומברחמנותדיק געשטראָכן געוואָרן. ווייזט אויס, אז הימל און ערד האָבן געשוואוירן, אז קיין גראָשן פון די 70 פראָצענט שטייערן-געלטער וואָס פליסן אריין פון אידישע קעשענעס, זאָל חס-וחלילה אויף צוריק נישט אריינוואנדערן. און זאָלן פאקטן נעמען דאָס וואָרט:

דעם וואָלינער טעאטער אין לוצק האָט מען פארגרעסערט די סובסידיע אויף גאנצע 3.000 זל. ווען אין אלע אידישע סובווענצן האָט מען געמאכט א קייזער-שניט. וואָס-זשע הייסט דאָס? מיר סימפאטיזירן זייער מיט דעם וואָלינער טעאטער, אָבער, זיינען דען אונזערע קולטורעלע באדערפענישן פון א ערגערער קאטעגאָריע, אָדער זיינען זיי נישט אזוי באדערפטיק?!

און דערפאר טאקע דאנגלען זיך א רייע אידישע אינסטיטוציעס אָן דער זיכערקייט פון מאָרגן און מיר זיינען היפלסלאָז זיי צו ראטעווען.

* * *

און אז מיר שמועסן שוין פון אונזער „ליבן" מאגיסטראט, טאָ זאָלן מיר זיך שוין אָפּרעדן נאָך עפּעס פונם הארצן,

און מיינט איר אפשר א רעדוקציע פון א אידישן אַנגעשטעלטן? (מ'וואָלט נאָך רעדוצירט, איז שוין נעבעך נישטאָ וועמען...). ניין! א „שטיקל" וואָס האָט נישט צו טאָן מיט שפּאָר, נאָר פאַרקערט, אפשר מיט פאַרדינסט פאַר דער מאגיסטראַט-קאַסע, און נעמלעך: אונזער שטאָט-„טאַטע" באַוויליקט נישט צו פאַרדינגען דעם שטאָטישן קינאָ-זאַל פאַר איד. טעאַטער. בשעת איך שרייב די שורות, ווייס איך נאָך ניט אויב איך וועל אין אוונט זוכה זיין צו זען אידא קאַמינסקאַן. און וואָס וויכטיק — די דעציזיע אין דער פראַגע אַנבאַלאַנגט נאָר אין אונזער בורמיסטרזש. און ווען דאָס וועט יאָ געשען, אייניקע שעה פאַר דער פאַרשטעלונג, און מען וועט באַוויליקן דעם זאַל פון שטאָטישן קינאָ צו געבן, איז וויפל עגמת נפש וועט דאָס פאַרשאַפן ביז מ'וועט די באַוויליקונג באַקומען, לאָמיר־זשע טאַקע פרעגן: צי וועט טאַקע די קונסט פון אזעלכע גאָט-געבענטשטע ארטיסטן ווי א קאַמינסקי א. א. פאַרשוועכן די הייליקייט פון דער שטאָטישער זאַל? און פאַרוואָס זאָלן די מאַסן אידישע קינאָ-באַזוכער נישט טאָרן זיך פאַרגינען צו געניסן פון אידישער קונסט דורך א פאַרשטעלונג אין שטאָטישן קינאָ?

עס איז זייער א וויכטיקע פראַגע און אונזערע פאַרשטייער אין שטאָט־ראַט האָבן דאָס וואָרט.

א גרופּע אַנפירער פון „השומר הצעיר"-אָרגאַניזאַציע אין קאָוונע, אין יאָר 1924. עס זיצט פון לינקס — איסר קאַמינסקי, ברוך וועלוועלער, ווייצמאַן און נת ערליך.

⁂

נאָר גענוג זיך געזעגנט; לאָמיר זיך כאָטש פרייען איבער א קאַפּיטשקע נחת 17 חלוצים פאָרן אַפּ קיין ארץ ישראל. דאָס הייסט: 17 פּאָר הענט וואָס זיינען געלעגן פאַרלייגט אויף די פּאָליצעס וועלן באַקומען זייער תיקון. דאָס אליין גענוגט שוין. וואָרום די פּעכט פון בטלנות דאָ אין גלות צעפרעסט דאָס לעצטע ביסל ענערגיע פון אונזער יוגנט, און ביי היינטיקן טאָג איז מער קיין וועגן נישטאָ, בוכשטעבלעך נישטאָ!

וואָס-זשע שטערן נאָך די ציין די שונאים פון רעכטס און לינקס אויף

אונזער ציוניסטיש ווערק? קאָנען זיי אפשר אָנווייזן א ראציאָנעלערן וועג, א מער זיכערן ציל ווי עס איז „פאלעסטינע"?! אז וואָס ערגער די לאגע דאָ, אלץ שטארקער ווערט אונזער באזיץ דאָרט.

און דערפאר איז יעדער אָפּפאָרנדיקער חלוץ פאר אונז א סוקסעס, א געשעעניש און על אחת כמה וכמה גאנצע גרופּעס.

א הארציקן זיי-געזונט אלע אָפּפאָרנדיקע חברים!

ב. יקירי *).

„חשמונאי"

זונטיק איז אין אייגענעם לאָקאל פארגעקומען די יערלעכע אלגעמיינע פארזאמלונג פון „חשמונאי". די פארזאמלונג דערעפנט דער פרעזעס ה' מ. פערל. וועלכער גיט אין קורצע ווערטער אן איבערבליק פון דער טעטיקייט פון דער פארוואלטונג און עס ווערן אויסגעוויילט ראטמאן פנחס שיינבוים אלס פאָרזיצער, ה"ה ב. פערילמוטער, פ. פאנטורין — בייזיצער און ל. כאזאן — סעקרעטאר.

א זאכלעכן באריכט פון דער טעטיקייט פון דער פארוואלטונג גיט איבער דער ערן־סעקרעטאר ה' יעקב גראניטש. פון דעם באריכט איז צו זען, אז נישט רעכענעדיק מיט די אויסערגעוויינלעכע שווערע באדינגונגען האָט זיך דער קלוב אנטוויקלט. נאָך דער גרויסער פראָפאגאנדע, וועלכע האָט געמאכט דאָס ווײלן פון ווינער „הכוח" איז געקומען דאָס אגאנזשירן דעם טרענירער ה' זינגער פון בודאפעשט, וועלכער האָט מיטגעהאָלפן צו דער אנטוויקלונג פון דער פוטבאָל־דרוזשינע. אויך די מאנשאפט פון ספּאָרט-שפּילן באקומט אין יאָר 1931 די מייסטערשאפט פון וואָלין. א נייע דאטע אין דער ארבעט פון קלוב טרעט אריין מיט דער מינוט ווען עס

אויפנאמע פון א פוטבאל־פארמעסט אין קאוועל, צווישן קאוועלער און לודמירער „מכבי"־ארגאניזאציעס, אין יאר 1925.

---

*) פּסעוודאָנים פון יעקב בוראק, רעדאקטאָר פון „קאָוולער שטימע". — די רעד.

ווערט נאָך גרויסע אָנשטרענגונגען געעפנט אן אייגענער פּרעכטיקער קלובלאָקאל אין צענטער פון שטאָט. ס'באווייזן זיך מעגלעכקייטן פון א בעסערער אנטוויקלונג, ס'פעלט אָבער א געניטער קוואליפיצירטער אינסטרוקטאָר. אין פארלויף פון לויפנדיקן סעזאָן ווייזט ארויס די מאנשאפט א אויסערגעוויינלעכע אמביציע און נישט געקוקט אויף די אויסערגעוויינלעכע שטערונגען, געלינגט דאָך „חשמונאי” צו שלאָגן די ערנסטע קעגנער און פארנעמען א בכבודיק אָרט אין קלאס „א”.

די פארוואלטונג האָט זיך איצט געשטעלט אין פארבינדונג מיטן וועלטפארבאנד „מכבי” וועגן אן אינסטרוקטאָר פאר גימנאסטיק.

דעם קאסע־באריכט גיט איבער דער ערן־קאסירער ה' מ. גילדווארג. פון דעם באריכט איז צו זען, אז אין פארלויף פון דער באריכטס-צייט באטרעפט דער אומזאץ פון קלוב אויף דער סומע פון 10.816 זל. 56 גר. נאָך אלע אויסגאבן באטרעפט דער ריינער ריווח העכער 500 זל.

אין נאָמען פון דער רעוו. קאָמיסיע גיט איבער דעם באריכט ראט. ה' יצחק שאמעס. פון וועלכן עס איז צו זען, אז די ביכער זיינען געפירט געוואָרן אין בעסטן אָרדענונג.

אין דער דיסקוסיע, וועלכע עס אנטוויקלט זיך ארום די באריכטן נעמען אָנטייל: ה"ה ליבערמאן, פונאטש, פּרוזשאנסקי, פלאָט, דאנציגער, גאלפערין, כאזאן א. א., וועלכע ווייזן־אָן די גוטע און שלעכטע זייטן פון דער אָפּטרעטנדיקער פארוואלטונג.

איינשטימיק ווערן אָנגענומען די באריכטן פון דער פארוואלטונג צו קענטעניש.

די וואלן צו דער נייער פארוואלטונג ברענגען פאָלגנדיקן רעזולטאט: ה"ה מ. פעריל, מ. דאנציגער, ד. גאָרין, י. גראניטש (איינשטימיק) גילדווארג, י. ערליך, אהרן ערליך, ז. צין, פ. פאנטורין, י. ליבערמאן, קאנדידאטן: ה"ה ל. רוויזען און פ. קאָהן.

אין דער רעוויזיאָנס־קאָמיסיע ווערן געוויילט: ה"ה פ. שיינבוים, י. פּרוזשאנסקי און ב. פערילמוטער.

ס'ווערט איינשטימיק אָנגענומען דער פאָרשלאג פון ה' פלאָט, אויפצופאָדערן די נייע פארוואלטונג מיט אלע מיטלען צו אנגאזשירן אן אינסטרוקטאָר, וועלכער זאָל אלזייטיק אָנפירן מיט די באזונדערע גרופעס פון „חשמונאי”.

ה' פעריל דאנקט דאָס פרעזידיום פאר זייער מיפולער ארבעט, אויך דער פארוואלטונג און 1 אזיינער ביינאכט שליסט דער פאָרזיצנדער די אלגעמיינע פארזאמלונג.

17 עולים קיין ישראל

שבת-צו-נאכט איז אין דעם שיין־דעקאָרירטן לאָקאל פון החלוץ־הצעיר פאָרגעקומען א פייערלעכער געזעגענונגסבאנקעט אין צוזאמענהאנג מיטן אָפּפאָרן פון די 17 היגע הלוצים קיין ארץ ישראל. דער גרויסער לאָקאל איז איבערפולט פונם גרויסן עולם עלטערע ציונים און ציוניסטישע יוגנטלעכע. ה' וועוויק דערעפנט דעם באנקעט און עס ווערט געוויילט דער פרעזעס פון היגן קרן־קימת־קאָמיטעט ה' משה פעריל.

וועלכער נעמט איבער מיט א פייערלעכער באגריסונגס־רעדע דעם פארזיץ. עולים יונגווארג זינגען „אני עולים ארצה“, דער קק״ל מורשה ה׳ ישראל פרוזשאנסקי, האלט א לענגערע רעדע, אנווייזנדיק אויפן וויכטיקן מאמענט פון דער עליה, און אז מיר קאוולער האבן דאס ערשטע מאל אזא שמחה ווי צו שיקן מיט איין מאל 17 היגע חלוצים פארן אויפבוי פון ארץ-ישראל. עס באגריסן: דער „תרבות“-צענטראלע פארשטייער ה׳ נעלמאן — ווארשע, פרעזעס פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע ה׳ ל. פיש, „על המשמר“-גרופע ה׳ קאלאמאנש, „תרבות“ ה׳ יצחק גיטעלים. לינע פאר ארבעטנדיקן א״י ה׳ ווייסברויט, ה׳ באריסלאווסקי — א״י. „קאוולער שטימע“ רעד. ה׳ בוראק, ה׳ זאפראן און פיל פארשטייער פון די ציוניסטישע יוגנט־ארגאניזאציעס.

פארן גרויסן עולם ווערן פארגעשטעלט די פאלגנדיקע 17 חלוצים־עולים: אסתר קאפיט, רבקה גאלדשמיד, חייקע פרייד, מרדכי ערליך, דוב גלייזער, לייביש עפשטיין, ברכה ארשטיין, יהודית גראבער, שרה היינעך, לייביש קופערשטיין, בלימע וואקס, מלכה נארין, יצחק פינקעלשטיין, יצחק בורשטיין, בערל וואקס, דוד קאליקא, יצחק פידעל. דער עולם באגעגנט זיי מיט „התקוה“-געזאנג. פון א גרויסן טייל פונם עולם זעט מען די קנאה־בליקן, וועלכע האבן אויסגעדריקט ווילן, זיך וואס שנעלער צו טרעפן מיט זייערע חברים און באקאנטע אין פארבענקטן לאנד ארץ־ישראל.

אין א געהויבענער שטימונג פארברענגט דער עולם ביי די שיינע בערווירטע טיש. די שמחה איז אין לשער. מען האלט טאסטן און מען זינגט כסדר ארץ ישראל-לידער און עולם יונגווארג כאפן „הוירא“-טענץ ביז אין גרויסן טאג אריין.

קאוועל אין ערב פסח

(פון „קאוולער שטימע“ — פרייטיק ערב פסח תרצ״ז — 26 - 3 - 1937)

די האפענונגען וואס מ׳האט געלייגט אויפן וועטער, האבן זיך נישט רעאליזירט. די זון ליגט נאך אלץ אין איר „פוטער-פאס“ און דאס האט פיל מיטגעווירקט. אז אויך אין האנדל, אין געשעפטן און אויפן מארק זאל זיין אזוי „ווינטערדיק“. דער עולם האט נישט פאר וואס צו קויפן און די וואס האבן נאך יא די מטבע, ווארטן אויף א פארבעסערונג פון וועטער. צוליב דעם איז דער ערב יום-טוב געווען קלאגעדיק. אויך די מצה-בעקערייען קלאגן זיך אויף א שוואכן סעזאן, זייער ווינציק מענטשן האבן היי־יאר געבאקן דעם זעלבן סכום מצות ווי פאריקן יאר, איז דעריבער דער אומזאץ געווען א שוואכער, און נישט קוקנדיק דערויף וואס עס פאלטאויס היי־יאר צוזאמען דער קריסטלעכער און אידישער יום־טוב, דאך איז דער פדיון אינם ערב יום-טוב געווען א גאנץ שוואכער — וואס די סוחרים קלאגן זיך, אז נאך קיין יאר האבן זיי אזא ערב פסח ווי היי-יאר נישט געהאט. אבער דאס האט נישט באגנוגט די היגע אנטיסעמיטן, וועלכע האבן אין זונטיקדיקן טאג פארשפרייט אין שטאט זייערע שווארצע פלוג־בלעטלעך, נישט צו קויפן ביי אידן.

די פסח־אקציע: דער גאנצער אידישער דלות און אידישע נויט האָט זיך ארויסגעוויזן אין זיין פולן פארנעם אין דער וואָך פון ערב פסח. די קהילה איז במשך פון דער גאנצער וואָך געווען באלאגערט פון א גרויסער צאָל אָרעמע-לייט, צווישן זיי אפילו אזעלכע יורדים, וואָס האָבן שוין אראָפגעוואָרפן פון זיך דאָס שעם-היטל. אין דער נאכט פון מאָנטיק אויף דינסטיק האָט דער קאָמיטעט פון „מעות־חיטים" פארענדיקט די אויסרעכענונג פון דער חלוקה און ווי באטריבט זיינען אלע געוואָרן, ווען דער קאָמיטעט האָט פעסטגעשטעלט, אז לויט דער צאָל פאררעגיסטרירטע פעטענטן, וועט קוים אויסקומען איין (1) קילאָ מצה אויף א פערזאָן — אָבער דערצו איז קיין עצה נישטאָ. בס"ה האָבן זיך פאררעגיסטרירט אין קהילה אויף צו באקומען מצה פון „מעות-חיטים" 765 משפחות. באזונדער זיינען פארשריבן געוואָרן אויף „מתן בסתר" (אָן) ערך 200 משפחות. אזוי, אז לויט דעם חשבון קומט אויס אָן ערך 35—40 פראָצענט פון דער קאָוולער אידישער באפעלקערונג זיינען גענצלעך פאראָרעמט געוואָרן און מוזן אָנקומען נאָך שטיצע.

במשך פון דער וואָך איז אין קהילה־קאנצעלאריע אויסגעצאָלט געוואָרן געלטשטיצעס פאר נויטבאדערפטיקע, ספעציעל אויף פסח (אָן) ערך 750 זלאָטעס און פונם שטאָטישן און זאמדיקן „מעות-חיטים"-קאָמיטעט האָבן באקומען א גרעסערע שטיצע (אָן) ערך 200 פאמיליעס אלס מתן בסתר.

כשר-פלייש אויף פסח

אין צוזאמענהאנג מיט דעם וואָס שוין די פערטע וואָך איז קאָוועל אָן כשר פלייש, האָט די קהילה אָנגענומען אלע מעגלעכקייטן כדי דאָס אידישע קאָוועל זאָל נישט בלייבן פסח אָן כשר־פלייש. אינטערוועניט ביים ה' סטאראָסטא, האָבן ספעציעל דעלעגירטע אין דער וואָיעוואודסטווע אין צוזאמענשטעל פון קהילה־רב ר' טווערסקי, ה' דוד שקאָלניק און קהילה־ראט פאָרזיצנדער ה' ש. מאנדעל. אָבער אָן דערפאָלג און נאָך געוויסע טעלעגראפישע אינטערווענצן — איז דער באשלוס נישט צו דערלויבן שעכטן אויף יו"ט כשר־פלייש געבליבן אין זיין גאנצער קראפט. צוליב וועלכעס פארשטייט זיך, ס'זיינען שטארק געשטיגן די פרייזן אויף עופות. ערשט נעכטן, דאָנערשטיק, אין די לעצטע שעהן פון ערב יו"ט, אז ס'איז פון דער וואָיעוואודסטווע דערהאלטן געוואָרן א דערלויבעניש צו שעכטן אויפן רעכענונג פון נייעם קאָנטינגענט 7 פראָצענט, ד. ה. 5.600 קלג. כשר-פלייש.

ערשטע טעג פון פסח אין קאָוועל

(פון „קאָוולער שטימע". — דאָנערשטיק ד' דחוהמ"פ תרצ"ז — 1937 - 4 - 1)

די ביידע טעג יו"ט זיינען געווען דווקא זוניקע, אָבער שטארק קאלטלעך. מען האָט זיך „דערקוויקט" ביי א ווארעמען אויוון און אין די ווינטער־מלבושים. די גאסן האָבן געהאט א יו"טדיקן אויסזען און זיינען געווען פול מיט שפאצירנדיקע.

קאָלעקטיווע סדרים זיינען איינגעאָר־

דנט געוואָרן: דער סדר אין קיבוץ איז אויסגעפאלן פייערלעך אימפּאָזאנט. עס זיינען געקומען זייער א גרויסער עולם פריינט און סימפּאטיזירער, וועלכע האָבן איבערפולט די גרויסע קיבוץ־זאלן, וועלכע זיינען געווען ספּעציעל פּרעכטיק דעקאָרירט מיט פארשידענע בילדער און איינגעטונקט אין ליכט. אלע מיטגלידער פונם קיבוץ, אין א צאָל קיין עין־הרע, אן ערך 100, זיינען אין א געהויבענע יו"ט־שטימונג, באזעצט ביי די שיין־סערווירטע טישן.

דעם טראדיציאָנעלן קיבוץ־סדר דערעפנט ראש־הקהל ה' משה פּערעל, וועלכער רעפערירט וועגן דער גרויסער און וויכטיקער ראָל פון קיבוץ בפרט און פון הלוציזם בכלל. דעם פּאָרזיץ נעמט איבער דער קיבוץ־מיטגליד ה' צבי ראבינאָוויטש און ה' מערסיק לייענט די הגדה, וועלכע איז געווען קינסטלעריש באארבעט, געשפּרודלט מיט א פאָלקסטימלעכן הומאָר און באריִרט אלגעמיינע אידישע פּראָבלעמען, אויך ספּעציפישע קיבוצישע און די באציאונג פון דעם אידישן קאָוועל צום קיבוץ.

ביים ערשטן כוס האלטן אויך טאָסטן פונם פארזאמלטן עולם די ה"ה ד"ר ווידרע, משה שוואַרצבלאט, פּראָפ. רייזלער, פּראָפ. פיינשטיין, מורשה זאב צוריה, יהיאל וואָנשאָל, באגלייט מיט געזאנג — לידער דורכן קיבוץ־כאָר. דעם קינסטלערישן טייל האָבן אויסגעפירט צפורה רובין מיט דעקלאמאציע „מסדה", „שלעפער"; גיטל רובינשטיין — „דאָס הלוצישע לעבן"; אריה גאָלדשטיין — „בוקר וערב"; ישעיה ליכט — „הוררא"; בן־ציון פישער — „גאסן", און נאָך דער יו"טדיקער סעודה האָט זיך דער עולם געלאָזט צו די „הוירא"־טענץ ביז שפּעט אין דער נאכט. אין א געהויבענער שטימונג האָט זיך דער ערשטער סדר געשלאָסן אונטער די קלאנגען פון „התקוה".

דער צווייטער סדר אין קיבוץ איז אויך אדורך זייער אימפּאָזאנט מיט פיל הומאָר, וואָס האָט געגעבן אן עונג יום־טוב און געוויילט דעם גרויסן פארזאמלטן עולם האָבן מיט געזאנג: פרל' צפורה, מילא, אריה גוטשטיין און ה' קאָפּלינסקי מיט א געלונגענער הומאָרעסקע לייענען. נאָך געפלאָכטענע „הוירא"־טענץ, שליסט זיך שפּעט ביינאכט דער צווייטער קיבוץ־סדר אונטער די „התחזקנה"־קלאנגען.

ביי די אידישע זעלנער: אימפּאָזאנט זיינען געווען די קאָלעקטיווע סדרים פון די אידישע זעלנער, פאר וועלכע די אידישע קהילה, בראש מיטן דאזאר ה' יהיאל אייבושיץ האָבן איינגעאָרדנט אין לאָקאל פון ת"ת א ספּעציעלע קיך, וואו אריבער 40 זעלנער זאָלן פארברענגען יו"ט אין א היימישער סביבה. מיטן ערשטן סדר האָט אָנגעפירט ה' אייבושיץ זעלבסט. ארום די שיינע סערווירטע יום־טובדיקע טישן זיינען געזעסן כמעט אלע אידישע זעלנער פון היגן גארניזאָן. אין א געהויבענער שטימונג מאכט א שיינעם „קידוש" דער זעלנער ראבינאָוויטש און נאָכן אָפיציעלן טייל האָט זיך אָנגעהויבן דער „שלחן ערוך" מיט געשמאקע פסחדיקע מאכלים, וואָס עס איז דערלאנגט געוואָרן דורך די חשובע עסקנים: ה"ה נח אָלשעצקי, דוד גליק, משה פלאָם, וועלכע האָבן זיך אלץ מער

פאראינטערעסירט צו פּארשאפן די אידישע זעלנער דעם עונג יו"ט. מיט קורצע באזוכן האָבן די סדרים געמאכט דער קהילה-רב ר' טווערסקי און ראש-הקהל ה' משה פּערעל. ביי א פייערלעכער יום־טובדיקער שטימונג האָבן די אידישע זעלנער אזוי פארבראכט די ערשטע טעג יום־טוב.

אין בית יתומים זיינען די סדרים אויסגעפאלן זייער אימפּאָזאנט. דער עסצימער איז שיין דעקאָרירט, ספּעציעל יום-טובדיק, איבער רייך סערווירטע טישן זיצן אָנגעטאָן אין נייע מלבושים אלע קינדער פון בית יתומים. מיטן סדר פירט-אָן רעד. ה' יעקב בוראק, וועלכער דערקלערט פאר די קינדער אלע איינצלהייטן פונם סדר, ווען דער רעד. ה' בוראק פארווײלט די קינדער אין פולן פארנעם, קומט צווישן אָן דער חשובער פּרעזעס ה' עפּלבוים, וועלכער פארנעמט דעם פּלאץ אין דער ספּעציעלער העסעבעט.

זייער שיין און געלונגען זיינען געווען די קשיות־פרעגן פונם 6־יאָריקן מאָטעלע מלמד. אלע קינדערלעך פריילעכע, זינגען געוויסע טיילן פון דער הגדה און ווען מען קומט צום „שלחן ערוך", האלט פּרעזעס ה' עפּעלבוים א יום-טובדיקע רעדע פאר די קינדער, נאָך וועלכער עס ווערן דורך פריילין רייצע לעווין, פּאשע לייער מיט דער מיטהילף פון ה' אשר ערליך דערלאנגט די גוטע געשמאקע פּסחדיקע מאכלים, וואָס האָבן נעגעבן דעם אמתן עונג יוה־טוב. נאָך דעם צווייטן טייל הגדה, וואָס גייט אדורך כסדר אין געזאנג, לאָזן זיך די בית יתומים־קינדער אין א געמיינזאמען טאנץ. עס הויבן זיך די קליינע קינדערשע פיסעלעך, עס באוועגן זיך הענטעלעך, מונטערדיקע, פריילעכע, וואָס האָבן געגעבן אן אמתן נחת.

אין דער תפיסה, וואו היי-יאָר געפינט זיך א פּאָר צענדליק אידישע ארעסטאנטן, איז דורך דער קהילה באזאָרגט געוואָרן מיט פּסחדיקע מאכלים, און לויט דער איניציאטיוו פון דאזאר ה' אייבושיץ, זיינען אלע אידישע ארעסטירטע געוואָרן איינגעאָרדנט אין א באזונדערע צעלע, וואו עס איז פאָרגעקומען א קאָלעקטיווער סדר און אפילו דאָרט אויך איינגעאָרדנט א מנין. אזוי ארום, זיי דערמעגלעכט אין די תפיסה־קאמערן זיי זאָלן אויך פילן דעם טעם פון יו"ט פון דער באפרייאונג, וואָס עס פייערט דאָס גאנצע אידישע פאָלק.

אין דער גרויסער שיל זיינען ביידע טעג פּסח געווען געפּאקט פון עולם, וועמען די גבאים פון דער גרויסער שיל האָבן פארשאפט אן עונג יו"ט, מיטן אנגאזשירן דעם חזן, ה' דוד ווייסבערגער, וועמענס קינסטלערישער טאלאנט ביים דאווענען, האָט שטארק באפרידיקט דעם עולם.

דער אידישער בירגער־קלוב, וועלכער האָט זיך לעצטנס געשטעלט אין זיין פאָרגענומענעם פארנעם, האָט אויך לכבוד יו"ט דערפילט די זיך געשטעלטע אויפגאבע, ספּעציעל איינגעלאדן די ארטיסטין פון ווילנער אידישער טרופּע, מירים אָרלעסקא, וועלכע האָט געגעבן זונטיק ב' ד'פּסח א רעציטאציע־אָוונט (וועגן אינהאלט און אויספירונג, א צווייטן מאָל), און מאָנטיק איינגעאָרדנט א דאנסינג. אין די ביידע אָוונטן

איז דער בירגער־קלוב געווען איבערפולט פון א יום טוב-געשטימטן עולם.

ה׳ פעריל מורשה פון קרן היסוד

אויף דער לעצטער זיצונג פון דער קרן היסוד לאַנדעס־צענטראַלע אין ווארשע, איז נאָמינירט געוואָרן ה׳ משה פעריל אלס מורשה פון קרן היסוד אין קאָוועל.

מיר באגריסן דעם חבר פעריל מיט דעם אים אָנפארטרויטן כבוד און ווינטשן אים גרויס דערפאָלג אויך אויפן געביט פון „קרן היסוד"־טעטיקייט.

גליל און חולה

אין צוזאמענהאנג מיטן אָנהויב פון דער פראָקלאמירטער פון דער לאנדערווארטעטער אקציע פון אויסלייזן און קאָלאָניזירן דעם גליל און חולה, וועט אין די טעג פון שביעי און אחרון של פסח אין אלע היגע שילן, בתי־מדרשים און שטיבלעך געמאכט ווערן נדרים פארן קרן קימת לישראל לטובת גאולת הארץ און עס וועלן אָפּגעריכטעט ווערן הזכרות פאר די געפאלענע העלדן אין ארץ ישראל.

מישא, לוסע גערמאן אין קאָוועל

אין דער קומענדיקער וואָך קומען קיין קאָוועל, נאָר אויף צוויי גאַסטראָלן, דאָס באליבטע קינסטלער-פּאָרל מישא, לוסע גערמאן מיט זייער באוואוסטן אנסאמבל. פון זייער רעפּערטואַר וועלן זיי אונז געבן די באוואוסטע לעבנסבילדער, ווי: „רחלס קינדער", „מאמע און שוויגער", וועלכע ווערן איבעראל דורך זיי געשפּילט מיט גרויס דערפאָלג און בייפאל, דערום איז צו דערוואַרטן אז אויך דאָס אידישע קאָוועל וועט וויסן ווי געהעריק אָפּצושאצן די קינסטלערישע שפּילן פון די חשובע געסט, די באריִמטע אמעריקאנער ארטיסטן און מאסנוויַיז באזוכן די פאָרשטעלונגען.

סיום משניות

(מאָנטיק, דעם ערשטן טאָג חוה"מ פסח) איז אין לאָקאל פון „חסד של אמת" פאָרגעקומען פון דער געז. (חסד של אמת) דער יערלעכער סיום משניות. עס האָט זיך פארזאמלט א גרעסערער עולם און ה׳ קליינערמאן האלט דעם סיום נאָך וועלכן ביי א לחיים־וואונטשן פארברענגט דער עולם אין א געהויבענער שטימונג.

(פון „קאָוולער שטימע". — פרייטיק ב׳ המוז הרצ"ז — 1937-6-11).

פאר די בריסקער געליטענע *)

אין צוזאמענהאנג מיט דער פּראָקלאמירטער אין שטאָט פאָלקס־געלט-זאמלונג פאר די בריסקער געליטענע, האָט שבת דער אָרטיקער הילפס־קאָמיטעט דעלעגירט אירע פאָרשטייער אין די אלע היגע בתי־מדרשים און שטיבלעך, וואו עס איז רעפערירט געוואָרן וועגן דער באדייטונג פון דער ברידערלעכער

---

*) פון די פּאָגראָמען (געזאָגט האָט מען: „עקסצעסן"). — די רעד.

הילף לטובת די בריסקער געליטענע און אויפגעפאָדערט פון יעדן ביה"מ צו דעלעגירן צו צוויי פאָרשטייער אויף א פארזאמלונג, וועלכע וועט פאָרקומען זונטיק אין קהילה, בכדי געמיינזאם באהאנדלען דעם פארנעם, אז די פּראָקלאמירטע ברייטע פאָלקס-אקציע פאר די בריסקער געליטענע זאָל ברענגען דעם געהעריקן דערפאָלג.

זונטיק א זייגער 12 פ. כ. האָבן זיך אין לאָקאל פון דער קהילה פארזאמלט די אלע דעלעגירטע אין דער צאָל פון אריבער 60 פאָרשטייער. ראש־הקהל ה׳ פעדעל דערעפנט די גרויסע שטאָט־באראטונג, וועלכע באשעפטיקט זיך מיט דעם פלאן פון דער אקציע־אונטערנעמונג. נאָך וועלכע די גאנצע שטאָט איז פארטיילט געוואָרן אין ראיאָנען, פאר וועלכע עס זיינען גלייך באשטימט געוואָרן פאָרלעך זאמלער. און שוין פון זונטיק, אזוי אויך אין פארלויף פון דער וואָך איז געווען צו זען ווי די פאָרלעך־זאמער באזוכן די אידישע באפעלקערונג, וועלכע נעמט זיי אויף בסבר פנים יפות און שפענדן לויט דער מעגלעכקייט לטובת די געליטענע בריסקער אידן. אזוי איז שוין צו זען אז די אידישע קאָוועל וועט פאר דער אקציע געבן דעם געהעריקן דערפאָלג.

דער הינער הילפס־קאָמיטעט פאר די בריסקער געליטענע האָט שוין די וואָך איבערגעשיקט צום ווארשעווער הילפס־קאָמיטעט פאר די בריסקער געליטענע 3.000 זל. דאָס געלט איז איבערגעשיקט געוואָרן דורך דער היגער פאָלקס־באנק פ. ק. אָ. ווארשע אויפן אדרעס פון באנק-הויז כ. שערעשעווסקי.

ארום דער „טאָז" זומער־קאָלאָניע

די פאָרבארייטונגען צו דערעפענען די „טאָז" קינדער זומער־קאָלאָניע אין האָראָדאָלעץ, איז אין פולן גאנג. שבת איז פאָרגעקומען א ברייטערע פארזאמלונג פונם פרויען־קאָמיטעט ביי „טאָז", וועלכע האָט באשלאָסן אדורכצופירן די פּראָדוקטן זאמל־אקציע אין שטאָט לטובת דער זומער-קאָלאָניע. שוין אין פארלויף פון דער וואָך איז געווען צו זען די חשובע פרויען־פאָרלעך גיין איבער דער שטאָט, וואו זיי זיינען איבעראל זייער שיין אויפגענומען געוואָרן און דאָס אידישע קאָוועל האָט ווי געהעריק זיך באטייליקט אין דער פּראָדוקטן־זאמלונג־אקציע.

ווי מיר ווערן אינפאָרמירט, האָט די „טאָז"-פארוואלטונג באשלאָסן, אז די „טאָז"־זומער קאָלאָניע אין האָראָדאָלעץ זאָל זיך עפענען פונם 22-סטן ה. י., און וועט אין ערשטן סעזאָן אויפנעמען נישט ווייניקער ווי 150 קינדער.

„ייוואָ"-אקציע אין קאָוועל

אין שליחות פונם אידישן וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט קומט בקרוב קיין קאָוועל דער שריפטשטעלער ה׳ א. איוועניצקי, כדי דורכצופירן אן אקציע פארן „ייוואָ" ביי אונז אין שטאָט און געלעגנהייטלעך אָפּצוגעבן א לעבעדיקן גרוס פון דער „ייוואָ"-טעטיקייט און פון די פּערספּעקטיוון פון דער ארבעט אויף ווייטער.

וואָס עס קאָן זיך טרעפן?

די באוואוסטע דאָ, מוטער פאר יתומים־פארזאָרגונג, די חשובע פרל׳ רייצע

לעווין, האָט ווי איר געוואוינהייט אויך דעם מאָנטיק ווי אלע טעג פון א גאנץ יאָר, זיך געשפאצירט מיט איר יתומים-זאָרג איבער דער שטאָט מיטן געשטעמפלטן קוויטאַרוש אין האנט צו זאמלען געלט און פראָדוקטן לטובת דעם בית־יתומים. אָבער אין א קראָם אויף ווארשאַווסקע גאס האָט איר פארהאלטן א פאָליציאַנט פאָדערנדיק אויף איר טעטיקייט א ספּעציעלע דערלויבעניש אין וועלכער פרל' לעווין האָט זיך ביז דעם מאָל נישט געניטיקט.

ס'האָט נישט געהאָלפן דאָס אויפקלערן דעם פאָליציאַנט, וועלכער האָט דער פרל' לעווין געשטערט אין איר אויפגאבע און איר טאַקע „פארבעטן" אין פאָליציי־קאָמיסאַריאַט, וואו נאָך אן אינטערווענץ פון ראש־הקהל ה' פערעל, איז די חשובע יתומים - פארזאָרגערין גלייך באפרייט געוואָרן.

(פון „קאָוולער שטימע". — פרייטיק ח מנחם אָב תרצ"ז — 1937 - 7 - 16).

זונטיק איז אין ביה"מ „פרוזשאַנסקי" פאָרגעקומען די יערלעכע אלגעמיינע פארזאמלונג פון „בית לחם". די פארזאמלונג דערעפנט דער פרעזעס ה' יוסף שוחט און אין פרעזידיום ווערן געוויילט די ה"ה: לייבל פרישבערג — פאָרזיצער, נחום ווערנער, הערש וואָלף יאַנדע — בייזיצער; ישעיה גוטמאַן — סעקרעטאַר. פרעזעס ה' שוחט גיט אָפּ דעם טעטיקייטס־באריכט, פון וועלכן ס'איז צו זען, אז במשך פון דעם יאָר איז געזאמלט געוואָרן אן ערך 15.000 חלות און 3.000 זל. מזומן. מקבלים זיינען דאָ 300 וואָכנטלעך. ארום דעם באריכט אנטוויקלט זיך א ברייטע דעבאַטע אין וועלכער ס'נעמען אָנטייל די ה"ה: חיים אברך, יחיאל אייבושיץ, נחמיה באר, חיים לפּידות א. א. דער באריכט ווערט גענומען צו קענטעניש נאָך וועלכן עס קומען פאָר וואלן. און אין דער נייער פארוואלטונג ווערט געוויילט די ביז־איצטיקע פארוואלטונג אין איר גאנצן צוזאמענשטעל, צוקאָאָפּטירנדיק צו 1 פערזאָן פון יעדן בית־המדרש.

פאַרן האַלבן יאָר 1937

פארן ערשטן האלבן יאָר 1937 איז אין קאָוועל ביי דער אידישער באפעלקערונג פאָרגעקומען לויט די אָפיציעלע ביכער: חתונות — 100, צווישן זיי 31 „פאָנאָוונע" ד. ה. לעגאַליזירטע; געבורטן — 87, אינגלעך 51, מיידלעך 36, צווישן זיי 3 נפלעך; געשטאָרבן — 80, מענער 44, פרויען 36, צווישן זיי 9 קינדער.

נחמה, כאש, קאדיש

מאָנטיק דעם 19־טן יולי ד. י. וועלן מיר האָבן די געלעגנהייט צו זען די באקאנטע אויסגעצייכנטע ווילנער אָפּערעטן־טרופּע מיט די ארטיסטן-ליבלינגען: נחמה, כאש, קאדיש בראש. דער עולם וועט געוויס היינטיקע צייטן זיך נישט אָפּזאָגן פון אביסעלע פארגעניגן און זיך לאָזן פארגעסן אין די צרות און אויף דער פאָרשטעלונג קומען מאסנווייז.

אנאנס

אונזער אָנערקענונג און נעזעלשאפט־לעכן דאנק דעם חשובן קאָוולער לײדעס רעליעף־קלוב אין אמעריקע, פאר די אריינגעשיקטע 90 דאָלאר, וועלכע מיר האָבן פארטיילט, לויט אייערע אָנווייזונגען אויף פאָלגנדיקן אופן: תלמוד־תורה — 35 דאָלאר, געזעלש. „טאָז" — 25 דאָלאר, בית־יתומים — 20 דאָלאר, מושב זקנים — 10 דאָלאר.

מיר ווינטשן אייך א געזונטן און באגליקטן זומער.

השי"ת זאָל אייך העלפן אין אייער טעטיקייט.

פארטיילונגס־קאָמיטעט אין קאָוועל:
יודל סופר־פרידמאן, ישראל לאנדע, כ. ראָזענבלאט, פנחס גוצעס.


בהמות — געקויפטע פאר דער ספעציעלער נדבה פון קאוולער רעליעף לײדיס קלוב אין אמעריקע.
זונט און גליק צום נייעם יאר ווונטשן אייך די קינדער פון בית־יתומים אין קאוועל.

די קי, וואָס זיינען געקויפט געוואָרן פאַרן געלט, וואָס דער קאָוולער „רעליעף" אין נ. אמעריקע האָט געשיקט פאַרן קאָוולער בית יתומים.

(פון „קאָוולער שטימע" — זונטיק הושענא־רבה תרצ"ח — 1937 - 9 - 26).

ערשטע סוכות־טעג אין קאָוועל

ערב יו"ט פון זמן שמחתנו האָט זיך אין עולם־המסחר עטוואָס א ריר־געטון, און דאָס נאָר אין די געשעפטן פון לעבנס־פּראָדוקטן, אָבער אין די אנדערע געשעפטן איז דאָס לייזונג געווען זייער שוואך. דערפאר האָט זיך גערודערט מיטן פארקויף פון אתרוגים, וואָס זיינען די לעצטע טעג געווען הריף. פאר אן אתרוג האָט מען זיך געהייסן גוט באצאָלן. די סיבה זאָל זיין דאָס, וואָס די היגע אתרוגים־סוחרים האָבן זיך גערעכט אויף א שוואכן פדיון און האָבן דעריבער געבראכט ווייניק אתרוגים. און ערב סוכות האָט טאקע פארפעלט אתרוגים. און דאָ מוז ווידעראמאָל געזאָגט ווערן, צו אונזער גרויסער שאנדע, דאָס וואָס אונזערע אתרוגים־סוחרים האָבן צוליב געשעפטן פארגעסן אין אונזער תוצרת הארץ און זיך היי־יאָר באזאָרגט צום פארקויף אויך מיט נישט 'קיין ארץ ישראל-אתרוגים.

די ערשטע צוויי טעג סוכות איז די מעלה געווען — דאָס וועטער, וואָס איז געווען זייער שיין, אלע האָבן זיך ממש מחיה געווען מיטן זוניקן וועטער. און אידן האָבן זיך געפילט אויסגעצייכנט מקיים צו זיין די מצוה — לישב בסוכה. עולם האָט אויך געקאָנט דעם עונג י"ט דורכשפאצירן אין די זומערדיקע מלבושים און דאָס איז געווען א דאָפּלטע מעלה פאר די, וועלכע זיינען נאָך ווייט נישט גרייט צום ווינטער.

אין אלגעמיין זיינען אין די בתי־מדרשים און שטיבלעך אדורך די תפילות ביידע טעג יו"ט אין א פייערלעכער יום טובדיקער שטימונג, אָן באזונדערע „זמן שמחתנו"-אינצידענטן, אחוץ אין „שטאָטישן" בית־המדרש מיט א פארלוירענעם אתרוג, ארום וועלכן עס האָט זיך דאָרט שטארק סקאנדאליק גערודערט. אין שניידער־שטיבל מיטן פארלוירענעם בעל־תפילה, וועמען עס האָבן געוואָלט פארטרעטן צוויי צדדים און איין צד האָט פונם ברעטל ארונטערגענומען דעם צווייטן צדס בעל־תפילה; איז טאקע דאָרט געווען ששון ושמחה. אין א געוויסן מנין איז יום טובדיק דורכן פארלוירענעם פיטום און באזונדערס האָט זיך אויך אין אייניקע שטיבלעך גערודערט מיט פּראָטעסטן קעגן גבאים, אָדער קעגן סתם שיינע אידן, וואָס האָבן זיך אין דער איצטיקער צייט דערלויבט איינצוקויפן נישט קיין ארץ ישראל־אתרוגים, צוליב וועלכעס עס זיינען אין אייניקע שטיבלעך אויסגעבראָכן ממש רעוואָלוציעס, וועלכע האָבן אויף אייניקע גבאים אזוי געווירקט, אז זיי האָבן זיך פרייוויליק באשטייערט אלס קנס לטובת קרן קימת צו 5 זלאָטעס. בכלל האָט דאָ די אידישע באפעלקערונג די ערשטע טעג יו"ט פארבראכט אין א רואיקער אטמאָספער און ס'איז נישט געווען צו נאָטירן עפעס חלילה אזעלכעס, וואָס זאָל די יום טובדיקע שטימונג פארשטערן, וואָס ביי דער היינטיקער צייט איז דער פאקט ווערט צו פארצייכנט ווערן.

קק"ל קאָנסטיטואירט

מיטוואָך, דעם ערשטן טאָג חוה"מ, איז פאָרגעקומען די יערלעכע אלגעמיינע פארזאמלונג פון היגן קרן קימת קאָמיטעט. די פארזאמלונג דערעפנט מורשה ה' צוריף און אלס פאָרזיצער ווערט געוויילט ה' יוסף מילשטיין און סעקרעטאר ה' פאפע לייענט איבער דעם יאָר־באריכט פון די הכנסות פון קרן קימת אין קאָוועל במשך דעם יאָר תרצ"ז, וועלכער ווערט נאָך א קורצער דעבאטע גענומען צו קענטעניש. עס ווערט צונויפגעשטעלט דער נייער קק"ל־קאָמיטעט אויפן קומענדיקן יאָר, וועלכער קאָנסטיטואירט זיך אויפן פאָלגנדיקן אופן: ה' זאב צוריף (ציונים מורשה, ה"ה אהרן ערליך (מזרחי), חיים ברוינשטיין (ליגע) — וויצעס; יעקב בעקער (ליגע) — קאסיר; חיים לייב פאפע — סעקרעטאר; פרוי חנה פוגאטש, ה"ה יוסף אינבערג, יוסף מילשטיין, אהרן צופערפיין, יעקב מאלושקע ווי אויך פאָרשטייער פון די שולן: ה"ה לייער — גימנאזיע „תרבות"; לעווינשטיין — „הרצליה"; טויב־קלומל —פרעזידיום־מיטגלידער; אויפזעער אויף די באזונדערע הכנסה־צווייגן: פייערלעכקייטן — יוסף אינבערג; נדרים — אהרן ערליך; תרומת-המטר — אהרן צופערפיין; שולן — יוסף מילשטיין; ספר הילד — פרוי חנה פוגאטש; פושקעס — חיים ברוינשטיין; פארשידענע אקציעס — זאב צוריף; אין רעוויזיאָנס־קאָמיסיע: ה"ה רעד. בוראק, משה פוגאטש, משה שווארצבלאט, מתתי' קערזשנער, יצחק אטלעס, שינדל און די פארזאמלונג ווערט געשלאָסן.

ציונ. באריכט-פארזאמלונג

שבת 2 אזייגער וועט אין ציוניסטישן קלוב פאָרקומען א גרעסערע פארזאמלונג פון ציונים און סימפאטיזירער, פאר וועלכע אונזער ראש-הקהל חבר משה פערל וועט איבערגעבן א באריכט פון דער קהילה־קאדענץ. נאָכן באריכט וועט פאָרקומען דאָס אויסוויילן די ציוניסטישע קאנדידאטן צו די פאָרשטייענדיקע נייע קהילה־וואלן.

הנוער הציוני-קאָנפערענץ

במשך פון פרייטיק, שבת און זונטיק קומט פאָר אין ראָוונע א הנוער הציוני וואָלינער קרייז־קאָנפערענץ. קאָוועל וועט אויף דער קאָנפערענץ זיין פארטראָטן דורכן דעלעגאט פון היגן הנוער ציוני, דער ראש־הקן ה' יצחק פוגאטש, וועלכער איז שוין נעכטן אָפּגעפאָרן קיין ראָוונע.

(פון „קאָוועלער שטימע", — פרייטיק י"ז אדר א' תרצ"ח — 18 - 2 - 1938).

1918—בית יתומים-יובל—1938

היי־יאָר פאלט־אויס דאָס 20-יעריקע עקזיסטענץ פון היגן בית־יתומים און דאָס אידישע קאָוועל וועט פון קומענדיקן זונטיק דעם 19־טן ה. ח. פייערן דעם 20-יעריקן יובילעאום וואָס ווערט פּראָקלאמירט דורך די היגע חשובע עסקנים פון דער יתומים-פארזאָרגונג, וועלכע אָרדענען־איין פארשידענע פייערלעכקייטן געווידמעט די אָרג. שאפונג, וואָס דער יובילעאום שטעלט מיט זיך פאָר.

בית יתומים בקובל תרפ״ו

דער קאָמיטעט פון „בית יתומים" אין קאָוולע. אין צענטער — אַדוואָקאַט ב. עפּלבוים (פאָרזיצער)

דאָס אידישע קאָוועל וועט געוויס באַטייליקן זיך אין די אונטערנעמונגען פון די פייערלעכקייטן פונם 20-יעריקן בית יתומים-יובילעאום, וואָס האָט צו פאַרצייכענען אָפּגעראַטעוועטע הונדערטער יונגע לעבנס, זיי דערצויגן, געבילדעט, דערלערנט און זיי אריינגעבראַכט פאַר גוטע, געזונטע מענטשן פון דער אידישער געזעלשאַפט. — אַלזאָ, קאָוועל וועט געוויס ווי געהעריק אָפּשאַצן דעם 20-יעריקן בית יתומים-יובל און מאַסנוויז באַטייליקן זיך אין די פייערלעכקייטן.

טרומפעלדאָר-אַקאַדעמיע

אין צוזאַמענהאַנג מיטן 18-יעריקן יאָרצייט פון יוסף טרומפעלדאָר און חברים, וועלכע זיינען געפאַלן אין יאָר תר״פ אין תל-חי, איז שבת-צו-נאַכט, דורכן יוגנט-קרייז ביים היגן קרן-קימת-קאָמיטעט, איינגעאָרדנט געוואָרן א פייערלעכע טרויער-אַקאַדעמיע אין לאָקאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. ביי א פול-געפּאַקטן זאַל אין שוואַרצן אילומינירט, דערעפנט די אַקאַדעמיע מורשה ה׳ זאב צוריף, און וועגן לעבן און קאַמף פון טרומפעלדאָר און חברים רעדט ארויס מיט א רעדע ה׳ יעקב שליטא, נאָך וועלכן עס גיבן א״י-דעקלאַמאַציעס ה׳ שער — העברעאיש און פרל׳ שרה גאָלדפאַרב — פויליש. עס האַלט א זייער געלונגענע רעדע אין העברעאיש דער יוגנטלעכער מאָטל בעלאַריי און נאָך אַן אָפּשאַצונג פון ה׳ מתתיהו קערזשנער וועגן דעם לעבן פון די געפאַלענע העלדן אין תל-חי און אונזערע איצטיקע אויפגאַבן אין א״י, ווערט די אַקאַדעמיע אונטער די קלאַנגען פון „התקוה" און „תחזקנה", געשלאָסן.

„אָרט" קויפט א פּלאַץ פאַר א בנין

שבת איז פאָרגעקומען א זיצונג פון דער היגער „אָרט"-פאַרוואַלטונג אונטערן פאָרזיץ פון דירעקטאָר ה׳ פראַנקפאָרט. די זיצונג האָט זיך ספּעציעל באַשעפטיקט מיטן ענין פון בויען א אייגענעם „אָרט"-בנין און אויך אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן. מ׳האָט באַשלאָסן אויסקויפן פאַרן בנין פון „אָרט" דעם פּלאַץ אויף שעווטשענקאָ גאַס נעבן דער „תרבות"-גימנאַזיע. אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פאַרצווייגטער „אָרט"-טעטיקייט איז אויך באַשלאָסן געוואָרן צו קאָאָפּטירן דעם חשובן ד״ר ווייטמאַן אין פאַרוואַלטונגס-פּרעזידיום פון דער היגער „אָרט"-געזעלשאַפט. ווי מיר דערוויסן זיך, איז שוין נעכטן, דאָנערשטיק — אין א גוטער שעה — דער פּלאַץ געקויפט געוואָרן און איצט: קאָוועל גרייט זיך מיט דער הילף פאַרן בנין!

הערץ גראָסבאַרט אין קאָוועל

אונזער קאָוועל ווייזט אויס געהערט צו די אויסדערוויילטע שטעט, אין וועלכער עס וועט אויפטרעטן דער באַוואוסטער קינסטלער פון גאָטס גענאָד, דער וואָרט-מייסטער ה׳ הערץ גראָסבאַרט. און זאָלן מיר דאָס האָבן צו פאַרדאַנקען אונזער אידישן בירגער-קלוב, וואָס מיר וועלן אויך האָבן דאָ די געלעגנהייט צו הערן דעם וואָרט-קאָנצערט פון

ה' הערץ גראָסבארט, וועגן וועמענס אויפפירונגען עס רופט זיך אזוי שטארק אָפּ די אידישע פרעסע מיט לויב־געזאנגען. און דער קאָוולער עולם וועט געוויס אויסנוצן די מעגלעכקייט און קומען אויף זיין איינציקן אויפטריט היינט אָוונט אין אידישן בירגער־קלוב.

יוגנט-עליה

אין צוזאמענהאנג מיט דער איינגעפירטער יוגנט-עליה קיין ארץ ישראל, איז די טעג דאָ דערהאלטן געוואָרן א באשטעטיקונג (יוגנטלעכע סערטיפיקאטן) אויף עולה צו זיין קיין תל־אביב און בית־שאן דער היגער 17־יעריקער הייב קרעל — „פרייהייט", און די 17-יעריקע ברוך דוביצקי און סאלצי זאפראן — „החלוץ הצעיר", וועלכע פאָרן פון קאָוועל ארויס דעם 21 פעברואר ה. י. אויך האָבן די טעג דערהאלטן באשטעטיקונגס־פאפירן אויף עולה צו זיין די מיטגלידער פון „פרייהייט" נחמה זילבערבערג און לייב שוסטער און פאָרן אָפּ פון קאָוועל דעם 15־טן מערץ ה. י.

„יבנה"-גרינדונג

זונטיק איז אונטערן פאָרזיץ פון „מיזרחי"־פרעזעס הרב אפרים קערושנער (אפרים דיין) פאָרגעקומען א ברייטערע זיצונג פון די היגע „מזרחי" און „תורה ועבודה"-עסקנים, אויף וועלכער עס איז באהאנדלט געוואָרן די פראגע וועגן גרינדן אין קאָוועל א רעליגיעז-נאציאָנאלע שולע, וועלכע זאָל זיין אָנגעשלאָסן אין דער צענטראלע פון פארבאנד פון די רעליגיעז-נאציאָנאלע שולן „יבנה" אין פוילן. ארום דער פראגע אנטוויקלט זיך א ברייטע דיסקוסיע אין וועלכער ס'נעמען אָנטייל די ה"ה ח. ל. לאנגער, מרדכי ליכטענבערג, יוסף אינבערג, מתתיהו קערזשנער, יצחק גלייזער א. א. און עס ווערט באשלאָסן אין דענאָענטסטער צייט רופן א ברייטע פארזאמלונג פון „מיזרחי" און „תורה ועבודה" ווי אויך פריינט פון רעליגיעז־נאציאָנאלן שול־וועזן, אויף וועלכער ס'זאָל געשאפן ווערן אן אָרגאניזיר-קאָמיטעט, וועלכער וועט מאכן אלע פאָרבארייטונגען אז ס'זאָל שוין אזא שולע אין קאָוועל געעפנט ווערן.

(פון „קאָוולער שטימע", — פרייטיק דעם 3־טן פעברואר 1939)

א קאפיטל תנ"ך יעדן טאָג

אין צוזאמענהאנג מיטן ווארעמען אויפרוף פון דער „תרבות"-צענטראלע צו דער אידישער באפעלקערונג וועגן דעם קאפיטל תנ"ך, האָט דער היגער ועד פון „אהל-ביאליק" גענומען דאָ די איניציאטיוו און טאקע אָנגעפאנגען דאָס לערנען פון דעם „תנך־יומי". פאָריקן שבת־צו-נאכט האָבן זיך פארזאמלט אין זאל פון „אהל־ביאליק" א גרעסערע צאָל יוגנטלעכע פאר וועלכע ה' מ. קערושנער האָט דערקלערט די וויכטיקייט פון לערנען יעדן טאָג א קאפיטל תנ"ך ביחידות אָדער בציבור. נאָך וועלכן די פרל' לובע טווערסקי האָט גלייך פאָרגעלייענט און דערלערנט די ערשטע 4 קאפיטלען פון „ירמיהו". און אזוי קומט שוין כסדר פאָר דאָס לערנען פון „תנך יומי" יעדן אָוונט אין לאָקאל פון „אהל-

ביאליק”. פון 8 ביז 9 אזייגער אָוונט. ארייננאנג פריי, נאָר מ'דארף מיטברענגען מיט זיך א תנ"ך.

ארום אידישן שפיטאל

דאָנערשטיק איז אונטערן פאָרזיץ פון פרעזעס ה' יחיאל אייבושיץ פאָרגעקומען אין קהילה־זאל א זיצונג פון דער שפיטאל־קאָמיסיע מיט דער באטייליקונג פון די באשעפטיקטע דאָקטוירים אין אידישן שפיטאל. ס'איז באהאנדלט געוואָרן דער אופן פון אָרגאניזירן די ארבעט פון שפיטאל אין צוזאמענהאנג מיטן אָנקומען פון רענטגען-אפאראט, וואָס די טעג קומט שוין ספעציעל אן אינזשעניער פון דער פירמע וואו דער אפאראט איז געקויפט געוואָרן — צו איינרעמאָנטירן אים. בס"ה וועט דער רענטגען־אפאראט מיט די אנדערע צוגאָב-טיילן באטרעפן 15 טויזנט זל. אויף וועלכן די קהילה־פארוואלטונג האָט שוין איינגעצאָלט אן ערך 4.000 זל. און פארפליכטעט זיך די איבעריקע סומע אויסצוצאָלן אין מאָנאטלעכע ראטעס במשך פון 30 חדשים. די זיצונג באשליסט, אז אין די נאָענטסטע טעג זאָל פאָרקומען א ספעציעלע קאָנפערענץ דירעקט פון די שפיטאל-דאָקטוירים, וועלכע זאָלן אויסארבעטן א גענויעם פלאן פון ארבעט און צושטעלן דער שפיטאל־קאָמיסיע צו אקצעפטירן.

(פון „קאָוולער שטימע” — פרייטיק דעם 17 פעברואר 1939)

ביי די קינדער אין בית־יתומים

האָבן אונזערע קינדער פון בית־יתומים איינגעאָרדנט אויך א חמשה־עשר פייערונג פון וועלכן מיר האָבן אין פאָריקן נומער צוליב מאנגל אין פלאַץ נישט געקענט געבן, אָבער צוליב דעם זייער־געלונגענעם דערפאָלג פון אונזערע ליבינקע קינדערלעך און דעם גרויסן נחת וואָס זיי האָבן אונז פארשאפט מוזן מיר זיך טיילן, מיט דעם נחת אין היינטיקן נומער מיט אונזערע לייענער. דער חמשה־עשר פייערונג־אָוונט האָט זייער געלונגען געעפנט שרה'לע מעטער מיט א זאכלעכע געלעגנהייטס־רעדע וועגן חמשה עשר. דער קינדער־כאָר פון בית-יתומים זינגט הארציק „על אדמת יהודה”. נאָך וועלכן די קליינינקע 4- און 5-יעריקע ליבע קינדערלעך טעמילע, טייבעלע, הלל און הירשעלע גיבן יעדער באזונדער דעקלאמאציעס, וועמענס קינדערשע טאלאנטן זיינען געווען באמת צו באוואונדערן און אונז דעם אויפריכטיקן נחת פארשאפט. זייער שיין רעפרעזענטירט האָט די געלונגענע פאָרשטעלונג, א חמשה־עשר בילדל, די ליבלינגען יאנקעלע, מאָטעלע, מאלע, אסתרקע און טעמילע, וועלכע האָבן פרעכטיק אויסגעפירט זייער פאָרשטעלונג און גרויס הייטערקייט ארויסגערופן די הומאָריסטישע טיילן דורך יאנקעלען. צום שלוס האָט דער ליבער קינדער־כאָר געזונגען דעם שיר „ראש השנה לאילנות” און די קינדער זיינען פארבעטן געוואָרן צו סערווירטע טישן מיט גוטע פארשידענע חמשה־עשר פרוכטן, און דער פארזאמלטער עולם האָט דעם גרויסן עונג געהאט און פיל נחת.



„UNZER LEBEN" Rok II יאָרגאַנג פּרייז 10 גראָשן. דערשיינט יערן פרייטיק.

אונזער לעבן

אומפּאַרטייאישער, געזעלשאַפטליך-ליטעראַרישער אָרגאַן פאַר וואָלין און פּאָלעסיע.

אבאָנאַמענט-פּרייז
א חודש:
אין קאָוועל 40 גר. גראַניצע 60 גר
אין אויסלאַנד 25 סענט

Redakcja „Unzer Leben"
Kowel, Fabryczna 4
Oddział—Warszawska 30

קאָוועל, פרייטיק ערב פסח תרצ"ז (דעם 26 מערץ 1937) № 13 (29 Kowel, Piątek 26-go marca 1937 roku.

הדסה טננבוים ⊙ ישראל ברודר

נשואים

יוסף וחנה אברך

הרבנית ברים שפירא
און מאַכטער מאַנל

מאַקס בראָדער און פרוי.
Saint Paulo Brazil

יוסף בראָדער און פרוי. אברהם בראָדער

די בעסטע עמאַליע איז

פּאָרסאַ—פלעקס

פּאָרסאַ פלעקס

פּאָרסאַ פלעקס

פּאָרסאַ פלעקס

Nowoczesna emalia lakierowa
wodoporna i elastyczna

PORSA—FLEX

Jedno przejście kryje.

FORSA-FLEX jest emalią lakierową nowoczesną, w której tryumfuje stosowanie wyników ścisłych badań laboratoryjnych, o naukowej podstawie.
Nowe surowce, dawniej nieznane, oraz postęp w fabrykacji lakierów emaliowych przyczyniły się do udoskonalenia tych produktów i do nadania im własności, które dotychczas były uważane za nieosiągalne, lub wręcz rozbieżne, jak np. szybkie schnięcie i odporność na wpływy atmosferyczne.
PORSA-FLEX stanowi dowód, że również i w dziedzinie fabrykacji lakierów nastąpił zmierzch empirycznych metod, zależnych jedynie od szczęśliwego trafu.

מזל טוב אונזער קוזין אברהם טריינער צו זיין פֿאַרלאָבונג מיט פרל' רחל פֿאַנסטעק פיל גליק.

פאַמיליעס כמעלער.

י. ס. ק. „חשמונאי" קאָוועל.

מייסטערשאַפטס-מעטש

זילבערנעם בעכער

פון רעדאַקציע „אונזער לעבן".

PHILIPS

פֿאַקסימיל פון דער וועכנטלעכער קאָוולער אויסגאַבע „אונזער לעבן"

(פון קאָוולער „אונזער לעבן”, — פרייטיק דעם 5-טן מערץ 1937).

ווינטער-הילף אקציע

ווי עס ווייזט זיך ארויס פון דעם באריכט פון דעם היגן קאָמיטעט פאר ווינטער־הילף פאר ארבעטסלאָזע, האָבן ביי אונז אין שטאָט גענאָסן פון דער ווינטער־הילף אקציע אין חודש פעברואר אין אלגעמיין 1.200 מענטשן, א חוץ דעם זיינען 64 פערזאָנען געווען באשעפטיקט ביי ארבעטן, פינאנצירט דורך דעם ווינטער-הילף קאָמיטעט.

קאָמיסאריאט פאר וואָלינער בית”ר

ווי מיר דערוויסן זיך פון זיכערע קוועלן, האָט די נציבות בית”ר אין פוילן באשטימט דעם קצין הנציבות ה׳ י. ווירניק אלס קאָמיסאר פאר וואָלינער בית”ר. די דאָזיקע נאָמינאציע איז א פועל־יוצא פון דער פארשטארקטער ארבעט, וועלכע די נציבות הויבט אָן אין די זומער-חדשים.

„מצודה”

די וועלט־לייטונג פון בית”ר אין לאָנדאָן האָט איבערגעגעבן די לייטונג פון ליטעראַרישן צענטראל־אָרגאן פון וועלט-בית”ר „מצודה” דעם ה׳ י. ווירניק. אין די נאָענטסטע וואָכן זאָל שוין דערשיינען דער ערשטער נומער פון דער דאָ־

זיקער צייטשריפט, וועלכער וועט געדרוקט ווערן אין קאָוועל.

פון קאָוולער ארכיוו.

(ארטיקל)

אן אסור אויף פּאָמידאָרן אין תרנ”ה

פונקט אום ערב ראש השנה תרנ”ג האָט קאָוועל געהאט אן עמאָציאָנעלע סענסאציע. קינד און קייט, אלט און יונג זיינען ארויס מקבל־פנים זיין דעם נאָוואָס אָנקומענדיקן 7-טן דראגונער, קינבורגסקע קאוואלעריע־פּולק, וואָס איז אָנגעקומען פון פּאָדאָליען קיין קאָוולע אויף „סטאלע” קוואַרטיר. פארשטייט זיך, אז די שמחה אין שטאָט איז געווען אין לשער; נישט אזוי פיל פון דער פריילעכער מוזיק, ווי פון דעם געדאנק, אז די שטאָט ווערט מזכה מיט א רייכן פּולק, פון וועלכן מ׳וועט האָבן פּרנסה. קאָוולע האָט ביז דעם יאָר אויך נישט געקאָנט זיך קלאָגן אויף מאנגל אין פרנסה, ווייל מ׳דארף נעמען אין אכט, אז כמעט שטענדיק אין יענער צייט האָבן זיך אויפגעהאלטן אין קאָוולע צוויי פּיעכאָטע־פּולקן. נאָר רעגימענטן בפה מלא צו 3.200 מאן און דערצו נאָך א בריגאַדע ארטילעריע און אן אייזנבאן-באטאליאָן. נאָר דער עולם האָט זיך אָפּגעגעבן א דין חשבון: אז פון דעם

פולק רייטער וועט מען האָבן נחת. קאוואלעריסטן, האָט מען געזאָגט, זיינען מייסטנס קאוואליערן, און בידוע לאָזט זיך א בחור מער קענען ווי א פיעכאָטיניעץ א בעל־מטופל...

נישט איינער וועט מן הסתם באלד שטעלן די פראגע: וואָס פאר א שייכות האָט דאָס אָנקומען פון מיליטער מיטן אסור אויף פאָמידאָרן?

ווארט־זשע צו א מינוט, וועט איר הערן און געוואויר ווערן, אז ווען נישט דער דראגונער פולק, וואָלט קאָוולע נאָך א לאנגע צייט אפשר נישט געוועזן געוואוסט פון דעם מין פאָמידאָרן, ווייל וויסן זאָלט איר, אז דאָס מין גרינצייג האָבן די ערשטע אראָפגעבראכט די דראגונער, וועלכע זיינען דירעקט געקומען פון דעם לאנד וואָס גיט ארויס די בעסטע פרוכטן און געמיזע (פאָדאָליע).

פארשטייט זיך, אז צום קומענדיקן פרילינג האָבן די אָפיצירן זיך פארזעצט שיינע גערטנער און בתוכם אויך פאָמידאָרן.

אין הארבסט האָבן זיך באוויזן אין איניקע פרוכט־געשעפטן רויטע פאָמידאָרן, וועלכע די „דיענשטשיקעס” (אָרדענאנסן) האָבן פארקויפט די קרעמער. דער אידישער עולם האָט באלד געקרוינט דאָס נייע מין „פרוכט” מיטן נאָמען „די בלוטיקע עפעלעך” און קיינער פון אחינו בני ישראל האָט מורא געהאט זיך אפילו צוצורירן צו דעם „טריפן מין”.

ס'האָבן זיך אָבער געפונען יונגעלייט, וואָס ס'האָט זיי פארשמעקט דאָס דאָזיקע גרינצייג און האָבן דאָס אָנגעהויבן שטארק צו קאָנסומירן. זיינען אוועק א גרופע עלטערע אידן צום רב און דערציילט די מעשה, אז די פרישע יונים מיט די פערד האָבן אויף בריסקער גאס פארזעצט טריפע עפעלעך, אונטער וועלכע מ'מוז אונטערגיסן פערדיש אָדער בהמהש בלוט, פון וועלכן די עפעלעך ווערן רויט און מ'דארף זען צו רופן אן אסור אויף זיי.

דער אידישער עולם האָט נאָך א לאנגע צייט נאָכדעם ווי דער ענין איז שוין דעפיניטיוו אויפגעקלערט געוואָרן, זיך אָפגעהאלטן פון באנוצן דאָס מין פאָמידאָרן.

„רש"י קטן”.

קאָוועל, פרייטיק ערב פסח תרצ"ז (דעם 26-טן מערץ 1937).

ערב פסח ביי די האנטווערקער

ביי די שניידערס:

די שניידער־מייסטערס קלאָגן זיך זייער אויף דעם שלעכטן ערב יום־טוב. זיי געדענקען שוין לאנג נישט אזא צייט, ווען 70 פראָצענט שניידערס זאָלן זיין ארבעטסלאָז.

די סיבות זיינען פאָלגנדיקע: דער יקרות אויף לעבנסמיטלען און די עוואקואציע פון די וויכטיקסטע אינסטיטוציעס און אמטן אין קאָוועל, ווי צ. ב.: די טאבאק־פאבריק, ספירט־מאָנאָפאָל און לעצטנס אויך די קראנקן־קאסע.

אלס ביישפיל פון דער קריטישער לאגע, אין וועלכער עס געפינען זיך די שניידערס, קען דינען דער פאקט, דאָס יעדן אָוונט געפינען זיך אין האנטווערקער־פאראיין פיל שניידערס, וועלכע זיצן גאניץ געשמאק פארטיפט ביים דאָ-

מינאָ, פארגעסנדיק דערביי זייערע טאָגטעגלעכע זאָרגן...

ביי די מאלערס:

עס זיינען געווען צייטן, ווען א מאָלער פלעגט האָבן א גוטן זומער, אזוי, אז ער איז שוין געווען באזאָרגט מיט פרנסה אויף ווינטער. אָבער פון די היינטיקע זומער-ארבעטן, האָבן די מאָלערס קוים געקענט דעם זומער אדורכקומען. און אין די ווינטער־חדשים האָבן די מאלערס געליטן הונגער און קעלט. איצט איז געקומען ערב פסח, אָבער אויך איצט זיינען נישט פאראן קיין שום האָפענונגען צו פארדינען.

ביי די בוי-ארבעטער:

אויך די לאגע פון די בוי־ארבעטער איז א קאטאסטראָפאלע. פון רעגירונגס־ארבעטן און פון פריוואטע אונטערנעמונגען איז קיין רייד נישטאָ.

אביסל געראטעוועט די שווערע סיטואציע האָבן די מצות־מאשינען, וועלכע באשעפטיקן פיל בוי־ארבעטער. אָבער אויך נישט אלע וועלן זיין באזאָרגט אויף פסח.

ביי די שוסטערס:

דאָס שוסטער-פאך, מוזן מיר קאָנסטאטירן, איז דאָס אומגליקלעכסטע. שרעקלעך שטעלט זיך פאָר זייער לאגע. די גרעסטע טייל שוסטער זיינען ארבעטסלאָז. אלע האָפענונגען צו פארדינען אויף פסח זיינען צערונען געוואָרן.

אָט אזוי שטעלט זיך פאָר די לאגע ביי דעם פראָדוקטיוון עלעמענט ביים אידישן פאָלק. און אלע שטעלן די זעלבע פראגע: מאין יבוא עזרי?

מ. וויינער.

די ערב פסח-טעג אין קאָוועל

פסח איז דער פריילעכסטער אידישער יום טוב. די שטימונג ביי אידן אין די ערב פסח־טעג איז שטענדיק געווען א געהויבענע. א גאנץ יאָר איז מען סוחרים, מעקלער, קרעמער, האנטווערקער א. א. אָבער פסח איז מען אלע בני מלך...

די דאָזיקע שטימונג איז געווען א פועל־יוצא פון דער עקאָנאָמישער לאגע, אין וועלכער די אידן האָבן זיך געפונען. אזוי ווי דאָס שפריכוואָרט זאָגט: אז ס'איז פריילעך אין קעשענע, איז פריילעך אויפן הארצן...

היינט, אָבער, איז די שטימונג אן אנדערע, ווייל די לאגע אין די אידישע קעשענעס איז גאָרנישט פויגלדיק. א גאנץ יאָר ראנגלט מען זיך מיט דער נויט און אויך אין די שיינע פסח-טעג וועט אויסקומען צו טרינקען דעם כוס פון פיין. וויפל אידישע פאמיליעס וועלן בלייבן היינטיקן פסח אָן מצות?

דעריבער גייען ארום אונזערע אחינו בני ישראל דערשלאָגענע; ווי מנחם מענדלס דרייט מען זיך ארום צווישן די פויערים אויפן מארק־טאָג: מען באטראכט די עופות, די קארטאָפל און אנדערע פראָדוקטן, אָבער „קוק מיך אָן און ריר מיך נישט אָן" — אין קעשענע פייפט דער דלות.

א גאנץ יאָר האָט מען געהאָרעוועט און פון אלע „געשעפטן" איז נישטאָ אויף פסח...

אָבער מיט דעם באגנוגענען זיך נאָך נישט אונזערע אנטיסעמיטן, מ'אנטוויקלט א בויקאָט־פראָפאגאנדע קעגן אונז שריפטלעך און

מינדלעך. אָט לכישל, האָט מען היינטיקע וואָך געטיילט אין די קאָוולער גאסן פלוג־בלעטלעך מיט אַן אידן־העצערישן אינהאלט. מיר ברענגען דאָ איניקע אויסצוגן:

„זיי א ביישפּיל פאר אנדערע, קויף נישט ביי אידן".

„דער איד נעמט צו ביי אונז די ארבעט, באשווינדלט און באגנבעט, רואינירט אונזער לאנד, גראָבט אונטער די רעליגיע און דעמאָראליזירט".

„דערוואַך און קעמף! זיי נישט רואיק און געדולדיק, נאָר קעמף, ווייל זיי וועלן דיר די הויט אָפּרייסן"...

איצט איז שוין פארשטענדלעך, פארוואס מען באפאלט און מען שלאָגט אידן.

צי איז די מאכט אינפאָרמירט וועגן דאָזיקן פּען־באנדיטיזם? צי וועט זי נישט רעאגירן אויף אזעלכע מעשים תעתועים?

(קאָוועל, פרייטיק, 25־טן פעברואר 1938)

מיטן פּנים צו „נורדיה"

שטיל און באשיידן, אָן טאראראם, איז אין קאָוועל צוריק מיט עטלעכע הדשים א נאציאָנאלער ספּאָרט־קלוב „נורדיה" געשאפן געוואָרן. מיט דער זעלבער באשיידנקייט איז זי אויך צוגעטראָטן צו דער ארבעט. אידישע נאציאָנאל־דענקענדיקע יוגנט האָבן זיך אין אירע רייען אָנגעשלאָסן.

די לאָזונג: „א געזונטע נשמה אין א געזונטן קערפּער" איז ביי זיי נישט געווען קיין פּוסטע פראזעאָלאָגיע, נאָר זיי האָבן געפילט צו דעם א דראנג צו פארווירקלעכונג. מאקס נאָרדויס תורה וועגן מוסקול־אידנטום — פיזישער אויסבילדונג איז פארוואנדלט געוואָרן אין א אידייע און איז געשטעלט געוואָרן אויף דער טאָג־אָרדענונג.

די לייטונג איז צוגעטראָטן באלד צו א אינטענסיווער טעטיקייט אויף אלע געביטן. אונטער דער אָנפירונג פון א ספּעציעלן אינסטרוקטאָר זיינען געפירט געוואָרן באָקס און גימנאסטישע איבונגען. עס זיינען אויך געפירט געוואָרן קולטורעלע שמועסן איבער אקטועלע ציוניסטישע ענינים. אין לאָקאל איז אויך געעפנט געוואָרן א לייען־זאל א. א. וו.

אָבער דאָס אלץ האָט נאָך נישט באגנונגט די לייטערס פון „נורדיה".

און אין א פרייטיק־צו־נאכט איז באשלאָסן געוואָרן זייער א וויכטיקע זאך. מ'האָט נעמלעך באהאנדלט זשאבאָטינסקיס אַן ארטיקל, געשריבן אין יאָר 1933, „אויפן פריפּעטשאָק". דאָס וואונדערבארע ארטיקל האָט געמאכט אויף אלע א גוואלדיקן איינדרוק. מ'האָט באשלאָסן רעאליזירן ווארשאווסקיס ליד מיט זשאבאָטינסקיס אינטערפּרעטאציע „אויפן פריפּעטשאָק ברענט א פייערל — און דער רבי לערנט קליינע קינדערלעך, — לערנט קינדערלעך מיט גרוים חשק אזוי זאָג איך אייך אָן, ווער פון אייך ס'וועט גיכער קענען אלף־בית דער באקומט די פאָן". אָבער דער אלף־בית האָט געקלונגען פאר די יעניקע יונגעלייט, פארזאמלטע אין דעם פרייטיק־צונאכט גאנץ פּשוט: מ'מוז זיך לערנען שיסן.

די געשיכטלעכע ווירקלעכקייט האָט געערדט צו זייערע געוויסנס קלאָרע די־

בורים: יונגעלייט לערנט זיך שיסן כל זמן עס איז נישט צו שפעט. אויף אייערע פלייצעס וועט פאלן די אחריות פון דעם גרעסטן ווענד-פונקט אין אונזער געשיכטע. און מ׳איז צוגעטראָטן טאקע צו מעשים. מיט אייגענע געלט-מיטלען איז געקויפט געוואָרן צוויי ביקסן און אין א ספעציעלן זאל לערנט מען זיך שיסן.

איך בין זיכער, אז די דאָזיקע ווערטער וועלן ביי אייניקע לייענער ארויסרופן א שמייכל אויף די ליפן, ווייל זיי פילן נישט, אין דער איצטיקער גורלפולער שעה פארן אידישן פאָלק, דעם פאראנטוואָרטלעכקייטס־געפיל.

אָבער די נאציאָנאל-דענקנדיקע יוגנט, די נאָכפאָלגערס פון יוסף טרומפעלדאָר, און טרייע תלמידים פון נשיא זשאבאָטינסקי, גייט זיך אין זיין אָנגעצייכנטער ריכט-ליניע.

און אויך איר, קאָוולער יוגנט פון „נורדיה", לערנט מיט גרויס חשק זיך אויס דעם אלף־בית — די תורה פון שיסן, און דאַן וועט איר באקומען די פאָן.

יעקב־ליב.

(קאָוועל׳ פרייטיק דעם 24'־טן יוני 1938).

סיום אין בית-הספר ע״ש ד״ר קלומל

שבת-צו־נאכט איז פאָרגעקומען א פייערלעכער סיום פון 6־טן קלאס פון דעם ביה״ס קלומל, אין לאָקאל פון דער שולע. דער זאל איז געווען שיין דעקאָרירט. שיינע סערווירטע טישן, וועלכע זיינען באזעצט דורך די תלמידים ווי אויך פון די לערער און עלטערן פון די קינדער. דערעפנט דעם פייערלעכן אָוונט האָט דער מנהל ה׳ קאָברינסקי, וועלכער באגריסט די אָנוועזנדיקע און אויך צו די קינדער ווענדעט ער זיך מיט א הייסן רוף, אז זיי זאָלן געדענקען די לערע וועלכע איז אין זיי איינגעפלאנצט געוואָרן במשך פון די 6 יאָר וועלכע זיי האָבן פארבראכט אין שולע; זיי זאָלן זיין שטאָלצע זין פון דעם אידישן פאָלק און דאָס וועט זיי דערמוטיקן אין דער איצטיקער שווערער צייט פאר דעם אידישן פאָלק; אז זיי זאָלן אריבערטראָגן אלע מכשולים, וועלכע שטייען זיי פאָר אין זייער ווייטערדיק לעבן און העלפן אויפבויען דאָס אידישע לאנד. די רעדע איז געהאלטן געוואָרן אין העברעאיש.

עס באגריסן אין נאָמען פון „תרבות" קאָמיטעט ה׳ פערעל און אין נאָמען פון די עלטערן ה׳ משה יהודה הסיד. אין נאָמען פון די תלמידים באגריסט אין העברעאיש דער תלמיד פון 5־טן קלאס משה שפוליאָן; ער דאנקט די לערער פאר זייער גוטער דערציאונג און ווינטשט זיי, אז זיי זאָלן דערלעבן נחת פון זייערע תלמידים זעענדיק זיי צווישן די רייען פון די בויער פון אידישן פאָלק אין אידישן לאנד. עס דעקלאמירן די תלמידים יוסף חסיד, צבי צוניץ, קרוזע, מוריק, פארשידענע דעקלאמאציעס אין העברעאיש און פויליש. ביי א געהויבענער שטימונג מיט ריקודים און א״י־לידער ווערט דער פייערלעכער סיום געשלאָסן.

מיר פראָטעסטירן!

מיר האָבן היינטיקע וואָך איבערגעלעבט א וואָך פון פראָטעסטן און תעניתים. אין קאָוועל האָט מען זונטיק פראָטעסטירט פאר א פארזאמלטן עולם פון אן ערך 1.000 מאַן אין דער גרויסער שיל. מען האָט אויסגעדריקט אונזער גרויסן אידישן צער און אנטוישונג צו דער ענגלישער מאַנדאטאָר־מאכט מיטן טויט־אורטייל אויף שלמה בן יוסף.

דאָס רעדן פון אונזער ראש־ישיבה האָט געמאכט א גרויסן רושם אויף די פארזאמלטע...

... אויף דער פארזאמלונג זיינען אונטער אונזערע פלייצעס געשטאנען יונגע (נישט קיין קינדער). אידעלעך מיט פארחלומטע אייגעלעך און זייערע פארצווייפלטע בליקן זיינען געווען געווענדט אין גרויסן הלל אריין מיט א פראגע: ווי לאַנג וועלן מיר אזוי ארומגיין, פארשמאכט און פארשעמט? ווי לאנג נאָך וועלן מיר אונזערע רוקנס האלטן איינגעבויגן און מיר וועלן שרייען על גבינו הורשים?

ווער האָט פון זייערע אייגעלעך נישט ארויסגעלייענט זייער פארצווייפלונג, פול מיט נקמה?...

(דאָס ארטיקל איז נישט פארענדיקט. — די רעד.).

(פרייטיק דעם 24־סטן פעברואר 1939)

ביים „אהל ביאליק"

שבת־צו־נאכט איז אין לאָקאל פון „אהל־ביאליק" פאָרגעקומען א גרויסער דיסקוסיע-אָוונט איבער אקטועלע ציוניסטישע פראגן.

דעם אָוונט דערעפנט פרעזעס אינזש. גזשעבמאכער. דער ערשטער באקומט דאָס וואָרט אלס פאָרשטייער פון דער נ. צ. א. אין קאָוועל, ה' יוסף געלמאַן וועלכער גיט א גענויעם איבערבליק איבער דער איצטיקער לאגע אין ציוניזם. דער רעדנער אנאליזירט ספעציעל די פאָליטיק פון זאב זשאבאָטינסקי, וועמענס לאָזונגען און אידייען זיינען אלע פארווירקלעכט געוואָרן.

אין נאָמען פון „החלוץ" רעדט ה' טוביה ווייסברויט, וועלכער פאָלעמיזירט שארף מיט די אויספירונגען פון ה' געלמאַן.

ה' יצחק גיטעלים (אלג. ציוניסטן, גרופע ב') סאָלידאריזירט זיך מיט די אויספירונגען פון ה' געלמאַן. עס רעדן נאָך א פאָרשטייער פון „מזרחי" און ח' הערש וואל.

שפעט אין אָוונט איז דער אינטערעסאנטער אָוונט געשלאָסן געוואָרן.

אלגעמיינע פארזאמלונג פון צענטר. קליינהענדלער־פאראיין

אין איינענעם לאָקאל איז פאָרגעקומען די אלגעמיינע יערלעכע פארזאמלונג פון צענטראלן קליינהענדלער־פאראיין אין קאָוועל. צו דער פארזאמלונג איז ספעציעל געקומען א פאָרשטייער פון דעם ווארשעווער צענטראלע ה' גראף. דער לעצטער ווערט געוויילט אלס פאָרזיצער פון דער פארזאמלונג.

פרעזעס ה' דוד נאטקאָווסקי, דערעפנט די פארזאמלונג און גיט איבער דעם

טעטיקייטס-באריכט, וועלכער ווערט גענומען צו קענטעניש.

עס ווערט אויסגעדריקט אבסאָלוטאָריום דער אָפּטרעטנדיקער פארוואלטונג און עס ווערט אויסגעוויילט א נייע, אין פאָלגנדיקן צוזאמענשטעל: פּרעזעס — ה' דוד נאטקאָווסקי, וויצע — גוז חיים־לייב, קאסיר — גוטמאַן שמואל, סעקרעטאר — שלום ערליך, מיטגלידער פון פארוו. — זאיץ אהרן, אלס פארטרעטער: שלמה לאנגער און פנחס באכאווער.

אין רעוו.־קאָמיסיע: פיין הערש, גראניטש מענדל און פנחס לאנגער. די פארוואלטונג איז צוגעטראָטן צו אן אינטענסיווע טעטיקייט.

די געשיכטע פון וואָלין

(ארטיקל)

דער נאָמען „וואָלין" נעמט זיין מקור פון א געוויסן פרעכטיקן שלאָס מיטן זעלבן נאָמען, וואָס איז געשטאנען מיט הונדערטער יאָרן צוריק אויפן טייך בוג, אויפן זעלבן אָרט וואו ס'געפינט זיך איצט דאָס דאָרף גרודעק ביי הרוביעשאָוו. די דאָזיקע היסטאָריעגראפישע שיטה געפינען מיר ביי דעם באוואוסטן פוילישן היסטאָריקער דלוגאָש.

אן אנדער ווערסיע ווידער, וויל אויסטייטשן דעם נאָמען פון אונזער רעגיאָן פונם וואָרט „וואָל" (אן אָקס), ווייל אונזער געגנט האָט אמאָל געשמט אויף דער וועלט מיט אירע סטאנדאריזירטע אָקסן.

דער געאָגראפישער באגריף פון וואָלין איז געווען אין כסדרדיקן סטאדיום פון פארענדערונגען, אזוי אז די גרענעצן פון וואָלין האָבן אמאָל ארומגעכאפּט פון צפון־זייט אזש איבער בריסק, פון מערב-זייט איבער כעלעם און קראסני־סטאוו, און אויף דרום־זייט נעבן סאָקאָל און בעלז.

דער עלטסטער רוסישער היסטאָריקער נעסטאָר, רופט אָן זיין היסטאָרישן ווערק די איינוואוינער פון וואָלין „בורזשאני", פונם וואָרט „בוג" און באהויפּטעט, אז ביזן 10-טן יאָרהונדערט איז וואָלין געווען א זעלבסטשטענדיקע מלוכה. ערשט אם ענדע פון 10-טן יאָרהונדערט פארנעמט פוילן וואָלין אונטער איר באזיץ. נאָר גלייך אין יאָר 981 נעמט־אָפּ דער קיעווער גרויס־פירשט וולאדימיר, וואָלין ווי אויך פשעמישל און פאראייניקט דאָס צו קיעוו.

אין דעם זעלבן יאָר פארלייגט ער די שטאָט וולאדימיר־וואָלינסק און באשטימט זי פאר די הויפּטשטאָט פון וואָלין.

מ'דארף באצייכענען, אז דער גרויס־פירשט וולאדימיר האָט אזוי אויסגעפוצט די הויפּטשטאָט פון וואָלין, וועלכער ער האָט געשענקט זיין נאָמען, אז אין יענער צייט איז לודמיר געווען פיל פרעכטיקער ווי קיעוו.

נאָכדעם ווי וולאדימיר איז אָפּגעשטאָרבן, האָט זיך אָנגעהויבן א קאמף צווישן ביידע זיינע זין וועגן קיעווער טראָן. דאָס האָט אויסגענוצט דער פוילישער קעניג באָלעסלאוו כראָברי, וועלכער האָט צוריק אָפּגענומען וואָלין. געווען איז דאָס אין יאָר 1015.

נאָכן טויט פון גרויספירשט יאראָסלאוו אין 1054 יאָר, פאלט ווידער וואָלין ארונטער אונטער דער קיעווער הערשאפט מיט לודמיר אלס הויפּטשטאָט.

אין 1073 יאָר פארנעמט ווידער וואָ־

לין באַלעכלאַוו שמיאַלי, וועלכער האָט אין דעם זעלבן יאָר זיך געלאָזט אויף קיעוו.

דער מעכטיקסטער הערשער פון אַלע וואָלינער סואווערענען איז געווען פירשט ראָמאַן מסטיסלאַוויטש, וועלכער איז אומגעקומען אין 1208 יאָר, אין קאַמף מיט ליעשעקן אונטער זאַוויכאָסט. נאָכן טויט פון מסטיסלאַוויטש איז געבליבן זיינע מינדעריעריקע זין. דאָס האָט אויסגענוצט ליעשעק בילאַי, וועלכער האַלטנדיק אַז וואָלין געהערט צו אים, האָט דאָס געגעבן נאָך זיין טאָכטער סאַלאָמעאַ וועלכע האָט חתונה געהאַט מיטן אונגאַרישן פירשט קאָלאָמאַן.

דער דאָזיקער הערשער האָט זיך געלאָזט קרוינען אַלס קעניג פון „לאָדאָמעריע” (אַזוי האָט ער אַ נאָמען געגעבן וואָלין, צוליב דער הויפּשטאָט לודמיר).

פינף יאָר האָט געדויערט דאָס קעניגן פונם אונגאַרישן מאַגנאַט:

אין 1219 ברעכט אויס אַ בונט פון דער באַפעלקערונג און צווינגט קאָלאָמאַנען צו אַבדיקירן. די מאַכט נעמט איבער פירשט דאַנילאָ.

אין 1240 יאָר ווערט וואָלין פאַרפלייצט פון טאַטאַריש מיליטער, וועלכע מאַכט חרוב דעם דאָזיקן פרוכטבאַרן געגנט, קיין שום מאַכט קען זיך קעגן זיי נישט קעגנשטעלן, אַזוי אַז דאַנילאָ מוז זיך זיי אונטערגעבן.

אויסנוצנדיק די לאַגע וואָס די טאַטאַרן האָבן שטאַרק אָפּגעשוואַכט רוסלאַנד, האָט די געצנדינערישע ליטע אָנגעהויבן ביסלעכווייז צו פאַרכאַפּן רוסישע טעריטאָריע און אין 1240 יאָר, האָט זי זיך אָנגעהויבן לאָזן מאַרשירן אויף וואָלין, אַזוי אַז אין 1321 יאָר האָט דער ליטווישער פירשט געדימין איבערגענומען די מאַכט איבער וואָלין.

אין 1335 נעמט איבער די מאַכט אין לוצק דער ליטווישער פירש ליובאַרט. דער דאָזיקער הערשער האָט דער ערשטער דערלויבט אידן זיך צו באַזעצן אין וואָלין *). פון דער דאָזיקער תקופה דאַטירט זיך דאָס באַזעצן זיך אויף וואָלין אייניקע טויזנט אידן וואָס זיינען אַנטלאָפן פון דייטשלאַנד און שפּאַניען. פון דעם דאָזיקן פעריאָד הויבט זיך אָן פאַר וואָלין אַ גליקלעכע ערע פון אויפבליאונג פון האַנדל און אינדוסטריע. אין דער צייט האָבן אויך זיך אַ לאָז געטאָן קיין וואָלין פיל אָסאַדניקעס פון פוילן ווי אויך פיל קאַראַאימער וואָס זיינען אָנגעקומען צוזאַמען מיט דעם טאַטאַרישן „מבול”.

רש״י קטן

---

*) נאָטאַ: דאָ האָבן מיר ווידער אַ באַשטעטיקונג אויף דער באַמערקונג, וואָס מיר האָבן געמאַכט אין אונזער היסטאָרישן איבערזיכט. אַז אידן האָבן זיך אָנגעהויבן באַזעצן אין אונזער געגנט מיט אַ 600 יאָר צוריק.



„AL HAMISZMAR“

Styczeń 1922

שבט תרפ"ב.

על המשמר

ירחון

כלי מבטא של המחשבה הלאמית הצעירה

התוכן.

			צד
1	מטרת „על המשמר“	המערכת.	1
2	די וועלט אנשויאונג פון „השומר“	ישראל מים	2
	חנוכה ליכטלין	פ. פרסטבקה	3
4	תגלית והמצאה	רכבא	4
5	סאָנעטען	ל. מלאך	5
6		ש. אליצקי	6
7	שירת נעורים	פ. פרסטבקה	7
8	על המזמר	י. גילדברג	8
9	ארץ מולדת	מ. וויינשטיין	9
10	מארץ האם הדם	י. רייגורודסקי	10
11.	צאר'ן סעג — אדער כיפאס אין מטארט טראַניסשטין		11
12.	די שוועדישע גימנסטיק.	י. ב.	13
13	התכנית על המדרגה השלישית		14
14	כרוניקה ציונית.		15
15	ידיעות מארץ ישראל.		15
16	מעירנו	Obserwer	15
17	קאָאָפּעראַטיווע לייה און ספאר קאסע	ח. גרינבערג	16
18	תבת הפוסטה.		16
19	מודעות.		

הגליון השני יצא בחמשה עשר לשבט

טעאַטער „עקספרעס“

בקרוב:

שף שומרי

בהנהלתו של ישראל ברים.

און גיכען א

שומר-אווענד

אונטער דער לייטונג פון ישראל ביים.

די דרוקעריי פון

י. סאנדעלשטיין און קאמפ.

ליצקער גאס № 156

נעהמט אן בעשטעלונגען אויף פערשידענע דרוקעריי ארבייטען

ביליג און שנעל

פאקסימיל פון זשורנאל „על המשמר“

V

אייניקע ישובים פון קאָוולער קרייז

⁂

מעגלעך, אז מענטשן, וואָס ווייסן און קענען די אידישע ישובים פון קאָוולער אומגעגנט, וועלן זיך וואונדערן, פארוואָס עס קומען נישט אריין אין אונזער „פנקס” אויך די נאָענט-ליגנדיקע שטעטלעך, ווי ראטנע, טריסק, קאמען-קאשירסק און אנדערע קלענערע ישובים.

ווילן מיר דאָ פעסטשטעלן, אז אונזער כוונה איז טאקע געווען, אז אויך די אויבנדערמאָנטע ישובים זאָלן אין אונזער „פנקס” פיגורירן, און מיר האָבן וועגן דעם זיך געווענדעט, דורך עפנטלעכע פובליקאציעס אין די אידישע צייטונגען און אויך פערזענלעך צו די פארשטייער פון די דאָ עקזיסטירנדיקע פאראיינען פון די אויבנדערמאָנטע ערטער און מיר האָבן נישט באקומען קיין פאָזיטיוון ענטפער.

דעריבער דרוקן מיר נאָר א טייל פון די ישובים פון קאָוולער קרייז, וועמענס לאנדסלייט עס האָבן ארויסגעוויזן אינטערעס און האָבן אונז די געהעריקע דאטן געגעבן צום פארעפנטלעכן.

די רעדאקציע.

בצלאל באַלער (צאַלע אהרן וואָלפּ'ס)

מעלניצע

דאָס שטעטעלע מעלניצע געפינט זיך א דרייסיק קילאָמעטער פון דער קרייז-שטאָט קאָוועל, אין וואָלינער גובערניע (אוקראַינע). ביז דער ערשטער וועלט-מלחמה פון 1914 — 1918 געהערט צו רוסלאַנד. אין יאָר 1919 אריבער צו פוילן. נאָך דער לעצטער וועלט-מלחמה פון 1939 — 1945 ארונטערגעפאלן צו ראטנפארבאנד.

דעם נאָמען מעלניצע האָט דאָס שטעטעלע באַקומען, — לויט א לעגענדע דערציילט, — דערפאר, וואָס מיט הונדערטער יאָרן צוריק, איידער נאָך עס איז געוואָרן דאָרט א ישוב מיט א געהעריקער צאָל איינוואוינער, איז אין יענעם אָרט געשטאַנען, אין מיטן פעלד, אין א זייט פון א וועג — א ווינטמיל (א מיל איז אויף רוסיש: מעלניצא) און די פויערים פון די ארומיקע דערפער און „כוטאָרעס", פלעגן פאָרן, טאָג-איין, טאָג-אויס, מיט זייערע פורלעך קאָרן, ווייץ און אנדערע תבואות צו אָט דער מיל, וועלכע איז געשטאַנען — ווי געזאָגט — אליין אין פעלד, מיט א קליין שטיבעלע ביי דער זייט, אין וועלכער עס האָט געוואוינט דער מילנער (א דייטש, זאָגט מען) מיט זיין הויז-געזינד.

מיט דער צייט, אין פארלויף פון יאָרן, האָט זיך ארום דער דאָזיקער מיל, א פאָר וויאָרסט אָפּגערוקט, באַזעצט א ישוב פון גוים פריער, דערנאָך אויך אידן און מען האָט דאָס שטעטעלע א נאָמען געגעבן „מעלניצא" (אויפן נאָמען פון דער מיל).

די צאָל פון די דערפער ארום מעלניצע איז געווען א גרויסע, אין די צענדליקער, מיט ברייטע פעלדער, גערטנער און סעדער ארום זיי און א דאַנק דעם וואָס די צענדליקער און הונדערטער פויערישע פורלעך זיינען געקומען צו דער מיל, האָט זיך אָנגעהויבן דורך די ערשטע, דאָרט זיך באַזעצטע אידן, דער מסחר מיט תבואה, מעל, פערד און בכלל פויערישע פּראָדוקטן, וואָס פלעגן דורך די אידישע אָפּקויפער צונויפגעזאמלט ווערן אין פארלויף פון דער וואָך אָדער אין מער צייט און שפּעטער אָפּגעשיקט ווערן אין דער גרויסער שטאָט, קיין קאָוולע אָדער אנדערשוואו.

אזוי, איז וואָס ווייטער, אין פארלויף פון יאָרן און יאָרן, דאָס שטעטעלע געוואָרן גרעסער און גרעסער און אידן פון אלערליי פאכן און מלאכות האָבן אָנגעהויבן זיך באזעצן אין שטעטל און עס איז מיט דער צייט געוואָרן מיט אן אמת א אידישער ישוב, מיטן טיפישן אויסזען, ווי אלע אנדערע אידישע שטעטלעך אין אוקראינע.

די אידישע הייזער האָבן זיך קאָנצענטרירט מערסטנטייל, אין און ארום מארק פון שטעטל. דער מארק, א פיר-קאנטיקער פלאץ, איז אין זיינע פיר זייטן געווען פארבויט מיט קראָמען און „סקלאדעס" פון אלערליי מינים סחורות, ווי תבואה, שניט (מאנופאקטור), באקאליי, גאלאנטעריי, אייזן, שפייז און פון וואָס נישט?

דעם בלאָטיקן מארק האָט דורכגעשניטן אין קווער („נאסקאָס") א ברייטע „גרעבליע", א וועג אזא, אָנגעשאָטן מיט זאמד און פארדעקט מיט גרויסע צווייגן און ביימער גאנצע, כדי דאָס וואסער פון די רעגנס און פון צעלאָזטן שניי אום סוף ווינטער, זאָלן דעם וועג נישט גלייך-מאכן מיט דער גאנצער ארומיקער שווארצער „סליאָטע" (די „שווארצע סמעטענע", פלעגט מען ביי אונז זאָגן). אָבער עס האָט ווינציק-וואָס געהאָלפן; די בלאָטעס זיינען געווען אזוי גרויס אין שטעטל, אז עס פלעגט אויך פארשלעפט ווערן אויף דער „גרעבליע" און די ביימער מיט די צווייגן אויסגעלייגטע אויף איר, פלעגן אוועקשווימען צוזאמען מיט דער אָנקומענדיקער וואסער פון דעם אויסגעגאָסענעם איבער די ברעגעס טייכל (דער „סטאוו"). סוף ווינטער דער עיקר, ווען דער שניי איז צעגאנגען, און די פויערישע פערד און וועגעלעך און די אידישע בעלי-עגלות מיט זייערע משא-וועגענער, פלעגן נישט איין טאָג אָדער נאכט איבערשטיין פארגרעזנעטע אין די בלאָטעס ביז איבער. די רעדער, ביז עס איז נאָך גרויסער מי און מאטערניש געלונגען פון דאָרט זיך ארויסצודראפען.

אזוי איז עס געווען ביז אין א שיינעם טאָג, ווען מען האָט אָנגעהיבן צו לייגן א שאָסיי אין מיטן שטעטל און וועלכער האָט זיך געצויגן דעם גאנצן וועג וואָס פירט קיין קאָוולע דורך האלאָבע — א באןסטאנציע צען וויאָסט פון שטעטל. (אין מעלניצע איז קיין באןסטאנציע נישט געווען).

ווען דער שאָסיי איז אויסגעלייגט געוואָרן, האָט דאָס שטעטל אביסל פרייער אָפגעאָטעמט. כאָטש אין די זייטן פון ארום שאָסיי, שוין אָפגערעדט, אז אין די זייטיקע געסלעך איז געווען די זעלבע בלאָטעס וואָס פריער, און נאָר ביי די שטיבער איז געוואָרן אויסגעלייגט „קלאדקעס" (הילצערנע בריקלעך) און אויך נישט ביי אלע שטיבער זיינען אזעלכע געווען

דער עיקר איז געוואָרן א לעבן פאר דער יוגנט, פאר בחורים און מיידלעך און אפילו פאר עלטערע אידן אויך, וואָס האָבן ביז דאן זיך געמוזט באגנוגענען מיט א שפאציר פאר דער אייגענער טיר, איז איצט, ווען דער שאָסיי איז אויסגעלייגט געוואָרן, האָבן זיי שוין געקענט אין א פרייטיק־צו־נאכט, נאָך דער וועטשערע אָדער שבת־נאָך־מיטיק, ארויסגיין ווייט פון שטעטל צום קאולער וועג־צו. אום זומער — כאַפּן אביסל פרישע לופט און אום ווינטער, אפילו ווען דער פראָסט האָט געברענט, מאכן דעם אמתן שפאציר.

און שפאצירער האָבן נישט געפעלט אין שטעטל, ווייל מעלניצע איז מיט דער צייט, שוין ארום די יאָרן 1900 און ווייטער, געוואָרן א שטעטל מיט א וועלכע פינף אָדער זעקס הונדערט אידישע משפחות (אקעגן א צוויי הונדערט קריסטלעכע), און קיין עקרות זיינען ביי אונז ב"ה נישט געווען קיין סך, — אויף די פינגער צו ציילן. איז טאקע געווען ווער עס זאָל שפאצירן (עס רעדט זיך, פארשטייט זיך, אלין אום שבת אָדער אום יום־טוב, ווייל ווער וועט עס עפּעס אין מיטן וואָך ארויסגיין אויף א שפאציר אין מיצקע דרינען).

א היין אויפן שאָסיי, פלעגט מען אויך ארויס אויף א שפאציר אין די אלייען (בפירושע אלייען) פון גרויסן הויפישן סאָד, מיט זיינע הונדערטער גאָר אלטע ביימער, צווישן זיי א סך פרוכט־ביימער, און אויף וועלכן מענטשן פון דער פרעמד געקומענע אין שטעטל, פלעגן זאָגן, אז אזא סאָד איז א זעלטנהייט צו זען אין די גרעסטע שטעט פון ראָסיי, און ווער פון די יונגוואָרג זיינען אוועק אין „סטאָוועטשינער“ וועלדל, א פאָר וויאָרסט פון שטעטל, און פארבייגייענדיק די „קרעניצע“, וואָס איז געווען ביים וועג, גייענדיק צום וועלדל, האָט מען זיך אָנגעטרונקען מיט פרישער קוואלנדיקער וואסער, וואָס איז פון איר שטענדיק געפלאָסן, ריין און לויטער ווי קרישטאָל.

און דאָרט, אין וועלדל גופא, פלעגט מען זיך אָנעסן מיט פריש־אָנגעקליבענע רויטע און שווארצע יאגדעס און ווער מיט בארלעך אָדער ניסלעך, וואָס זיינען דאָרט געוואקסן לרוב, און אזוי ארום האָט יונגוואָרג פארבראכט, שפאצירנדיק און אין שטיפערייען דעם גאנצן שבתדיקן אָדער יום־טובדיקן טאָג. פארשטייט זיך, אז עלטערע מענטשן, איבערהויפט די פרומע צווישן זיי, האָבן געקוקט קרום אויף אזעלכע „הפקר־גענג“; דערפאר זיינען זיי שוין, די זעלבע פרומע אידן, געווען צופרידן פון די בחורים, וואָס פלעגן זיצן אין טריסקער שטיבל און לערנען. אזעלכע בחורים־לערנער זיינען געווען א גאנץ היפשע צאָל ביי אונז אין שטעטל. אין א שבת אָדער יום־טוב נאָך מיטיק און אפילו אין מיטן דער וואָך, פלעגט דאָס טריסקער שטיבל אויסזען ווי א קליינע

ישיבה. בחורים און אויך עלטערע אידן פלעגן זיצן און זיך שאָקלען איבער די גמראָס און געשמאַק לערנען. און זייער גמרא־ניגון פלעגט זיך הערן ווי ווייט פון שטיבל ארויס.

אז דער אידישער ישוב אין מעלניצע איז געווען א גאנץ אלטער, האָבן עדות־געזאָגט די דריי בית־החיימס. דער ערשטער בית-עולם וואָס האָט זיך געפונען אין שטאָט כמעט, א קנאפּע הונדערט מעטער פון די בתי־מדרשים, איז געווען אויף א בערגל און אין פארלויף פון יאָרן האָבן זיך די מצבות דאָרט אריינגעזעצט און אריינגעגראָבן אין דער ערד, אזוי, אז נאָר זייערע שפּיצן, אייניקע רונדע און אנדערע שפּיציקע און צעשפּאָלטענע, שוין מיט מאָך־באוואקסענע, האָבן ארויסגעשטארצט אויף דער אויבערפלאך פון דער ערד. אויף אייניקע מצבות האָט זיך נאָך ארויסגעזען דער „פּ. נ.“ און אויף אנדערע א האלבער אָדער א גאנצער מגן־דוד. אָבער קיין נאָמען אָדער יאָר איז שוין נישט געווען צו דערקענען.

נישט ווייט פון ערשטן, טאקע בשכנות, האָט זיך געפונען דער צווייטער אלטער בית-עולם, מער נאָענטער צו די בתי־מדרשים, און וועלכער האָט אויסגעזען ווי א וועלדל, אזוי געדיכט פארוואקסן מיט ביימער איז ער געווען. און חברה קונדסים, פלעגן אום זומער זיך ארויסגנבענען פון חדר (אָדער זאָגן דעם רבין עפּעס א תירוץ...), און זיך אריינכאפּן אהין אויפן בית-עולם און דאָרט רייסן בארלעך, די, וועלכע מען האָט גערופן „גנילקעס“, ווייל מען האָט זיי ערשט געקענט עסן ווען זיי זיינען א שטיקל צייט אָפּגעלעגן אין היי און האָבן באקומען א ברוינעם קאָליר... אָבער חברה האָט נישט געהאט קיין צייט צוווארטן, און מען פלעגט זיי גלייך אויפן אָרט עסן גרינערהייט. אז די מאמעס האָבן דערנאָך געהאט צרות מיט די קינדערס שלאפע בייכלעך, איז נישטאָ וואָס צו רעדן. אויך עפּעלעך פון דעם אייגענעם „שניט“ איז דאָרט געוואקסן אויף די ביימער, וואָס קיינער האָט נישט פארזעצט, נאָר פון זיך אליין ארויסגעוואקסן. בכלל איז אויף דעם דאָזיקן בית-ההיים געווען זייער מערקווירדיק דאָס, וואָס ביי יעדער מצבה צוקאָפּנס, איז געווען אויסגעוואקסן א בוימל. ביימער און קאָרטשעס זיינען געווען אזוי געדיכט־געוואקסן, איינער נעבן דעם אנדערן, אז עס איז שווער געווען אדורכצוגיין די שמאָלע „סטעזשקעס“ (וועגלעך), וואָס צווישן איין שורה מצבות און דער צווייטער; אזוי געדיכט איז

געווען דאָרט פאַרוואַקסן, אַז מען האָט געקענט שטיין איינער פון צווייטן אָפּגערוקט אַ צען מעטער און מען זאָל זיך נישט זען.

און ווען ארום די יאָרן 1908 אָדער 1909, איז אויך דער צווייטער בית-החיים פאַרפולט געוואָרן מיט נפטרים, האָט מען שוין ווייט פון שטעטל (אַ דריי ווערסט) אויף קאָוולער וועג, „געצוימט“ אַ נייעס פעלד פאַר אַ בית־החיים.

עס געדענקט זיך אַז קהל האָט דאַן געהאַט אַ שקלא וטריא, צי זאָל מען דאָרט „צוימען“ דאָס פעלד אָדער נישט. ווייל צוליב דעם, וואָס גייענדיק צום דאַזיקן פּלאַץ, האָט מען געמוזט דורכגיין מיטן מת דעם פּוילישן „צמענטאַרזש“. אָבער ווי ס'ווייזט אויס, איז קיין אַנדער ברירה נישט געווען און מען האָט דאָס פעלד פאַר אַ בית־החיים יאָ געקויפט און ביי די אידן וואָס זיינען מיט דעם נישט צופרידן געווען, האָבן זיך ערשט דאַן באַרואיקט די געמיטער, ווען זיי האָבן געזען, אַז דער טריסקער רבי זצ"ל בכבודו ובעצמו, איז געקומען צום „אָפּנעמען דאָס פעלד“.

מיטן באַשרייבן אַביסל מער באריכות די דריי ביתהחיימס אין אונזער שטעטל, זיינען מיר אויסן געווען אויך צו באַווייזן, אַז דער אידישער ישוב איז שוין דאָרט געווען אַ גאַנץ אַלטער. לויט אונזער שאַצונג און לויט מיר האָבן געהערט פון אַנדערע: אַן ערך פון פינף ביז זעקס הונדערט יאָר. אייגנטלעך, מער-ווייניקער, די זעלבע יאָרן וואָס די אידישע ישובים אין אַנדערע אַרומיקע שטעט און שטעטלעך, ווי קאָוולע, לוצק, ראַזשישטש, און נאָך אַנדערע צענדליקער אידישע ישובים אין יענעם געגנט אויף וואָלין, וואָס זיינען אַזוי פול געווען מיט דורותדיקן אידישן לעבן אין משך פון הונדערטער און הונדערטער יאָרן.

געלעבט האָבן אידן אין אונזער שטעטל ווי אין אַלע אַנדערע שטעטלעך: פון מסחר און מלאכה. דער הויפּט-מסחר איז געווען מיט תבואה, מעל, מאַנופאַקטור, אייזן און אַנדערע סחורות. און די בעלי־מלאכות — שניידערס און שוסטערס. די סביבה פון דערפער אַרום שטעטל, איז געווען אַ גרויסע. אַביסל ווייט פון אַ גרעסערער שטאָט, האָט מען געמוזט אָנקומען אַהער. ירידים און מאַרק־טעג זיינען געווען אָפטע און פּויערים זיינען געקומען קויפן, פאַרקויפן, — האָט מען אָנגעגרייט פאַר זיי סחורות, אַזוי די קרעמער, הענדלער און בעלי־מלאכות, און אידן האָבן געהאַט פּרנסה.

מיט מאנופאקטור האָבן געהאנדלט די פארצווייגטע פאמיליעס אין שטעטל, די גייערס (צוויי ברידער געווען: מאָטל און קלמן). מאָטל גייער איז געווען א גרויסער גביר. מען האָט אים געשאצט אין א הינדערט טויזנט רובל, נאָך אין פרידן־צייט. מען פלעגט ביי אונז זיך באַרימען, אז אפילו אין קאָוולע איז אזא גביר עצים נישט בנמצא, און מעלניצע האָט זיך טאָקע דערמיט געגרויסט...

זייער גבירעשאפט איז נאָך מער פארגרעסערט געוואָרן דאן, ווען ער האָט אנגעהויבן האנדלען (א שטיקל צייט פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה) מיט „קופאָנעס“. (אייגנטלעך האָבן די געשעפטן געפירט זיינע פיר זין: חיים־דוד, ניאמטשיק, יונה און זלמן). וואָס פאר א מסחר דאָס מין „קופאָנעס“ איז געווען, איז א לאנגע מעשה צו דערציילן. נאָר געוואוסט האָט מען, אז עס ווערן ארויסגעשיקט דורך פאָסט גאנצע זעק ברייוו מיט פראָספעקטן און מיט „קופאָנעס“, איבער גאנץ רוסלאנד. די קופאָנעס, האָט דער, וואָס האָט זיי דערהאלטן, געדארפט פארקויפן און דאָס געלט איינאיינעם מיט די אדרעסן פון די קויפער, צושיקן צו גייערן און פאר יענעמס טרחה האָט ער געקראָגן צוגעשיקט א „מתנה“, לויטן אויסוואל וואָס עס האָט זיך געזאָגט אין פראָספעקט. די גייערס ווידער האָבן צו די נייע אנגעוויזענע אדרעסן, אויפסניי געשיקט קופאָנעס און אזוי האָט זיך עס געצויגן אין א מין פארכשופטן קרייז אָן א סוף און אָן אן עק. אז דער גאנצער „עסק“ איז געווען גוט ארומגעשמירט ביי „נאטשאלסטווע“ אין גאנץ וואלינער גובערניע (און נישט נאָר אין וואָלינער אפשר אליין) איז איבעריק צו זאָגן, כאָטש עס איז חלילה קיינער נישט באשווינדלט געוואָרן. אדרבה, יעדער וואָס האָט נאָר צוגעשיקט די אדרעסן מיטן געלט, האָט באקומען צוגעשיקט פאר זיין טרחה, זיין אויסגעקליבענע „מתנה“. נאָר עס האָט סתם גערופן די אויפמערקזאמקייט די גרויסע צאָל ברייוו, וואָס גייט ארויס איבער דער גאנצער וועלט פון אזא העק ווי מעלניצע און עס האָט געריסן די אויגן. עס פארשטייט זיך, אז די גייערס האָבן צום גאנצן מסחר פון די „קופאָנעס“ קיין געלט חלילה נישט דערלייגט, און אויב זיי זיינען געווען נאָך פון פריער רייך, זיינען זיי אין די פאָר יאָר וואָס זיי האָבן זיך מיט דעם נייעם עסק פארנומען, נאָך רייכער געוואָרן.

עס געדענקט זיך אן עפיזאָד, וואָס איז פארבונדן מיט דעם, וואָס מיר האָבן אויבן דערציילט. אין איינעם א שיינעם זומערדיקן פרימאָרגן זיינען אראָפגעקומען אין שטעטל צוויי הויכע, בערדיקע „קאצאפעס“ מיט „פאפאכעס“ (קוטשמעס) אויף די קעפ, אנגעטאָן אין ברייטע, לאנגע שווארצע שינעלן, ארומגעגארטלט מיט ברייטע לעדערנע פאסן און פול מיט קוילן־גילזן און זיי אריינגעשטעלטע אין האָבן זיך

אָפּגעשטעלט נעבן היים גוזס קלייט, וואָס דאָרטן איז געווען דער אָנהויב פון מארק, אַנקומענדיק פון קאַוולער וועג.

אז מעלניצע האָט דאָס דערזען, ד. ה. די צוויי פאַרשוינען אין זייער מאָדנעם הילוך, מיט זייער ווילדן, בערישן אויסזען איז באַלד געוואָרן א גערויף פון מענטשן; קינד און קייט זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן באַקוקן דאָס „בייז־וואונדער" און גלייך האָבן פאַרשידענע מעשיות אין סבראית אָנגעהויבן צו קורסירן איבערן שטעטל, ווער די דאָזיקע צוויי פאַרשוינען זיינען און וועגן וואָס זיי זיינען געקומען. מאַמעס האָבן קודם־כל געגעבן א כאַפּ אריין די זיך־שפּילנדיקע קינדערלעך פון דער גאַס — אין שטוב אריין, און אליין איז מען געגאַנגען געזיאויר־ווערן, וואָס דאָס איז פאר א מין „נעצעבעס" (אזא מין אויסדרוק געווען ביי אונז אין שטעטל, אין אזעלכע פאלן). ארויסגעוויזן האָט זיך, אז דאָס זיינען די צוויי אויסטערלישע פאַרשוינען, — „קאצאפּעס", צי „טשערקעסן", ווער ווייסט זיי דאָרט, — אראָפּגעקומען פון אויסרייסעניש ערגעץ, צו אונז אין שטעטל, נישט מער און נישט ווייניקער נאָר צוליב דעם, כדי צו באטראכטן די „סקלאדעס" און „מאגאזינען" מיט די סחורות, מאָטל גייערס, וואָס ער שרייבט אין די פּראָפּאגאנדע־פּראָספּעקטן, וואָס ער צעשיקט אינאיינעם מיט די קופּאָנעס. צוליב וואָס זיי דארפן דאָס אזוי נייטיק זען די מאגאזינען מיט די סקלאדעס סחורות, איז פארן שטעטל געבליבן א סוד. מ'האָט נאָר געוואוסט און טאקע געזען אויך, אז א גאנצן טאָג האָט זיך ביי מאָטל גייער אין רחבותדיקן הויז גערודערט. די שטוב־מענטשן פון דאָרט זיינען אלעמאָל אריין און ארויס און זיך געשושקעט און געסודעט.

דער אוריאדניק און דער מאָנאָפּאָלשטשיק, וואָס איז געווען א מאַכער ביי העכערע נאטשאלסטווע, ווען מען האָט געדארפט — האָבן זיך אויך באַוויזן און עס האָט זיך דאָרט אין שטוב געקאָכט און גערודערט, נאָר וואָס? האָט מען נישט געוואוסט. אָבער דעם סוף פון דער מעשה, האָט מען יאָ געוואוסט, און טאקע געזען, אז עס האָט זיך פאַרענדיקט מיט א גרויסער סעודה, וואו די עטלעכע „קנעפּלעך" פון שטעטל מיט נאָך א פּאָר ציווילע קריסטלעכע „פּני", האָבן צוזאמען מיט די צוויי בערדיקע פאַרשוינען געגעסן און געשכורט א גאנצע נאכט ביז ארום צוועלף דעם זייגער. ווען הערשעלע איזוואָזשטשיק איז געקומען און אנגעקלאפּט אין טיר און געמאלדן, אז ס'איז שוין צייט צו פאָרן צו דער באַן, צום „איינסער" (וועלכער גייט־אָפּ איינס אזייגער). און ווי געהיימניספול זיי זיינען געקומען, די צוויי מאָדנע אורחים, אזוי געהיימניספול זיינען זיי אוועק. אָבער דאָס שטעטל האָט נאָך גאנין לאנג געהאט פון וואָס צו ריידן און צו מאכן השערות, וואָס דאָס איז געווען

פאר א „וויזיט“. אָבער דעם אמת האָט מען זיך נישט געקענט דערוויסן, און אזוי איז מען שוין פארבליבן, נישט וויסנדיק.

מיט מאנופאקטור־מסחר האָבן זיך אויך פארנומען די פאמיליעס באָקסער און בוב, וועלכע זיינען געווען גאנץ פארמעגלעכע אידן און האָבן געפירט דאָס „רעדל“ אין שטאָט. מיט תבואה און מעל האָבן געהאנדלט די ריידערס, עטלעכע פאמיליעס פון דער זעלבער משפחה זיינען זיי געווען, און אלע צוזאמען זיינען זיי באשטאנען פון א פאָר הונדערט נפשות, און זיינען אלע אויך געווען פארמעגלעך.

אויך די פאמיליעס פעלין — די ברידער: שמעון, סנדר און יעקב, מיט זייערע שוואָגערס משה טייטלבוים און נחמן לייב גארבער האָבן אלע געפירט גרויסע מסחרים מיט תבואה, באקאליי און לעדער (די ערשטע דריי) און מיט באקאליי און אייזן (די צוויי שוואָגערס). זיי האָבן אלע געפירט זייערע געשעפטן אין הורט און געווען גוטשטייענד, פארמעגלעך און וואוילע אידן, וואָס האָבן זיך געלאָזט קאָסטן און קענען וואו עס איז נייטיק געווען, — טריסקער חסידים געווען. און נאָך צענדליקער קלענערע און גרעסערע קרעמער און הענדלער זיינען געווען, ביי וועלכע ס'איז געווען צו באקומען פון אלין וואָס דאָס שטעטל האָט געדארפט.

ארום אָט די אלע אויסגערעכנטע סוחרים מיט זייערע מסחרים, פלעגן לעבן צענדליקער פאמיליעס אידן ווי גוים. ווייל, ווי געזאָגט, א : אונזער שטעטל געווען ווייט צען וויאָרסט פון א באן־סטאנציע, האָט מען די אלע סחורות, וואָס מען האָט געדארפט אריינפירן אָדער ארויספירן, געמוזט פירן צו, אָדער ברענגען פון דער באן, האָט זיך דערפאר אין שטעטל גערודערט. צענדליקער פורלעך פלעגן שטיין ארום די קראָמען און מען האָט אָנגעלאָדן אָדער אויסגעלאָדן די פארשידענע סחורות און ארטיקלען. דערפאר פלעגט טאקע דאָס שטעטעלע אונזערס אויסזען אין א פראָסטן טאָג, ווי אין אן אנדער שטעטל אין א מארק־טאָג.

א גרויסע צאָל פערד־הענדלער זיינען געווען ביי אונז אין שטעטל. דער עיקר איז דער דאָזיקער מסחר איינגעשטאנען ביי דער משפחה קנאָבל. עטלעכע ברידער זיינען זיי געווען, מיט די זין, איידעמס און נאָענטע קרובים, זיינען זיי אויך געווען א פאָר הונדערט נפשות, און אלע האָבן געהאנדלט מיט פערד, און אלע האָט מען גערופן „די קנאָבולניקעס“. זיי האָבן געפירט גרויסע טאבונען מיט פערד אויף די ירידים, ווי ווייט אין וואָלינער קאנט און אין פוילן. זיי זיינען אלע

טאָקע געווען פּראָסטע און פארגרעבטע, אָבער אין קעגנטייל צו אנדערע, וואָס האָבן זיך פארנומען מיט דעם מסחר. זיינען זיי געווען אָרנטלעכע און וואוילע אידן.

צוליב זייער פארצווייגטער גרויסער משפחה מיט זייער פאמיליען-נאָמען — קנאָבל, און ווייל מען האָט זיי געקענט אין גאנצן געגנט ארום, פלעגט מען שוין רופן אלע מעלניצער אידן, אָן אויסנאם, מעלניצער קנאָבולניקעס. אנדערע זאָגן, אז דאָס איז דערפאר, וואָס אין מעלניצע פלעגט שטענדיק זיין א גערעטעניש אויף קנאָבל, און עס פלעגן אראָפּקומען סוחרים פון ווי-ווייט, אָט דאָס מין איינצוקויפן. אזוי צי אזוי, דער נאָמען — מעלניצער קנאָבולניקעס איז געווען, אָבער נישט חלילה לגנאי.

בעלי-מלאכות, איז ווי געזאָגט, זיינען געווען דער רוב שניידערס און שוסטערס. די מערהייט פון זיי האָבן געארבעט „טאנדעטנע"-ארבעט פאר די פּויערים, צו פארקויפן זיי אויף די ירידים און אין שטעטל גופא. א חוץ זיי, זיינען געווען בעלי-מלאכות פון אנדערע פאכן, ווי: די קאָוואלעס, אברהם סופר, א איידעלער איד געווען, אליהו קירזשנער, אויך א בעל-הבתישער איד געווען, געפירט א רייכע שטוב און געהאט לייטישע אינטעליגענטע קינדער, און נאָך א פּאָר אידן פון דעם פאך; און טעסלערעס, סטעלמאכערס, מוליארעס און פון אנדערע מלאכות וואָס האָבן געארבעט פארן היימישן שטעטלשן געברויך און פאר די פּריצים און גלחים פון די ארומיקע דערפער וואָס פלעגן אראָפּקומען מיט זייערע „פאניענקעס" און דינערשאפט אין א זונטיקדיקן אָדער אין א הגא-טאָג מיט זייערע „קאָליאסקעס" אָדער פאיעטאָנדלעך אין שטעטל אריין איינקויפן, אָדער באשטעלן וואָס זיי האָבן נויטיק געהאט און אין איינוועגס שוין, ווער אָפּנעמען די „פּאָטשט" (קאָרעספּאָנדענץ) פון דער וואָך און ווער אָנמעסטן אָדער אָפּנעמען א פארטיקן שוין פוטער אָדער א קליידל וואָס עס האָט זיי אויפגענייט. יהודה-בער דער „מוזשסקי" אָדער טייזול דער „דאמסקי" — שניידערס.

אָט די אלע פריער אויסגערעכנטע סוחרים, קרעמער, הענדלער און בעלי-מלאכות צוזאמען מיט די מלמדים, כלי-קודש, בעלי-עגלה'ס, דאָרפסגייער און מעקלערס (פון פערד און בהמות), האָבן צונויפגעשטעלט די אידישע באפעלקערונג פון אונזער שטעטעלע אין א צאָל פון א דריי טויזנט נפשות, קעגן א טויזנט קריסטלעכע.

הגם, ווי מיר האָבן פריער באשריבן, אַז מעלניצע איז כמעט שטענדיק (א ניין חדשים אין יאָר) געווען איינגעטונקען אין בלאָטע, און

טיילמאָל טאַקע מיט סכנות-נפשות, — דאָך איז דאָס לעבן דאָרט געווען אָנגענעם און פריילעך. עס איז געווען אַ יוגנט, וואָס איז אפילו אין די „שקאָלעס" נישט געגאַנגען, פשוט דערפאַר, ווייל אַזעלכע זיינען נישט געווען, נאָר מען האָט געלערנט ביי די היימישע לערערס און מלמדים. דאָך איז מען געווען צופרידן און זאָרגלאָז. מען האָט קיין בעסערס נישט געזען און נאָך קיין גרויסע זאַכן נישט געבענקט. אוודאי זיינען די רייכערע קינדער: פון די גייערס, די פעלצם, די ריידערס און אַנדערע, אַמאָל א פאָר-געטון, ווער קיין קאָוולע און ווער נאָך ווייטער, קיין וואַרשע, למשל, אָדער קיין זשיטאָמיר, קיעוו און געקומען צוריק אין שטעטל באַגייסטערטע און פול מיט וואונדערלעכע מעשיות פון דער גרויסער שטאָט, אָבער נישט מסוכן. מען קען דאָ אויך לעבן און מען האָט טאַקע געלעבט, — ווער בעסער, ווער ערגער. — אַלע האָבן געמאַכט שבת און אַלע האָבן געהאַט מצות אויף פסח און א כפרה אויף ערב יום-כפור, האָט אויך חלילה קיינעם נישט געפעלט... אויף פסח אָדער ראש השנה איז, נייע קאַפאָטקעלעך און שטיוועלעך אויף סקריפקעס און א ניי קאַשקעטל, האָט יעדער אינגעלע געהאַט און דאָס זעלבע, א מיידעלע — א ניי קליידעלע. און טאָמער איז ביי וועלכעס קינד דער נייער בגד. גאָר איבערגעניצעוועט געוואָרן פון טאַטנס אָדער מאַמעס אַן אַלטער קאַפאָטע אָדער קאַפּטאַן, איז אויך נישט געפערלעך, אַבי ניי. איז פאַרוואָס-זשע איז דאָ געווען אַזוי מקנא צו זיין די גרויסע שטאָט...

מלמדים און רבנים, וואָס האָבן געלערנט מיט די מעלניצער אידישע קינדער זיינען געווען א גאַנצע רייע: פון דרדקי ביז גמרא-מלמדים. עס איז געווען יחיאל דער פוילישער, א גמרא-מלמד, וואָס פרנסה האָט ער געהאַט דערפון, וואָס זיין פלוניתטע האָט געהאַט א „טשוכאַלניע", א מאַשין אַזאַ וואָס רייניקט וואָל, וועלכער איז געשטאַנען אין אַלקער, דאָס צווייטע צימער פון דעם, וואו דער רבי האָט געלערנט מיט די תלמידים. א גרויסער למדן געווען און א סטאָלענער חסיד, און נאָר מיט א פינף אָדער זעקס אינגלעך פלעגט ער לערנען, מער האָט ער נישט געוואָלט אָננעמען און אויך נאָר אַזעלכע וואָס האָבן שוין אַליין געקענט לערנען א בלאַט גמרא. ביי אים, ביי ר' יחיאל דעם פוילישן, האָט מען שוין אַריינגעקוקט אין א שטיקל תוספות און אין א שטיקל מהרש"א אויך. א איד, איז ר' יהיאל געווען בטבע א גרויסער שווייגער — א וואָרט א רענדל — אָבער א גרויסער כעסן, און דעם שיעור פון דער וואָך האָט מען געמוזט קענען, אז נישט איז חיות נישט

זיכער. נישט חלילה געשלאָגן, ווי אנדערע רביים, נאָר דאָס כּעסן זיינס. דאָס ברומען זיינס און דאָס פּאַרסקען אין דער ברייטער באָרד אריין. און דאָס מאַכן מיט די הענט ארומגייענדיק איבער דער שטוב אהין און צוריק, האָט אָנגעוואָרפן א פּחד און אן אימה אויף די דרייצן און פערצן יעריקע בחורים, אז מ׳האָט שוין פאַרזאָגט א צענטן. ווער עס האָט געלערנט ביי יהיאל דעם פּוילישן, איז געווען קאַנדידאַט צו לערנען שוין נאָכדעם אין טריסקער שטיבל „פאַר זיך" אָדער צו פאָרן ערגעץ אין א ישיבה ווייטער לערנען. עס זיינען אויך אזעלכע אינגלעך ביי אונז געווען, וואָס האָבן אין די ישיבות געלערנט. אין זוואָהילער און מירער און אין אנדערע.

שיע קאַשיווקער, אָדער דער רבי שיע, ווי מען האָט אים גערופן (פאַמעראַנין איז געווען זיין פאַמיליען־נאָמען). איז אויך געווען א גמרא־מלמד. אָבער ביי אים האָט מען אויך געלערנט א פרשה חומש מיט רש״י, און נישט נאָר א פרשה, נאָר טאַקע די גאַנצע סדרה פון דער וואָך אין תנ״ך, ד. ה. נביאים און כתובים (אויף נביאים און כתובים, האָט מען ביי אונז, — איך ווייס נישט פאַרוואָס, — געזאָגט: „פּסוק"). שטאַרק א קורצזיכטיקער איז ער געווען, דער רבי שיע, און ביים לערנען פלעגט ער די ברילן זיינע ארויפרוקן אויפן שטערן און זיך אריבערבייגן איבער דער גמרא אָדער איבערן חומש און ממש מיט די הענט אָנטאַפּן די אותיות. האָט אָבער ווער פון די תלמידים, א צוועלף אין צאָל, געפּרואווט איבערהיפּן אָדער נישט גוט ארויסזאָגן א וואָרט, אָדער א טייטש, איז אָנגעטון די ברילן אויף דער נאָז און זיך אויפגעשטעלט אין זיין גאַנצער הויך (ער איז געווען זייער א הויכער, אין קעגנטייל צו זיין נידריק ווייבעלע, די רביצן בלומע) און עס האָט זיך אָנגעהויבן אן עקזעקוציע. קלעפּ און קולאַקעס זיינען געפאַלן אויפן זינדיקן אינגל אָן א צאָל און אָן א שיעור, ביז די רביצן פלעגט זיך שוין אריינמישן און זיך אָנבייזערן אויפן רבין: דער גזלן האָט זיך שוין אין דיר אָנגעצונדן?! — דעמאָלסט ערשט פלעגט זיך דאָס אינגל ראַטעווען.

דער רבי שיע פלעגט זייער מקפּיד זיין ביים לערנען: שיר השירים, אקדמות אָדער קוהלת, וואָס מען האָט געמוזט ביי אים אויסזינגען מיטן אמתן ניגון און פאַרטייטשן און אויסטייטשן יעדער פּסוק מיט א פאָר־טייטש און א נאָך־טייטש, ווער ווייסט פון וואַנען ער האָט זיי ארויסגענומען. דער עיקר איז געווען דאָס זינגען, ד. ה. דער נוסח, און אויפן קול, אזוי, אז שטאָט זאָל הערן. ארום ערב שבועות, וואָס פאַלט אויס מערסטנטייל אין חודש מאַי, זיינען צעעפנט געוואָרן די פענצטער און — שרייט קינדערלעך, אזוי אז מען זאָל הערן ווי אזוי

ביי שיע קאַשיווקער לערנט מען אקדמות. און ס'איז טאַקע געווען וואָס צו הערן. קיין רבי האָט אַזוי נישט געלערנט אקדמות ווי ער, אַזוי אויך דעם שיר השירים און קהלת און אַנדערע לימודים ווי עס האָט זיך געפאָדערט נוסח.

א גרויסער בעל־גאווה געווען, זאָל ער מוחל זיין, דער רבי שיע. אָבער ער האָט געהאַט מיט וואָס צו שטאָלצירן. א אינגל וואָס איז אַרויס פון זיין הדר, נאָך א פּאָר יאָר לערנען, האָט טאַקע געקענט. איי ער איז אויסגעריסן געוואָרן? נו, דערפאַר איז א רבי — רבי און א תלמיד — תלמיד. דער רבי דאַרף שלאָגן, קנייפּן, אויסרייסן שטיקער לייב, כדי דער תלמיד זאָל קענען לערנען. אָט דאָס איז געווען די טעאָריע פון רבי שיע (און נישט נאָר זיינע אליין...). און דאָך, נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס ער איז געווען אַזאַ בייזער און שטרענגער און אָפּט געשלאָגן די קינדער מכות־רצח, האָט מען אים ליב געהאַט און דרך־ארץ געהאַט פאַר אים. כמעט אַלע אינגלעך פון שטעטל זיינען דורך זיין הדר אַדורכגעגאַנגען און ביי אים געלערנט; ווער נאָר א פּאָר זמן און ווער שיינע עטלעכע יאָר. און גאַנץ שטעטל האָט אים כבוד אָפּגעגעבן און גרויס און קליין, האָבן אים אַנדערש נישט גערופן ווי: דער רבי שיע (ער איז אויף דער עלטער געוואָרן א סגי-נהור).

געווען איז ביי אונז א רבילע, מאַטעלע „ניזוק" (קעסלער, איז געווען זיין פאַמיליע־נאָמען), זייער פון א נידעריקער וואוקס. (דערפאַר נעמט זיך, ווייזט אויס, דער צונאָמען „ניזוק"), ער פלעגט גיין שטיוועלעך אויף זייער הויכע קנאַפּל, כדי אויסצוזען אביסל העכער, און א היטל האָט ער געטראָגן מיט נאָר א גרויסן דעניק, אויך צוליב דעם זעלבן טעם. דערפאַר איז שוין די אידענע זיינע געווען זייער א הויכע און גערעדט מיט א באַסאָווער שטימע ווי א מאַנסביל. אָבער א כעסן און א שלעגער איז געווען דער רבי מאַטעלע מיט סכנות־נפשות. ביי אים, — אונטעררייסן ביי א אינגל א ליפּ אָדער אן אויער, אַז ס'זאָל רינען בלוט, — איז געווען א שפּילכל, און אַז ער האָט געהייסן זיך לייגן אויפן בענקל, מיטן פּנים אַראָפּ, פאַרשטייט זיך, און פּאַקע מיט אַראָפּגעלאָזטע תחתונים, במחילה, — האָט מען געמוזט פאַלגן. פאַר וואָס מען האָט אַזוי שטאַרק געמוזט, איז אפילו נישט צום פאַרשטיין. אַז די תלמידים זיינע, אפילו דער קלענסטער פון זיי, איז געווען גרעסער פון אים, פון רבין אליין, נאָר די מורא און טאַקע די רגילות, אַז דער רבי הייסט, דאַרף מען פאָלגן, — איז געווען אַזוי גרויס ביי די קינדער, אַז מען האָט גאָר אַנדערש נישט געקלערט, נאָר זיך אַריבערגעלייגט און אַריינגעכאַפּט צען אָדער פופצן שמיץ און שא-

שטיל, ווי גאָרנישט געווען. זיך אויסגעוויינט, אויסגעשלוכצט אין דער שטיל אין א ווינקעלע און ווייטער געלערנט. למען האמת, דאַרף מען דאָ פאַרצייכענען, אז דאָס שמייסן איז מערסטנטייל געווען, נישט צוליב נישט קענען די פרשה חומש אָדער די משני: שור שנגה את הפרה, (ביי אים פלעגט מען אָנהויבן לערנען גמרא). נאָר דערפאַר וואָס מען האָט (אום ווינטער) געכאַפט א גליטש אויפן אייז, אויפן טייכל וואָס אונטער קלמן מרגליהס פאַסטאָווניע, אָדער זיך געבאָדן (אום זומער) אין דער „עקאָנאָמניע" (א טייכל אַזאַ, וואָס נעבן דעם עקאָנאָמס שטוב פון הויפישן סאָד). פאַר אַזעלכע שקצישע שטיק, „וואָס פאַסט פאַר שקצים, נישט פאַר קיין אידישע קינדער", אז זיי פלעגן צוגעטראָגן ווערן דורך אַן אינגל אָדער טאַקע דורך דער מאַמען אליין, צום רבין, (ס'האָט געהייסן צוגעשטעלט צום רבין א „בענקעלע"). האָט מען עס געכאַפט געשלאָגן און געשמיסן, אז ס'איז געגאַנגען א רויך.

האָט אָבער איינמאָל געטראָפן, מיט איינעם א בחורל, וואָס איז געווען צוויי מאָל העכער פון רבין ר' מאָטעלע, אז ווען ער האָט אים געהייסן זיך לייגן אויפן בענקל, האָט ער גאָר געכאַפט א לייכטער פון דער פאָליצקע און א וואָרף געגעבן דעם רבין אין קעפעלע אריין, האָבן מיר זיך אַלע חברה (א פופצן שטיק זיינען מיר געווען) שטאַרק דערשראָקן און אָנגעהויבן וויינען אַלע מיט באַנומענע קולות, ווי דער רוח וואָלט אונז צוגענומען. דער בחורעץ (מענדל, ירחמיאל שאַמעס בנ'אַק) איז באַלד פון חדר אַנטלאָפן און מיר. אַלע אינגלעך פון חדר, זיינען זיך אויך צעלאָפן נאָך אים. ווייל דאָס רבילע איז באַלד ווי ער האָט געכאַפט דעם מעשענעם לייכטער אין שטערן אריין, איז ער אריין מיט א קאַלטע שמאַטע וואַסער אין בעט אריין.

געמיינט האָבן מיר, אז די וועלט וועט זיך נאָכדעם איבערקערן און אז ס'וועט זיין „הימל עפן זיך". אָבער די וועלט האָט זיך נישט איבערגעקערט און דער הימל האָט זיך נישט געעפנט. אין א פאָר טעג אַרום האָט זיך דער רבי ר' מאָטעלע, אויפגעהויבן פון בעט, אַביסעלע א בלאַסער אויפן פנים און מיט אַן אָנגעשוואָלענעם בלויען סימן איבער דער ברעם פון רעכטן אויג און נישט מער. מענדל איז שוין מער אין חדר נישט געקומען. דער טאַטע זיינער, ירחמיאל שאַמעס, דער שרייבער פון דער „אופראַווע" ביי מרדכי יאָסל סטאַראָסטע, האָט זיך ווייזט אויס שטאַרק צום האַרצן נישט גענומען די גאַנצע מעשה. וואָס מאָטעלע דער רבי האָט אים דערציילט, שבת אין טריסקער שטיבל, וואו זיי האָבן ביידע געדאַוונט, — פון זיין בנ'אַקס שטיקל אַרבעט. ווייל ירחמיאל שאַמעס (א איד א פקח געווען און א דיקלעכער, וואָס פלעגט ביים גיין, זיך קאַטשען ווי א קאַטשקע), האָט שוין געזען אין זיינע

פריערדיקע עלטערע בנים: אברהם, איציק, „קאַין“ (געהייסן יאנקל) און איצט אויך מענדל, אז זיי וועלן שוין קיין למדנים נישט זיין, — איז אויס הדר, און האָט אַוועקגעשטעלט דעם בן, ביים אַנטרייבן די פערד ביים זיידן העסין אין דער „אַליניצע“.

אָבער פון דער גאַנצער מעשה זיינען מיר, אינגלעך, געהאָלפן געוואָרן, ווייל מיר האָבן שוין מער קיינער אויף דער באַנק זיך נישט געלייגט און נישט ר׳ מאַטעלע האָט געהייסן זיך לייגן מער. און ווען יאָ, וואָלטן מיר שוין אויך נישט געפאָלגט. אזוי איז ביי אונז חברה געווען אָפּגעמאַכט *).

אָט די דריי: ר׳ יחיאל דער פּוילישער, דער רבי שיע און דער רבי ר׳ מאַטעלע „גיזוק“, זיינען עס געווען די גמרא־מלמדים ביי אונז אין שטעטל. דערנאָך זיינען געווען ר׳ מאיר מלמד. דער לישניעווקער מלמד (ר׳ אברהמל); חומש־מלמדים: די ברידער ר׳ שמואלי און פייסי; דרדקי־מלמדים, ביי וועמען מען האָט אָנגעהויבן לערנען חומש און בנציון דער מיידל־מלמד. עס זיינען אויך געווען א פּאָר „פּיעכאַטנע“־מלמדים, אַזעלכע ווי ר׳ אהרן דער ליטוואַק און אַלינקע דער האַרבאַטער. ד. ה. זיי זיינען געגאַנגען אין די שטיבער אויף „שטונדן“ און אין דער לעצטער צייט. ארום יאָר 1910, האָט זיך אין טריסקער שטיבל באַזעצט מיט א טיש עלטערע גמרא־אינגלעך, וואָלף־בער דער קרומער. וואָס איז געווען א פּראָדוקט פון מעלניצער שטיבלדיקן לערנען, א גרויסער למדן געווען, וואָס האָט האָבן געקענט סמיכות אויף רבנות, ווי עס האָבן עס געהאַט זיינע צייט־חברים (אויך שטיבל־לערנער) וועזוצי דודל הערצלס און אהרן דודל שיעס זון, און אַנדערע וואָס האָבן געלערנט נאָר אין מעלניצער טריסקער קלויז און דאָך געוואָרן גרויסע לערנער און איניקע פון זיי זיינען טאַקע געוואָרן דיינים אין קלענערע שטעטלעך אין אונזער קאַנט.

אָט דער איבנבאַשריבענער „שטאַב“ מיט מלמדים האָט געקנעלט און געלערנט מיט מעלניצער אידישע קינדער צענדליקער און צענדליקער יאָרן. עס זיינען טאַקע קיין גאונים און גדולי־הדור נישט אויסגעוואַקסן, אָבער אידישע קינדער האָבן געלערנט און געוואוסט אז מען איז אידן און אז מען דאַרף זיצן אין חדר א גאַנצן טאָג. נאָר אויף „וואַרמעס“ (מיטיק) איז מען געגאַנגען אהיים עסן (ארום 12 אזייגער) און צוריק אין חדר אריין. אזוי זומער און אזוי ווינטער. נאָר זומער — ווי זומער, אָבער ווינטער, אין די בלאָטעס און שנייען און אין קעלטן

באַטא: דעם רבין ר׳ מאַטעלע, האָבן די באַלאַבאָווצעס אומגעבראַכט אין א דאָרף ניט ווייט פון קאָוולע, וואו ער איז געווען צו גאַסט ביי זיינער א טאָכטער.

האָט מען אויך נישט געקוקט אויף גאָרנישט און מען איז געלאָפן אין חדר, מיט אַ קוטשמעלע ביז איבער די אויגן און אַ באַשליקל איבער די אויערן און — פון אין די בלאָטעס אָדער אין שניי ביז די קני, — אין חדר אַריין. עס האָט גאָר אַנדערש נישט געקענט זיין. מען האָט גאָר אַנדערש נישט פאַרשטאַנען. און אַזוי אָפּגעזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט ביים קליינעם פאַרקאָפּטשעטן קעראָסין־לעמפּל, וואָס דאָס גלעזל דערפון איז געווען צעבראָכן, ווייל עמעצער אַ קונדס האָט בגנבה אויף דעם אַ שפּיי־געטון און ס׳האָט פון דער היץ געפּלאַצט און דער רבי האָט עס פאַרקלעפּט מיט אַ שטיקל פּאַפּיר.

און ווען מ׳איז אַהיים געגאַנגען פון חדר, שפּעט ביינאַכט, איז מיט אַ זמר און מיט אַ ניגון, מיט די לאַמטערנדלעך די פּאַפּירענע (אייגענע מלאכה) אין די הענט, און „געהאַלאַסעוועט“ יהודה לייב פּאַבאַסטווערס ניגון, וואָס ער פלעגט זינגען שמחת תורה, ווען ער פלעגט וואַרפן די עפּעלעך פון בית־המדרש־בוידעם דורך אַ פענצטערל פאַרן עולם. דער ניגון, זייער אַ פריילעכער, האָט זיך אפשר נישט צוגעפּאַסט צום גאַנצן אַרום, — צו דער פּאַנאָראַמע, ווי אַזוי די אידישע קינדערלעך גייען ווינטער ביינאַכט אין פראָסט אָדער אין בלאָטע פון חדר, מיט געפרוירענע נעזלעך און ביי אַ סך מיט צעריסענע שטיוועלעך, וואָס די בלאָטע אָדער דער שניי איז ביי זיי אַריין און אַרויס, צוסווישטשענדיק צום טאַקט, און אפשר האָט זיך שוין גאָר גוט צוגעפּאַסט דער פריילעכער ניגון, ווייל מען גייט דאָך אַהיים, וואו עס וואַרט די מאַמע, וואָס זיצט ביי דער „הרובע“ (אויוון) און פליקט פעדערן אָדער קוקט איבער קרויט, אויף איינצוזייערן), מיט דער וועטשערע פאַרן קינד וואָס דאַרף קומען פון חדר. איז, דאַרף מען טאַקע זינגען און אפילו איבערשרייען די אינגלעך, די ווייסע־הברהניקעס, מיט וועמען מען האָט זיך אין וועג אָנגעטראָפן, גייענדיק פון אַ צווייטן חדר און וואָס האָבן, פאַרשטייט זיך, אויך געזונגען דעם זעלבן ניגון. אָט אַזוי איז מען געגאַנגען אין חדר, אין מעלניצע.

שרייבן, האָט מען זיך געלערנט ביי די צוויי „„שרייבערס“ פון שטעטל. ביי ר׳ אהרן וואָלף דעם שרייבער (באַלער), וואָס איז אויך געווען פאַרטרעטער פון קאָוולער קאַזיאָנע־ראַבינער — בריק (ער. ר׳ אהרן וואָלף באַלער. האָט נאָך אַרום די יאָרן 1860 געלערנט פאַר „קאַזיאָנע“־רב אין זשיטאָמירער ראַבינער־שול, און ווען די דאָזיקע שול האָט אין יענער צייט אָפּגעברענט, איז ער אַוועק קיין אָדעס, ווייטער לערנען און פון דאָרט, שפּעטער געקומען קיין מעלניצע). און ביי שיע דוד דעם שרייבער. ביי זיי, ביי די דאָזיקע שרייבער אָדער לערער און ביי נאָך אַ פּאָר צוגעקומענע אין די לעצטע יאָרן שוין, האָט מען

זיך געלערנט א הוין אידיש און רוסיש, אויך העברעאיש, פוילִיש, חשבונען און אפילו דייטש אויך. די נישט-פּארמעגלעכע קינדער זיינען געגאנגען צו די שרייבערס אהיים און צו די פּארמעגלעכע, פלעגן שוין די שרייבערס גיין צו זיי אהיים. אויף „שטונדן" האָט עס געהייסן. אזוי צי אזוי, קינדער האָבן געלערנט און זיינען נישט געוואקסן קיין גראָבע יונגען. נישט אין איין שטוב איז אויף שבת אָדער יום-טוב נישט געווען דאָס עסן צוגעגרייט ווי עס דאַרף צו זיין, אָבער שכר-לימוד האָט מען געטראָגן דעם רבין און דעם לערער, אנטקעגן.

* * *



ר' אהרן וואָלף באַלער
(דער שרייבער)

א שם האָט געהאַט די מעלניצער שיל. א געמויערטע געווען, פון א צוויי שטאָק, מיט גלעזערנע געפארבטע פון אלערליי קאָלירן פענצטערלעך, אויפן קיילעכדיקן סופיט און אין די זייטן ווענט, אין דער הויך ארום דעם סופיט. און דורך די צעבראָכענע שויבן פון די פענצטער האָבן דאָרט שטענדיק פייגעלעך געטרילִיערט און געשוויסשטשעט. אז עס איז א מחיה געווען צו הערן. היינט די שיינע געמעלן וואָס זיינען

געווען אויסגעמאָלן אויף די ווענט און דער עיקר — די שניצערייען אויפן אָרון-קודש, וואָס א קרעמעניצער איד, דערציילט מען, א קינסטלער א שניצער, האָט אמאָל, צוריק מיט יאָרן, אויסגעשניצט מיט א קליין פען-מעסערל — איז געווען א קונסט-ארבעט און א זעלטנהייט צו זען. ווען ר׳ זיידל, דער ראַוונער חזן, איז אמאָל געקומען קיין מעלניצע דאַווענען א שבת, האָט ער מעלניצער אידן מקנא געווען אויף דער שיינער שיל וואָס זיי האָבן, וואָס די גרויסע שטאָט ראַוונע, — האָט ער געזאָגט, — האָט נישט אזא. אין דער-א שיל האָבן געדאַוונט די אידן-גבירים פון שטעטל און סתם בעל-הבתישע אידן און אויך בעלי-מלאכות פון די אנגעזעענע און פארמעגלעכע. חזן איז דאָרט געווען א צייט מיט יאָרן, ביז ארום 1905, ר׳ נחום חזן, א איד וואָס האָט געקענט נעמען א טאָן און א געשריי-טון וואו מען האָט באדארפט אָבער נישט מער. ד. ה. קיין גרויסער בעל-מנגן איז ער נישט געווען.

דאקעגן, דאָס טריסקער שטיבל, האָט געהאַט פאר א חזן, ר׳ יאָסעלען, וואָס איז געווען א איד א חלוש, א הוסטנדיקער שטענדיק פון זיין רויכערן א סך די אליין-פארדרייטע פאפיראָסן, און מיט זיין איינגעהויקערטער פלייצע, האָט ער אויסגעזען נאָך נידעריקער ווי ער איז געווען און מיט א שאליקל פארוואָרפן ארום האלדז, סיי זומער און סיי ווינטער, — איז ווען דער ר׳ יאָסעלע פלעגט בענטשן א ראש-חודש אָדער אָפזינגען אום ראש השנה און אין יום-כפור א ניי-פארפאסטן, פון אים אליין, „ונתנה תוקף“ אָדער א „כבקרתל“, און טאקע מיט א כאָר פון צען-צוועלף משוררים, איז טאקע געווען וואָס צו הערן. ער האָט נאָר געדארפט ווען,—האָט ער געקענט. נאָר די צרה איז מיט אים געווען, וואָס געוואָלט האָט ער זעלטן. נאָר סיי-ווי האָט אים דאָס טריסקער שטיבל געהאלטן ווי אן אבן-טוב, ווייל ער האָט געקענט. און מיט זיינס א ניי „שטיקעלע“ האָט מען זיך געקוויקט און איבער-געזונגען אין שטעטל, סיי אין בעלי-בתישע הייזער און סיי די בעלי-מלאכות ביי די ווארשטאטן. דאָ אין טריסקער שטיבל האָבן געדאַוונט, פארשטייט זיך, דער רוב טריסקער חסידים, אידן-לערנער און שטאָט-בעלי-בתים.

אין בית-המדרש (וואָס איז געשטאַנען מיט א פינף מעטער אפשר, נישט מער, אָפגערוקט פון טריסקער שטיבל, און זיי ביידע זיינען געשטאַנען פונקט אקעגן-איבער דער גרויסער שיל, אזוי, אז אלע דריי בתי-מדרשים, האָבן ווי פאָרמירט א סגל), האָט געדאַוונט א צייט מיט יאָרן ר׳ מאיר דער אלטער חזן (שעכטער) און דערנאָך, נאָך ר׳ מאירס פטירה — ר׳ בנציון סיקילער (דאָלגאָפאָליוק). דאָ אין בית-המדרש האָט געדאַוונט „עמך“. במעט אלע בעלי-מלאכות, פערד- און קי-הענד-

לער און פון אנדערע פאכן און מסחרים. אָט די זיינען עס געווען די דריי הויפט בתי-מדרשים אין שטעטל א חוץ דעם סטאָלינער שילכל וואָס איז געווען ביים סופר אין הויז. האָט דאָך אָבער אונזער שטעטל געהאט א רגילות צו ברענען, אזוי ווי אלע קליינע שטעטלעך. ווען די שטרויענע דעכער פון די הייזער ווערן אום זומער שטארק אויסגעטריקנט און ווען א ליאדע פונק פון אן אנגעסאזשעטן קוימען פאלט אויף זיי, איז — „דאוואי“ ברענען. איז אויב מעלניצע פלעגט שטענדיק אָפּקומען מיט עטלעכע אָפּגעברענטע שטיבלעך נאָר, איז אין איינעם א זומער פון ארום יאָר 1906, האָט דאָס שטעטל געגעבן א ברען-אָפּ, מער ווי א העלפט און עס זיינען דאן אוועק מיטן רויך אויך די גרויסע שיל, דאָס טריסקער שטיבל און דער בית-המדרש. עס האָט לאנג נישט גענומען איז דאָס טריסקער שטיבל און דער בית-המדרש צוריק אויפגעבויט געוואָרן. אָבער די שיל איז געשטאנען א צייט-לאנג נישט אויפגעבויט, נאָר אין עטלעכע יאָר ארום האָט מען צווישן די איבערגעבליבענע אָפּגעברענטע ווענט פון שיל, פון פאָרנט ביים אריינגאנג, אויסגעבויט א הילצערן שילכל. נישט האבנדיק ביכולת, ווייזט אויס, צוריק אויפצובויען די שיל, אזוי ווי זי איז געווען פריער, האָט מען דערווייל אויסגעבויט א קליין שילכל, זאָל, הייסט עס, גאָטס הויז נישט פוסטעווען — און אפשר וועט עס זיין א סגולה צו דעם, אז קינדער און ווייבער און א סך מענער אפילו ,וועלן מער נישט מורא האָבן דורכצוגיין דורך דער שיל ביינאכט, גלויבנדיק אין די שרעקלעכע מעשות וואָס זיינען אומגעגאנגען אין שטעטל, אז מתים קומען אהין אלע נאכט דאווענען, ווי אזוי מ'רופט זיי אויף צו דער תורה און נאָך אזעלכע מעשות, אז די האָר האָבן זיך געשטעלט קאפויער.

ווי מיר האָבן שוין פריער פארבייגייענדיק דערמאָנט, האָט דאָס טריסקער שטיבל ביי אונז אין שטעטל, אויסגעזען ווי א ישיבה, ווייל אין וואָס פאר א שעה אין טאָג, און מיטן וואָך אפילו, שוין אָפּגערעדט אום שבת, מען זאָל נישט געווען אריינקומען אהין, האָט מען דאָרט געטראָפן בחורים, יונגעלייט און עלטערע אידן, זיצן איבער גמראָס און אנדערע ספרים און לערנען געשמאק. דאָרט, אין טריסקער שטיבל, האָט זעלטן-ווען א דורכפאָרנדיקער בעל-דרשן אָדער מגיד, דאָרט געקענט האלטן זיינע א דרשה, ווייל ער האָט נישט געהאט קיין צוהערער, צווישן אידן לומדים, וואָס קענען בעסער און ווייסן מער פון א בעל-דרשן דאָרט, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט עטלעכע דרשות אויף אויסוויניק און פאָרט מיט זיי ארום איבער דער וועלט (אזוי האָט מען אין

שטיבל אוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, די בעלי־דרשנים). נאָר וואו דען האָט א בעל־דרשן יאָ געקענט אָפּזעצן זיין „סחורה", ד. ה. די דרשה זיינע? — אין בית־המדרש, פאַר עמך. דאָרט אין בית־המדרש, איז געווען דאָס פלאַן פאַר בעלי־דרשנים, מגידים און „איינקלעך", וואָס פלעגן דורכפאָרן דאָס שטעטל און מאַכן א פאָר רובל. אידן, בעלי־מלאכות, בעלי־עגלות און הענדלער, פלעגן נישט זשאַלעווען די פאָר קאָפּיקעס אַריינצוּוואַרפן אין טעלער ביי דער טיר, ווען מען פלעגט שוין דאַרפן אַהיים־גיין, כדי אויסצוהערן א פסוק, פאַרטייטשט פון די הייליקע ספרים אַרויס, וואָס זאָגט־אָן אויפן קץ, וואָס וועט און מוז קומען במהרה בימינו, אָמן", אָדער א שיינעם צוגעפּאַסטן משל, פאַרגליכן צו היינטיקע „טראַוועדיקע" צייטן. און ווען נישט קיין בעל־דרשן אָדער מגיד, פלעגט „עולם" זיך אויסזעצן, בין מנחה למעריב, אָדער שוין נאָך מעריב, אַרום לאַנגן טיש, וואָס נעבן דער בית־המדרש־הרובע און הערן פאַרטייטשן א פרשה חומש מיט רש"י פון אַלטן ר' יאָסיע שוחט ע"ה, (אַליין אפילו, א טריסקער חסיד) א איד א גרויסער למדן און ירא־שמים. אויך ווען דער רב פון שטעטל ר' אברהם פינקעלשטיין ע"ה, פלעגט זיך פאַרלאָזן מיט פסקענען שאלות, אין דער צייט ווען ער איז געווען אַפּוועזנד פון שטעטל. איז אָט דער ר' יאָסיע שוחט, וואָס האָט אויך דער עלטער זיך שוין נישט פאַרנומען מיט שחיטה, ווייל די האַנט האָט אים אָנגעהויבן ציטערן, פלעגט לערנען מיט די אידן אין בית־המדרש די סדרה פון דער וואָך, און מסביר זיין יעדעס וואָרט און דעם פשט פון יעדן פסוק אין דער הייליקער תורה. און עולם, „שער און אייזן" און דאָרפס־גייער פלעגן זיצן מיט גרויס דרך־ארץ, ווער פאַר אן אָפענעם חומש און ווער אָן א חומש, און האָרכן מיט אן אונטערגעלייגטער האַנט ביים אויער, יעדעס אַרויסגעזאָגט וואָרט פון ר' יאָסיעס מויל אַרויס; די מעשה פון יוספן מיט די ברידער, ווי אזוי מ'האָט אים אַריינגעוואָרפן אין א גרוב אַריין און דערנאָך אים פאַרקויפט צו די ישמעאלים, וועלכע האָבן אים אַוועקגעפירט קיין מצרים און ער, יוסף, איז דאָרט געוואָרן שני למלך א. א. וו., א. א. וו. און אַנדערע מעשות פון חומש־אַרויס, אַלין אזעלכע אינטערעסאַנטע און וואונדערלעכע, וואָס זיינען זיך פאַרלאָפן מיט אונזערע אָבות טאַקע, אַמאָל מיט טויזנטער יאָרן צוריק. און כאָטש די אידן האָבן געהערט די זעלבע מעשות דערציילן ר' יאָסיען, אַלע יאָרן די אייגענע, — דאָך איז עס שטענדיק געווען פאַר זיי ווי א נייס, וואָס זיי האָבן נאָך קיינמאָל נישט געהערט און האָבן הנאה געהאַט. און ווען ר' יאָסיע איז אַרום יאָר 1910 נפטר געוואָרן, האָט איבערגענומען צו לערנען מיטן עולם די סדרה פון דער וואָך, מאָטל דיבוק.

ווער זאָל זיך געוועזן ריכטן, אַז מאָטל דיבוק, וואָס איז טאַקע געווען א איד וואָס האָט געקענט לערנען, און ווען מ'האָט אָבער נישט געזען אָפּט זיצן און לערנען אין טריסקער שטיבל, ווי די אַנדערע אידן-לערנער. — אַז ער, וואָס זיין צונאָמען, וואָס שטעטל האָט אים געגעבן, זאָגט שוין עדות, וואָס פאַר א טיפּ איד דאָס איז געווען, — זאָל ער פאַרנעמען ר' יאָסיעס אָרט אין לערנען מיט אידן די סדרה פֿון דער וואָך אין בית-המדרש. נאָר אַזוי איז עס געווען, צום חידוש פֿון אַלעמען. אוודאי איז עס נישט געווען ר' יאָסיעס ליבלעכן און תמימותדיקן אריינטייטשן בפרוטרות און מיט א שמייכל יעדער פּסוק און יעדעס וואָרט, אפילו דאָרט וואו ער האָט פאַרשטאַנען אַז עס דאַרף זיין פאַרן עולם אביסל קשה דער ענין. מאָטל דיבוק (באַס, איז געווען זיין פּאַמיליע-נאָמען) איז געווען א איד, וואָס האָט פיינט געהאַט צו זאָגן צוויי מאָל א וואָרט. ער האָט אָפּגעזאָגט דעם פּסוק חומש, אים פאַרטייטשט און געגאַנגען ווייטער. דער עולם איז לכתחילה, אפילו נישט געווען אַזוי צופרידן פֿון דער „בייט“ וואָס זיי האָבן געמאַכט. זיי האָבן געפילט די גרויסע אבידה פֿון ר' יאָסיעס פּטירה, זיי האָבן געפילט דעם הילוק פֿון דעם פריערדיקן רבין זייערן ביז דעם נייעם. נאָר זיי האָבן גאָרנישט געקענט העלפן דערצו. מיט ר' מאָטל דיבוק הויבט מען זיך נישט אָן. אַנישט האָט אים דען עמעצער געבעטן, אַז ער זאָל קומען מיט זיי לערנען. אַליין איז ער געקומען און אַליין וועט ער מסתמא אוועקגיין. אַזוי האָבן די תלמידים, די אידן, זיך געקלערט, און עס איז טאַקע שפּעטער אין א קורץ שטיקל צייט אַרום, אַזוי געשען.

פּונקט ווי עס פלעגט אים קיינער נישט בעטן, און מען האָט אפילו נישט געזען ווען ער האָט עס געמאַכט (סיידן ביינאַכט), האָט ער יעדן ערב ראש-חודש אדר, אין די בתי-מדרשים, אויסגעכתיבהט אויף די ווענט, אין דער הויך איבער די פענצטער, מיט גרויסע קידוש-לבנה אותיות, דעם מאמר חז"ל: „משנכנס אדר מרבים בשמחה“. און ווען עס איז זיך פאַרלאָפן א מעשה, אין בית-המדרש טאַקע, וואָס איינער האָט צוגעזאָגט א נדר און האָט נישט געוואָלט באַצאָלן, האָט זיך פלוצים, מען ווייסט נישט ווען און ווי אַזוי, איבערנאַכט, זיך באַוויזן אין דער הויך אויף א וואַנט אין בית-מדרש דער פּסוק פֿון תנ"ך: „טוב שלא תדור, משתדור ולא משלם“. און אַז ער האָט געוואָלט, האָט ער גאָר (אַליין אומגעבעטענערהייט) געגעבן א טראָג-איבער (אום ווינטער) די צוויי פעסלעך וואַסער, וואָס זיינען געשטאַנען אין דרויסן, אויף יענער זייט פּאָליש פֿון טריסקער שטיבל, פאַרפרוירענע מיט „צעפּלינקעס“ אייז אַרום זיי, און זיי אַריינגעשטעלט אינעווייניק אין פּאָליש. קיינער האָט נישט געזען און קיינער האָט נישט געהערט

ווען און ווי אזוי ער האָט דאָס אלין געמאכט. געוואוסט האָט מען אז דאָס איז מאָטל דיבוקס ארבעט. און פרעגן, איז נישט געווען וואָס, ווייל קיין ענטפער וועט מען סיי־ווי נישט באקומען, מען וואָלט נאָר געקענט כאפן פון אים גוט אנגעזידלט... און אזוי אויך אמאָל פאָר א יום טוב האָט זיך מאָטלען פארוואָלט, האָט ער געגעבן א קאלך-איבער דאָס שטיבל און אמאָל דעם בית־המדרש און זיי געמאכט פרישער און שענער. די הויפּט־מלאכה זיינע איז טאקע געווען מאָלעריי, פארבעריי, נאָר געקענט האָט ער טאָן אלצדינג. פארריכטן און פארלייטן אלערליי הילצערנער און מעשענע כלים און מאשינדלעך, און וואָס נישט? זיינע בני־בית האָבן גאָר געהאַט א קלייטל פון סאָדעוואסער און קוואס, פון זיין אייגענער פאבריקאציע פארשטייט זיך, און מיט דעם אלעמען איז ער געווען א קבצן אין זיבן פאָלעס. אזא־א איד איז ער געווען, מאָטל דיבוק, וואָס ווען נישט זיין דיבוקעריי, — האָט מען געזאָגט — וואָלט ער געגאנגען אין גאָלד, אזא קאָפּ האָט ער געהאַט אויף זיך. אלין האָט ער געקענט און אלין האָט ער געמאכט. האָט ער עפּעס אפּגעטאָן א שטיקל ארבעט — א חידוש, און עס האָט אים ווער א פרעג־געטון וועגן דעם, האָט ער רעכט נישט געענטפערט, נאָר א ברום־געטון אונטער דער נאָז אין דער ברייטער באָרד־אריין, און אוועקגעשפּאַנט ווייטער מיט דעם פאריסענעם היטל איבערן ברייטן הויכן שטערן מיט די צעלאָזטע פּאָלעס פון דער קאָרטענער קאַפּאָטע, ערגעץ אפּטאָן א אומגעבעטענע ארבעט. און אפילו, ווען שוין יאָ פאָר געצאָלטס ביי עמעצן פארריכטן, איז אויך דאָס נישט געווען ביי אים דער עיקר, ווייל דער עיקר איז דאָך געווען דאָס מאכן די זאך, וואָס נישט יעדער ווייסט און קאָן דאָס מאכן און נאָר ער אליין, מאָטל דיבוק, ווייסט עס יאָ...

דערפאַר אבער, האָט מען שוין יאָ געזען, (א פּאָר טעג פאָר שבועות), ווי אזוי די „קלויזניקעס" די מעלניצער, די וואָס האָבן געלערנט אין טריסקער שטיבל, פלעגן אויספּוצן מיט בערעזענע ביימלעך און צווייגן ארום דעם „שולחן" און עמוד און „לעפּעכעס" אויסשטעלן אין די פענצטער און אויך אויף דער פּאָל אויסשפּרייטן זיי, אז עס האָט געשמעקט א מחיה, און אויף די צווייגן ארום דעם „שולחן" און עמוד, האָבן חברה אנגעהאנגען פארשידענע קאָלירטע פּאַפּירן, מיט אויסגעכתיבהטע אויף זיי, פארשידענע פּסוקים, — „לאָזונגען" אזעלכע, ווי: „שישו ושמחו בשמחת תורה, כי היא לנו עוז ואורה" און אנדערע. און אין דערמיט פון „באלעמער", אין דער הויך איבערן „שולחן", האָט מען אויפגעהאנגען א קינסטלערישן (בפירוש, א קונסט־ארבעט) פון קאָלירטן פּאַפּיר־געפלאָכטענעם לאָמטערן, וועלכער פלעגט זיך אזוי

קונציק דרייען, ווען מען האָט אָנגעצונדן די ליכט אין אים, אז דער עולם האָט געגאפט און געשעפט נחת פון די קונדסישע שטיק. די זעלבע חברה קלויזניקעס, פלעגן שוין אויך זאָרגן דערפאר, אז עס זאָל זיין א שיינער „מזרח״. אויפן עמוד וואו דער חזן שטייט, אויסגעכתיבהט מיט געציקלטע און געדרייטע אותיות אין פארשידענע קאַלירן דעם: „שויתי ד׳ לנגדי תמיד״ און אנדערע פאסיקע פסוקים. וואס אויף דעם (מאָלן און קריצן) איז געווען א מאדים דער קלויזניק (וועלכער איז שוין ארומגעגאנגען אויף „שטונדן״), פייוול אהרן וואָלפס און אנדערע בהורים, וואויל־לערנער און וואויל־קענער.

דער מעלניצער רב ר׳ אברהם פינקלשטיין זצ״ל

לאנגע יאָרן איז געווען מרא דאתרא אין מעלניצע דער רב ר׳ אברהם פינקעלשטיין ז״ל. ער איז געווען א איד א גרויסער למדן, בקי והריף אין ש״ס און אין פסוקים און א מזג טוב געווען. שטאָט האָט אים

ליב געהאט און אָפּגעגעבן גרויס כבוד און געהאט פאר אים גרויס דרך-ארץ, אָבער צו האָבן פרנסה פון בלויז רבנות, איז אין אזא שטעטעלע ווי מעלניצע, געווען ווייזט אויס, שווער. האָט די שטאָט, אחוץ די „זליבידע״ שכירות וואָס מען האָט געצאָלט דעם רב, אים אָפּגעגעבן דעם פארקויף פון הייוון, מיט וואָס די רבצין האָט זיך שוין פארנומען.

פון צייט צו צייט פלעגט אויך אונזער רב ארויספאָרן אין אַ פּאָר נאָענטע שטעטלעך אויף שבת, פון וואנען ער איז מסתמא מיט ליידיקן נישט צוריקגעקומען. ווייל מען האָט אים אומעטום שטארק ליב געהאט און אים געהאלטן פאר א רבין און א קלוגן אידן, מיט וועמען מען קען זיך שואל-עצה זיין. אין זיינע נסיעות פלעגט דער רב מיטנעמען מיט זיך דעם שמש פון טריסקער שטיבל, ר׳ איציק-וואָלף, א איד א שמש בן שמש (זיין טאטע פישקע שמש, איז געווען שמש כל ימיו אין דער מעלניצער גרויסער שיל) א גרויסער עם-הארץ געווען, זאָל ער מוחל זיין. איז דערציילט מען פון אים, פון איציק-וואָלף שמש הייסט עס, אז ווען ער איז געווען איינמאָל מיטן רב אונזערן אונטערוועגס אין א שטעטל, און ער איז שבת נאָכמיטיק אריינגעקומען אין דאָרטיקן בית-מדרש, מיט דער ברייט-צעקאמטער באָרד און מיט דעם גרויסן סאמעטענעם קאשקעט אויפן קאָפּ, פון וואנען עס האָט אפערגעקוקט אויפן קארק ארונטער א זיידענע יארמעלקע, האָט מען געקענט מיינען, ווער-ווייסט וואָס פאר א למדן א איד עס איז אריינגעקומען. האָט פונקט געטראָפן, אז אין דעם מאָמענט פון זיין אריינקומען אין בית-המדרש, האָבן צוויי בחורימלעך זיך געאמפּערט איבער א שווערע סוגיא אין גמרא, און האָבן זיך נישט געקענט ארויספּלאָנטערן, איז ווען זיי האָבן דערזען אריינקומען ר׳ איציק וואָלפן, איז זיי ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. אָט דאָ, — האָבן זיי געטראַכט — האָט זיי ממש דער רבש״ע אליין, צוגעשיקט א שליח וואָס וועט זיי פארענטפערן, זייער הארבע קשיא און זיי האָבן באשלאָסן צו פרעגן ביים אורח וועגן דעם הארבן ענין, וועגן וועלכן זיי האָבן זיך אזוי געאמפּערט און זאָל ער זיי קלאָר מאכן. און אזוי האָבן זיי טאקע געטון.

ר׳ איציק-וואָלף האָט זיי אויסגעהערט, ביי דער אָפענער גמרא, ביידנס טענות און יעדנס באזונדערע סברה, וואָס דער תנא האָט געמיינט מיט דעם צו זאָגן, און וואָס יענער תנא האָט מיך געלאָזט הערן, און עס איז אים אוודאי אויף דער מינוט געוואָרן פינצטער אין די אויגן און ביטער אין מויל, קלערנדיק דערביי, ווי אזוי גיט מען זיך אן עצה מיט די צוויי יונגעלייט און ווי אזוי דרייט מען זיך פון זיי ארויס. איז ער גלייך געפאלן אויף אן המצאה און ער גיט זיך א רופ-אָן צו זיי, בכזה הלשון: הערט-זשע אויס מיינע ליבע קינדער. איך וואָלט

אייך געקענט גאָר לייכט ענטפֿערן אויף אָט דער — פֿאַר אייך, — גאָר האַרבער קשיא, ווייל עס איז גאָרנישט אַזאַ שווערער ענין, ווי אייך ווייזט זיך אויס. נאָר איך וועל אייך פֿרעגן אַן אַנדער זאַך: — וואָס הייסט, איר גייט פֿרעגן אַ ענין אין לערנען ביי אַ אידן, וואָס איר קענט אים נישט און ווייסט אים נישט? אמת טאַקע, איר האָט פּונקט געטראָפֿן אויף אַ אידן, וואָס ווייסט גראַדע יאָ וואָס צו ענטפֿערן. עס וואָלט אָבער געקאָנט פּאַסירן פֿאַרקערט. אַז איר זאָלט אָנטרעפֿן אויף אַ אידן וואָס קען נישט לערנען, וואָלט איר דאָך אים מבייש געווען. און פֿאַר מבייש זיין אַ מענטשן ברבים, ווייסט איר דאָך וואָס עס קומט; איז דערפֿאַר, כּדי איר זאָלט וויסן אויף אַ צווייטן מאָל און מער אַזאַ זאַך נישט טאָן, וועל איך אייך דעם ענין נישט אויפֿקלערן און די קשיא נישט פֿאַרענטפֿערן — און ער האָט זיך פֿון זיי אַוועקגעדרייט. אַזוי האָט מען דערציילט ביי אונז אין שטעטל, פֿון אונזער שטיבל־שמש ר' איציק־וואָלף.

איצט, צוריק וועגן אונזער רב ר' אברהם ז"ל. ווי געזאָגט, האָט אים דאָס שטעטל אָפּגעגעבן גרויס כּבוד און אָן ביי אים זיך שואל־עצה זיין, האָט קהל גאָרנישט געטון, אָפּגערעדט פֿון רעליגיעזע ענינים. אום ימים־נוראים פֿלעגט ער מוזן בייזיין ביי תקיעת־שופר אין אַלע דריי בתי־מדרשים. אָן דעם רב האָט מען קיין שופר נישט געבלאָזן. עס געדענקט זיך, און עס איז איינגעבאַקן אין האַרצן אונזער רבס אקדמות־זאָגן. אַזוי זאָגן אקדמות, מיט אַזאַ אימהדיקער און צו־גלייבער צייט, בנעימותדיקער שטימע, ווי עס האָט אים געזאָגט אונזער רב, שטייענדיק ביים באַלעמער, מיטן טלית אַריבערגעצויגן איבערן קאָפּ, אַז מען האָט קיין פּנים נישט אַרויסגעזען, — איז אַ זעלטנהייט געווען צו הערן, נאָך אין יענע צייטן. עפּעס אַן אימה און אַ מורא איז ווי יעדן באַפֿאַלן, און עס האָט זיך אויסגעוויזן, ווי מיר וואָלטן געשטאַנען איצט־אָ טאַקע, אונטערן באַרג סיני און מען איז מקבל די תּורה.

שיין איז געווען צו זען, ווי דאָס שטעטל אידן, פֿלעגן זיך לאָזן צום טייך, צו תשליך. דער רב, איינער אַליין, פֿאַראויס, מיט די הענט פֿאַרלייגט אויף הינטן, ווי זיין טבע איז געווען, (אָדער ווי ער האָט געמוזט, ווייל ער האָט געהאַט אַ שטאַרק־איינגעבויגענע פּלייצע, און געמוזט קוקן שטענדיק אויף אַראָפּ), און דאָס שטעטל אידן, ווייבער און קינדער נאָך אים. ביז מען איז צוגעקומען צום טייך און נאָכן אָפּזאָגן די תּפילות און אויסשאָקלען די ברעקלעך פֿון די קעשענעס, איז מען מיטן זעלבן סדר געגאַנגען צוריק אין די בתי־מדרשים אַריין, זאָגן תהלים, ביז מנחה ומעריב. אַזוי אויך ביי אַנדערע געשעענישן ווי, פֿירן אַ ניי ספר אין מקום קדוש אַריין, אַ סיום התּורה און ענלעכע פֿאַלן,

איז דער רב שטענדיק געגאנגען פאראויס און קהל נאך אים. פאר גרויס דרך ארץ און רעספעקט וואס מ׳האט געהאט פאר אים. אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האט מען אין יאר 1915 עוואקואירט די מעלניצער איינוואוינער. האט מען אויך דעם רב מיט זיינע בני־בית ארויסגעשיקט קיין פוילן, אין דער שטאט קעלץ. דארט אין קעלץ, איז ער אין טיפער עלטער פון עטלעכע און אכציק יאר. נפטר געווארן.

שטארק גערודערט האט זיך ביי אונז אין שטעטל, ווען דער טריסקער רבי פלעגט אראפקומען אויף א שבת. אלע יאר אין זעלבן שבת, ווען ס׳איז געגאנגען די סדרה וישלח, פלעגן זיי קומען, אזוי פריער דער רבי ר׳ יעקב לייבעניו זצ״ל און נאכהער זיין זון ר׳ וועלוועלע זצ״ל. ס׳האט זיך דאן געטון אויף טיש און אויף בענק. חסידים און נישט־חסידים, רביים, מלמדים און סתם־אידן און אפילו תלמידים קונדסים פון די חדרים. פלעגן רעשן און טומלען.—דער רבי קומט! דער רבי שיע פלעגט צונויפנעמען זיינע תלמידים פרייטיק פארטאג, ווען דער רבי האט געדארפט אנקומען פון דער באן, פון דער סטאנציע האלאבע און ארויסגיין העט־הוויט הינטערן שטעטל אויף קאוולער וועג, מקבל פנים־זיין דעם רבין. דאס זעלבע האבן אויך געטאן א סך טריסקער הסידים און סתם־אידן און ס׳האט זיך געשאפן, אזוי ארום, א גאנצע מחנה און מ׳האט מיט גרויס פאראד אריינגעפירט דעם רבין אין שטעטל אריין.

איינגעשטאנען איז דער רבי ביי ר׳ יהודה הערשס (ריידער), א איד א למדן און א גרויסער גביר און א הייסער טריסקער הסיד געווען, ביי וועמען אין דער גרויסער דירה זיינער, פון א צען צימערן, איז געווען אפגעזונדערט א ספעציעל צימער פארן רבין, זאל לעבן. אויף דעם־א שבת, פלעגן אראפקומען צו אונז אין שטעטל א סך טריסקער הסידים פון אנדערע שטעטלעך, ווי: פון ניסכיזש, סטעבעכווע, לישניווקע, טריאניווקע, האליפקע, אזעריאן, קאלק און אנדערע נאענטליגנדיקע שטעטלעך ארום מעלניצע און וואוהין דער רבי פלעגט נישט פארן.

דער רבי אליין פלעגט דאוונען פארן עמוד און דאס טריסקער שטיבל איז געווען אנגעפראפט מיט מענטשן, גרויס און קליין, און עס האט פאסירט, אז אום פרייטיק־צו־נאכט צו קבלת שבת, האבן די „בליצלאמפן“ פון זיך אליין אנגעהויבן זיך צו „טוקן“ (לעשן), ווייל עס האט פשוט אויסגעפעלט לופט אין שטיבל. דאס זעלבע איז געווען

ווען דער רבי פלעגט „פראווען טיש" און „זאָגן תורה" אין טריסקער שטיבל, און שטענדיק מיט דעם זעלבן אויסגעצויגענעם דינעם קולכל געציילט די ווערטער: וישלח יעקב מלאכים אל עשיו אחיו ארצה שעיר א. א. וו., געצויגן א וואָרט נאָך א וואָרט מיט פארגלאָצטע אויגן, אַז קיין שוואַרצאַפּלען האָבן זיך נישט אַרויסגעזען, — און ווען דער רבי איז אין מיטן זאָגן תורה, — שטיל-געבליבן און אָנגעהויבן צו פינטלען מיט די אויגן, — אַזוי עטלעכע מינוט צייט, — איז באַפאַלן א פחד און אן אימה אויפן גאַנצן עולם. מען האָט ממש געזען, אַז דער רבי איז איצט, נישט אויף דעם עולם.... מענטשן זיינען געשטאַנען קעפּ אויף קעפּ, א שפּילקע נישט אַריינצוּוואַרפן, און שטיל איז געווען, אַז מען האָט געקענט הערן א פליג דורכפליען. דערפאַר אָבער, ווען עס איז געקומען צום כאַפּן די שיריים פון די פיש אָדער פון א שטיקל עוף, פון וואָס דער רבי האָט פריער נאָר טועם-געווען, — איז געוואָרן אַזא כאַפּעריי, א טומל און א געשריי און מ'האָט אויסגעכאַפּט איינער ביים אַנדערן פון די הענט אַרויס, זיך געשטופּט און געוואָרפן אויף דער ערד איינער איבער דעם אַנדערן, אַבי צו באַקומען עפּעס א לאָקש פלייש אָדער א ברעזל פיש פון רבינס שיריים. דאָס זעלבע האָט זיך איבערגעחזרט, שבת אין דער פרי נאָכן דאַווענען און שבת-צו-נאַכט ביי דער מלוה-מלכה.

אָפּגעזען איז דער רבי א גאַנצע וואָך אין שטעטל און האָט אויפגענומען, ווי געזאָגט, ביי יהודה הערשס אין שטוב. — די חסידים און ווייבער וואָס זיינען געקומען מיט „קוויטלעך" צום רבין; ווער בעטן אויף פרנסה, ווער א רפואה פאַר א חולה און ביי וועמען א זון האָט זיך געדאַרפט שטעלן צום פּריזיוו א. א. וו. ערשט דאָנערשטיק אין אָוונט, פלעגט דער רבי צוריק אַרויספאָרן פון שטעטל, און ווידער מיט פּאַראַד, באַגלייט פון א מאַסע אידן צו דער סטאַנציע האָלאָבע, צו דער באַן, פון וואַנען ער איז מסתמא געפאָרן אין אן אַנדער שטעטל „פּראַווען".

אויך דער סטאָלינער רבי פלעגט קומען צו אונז, אָבער שוין נישט אַזוי אָפט ווי דער „טריסקער". איין מאָל אין א דריי יאָר אָדער נאָך זעלטענער פלעגט ער אַראָפּקומען. דער „סטאָלינער" פלעגט איינשטיין ביי זיין חסיד ר' מענדל בוב. ער, דער „סטאָלינער", האָט קיין תורה נישט געזאָגט, נאָר סתם פלעגט ער מיט זיינע חסידים, וואָס זיינען נישט געווען גרויס אין צאָל (א דריי-פיר מנינים, נישט מער), זיך דורכשמועסן וועגן וועלטלעכע ענינים, וועגן מסחר אפילו און אַנדערע פּראָזאַאישע ענינים, וואָס האָבן מיט רבי'סטווע א קליינעם שייכות. ער האָט טאַקע גענומען „קוויטלעך" אָבער ער האָט זיך געפירט אויף

אן אנדער דרך ווי דער „טריסקער“ און מהאי טעמא איז אין שטעטל דער טאראראם געווען א סך קלענער.

אויך דער ניסכיזשער רב ר׳ שמואליקל, פלעגט פון יאָר צו יאָר קומען צו אונז אין שטעטל. ער פלעגט איינשטיין ביי ר׳ פנחס שוחט (מילשטיין). צום ניסכיזשער רב זיינען געגאנגען אידן „עמך“, נישט קיין חסידים און נישט קיין מתנגדים, נאָר סתם־אידן וואָס האָבן געוואָלט אָפּגעבן כבוד און ערלעבן אידן, „א טאטנס א קינד“ (ער איז געווען דעם אלטן ניסכיזשער רבינס א שטיפזון). מ׳איז געקומען שבת צו זיין טיש הערן תורה פון אים און אין מיטן וואָך אים דערלאַנגען ווער א קוויטל און ווער סתם אזוי מהנה געווען מיט א פּאָר קערבלעך, פארוואָס נישט?... אָט אזוי, האָט זיך געפירט מיט רביים ביי אונז אין מעלניצע.

די אינטעליגענץ פון שטעטל איז באשטאנען, פון משה רופא (זיגמונד), מיט זיינע צוויי זין: איינער איז אוועק לערנען קיין פעטערבורג, וואו ער האָט געענדיקט דאָקטאָר און דער צווייטער זון, יאנקל, איז שפּעטער אויך געוואָרן פעלדשער אין שטעטל. א הוץ דעם „זעמסקין“ דאָקטאָר איז אויך געווען א שטיקל צייט, ארום יאָר 1900, א אידישער דאָקטאָר מיטן נאָמען כאַדאק, און נאָך א רופא מיטן נאָמען לאַזער. דער אַפּטייקער וואַלאך, אויך אַן אַפּטייק־סקלאד פון היים־דוד גאלסט און די שוין־דערמאָנטע צוויי לערער, ר׳ אהרן וואָלף און שיע דוד און נאָך אייניקע.

אָט די אלע גאנצע און האלבע אינטעליגענטן, פלעגט מען אָפּט זען זיצן אין אפּטייק ביי וואַלאכן אָדער ביי היים גוז אין אייזן־ און באקאליי־געשעפט, צו ווען עס פלעגן אָנקומען די רוסישע גאזעטן פאר די פּריצים און גלחים פון די דערפער. און מען פלעגט אין די פרייע שעהן צוזאמען מיטן „אוריאדניק“ פון שטעטל, וואָס האָט ליב געהאט א קערבל און איז שטענדיק געווען אונטערן גלעזל, און אמאָל אויך מיטן נאטשאלניק פון פּאָטשט, — זיצן און ריידן פון וועלט־נייס, פון מלחמות, וואָס ס׳הערט זיך אין פּאָרט־ארטור, וואו ס׳שלאָגן זיך „אונזערער מיטן יאפּאנטשיק, פון דער גדולה, וואָס די קייסערינע האָט שוין מיט מזל געהאט א „נאסליעדניק“ און נאָך און נאָך נייסן, האָט מען ארויסגעלייענט פון די גאזעטן און עס איז געווען פון וואָס צו ריידן, קאָמענטירן און מאכן השערות.

גאנצע צוויי „סטראזשניקעס“ (פּאָליציאנטן) זיינען געווען אין שטעטל מיט איין „סאָטסקע“ (אזא מין פּאָליציסקע שארלאטן־שמש)

א צוגאָב. ביי איינעם פון די „סטראזשניקעס" איז שטענדיק געווען דאָס היטל פארדרייט מיטן דאשיק אויפן אויער, אזוי „בגילופין" איז ער געווען. א בייכיקער און א שווערער, איז ער דווקא געווען „לאָזוקע" אויפן גאנג און לויף, אבער מהמת זיין שטענדיקער שכרות, פלעגט ער נישט־איינמאָל אזוי אונטערשפרינגנדיק פון איין „קלאָדקע" אויף דער צווייטער, זיך געבן א קייקל־אריין אין א ראָוו מיט בלאָטע און אָפליגן דאָרט א שיין ביסל צייט, ביז הברה יאטן האָבן אויף אים רחמנות באקומען און מיט גרויס מי, אים פון דאָרט ארויסגעשלעפט און אָפגעפירט צו אים אהיים, אויף קריוווינער גאס, צווישן די גויאישע שטיבלעך, וואו ער האָט געוואוינט.

דאָס שטעטל האָט געוואוסט, ווי אזוי זיך צו באגיין, סיי מיטן אוריאדניק און סיי מיט די סטראזשניקעס. פאר א „הגא" פלעגט שוין זיין ווער עס האָט זיך אָפגעגעבן מיטן צונויפנעמען „לא ירחץ־געלט" און ארײנשיקן יעדן איינעם פון זיי א שיינע מתנה אין שטוב אריין. און „זאָל ער דערוואָרגן ווערן"... דערפאר האָט שטעטל געוואוסט פריער מיט א פאָר טעג, ווען דער פריסטאוו אָדער אקציזניק, פלעגן דארפן קומען אין שטעטל אויף א רעוויזיע; דער פריסטאוו, — צו קאָנטראָלירן „טשיסטאָטא" (ריינקייט) און צי די בריקלעך פאר די טירן זיינען גאנץ און אויף אנדערע „גרויסע" זאכן דאָרט, וואָס מען דארף טאקע נאָר זיין א פריסטאוו אז מען זאָל אויף זיי אכטונג געבן. א דאנק דעם אוריאדניקס באוואָרעניש. איז אלץ, ווי ווייט מעגלעך, מיט א פאָר טעג פריער צוגעלאָדעט געוואָרן און חיים־יאָסל דער סטאַראָסטע אונזערער. פלעגט שוין זען, אז אין דער „אופראווע" זיינער, זאָל אויך אלץ זיין אין „אָרדענונג". וואָס הייסט „אין אָרדענונג"? — די פאפירן פארבאהאלטן. — יענע „אוקאזן" זיינען נאָך גאָרנישט אָנגעקומען.... און אז נישט, — איז גאָר זיך אויפגעהויבן און אָפגעפאָרן פון דער היים אינאיינעם מיטן שרייבער זיינעם, ירחמיאל שמש. אז די „אופראווע" איז פארמאכט, איז גיי טו עפעס...

דאָס אייגענע איז אויך געווען, ווען עס האָט געדארפט קומען דער „אקציזניק", וואָס האָט אכטונג געגעבן אויף די „בלעטלעך", ד. ה. פאטענטן פון קרעמער, בעלי־מלאכות און אפילו מלמדים, צי האָבן די „זשידקעס" יעדער איינער די געהעריקע דערלויבעניש, צי דעם מסחר אָדער צי דער מלאכה מיט וואָס ער פארנעמט זיך א. א. וו. איז ווידער דאָס אייגענע. מען האָט שוין געוואוסט פריער מיט א פאָר טעג, אז דער אקציזניק קומט. אפילו אנטאָשקע דער שוסטער, וואָס האָט גערעדט אידיש ווי א איד, פלעגט ארומגיין מיט א פאָר „קאָפעטעס" אונטערן אָרעם, צווישן די קלייטן און פלעגט שטילערהייט ארײנרוי-

מען אין אויער: „רררעב בוררערך, אָדער, רררעב מאָררדכי, גיט נאָררר אכטיק דערר „אודן קומט“... האָבן אידן שוין געוואוסט וואָס דאָס מיינט צו זאָגן און מען האָט אָפגערוימט דאָס וואָס ס'האָט געדארפט אָפגערוימט צו ווערן. און א סך בעלי־מלאכות, שניידערס, שוסטער האָבן פארשפרייט זייערעווארשטאטלעך און זיינען אוועק אין בית־המדרש, הערן עפעס נייס אָדער גאָר זאָגן א קאפיטל תהלים, און די מלמדים? — זיי האָבן גאָר איינגאנצן צעלאָזט דאָס חדר און פאר חברה קונדסים איז געוואָרן א לעבן. געוואָרן פרייע פייגל אויף א טאָג אָדער צוויי, און אלין דערפאר. וואָס א גוי א „קנעפל“ נעמט א קערבל און האָט ליב א כוסה.

ארום יאָר 1910, איז שוין אין מעלניצע געווען אן אונטערוואקסנדיקע יוגנט, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן קלערן פון „העברע“ ענינים, ד. ה. א חזן ארויסגיין אביסל „גוליאיען“ אויפן שאָסיי און אין סאָד אָדער אין וועלדל און דאָרטן אויסזינגען די אלע לידלעך, וואָס די עטלעכע בחורים וואָס האָבן געארבעט אלס פריקאזטשיקעס אין ווארשע און אין אנדערע שטעט, האָבן זיי אויסגעלערנט ווען זיי זיינען געקומען אויף יום־טוב אהיים, — האָט מען זיך דערקלערט צו דעם, אז מען דארף עפעס גרינדן אזא מין קלוב, וואו מען זאָל זיך א פאָר מאָל אין וואָך, אין די אָוונטן און אוודאי אום שבת און יום־טוב, זיך צונויפקומען און דאָרט פארברענגען. אָבער אזא געוואגטן געדאנק אויסצופירן איז געווען אביסל צו ריזיקאליש. וואָס הייסט, אינגלעך מיט מיידלעך וועלן זיך סתם צונויפקומען פארברענגען? מען דארף נישט פארגעסן, אז עס איז דאָ אן אויג וואָס קוקט. דער רב זאָל לעבן, אז ער וועט דערפון געוואויר ווערן, וועט ער אוודאי נישט שווייגן. מען געדענקט נאָך, דעם איסור וואָס ער האָט אויסגערופן אין די בתי־מדרשים, אויף דעם וואָס חברה יונגווארג שפאצירן פרייטיק־צו־נאכט אויפן שאָסיי און מען באנוצט זיך מיט עלעקטרישע לעמפלעך, וואָס מען טראָגט אין די קעשענעס. עס איז געווען נישט קיין קליינער סקאנדאל צוליב דעם. עס איז נישט הפקר א וועלט, און אז דער רב אָדער אנדערע פרומע אידן וועלן איצט דערהערן פון אזא מין זאך ווי א קלוב ר"ל, וואו אינגלעך מיט מיידלעך קומען זיך צוזאמען און מען פארברענגט אינאיינעם, עפעס גאָר מעשה ווי ביי „זיי“, איז וועט אוודאי זיין נישט גוט. האָט מען זיך דערטראכט צו דעם, אז פארוואָס זאָל שוין טאקע נישט זיין אין קלוב א ביבליאָטעק מיט ביכער. אזא זאך וועט שוין דאכט זיך זיין כשר פאר יעדן און קיינער וועט נישט זיין דאקעגן. און עס איז טאקע אזוי באשטימט געוואָרן. עס איז געדונגען געוואָרן א צימערל ביי דער „מומע“ זעלדע, (כמעט דאָס גאנצע שטעטל קינדער, האָבן

גערופן דער קרעמערין זעלדע, — און עלטערע אידענע, — „מומע״) אין היז, און דאָרט ארייגעשטעלט א שאפקע מיט ביכלעך. מען פלעגט זיך צונויפקומען צוויי אָדער דריי מאָל אין וואָך און ווער עס האָט גענומען אָדער געביטן א ביכל און באפן דערוויל א שמועס פון דעם און פון יענעם, אָט דאָס האָט געהייסן — פארבראכט געזעלשאפטלעך. גאָר ווייט איז מען מיטן קלוב און מיט דער ביבליאָטעק, נישט אוועק.

עס איז געווען ארום די יארן 12 - 1911. קיין גרויסער אויסוואל פון אידישע ביכער איז נישט געווען. די לעצטנס ניי־דערשינענע ביכער, זיינען נאָך קיין מעלניצע נישט דערגאנגען. יעקב דינעזאָנס „אבן נגף״ אָדער „יאָסעלע״, האָט שוין געהאט איבערגעלייענט יעדער איינער און מען האָט אויף זיי געניג ביטערע טרערן פארגאָסן בעתן לייענען. שמר״ס ראָמאנען, וועלכע מ׳האָט איינגעהאנדלט ביי ר׳ יאָסל מוכר ספרים, איז אויך געווען א סחורה און אוודאי האָט מען הנאה געהאט פון שלום עליכמס נייע הומאָריסטישע דערציילונגען, און פון מענדעלע מוכר ספרימס „די קליאטשע״, „פישקע דער קרומער״ א. א..

אָבער נישט דאָס אליין האָט געקענט פאראינטערעסירן די מעלניצער אינגלעך און מיידלעך אז זיי זאָלן זיין „טשלענעס״ (מיטגלידער) אין קלוב. עס האָט געפעלט אן אָנפירנדיקע האנט, אן אינטעליגענטער כוח וואָס זאָל ארייגעבן א העכערן קולטורעלן אינהאלט אין זייערע צוזאמענקונפטן, ווי: א פאָרלעזונג, א פאָרשטעלונג א. א. וו., און נישט נאָר דאָס בייטן א ביכל אליין. איז אָבער אזא אָנפירנדיקע פערזאָן נישט געווען. ס׳הייסט, געווען זיינען יאָ איניקע יונגע אינטעליגענטע בהורים און מיידלעך, וואָס האָבן אפילו אין קיין גימנאזיעס און אוניווערזיטעטן נישט געלערנט. נאָר געווען „סאמאָאוטשקי״ (אליין זיך געלערנט). גוט באלעזענע, געווען באהאוונט אין דער רוסישער און טיילווייז אין אידישער און העברעישער ליטעראטורן. אזעלכע זיינען געווען: סלאָוועריידער, פופע פעלין, בוזיע ניסלס (רייטער), וואָס האָט געלערנט עקסטערן און געענדיקט פאר פראָוויזאָר, בושע וואָלאך, יאנקל שמריהוס (זעלצער) און יאנקל רעזניק, וועלכער פלעגט שוין דווקא יאָ אמאָל ארייגקומען אין קלוב און דאָרט זינגען לידער און חזנישע שטיקלעך מיט זיין שיין שטימעלע (ער איז געווען א משורר ביי יאָסעלע חזן), — האָבן זיך אָבער די אלע נישט אינטערעסירט מיטן קלוב. אזוי ווי אן אומגעזעענע מחיצה איז געווען צווישן די ארבעטער-אינגלעך און שטוב-מיידלעך, וואָס פלעגן יאָ קומען אין קלוב אריין און די אויבן־אויסגערעכנטע אינטעליגענטן און נאָך אנדערע ענלעכע צו זיי וואָס זיינען געווען אין שטעטל, וואָס איניקע פון זיי (די מיידלעך), זיינען געווען פון רייכערן שטאנד, וועלכע האָבן שוין געטראָגן קא-

לאָשן, מיט א פוטערנע „שייקע" און א מופטע אום ווינטער און א היטעלע און א פאראסאָלקע, — אום זומער. האָט כתם נישט געפאסט זיך צו הברן מיט „נידריקערס" פאר זיך. און פון צווישן די אינגלעך זיינען ווער פון זיי געווען לערערס אין די נאָענטע דערפער און אנדערע האָבן געארבעט אין גרעסערע שטעט און נאָך צוליב אנדערע טעמים, איז אָט דערפאר האָט די ביבליאָטעק (געזאָגט האָט מען אייגנטלעך: „בובליטעק") ווינציק-וואָס פראָגרעסירט. אָבער עפעס אַן אָנהויב און א דראנג צו א געזעלשאפטלעך-קולטורעלן אויסלעבן זיך איז געווען, און ווען נישט די ערשטע וועלט-מלחמה, וואָס איז אויסגעבראָכן אין יאָר 1914, וואָלט אפשר דערפון מיט דער צייט עפעס ארויסגעקומען. און נישט נאָר דאָס אליין. אפשר וואָלטן נאָך אנדערע זאכן, אויפן קולטורעלן און געזעלשאפטלעכן געביט געשאפן געוואָרן. איז אָבער געקומען די ערשטע וועלט-מלחמה און אלין מיט אנאנדער צעשטערט. נישט נאָר דאָס יונגטלעכע קולטורעל-געזעלשאפטלעכע לעבן (אויב מען קען דאָס אזוי אַנרופן), איז צעשטערט געוואָרן, נאָר אויך דאָס גאנצע עקאָנאָמישע איינגעפונדעוועטע פון דורות-יאָרן אידיש-לעבן, אין אונזער שטעטעלע איז רואינירט און חרוב ונהרב געוואָרן.

ווען די ערשטע וועלט-מלחמה האָט אויסגעבראָכן, האָט לאנג נישט גענומען און די דייטשן צוזאמען מיט די עסטרייכער זיינען אריין אין שטעטל און פארשטייט זיך, אוועק ווייטער אין זייער אָקופאציע-מארש איבער אוקראינע. די ערשטע צייט האָט דאָס שטעטל אידן, ווי-נישט-איז זיך אַן עצה געגעבן אונטער די נייע באדינגונגען, וועלכע האָבן זיך געשאפן נאָכן אריינמארשירן פון די נייע אָקופאנטן.

עס האָבן אָנגעהויבן אויספעלן אייניקע ארטיקלען פון לעבנס-מיטל פון ערשטן געברויך, ווייל עס איז דאָך נישט געווען, ווי אין די צייטן פון פאר דער מלחמה, וואָס מען האָט געקענט פאָרן וואוהין מ'האָט געוואָלט און ברענגען סחורות אלערליי, פריי אָן קיין שום שטערונג. איצט האָט מען געמוזט אלץ, אָדער שמוגלען אָדער אויפן לעגאלן אופן, בעטן ביים שטאָט-קאָמאנדאנט א דערלויבעניש. איז אוודאי די ערשטע צייט, אָנגעקומען אידן שווער סיי דאָס שמוגלען און סיי דאָס ראיעלע האנדלען. אָבער מיט דער צייט, ד. ה. ווען די נייע מושלים זיינען אָפגעוועזן אין שטעטל עטלעכע חדשים און מען האָט זיך מיט די לעצטע אביסל מער באקאנט, האָט זיך די לאַגע אביסל געענדערט צום בעסערן. די רייכערע אידן וואָס האָבן פריער געפירט

זייערע גרויסע מסחרים מיט תבואה, מאַנופאַקטור און אַנדערע געשעפטן, האָבן איצט אפילו פון זייער שטאָלץ נאָכגעלאָזן, עס האָט זיך אַביסל די מערכה ביי זיי אויסגעגלייכט מיטן „פּראָסטן פאָלק". און ווען עס איז געווען א צייט, ווען ס'האָט אויסגעפעלט זאַלץ אָדער צוקער אין שטעטל, זיינען געשטאַנען צוגלייך דעם גבירס אליעזר באָקסערס טאָכטער אסתר, למשל, מיט דעם דאָרפס־גייער יקותיאל דעם גלעזערס טאָכטער, ביים קאָמאַנדאַנט בעטן א „נומער" צו באַקומען אין מיליטערישן לאַגער דאָס אויסגעפעלטע מין. אָבער עס האָט זיך, ווי געזאָגט, אין אַלגעמיין די לאַגע אין שטעטל געביטן צום בעסערן. דאָס איז געשען דאַן, ווען דער ערשטער קאָמאַנדאַנט איז אַוועק פון שטעטל און אויף זיין אָרט איז געקומען א צווייטער, איינער אַן עסטרייכישער אָפיציר מיטן נאָמען ווילסאָן, זייער א ליבעראַלער און צוגעלאָזענער מענטש געווען. ער האָט גלייך פאַררופן צו זיך עטלעכע פון די אָנגעזעענע אידן אין שטעטל (און נאָר אידן, קיין גוים נישט, אַזוי ווי זיי וואָלטן גאָרנישט עקזיסטירט), און נאָך א קורצן דורכשמועסן זיך מיט זיי, האָט ער אין עטלעכע טעג אַרום באַשטימט א אידישן בירגערמייסטער (אינטענדענט). דער גורל איז געפאַלן אויף בנימין גייער (מאָטל גייערס זון). עס האָבן אַרום ווילסאָנען אפילו זיך גענומען „דרייען", דער געוו. סטאַראָסטע מרדכי יאָסל דעמב, ירחמיאל שאַמעס און אַנדערע אידן, וואָס בעת די רוסן, זיינען זיי געווען גאַנצע „מאַכערס". אָבער דער קאָמאַנדאַנט ווילסאָן האָט זיי פון זיך פאַרטריבן מיט איין וואָרט „הערויס" און א וואָרט נישט מער.

אָבער „ניאַמטשיק" (אַזוי האָט מען אים גערופן), איז געווען א דורכגעטריבענער יאַט, א יונגער מענטש, אַגב א הויכער און א שיינער, און ער האָט געוואוסט, ווייזט אויס, מיט וואָס צו נעמען דעם עסטרייכער „קירה" און ער איז געוואָרן בירגערמייסטער איבערן שטעטל. כאָטש ער האָט נישט געוואוסט „מיט וואָס מ'עסט עס", און וואָס מען הויבט אָן צו טאָן. געוואוסט האָט ער, אַז צו דעם עסק פון בירגערמייסטעריי וועט ער נישט דערליינגען. ווייל ביז אַהער האָט ער געדאַרפט שטיין ביי דער טיר פון פריערדיקן קאָמאַנדאַנט צוגלייך מיט אַלע אַנדערע אידן און בעטן א דערלויבעניש (א „פּאַסיר־שיין" אָדער „באַשטעטיקונג" האָט מען עס גערופן) אויף צו ברענגען פון ערגעץ א פורעלע זאַלץ אָדער מעל און אַנדערע אַרטיקלען, מיט וואָס ער האָט זיך קיינמאָל נישט פאַרנומען, („קופּאַנעס", ווי איר געדענקט, איז געווען א בעסער געשעפט...), האָט ער איצט, ווען ער איז געוואָרן בירגערמייסטער — אָנשטאָט תבואה און זאַלץ, אָנגעהויבן אַריינצופירן אין שטעטל קאָניאַק, ווין, רום און אַנדערע נויטיקע זאַכן וואָס אין שטעטל האָט

אויסגעפעלט. און אויסגעפעלט האָבן א סך מינים און ארטיקלען, אויף וואָס די דייטשע און עסטרייכישע זעלנער זיינען געווען גרויסע אָפנעמער.

כמעט אין יעדער שטוב איז געווען א „טיי-הויז“ אָדער „ביר-האלע“, וואו עס איז געווען צו באקומען פון אלץ וואָס א זעלנער דארף האָבן. דייטשע מארקן און עסטרייכישע קראָנען האָבן נישט געפעלט ביי דער גרויסער צאָל סאָלדאטן, וואָס זיינען געווען אין שטעטל און ביי די וואָס האָבן דורכגעמארשירט צום פראָנט און זיך אין שטעטל אָפגעשטעלט אויף א קורצער צייט, — האָבן אידן געלייזט געלט און א סך. עס האָט נאָר אויסגעפעלט א סך מינים פאר וואָס צו לייזן, איבערהויפט משקאות און „שפעק“ (חזיר-שמאלץ). האָט טאקע ניאמטשיק פארשטאנען אויסצונוצן די סיטואציע אויף אזא אופן, אז ס'איז געוואָרן גוט סיי פאר אים ווי פארן שטעטל אידן, ווייל א וואוילער און א גוטע נשמה איז ער באמת געווען.

אָבער דאָ האָט ער זיך אָנגעטראָפן מיט אן אנדער פראָבלעם. מען דארף דאָך עפעס פאָרט פירן די „אופראווע“, ווי עס האָט געהייסן פאר די רוסן, אָדער די איצטיקע „אָרט-פארוואלטונג“. איז ווי אזוי מאכט מען אז עס זאָל זיך פירן מיט א טאָלק און אין אָרדענונג די גאנצע ארבעט אין אָט דער „פארוואלטונג“? ווייל מיט שרייבן פאר זיך אליין און געבן יענעם אפילו, ארויספיר- און אריינפיר-שיינען איז דאָך נאָך ווינציק. עס וועט דאָך קומען א צייט, וואָס מען וועט דארפן אָפגעבן חשבון, טאקע דעם קאָמאנדאנט ווילסאָנען אליין, פון דער אָפגעטוענער ארבעט אין דער „אָרט-פארוואלטונג“. עס איז דאָך עפעס א שטעטל מיט אוועלכע זיבן הונדערט משפחות, צווישן אידן און קריסטן — ביי פיר טויזנט נפשות, דארף מען דאָך וויסן ווער, וואָס און ווען. עפעס א טאָלק דארף דאָך זיין און עס דארף דאָך עפעס געפירט ווערן א שטיקל רעגיסטער און אנדערע זאכן דאָרט, אין וועלכע ער, ניאמטשיק, האָט נישט געוואוסט ווי אזוי מ'הויבט זיי אָן צו פירן און ווי אזוי מען קריכט אין זיי אריין. איז טאקע, אין די ערשטע פאָר וואָכן, ניאמטשיקן אונזערן, נישט גוט געווען. האָט אָבער פאסירט, אז אין דער זעלבער צייט, האָט זיך אומגעקערט אין שטעטל אריין, מען ווייסט נישט דורך וואנען און ווי אזוי, צאלע אָהרן-וואָלף דעם שרייבערס (דער לייענער וועט דאָ מוזן מוחל זיין, וואָס דער שרייבער פון דער געשיכטע מוז איצט שרייבן אביסל פון זיך אליין). אזוי ווי ער איז געווען פון די „ברוגזע“ (אזוי האָט מען גערופן די אלע אידישע סאָלדאטן, וועלכע האָבן נישט געהאט קיין „חשק“ זיך צו שלאָגן מיטן דייטש און האָבן דורך פארשידענע מיטלען אויסגעמיטן צו גיין אויפן פראָנט), האָט

ער זיך אַזוי לאַנג געבלאָנקעט איבער וועגן און שטעגן ביז ער איז געקומען צוריק צו זיך אין שטעטל אַריין. איז ווי נאָר ניאַמטשיק דער בירגערמייסטער האָט זיך דערוואוסט אַז צאַלע אהרן־וואָלפס איז דאָ, איז אויף אים אַרויף אַ נייע הויט. ער האָט אים גלייך גערופן צו זיך און צו אים גערעדט בזה הלשון: „הער־אויס, גוטער ברודער, איך ווייס אַז דו קענסט דייטש (פון וואַנען ער האָט דאָס געוואוסט? — ער האָט פאַרשטאַנען אַז ר׳ אהרן וואָלפס אַ קינד דאַרף קענען אַביסל דייטש אויך), — איז, מוזסטו מיר איצט אַרויסהעלפן. כ׳בין, — האָט ער ווייטער פאַרגעזעצט, — ווי דו ווייסט שוין מסתמא, בירגערמייסטער פון שטאָט (נישט אַנדערש ווי „שטאָט”) און מען מוז דאָך פירן ביכער און אַנדערע זאַכן דאָרט וואָס מען דאַרף. איז וועסטו זיך נעמען צו דער אַרבעט און וועסט קריגן גוט באַצאָלט”.

צאַלע האָט זיך צו דער אַרבעט גענומען. פאַר אים איז דאָס סתם געווען אַ שטיקל ישועה, ווייל אינגאַנצן כשר כלפּי דער מאַכט איז ער דאָך נישט געווען, איז מיט דעם וואָס ער איז איצט געוואָרן סעקרעטאַר פון „אָרט־פאַרוואַלטונג”, איז ער אינגאַנצן כשר געוואָרן און ער האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט אויף פאָלגנדיקן אופן:

קודם האָט ער זיך געגעבן אַ טו־אָן אויפן אָרעם אַ ווייס-בלויען באַנד מיט אַ „פליאַרקעלע” (אַ סימן, אַז ער איז דער עלצטער), און גענומען צו זיך נאָך פיר בהורים: קלמן קאָזאַק, אויך אַזאַ „ברוגזער” ווי ער, זלמן גייער (ניאַמטשיק דעם בירגערמייסטערס אַן אינגערער ברודער) און נאָך אַ פאָר חברה, און ער האָט זיי אויך אָנגעטאָן ווייס-בלויע בענדער און מען איז אַרויס אין גאַס־אַריין מאַכן אָרדענונג.

דאָס ערשטע האָט מען געגעבן אַ קלאַפּ־אָן ברעטלעך מיט נעמען אויף די ראָג־גאַסן און אָנגעשריבן נומערן אויף יעדער הויז, אַ זאַך — אַ נייס, וואָס איז ביז איצט נישט געווען. אַ באַפעל איז געגעבן געוואָרן, אַז די בריקלעך פאַר די טירן פון יעדער הויז זאָלן פאַרריכט ווערן און אויסגעשאָטן זאָל ווערן זאַמד, פאַר די פענצטער אַרום די פריזבעס. אַזאַ באַפעל איז געקומען אין „אָרט־פאַרוואַלטונג” פון ווילסאָנען אַליין: „זויבער זאָל זיין”. און מען האָט געהאַלטן אָרדענונג. אַלע גאַסן, מיט די נעמען און די הייזער מיט זייערע איינוואוינער, זייער עלטער, באַשעפטיקונג א. א. וו. זיינען אין אַ בוך אַריינגעשריבן געוואָרן. אויך איז געווען די אויפגאַבע פון דער „אָרט־פאַרוואַלטונג” אויסצוטיילן לויט קוויטלעך, צו דער באַפעלקערונג די אַרטיקלען פון ערשטן געברויך, אויף וועלכע ס׳איז געווען אַ מאַנגל, ווי: פלייש, צוקער, זאַלץ און אַנדערע מינים שפּייז. אָבער מיט אָט דער איינגעפירטער אָרדענונג, אַזוי צו זאָגן, אין שטעטל, האָט מען קיין גרויסע „זיבן זאַכן”

נישט געקענט אויפטאָן. נאָר וואָס דען? מען האָט זיך צעפירט די הענט מיט דעם. וואָס מען האָט ארויסגעגעבן ארויספיר־ און אריינפיר־שיינען, באשטעטיקונגען און פאסיר־שיינען צו אידן, אויף רעכטס און אויף לינקס.

א שטעמפל מיט א גרויסן „קייזערליך אונד קעניגליכן” אָדלער אינדערמיט. איז געלייגט געוואָרן אויף יעדן ארויסגעגעבענעם פאפיר, און אידן זיינען געפארן, וואוהין מ'האָט געוואָלט און געבראכט אין שטעטל־אריין פון „פויגל־מילך”. ווייל די מיליטערישע וואך, וואָס איז געשטאנען איבער די וועגן און געהיט פאר שמוגל און אנדערע זאכן, — אז זיי פלעגן דערזען אָט דעם „אָדלערדיקן” שטעמפל אויף דעם פאפיר, וואָס די מעלניצער אידן האָבן זיי געוויזן, זיינען זיי גלייך דורכגעלאָזן געוואָרן אָן קיין שום שוועריקייטן, א וואָס פאר א מין סחורה זיי זאָלן נישט האָבן געפירט. לייענען, וואָס דאָרט אין פאפירל איז געווען געשריבן און ווער דאָס האָט ארויסגעגעבן, איז וויזט אוים, נישט געווען אזוי וויכטיק, אבי דער אָדלער איז דאָ, און נישט אלע פון די סאָלדאטן האָבן מסתמא געקענט לייענען בכלל. איז טאקע געווען א לעבן און ס'איז געגאנגען א האנדל און א שמוגל, אזוי לאנג און אזוי ברייט. ביז אין א שיינעם טאָג, שיקט דער קאָמאנדאנט ווילסאָן רופן צו זיך ניאמטשיקן דעם בירגערמייסטער מיטן סעקרעטאר זיינעם. און אָן רייד און אָן פאָראויסיקע טענות, גיט ער זיי א ווייז א פאפירל, וואָס איז ארויסגעגעבן געוואָרן דורך דער „אָרט־פארוואלטונג אין מעלניצע”, צו איינעם א אידן און ווען מען האָט איבערגענומען אין מיטן וועג, אזש הינטער כעלם ערגעץ, מיט א גאנצע פור קאסטנס קאָניאק, רום, שפעק און אנדערע גוטע זאכן, וואָס אויף צו מעגן האנדלען און פירן אזעלכע זאכן האָט מען געדארפט אָפּנוצן גרויסע „זכות אָבות” ביים קרייז־קאָמאנדאנט אין קאָוולע, און איינער פון טויזנט האָט אזעלכעס. נאָך לאנגע באמיאונגען, ערשט געקענט באקומען.

אז מיר האָבן דערזען דאָס פאפיר, מיט נאָך א גאנצער מגילה א צולאָג, איז אונז ביידן, דעם בירגערמייסטער מיטן סעקרעטאר, פינצטער געוואָרן אין די אויגן און נישט געוואוסט וואָס צו זאָגן און מיט וואָס זיך צו פארענטפערן. מיר האָבן געמיינט. אז גאָט ווייסט וואָס פאר א שטראָף מען וועט אונז דערפאר געבן, כאָטש מיר זיינען געווען גאָט די נשמה שולדיק.

אָבער ווען דער וואוילער פליכעוואטער קאָמאנדאנט האָט דערזען די צוויי איבערגעשראָקענע „האָזן” שטיין נעבן אים אָן לשון, (עס איז געווען ארום צען אזייגער אין אָוונט, און ער איז שוין געלעגן אין

אייזערנעם בעטל אָן א קישן, מיטן גראָבן ציגאר אין מויל — אזוי האָט ער אונז אויפגענומען), — האָט ער א בורטשע געטון: גייט אהיים און מאָרגן פרי זאָלט איר מיר ברענגען דעם שטעמפל. אין א פאָר טעג ארום, נאָכדעם ווי דער שטעמפל איז אים איבערגעגעבן געוואָרן, האָט ווילסאָן ווידער געשיקט רופן צו זיך ניאמטשיקן און אים דעם שטעמפל אומגעקערט. אָבער שוין א „געשאָכטענעם", ד. ה., אָן דעם אָדלער אין דער מיט.

פון דאַן אָן, זיינען מיר, ד. ה. דער בירגערמייסטער און זיין סעקרעטאר, געוואָרן אויס־„קאפעליוש־מאכערס". דאָס פאפירל וואָס מיר פלעגן ארויסגעבן, האָט שוין נישט געהאַט דעם זעלבן ווערט וואָס פריער. בכלל האָט מען זיך שוין אָנגעהויבן צו היטן, פון ארויסגעבן מער אזעלכע פאפירלעך, ווייל פונקט האָט מען אָנגעהויבן צו פארשטארקן די וואך אויף די וועגן. מען האָט אָנגעהויבן צו באמערקן א באוועגונג און א צערודערונג אין די איינגעקוואַרטירטע מיליטערישע רייען וואָס זיינען געשטאנען צעשטעלט אין די פריוואטע הייזער, (אין יעדער הויז זיינען געווען צעשטעלט צו צען און מער סאָלדאטן). עס האָבן אָפטער אָנגעהויבן אָנקומען און אוועקגיין צום פראָנט גרויסע מחנות סאָלדאטן. ארויסגעוויזן האָט זיך, אז די רוסן „נאסטופאיען" (גייען פאָראויס) און די דייטשן מיט די עסטרייכער מאכן א „ריקצוג". זיי האָבן אזוי לאנג זיך גערוקט פון רוסלאנד אויף צוריק, ביז מען האָט אָנגעהויבן צו עוואקואירן די ערטער וואו מען האָט געדארפט לענגער זיך אָפּשטעלן אין דער פארטיידיקונג. און אונזער שטעטעלע מעלניצע, וואָס איז אויך געווען ווייזט אויס א סטראטעגישער פונקט צום פארטיידיקן זיך, האָט מען אָנגעהויבן צו עוואקואירן.

אין דריי מאָל זיינען די איינוואוינער פון שטעטל עוואקואירט געוואָרן. די פאָזיציעס פון די שלאכטן האָבן זיך דערנענטערט צום שטעטל און דאָרט אָפּגעשטאנען א לענגערע צייט.

די קאמפן זיינען ווייזט אויס געווען פארביטערטע, ווייל דאָס שטעטל איז כמעט אינגאנצן הרוב געוואָרן פון די איבערשיסונגען און באָמבארדירונגען וואָס זיינען דאָ פאָרגעקומען.

די עוואקואירטע מעלניצער אידן, זיינען א פאָר יאָר צייט געווען היימלאָזע אין פוילן, (אין שטעטלעך און אין דערפער אין לובלינער און אין קעלצער גובערניעס). די רייכערע אידן האָבן זיך באזעצט. ווער אין קאָוולע און ווער אין אנדערע גרעסערע שטעט. (מאָטל גייער, דער גרויסער גביר, האָט זיך מיט זיין פאמיליע דערשלאָגן קיין לאָדזש און דאָרט אָפּגעקויפט א מאנופאקטור־פאבריק און ניאמטשיק דער זון זיינער, האָט אָפּגעקויפט א הויז אין ווארשע און דאָרט געפירט גרויסע

מסהרים). און ווען אין יאָר 1918, ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט, זיינען די היימלאָזע „בעזשענצעס“ געקומען צוריק אין שטעטל זייערן (די רייכערע האָבן זיך נישט אומגעקערט צוריק). האָבן זיי דאָס שטעטל נישט דערקענט. אזוי רואינירט און חרוב איז דאָס שטעטל געווען. א סך שטיבער זיינען פון די דייטשן צענומען געוואָרן און זיי איבערגעטראָגן אין די וועליצקער און סטאַוועטשינער וועלדלעך, וואו די פּאָזיציעס זיינען געווען, און דאָרט אין די וועלדלעך, — טראַנשייען אין דער ערד פון זיי געמאכט. נאָר געציילטע הייזער זיינען גאַנץ געבליבן.

די צוריקגעקומענע מעלניצער אידן האָבן ווידער אָנגעהויבן אויפצובויען זייערע חרובע היימען, און מען האָט ווידער אָנגעהויבן צו פירן, (שוין אונטער דער פּוילישער מאכט), א נייע לעבן, מיטמאכנדיק אין פאַרלויף פון די יאָרן 20 - 1919, פריער דאָס אריינגיין פון די פּאָליאַקן, שפּעטער די רוסן-באָלשעוויקעס און נאָכדעם ווידער די פּאָליאַקן, וואָס דאָס איז א באַזונדער בלוטיק קאַפּיטל פאַר זיך.

אוודאי האָט דאָס לעבן אין שטעטל שוין נישט געהאַט דעם זעלבן אויסזען ווי פריער. נישט געווען שוין די זעלבע סוחרים און נישט געפירט די זעלבע מסחרים וואָס אמאָל. אָבער מען האָט ווי נישט-איז זיך איינגעאָרדנט און געלעבט דאָס טיפּישע קליינשטעטלדיקע אידישע לעבן; ווער בעסער ווער ערגער, אזוי ביז אין דער צייט פון יאָר 1939, ווען עס האָט אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט-מלחמה און היטלער ימח שמו, האָט זיך פאַרמאָסטן צו באַהערשן און אונטערדריקן די גאַנצע וועלט און קודם-כל אויסצוראָטן און אומצוברענגען דאָס גאַנצע אידישע פאָלק.

אין אונזער ווייטערדיקער באשרייבונג פון אונזער ליב שטעטעלע מעלניצע, פון דער צייט פון דער צווייטער וועלט-מלחמה, דאָס וואָס די אידן האָבן דאָרט איבערגעלעבט און וויפל זיי האָבן זיך אָנגעליטן, האָבן מיר ליידער קיין גענויע דאטעם נישט. מיר וועלן זיך מוזן דעריבער באגנוגענען מיט דער טרויעריקער און ווייטיקדיקער פעסטשטעלונג, לויט ידיעות וואָס מיר האָבן באקומען, אז דאָס גאַנצע שטעטל איז חרוב ונחרב געוואָרן און די אלע אידן פון דאָרט (אויסער א פּאָר געציילטע, עפ״י נס געראַטעוועטע, וועלכע אייניקע פון זיי געפינען זיך אין ישראל, נ. אמעריקע און אין ארגענטינע), זיינען פון די

היטלעריסטישע בעסטיעס ימח שמם, אומגעבראכט געוואָרן און מיר ווייסן נישט אפילו געגוי, וואו זייערע קברים געפינען זיך *).

זאָל דער זכר פון אונזערע אומגעקומענע, טייערע און וואוילע מעלניצער אידן, די קדושים, אונז הייליק און טייער זיין. זאָלן מיר זיי שטענדיק געדענקען און קיינמאָל נישט פארגעסן און זאָל די דאָזיקע געשיכטע פון שטעטעלע מעלניצע זיין א מצבה אויף דעם אומבאַוואוסטן ברודער־קבר פון דער קליינער מעלניצער אידישער קהילה, וואָס איז אומגעקומען על קידוש השם ועל קידוש העם.

נאָטאַ: לויט מ. לאנדא, וועמענס ארטיקל מיר דרוקן ווייטער, גיט איבער, זיינען די מעלניצער אידן אומגעבראכט געוואָרן דעם 21־טן אויגוסט 1942 — ח׳ אלול ה׳תש״ב.

פייוול באַלער (האַרטפאָרד, נ. אַמעריקע)

עפיזאָדן פון מיין געבוירן שטעטעלע

מיין אַלטע היים מעלניצע, אָן אַלט-מאָדיש אידיש שטעטל, וואָס האָט געשמט מיט אירע בלאָטעס און מיט אירע הייזקעס מיט שטרויענע דעכער וואָס זיינען געווען באַוואָקסן מיט אַלטן גרינעם מאָך. דאָס שטעטעלע איז געווען די פעסטונג פון טריסק, דאָס הייסט, דער טריסקער רבי איז געווען דער מושל און אויטאָקראַט. זיינס א וואָרט איז געווען א באַפעל, א מוז. אָן דעם רבינס הסכמה האָט מען נישט געקענט אויפנעמען קיין רב אָדער שוחט. השכלה איז געווען טריפה שבטריפה. אפילו דקדוק (אידישע גראַמאַטיק) איז געווען טריפה. א גויאיש ביכל אָדער א העברעאישער ראָמאַן (ווי „עיט צבוע“) איז געווען רחמנא לצלן, א קינד פון לילית ימח שמה.

אזוי האָבן מעלניצער אידן, זיך אָפגעלעבט זייער ביסל געמאַטערטע יאָרן, געטאַנצט שמחת תורה אין די בלאָטיקע גאַסן. אינגלעך, מיידלעך און אויך דערוואַקסענע זיינען נאָכגעלאָפן יהודה לייבן אום שמחת תורה און מיטגעזונגען מיט אים: נאָך א מעלה און נאָך א מעלה, באַטש, באָטש, באַטש! — און דער דאָזיקער יהודה לייב האָט זיי — די נאָכלויפער פארגיטיקט מיט דעם, וואָס ער איז ארויף אויפן בית-המדרש-בוידעם און דורך א פענצטערל ארונטערגעוואָרפן רויטע עפעלעך. אידן! ווער ס׳האָט נישט בייגעוואוינט די דאָזיקע סצענע, ווייסט נישט דעם טעם פון דעם דאָזיקן שמחת-תורהדיקן עפל-כאַפן.



רעכטס — דאָס מעלניצער טריסקער שטיבל, לינקס — דער בית המדרש. אין טאָג פון שמחת תורה, ווען הערשעלע טריאַנעווקער וואַרפט עפּל פון דעם בית המדרש־בוידעם און עולם וואַרט צו כאַפּן אַן עפּעלע.

נאָך איצט קומט מיר פאָר ווי גליקלעך איך וואָלט דאַן געווען, ווען ס'וואָלט מיר געלונגען צו כאַפּן אַן עפּעלע...

אין אָט דעם מעלניצע, האָט געוואוינט מיין דרדקי רבי, פייסי מלמד. מאכט ער התונה זיין איינציקע טאָכטער, און נעמט פאַר איר א מאַן פון טאַרטשין (א שטעטעלע נישט ווייט פון מעלניצע), זיין נאָמען איז געווען שמואל באַרמאַק, א לערנער, א גרויסער מתמיד און אויך א גרויסער בעל־דקדוק (רחמנא לצלן...). פאַרשטייט זיך, אַז די מעלניצער, טריסקער חסידים, די פאַנאַטיקער, האָבן זיך דערפון דערוואוסט א סך שפּעטער.

דער־אָ, שמואל באַרמאַק, האָט זיך באַקאַנט מיט מיינעם א חבר וואָלף־בער דער קרומער, אַן אָרעמען מוליערס א זון, אָבער א גרויסער לערנער, א בקי און חריף אין תלמוד און אין פּוסקים ווי אַן איד אין אַשרי, — האָט שמואליק זיין ניי־דערוואָרבענעם חבר פאַרטרויט דעם שרעקלעכן סוד, אַז ער קען דקדוק. וואָלף־בער, כאָטש א מעלניצער און

א פרומער, האָט ער זיך אָבער גלייך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט אין דער־א נייס. ער האָט זיך מתפשר געווען, אז א איד דאַרף דאָך קענען זיין אלטע שפּראַך, — העברעאיש. און אויב קענען העברעאיש, מוז מען אויך קענען דקדוק, ווי קען עס דען אנדערש מעגלעך זיין?

אָבער ווי אזוי קען מען זיך לערנען אין א טריף־פסול, וואָס אויב מעלניצער פרומאַקעס וועלן זיך דערפון דערוויסן, וועלן זיי דאָך זיין להרוג ולאבד. ס'איז דאָך פשוט א סכנה גדולה. איז צווישן שמואליקן און וואָלף־בערן אויסגעאַרבעט געוואָרן א פּלאַן, אז דאָס זיכערסטע פּלאַץ צו שטודירן אָט דעם דקדוק, איז ערגעץ אין א וואלד, ווייט פון די אויגן פון מעלניצער אידן.

זומער איז עס געווען, שיין און וואַרעם אין דרויסן, — איז גערעדט און געטאָן. אין איינעם א שיינעם טאָג, נאָכן אָפּעסן דעם זארעמעס, זיינען זיך ביידע חברים אוועק שפּאַצירן הינטערן סאָד אויפן שאָסיי און פון דאָרט, אוועק אין וועלד אריין, נעבן דער וואַסער־מיל. זיי האָבן זיך דאָרט, אין וואלד, אוועקגעלייגט אונטער א שאָטנדיקן גרויסן בוים און ר' שמואליק האָט פונם בוזעם ארויסגענומען דעם טריף־פסול, דעם דקדוק און האָט פון דעם ביכל־ארויס, געגעבן וואָלף־בערן א לעקציע אין: פקד, פקדתי, פקדת: — פעל, פעלתי, פעלת און אזוי ווייטער.

אלץ איז זיך געגאַנגען כשורה. מאַכט זיך אָבער, אז נישט ווייט פון זייער בוים וואו זיי זיינען געלעגן, האָט א מעלניצער גוי געאַקערט זיין פעלד, האָט ער באַמערקט אז עפּעס צוויי אידן ליגן ווי שררות אונטער א בוים און זיינען זיך מתוכח. דער גוי האָט זיך א קראַץ געטון אין זיין פּאַטילניצע, און איז געקומען צום באַשלוס, אז די דאָזיקע צוויי חברהלייט, מוזן זיין „רעוואָלוציאָנערע קראַמאַלניקעס”, וואָס פּלאַנען ארונטערצואוואַרפן דעם קיסר.

דער גוי, אלס א פּאַטריאָט און אויך א שונא ישראל, איז ער באַלד אוועק צום מעלניצער אוראַדניק און האָט אים דערציילט, אז צוויי זשידאַקעס (אידילעך), ליגן אונטער א בוים און פון א בוך־ארויס, לייענען זיי עפּעס דאָרט און ארבעטן מעשים מיט די הענט, דאָס ווילן זיי אוודאי ארונטערוואַרפן דעם קיסר (דעם באַטיושקא־צאַר).

אויך דער אוראַדניק האָט באַלד „פאַרשטאַנען”, אז דאָ האָט ער צו טאָן מיט צוויי געפערלעכע רעוואָלוציאָנערן און באַפנדיק זיי, וועט ער אפשר באַקומען א „נאַגראַדע”, פאַרוואָס ער האָט אָפּגעראַטעוועט דעם קיסר און טאַקע גאַנץ רוסלאַנד. דער אוראַדניק האָט לאַנג נישט געוואַרט און האָט גענומען דעם „סאָטניק” און עטלעכע „דעסאַטניקעס” און אוועקגעמאַרשירט אין וואלד אריין און האָט די צוויי „רעוואָלו-

ציאָנערן" געכאַפּט ביי דעם „גרויסן פאַרברעכן"... האָט ער זיי ביידע ארעסטירט און געבראַכט אין שטעטל אריין.

ס'איז געווען ארום מנחה־צייט, מעלניצער אידן זיינען געגאַנגען אין בית־המדרש און אין שטיבל אריין, — דאַוונען. נו, שטעלט אייך פאָר, אז זיי האָבן דערזען די פּאָר ארעסטירטע יונגעלייט ארומגערינגלט מיט פּאָליציסטן און גוים, — איז געוואָרן אן אַנגעלויף פון מענטשן דערשראָקענע אויף טויט, אזוי ווי עס זיינען עס געווען די גענעכדיקע צוויי יונגעלייטלעך וועלכע זיינען געשטאַנען און געציטערט פאַר שרעק. דער אוראַדניק האָט זיך מיט די „ארעסטאַנטן" אָפּגעשטעלט אין מיטן מאַרק און האָט זיי געוואָלט, נישט אַנדערש, ווי נאָר אריבערשיקן צום פּריסטאַוו — וועלכער האָט געוואוינט אין האָלאבע, און זיי געשראָקן מיט פאַרשיקן קיין סיביר. האָט זיך אריינגעמישט היים יאָסל דער סטאַראָסטע, און האָט דעם אָדון, — דעם אוראַדניק, געגעבן צו דערקלערן, אז דאָס ביכל איז גאָר א אידישע גראַמאַטיקע און נישט „חלילה" קיין קאַרל מאַרקס א בוך און אז די ארעסטירטע פּאָר, זיינען פּשוטע ערלעכע מענטשן, נישט קיין רעוואָלוציאַנערן, — פאַר דעם איז ער, דער סטאַראָסטע ערוב. האָט ער זיי אָפּגעלאָזן, דער אוראַדניק, נאָר מיט א וואָרענונג, נישט צו ליגן מער אונטער א בוים אין וואַלד...

שמואליקן, האָבן איבערגענומען די קנאים און אים געגעבן גוטע פּעטש און וואָלף־בערן, האָט מכבד געווען בכבודו ובעצמו שמעון פעלץ, א טריסקער חסיד און א גרויסער סוחר געווען. ער האָט אים דערלאַנגט עטלעכע גוטע פּעטש, זאָגנדיק דערביי: דו עוכר ישראל, שייגעץ איינער, גאָר דקדוק לערנען! ארויס פון שטיבל! וואָלף־בער האָט נעבעך אָפּגעווישט די ליפּן, צונעמענדיק די פּעטש מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ און האָט זיך דערביי געשוואוירן אז ער איז נאָך אליין פרום און דער שולדיקער איז גאָר שמואליק, יענער האָט עס אים „פאַרפירט" און אז ער איז גאָט די נשמה שולדיק. א סך האָבן עס אים, — וואָלף־בערן, מוחל געווען, און א סך האָבן נאָך לאַנג די מעשה מיטן „טריף־פּסול", אים דאָס פאַרגעוואָרפן און געקוקט אויף אים מיט חשד און א לאַנגע צייט האָט געדויערט ביז די מעשה איז פאַרגעסן געוואָרן.

שמואליק איז דערנאָך אוועק אין דער ליטע, זיך געלערנט פאַר רב, באַקומענדיק סמיכה אויף רבנות, איז ער אוועק קיין אמעריקע, וואו ער האָט פאַרנומען א כסא הרבנות.

א צווייטער עפּיזאָד געדענקט זיך, וואָס ס׳איז אפשר כדאי אים צו דערציילן: דאָס האָט פּאסירט ארום יאָר 1902. ווי אלע קליינע שטעטלעך צו יענער צייט, האָט מעלניצע נישט געהאט קיין דאָקטאָר, וואָס זאָל אויפפּאסן אויפן געזונט פון אירע איינוואוינער. געווען איז א רופא, א איד ר׳ משה זיגמונד, א פיינער איד געווען, אָבער אין מעדיצין האָט ער געוואוסט מער פון פּראקטיק ווי פון לערע. רעצעפּטן האָט ער געשריבן, גיי ווייס וואָס דאָרט זאָגט זיך. האָבן מעלניצער אידן אזוי לאנג געשוויגן, ביז זיי האָבן מיט אמאָל דערוואכט ווי פון הינערפלעט. וואָס איז? זיי זיינען נישט צופרידן פונם רופא, וואָס היילט פון א פינגער-שניט ביז באנקעס-שטעלן און האָבן זיך מישב געווען, אז עס איז שוין צייט, אז אין מעלניצע זאָל זיין א שטודירטער דאָקטער.

ס׳האָט לאנג נישט גענומען און מען האָט אראָפּגעבראכט א דאָקטער פון קיעוו, א זייער געבילדעטן אידישן יונגנמאן. מעלניצער אידן האָבן זיך מתחייב געווען אים צו צאָלן גאנצע 600 רובל א יאָר (א סך געלט פאר יענער צייט) און אויך דירה אומזיסט. חוץ וואָס ער וועט האָבן הכנסה פון וויזיטן (אפשר 50 קאָפּיקעס) צו די קראנקע.

דאָקטאָר כאָדאק, (אזוי האָט ער געהייסן), האָט קיין געזעלשאפט אין מעלניצע נישט געהאט. גיי רייד פּאָליטיק מיט מעלניצער טרימקער אידן חסידים הינטער דער חרובע אין בית המדרש אָדער אין שטיבל, וואוהין ער פלעגט גאָרנישט אריינשמעקן קיינמאָל.

האָט דער דאָקטאָר זיך געהברט מיטן אַפּטייקער און ס׳איז אים געווען, ווי ס׳איז זיך משער צו זיין, גענוג „סקוטשנע” אין דעם-אָ העק.

ס׳איז אריבער א קורץ שטיקל צייט. האָט זיך מיטאמאָל פארשפּרייט א קלאנג אין שטעטל, אז דאָקטאָר כאָדאק וויל אוועק פון מעלניצע. ער האָט חרטה אויפן שידוך. — ס׳טייטש דאָקטאָר, פארוואָס? וואָס פעלט אייך דאָ? אפשר ווילט איר מער געלט? — מיר וועלן אייך צאָלן מער, אבי בלייבט ביי אונז. אָבער דאָקטאָר כאָדאק ענטפערט נישט. ביז איינמאָל — אין א זומער-נאכט איז עס געווען, — האָבן מעלניצער אידן געטראָפן דעם דאָקטער אין מיטן מארק. און אלע, „קינד און קייט”, אנשים, נשים וטף האָבן אים ארומגערינגלט און האָבן גענומען ריידן אלע מיטאמאָל, און זיך געבעטן ביי אים: האָט רחמנות אויף אונז אידן, אויף וועמען לאָזט איר אונז איבער?! די קולות זיינען געגאנגען עד לב השמים. און ער, דער דאָקטער, איז געשטאנען אין מיטן רעדל מענטשן, געשוויגן און געשמייכלט, ביז ער האָט צו די אידן א מאך געטון מיט דער האנט און זיי געבעטן זיין שטיל. ער וויל זיי עפּעס זאָגן. און געזאָגט האָט ער צו די אידן אזוי: איר, מעלניצער

אידן, איר האָט דאָ א פיינעם רופא, איר מוזט נישט דווקא האָבן א שטודירטן דאָקטער. איך פאַר אוועק פון אייך, און אויב איר וועט זיך צוהערן, וועל איך אייך געבן אן עצה: האַלט אייך ריין ווי אום ערב פסח און עסט ווי אום ערב יום-כפור, וועט איר זיין געזונט און נישט קראַנק, און זייט מיר געזונט. נאָכן פאַרענדיקן די ווערטער, איז ער אריין צו זיך אין דירה, פאַרנומען זיינע זאַכן און אָפּגעפאָרן צו דער באַן.

ווי מעלניצער אידן, זיינען געוועזן קליינשטעטלדיקע, זיינען זיי אָבער קיין נאַראָנים נישט געווען. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אז דאָ איז עפּעס נישט גלאַט, און אז שולדיק אין דאָקטערס אוועקפאָרן איז נישט קיין אנדערער, ווי דער רופא און אויך דער אַפּטייקער, וועלכע האָבן פיל פאַרלוירן פון זייער הכנסה; ווייל פריער, ווען ס׳איז נישט געווען קיין דאָקטער, איז געוועזן הצי שלי והצי שלך (פאַר וואַסער־ און צוקער־רעצעפּטן), האָט זיי דער דאָקטער נישט געלוינט אין שטעטל. אזוי האָבן מעלניצער אידן פאַרשטאַנען, און ס׳איז מסתמא געווען נישט ווייט פונעם אמת.

איז איצט, ווען דער דאָקטער האָט זיי קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט, און איז פון שטעטל אוועק, האָט זיך דאָס גאַנצע רעדל אידן פון מאַרק א לאָז־געטון צו משה דעם רופאס וואוינונג און האָבן דאָרט אויסגעבראָכן אַלע שויבן פון די פענצטער. דעם רופאס פאַמיליע האָבן פאַרהאַקט די טירן און זיך באַהאַלטן אין די אינעווייניקסטע צימערן. און ווען די רופאטע האָט איר קאָפּ ארויסגעשטעקט דורך די צעבראָכענע שויבן, האָבן אַלע, און יאַנקל עקאָנאָמניק בראשם, געשריגן: „אָט איז ושתי. וואו איז המן?...“ אָבער, אידישע גזלנים, מ׳האָט חלילה קיינעם נישט געהרגעט. מ׳איז זיך צעגאַנגען יעדער צו זיין היים אבל וחפוי ראש. באַדויערנדיק דעם דאָקטערס אוועקפאָרן פון מעלניצע.

מ. לאנדא

מעלניצע, אין די לעצטע יארן

פאר איר אומקום

אין יאר 1929 איז מעלניצע, צוגלייך מיט אלע אנדערע שטעט און שטעטלעך אין דער פוילישער רעפובליק, געבענטשט געווארן מיט אן — אנערקענטער פון דער מלוכה, — אידישער קהילה, וועלכע האט ארונטערגענומען אונטער זיך זעקס קלענערע ישובים פון דער סביבה, ווי: האלאב, אזעריאן, קופיטשעוו, פאוואורסק, טריאנעווקע און מאניעוויטש.

עטלעכע חדשים פאר דער באשטימטער צייט נאך, האט זיך שוין אנגעהויבן א סדרה פארזאמלונגען און באראטונגען, צווישן פארשידענע גרופן — מי ומי, וועמען שיקט מען אין דער קהילה און ווער זאלן עס זיין די פארשטייער פון מעלניצער אידן. איינגנטלעך האט מען נאך אליין רעכט נישט געוואוסט, וואס די צילן פון דער קהילה דארפן זיין, דאך האט מען זיך געאמפערט, און אזוי לאנג גערודערט און געטומלט, ביז מען איז ענדלעך געקומען צו א הסכם און מען האט זיך געאייניקט אויף א געמיינזאמער קאנדידאטן-ליסטע, מיט ר׳ אידל גאטמאן אלס פארזיצער (ראש הקהילה).

ר׳ אידל גאטמאן איז געווען אן עמך-איד, — א הארעפאשניק, און זיין גאנץ לעבן האט ער אוועקגעגעבן פאר קהלשע ענינים. אין אלע סכסוכים וואס פלעגן פארקומען צווישן סוחרים און אפילו צווישן מאן און ווייב, איז ר׳ אידל גאטמאן געווען דער בורר, דער אויסגלייכער, און אויך פאר דער מאכט איז ער געווען דער שתדלן. זיינע מיטהעלפער, די פרנסים (די ראטמענער) אין דער קהילה זיינען אויך געווען פון די זעלבע עמך-אידן וואס ער, — בעלי-מלאכות און הארעפאשניקעס, וואס האבן פארשטענדעניש פאר די נויטן און פראבלעמען פון די ארעמע.

ווען זיי האבן איבערגענומען די פונקציע פון דער קהילה, וועלכע

האָט אויך געדארפט זאָרגן פאר די הצטרכותן פון רעליגיעזן אינהאלט. האָט מען זיך אומגעקוקט אז עס דארפן א סך זאכן אויסגעבעסערט ווערן, אז די בנינים פון די בתי-מדרשים זיינען נישט אין אָרדענונג, אז די שחיטה ליגט אויסשליסלעך אין די הענט פון די שוחטים און ברענגט נישט אריין קיין שום הכנסה פארן כלל און אז אנדערע ענינים פון רעליגיעזן און קהלשן כאראקטער, דארפן רעגולירט און אויסגעבעסערט ווערן, און מען האָט פאר דעם אלעמען גענומען זאָרגן.

ס'איז באשלאָסן געוואָרן צו באשטימען א קהילה-רב. אלס אזעלכער איז באשטימט געוואָרן דער רב ר' לייב ספרד. א מענטש מיט טיפער רעליגיעזער בילדונג און מיט פארשטענדעניש אויך פאר נאציאנאלע פראָבלעמען און ענינים, מיט וועלכע ער האָט זיך פיל אָפּגעגעבן. דער רב, ר' לייב ספרד, האָט אליין אוועקגעשטעלט אין דער געהעריקער אָרדענונג און די אָנפירער פון דער קהילה האָבן אויך אָנגעהויבן זאָרגן פאר סאָציאלע פראָבלעמען. מען האָט געשטיצט אָרעמע און קראנקע פאמיליעס און יהידים, סובסידירט דעם יתומים-קאָמיטעט מיט א מאָנאטלעכער שטיצע, אז ער זאָל קענען אָנגיין מיט זיין הילפס-ארבעט פאר די יתומים, געשטיצט די פאָר אנשטאלטן אין שטעטל, וועלכע האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט קולטורעלער טעטיקייט. דאָס זעלבע איז אויך געזאָרגט געוואָרן (אין די ראמען פון די מעגלעכקייטן) פאר די זעקס קלענערע ישובים, וועלכע זיינען אונטער מעלניצער אידישער קהילה געווען אונטערגעוואָרפן.

די קהילה האָט אויך אָנגעהויבן זאָרגן, וועגן געבן א מאָדערנע אידישע דערציאונג די קינדער פון שטעטל. עס איז אויסגעארבעט געוואָרן א פלאַן ווי אזוי עס זאָל אוועקגעשטעלט ווערן א געהעריקער אידישער דערציאונגס-אנשטאלט. צו דעם צוועק האָט מען באשלאָסן איינצומאָנען ביי די פארמעגלעכערע פאמיליעס א יערלעכן שטייער, לויט עס וועט באשטימען די שאצונגס-קאָמיסיע ביי דער קהילה. דער נייער איינפיר פון שטייער-אָפּצאָל האָט געבראכט תהילת צו בייזבלוט צווישן א טייל מעלניצער אידן (פון די רייכערע, פארשטייט זיך) און דער קהילה. מען איז געקומען מיט טענות: צו וואָס אויסגעבן געלט אויף אומנייטיקע צוועקן. מען דארף נישט דאָס און מען דארף נישט יענץ. אָבער א דאנק דער טאקטישער און אויסגעהאלטענער האנדלונג פון דעם, ביי אלעמען באליבטן רב ר' לייב ספרד און פון ראש-הקהל ר' אידל גאָטמאן, האָבן זיך אלע סכסוכים אויסגעגלייכט און מ'איז בייגעקומען אלע שוועריקייטן און שטרויכלונגען וואָס זיינען געשטאנען אין וועג — וואָס איז אפשר אן אומפארמיידלעכע זאך, אין אזעלכע פאלן — און די קהילה האָט זיך דאָך ווי געהעריק אנטוויקלט און אָנ-

געפירט אַן אינטענסיווע טעטיקייט אויף אַלע געביטן פון דעם אידישן לעבן אין מעלניצע.

אַרום יאָר 1939 האָט שוין געדאַרפט רעאַליזירט ווערן דער אויפבוי פון אַ אידיש-העברעאישע שולע פאַר 400 קינדער, אָבער מיטן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט-מלחמה, איז דער פלאַן צעשטערט געוואָרן.

די דייטשן זיינען אַריין אין וואָלינער געגנט. מעלניצע איז פאַרנומען געוואָרן פון די נאַציישע האָרדעס. וואָס די אידן האָבן דאָרט איבערגעלעבט, — איז אונז לײַדער געננוי נישט באַוואוסט. אָבער דורך באַקומענע ידיעות ווייסן מיר, אַז די ערשטע שחיטה אויף מעלניצער אידן איז פאַרגעקומען דעם 21-סטן אויגוסט 1942 (ה׳ אלול ה׳תש״ב).

צוזאַמען, אין איין ברודער-קבר זיינען די מעלניצער אידן כמעט לעבעדיקע באַגראָבן געוואָרן, אויף דעם באַרג, נעבן דעם ניי-אויפגעבויטן שלאַכט-הויז, אויפן וועג וואָס פירט קיין האַלאַבע.

אָפּגעווישט איז געוואָרן דאָס בליענדיקע שטעטעלע מעלניצע. נישטאָ מער די טייערע אידן פון דאָרט, נישטאָ, ווי איז אונז, נישטאָ.

צבי מערסיק

געבוירן אין מעלניצע ביי קאָוועל. קליינערהייט איז ער געוואָרן א יתום פון פאָטער. ער איז געווען דער אינגסטער ברודערל אין זיין משפחה. האָט געלערנט אין חדר און אין דער פוילישער פאָלקסשול, — און איז תמיד געווען דער בעסטער תלמיד. יעדן שבת פלעגט ער גיין צום שטעטלשן רב. ער זאָל אים פאַרהערן. ער איז געווען דאָס שיינדל ביי זיינע קרובים און אויך ביי די לערער. דערוואַקסענע האָבן אים ליב געהאַט פאַר זיין שאַרפן שכל און אָנגענעמענע שטימע און קליינוואַרג — פאַר זיין קענען דערציילן מעשיות.

ווען עס האָט זיך אין זיין שטעטל געגרינדעט די „החלוץ-הצעיר"-אָרגאַניזאַציע, איז ער אַלט געווען פערצן יאָר און איז אין איר גלייך אריינגעטראָטן. דערביי האָט ער געמוזט גובר זיין א גרויסע קעגנערשאַפט אין דער היים, — די מוטער האָט מורא געהאַט, אז זי וועט אינגאַנצן פאַרלירן איר השפעה אויף אים. און זיינע אנדערע משפחה-מיטגלידער האָבן, — ווי די גאַנצע אינטעליגענץ אין יענעם שטעטל, — סימפּאַטיזירט מיטן בית"ר. ער, דער יונגינקער החלוץ איז אָבער אַלין בייגעשטאַנען און זיין איבערגעגעבנקייט און פעאיקייטן פלעגן זיך באַזונדערס ארויסווייזן אין די דיסקוסיעס און שמועסן מיט די רעוויזיאָניסטן פון איין זייט, און מיט די קאָמוניסטן פון דער צווייטער זייט.

ער איז אויך בייגעשטאַנען שוועריקייטן ביים ארויספאָרן אויף

נאָטא: ארויסגענומען פון מלך ניישטאַדטס בוך: „חורבן און אויפשטאַנד פון די אידן אין ווארשע".

הכשרה, אין קיבוץ, אין קאָוועל. דאָרטן האָט ער זיך אָפגעגעבן מיטן גאַנצן האַרץ דעם קיבוץ־אויפבוי און אין דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע פלעגט ער מיט התפעלות און ברען אויפקלערן זיין באַדייט און די שייכקייט פונם קאָלעקטיוון און אַרבעטס־לעבן. ער פלעגט שטענדיק נאָכן אַרבעטס־טאָג קומען באַזוכן די אָרטיקע אָרגאַניזאַציע און ברענגען פרייד די קינדער, וואָס זיינען אים תמיד געווען באַליבט, מיט זינגען לידער און נייע ניגונים (זיין באַשעפטיקונג אין קאָוולער הכשרה־קיבוץ איז געווען — וואַסער־טרעגעריי אין פּריוואַטע הייזער). ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין זומער־קאָלאָניעס אַלס אינסטרוקטאָר.

ער איז געווען אַ מיטגליד פונם ראַיאָן־קאָמיטעט און פלעגט אָפט באַזוכן אַלע אָרט־אָרגאַניזאַציעס אין וואָלינער קרייז. יעדער באַזוך זיינער האָט אַריינגעבראַכט אַ נייע לעבנס־כוואַליע. אין 1938 איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אין דער צענטראַלע פון „החלוץ הצעיר” און זיין אַקטיוויטעט האָט ווי באַקומען צוגאָב־ענערגיע און איבערגעגעבנקייט. ער איז אין תוך געווען זייער אַ באַשיידענער און רואיקער, די פשטות אַליין, אַ מענטש מיט פעסטע מאָראַלישע פּרינציפּן און טיפן פאַראַנטוואָרטלעכקייט־באַוואוסטזיין. אין דער אָרגאַניזאַטאָרישער און אויפקלערערישער אַרבעט איז ער געווען פול מיט שוואונג און ענערגיע און זיין השפעה איז געווען קענטיק אין אַלץ און אומעטום.

בשעת דער מלחמה, ווען די רויטע אַרמיי האָט באַזעצט יענעם געביט, איז ער אַ שטיקל צייט געווען ביי זיך אין דער היים, אין מעלניצע. ווי זיין שטייגער איז, האָט ער זיך מיט דער גאַנצער ענערגיע געווידמעט אַ גרופּע יוגנטלעכע חברים פון דייטשלאַנד און פון אַנדערע לענדער, וועלכע האָבן זיך פאַרוואַלגערט נאָך אַ סך אַרומוואַגלענישן. ער האָט צונויפגעזאַמלט די געטרייע חברים פון דער באַוועגונג און זיך באַמיט צו שטאַרקן ביי זיי די אידעאָלאָגישע אויסגעהאַלטנקייט אַנטקעגן די סכנות פון די צייט־שטימונגען. ער איז געווען אַקטיוו אין דער אונטערערדישער אַרבעט פון דער באַוועגונג אין וואָלין. נאָך עטלעכע וואָכן אַרבעט דאָרטן, איז ער אָנגעקומען קיין ווילנע, מיט דער האָפענונג צו פאָרן קיין ארץ ישראל. אינצווישן האָט ער מיטגעאַרבעט אין דער באַוועגונג אין ליטע און איז אויך דאָרטן גיך באַליבט געוואָרן ביי אַלעמען. אין סוף 1940 איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז ער דאַרף אָפּלייגן זיין פאָרן קיין ארץ ישראל און ווייטער פאָרזעצן זיין אַרבעט אין דער באַוועגונג. ער האָט זייער געליטן דערפון און אין ערשטן מאָמענט איז ער נישט גרייט געווען שלום צו מאַכן מיטן אָפּלייגן זיין עליה קיין ארץ ישראל, אָבער גאָר גיך האָט ער, פאַרשטייט זיך, גענומען אויף זיך די אויף אים אַרויפגעלייגטע אויפגאַבע. ווייזט אויס,

אז אין א צייט ארום האָט ער יאָ געמאַכט עליה-פאַרבאַרייטונגען און אויך באַקומען א וויזע — און דערווייל איז געקומען דער אריינמארש פון די דייטשן.

בעת דער דייטשער אָקופּאַציע האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט לייב־און־לעבן דער אונטערערדישער ארבעט פון דער באַוועגונג. ווען מרדכי טענענבוים האָט פאַרלאָזן ווילנע, איז צבי מערסיק באַשטימט געוואָרן אויף זיין פּלאַץ. ער איז געוואָרן דער לעבעדיקער גייסט פון דער ארבעט. א געוויסע צייט שפּעטער, איז ער צוזאַמען מיט א גרופּע חברים אריבערגעפאָרן קיין ביאַליסטאָק און האָט דאָרט פאַרגעזעצט זיין אונטערערדישע ארבעט אין דער באַוועגונג. ער איז געווען באַשעפטיקט מיט זאַמלען אויטענטישן מאַטעריאַל וועגן די אידישע צרות אין יענער תקופה. דאָס האָט גיכער זיי כאַראַקטער אין דער דאָזיקער שטורמישער צייט. ער האָט באַזוכט די געפערלעכסטע ערטער און געזאַמלט שטאָף און פאַרצייכנט עדות-דערקלערונגען. ער האָט באַוויזן צוצוגרייטן זייער א ווערטפולן מאַטעריאַל אויף דעם געביט. ער איז געווען דער פאַרבינדלער צווישן דעם הלוציישן קיבוץ אין דער אָרטיקער פאַרטיי פּועלי ציון (צ. ס.)־התאחדות, וועלכע האָט א סך מיטגעהאָלפן דעם קיבוץ.

אין יאַנואַר 1943 איז ער שווער קראַנק געוואָרן אויף טיפוס און ס׳איז נישט געווען קיין מעגלעכקייט צו באַזאָרגן אים מיט דער נויטיקער מעדיצינישער באַהאַנדלונג, — און ער איז געשטאָרבן דעם 28-סטן יאַנואַר 1943 ארום הצות. די חברים האָבן אויסגעקלעפּט מודעות וועגן זיין טויט, אלס איינעם וואָס „איז געפאַלן אויף דער וואַך פון דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט". א סך הונדערטער מענטשן און אלע וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע טוער זיינען געקומען אים באַגלייטן צו זיין לעצטן רו-פּלאַץ.

ער ווערט דערמאָנט אינם בריוו פון החלוץ צו דער הסתדרות אין ארץ ישראל פונם 15-טן נאָוועמבער 1943, צווישן די צענטראַלע טוער פון החלוץ אין פּוילן, וועלכע זיינען געפאַלן אין קאַמף קעגן אָקופּאַנט.

* * *

קרעמנע

דאָס דאָרף קרעמנע (מיט א באן-סטאנציע ניין וויאָרסט פון דאָרף), געפינט זיך א פופציק וויאָרסט פון קאָוולע. א גרויס דאָרף געווען, מיט וועלדער, טייכן און אָזערעס ארום. צוליב די וועלדער, און וועלכע מ׳האָט געהאקט האָלץ און געפירט דירעקט פון קרעמנע, דורכן וואסער-וועג, קיין דאנציק און צוליב דעם מסחר פון פיש און ראקעס, וואָס זיינען געכאפט געוואָרן פון די דאָרטיקע גרויסע טייכן און אָזערעס, און וועלכע זיינען מערסטנטייל געפירט געוואָרן קיין אויסלאנד, האָבן אידן זיך באזעצט אין קרעמנע, זיך פארנעמענדיק מיט די דאָזיקע מסחרים. און אידן וואָס האָבן זיך פארנומען מיט אויפקויפן ביי די פויערים: תבואות, בהמות, עופות א. א. וו., זיינען אויך געווען און צוזאמען מיט די עלטערע אידן, בעלי-מלאכות און אנדערע, זיינען אין קרעמנע געווען א זיבעציק אידישע משפחות.

מיטן אויסברוך פון דער מלחמה אין 1914, זיינען צוגעקומען נאָך עטלעכע אידישע משפחות, פון ראטנע, ליבעוונע, מאציעוו און פון אנדערע ערטער. — ווער עס איז ארויסגעשיקט געוואָרן דורך די רוסן פון זייערע ערטער צוליב די נאָענטע פאָזיציעס דאָרט, און ווער צוליב אנדערע מאָטיוון, — און דער קרעמנער אידישער ישוב איז היפש פארגרעסערט געוואָרן און האָט געהאט דעם אויסזען פון א קליין שטעטעלע, מיט אן אייגענעם בית-המדרש (פריער זיינען געווען צוויי באזונדערע מנינים, אין ביידע עקן דאָרף). אויך א שוחט, א דיין (ר׳ לייבל דיין פון ליבעוונע), א פאָר מלמדים, לערער, א ביבליאָטעק און א ציוניסטישער יוגנטלעכער צענטער איז געווען; אלץ ווי אין א שטעטעלע דאָרף זיין.

די אידן פון קרעמנע, זיינען אין זייער מערהייט, געווען אידן-למדנים און בני-תורה, גארנישט ווי קיין דאָרפס-אידן. האָט מען טאקע געקענט טרעפן, בין מנחה למעריב, אָדער אום שבת און יום טוב, זיצן אידן און לערנען גאנץ געשמאק.

עס זיינען אריבער עטלעכע חדשים, זינט די מלחמה, די ערשטע, איז אויסגעבראָכן און די קרעמנער אידן האָבן געהאט גרויסע צרות

אויסצושטיין פון דעם רוסישן מיליטער. מערסטנטייל קאָזאַקן, וואָס האָבן דאָרט געלאַגערט און אידן האָבן שוין געוואַרט אויף דעם אַריינקומען פון די דייטשן, ווי אויף משיחן... און ווען די דייטשן מיט די עסטרייכער זיינען אַריין, איז אין דער ערשטער צייט געווען מיט זיי אויסצוקומען. אידן האָבן געהאַנדלט, געשמוגלט, געאַרבעט און זיך אַן עצה געגעבן. אָבער שפּעטער, ווען מ׳האָט אָנגעהויבן דערפילן די דייטשע „אָרדענונג״, האָט מען דערזען אז דער „משיח״ איז גאָר קיין משיח נישט. די דייטשן האָבן אָנגעהויבן דערגיין די יאָרן; אַלע מאָל מיט נייע פאַראָרדענונגען און באַפעלן, מיט כאַפּן אידישע יונגעלייט צו אַרבעט א. א. וו. איינמאָל, אום פסח איז דאָס געווען, האָבן די דייטשן אַרויסגענומען פון בית־המדרש און געכאַפּט פון די שטיבער־אַרויס א הונדערט אידישע יונגעלייט און זיי אַוועקגעשיקט אויף צוואַנגס־אַרבעט ערגעץ הינטער די פּאָזיציעס. וואו מען האָט זיי אָפּגעהאַלטן העכער זעקס חדשים, און געקומען פון דאָרטן אויסגעמוטשעטע און אויסגעהונגערטע, קוים מיטן לעבן. מען האָט צוגענומען די לעצטע בהמה, דאָס לעצטע פערד און אַנדערע צרות און נגישות האָבן די דייטשן אָנגעטאָן די אידן, וואָס נאָר דייטשן זיינען אויף דעם פּעאיק.

אָבער נאָכמער פון דעם, וואָס קרעמענער אידן האָבן געליטן פון די דייטשן, -- האָבן זיי געהאַט גרויסע צרות פון די מחנות רוסישע „פּלעניקעס״־באַנדיטן, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן פאַר די דייטשן אין די אַרומיקע וועלדער. און פון צייט־צו־צייט פלעגן זיי זיך אַריינכאַפּן אין דאָרף אַריין (אויך אין די דערבייאיקע נאָענטע דערפער, ווי: ליבעכין, הוביטשנע און אַנדערע), אויסנוצנדיק א גינסטיקן מאָמענט פאַר זייערע באַנדיטישע איבערפאַלן און אויסהרגענען גאַנצע אידישע פאַמיליעס און פאַרברענען זייערע הייזער. א סך פון די באַנדיטן האָבן שפּעטער די עסטרייכישע מיליטערישע פּאַטרולן געכאַפּט און דערשאָסן. אָבער אידן זיינען דערווייל אומגעקומען. האָבן קרעמענער אידן, אין דער־א צייט פון דער דייטש־עסטרייכישער אָקופּאַציע, געהאַלטן די נשמות אין די הענט, צוליב דער מורא פאַר די באַנדיטישע איבערפאַלן. דאָך האָט מען, ווי ס׳נישט־איז, זיך דורכגעלעבט און איבערגעקומען די פיר יאָר מלחמה, ביז די פּאָליאַקן זיינען אַריין.

וואָס די אידן האָבן דאָ, אונטער דער קורצער ממשלה פון די פּאָליאַקן איבערגעלעבט, ליידנדיק פון די פאָלגן פון די שלאַכטן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דער געגנט מיט די באָלשעוויסטישע אַרמייען וועלכע האָבן זיי פאַריאָגט (די פּאָליאַקן), אויף א קורץ שטיקל צייט, און שפּעטער ווען די פּאָליאַקן זיינען צוריקגעקומען, איז א באַזונדער

קאַפּיטל פאַר זיך. אידן האָבן דאָ איבערגעלעבט אַן אומרואיק און כאַאָטיש שטיקל צייט, פּונקט ווי עס האָבן דאָס איבערגעלעבט די אידן אין אַנדערע ערטער פון גאַנצן געגנט. אָבער דאָס וואָס די אידן פון קרעמנע און פון די אַרומיקע דערפער האָבן איבערגעלעבט אין יאָר 1920, ווען בולאַק באַלאַכאָוויטש מיט זיינע באַנדעס, זיינען דורך די דאָזיקע ערטער. ווי: קרעמנע, ליבעכין, יורעווישטש און אַנדערע דערפער פון דעם געגנט און וויפל אידן, מענער, פרויען און קינדער די באַנדיטן האָבן אויסגעהרגעט, איז נישט צום באַשרייבן. אין קרעמנע אַליין, האָבן די באַנדיטן-באַלאַכאָווצעס, אומגעבראַכט דורך אַלערליי מיתות-משונות ואכזריות עטלעכע און זעכציק אידן. די איבעריקע אידן פון דאָרט זיינען זיך באַצייטנס צעלאָפן אין די וועלדער און אין די נאָענט-ליגנדיקע שטעטלעך און אַזוי אַרום זיך געראַטעוועט, דאַן, פון די רוצהישע הענט.

און וויבל קרעמנע איז געווען פאַר די אידן דאָרט, ווי אַ מקום מוכן לפורעניות, ליידנדיק און איבערלעבנדיק שהיטות און הריגות, פריער פון די פּלענניקעס-באַנדיטן שפּעטער פון די באַלאַכאָווצעס און צו-לעצט אומגעקומען פון די נאַציס ימ"ש, אין יאָר 1942. איז כדאי דאָ צו פאַראיביקן כאָטש אייניקע פון די טייערע און וואוילע קרעמנער אידן, — סיי די וואָס זיינען געשטאָרבן מיט זייער נאַטירלעכן טויט, און אַ פּשיטא די, וועלכע זיינען אומגעקומען פון די מערדערישע הענט. ווייל מער וועלן שוין אַזעלכע אידן נישט זיין — איז זאָלן זייערע נעמען, הגם נאָר אייניציקע פון אַ סך, — בלייבן לזכרון עולם.

איינער פון די שענסטע אידן אין קרעמנע, איז געווען ר' יצחק ווערנער ע"ה, (געשטאָרבן קורין פאַר דער ערשטער וועלט-מלחמה). אַ פרומער איד, אַ למדן געווען, און אַ גרויסער מכנים-אורח און דערצו אַ גרויסער עניו, האָט שטענדיק יענעם אָקעגנגעטראָגן דעם גוט-מאָרגן, דעם גוט-שבת, אפילו אַן אינגערן און אַ קלענערן פאַר זיך. געהאַנדלט האָט ר' יצחק ווערנער מיט אָזערעס. וואָס ער פלעגט אָפּדינגען ביים פּריץ אין אַרענדע (פאַרשטייט זיך, אויף אַ גויאישן נאָמען, ווייל אין די צאַרישע צייטן, האָבן אידן נישט געהאַט קיין רעכט דערצו), און נישט נאָר אידן, נאָר אפילו גוים להבדיל, פלעגן פאַר דעם הדרת-פּניםדיקן „פּאַן איצקאָ" גרויס דרך-ארץ האָבן. און אַזוי ווי ער, אַזוי זיינען אויך געווען זיינע קינדער, די דריי זין און די דריי טעכטער, די שנורן און די איידעמס — אַלע לערנער און וואוילקענעוודיקע, זיי האָבן זיך

אויך פארנומען מיט די זעלבע מסחרים, וואָס זייער פאָטער און געווען זייער אָנגעזעענע און חשובע מענטשן, וועמען מען האָט געקענט וויווייט ארום.

דער עלצטער זון (ר׳ יצחקס), חיים הערש, האָט אין יאָר 1920 זיך געראטעוועט פון די באלאכאָווצעס און זיך באזעצט מיט זיין פאמיליע אין קאָוולע, וואו ער איז געשטאָרבן פאר דער צווייטער וועלט-מלחמה; דער צווייטער זון, — ראובן, איז געשטאָרבן אין קרעמנע, זיין פרוי עטיע מיט די קינדער האָבן זיך אריבערגעצויגן קיין קאָוולע און דאָרט אומגעקומען אין 1942 דורך די נאציס; דער דריטער זון, נחום, האָט זיך אויך צוזאמען מיט זיין פאמיליע געראטעוועט פון די באלאכאָווצעס און זיינען שפעטער אומגעקומען צוזאמען מיט אלע קאָוולער קדושים דורך די נאציס.

איין אײדעם ר׳ יצחקס — שמעלקע אינגבער, א גרויסער סוחר און א איד א בן-תורה געווען, האָט זיך באזעצט אין בריסק און דאָרט געשטאָרבן, פאר דער צווייטער וועלט-מלחמה. דער צווייטער אײדעם זלמן ראבינער, אים האָבן די באלאכאָווצעס דערהרגעט אין יאָר 1920. דער דריטער אײדעם ר׳יצחקס, — יעקב, וואָס איז געווען שוחט ומוהל אין קרעמנע און איבער דער גאנצער סביבה, אים האָבן אויך באלאכאָווצעס אומגעבראכט. זיי האָבן אים א לעבעדיקן אריינגעוואָרפן אין דער אַזערע, און ווען די מערדער האָבן געזען, אז ער איז צוריק ארויף אויף דער אויבערפלאך און הייבט אָן שווימען, האָבן זיי אים נאָכגעשאָסן און דערהרגעט.

דער צווייטער אנגעזעענער און חשובער איד אין קרעמנע, איז געווען ר׳ מרדכי אינגבער ע״ה, א איד, א תלמיד-חכם און א גרויסער בעל-טובה געווען. ער איז אויך אומגעקומען ווי א קדוש דורך באלאכאָוויטשעס באנדיטן. זיי האָבן אים ארומגעוויקלט מיט שטרוי און פארברענט. די דאָזיקע שטראָף, האָבן זיי אים געגעבן דערפאר, ווייל ער האָט געוואָלט ראטעווען זיין טאָכטער, וועמען די רוצחים האָבן געוואָלט מאנס זיין. מיט דעם געשריי „שמע ישראל“, איז דער קדוש מרדכי אינגבער, אין די פלאמען אומגעקומען. אויך זיינע צוויי זין, יוסף און שלום, האָבן די זעלבע באנדיטן געהרגעט. (יוסף, דעם קדוש׳ס א זון, וואָס הייסט אויך יוסף, ווייל ער איז געבוירן געוואָרן נאָך דעם ווי זיין פאָטער איז אומגעקומען, געפינט זיך איצט אין ישראל).

נאָך צוויי קרעמנער בחורים-קדושים, וועמען די באלאכאָווצעס האָבן דערמאָרדעט, וועלן מיר דאָ דערמאָנען, טייערע און וואוילע אידישע קינדער געווען — אברהם ראבינער און אהרן רובינשטיין ע״ה.

אין קרעמנע האָט אויך געוואוינט ר' שמעלקע רייכשטול, געשטאמט פון דער פארצווייגטער משפחה. די רייכשטולס פון סמאָלאָרעס. שמעלקע איז צוגענומען געוואָרן פאר אן איידעם צום קרעמנער גביר און גרויסן סוחר ר' נחמן משה כינענזאָן. ווען ער, שמעלקע, איז נאָך קיין גאנצע זעכצן יאָר נישט אלט געווען. ער איז שוין דאָן געווען אן עילוי, א מתמיד און נאָך דער התונה איז ער געזעסן עטלעכע יאָר צייט ביים שווער אויף קעסט און האָט יום ולילה, רק געלערנט. צו אלע זיינע מעלות פון א גרויסן לערנער, א ירא שמים און מזג טוב, איז ער אויך געווען א וואונדערלעכער בעל־תפילה.

זייער לייטישע און וואוילע קינדער, זיינען געבוירן און דערצויגן געוואָרן ביי ר' שמעלקען. זיינען געקומען די באלאכאָווצעס ימ"ש, און האָבן איניקע פון זיי דערמאָרדעט. און מיט דער רעשט קינדער און פרוי האָט ער זיך געראטעוועט און זיך באזעצט אין קאָוועל. ער מיט די אנדערע קרעמנער אידן, האָבן שפעטער אריבערגעפירט זייער בית־המדרש פון קרעמנע קיין קאָוולע און ער, ר' שמעלקע רייכשטול, איז טאקע געווען דער שטענדיקער בעל־תפילה דאָרט. און קאָוולער אידן האָבן אויך הנאה געהאט פון זיין מתיקותדיקן דאוונען. אין יאָר 1930 איז ר' שמעלקע געשטאָרבן אין קאָוולע. צוויי טעכטער זיינע האָבן עולה געווען קיין ישראל נאָך פאר דער צווייטער וועלט־מלחמה און זיין פרוי הנה מיט דער רעשט קינדער, זיינען אומגעקומען אין קאָוולע דורך די נאצים. אויך זיינס אן איניקל האָט זיך על־פי־נס געראטעוועט און געפינט זיך איצט אין ישראל.

אין קרעמנע איז געווען ר' שמאי דער גמרא־מלמד. וואָס צו אים אריינגעבן א אינגל לערנען. האָט מען געדאַרפט האָבן א זכיה. ער איז געווען דער ימים־נוראימדיקער בעל־תפילה און אים צו הערן דאוונען איז פשוט געווען א נחת־רוח. ער האָט געשמט ווי־ווייט ארום פאר א גוטן גמרא־מלמד און די קינדער וואָס זיינען ארויס פון אים, נאָך א פאָר זמן לערנען, האָבן טאקע געקענט.

אפילו אברהם אליהו דעם קרעמנער שוסטער איז כדאי צו דערמאָנען. א פרומער איד געווען, נאָר, ווי א שוסטער, — זיך קליין־געהאלטן, נישט געשטופט זיך צווישן אידן־לומדים. איז ווען ר' יצחק ווערנער פלעגט אים אמאָל א זאָג־טון אין בית־המדרש ביים דאוונען: אברהם אליהו, גיי צו צום עמוד! (פארשטייט זיך, אַז נאָר ביז שוכן עד...), איז ר' אברהם אליהו געווען אויפן זיבעטן הימל פאר גליק. עפעס א קלייניקייט, ר' יצחק ווערנער אליין האָט אים צוגעשיקט צום עמוד. איז דאָך א סימן אז ער האלט פון אים. זיין ווייב (אברהם אליהום), — א טייערע נשמה געווען, איר עובדה איז געווען, — טיילן

צדקה בסתר. זי האָט שוין געוואוסט, ווער עס נויטיקט זיך אין עפעס און שטילערהייט ,בשתיקה, אז קיינער זאָל נישט וויסן און נישט זען, האָט זי יענעם עפעס אריינגעטראָגן אין שטוב־אריין, צי עס איז געווען פון איר אייגנס, אָדער וואָס זי האָט צונויפגענומען אין די רייכערע שטיבער.

אָט די עטלעכע געציילטע אידישע פאמיליעס פון אידישן ישוב אין קרעמנע, האָבן מיר ארויסגענומען פאר א ביישפיל בלויז, צוליב דער אוממעגלעכקייט צו שרייבן וועגן אלע. אָבער די איבעריקע אידן דאָרט, זיינען אויך געווען אזעלכע וואוילע און הארציקע אידן, וועלכע האָבן געפירט א זייער שיין אידיש און בעל־הבתיש לעבן; א לעבן — וואָס איז שוין איצט מער נישטאָ. די אידן פון קרעמנע, וואָס זיינען געבליבן וואוינען דאָרט ביז אין דער לעצטער צייט, זיינען אומגעקומען ווי קדושים דורך די נאצישע מערדער. און מען ווייסט אפילו נישט וואו זייערע קברים געפינען זיך.

זאָל די דאָזיקע קורצע באשרייבונג פון דעם אידישן ישוב אין קרעמנע, זיין א מצבה אויף זייער אומבאקאנטן קבר.

ליבעכין

אין ליבעכין, א דארף פיר וויארסט פון קרעמנע, וואו עס האבן געוואוינט א פערציק אידישע משפחות — האבן די אידן פון דארט געטיילט דעם זעלבן גורל וואס קרעמנער אידן. איז כדי צו פאראייביקן דעם דאזיקן קליינעם אידישן ישוב, ווען מיר דא דערמאנען איניקע אידישע פאמיליעס און יחידים קדושים, אומגעקומענע פון באלאכאוויטשעס באנדעס אין יאר 1920 (עס זיינען דאן אומגעבראכט געווארן אן עטלעכע און פופציק אידן, צווישן מענער, פרויען און קינדער).

דער בעל־קורא און בעל־שחרית אום ימים־נוראים, אין דעם שילכל אין ליבעכין, אדער אין דעם „מנין", ווי מען פלעגט זאגן — איז געווען ר' הערשל גאלדין ע"ה, א איד א יודע־ספר און א גרויסער מכניס-אורח געווען. נאכמער איז עס געווען זיין ווייב רחל ע"ה. א אידענע א פרומע און א גוטע נשמה געווען, וואס האט רק געזוכט, וועמען א טובה צו טאן און וועמען מיט עפעס מהנה צו זיין. זי האט שוין געזארגט דערפאר, אז ס'זאל אין אן ארעמער אידישער שטוב נישט אויספעלן דאס סאמע נויטיקסטע אויף שבת אדער אויף יום טוב. זי איז אומגעקומען פון די באלאכאוועצעס ווען זיי זיינען אריין דאס צווייטע מאל אין דארף־אריין, אום ערב ראש השנה (1920). צוזאמען מיט נאך העכער פופציק אידן. זי האט געפרואווט זיך אויסבאהאלטן הינטער א שטאל פון איר הויז, אבער א גוי, א שכן אירער, האט איר אויסגעגעבן און די מערדער האבן איר אומגעבראכט.

ווען ר' הערשל גאלדין איז אין יאר 1924 געשטארבן, האט איבערגענומען דאס קריאת־התורה ר' שלמה ארדא ע"ה, אויך א איד א גרויסער למדן געווען און א גוטער בעל־קורא.

דער זון זיינער. (ר' שלמהס), — מאטל, וואס האט א לאנגע צייט געלערנט אין בריסקער ישיבה און געווארן שוחט (ער האט אויך געהאט סמיכה אויף רבנות), איז געווען א למדן מופלג, און ליבעכינער אידן פלעגן זיך אפט אוועקשטעלן אונטער די פענצטער פון ר' שלמה ארדאס שטוב, וואס אויפן בערגל אין עק דארף, וואו כמעט אלע אידישע הייזער זיינען געווען קאנצענטרירט, און פלעגן מיט גרויס הנאה זיך צוהערן, ווי טאטע און זון לערנען א שיעור גמרא.

ר' מאָטל שוחט (אָרדא), א חוץ זיין בקיאות און חריפות אין תלמוד און אין פוסקים, איז ער אויך געווען, אזוי צו זאָגן, א וועלטלעכער יונגערמאַן און זייער א קלוגער. עס זיינען געווען פאלן, וואָס דער ריכטער, וועלכער האָט מאָטלען גוט געקענט, פלעגט אָפּשיקן צו אים אויסצוגלייכן סכסוכים און פארפלאָנטערטע ענינים, וואָס פלעגן זיך מאכן צווישן א איד און א גוי, און דער פסק וואָס ר' מאָטל אָרדא פלעגט ארויסטראָגן, איז געוואָרן אָנגענומען פון ביידע צדדים. (זיינע צוויי ברידער — בערל און משה, געפינען זיך איצט אין ארגענטינע).

אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז מאָטל אָרדא אוועק אין דער „פּארטיזאנקע" אין גרויסן וואלד דובינסקי. אין יאָר 1944 זיינען די דייטשן באפאלן און ארומגערינגלט דעם וואלד און ער איז דאָרט אומגעקומען. די מוטער זיינע, רייזל ע"ה, די „באָבע" פון דאָרף, א גרויסע חכמה און א צדקת געווען.

אין ליבעבין האָט אויך געוואוינט ר' יוסף סאנטימער ע"ה, געהאנדלט מיט וואלד און איז געווען דער איש נאמן פון די ארומיקע פּריצים און פון אידן סוחרים, אין דער גאנצער סביבה. ער מיט זיין משפּחה (אויסער זיינע צוויי זין — משה און שמואל, און א טאָכטער גיטל, וועלכע געפינען זיך איצט אין ארגענטינע), זיינען אומגעקומען צוזאמען מיט אלע קדושים דורך די נאצים אין 1942.

ר' יעקב פוקס ע"ה, אויך א וואלד־סוחר און א גרויסער גביר געווען, אים האָבן די באלאכאָוועצעס דעם ערשטן געשאָסן, צוזאמען מיט אביש שלעכטער און שלמה פראָסמאן, בעת זייער ערשטן איבערפאל. א פּאָר טעג פאר ראש השנה.

דער בעל־חזקה צו דאווענען מנחה אום יום־כפור אין ליבעבינער שילכל, איז געווען ר' הערש לייב כ"ץ ע"ה. זייער א פרומער און ערלעכער איד געווען, ער האָט געקענט גאנץ תהלים פון אויסווייניק און גאנץ פיין לערנען. ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1919. זיין גאנצע משפחה איז אומגעקומען בעת די נאצישע שחיטה אין 1942.

ר' הערש־לייב בארנבוים, אויך א וואלד־סוחר און א גרויסער למדן געווען. ער איז אומגעקומען צוזאמען מיט אלע קדושים פון די באלאבאָוועצעס. (זיינע צוויי זין — בערל און יאָסל, געפינען זיך איצט אין ארגענטינע). זיין ווייב מיט א זון, אברהם, און צוויי טעכטער — דאָבע און מלכה, זיינען אומגעקומען דורך די נאצים אין 1942.

ר' לייב מעשטעלער, אויך א וואלד־סוחר געווען און זייער אן אָנגעזעענער איד, וועמען אלע אידן פון דער סביבה האָבן ליב געהאַט און פאר אים גרויס דרך־ארץ געהאַט. ר' לייב, א חוץ וואָס ער איז געווען א איד א למדן, איז ער אויך געווען אן אינטעליגענטער מענטש.

אן אזוי־גערופענער איד א משכיל. ער איז געווען דער שרייבער פון „פראָשעניעס" און פון אדרעסן פאר די „אמעריקאנקעס" א. א. וו. און צו וועמען עס פלעגט אָנקומען די איינציקע רוסישע צייטונג אין ישוב. ביי אים אין שטוב פלעגן אידן זיך צונויפקומען הערן עפּעס נייעס, וואָס די גאזעטע שרייבט און וואָס אויף דער וועלט טוט זיך.

ר' משה באטער, א סוחר און א חכם א איד געווען. בעת דער אָקיפאציע פון די דייטשן (18 - 1914), האָט ער פארשטאנען ווי אזוי נושא־חן צו זיין און איז געוואָרן אויבער־פּאָליציימאן און האָט געטאָן טובות די ליבעכינער אידן, ווי ווייט ער האָט נאָר געקענט.

ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1918 און געלאָזט א אַלמנה מיט פינף קינדער יתומים. בעת דער שחיטה פון די באלאכאָווצעס אויף ליבעכינער אידן, איז פונקט ווען א גאנצע גרופּע אידן, מענער, פרויען און קינדער זיינען שוין געשטאנען ביי דער גרוב, וואָס די אידן אַליין זיינען געווען געצוואונגען פאר זיך אויסצוגראָבן, — האָט זיך באוויזן דער ליבעכינער שייגעץ, דער באנדיט אדאמעק קאָוואַלטשוק, וואָס האָט אויך געדינט אין באלאכאָוויטשעס ארמיי, און ער האָט אָנגעפירט מיט די שחיטות אויף אידן אין יענעם געגנט. און דערזעענדיק צווישן די קינדער דאָרט, אויך באטערס פינף יתומים, האָט ער געגעבן א באפעל די קינדער צו באפרייען, ווייל ער מוז זיי האָבן, — האָט ער געזאָגט, — אז זיי זאָלן פאר אים זינגען. און באמת, איז ער פאר זיי די כפרה געווען, פאר זייערע שיינע שטימעלעך און פאר זייער שיין זינגען. די קינדער באטערס האָבן זיך דאן פון טויט געראטעוועט. (איינער פון זיי, יואל באטער מיט זיין עלטערן ברודער יאנקל און א שוועסטער, דאָבע — געפינען זיך איצט אין ארגענטינע) און די איבעריקע זיינען פארבליבן אין פוילן און אומגעקומען פון די נאצים צוזאמען מיט אַלע ליבעכינער קדושים, אין יאָר 1942. נאָך צוויי הרוגים־קדושים וועלן מיר דאָ דערמאָנען, וועלכע זיינען אומגעקומען צוזאמען מיט אַלע ליבעכינער קדושים: דאָס זיינען צוויי קאָוולער יונגעלייט — ישראליק גרינשטיין און דער לערער פון קאָוולע מיטן נאָמען יואליק, ליידער געדענקען מיר נישט זיין פאמיליע־נאָמען *).

נאָטא: די דאָטן פון קרעמגע און ליבעכין, האָבן אונז איבערגעגעבן, דוד גאָלדין פון ליבעכין — איצט אין ארגענטינע, א חשובער און אנגעזעענער גביר. טוער אין שטעטל לאַנוס, נעבן בוענאָס איירעס, און די ברידער: פישל און חיים בער קאָהאן, וואוינען אין באהיא בלאנקא — פראָווינץ בוענאָס־איירעס און זיינען עדי ראיה פון דעם וואָס מיר האָבן דאָ געשריבן.

מאַניעוויטש

אין סטאַנציע מאַניעוויטש, — א שטעטעלע, 60 קילאָמעטער פון קאָוולע, איז געווען זייער אן אינטערעסאַנט אידיש לעבן. עס איז געווען א סטאַנציע, וואו עס האָט זיך שטענדיק באַוועגט און גערודערט. — מענטשן קומען צו פאָרן און פאָרן אָפּ. איבערהויפּט איז געווען די באַוועגונג גרויס אין די זומערדיקע דאַטשע־חדשים. ווייל מאַניעוויטש האָט געשמט פאַרן בעסטן דאַטשע־אָרט אין גאַנץ וואָלינער גובערניע. צוליב די ארומיקע סאָסנע־וועלדער וואוהין עס פלעגן זיך צונויפפאָרן דאַטשניקעס פון ווי־ווייט ארום און פאַרשטייט זיך, אז זיי האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך אין שטעטל אריין נאָכמער לעבן און באַוועגונג.

אין די ווינטער־חדשים, פלעגן אָנהייבן צו קומען די וואלד- און האָלץ־סוחרים און מיט זייער סוחרישן הו־הא און געטומל: פון קויפן וואלד, האַקן האָלץ און פירן אין די מרחקים, האָבן זיי אריינגעבראַכט אין שטעטל א באַוועגונג פון מסחר און שפע און עס האָט זיך די מאַניעוויטשער אידן נישט שלעכט געלעבט. קיין דאגת־פרנסה האָט דאָס רוב אידן נישט געהאַט, און מען פלעגט זיך קענען דערפאַר אָפּגעבן מיט געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

צוויי הונדערט און פופציק אידישע משפחות האָבן געלעבט אין מאַניעוויטש און האָבן געהאַט א רב, א שוחט, צוויי שילן, צוויי שולן, צוויי ביבליאָטעקן, א סוחרים־פאַראיין, א דראַמאַטישער קרייז און א ציונ. אָרגאַניזאַציע פון יוגנטלעכע און אויך פון עלטערע און אנדערע אינסטיטוציעס פון פאַרשידענעם כאַראַקטער.

אזוי איז דאָס לעבן אין מאַניעוויטש אָנגעגאַנגען ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען די דייטשן האָבן אין יאָר 1942 דער גאַנצער אידישער באַפעלקערונג פאַרטריבן אין וואלד, נעבן דאָרף טשערעוואַכע, פיר וויאָרסט פון מאַניעוויטש, און נאָך דעם פאַרפייניקן און אויסהונגערן זיי, האָט מען די אידן אויסגעטאָן נאַקעט און זיי באַפוילן אויסצוגראָבן א גרוב, אין וועלכער זיי זיינען נאָכן דערשיסן זיי, פאַרשאָטן געוואָרן.

אָט דאָס איז געווען דער סוף פון דעם אידישן שטעטעלע מאַניעוויטש. יתגדל ויתקדש שמה רבה.

באַמאַ: אָט די קורצע דאַטן פון מאַניעוויטש, זיינען אונז איבערגעגעבן געוואָרן פון יהודה ווערבאַ, איצט אין אַרגענטינע.

Maniewicze

דער דראַמאַטישער קרייז אין מאַניעוויטש, אין יאָר 1924

דער „החלוץ־הצעיר" אין מאַניעוויטש אין יאָר 1924

כאַטעשאָוו

אין דאָרף כאַטעשאָוו, א צוואַנציק וויאַרסט פון שטעטעלע ראטנע און נישט ווייט פון קאָוולע, האָבן געוואוינט א פופציק אידישע משפּחות. דאָס זיינען געווען אידן צענויפגעפאָרענע פון די שטעטלעך ראטנע, מאציעוו און אנדערע ערטער. די מערסטע אידן פון כאַטעשאָוו, זיינען געווען ארענדארן ביי די פּוילישע פּריצים — גוטבאזיצער פון די ארומיקע דערפער און א טייל האָבן זיך פארנומען מיט אויפקויפן און אליין כאַפּן פיש פון די ארומיקע טייכן און אָזערעס, וואָס זיינען געווען לרוב אין יענעם געגנט, און א טייל פון יונגערן דור האָבן זיך שוין פארנומען מיט מסחר, מלאכה און אנדערע פּרנסות.

דאָס לעבן — דאָס אידישע, אין כאַטעשאָוו, איז געווען א שטילס, א רואיקס און א אידישס. ווער עס האָט זיך אויסגעלעבט וועלטלעך-נאַציאָנאל און ווער פרום-רעליגיעז, יעדער אויף זיין שטייגער און לויט זיין דרך. א שיל מיט צוויי ספרי-תורה איז געווען, וואו עס פלעגן דאווענען א פינף מנינים אידן, צווישן וועלכע עס זיינען געווען אידן-לומדים און יראי שמים און א סך פון זיי פלעגן זיצן יום ולילה און לערנען, ווער א בלאַט גמרה און ווער א פּרק משניות א. א. וו.

מיר וועלן דאָ דערמאָנען א טייל פון זיי. דאָס זיינען געווען: צבי באַקלער, מרדכי סטריער, שלמה באַקלער, שואל הענדלער, אליעזר באַקלער, יצחק סטריער און אנדערע. א חדר מיט א גוטן מלמד איז געווען, ביי וועמען עס האָבן געלערנט אידישע קינדערלעך — פון אכט אין דער פרי ביז זעקס פארנאכט, — אידיש-רעליגיעזע לימודים און אויך וועלטלעכע.

אין די לעצטע יאָרן, פאַר דער צווייטער וועלט-מלחמה, איז שוין אין כאַטעשאָוו געווען א גוט-אָרגאניזירטע אידישע יוגנט, וועלכע האָט מיטגעארבעט מיט די ציוניסטישע אָרגאניזאציעס פון דעם נאָענטן שטעטל ראטנע, און אויך דער עלטערער דור איז נישט אָפּגעשטאַנען פון אלע אידישע הצטרכותן און האָבן אין זיי אָנטיילגענומען, יעדער לויט זיינע מעגלעכקייטן.

אזוי ביז צום חורבן פון צווייטן וועלט־קריג, ווען דאָס גאנצע אידישע לעבן אין פוילן איז אונטערגעגאנגען און צוזאמען מיט דעם, אויך דאָס אידישע לעבן פון דאָרף כאַטעשאָוו.

נאָר זיבן אידן כאַטעשאָווער, האָבן זיך על־פי־נס געראטעוועט: פיר פון זיי געפינען זיך איצט אין ישראל און דריי — אין נאָרד־אמעריקע.

נאָטא: די אויבנדערמאנטע קורצע דאטן, זיינען אונז איבערגעגעבן געוואָרן פון חשובן געזעלשאפטלעכן טוער און ציוניסטישן עסקן ה' לייבל באָקלער, וועלכער וואוינט איצט אין רעמעדיאס דע עסקאַלאַדאַ — א שטעטל נעבן בוענאָס איירעס.

VI

קאָוולער אין ארגענטינע

אין דאָזיקן אָפטייל וועלן מיר, אין קורצן, באשרייבן, לויט די שמועסן וואָס מיר האָבן געהאט, מיט א רייע פון די ערשטע אָנגעקומענע אהער, לאנדסלייט, און לויט די פאראנענע פראָטאָקאָלן אין די אקטן־ביכער, — דאָס אָרגאניזאציאָנעלע און געזעלשאפטלעכע לעבן, וואָס די לאנדסלייט אונזערע האָבן געפירט און פירן נאָך ביז היינט־צו־טאָג דאָ אין ארגענטינע; א לעבן און א טעטיקייט, וואָס פארנעמט אן אָנגעזעענעם און הישובן אָרט צווישן אלע אנדערע געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס, וועלכע עקזיסטירן דאָ אויף דער אידישער גאס.

אונזער כוונה און ווילן איז געווען, צו פארפיקסירן דאָ, דאָס ווייטערדיקע המשכדיקע געז. לעבן פון אונזערע לאנדסלייט, נישט נאָר די וועלכע געפינען זיך דאָ אין ארגענטינע, נאָר אויך פון די אלע לאנדסלייט אונזערע, וועלכע געפינען זיך אין אנדערע לענדער, ווי: נ. אמעריקע, (וואו עס זיינען פאראן, קיין עין־הרע, א סך לאנדסלייט אונזערע), בראזיל, קאנאדע און אין אנדערע לענדער און באזונדערס אין ישראל, וואו עס געפינען זיך א גרויסע צאָל לאנדסלייט, קאָוולער און פון אומגעגנט, נאָך פון פריער דאָרט באזעצטע און פון לעצטנס צוגעקומענע, געראטעוועטע ב"ה פון היטלערס לאפעס. ליידער, האָבן זיך אויף אונזערע ווענדונגען, צו די קאָוולער לאנדסמאנשאפטלעכע קערפערשאפטן, אין די אויבנדערמאָנטע ערטער, קיינער נישט אָפגערופן.

וועלן מיר זיך מוזן באגנוגענען מיטן באשרייבן די געז. אקטיוויטעט פון אונזערע לאנדסלייט נאָר אין ארגענטינע אליין.

לאַנדסלייט־פּאַריין

פון קאָוועל און אומגעגנט, אין אַרגענטינע

אין יאָר 1924 איז שוין געווען אין בוענאָס איירעס, אַ צאָל נאָרוואָס אָנגעקומענע לאַנדסלייט פון קאָוולע און אומגעגנט (פון ראַטנע, טריסק, מעלניצע און אַנדערע נאָענט־ליגנדיקע שטעטלעך אַרום קאָוולע), אַ 30-40 פּערזאָן בערך. די דאגה פאר דער פּשוטער פּיזישער עקזיסטענץ, די זאָרג פאר דער טעגלעכער אויסקומעניש, האָט דאָס ביסל לאַנדסלייט צעשפּרייט אין פארשידענע ערטער. ווער עס האָט זיך גענומען צום „פּעקל“ (אַלס אַ „קלאָפּער“, גיין קלאַפּן אין די טירן, עפּעס צו פאַרקויפן אויף אויסצוצאָלן, אַלס אָנגעשטעלטער ביי יענעם), און ווער עס איז אוועק אין די פאַבריקן אַרבעטן אין בוענאָס איירעס גופא, אָדער אין די פלייש־פאַבריקן אין בעריסאָ, פאַרדינענדיק אַ פּעזע מיט פופציק סענט און צוויי פּעזעס אַ טאָג, אַרבעטנדיק דאָרט פּיזיש שווער און ביטער, צען און צוועלף שעה אין מעת־לעת.

צו זעקס און מער פּערזאָן, לאַנדסלייט, אין איין צימערל, האָט מען זיך איינגעאָרדנט, מיטן געפּלאַכטענעם קוישעלע „אָרעמקייט“, וואָס מען האָט מיטגעבראַכט מיט זיך פון דער אַלטער היים, איבערקומענדיק דעם טאָג מיט אַן אָרעמען מאָלצייט, מיט אַ שטיקל ברויט מיט טיי, ביז מען האָט זיך אַרומגעקוקט, וואו מען איז אין דער וועלט.

צווישן די דאָזיקע אימיגראַנטן־לאַנדסלייט, זיינען געווען אייניקע יונגעלייט, אינטעליגענטע בחורים, געוועזענע לערער און געזעלשאַפטלעכע טוער אין דער היים, און ס'זיינען אויך געווען אַרבעטער, בעלמלאכות און סתם בעלי־בתישע קינדער אָן קיין שום פּראָפעסיעס. ווער פון זיי ס'איז אוועק פון דער היים, גערודפט פון דער רעאַקציאָנערער פּוילישער רעגירונג, צוליב זייערע פרייע געדאַנקען און ווער פּשוט צוליב דעם, ווייל מען האָט נישט געזען פאַר זיך קיין שום צוקונפט און פּערספּעקטיוו אין לעבן און צוליב נישט האָבן ביי וואָס די הענט צו פאַרטשעפּען.

אָט־אָ די אַלע, האָבן זיך אין דער ערשטער צייט פון זייער אַנקו־



א גרופּע גרינדער פֿון קאָוולער לאַנדסלייט-פֿאַריין. עס זיצן, פֿון רעכטס: יעקב קאָזאַק, יעקב אברך, זוסיע ווייַנפּער (ערשטער פּרעזידענט), וואָלף-בער פֿרייד, מאָטל קיפּער.
עס שטייען: איסר קאַמינסקי (ערשטער סעקרעטאַר) און איסר שער.

מען אהער, באַגעגנט מיט דער ביטערער ווירקלעכקייט (אויסער אין עקאָנאָמישן זין) פֿון זיין אומבאַקאַנט מיט דער אידישער און אַלגעמיינער סביבה, און צו באַזיצן די לאַנדשפּראַך, און נישט האָבן וואו זיך אויסצולעבן קולטורעל און געזעלשאַפֿטלעך, — האָט מען געליטן סיי פֿיזיש און סיי גייסטיק.

אָבער ווי נאָר מ׳האָט זיך אַביסל, אַזוי צו זאָגן, איינגעגרינט און צו זיך געקומען פֿון די ערשטע מאָדנע איינדרוקן, וואָס דאָס אַרגענטינער (סיי דאָס אידישע ווי דאָס אַלגעמיינע) לעבן האָט אויף דער גרופּע אימיגראַנטן געמאַכט, — אַ לעבן, וואָס אינגאַנצן גענומען, איז עס געווען דער היפּוך און אַזוי אַנדערש פֿון דעם, וואָס אין זייערע שטעטלעך, פֿון וואַנען זיי זיינען געקומען, — איז ווי געזאָגט, ווי נאָר מ׳האָט זיך אַביסל צוגעוואוינט צו דעם אָרט לעבן, האָט מען זיך דאַן אָנגעהויבן אַרומקוקן, אַז עס דאַרף עפּעס געטאָן ווערן, כּדי צו זיין פֿאַראייניקט אין אַ לאַנדסמאַנשאַפֿטלעכן פֿאַראיין; אַז „מען דאַרף זיך האַלטן צוזאַמען”, וועט די עלנטקייט און די בענקשאַפֿט נאָך דער אַלטער היים, אפשר אַ סך פֿאַרלייכטערט ווערן. אַ פֿריש-אָנגעקומענעם לאַנדסמאַן, (וועלכע האָבן אָנגעהויבן אָנקומען אָפּטער), וועט מען מיט עפּעס וואָס קענען העלפֿן און אפשר וועט מען מיט דער צייט, אַלע צוזאַמען, פֿאַראייניקטערהייט, קענען אויפֿטאָן אויך אויף אַנדערע געביטן פֿון אַלגעמיינעם און געזעלשאַפֿטלעכן כאַראַקטער.

אַזוי האָבן די לאַנדסלייט צווישן זיך גערעדט. ווען זיי פּלעגן זיך

צונויפקומען אין רעסטאָראנדל ביי קאָהן־ען אויף דער גאס כונין אין די דריי הונדערטער. און ווען ס'האָט זיך געטראָפן א פאל, וואָס איינער א לאנדסמאן איז שטארק קראנק געוואָרן און מען האָט אים געדארפט ראטעווען און עס איז נישט געווען מיט וואָס און נישט צו וועמען זיך צו ווענדן, האָט מען זיך ערשט רעכט דערזען הילפלאָז און מען האָט דערשפירט נאָכמער די עלנטקייט אין וועלכער מען האָט זיך געפונען און מ'איז פון רייד אריבער צו מעשים.

אין יאָר 1925 איז עס געווען, — זיינען א דרייסיק לאנדסלייט זיך צוזאמענגעקומען אין א זונטיק נאָכמיטיק צום לאנדסמאן דיסקין אין הויז, אויף דער גאס ריאָ־באמבא 415, און נאָכדעם ווי מען האָט זיך אדורכגעשמועסט וועגן דער נויטווענדיקייט פון צו זיין פאראייניקט אין א לאנדסלייט־פאראיין, איז אויסגעקליבן געוואָרן א פארוואלטונג מיט נפתלי גאלסט אלס סעקרעטאר און פאליק פוגאטש אלס קאסיר. צווישן די גרינדער פון דעם דאָזיקן ערשטן פאראיין זיינען געווען: יעקב אברך, שמואל גוז, חיים ווינטער, נפתלי גאלסט, ישראל מיטניק, משה יאסאוויטש, משה בראָנשטיין, מאָטל קיפער, מענדל גאראָדנער, משה כאווקין, איסר שער, וואָלף וויינשטיין, יקותיאל סטאָלאר און אנדערע לאנדסלייט פון קאָוולע און אומגעגנט, וועמענס נעמען מיר געדענקען שוין נישט איצט. דער נאָמען פון פאראיין, איז באשטימט געוואָרן, זאָל הייסן „לאנדסלייט־פאראיין פון קאָוועל”. יעדער איינער פון די פארזאמלטע האָט גלייך איינגעצאָלט צו דריי פעזעס איינשרייבגעלט און מ'האָט באשטימט א מאָנאטלעכן מיטגליד־אָפּצאָל.

נאָך דער דאָזיקער ערשטער פארזאמלונג, זיינען פאָרגעקומען עטלעכע זיצונגען ביי דיסקינען אין וואוינונג, וואו מ'האָט געפרואווט אָנהייבן פירן א טעטיקייט, לויט די צילן, צו וועלכע דער פאראיין איז געשאפן געוואָרן, אָבער צוליב פארשידענע סיבות, ווי, גלייכגילטיקע באציאונג פון א סך לאנדסלייט און אויך צוליב אומאיינפארשטענדעניש צווישן די פארוואלטונגס־מיטגלידער גופא, איז די אָנגעהויבענע טעטיקייט נישט פאָרגעזעצט געוואָרן און דער ערשטער ניי־געגרינדעטער פאראיין איז צעפאלן געוואָרן.

עס זיינען אזוי אריבער עטלעכע חדשים, אָן קיין אָרגאניזאציאָנעלער קערפערשאפט פון די לאנדסלייט אונזערע, ביז עס האָבן זיך געפונען א גרופע לאנדסלייט, וועמען עס האָט דאָך געבויערט דער געדאנק צו זען די קאָוולער און פון אומגעגנט־לאנדסלייט — פאראייניקט. ווייל, ווי געזאָגט פריער, עס האָט זיך געבענקט נאָך א היימישער סביבה, אָן אָרט וואו מען זאָל זיך קענען צונויפקומען נאָכן טאָג שווערער ארבעט, זיך טרעפן מיט באקאנטע, מיט נייע פריש־אָנגעקומענע

אימיגראנטן פון דער אלטער היים, — איז אָט די דאָזיקע גרופע, צווישן וועלכע עס זיינען געווען: חיים ווינטער, יעקב אברך, הערשל פאָמעראנץ, מאָטל כיזשיק, העניך מאציווער, מרדכי לייב שער, אהרן באָבער און מיכל מלמד ע"ה, האָבן זיי נאָך א באראטונג, וואָס איז אָפגעהאלטן געוואָרן ביי מאָטל כיזשיק אין וואוינונג, באשלאָסן צו געבן א מעלדונג אין די צייטונגען, אז עס ווערן פאררופן אלע קאָוולער לאנדסלייט און פון אומגעגנט צו א פארזאמלונג, ביי מאָטל כיזשיק אין הויז, אויף דער גאס הידאלגאָ, זונטיק דעם 1-טן אָקטאָבער 1926.

די פארזאמלונג איז אין דער אויבנדערמאָנטער דאטע פאָרגעקומען און עס זיינען בייגעווען די אלע לאנדסלייט אָנוועזנדע אויף דער ערשטער פארזאמלונג, צוזאמען מיט דער גרופע וואָס האָט די איצטיקע פארזאמלונג גערופן און נאָך א רייע לאנדסלייט. צווישן וועלכע עס איז אויך געווען דער לאנדסמאן זיסיע וויינפער (פון טריסק), וועמען מיכל מלמד ע"ה, האָט ספעציעל איינגעלאדן און אים מיטגעבראכט מיט זיך, זעענדיק אין זיסיע וויינפערן (וועלכער האָט געוואוינט די לעצטע יארן, פאר זיין קומען קיין ארגענטינע, אין קאָוולע און איז דאָרט געווען לערער אין דער פאָלקס-שול „י. ל. פרץ" און א געזעלשאפטלעכער טוער געווען) — די פאסיקע פערזאָן, וואָס וועט וויסן ווי אזוי די לאנדסלייט צו אָרגאניזירן און פאראייניקן אויף אזא אופן, אז דער פאראיין זאָל האָבן א קיום.

זיסיע וויינפער האָט אויף דער דאָזיקער גענעראל-פארזאמלונג געהאלטן פאר די לאנדסלייט א ברייטערן פאָרטראג. וועגן דער וויכטיקייט פון צו זיין פאראייניקט אין א געמיינזאמען לאנדסלייט-פאראיין פון קאָוועל און אומגעגנט און וועגן די צילן פון דער זעלבער. און נאָך א מיינונגס-אויסטויש, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן די פארזאמלטע, איז אויסגעוויילט געוואָרן א נייע פארוואלטונג, וועלכע איז פאקטיש געווען די ערשטע קאָמיסיאָן-דירעקטיווע פון לאנדסלייט-פאראיין, און איז געווען צוזאמענגעשטעלט ווי פאָלגט: פרעזידענט — זיסיע וויינפער. וויצע-פרעזידענט — נח כהן, סעקרעטאר — איסר קאמינסקי, פראָ-סעקרעטאר — י. גוטערמאן, קאסיר — מאָטל כיזשיק, פראָ-קאסיר — העניך מאציווער. וואָקאלן: מיכל מלמד ע"ה, וו. ב. פרייד, אליהו כהן, לייבל באָקלער, איסר שער, יעקב ראָג, זלמן לייב שער, סינדיקאָס: אהרן באָבער און יעקב אברך.

דער מיטגליד-אָפצאל איז באשטימט געוואָרן איין פעזע א מאָנאט. די זיצונגען פלעגן פאָרקומען אין די וואוינונגען פון די ח"ח מאָטל

כיזשיק, יאנקל ראָג און אויך ביי יעקב אברך אין וואוינונג זיינען אָפּגעהאלטן געוואָרן איניקע זיצונגען.

עס האָבן אָנגעהויבן צוצוקומען נייע מיטגלידער פון די נאָר־וואָס אָנגעקומענע לאנדסלייט, פאר וועמען דער פאראיין איז געוואָרן דער אדרעס פון זייער נייער היים. אָט די אָנגעקומענע „גרינע" לאנדסלייט, וואָס אהוין אין א גוט־וואָרט אין ערשטן מאָמענט פון זייער אָנקומען אהער, האָבן זיי זיך אויך גענויטיקט אין מאטעריעלער שטיצע, ווייל אן ארבעטער, א בעל־מלאכה, האָט אין יענער צייט, ווען ער האָט שוין באקומען ארבעט אין א פאבריק, — האָט ער געמוזט מיטברענגען זיין אייגן געצייג צו דער ארבעט און אויף דעם האָט ער קיין געלט נישט געהאט. א טייל פון די לאנדסלייט, וועלכע זיינען שוין געווען א שטיקל צייט אין לאנד, האָבן אָנגעהויבן צו קלערן וועגן אריבערנעמען אהער זייערע אייגענע משפחה־מיטגלידער. האָט מען אויך אויף דעם קיין געלט נישט געהאט. איז כדי ארויסצוהעלפן דעם מיטגליד, וועלכער האָט זיך גענויטיקט אין אָט דעם אלעמען, איז די פארוואלטונג געקומען צום געדאנק, צו שאפן א ליי־קאסע ביים פאראיין און דורך דער דאָזיקער ליי־קאסע זאָל דעם נויטבאדערפטיקן מיטגליד געגעבן ווערן א הלוואה אויף לענגערע ראטעס אויסצוצאָלן און אזוי ארום אים ארויסהעלפן אין דעם וואָס ער נויטיקט זיך.

די ליי־קאסע איז מיט א צאָל פון פיר און פופציק מיטגלידער געגרינדעט געוואָרן, (אלס מיטגליד נומער איינס, האָט זיך פארשריבן דער קאָוולער לאנדסמאן יעקב אברך). און פארשטייט זיך, אז מען האָט זיך באלד אין אָנהויב שוין גענויטיקט אין א מענטש מיט די געהעריקע פעאיקייטן, קענטעניש און פאראנטוואָרטלעכקייט, וועלכער זאָל די ליי־קאסע אָנפירן. און ווידער זיינען דאָס געווען צוויי פשוטע פאָלקס־מענטשן, העניך מאציוועער און זלמן לייב שער, וועלכע האָבן אָנגעוויזן אויפן פריינט זיסיע וויינפער, אז נאָר ער און נישט קיין אָנדערער, איז דער פאסיקער מענטש דערצו. און זיי האָבן ממש ארויפגעצוואונגען אויף אים, אז ער זאָל דעם אמט אָננעמען.

זיסיע וויינפער, זעענדיק די נויטווענדיקייט פון אזא ליי־קאסע פאר די מיטגלידער, האָט די אָנפירונג פון דער ליי־קאסע איבערגענומען און ער האָט זיך מיט זיין גאנצער ענערגיע און פעאיקייט איבערגעגעבן צו אָרגאניזירן זי אויף א געהעריקן אופן.

צו דער זעלבער צייט האָט די פארוואלטונג פון לאנדסלייט־פאראיין, אונטער דער אָנפירונג פון איר פרעזידענט, פריינט זיסיע וויינפער און מיט דער געטרייער און איבערגעגעבענער מיטארבעט פון: סעקרעטאר איסר קאמינסקי, וו. ב. פרייד, י. אברך און אנדערע קאָמי-

סיאָנס-מיטגלידער, זיך אָפגעגעבן מיט דער ארבעט פון צוציען נייע מיטגלידער, זיך געפלייסט צו שאפן א היימישע סביבה פאר די קאָוולער לאנדסלייט און פאר די פריש-אָנגעקומענע און ארויסגעהאָלפן זיי, מיט וואָס נאָר ס׳איז מעגלעך געווען.

צום יאָר פון זיין עקזיסטענץ, האָט דער פאראיין זיך שוין געפונען אין א געדונגענעם לאָקאל ביי די „פועלי ציון”, אויף דער גאס בואן באורעס (איצט: קירנא קאסטא) און האָט שוין געציילט מיט א צאָל פון הונדערט מיטגלידער. עס איז דורכגעפירט געוואָרן א יום-טוב, אויף וועלכן ס׳איז געפייערט געוואָרן א יאָר עקזיסטענץ פון פאראיין. דער אקט איז געווען באזוכט פון אלע מיטגלידער און איז אדורך מיט א באדייטנדיקן דערפאָלג.

אזוי האָט דער פאראיין געפירט זיין טעטיקייט, אין געמיינזאמער פארוואלטונג מיט דער ליי-קאסע, צוערשט אונטער דעם פרעזידיום וואָס ס׳האָט אָנגעהאלטן זיסיע וויינפער פינף יאָר צייט. און נאכהער וואָלף בער פרייד, ביז אין יאָר 1932, ווען די ליי-קאסע מיט א באדייטנדיקער צאָל מיטגלידער, האָט אָנגעהויבן געפירט צו ווערן דורך א זעלבסטשטענדיקער פארוואלטונג. אין דער-אָ צייט האָט דער לאנדסלייט-פאראיין פיל געהאָלפן די מיטגלידער-לאנדסלייט אויף פארשידענע אופנים: גענומען אָנטייל אין אלע געזעלשאפטלעכע אקציעס אויף דער אידישער גאס און אויך אין זינען געהאט, פון צייט צו צייט, צו שטיצן די אלטע היים. אזוי צ. ב. ווען עס איז אָנגעקומען די ידיעה, אז דאָס שטעטעלע ראטנע איז אָפגעברענט געוואָרן, איז גלייך געזאמלט געוואָרן א באדייטנדיקע סומע געלט, וואָס איז איבערגעשיקט געוואָרן אלס הילף פאר די נשרפים. אין דעם פעריאד 1931-32 האָט אויך עקזיסטירט א פרויען-קאָמיסיע אין פאָלגנדיקן באשטאנד: פרעזידענטין: פרוי ריווע מלמד, וויצע: פריילין ס. פרייד, סעקרעטארין: פרוי שבע מלמד, פראָ: פריילין ב. קאהען, וואָקאלינס: פרוי פאני.קאמינסקי. פרוי ג. קיפער און פריילין גוליש, וועלכע האָבן פיל צוגעהאָלפן דער מענער-פארוואלטונג אין די אונטערנעמונגען, וועלכע דער פאראיין האָט דורכגעפירט.

מיר ווילן דאָ פארצייכענען, אז אין יאָר 1929, איז צוליב מינדערוויכטיקע סיבות, פאָרגעקומען א שפאלטונג צווישן די מיטגלידער פון פאראיין, וועלכע זיינען געווען גלייכצייטיק מיטגלידער אין דער ליי-קאסע, און אלס קאָנסעקווענץ פון דער דאָזיקער שפאלטונג איז געגרינדעט געוואָרן א צווייטע ליי-קאסע אונטערן נאָמען „נייע קאָוולער-וואָלינער ליי- און שפאָר-קאסע”. א קורץ שטיקל צייט זיינען די לאנדסלייט געווען צעטיילט, זיך גרופירנדיק ארום זייערע באזונדערע ליי-



גרינדער און קאַס. מיטגלידער אויף א באַערונגס-אַקט לכּבוד די ה״ה זיסיע וויינפּער און וו. ב. פרייד, וואו דער לעצטער איז באַערט געוואָרן מיטן טיטל: „ערן־פּרעזידענט״.

קאַסעס, אַזוי ביז דעם יאָר 1933, ווען די אָפּגעשפּאָלטענע מיטגלידער האָבן זיך ווידער צוריקגעקערט צום פאַראיין, פאַרזעצנדיק גלייכצייטיק, אָנצופירן מיט זייער „נייער קאָאָלער-וואָלינער ליי- און שפּאַרקאַסע״ אויף א זעלבסטשטענדיקן אופן.

דער צוריקקער איז פאָרגעקומען אויף דער גענעראַל־פאַרזאַמלונג, וואָס איז פאַררופן געוואָרן דעם 19־טן פעברואַר 1933, מיט דער באַטייליקונג פון איין און אַכציק מיטגלידער. עס זיינען דאַן צוגעשטעלט געוואָרן צוויי קאַנדידאַטן-ליסטעס אָנצופירן מיטן פאַראיין. די פאַרזאַמלונג איז געווען א הייסע און א שטורמישע, אָבער ווי עס זאָגט זיך אינם אַקט פון דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג, איז אויף דער אינטערווענין פון ז. וויינפּער, געקומען צו אן אויסגלייך צווישן ביידע צדדים און עס איז אויסגעקליבן געוואָרן א פאַרוואַלטונג מיט וואָלף-בער פרייד אַלס פּרעזידענט, גרשון מלמד — סעקרעטאַר און מאָטל כיזשיק — קאַסיר, און נאָך א רייע קאָמיסיאָנס-מיטגלידער.

פון דאַן אָן עקזיסטירט ווידער דער פאַראיין אונטערן זעלבן נאָמען ווי בעת ער איז געגרינדעט געוואָרן. אָבער די צוויי באַזונדערע ליי-קאַסעס, וועלכע זיינען שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קרעדיט-קאָאָפּעראַטיוועס מיט יורידישער אָנערקענונג (פּערסאָנעריאַ כורידיקאַ); די ערשטע אונטערן נאָמען „סאָסיעדאַד קאָאָפּעראַטיוואַ דע קרע-

דיטאס ריא דע לא פלאטא”, און די צווייטע אונטערן נאמען „קאאפעראטיווא דע קרעדיטאס על פארוועניר”, זיינען טעטיק און עקזיסטירן ביז היינט־צו־טאג. (עס דארף דא דערמאנט ווערן, אז אין דער ערשטער קאאפעראטיווע — „ריא דע לא פלאטא”, באקאנט אויף דער אידישער גאס אלס די „קאוולער באנק”, — שטייט נאך ביז היינט־צו־טאג; איר ערשטער פרעזידענט, אנפירער און מיטגרינדער, דער חבר זיסיע וויינפער ביי איר אנפירונג, פארנעמענדיק דעם אמט פון „כערענטע” (פארוואלטער), און די קאאפעראטיווע און איר שטייגנדיקן פראגרעס, איז אויסגעוואקסן צו איינער פון די גרעסטע קרעדיט־קאאפעראטיוועס אין שטאט און ברענגט פיל נוצן אין עקאנאמישן זין פאר די קאוולער לאנדסלייט, און נישט נאר פאר די קאוולער אליין. אויך אין דער צווייטער קאאפעראטיווע — „על פארוועניר”, שטייען נאך ביז היינט־צו־טאג אין דער שפיץ פון איר אנפירונג די גרינדער פון דערזעלבער, די קאוולער לאנדסלייט: לייבל שיטער, א. י. גאלפערין, ישראל מלמד און אנדערע.

די טעטיקייט פון לאנדסלייט־פאראיין אין פארלויף פונם פעריאד 1933, איז אנגעגאנגען אין אן אינטענסיווער פארם אויף פארשידענע געביטן, ווי: הילף פאר די נויטבאדערפטיקע לאנדסלייט, ארויסגעבן רעקאמענדאציעס צום אימיגראנטן־שוץ־פאראיין און צום פוילישן קאנסול, פאר די מיטגלידער וועלכע האבן געוואלט אריבערברענגען אהער זייערע פאמיליעס. (א זאך וואס איז שוין אויך ביי די פריערדיקע פע־

די פארוואלטונג פון קאוולער ל״ל־פאריין אויף א באנקעט לכבוד דעם אקטיוון און פארדינסטפולן טוער און מיטגרינדער פון פאריין, פארזיצער וואלף־בער פרייד (אין צענטער), באערנדיק אים מיטן טיטל: ערן־פרעזידענט.



דעלעגאַט פון אונזער ל״ל-פאַריין, זיסיע וויינפער (דער ערשטער, לינקס) און דער פּרעזידענט פון די פּויליש־אידישע לאַנדסמאַנשאַפטן אין אַרגענטינע, אויף דעם דורכגעפירטן קאָנגרעס אין יאָר 1935. דער ערשטער רעכטס: דער פּוילישער קאָנסול, בעת ער רעדט צו די דעלעגאַטן און געסט.

ריאָדן פּראַקטיצירט געוואָרן), און די איבנדערמאַנטע קערפּערשאַפטן האָבן זיי — די רעקאָמענדאַציעס אונזערע — אַנערקענט אלס גילטיקע. מען האָט זיך בייגעשטייערט פאַר פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע און נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס און קאַמפּיינען א. א. וו. דעם 26־סטן אויגוסט פון יאָר 1934 איז פאָרגעקומען א גענעראַל־פאַרזאַמלונג און ס'איז אויסגעוויילט געוואָרן אלס פּרעזידענט א. י. גאַלפּערין, סעקרעטאַר — י. ליבערמאַן ע״ה און קאַסיר — יעקב קאַזאַק.

אין דאָזיקן פּעריאָד, איז אויסער דעם, וואָס ס'איז געפירט געוואָרן די זעלבע טעטיקייט וואָס ביז איצט, איז אויך איינגעפירט געוואָרן אומזיסטע מעדיצינישע היקף פאַר די מיטגלידער־לאַנדסלייט, צו וועלכן צוועק מ'האָט זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט דעם דאָקטאָר פּערלמאַן, וועמען דער פאַראיין האָט געצאָלט א געוויסן מאָנאַטלעכן געהאַלט. אויך זיינען די מיטגלידער באַזאָרגט געוואָרן מיט ביליקע רעצעפּטן אין א קראַנקן־פאָל. עס איז אויך דאַן, אונטער דער אָנפירונג פון פּרעזידענט גאַלפּערין, דורכגעפירט געוואָרן א באַנקעט פאַר די עקס-פּרעזידענטן זיסיע וויינפער און וו. ב. פרייד, אלס אָנערקענונג פאַר זייער איבערגעגעבענער טעטיקייט פאַרן פאַראיין אין משך פון עטלעכע יאָר. דער באַנקעט איז פאָרגעקומען דעם 10־טן נאָוועמבער

1934 אין האָטעל „בריסטאָל״. עס איז געקומען א גרויסע צאָל מיטגלידער אָפּצוגעבן כבוד די באַערטע. עס זיינען געהאַלטן געוואָרן רעדעס פון א ריי חברים, אין וועלכע ס׳איז געקומען צום אויסדרוק די אָנערקענונג פאר זייער טעטיקייט פארן פאראיין. עס איז אויך כדאי דאָ צו באַטאָנען, אז אין אַ־דער צייט זיינען געווען אָנגעשלאָסן אין אונזער פאראיין אלס מיטגלידער, א גרויסע צאָל לאַנדסלייט פון שטעט און שטעטלעך, וואָס זיינען גאָרנישט פון קאָוולער סביבה, אָבער דאָך וואָלינער, דהיינו: פון קרעמעניץ, לוצק, לודמיר, לוקאַטש און פון אנדערע ערטער, נישט פון קאָוולער קרייז.

די דאָזיקע אַלע לאַנדסלייט פון די אויבנדערמאַנטע ערטער, האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין אונזער פאראיין, זיכער דערפאר, ווייל זיי האָבן דאָ געפונען א היימישע וואָלינער סביבה, אן אָרט פאר זייער געזעלשאפטלעכן אויסלעבן זיך, און פארשטייט זיך אויך צוליב דער עקזיסטירנדיקער קרעדיט־קאסע ביים פאראיין, — וואָס זיי האָבן ערגעץ אנדערשוואו נישט געהאַט. דער פאראיין אונזערער האָט צו יענער צייט געציילט מיט א מיטגלידערשאפט פון העכער פיר הונדערט מיטגלידער.

אינם זעלבן פעריאָד האָט אונזער פאראיין אָנטיילגענומען מיט ראַט און טאַט אין די קאָנפערענצן, וואָס ס׳האָט דורכגעפירט דער פויליש־אידישער פארבאנד צו הילף די פוילישע אידן. עס איז ארויס־

געסט און פארשטייער פון אינסטיטוציעס אויף א יום־טוב
פון קאָוולער ל״ל־פאַריין.

אונזערע דעלעגאטן אויף אן אקט פון פארבאנד פון די פויליש-אידישע לאנדסמאנשאפטן

געגעבן געווארן שטיצע פאר ארעמע און נויטבאדערפטיקע לאנדסלייט. עס איז דורכגעפירט געווארן און אונטערנעמונג לטובת דער פאראיינס-קאסע און א „פיק-ניק" אין אליוואס. צו וועלכן דערפאלג עס האבן מיטגעהאלפן די קאמ. מיטגלידער יעקב אברך, יעקב טאקער און די פארשטארבענע לאנדסלייט פאליק פלינק און יצחק שליאם ע"ה, וועלכע האבן פיל ענערגיע אוועקגעגעבן אין דער פאראיינס-טעטיקייט. אויך אנדערע וויכטיקע ארבעטן זיינען געטון געווארן לטובת דער מיטגלידערשאפט, — אזוי ביז דעם 23-סטן פעברואר 1936, ווען עס איז פארגעקומען א גענעראל-פארזאמלונג און ס'איז אויסגעוויילט געווארן א נייע פארוואלטונג מיט דעם ה' יעקב טאקער אלס פרעזידענט, לייבל שיטער — סעקרעטאר, ישראל ליבערמאן ע"ה —אקטן-סעקרעטאר און יעקב אברך — קאסיר.

דער פריינט י. טאקער, וועלכער האט אויך מיטגעארבעט אין דער פארוואלטונג אין די פריערדיקע פעריאדן, האט זיך איצט אלס פרעזידענט פון דער אינסטיטוציע, זיך ארייננגעווארפן אין דער פאראיינס-ארבעט מיט לייב-און-לעבן, ארויסווייזנדיק א שטארקע טעטיקייט, צו וואס ס'האט אים זייער פיל מיטגעהאלפן דער קאסיר יעקב אברך און די איבעריקע קאמיסיאנס-מיטגלידער. עס איז אין דעם פעריאד פארגרעסערט געווארן דאס ארויסגעבן שטיצע, בתורת הלוואה. פאר די נויטבאדערפטיקע לאנדסלייט און מ'האט אנגעהויבן איינצומאנען דעם מיטגלידס-אפצאל דורך דער פארמיטלונג פון ביידע קאזולער לייקא-סעס, וואס האט געגעבן א גוטן רעזולטאט.

דעם 4-טן יולי פון זעלבן יאָר איז א דאנק דער איניציאטיווע און ענערגישער טעטיקייט פון ה׳ יעקב טאָקער, דורכגעפירט געוואָרן א באילע אין דעם גרעסטן סאלאָן פאר יענער צייט, אין „פרינין זשאָרוש-האָל“, צו דער געלעגנהייט פון צען-יעריקן יוביליאום פון אונזער פאראיין. דאָס איז געווען מצד דעם ה׳ טאָקער א געוואגטער שריט. אָבער, א דאנק, — ווי געזאָגט — זיין טיכטיקער און איבערגעגעבענער ארבעט און מיט דער מיטהילף פון די קאָמיסיאָנס-מיטגלידער, איז דער גרויסער זאל פון „פרינין זשאָרוש-האָל“ געווען איבערפולט פון לאנדסלייט און געסט און איז דורך מיט א גלענצנדיקן דערפאָלג. אין זעלבן יאָר האָט זיך געשאפן א איניציאטיווע פון קולטורעלער טעטיקייט ביים פאראיין. ס׳זיינען דורכגעפירט געוואָרן קאָנפערענצן און ליטעראַרישע אָוונטן, וועלכע זיינען גוט באזוכט געוואָרן פון דער מיטגלידערשאפט.

דער פריינט יעקב טאָקער, אין זיין איבערגעגעבנקייט פארן פאראיין, מיט זיין פערזענלעכער אומדערמידלעכער ארבעט, האָט געבראכט דערצו, אז דער קאָוולער לאנדסלייט-פאראיין האָט זיך דערוואָרבן א נאָמען אויף דער אידישער גאס, אלס איינער פון די אקטיווסטע און טעטיקסטע, סיי לטובת די אייגענע לאנדסלייט, ווי פאר דער אידישער געזעלשאפט בכלל. און נישט נאָר מיט ארבעט האָט דער ה׳ י. טאָקער זיך אויסגעצייכנט, נאָר אויך מיט מאטעריעלע באשטייערונגען פארן פאראיין; אזוי זעען מיר פארצייכנט אין אקט פון 22-סטן דעצעמבער 1936, אז ער האָט געשאָנקען דעם פאראיין אן אייזערנע קאסע, וועלכע דער פאראיין נוצט נאָך ביז היינט-צו-טאָג. און ווען דעם 23-סטן מאי פון יאָר 1937, איז פאררופן געוואָרן א גענ. פארזאמלונג אויסצוויילן א נייע פארוואלטונג, איז ווידער דער ה׳ יעקב טאָקער אויסגעוויילט געוואָרן אלס פרעזידענט, אלס סעקרעטאר — ז. וויינפער און אלס קאסיר — יעקב אברך.

אין דעם-א פעריאָד, איז ווידער די גאנצע קאָמיסיאָן מיט פריינד טאָקער אין דער שפיץ, געווען טעטיק אויף פארשידענע געביטן פון לאנדסמאנשאפטלעכער און געזעלשאפטלעכער ארבעט מיט גרויס איבערגעגעבנקייט. עס האָט זיך דאן אפילו פארקלענערט די מיטגלידערשאפט ביז צו א צאָל פון צוויי הונדערט צוויי און דרייסיק מיטגלידער, ווייל עס האָט זיך צו יענער צייט געשאפן א רייע לאנדסלייט-פאראיינען פון אנדערע שטעטלעך, וועמענס לאנדסלייט זיינען ביז דאן געווען אָנגעשלאָסן אין אונזער פאראיין, און זיינען דערפאר אריבער צו זייערע ניי-געגרינדעטע פאראיינען. אנדערע מיטגלידער זיינען אוועק צוליב אנדערע סיבות. אָבער די פאראיינס-טעטיקייט ביי אונז איז אָנגעגאנגען מיטן זעלבן טעמפּאָ וואָס פריער און האָט געדינט די מיטגלידער ווי אין די פריערדיקע פעריאָדן.

לאַנדסלייט אויף אַ טיי לכבוד זיסיע ווייזבער אין יאָר 1940

אין זעלבן פּעריאָד איז דעם 19־טן פעברואַר 1938, דורכגעפירט געוואָרן אַן אונטערנעמונג צו דער געלעגנהייט פון דער 12־יעריקער עקזיסטענץ פון פאַראיין. אויף דעם דאָזיקן אַקט זיינען בייגעווען אַ גרויסע צאָל לאַנדסלייט און געסט און עס זיינען געקומען צום וואָרט אַ גאַנצע רייע מיטגלידער און גרינדער פון פאַראיין, אונטערשטרייכנדיק די פּאָזיטיווע נוצן וואָס דער פאַראיין ברענגט פאַר די לאַנדסלייט.

דער פריינט י. טאָקער האָט אָנגעהאַלטן די אָנפירונג פון פאַראיין אַלס איר פאַרזיצער, ביז כמעט ענדע יאָר 1938, נאָך וועלכער צייט עס איז געקומען, צוליב פאַרשידענע סיבות, אַ שטיקל איבעררייס אין דער פאַראיינס־טעטיקייט ביז דעם 16־טן יולי 1939, ווען ס'איז פאַררופן געוואָרן אַ עקסטרא גענעראַל־פאַרזאַמלונג פון די מיטגלידער, ספּעציעל צו באַטראַכטן די געשאַפענע לאַגע און וויילן אַ נייע פאַרוואַלטונג.

אויף דער איבערגעדערמאַנטער גען. פאַרזאַמלונג איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ פאַרוואַלטונג מיט דעם ה' יעקב קרייזער אַלס פּרעזידענט, דוד שער — סעקרעטאַר, הערשל באַבער — אַקטן־סעקרעטאַר, אליהו כהן — קאַסיר און נאָך אַ רייע קאָמ. מיטגלידער. דער פאַראיין האָט זיך דאַן געפונען אויף טוקומאַן 2641. אויף די ערשטע זיצונגען וואָס זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן פון דער ק. ד., איז צווישן אַנדערע פּלענער

פון טעטיקייט, וועלכע זיינען פּראָיעקטירט געוואָרן, — איז אויך באַשטימט געוואָרן דורכצופירן א באערונגס־אקט פאר דעם אוועקגייענדיקן פּרעזידענט ה' יעקב טאָקער, דעם 19־טן סעפּטעמבער 1939.

ווי באוואוסט, איז אין זעלבן מאָנאט סעפּטעמבער פון 1939, אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה. עס איז אָפּגעשטעלט געוואָרן דער קאָנטאקט מיט דער אלטער היים. די שרעקלעכע ידיעות אין די צייטונגען פון די בלוטיקע געשעענישן אין אייראָפּע, די שחיטות איבער אידן א. א. וו. האָט די לאַנדסלייט ווי צעמישט און דעסאָריענטירט. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אז דער פאראיין איז א צייט־לאנג געווען אומטעטיק.

אָבער די לאַנדסלייט פלעגן זיך טרעפן אין זייערע „בענק“ — די קאָוולער. יעדער אין זיין רעספּעקטיווער קרעדיט־אינסטיטוציע, וואו ער איז מיטגליד, און דאָרט פלעגט מען ארומרעדן די געשעענישן פון דער אויסגעבראָכענער צווייטער וועלט־מלחמה און קאָמענטירן די שרעקלעכע ידיעות אין די צייטונגען, וועגן די היטלעריסטישע שחיטות אויף אידן אין אייראָפּע און מען איז געווען באַזאָרגט אויך פארן גורל פון אונזערע אייגענע אין דער אלטער היים. פון וואַנען מ'האָט די גאנצע צייט פון דעם מלחמה־אויסברוך אָן, קיין שום דירעקטע ידיעות נישט געהאַט, — איז מען געווען אָפּהענטיק פון עפּעס אָנצוהייבן צו טאָן, און דער פאראיין אלס אזעלכער, האָט נישט ארויסגעוויזן קיין שום טעטיקייט.

אזוי איז עס געווען ביז דעם מאָנאט אויגוסט 1946, ווען ס'איז דערהאלטן געוואָרן א בריוו פון א קאָוולער לאַנדסמאן — יקותיאל גלייזער, איינער פון דער שארית־הפליטה, — אין וועלכן ער האָט אונז געמאָלדן, אז ער מיט נאָך א זעכציק לאַנדסלייט פון קאָוולע און אומגעגנט, געראַטעוועטע פון דער שחיטה, (די מערסטע פון זיי זיינען געווען אין רוסלאַנד), געפינען זיך אין פּוילן, אין נידער־שלעזיע, און נויטיקן זיך אין הילף.

גלייך, אָן צייט־פארלוסט, האָט זיך געשאַפן א איניציאטיוו־גרופּע פון פאָלגנדיקע פּערזאָנען: יעקב אברך, ישראל פאנטורין, זיסיע ווינפּער, וואָזקע גוליש און וו. ב. פרייד, וועלכע האָבן טעלעגראַפירט קיין פּוילן צו דער גרופּע געראַטעוועטע לאַנדסלייט: אז מיר, די קאָוולער אין ארגענטינע, זיינען מיר גרייט זיי צו העלפן מיט וואָס נאָר עס וועט מעגלעך זיין. באַלד איז פאררופן געוואָרן א גענ. פארזאמלונג פון אלע לאַנדסלייט, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 7־טן סעפּטעמבער פון זעלבן יאָר, און צו וועלכער עס זיינען געקומען א פערציק פּערזאָן, און נאָך דעם ארומריידן די נויטווענדיקייט פון אויסצושטרעקן א ברודערלעכע

אַ גרופּע קאָװלער געראַטעװעטע. עס שטייען פון רעכטס צו לינקס: װאַסק, בעבטשוק, באַקסער, פרײלין פוגאַטש, אונגבער, גלייזער און טשערעסאַצינע.
(פאָטאָגראַפירט אין װאַרשע אין יאָר 1948).

האָט אונזערע געראַטעװעטע לאַנדסלייט, איז באַשטימט געװאָרן צו שאַפן אַ הילפס־קאָמיטעט אין באַשטאַנד פון פאָלגנדיקע פּערזאָנען: פאָרזיצער װ. ב. פרייד, 1־טער און 2־טער װיצעס — י. אברך און ז. װיינפּער, סעקרעטאַרן — גרשון מלמד, גרשון חסיד און גרשון שפּירא, קאַסיר — װ. װיינשטיין; װאַקאַלן: אַטלאַס, אשכנזי, י. באַבער, װ. גוליש, גוטמאַן, גיז, י. מלמד, א. קאַמינסקי, י. פּאַס, י. פּאַנטורין, ב. קוזניעץ און א. שער; רעבענונגס־איבערזעער: לייבל קאָװעבערג ע״ה און מ. לייקאַך; פרויען־קאָמיסיע: די פרויען — גיז, װאָרצל, לייקאַך, זאַלצהענדלער, בת־שבע מלמד און רחל פּאַנטורין.

שנעל איז געזאַמלט געװאָרן אַ סומע פון דריי טויזנט פּעזעס און ס׳איז צעשיקט געװאָרן אַן אויפרוף צו די לאַנדסלייט, װעגן אָפּרופן זיך מיט הילף פאַר אונזערע נויטליידנדיקע ברידער און שװעסטער. ס׳זיינען אָרגאַניזירט געװאָרן פאָרלעך צו באַזוכן די לאַנדסלייט אין זייערע היימען, אויפצומאַנען ביי זיי די באַשטייערונגען, פון װעלכן קיין איין לאַנדסמאַן האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט. ס׳האָבן אָנגעהויבן אָנקומען אָפּטערע בריװ פון פּוילן און אויך פון אייניקע לאַגערן אין

דייטשלאנד פון אונזערע געראטעוועטע לאנדסלייט, אין וועלכע זיי האָבן באשריבן זייערע איבערלעבונגען אין דער צייט פון דער מלחמה און אז, קאָוולע די אלטע היים אונזערע, און די אלע קלענערע שטעטלעך ארום איר מיט איר גאנצער אידישער באפעלקערונג, זיינען פון די היטלעריסטישע רוצחים אויסגעמאָרדעט געוואָרן און נאָר איינצלנע זיינען על־פי־נס לעבן געבליבן.

אַט די שרעקלעכע ידיעות האָבן אלעמען דערשיטערט און אלס אויסדרוק פון טרויער, איז דורכגעפירט געוואָרן זונטיק דעם 1-טן דעצעמבער 1946 א הזכרה־אקט נאָך די פריצייטיק־פארשניטענע קדושים אונזערע, און ס'איז אויף דעם אקט דורכגעפירט געוואָרן א זאמלונג לטובת די לעבנגעבליבענע, וועלכע געפינען זיך אין נויט. דער הילפס־קאָמיטעט איז אנגעגאנגען מיט זיין ארבעט פון זאמלען געלט און שיקן הילף צו די אויסגעוואָרצלטע לאנדסלייט אונזערע, פון וועמען מיר האָבן באקומען בריוו אז זיי נויטיקן זיך אין אונזער שטיצע, אזוי ביז דעם 20-סטן יולי 1947, ווען ס'איז פאררופן געוואָרן א גענ. פארזאמלונג, אָפּצוגעבן א באריכט פון דער אָפּגעטוענער ארבעט און צו וויילן א נייע פארוואלטונג.

אויף דער דאָזיקער גענ. פארזאמלונג איז פון באריכט און באַלאנס — וועלכער איז אָפּגעגעבן געוואָרן פאר די פארזאמלטע — איז צו זען, אז אין פארלויף פון א קנאפן יאר צייט איז מען געשטאנען אין קאָנטאקט מיט צוויי און זעכציק געראטעוועטע פאמיליעס פון קאָוולע און אומגעגנט, וועלכע האָבן זיך געפונען אין פאלגנדיקע ערטער: אין פוילן — 26, אין די לאגערן פון איטאליע — 6, אין פראנקרייך — 10, אין דייטשלאנד — 10, אין עסטרייך — 6 און אין ארץ ישראל — 4, צו וועמען עס איז ארויסגעשיקט געוואָרן הילף אין פאָרם פון פעקלעך שפייז, מלבושים און געלט אויף א סומע פון 12.589.50 פעזאָס. (מיר ווילן דאָ באמערקן, אז די לאנדסלייט פון ראטנע, טריסק, קאמען־קאשירסק, וועלכע זיינען אין די פריערדיקע יאָרן געווען אנגעשלאָסן אין אונזער לאנדסלייט־פאראיין, האָבן זיך איצט געשאפן זעלבסטשטענדיקע הילפס־קאָמיטעטן).

ס'איז אויף דער פארזאמלונג באשלאָסן געוואָרן, זיך ווידער צו פארוואנדלען אין א לאנדסלייט־פאראיין, וועלכער זאל גלייכצייטיק אָנפירן די הילפס־ארבעט פאר דער שארית־הפליטה. עס איז באשטימט געוואָרן א מיטגליד־אָפּצאָל פון צוויי פעזאָס א חודש און ס'איז אויסגעוויילט געוואָרן א פארוואלטונג אין פאלגנדיקן באשטאנד: פרעזידענט — יעקב אברך, וויצעס — לייבל גוז און ישראל מלמד, גענ. סעקרעטאר — גרשון מלמד, אקטן־סעקרעטאר — בצלאל באלער, פרא־



א גרופע קאוולער שארית־הפליטה. עס שטייען פון רעכטס צו לינקס: 1) בערעזניאק, 2) בנימין באלער, 3) יונה רובין, 4) ווינגרוויט. עס זיצן פון לינקס צו רעכטס: 5) יעקב טייטלקער, 6) פרוי פון יונה רובין מיט 2 קינדערלעך, 7) אברהם גלאז, 8) פרוי פון בנימין באלער, 9) אהרן באקסער.

— יהודה ווערבא, קאסיר — ישראל חיים פאנטורין, פרא קאסירן — מ. לייקאך און י. ל. גאלפערין; וואקאלן: וו. ווײנשטיין, מ. קיפער, י. קראמער, נ. גאלסט, א. קאמינסקי, א. שער, ב. פלײדערמאן, ח. טזשיזשיק, בנימין פוקס, נ. יאסאוויטש און יעקב ווארצל; רעכענונגס־איבערזעער — ז. וויינפער, י. קרייזער און וו. פינקלשטיין; פרויען־קאמיסיע: בת־שבע מלמד, רחל פאנטורין, מינע אברך, מעני באלער, רהצע גוז, חנה לייקאך, שפרינצע הארצל, שבע יאסיאוויטש. שער, אטלאס, גאלדצוויג און גאלפערין.

אין פארלויף פון דעם פעריאד האט די פארוואלטונג ארויסגעוויזן א שטארקע טעטיקייט, צו ארגאניזירן די מיטגלידער, איינמאנען באשטייערונגען פאר הילף די איסגעװארצלטע לאנדסלייט אין די לאגערן און אין פוילן, פון וועלכע ס'האבן אנגעהויבן אנקומען בריוו, בעטנדיק שטיצע, — אנטקעגנקומענדיק יעדן לויט די מעגלעכקייטן. מיר וועלן דא פארצייכענען איניקע הויפט־טעטיקייטן, לויטן סדר ווי

זיי זיינען דורכגעפירט געווארן: דעם 27־סטן אויגוסט 1947 איז דורכגעפירט געווארן א הזכרה־אקט אין שיל אויף דער גאס אוריבורו 650, און ס'זיינען ארויסגעטראטן מיט רעדעס בצלאל באלער, איסר קאמינסקי און זיסיע וויינפער. די אנוועזנדיקע לאנדסלייט אויפן אקט, האבן איבערגעלאזן יזכור־געלט, א סומע פון 1.533 פעזעס, פאר הילף די אויסגעווארצלטע לאנדסלייט. דעם 19־טן סעפטעמבער אין זעלבן יאר, איז א דאנק דער איניציאטיווע פון אונזער פאראיין, דורכגעפירט געווארן א קבלת־פנים פאר אונזער לאנדסמאן (א טריסקער) — דיכטער זישע וויינפער, דער גאסט פון נארד־אמעריקע, וועלכער איז געקומען אהער אין א קולטור־שליחות. אין דעם דאזיקן אקט זיינען אויך געווען אנגעשלאסן די פאראיינען פון טריסק, ליבעוונע, מאציעוו און קאמען־קאשירסק, וועלכער איז פארגעקומען אין האטעל „ווערטהיין" און איז געווען זייער דערפאלגרייך.

עס איז ארגאניזירט געווארן א קאמיטעט פון עלף וואלינער לאנדסלייט־פאראיינען אונטער אונזער אנפירערשאפט, ארויסצוגעבן א בוך לידער פון אומגעקומענעם וואלינער דיכטער (פון טריסק) — ברוך אליצקי. ס'איז צענויפגעזאמלט געווארן א סומע פון דריי טויזנט פעזעס און איבערגעגעבן זיי דעם דיכטער זישע וויינפער, כדי דער „איקוף"־פארלאג אין ניו־יארק זאל דאס בוך לידער ארויסגעבן. דער פארזיצער און סעקרעטאר פון דעם „ברוך אליצקי־קאמיטעט" זיינען געווען זיסיע וויינפער און בצלאל באלער, רעספעקטיוו. אין 7 מיליאן־קאמפיין, וואס איז פונם ארגענטינער אידנטום אין דעם יאר געפירט געווארן, זיינען מיר געווען פארטראטן מיט צוויי פערמאנענטע דעלעגאטן: די ה"ה ישראל מלמד און זיסיע וויינפער, און אונזער באשטייערונג פאר דעם זעלבן קאמפיין, איז געווען טויזנט פעזעס.

דעם 30־סטן נאוועמבער פון זעלבן יאר, האבן די קאמ. מיטגלידער בצלאל און מעני באלער, געשאנקען א מיטיק פאר הונדערט פערזאן־לאנדסלייט, דורכגעפירט ביי זיי אין הויז, וועלכער האט איבערגעלאזן א הכנסה לטובת דער פאראיינס־קאסע, א סומע פון 2.265 פעזעס. אלס אויסדרוק פון אנערקענונג פאר די פריינט באלער, פאר זייער איבערגעגעבנקייט אין דער הילפס־ארבעט, איז אויפן פארשלאג פון די פריינט א. קאמינסקי און רחל פאנטורין, געזאמלט געווארן צווישן די געסט, די נויטיקע סומע איינצושרייבן די חברים בצלאל און מעני באלער אין ספר הזהב של קרן קימת לישראל. עס איז דורכגעפירט געווארן א פורים־באל דעם 27־סטן מערץ 1948, אין סאלאן „לאסאל", מיט גרויס דערפאלג. די ריינע הכנסה פון דער זעלבער איז געווען 3.200 פעזעס. ס'זיינען ארויסגעלאזן געווארן „באנאס", וועלכע האבן אריינ־

געבראַכט א באַדייטנדיקע סומע. אויסער דער שטיצע, וואָס ס'איז פּערמאַנענט געשיקט געוואָרן צו די לאַנדסלייט אין פאַרשידענע לענדער, האָט מען אויך געזאָרגט פאַר „זשאַמאַדעס" (ארויספאָדערונגס־פּאַפּירן) פאַר די לאַנדסלייט, וואָס האָבן אזעלכע געבעטן. אויף דער ווענדונג פון דיכטער לייבל אָליצקי (געפינט זיך אין פּוילן), האָבן מיר אויסגעקויפט ביי אים פּופציק ביכער (פון דעם ווערק „דער מענטש וועט גוט זיין", וואָס ער האָט צו יענער צייט ארויסגעגעבן). פאַר דער סומע פון פינף און זעכציק דאָלאַר און מיר האָבן זיי פאַרשפּרייט צווישן אונזערע מיטגלידער. אין דעם פּעריאָד האָבן מיר זיך באַשטייערט פאַר דער הגנה מיט פינף הונדערט פּעזעס און פאַר מדינת ישראל — טויזנט זעקס הונדערט פּעזעס.

באַקומענדיק צוגעשיקט פון אונזערן א לאַנדסמאַן, א פּליט אין פּוילן, דאָס בילד פונם ברודער־קבר פון די קאָוולער קדושים, האָבן מיר דאָס בילד רעפּראָדוצירט אין א צאָל פון דריי הונדערט און זיי פאַרשפּרייט צווישן די מיטגלידער. — אַט־דאָס איז מער־ווייניקער די הויפּט־טעטיקייט, וועלכע איז דורכגעפירט געוואָרן אין פאַרלויף פונם פּעריאָד 1947, אויסער דעם, וואָס צוויי מאָל אין וואָך (דינסטיק און שבת), זיינען פאַרגעקומען זיצונגען, אויף וועלכע ס'זיינען באַהאַנדלט געוואָרן



א גרופּע קאָוולער לעבנסגעבליבענע אין נידערשלעזיע (פּוילן) אין 1947, פרייען זיך אויף א ברית־מילה־שמחה, ביים קאָוולער לאַנדסמאַן פּינטשוק (יונגער). 1) קליימאַן און פרוי, 2) אברהם גלאַז און פרוי, 3) פּינטשוק (דער בעל־ברית) און פרוי, 4) פּינטשוק (דער עלטערער) מיט זיין פרוי און טעכטערל, 5) אשר קאַגאַן, 6) יאַשע בלומענפעלד מיט זיין פרוי און טעכטערל, 7) דעם שטימען בענקלמאַכערס זון פון מאַנאַפאַלניע־גאַס (זיין פאַמיליע סמאַליאַר), 8) מיכל צינאַמענט מיט זיין פרוי און צוויי קינדערלעך.



א גרופּע קאָוולער שארית הפליטה (א טייל פון פערציק פּערזאָן), וועלכע האָבן זיך
געפונען אין ציפּערן, אויף זייער וועג קיין ישׂראל, אין יאָר 1948.
ערשטע רייע, עס שטייען פון רעכטס צו לינקס: משה זעמעל, נחמיה שטיין, יצחק
ווײַנרויב, צבי סויבעל, יעקב שאַלעט און דוב מירשטיין.
עס זיצן פון רעכטס: משה יוז, נתן פעלדמאַן, שולמית בראָנשטיין, רבקה געווירץ,
געניע מאַנדעל, משה פּאַנטורין און ברוך בוראַק.
דריטע רייע פון רעכטס: משה בטעלער, ראובן באוך און ישׂראל רויט.

די דערהאַלטענע, העכער פינף הונדערט בריוו און געענטפערט אויף יעדער פון זיי. די שטיצע וואָס איז געשיקט געוואָרן אין דעם פּעריאָד, האָט באַטראָפן די סומע פון קנאַפּע צוואַנציק טויזנט פּעזעס.

דעם 22-סטן אויגוסט 1948 איז פאָרגעקומען אן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער עס איז אָפּגעגעבן געוואָרן א גענויער באַריכט פון דער אָפּגעטועגער אַרבעט און ס'איז אויסגעוויילט געוואָרן א נייע פאַרוואַלטונג: פּרעזידענט — יעקב אברך, וויצע-פּרעזידענטן — ישׂראל מלמד און לייבל גוז, גענ. סעקרעטאַר — בצלאל באַלער, פּראָ — ישׂראל קראַמער, אקטן-סעקרעטאַר — נפתלי גאָלסט, קאַסיר — ישׂראל חיים פּאַנטורין, פּראָ-קאַסירערס — מענדל לייקאַך און י. גאַלפּערין; וואַקאַלן: הערבאַ, זאַלצהענדלער, יאַסיאַוויטש, קיפּער, ווײַנשטיין, שער און נח הארצל; פּרויען-קאָמיסיע: באַלער, אברך, פּאַנטורין, גוז, לייקאַך, קראַמער, שער און יאַסיאַוויטש; רעכענונגס-איבערזעער: ז. ווײַנפער און וואָלף פינקלשטיין.

די הויפּט-טעטיקייט פון דער פאַרוואַלטונג אין דעם פּעריאָד, איז געווען לויטן סדר, ווי פאָלגט: זונטיק דעם 12-טן סעפּטעמבער איז דורכגעפירט געוואָרן אַ הזכרה-אַקט נאָך די קדושים פון אונזער היים־שטאָט קאָוולע אין דער שיל אויף אוריבורו 348. ס׳האָבן גערעדט פאַר די לאַנדסלייט בצלאל באַלער, זיסיע ווײַנפּער, י. גאַלפּערין, מאיר לאַנדע און גרשון הסיד. דאָס יזכור-געלט וואָס עס האָבן איבערגעלאָזן די לאַנדסלייט האָט באַטראָפן די סומע פון 1.268 פּעזעס.

מיר ווילן דאָ פאַרצייכענען אַז די ק. דירעקטיווע האָט אויף צוויי זיצונגען — דעם 2-טן און דעם 9-טן אָקטאָבער 1948 — אויסגעהערט דער פרײַלין לאַלאַ ראַבוואַרגער, וועלכע האָט זיך געפונען אין קאָוולע אין דער צייט פון דער נאַציישער אָקופּאַציע, געלעבט־צוזאַמען מיט די אידן דאָרט אין די געטאָס און איז בײַגעווען בעת דער ליקווידאַציע פון די קאָוולער אידן, נעבן דאָרף באַכאָווע. זי האָט זיך געראַטעוועט אַ דאַנק דעם, וואָס זי האָט זיך פאַרשטעלט אַלס קריסטין און געלעבט אונטערן נאָמען קראַוטשינסקאַ. אין דורך לאַנגע וואַנדערונגען זיך דערשלאָגן קיין אַרגענטינע. איר שילדערן דאָס לעבן פון די קאָוולער אידן, פאַר די דײַטשן און זייער שרעקלעך אומקומען, האָט אויף אַלעמען געמאַכט אַ דערשיטערנדיקן אײַנדרוק.

דעם 21-סטן נאָוועמבער פון זעלבן יאָר, איז דורכגעפירט געוואָרן אַן אַקט אין פאָרם פון אַ מיטיק, אין צוזאַמענהאַנג פון פײַערן דעם 22-יעריקן יובילעאום פון פאַראיין, אין סאַלאָן פון הכנסת-אורחים אויף קאַנגאַזשאַ 2461. דער מיטיק איז סערווירט געוואָרן פון דער פרויען-קאָמיסיע, אָנגעפירט פון דער פּרעזידענטין, פרוי מעני באַלער. אַ דאַנק פרוי באַלערס ענערגישער טעטיקייט ביים דורכפירן דעם יום-טוב, איז דער אַקט דורך מיט אַ באַדײַטנדיקן דערפאָלג און האָט איבערגעלאָזן אַ ריוח פון 1.883 פּעזעס.

אינם זעלבן מאָנאַט איז אָפּגעדעקט געוואָרן אַ בראָנזענער אָנדענקס-טאָוול אויף דעם דענקמאָל פון די זעקס מיליאָן קדושים, אויפן בית-עולם אין טאַבלאַדאַ, אין אָנדענק פון אונזערע אומגעקומענע קדושים פון קאָוולע. עס זײַנען בײַגעווען דעם דאָזיקן טרויער־אַקט אַ גרויסע צאָל לאַנדסלייט. אַ חזן האָט געזאָגט די געהעריקע תפילות און ס׳האָבן גערעדט פאַר די פאַרזאַמלטע די ה״ה יעקב אברך, בצלאל באַלער און די געראַטעוועטע פרײַלין לאַלאַ ראַבוואַרגער־קראַוטשינסקאַ.

די קאָמ. דירעקטיווע האָט אײַנגעשריבן די הרוגע שטאָט קאָוולע אין ספר הזהב של קרן קימת לישראל, אײַנצאָלנדיק פינף הונדערט פּעזעס. באַשטייערונגען זײַנען געגעבן געוואָרן פאַר די קינדער-פּליטים אין פראַנקרײַך און אין פּוילן, און פאַרן מגן דוד אדום.

אויף דער איניציאטיוו פון די פריינט בצלאל און מעני באלער, ווערט דורכגעפירט א פסחדיקער מיטיק דעם 17-טן אפריל. פאר די לאנדסלייט פון קאוולע און אומגעגנט, אויף קאנגאזשא 3390, צוגעגרייט און סערווירט פון דער פרויען-קאמיסיע מיט פרוי באלער בראש. אין דורכפירן די אלע ימים-טובים און צוזאמענקומען, האבן פיל מיטגעהאלפן די פרויען: רהצע גוז, הנה לייקאך, דבורה שער, רחל פאנטורין, מינע אברך און אאידא קראמער.

דער מיטיק האט איבערגעלאזן 1.815 פעזעס פארדינסט. שבת אין אוונט, דעם 7-טן מאי, איז געגרייט געווארן פון דער פרויען-קאמיסיע, פאר דער קאמיסיאן דירעקטיווע און געסט, א לעקעך און בראנפן לכבוד דעם 1-טן אניווערסאר פון מדינת ישראל און אין דער זעלבער צייט איז באשטימט געווארן איינצושרייבן „איין יאר מדינת ישראל אין ספר הזהב", איינצאלנדיק פינף הונדערט פעזעס.

צוליב דער אומבאקוועמלעכקייט פארצוזעצן מיט די זיצונגען אין לאקאל פון דער „קאוולער באנק", אויף סארמיענטא 2437, ווערט געדונגען דעם 4-טן יוני, א צימער אין לאקאל פון „צענטראל-פארבאנד פון פוילישע אידן", אויף פועירעדאן 667, וואו עס ווערט ווייטער פארגעזעצט אונזער טעטיקייט. עס ווערט אפגעדונגען א טעאטער-פארשטעלונג ביים „איפט", (דעם 24-סטן יולי 1949) און לאזט איבער 965 פעזעס פארדינסט. דעם 4-טן סעפטעמבער ווערט דורכגעפירט א יזכור-אקט אינעם טאג פון יארצייט נאך די קאוולער קדושים אין דער ליטווישער שיל, אויף אוריבורו 348, וואו עס ווערט געזאמלט יזכור-געלט — 839 פעזעס.

אין צווישנצייט פון אט די אלע אויבנאויסגערעכנטע אקטיוויטעטן מצד דער קאמיסיאן און פרויען-קאמיסיע, איז פיל געטאן געווארן אויפן געביט פון העלפן די אויסגעווארצלטע לאנדסלייט, פון וועלכע א סך האבן שוין פארלאזן די לאגערן און עולה געווען קיין ישראל, און מיר האבן אנגעהויבן שיקן הילף אהין. דער באריכט און באלאנס וואס איז צוגעשטעלט געווארן צו דער גענ. פארזאמלונג, וואס איז פארגעקומען זונטיק דעם 23-סטן אקטאבער 1949, ווייזט, אז אין פארלויף פון יאר איז אויסגעגעבן געווארן אויף הילף און אנדערע הוצאות א סומע פון קנאפע 12 טויזנט פעזעס.

אויף דער אויבנדערמאנטער גענ. פארזאמלונג איז אויסגעוויילט געווארן א נייע פארוואלטונג, ווי פאלגט: פארזיצער — בצלאל באלער, וויצעס — ישראל מלמד און חיים ווינטער. גענ. סעקרעטאר — לייבל שיטער, פרא-סעקרעטאר — ישראל קראמער, אקטן-סעקרעטאר —נפתלי גאלסט, קאסיר — ישראל חיים פאנטורין, פרא-קאסיר — מענדל לייקאך,

דער אויבן־אָן אויפן באַנקעט לכבוד דעם לאַנגיאָריקן טיכטיקן פאַרוואַלטונגסמיטגליד פון פאַריין, מיטגרינדער און מיטגליד נומער איינס, ה' יעקב אברך. פון לינקס צו רעכטס: פרוי מינע אברך און ה' יעקב אברך.

וואַקאלן: א. י. גאלפערין, וו. וויינשטיין, נ. וואַרצל, א. ב. קאַפּטשוק, מ. קיפער, ס. גאַלדצוויינ; רעכענונג־איבערזעער: יעקב אברך, י. וו. פינקלשטיין און ז. וויינפער; פרויען־קאַמיסיע: פאַרזיצערין — מעני באַלער, וויצע — מינע אברך; סעקרעטארין — רחל פאַנטורין; קאַסירן — אַאידא קראמער; וואַקאלנס, פרויען: ווינטער, גאַלדצוויג, לייקאַך, קאַפּטשוק, גוישען, קיפער, קרייזער און וויינשטיין.

אויף דער ערשטער זיצונג, נאָכן איבערנעמען די אמטן פון דער נייער פאַרוואַלטונג, איז אויפן פאַרשלאָג פון פרוי באַלער, באַשטימט געוואָרן איינצואָרדענען אַ באַנקעט פאַרן אַוועקגייענדיקן פּרעזידענט, ה' יעקב אברך, אַלס אָנערקענונג פֿאַר זיין לאַנגיעריקער און איבערגעגעבענער טעטיקייט לטובת אונזער פאַראיין. דער באַערונגס־אַקט איז פאָרגעקומען דעם 17־טן דעצעמבער 1949 אין סאַלאָן אויף קאָנגאַזשאַ 3390, צו וועלכן עס זיינען געקומען אַ גרויסער עולם פון לאַנדסלייט און ס'איז געווען באמת אַ פאַרדינטע דעמאָנסטראַציע פאַר אַ לאַנגיאָריקן אַקטיוון טוער פון אונזער פאַראיין. דער אַקט האָט איבערגעלאָזן אַ פאַרדינסט לטובת דער פאַראיינס־קאַסע — 480 פּעזעס.

עס קומען פאַר ווייטער די וועכנטלעכע זיצונגען, אויף וועלכע עס ווערן געלייענט די בריוו פון אונזערע איבערגעוואָרצלטע לאַנדסלייט און ס'ווערט געשיקט יעדן, שטיצע, לויט די מעגלעכקייטן. אויף איינער

אזא זיצונג, אין מאנאט מערץ, טראגט־אריין א פארשלאג דער פארזיצער בצלאל באלער, אז דער פאראיין זאל ארויסגעבן א „פנקס־קאוועל"; אין אנדענק פון דער חרובער אלטער היים־שטאט מיט אירע קדושים, וועלכע זיינען אומגעקומען על קידוש השם. און ער, — באלער, גיט צו, — אז ער נעמט זיך אונטער צונויפזאמלען דעם נויטיקן מאטעריאל פאר דעם און אים אנשרייבן. דער פארשלאג פון פריינט באלער איז מיט צופרידנקייט פון דער גאנצער קאמיסיאן, איינשטימיק אנגענומען געווארן. אין דער ווייטערדיקער טעטיקייט פון דער פארוואלטונג, איז אויסער דער געוויינלעכער הילפס־ארבעט פאר אונזערע לאנדסלייט־פליטים, אן ארבעט וואס איז די גאנצע צייט נישט אפגעשטעלט געווארן, איז אויך דא צו פארצייכענען דעם פסחדיקן חברלעכן מיטיק, וואס איז דורכגעפירט געווארן דעם 29־סטן מערץ 1950, אין סאלאן אויף קאנגאזשא 3390 און ווידער אונטער דער ענערגישער אנפירונג און צוגרייטונג פון דער פארזיצערין פון דער פרויען־קאמיסיע, פרוי מעני באלער, מיט דער מיטהילף פון דער גאנצער פרויען־קאמיסיע און דער מענער־פארוואלטונג, און האט איבערגעלאזן 1.021 פעזעס פארדינסט. מיר ווילן דא אונטערשטרייכן, אז אין די אלע היימישע און חברלעכע ימים־טובים און אונטערנעמונגען, האבן צוגעהאלפן צום דערפאלג און האבן מיטגעארבעט, די חברים־לאנדסלייט: י. ה. פאנטורין, בעריש קאפטשוק, בערל פליידערמאן, מענדל לייקאך, נפתלי גאלסט, איסר שער, יהודה ווערבא און ישראל קראמער.

ווען דער פארזיצער פון פאראיין, פריינט באלער, האט אויף איינע פון די קאמ. זיצונגען געמאלדן, אז ער האט שוין אין זיין באזיין א בא־

די פארוואלטונג פון פאריין, אויפן פראקלאמירונגס־אקט פון „פנקס־קאוולע"

דייטנדיקע צאָל פֿון אָנגעזאַמלטן מאַטעריאַל, און אַז ער האָט שוין אָנגעהויבן שרייבן דעם „פּנקס־קאָוועל". האָט מען צוליב דער געשעעניש, דורכגעפֿירט דעם 5־טן אויגוסט פֿון זעלבן יאָר, אַן אַקט פֿון „התהלת־הפּנקס" אין דער פֿאָרעם פֿון אַ לונטש, אויף קאַנגאַזשאַ 3390, און ווי שטענדיק, צוגעגרייט און סערווירט פֿון דער פֿרויען־קאָמיסיע מיט דער פֿרוי באַלער בראָש. אויף דעם דאָזיקן אַקט איז געלייענט געוואָרן דאָס „אַריינפֿיר־וואָרט" צום פּנקס און אויסצוגן פֿון אייניקע אַרטיקלען, וועלכע גייען אַריין אינעם זעלבן. עס האָבן זיך דאָן פֿאַרשריבן און איינגעצאָלט באַשטייערונגען אַלע לאַנדסלייט, צו העלפֿן אַרויסגעבן דעם פּנקס אויף אַ סומע פֿון העכער דריי טויזנט פּעזעס.

דעם 20־סטן אויגוסט פֿון זעלבן יאָר 1950, איז דורכגעפֿירט געוואָרן דער יזכור־אַקט צום יאָרצייט נאָך די קדושים, אין דער שיל אויף אוריבורו 348 און ס'איז געזאַמלט געוואָרן יזכור־געלט, אַ סומע פֿון 805 פּעזעס. עס דאַרף דאָ אויך דערמאָנט ווערן, אַז די קאָמ. דירעקטיווע האָט אויף אַ פּלענאַרער זיצונג, וואָס איז פֿאָרגעקומען ביי די פֿריינט באַלער אין הויז, — באַשלאָסן, נישט רופֿן דאָס יאָר קיין גענ. פֿאַרזאַמלונג און פֿאַרלענגערן דעם פּעריאָד פֿון דער אַקטועלער פֿאַרוואַלטונג, ביז דער „פּנקס־קאָוועל" וואָס ווערט געשריבן, — וועט שוין זיין דערשינען.

ווי עס איז שוין געוואָרן אַ טראַדיציע ביי אונז קאָוועלער, איז אויך פּסח פֿון יאָר 1951, דעם 22־סטן אַפּריל, דורכגעפֿירט געוואָרן אַ פּסחדיקער חברלעכער מיטיק, אין סאַלאָן אויף קאַנגאַזשאַ 3390 און אויך דאָס מאָל, ווי אין די פֿאַריקע יאָרן, מיט אַ פֿיין־צוגעגרייטן פּראָגראַם, פֿון אַ מאָדערנער הגדה, צוגעגרייט און געלייענט מיט דעם טראַדיציאָנעלן נוסח פֿון בצלאל באַלער און אַנדערע נומערן פֿון פֿאַרלעזונגען און לידער. געזונגען פֿון לאַנדסלייט. דער מיטיק איז אויך דאָס מאָל געגרייט געוואָרן פֿון דער פֿרויען־קאָמיסיע, ווי אין די פֿריערדיקע פּעריאָדן און איז דורך מיט אַ גרויסן דערפֿאָלג, איבערלאָזנדיק אַ פֿאַרדינסט פֿאַר דער פֿאַראיינס־קאַסע אַ סומע פֿון 2.423 פּעזעס.

גרויס פֿאַרביטערונג האָט אַרויסגערופֿן ביי דער גאַנצער פֿאַרוואַלטונג און אויך ביי אַלע קאָוועלער און פֿון אומגעגנט־לאַנדסלייט, די אומפֿאַראַנטוואָרטלעכע האַנדלונג פֿון אונזער לאַנדסמאַן משה גראַניטשטיין, וועלכער האָט אין זיינע נאָר־וואָס דערשינענע דריי ביכער „וואָלין מיין היים", באַשמוצט און געשענדעט (דער עיקר אין צווייטן באַנד), אָנגעזעענע און חשובֿע קאָוועלער געזעלשאַפֿטלעכע טוער, לערער און סתם

בעל־הבתישע אידן, די מערסטע פון זיי, איצט שוין קדושים, אומגעקומענע דורך די נאַצישע רוצחים. אויסקלערנדיק אויף זיי שקרים און בלבולים און שטעלט בכלל אַרויס די גאַנצע עדה אידן פון קאָוולע, (וועלכע שטאָט, ער רופט דאָרט אָן „שמידאַווין"), אין אַ מיאוסער און שלעכט־פאַלשער שיין. די אַלע פערזאָנען־קדושים, ווי ד"ר אשר פראַנקפורט — דירעקטאָר פון דער העברעאישער גימנאַזיע, חיים גרינבערג — דירעקטאָר פון דער איד. פאָלקס־באַנק, יאַנקל בוראַק — רעדאַקטאָר פון „קאָוולער שטימע" און אַנדערע, מיט וועלכע ער „רעכנט" זיך דאָרט אָפּ אין דערמאָנטן בוך, האָבן מיר געקענט פערזענלעך און מיר זיינען עדות, אַז אַלץ, דאָס שלעכטע וואָס ער שרייבט דאָרט וועגן זיי, זיינען פאַלשע און פוסטע רכילות־רייד מתחלה ועד סוף. איז כדי אָפּצולייקענען פאַר דער געשיכטע אָט די אַלע בלבולים, וועלכע גראַניטשטיין האָט אין זיין דערמאָנטן בוך געשריבן און כדי אַראָפּצונעמען דעם מיאוסן פלעק, וואָס ער וואַרפט דאָרט אויף דער גאַנצער שטאָט אונזערער, האָבן מיר באַשלאָסן צו רעאַגירן אויף דער דאָזיקער נבלה, אויף פאָלגנדיקן אופן: דעם 12־טן יוני 1951. האָבן מיר פאַרעפנטלעכט אין „די אידישע צייטונג" פון בוענאָס איירעס, פאָלגנדיקע פובליקאַציע:

„לאַנדסלייט־פאַראיין פון קאָוועל און אומגעגנט.—דערשטוינטע פון דעם, וואָס מיר האָבן געלייענט אין משה גראַניטשטיינס ביכער „וואָלין, מיין היים". אין וועלכע ער האָט באַשמוצט און באַליידיקט ביישוויליק, צוליב פערזענלעכע מאָטיוון, אידן פון אונזער שטאָט. וועמען מיר האָבן געקענט אַלס בכבודיקע און ערנטלעכע געזעלשאַפטלעכע טוער, לערער און אַנדערע, וועלכע זיינען אומגעקומען על קידוש השם, דורך די דייטשע רוצחים און קענען דעריבער זייער אייגענעם כבוד נישט פאַרטיידיקן — האָבן מיר באַשלאָסן צו רעאַגירן אויף גראַניטשטיינס אומדערהערטער האַנדלונג אויף פאָלגנדיקן אופן: 1) אָפּלייקענען עפנטלעך און קאַטעגאָריש די אַלע בלבולים און שטותערייען, וואָס גראַניטשטיין האָט אין זיינע ביכער געשריבן; 2) אויסשליסן אים פון מיטגלידערשאַפט פון אונזער פאַראיין; 3) אַפּעלירן צו די מאַסגעבנדיקע ליטעראַרישע און קולטורעלע אינסטיטוציעס דאָ אין לאַנד און אין אויסלאַנד, זיי זאָלן זיך אַרויסזאָגן צו אַזאַ אופן פון „שרייבן" מעמוארן פאַרשאַפט כבוד דעם אידישן וואָרט; 4) בעטן אַלע קאָוולער לאַנדסלייט. נישט צו האָבן מיט אים קיין שום מגע ומשא. (אונטערגעשריבן) די קאָמיסיאָן".

אויסער דעם, האָבן מיר זיך געווענדעט צום אידישן ליטעראַטן־און זשורנאַליסטן־פאַראיין „ה. ד. נאָמבערג" דאָ אין בוענאָס איירעס,

מיט אַ שריפטלעכער ווענדונג, אַז זיי זאָלן, נאָך אַ געהעריקער חקירה ודרישה, זיך אַרויסזאָגן וועגן דעם אויבנדערמאַנטן, פאַר אונז ווייטיקלעכן ענין, אויף וועלכן מיר האָבן באַקומען פאָלגנדיקן ענטפער:



SOCIEDAD DE ESCRITORES ISRAELITAS
«H. D. Nomberg»
איד. ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַריין
„ה. ד. נאָמבערג"
PUEYRREDON 667
T. E. 47-4849

Buenos Aires, דעם 18טן אויגוסט de 1951

צום קאָוולער לאַנדסלייט פאַריין

שטאָט.־

זייער חשובע פריינד:

מיר האָבן אויפמערקזאַם איבערגעלייענט דעם צווייטן באַנד פון דעם ווערק „וואָלין, מיין היים" (אידישע מעמואַרן פון איינעם, שיצא ולא חזר) פון אייער לאַנדסמאַן, דעם שרייבער משה גראַנאַטשטיין און מיר פאַרשטייען אייער פאַרדרוס; דער מחבר האָט ניט געהאַט קיין שום רעכט צו מודה זיין זיך פאַר די זינד פון אַנדערע און דאָס אָנרופן מענטשן בײַ די נעמען, איז אין אַזאַ פאַל עפּיש אַ פאַרברעכן. נעמענדיק אין באַטראַכט אַז די דאָזיקע, וועמען גראַנאַטשטיין שילדערט אַזוי פינסטער, זיינען אומגעקומען על קידוש השם, איז זיין פאַמפלעט קעגן זיי און קעגן דעם גאַנצן יידישן לעבן פון וואָלין, פשוט אַ לעסטערונג און אַ פאַרשוועכונג.

מיר געפינען פאַר נייטיק צו וואָרענען משה גראַנאַטשטיין, אַז מהיום והלאה זאָל ער זיך מתוודה זיין פאַר זיך, ניט פאַר אַנדערע און ער זאָל אויפהערן שרייבן אַזוי, אַז זיינע ווערק זאָלן קענען דינען ווי אַן אויל אויף דעם אַנטיסעמיטישן פייער און אייך בעטן מיר, אַז איר זאָלט מיט אָט דער דערקלערונג פאַרענדיקן דעם דאָזיקן פּיינלעכן ענין, ווייל ס'איז שוין — כדאי בזיון וקצף.

מיט די פריינטלעכסטע גרוסן

יעקב באָטאָשאַנסקי
פאָרזיצער

נ. קיטשמאַר
סעקרעטאַר

פאַקסימיל פון בריוו פון אידישן ליטעראַטן־פאַריין

איצט, ווען מיר האלטן שוין ביים פארענדיקן צו שרייבן דעם „פּנקס-קאָוועל", איז אויך איינער פון די לעצטע קאָם. זיצונגען באַשטימט געוואָרן דורכצופירן דעם היי-יאָריקן הזכרה-אקט, זונטיק דעם 9-טן סעפּטעמבער אין שיל אויף אוריבורו 348, וואו עס איז געזאמלט געוואָרן יזכור-געלט, א סומע פון 885 פּעזעס. און אויסער די אלגעמיינע טעטיקייט פון די קאָם. מיטגלידער, וואס דריקט זיך אויס אין אָפּהאלטן די וועכנטלעכע זיצונגען און דאס שיקן צו אונזערע לאנדסלייט אין ישראל, פּעקלעך מיט שפּייז, גייט אָן מצד דעם פאַרזיצער פון פאראיין און רעדאקטאר פון „פּנקס-קאָוועל" — בצלאל באַלער, און פון דער גאנצער קאָמיסיאָן, — א פיבערהאפטע טעטיקייט, כדי צו קענען באווייזן, אז דער „פּנקס-קאָוועל" זאל דערשיינען צו דער דאטע פון 13-טן אָקטאָבער פון קומענדיקן יאר 1951, ווען מיר וועלן פייערן אויף אָן עפנטלעכן אקט אין האטעל „ווערטהיים", אויף טוקומאַן 2220, די 25-יעריקע עקזיסטענץ פון אונזער פאראיין און גלייכצייטיק דאס דערשיינען פון „פּנקס-קאָוועל" (קאָוולע).



פרויען-קאָמיסיע ביים ל"ל־פאַריין אין יאר 1951

עס זיצן פון רעכטס: פרוי גאָלדצווייג, רחל באַנבורין, מעני באַלער (פאַרזיצערן),
מינע אברך, אסתר ווינטער.

שטייען: חנה ליקאַך, אַאידאַ קאַפּשטוק, פרוי קופּער, טובה ווינשטיין און פּערל מלמד.

(עס פעלן: אַאידאַ קראַמער, בתיה קרייזלער און פרוי גוישן).

די פאַרוואַלטונג פון ל״ל-פאַריין פון קאַוועל און אומג. אין ב. איירעס אין יאָר 1951
עס זיצן פון רעכטס צו לינקס: בעריש קאַפּשטוק, ישראל מלמד, אברהם יוסף גאָלפּערין, בצלאל
באָלער (פאָרזיצער), זוסיע וויינפּער, יעקב אברך און ישראל חיים פאַנטורין.
עס שטייען: נח וואָרצל, וואָלף וויינשטיין, מענדל לייקאָף, לייבל שוטער, נפתלי הערץ גאָלסט,
מאָטל קיפּער, ישראל קראַמער, חיים ווינטער, שמואל גאָלדצווייג (ס׳פעלט: י. וו. פינקעלשטיין).

פרעזידענטן פון ל״ל־פאראיין

פון יאָר 1926

זיסיע וויינפער

וואָלף בער פרייד

אברהם יוסף גאלפערין

יעקב טאָקער

פון קאָוועל און אומגעגנט

ביז יאָר 1951

יעקב קרייזער

יעקב אברן'

בצלאל באלער'

קרעדיט־קאאָפעראטיווע „ריאָ דע לא פלאטא”

(עקס קאָוולער לײ־ און שפאָר־קאַסע)

ווען עס איז אין יאָר 1926. געגרינדעט געוואָרן דער „לאנדסלייט־פאראיין פון קאָוועל און „אומגעגנט”, איז אין א פאָר הדשים ארום, ביים זעלבן פאראיין, געשאפן געוואָרן א לײ־ און שפאָר־קאסע. פיר און פופציק לאנדסלייט פון קאָוולע, ראטנע, מעלניצע, טריסק און אנדערע נאָענט־ליגנדיקע ישובים ארום קאָוולע, זיינען געווען די גרינדער פון פאראיין און די זעלבע זיינען אויך געווען די, וועלכע האָבן די לײ־ און שפאָר־קאסע געשאפן.

ליידער קענען מיר נישט, צוליב דעם פעלן פון אקטן־בוך פון יענער צייט, פארצייכענען די נעמען פון די אלע פיר און פופציק מיטגלידער־גרינדער און מיר וועלן נאָר אויסרעכענען די נעמען פון דער ערשטער קאָמיסיאָן־דירעקטיווע פון דער לײ־ און שפאָר־קאסע, (וועלכע האָט אויך גלייכצייטיק אנגעפירט מיט דעם קאָוולער לאנדסלייט־פאראיין): פרעזידענט: זיסיע וויינפער, וויצע־פרעזידענט: נח כהן, סעקרעטאר: איסר קאמינסקי, פרא־סעקרעטאר: י. גוטערמאן, קאסיר: מאָטל כיזשיק, פרא־קאסיר: העניך מאציזוער, וואָקאלן: מיכל מלמד ע״ה, וואָלף בער פרייד, אליהו כהן, לייבל באָקלער, איסר שער, יעקב ראָג און זלמן לייב שער, סינדיקא: אהרן באָבער און סינדיקא־סופלענטע: יעקב אברך.

די שלעכטע עקאָנאָמישע לאגע אין וועלכער די לאנדסלייט, די נאָר־וואָס אנגעקומענע אין לאנד, האָבן זיך דאן געפונען, האָט זיי געבראכט צום געדאנק פון גרינדן אזא לײ־קאסע. ווער עס האָט געארבעט אין וועלכער ס׳איז פאבריק פאר צוויי אָדער דריי פעזעס א טאָג, אנדערע האָבן זיך גענומען צום פעקל, ד. ה. גיין אין גאס מיט אביסל סחורה צו פארקויפן, ביי וואָס מען האָט אויך קיין גליקן נישט געמאכט און ווער פון די לאנדסלייט עס איז געווען א פאכמאן און האָט באקומען ארבעט ביי זיין פאך, — האָט ער געמוזט מיטברענגען אייגן געצייג צו דער ארבעט, ווי עס איז געווען איינגעפירט אין יענער צייט,

— האָט ער זיך גענויטיקט אין געלט, דאָס געצייג איינצוקויפן און ווער עס האָט זיך גענויטיקט אין אַנדערע זאַכן, און אין דער פרעמדער, אומבאַקאַנטער סביבה, אין וועלכער מ׳האָט זיך געפונען, איז נישט געווען צו וועמען זיך צו ווענדן וועגן אַ קרעדיט א. א. וו., — איז וועגן אָט־די אַלע פּראָבלעמען זיכער גערעדט און געזאָרגט געוואָרן אויף די זיצונגען פון לאַנדסלייט־פאַראיין און נישט געפינענדיק קיין צופרידנשטעלנדיקע לייזונג אין די ענגע ראַמען פון אַ פאַראיין, איז מען געקומען צום געדאַנק, וועגן שאַפן אַ ליי־קאַסע, וועלכע זאָל דעם מיטגליד אַרויסהעלפן אין דעם אַלעמען, און וואָס ער נויטיקט זיך און עס איז געשאַפן געוואָרן אַ קרעדיט־קאַסע אונטערן נאָמען: „ליי־ און שפּאַר־קאַסע" בײַם לאַנדסלייט־פאַראיין פון קאָוועל און אומגעגנט.

ווען די ליי־ און שפּאַר־קאַסע איז געגרינדעט געוואָרן, האָט אַן אַקציע באַטראָפן צוואַנציק פעזעס, אויף וועלכער ס׳איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ קרעדיט פון זעכציק פעזעס. די הלוואה וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן, איז פאַרשריבן געוואָרן אין אַ בוך (בעסער געזאָגט: אין אַ העפט), לויט דעם אַלטן היימישן שטייגער: נתתי און קבלתי. עס איז נישט געפאָדערט געוואָרן קיין שום דאָקומענטאַלער אונטערשריפט, אָבער דער פאַראיין האָט פאַר דער הלוואה גאַראַנטירט.

אָנפירער און בוכהאַלטער פון דער ליי־ און שפּאַר־קאַסע איז געווען דער פרעזידענט פון פאַראיין זעלבסט, זיסיע ווײַנפער, וועמען עס האָבן אַ גרופּע לאַנדסלייט, ווי: מיכל מלמד ע״ה, העניך מאַציוועער, זלמן לייב שער און אַנדערע, ממש געצוואונגען, אַז ער זאָל מיט דער ליי־ אאון שפּאַר־קאַסע אָנפירן און פאַר אַ לוין פון פופצן פעזעס אַ חודש — (אַן אומבאַדייטנדיקע סומע, אפילו פאַר יענער צייט), — האָט ווײַנפער דעם אַמט אָנגענומען און ער האָט זיך איבערגעגעבן דער אַרבעט פון אָרגאַניזירן און אָנפירן די ליי־קאַסע אויף אַזאַ אופן, כדי זי אויפצושטעלן, אין פאַרגלייך מיט די אומשטענדן אין יענער צייט, אויף אַ געהעריקער הויך.

ווען עס זיינען אַריבער עטלעכע הדשים און עס זיינען צוגעקומען אַ צאָל נייע מיטגלידער, די טעטיקייט פון דער ליי־קאַסע האָט זיך פאַרגרעסערט און זעענדיק אַז זי האָט שאַנסן צו פּראָגרעסירן, האָט די פאַרוואַלטונג באַשלאָסן צו העכערן די אַקציעס אויף 100 פעזעס יעדע איינע און דער קרעדיט — ביז 300 פעזעס אויף אַן אַקציע. פון דער צייט־אָן איז דער קרעדיט שוין אַרויסגעגעבן געוואָרן אויף אַן אונטערגעשריבענעם דאָקומענט און עס איז אויך געפאָדערט געוואָרן אַ גאַראַנטיע פון אַ צווייטן מיטגליד.

דער ערשטער עקזעקוטיוו פון דער „לײ- און שפאר-קאסע".
פון רעכטס: איסר קאמינסקי, זיסיע װײנבער און װ. ב. פרויד.

די פארוואלטונג פון לאנדסלײט-פאראײן, וועלכע, ווי געזאגט, האט אויך פארוואלטעט מיט דער לײ- און שפאר-קאסע, האט זײער פיל אכט געלײגט אויף אט-דער, אין פלוג זײטיקער און צווײטראנגיקער אקטיוויטעט ביים פאראײן, ווי דאס ארויסגעבן א מיטגליד א הלוואה. געלײגט אכט דערפאר, ווײל די אנפירער פון פאראײן האבן פארשטאנען, אז אויסער די אנדערע נוצן וואס דער מיטגליד האט פון פאראײן, איז דאס ארויסהעלפן אים עקאנאמיש, די באזע, די עקזיסטענץ און דער אויפהאלט זײנער. די זארג פארן לאנדסמאן, די פליכט פון קעגנזײטיקן ארויסהעלפן זיך, איז געווען אויך אזוי פיל, אז עס זײנען געווען פאלן, ווען עס זײנען אנגענומען געווארן מיטגלידער אין לײ- און שפאר-קאסע (וואס דאס מײנט, אויך אין פאראײן, ווײל עס איז דאך געווען היינו-הך), אין דער צײט ווען דער לאנדסמאן איז נאך געווען אין אײראפע, מען האט זײ געשיקט געלט כדי זײ זאלן קענען אהערקומען און שפעטער האבן זײ דעם חוב באצאלט.

אויף אזא אופן האט די פארוואלטונג פון לאנדסלײט-פאראײן, אנגעפירט א צווײיענדיקע אקטיוויטעט, — דעם פאראײן און די „לײ- און שפאר-קאסע", אין א משך פון זעקס יאר צײט, ד. ה. ביז דעם יאר 1933, אונטער דער אנפירונג פון איר פרעזידענט און מיטגרינדער זיסיע

הוינפּער, אין וועלכע פּעריאָדן עס האָט זיך, פֿאַרשטענדלעך, פּעריאָדיש געביטן דער צוזאַמענשטעל פֿון די פֿאַרוואַלטונגס־מיטגלידער, העגן וועלכע עס פֿעלן אונז דאַטעס צוליב דעם פֿעלן פֿון די אַקטן־ביכער.

אין פֿאַרלויף פֿון אַט די ערשטע זעקס יאָר, איז גלייכצייטיק מיט דער אַנטוויקלונג און פֿאַרגרעסערטער טעטיקייט פֿון לאַנדסלייט־פֿאַראיין, האָט זיך אויך פֿאַרשטאַרקט און אויסגעברייטערט די טעטיקייט פֿון דער לייי־ און שפּאָר־קאַסע אויף אַזוי פֿיל, אַז עס איז געוואָרן אוממעגלעך פֿאַר דער איין־און־דערזעלבער פֿאַרוואַלטונג אָנצופֿירן מיט די צוויי באַזונדערע אַקטיוויטעטן און אויף אַ גענעראַל־פֿאַרזאַמלונג, וועלכע איז פֿאָרגעקומען אין די ערשטע חדשים פֿון יאָר 1933, איז נאָך אַ גענויעם אַנאַליז און שטודיום פֿון דער סיטואַציע, באַשטימט געוואָרן: אַז כּדי ניט צו שטערן זיך אין דער אַרבעט קעגנזייטיק, זאָל די לייי־ און שפּאָר־קאַסע אָנגעפֿירט ווערן פֿון אַ באַזונדערער פֿאַרוואַלטונג. און אַזוי איז געשען. עס זײַנען אויף דער פֿאַרזאַמלונג אויסגעוויילט געוואָרן צוויי באַזונדערע פֿאַרוואַלטונגען, — איינע פֿאַר דעם פֿאַראיין און אַ צווייטע פֿאַר דער לייי־קאַסע ביים פֿאַראיין, וועלכע האָט פֿון דאַן אָן אָנגעהויבן צו שטייגן און פּראָגרעסירן אויף אַ מערקבאַרן אופֿן.

איידער מיר וועלן צוגיין איבערצוגעבן ווייטערדיקע פּרטים און דאַטן פֿון דעם פּראָגרעס פֿון דער לייי־ און שפּאָר־קאַסע, וועלן מיר דאָ אַלס כאַראַקטעריסטיק, פֿאַרצייכענען איייניקע הויפּט־ציפֿערן פֿון דעם באַלאַנס פֿון יאָר 1933, וואָס איז צוגעשטעלט געוואָרן צו דער גענעראַל־פֿאַרזאַמלונג, וועלכע איז פֿאָרגעקומען אין יאָר 1934, ד. ה. פֿון אַ יאָר טעטיקייט: הלוואות האָט מען אין דעם יאָר אַרויסגעגעבן אויף אַ סומע פֿון 36.895 פּעזעס, אין שפּאָר־קאַסע איז געווען אַ סומע פֿון 6.584,35 פּעזעס. דאָס געהאַלט פֿאַר דעם יאָר האָט באַטראָפֿן 300 פּעזעס, דירה־געלט 214 פּעזעס און דיווידענד האָט דער פּעריאָד געגעבן 704 פּעזעס מיט 55 סענט.

אַלס ערשטער פּרעזידענט פֿון דער זעלבסטשטענדיקער פֿאַרוואַלטונג פֿון דער לייי־ און שפּאָר־קאַסע אויף דעם פּעריאָד 1934, איז געוויילט געוואָרן דער לאַנדסמאַן וואָלף־בער פֿרייד, וועלכער איז די גאַנצע צייט, פֿון דעם ערשטן מאָמענט אָן פֿון דער אַנטשטייאונג פֿון דער „לייי־ און שפּאָר־קאַסע“, געווען אומדערמידלעך אַקטיוו און געאַרבעט לטובֿת דער זעלבער און זיך געפֿלייסט אונטערצוקומען, ניט נאָר מיט זײַן פֿלייס און ענערגיע, נאָר אויך מאַטעריעל, ווען דער מאָמענט האָט עס געפֿאָדערט, כּדי צו קענען אַנטקעגנקומען מיט הלוואות די מיטגלידער.

ביי דער געלעגנהייט, ווילן מיר דאָ אויך אונטערשטרייכן די אומגעהויערע פארדינסטן פארן פאראיין ווי פאר דער ליי-קאסע, פון דעם ערשטן סעקרעטאר אין דער פארוואלטונג און מיטגרינדער, פריינט איסר קאמינסקי, וועלכער האָט אייניקע יאָר צייט, פארנומען דעם אמט פון סעקרעטאר, אקטן-סעקרעטאר און אנדערע אמטן אין דער פארוואלטונג, וואו ער האָט פיל מיטגעהאָלפן און געארבעט לטובת די אינטערעסן און פאר דעם פראָגרעס פון דער אינסטיטוציע. אויך איז פריינט קאמינסקי דער, וואָס אויף אלע אונטערנעמונגען און אקטן אָדער ביי אנדערע ענלעכע געלעגנהייטן, וואָס דער פאראיין און די ליי-קאסע האָבן דורכגעפירט, איז ער שטענדיק ארויסגעטראָטן מיט זיין קלאָר און פארשטענדלעך וואָרט, זייענדיק דער אָנפירער אָדער קאָנפערענסיע פון די זעלבע, זיך ארויסווייזנדיק אלס איבערגעגעבענער פריינט און חבר צו לאנדסלייט און צו זיינע מיטמענטשן, וועלכע ליבנסווירדיקע אייגנשאפט עס איז אים פארבליבן ביז היינט-צו-טאָג.

אין דעם פעריאָד פון 1934, זיינען שוין ארויסגעגעבן געוואָרן הלוואות אויף א באטרעף פון 61.945 פעזעס און אין שפאָר-קאסע איז אריינגעקומען א סומע פון 21.872 פעזעס מיט 61 סענט. מיטגלידער זיינען אין אָט-דער צייט געווען — 237. (מיר ווילן דאָ באמערקן אז אין אונזער באשרייבן די געשיכטע פון דער ליי- און שפאָר-קאסע און אויך אין איר ווייטערדיקע פעריאָדן, אלס קאָאָפעראטיווע שוין, רופן מיר אָן נאָר די נעמען פון די פרעזידענטן אין זייערע רעספעקטיווע פעריאָדן און כדי צו אילוסטרירן דאָס, וועגן וואָס מיר ריידן, נעמען מיר ארויס נאָר אייניקע דאטן און הויפט-ציפערן, אָבער אויף א צווייט פלאן ווערן אָנגעוויזן די גאנצע פארוואלטונגען אין פלענום. אין יעדן פעריאָד באזונדער און געוויס וועלן אויך קומען גענויערע ציפערן און פארגלייכטאבעלן (דיאגראמען), געשריבן פון קאָמפעטענטע חברים אָדער צוגעשטעלט פון דער אדמיניסטראציע גופא).

אין ווייטערדיקן שטייגנדן גאנג פון דער ליי- און שפאָר-קאסע זעען מיר, אז שוין אין יאָר 1935, אונטער דער פרעזידענץ פון דוד באָקסער ע״ה, איז געקומען א פארגרעסערונג אין דער מיטגלידערשאפט ביז צו 339 מיטגלידער. הלוואות איז אין דעם זעלבן יאָר ארויסגעגעבן געוואָרן אויף א סומע פון 122.600 פעזעס, אין שפאָר-קאסע איז געבליבן 29.208 פעזעס מיט 81 סענט און דיווידענד האָט דער פעריאָד געגעבן 2.779 פעזעס מיט 78 סענט.

אָט דער-אָ באדייטנדיקער פראָגרעס, איז געקומען זיכער דערפאר, וואָס די גאנצע פארוואלטונג פון דער ליי- און שפאָר-קאסע, האָבן זיך איבערגעגעבן בראשם ורובם אין דער ארבעט און אויך דערפאר וואָס

זי איז געווען אָנגעפירט מיט אחריות און איבערגעגעבנקייט פון אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכער פערזאָן און געטרייען פריינט פון קאָאָפעראַטיוויזם. ווי עס איז דער פריינט זיסיע וויינפער. מיר זאָגן דאָ: „קאָאָפעראַטיוויזם" כאָטש די ליי- און שפאַר-קאַסע, האָט נאָך דאַן אָפיציעל אַזאַ נאָמען נישט געטראָגן, אָבער אין דער ווירקלעכקייט איז זי עס אַזאַ געווען.

אַז די אויפריכטיקייט פון די טוער, און זייער אויפגאַבע און שטרעבונג צו קאָאָפעראַטיוויזם און בכלל אויסצוברייטערן זייער טעטיקייט איז געווען אַן ערנסטע, איז צו זען פון דעם באַריכט פון פרעזידענט, וואָס איז צוגעשטעלט געוואָרן צו דער גענעראַל-פאַרזאַמלונג פון יאָר 1936. דאָרט זאָגט זיך צווישן אַנדערן:

„... עס איז נישט בלויז די אויפגאַבע פון אונזער באַנק, צו דורכפירן קאָמערציעלע אָפעראַציעס, נאָר פאַראייניקן דעם גייסט פון עקאָנאָמיזירן מיטן גייסט פון געזעלשאַפטלעכקייט. מיר דאַרפן מאַכן אַריינדרינגען צווישן די מיטגלידער דעם געדאַנק, אַז נישט נאָר ער האָט אַ צוטריט צו אונזער באַנק, נאָר אויך זיין פאַמיליע, זיינע באַקאַנטע א. א. וו.". דער דערמאָנטער באַריכט ווערט פאַרענדיקט מיט אַן אויפריכטיקער אָנערקענונג און דאַנק דעם בערענטע זיסיע וויינפער, וועלכער האָט אַלע זיינע כוחות און זיינע פעאיקייטן געשטעלט צו דער דיספּאָזיציע פון דער אינסטיטוציע, און אויך דעם קאַנטאַדאָר ש. שטיינבערג.

ענדע יאָר 1936 האָט די „ליי- און שפאַר-קאַסע" געציילט מיט 427 מיטגלידער. דער רעאַליזירטער קאַפיטאַל איז באַשטאַנען פון 44.373,50 פעזעס. אין דעם יאָר איז דער קרעדיט געהעכערט געוואָרן אויף 500 פעזעס אויף אַן אַקציע. עס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן הלוואות אויף אַ סומע פון 150.140 פעזעס. אין דער שפאַר-קאַסע איז געבליבן אַ סאַלדאָ פון 39.388,11 פעזעס. דיווידענדן האָט געגעבן 3.770,33 פעזעס, צו 9,30 פעזעס אויף אַן אַקציע.

אין דעם-אָ פעריאָד פון יאָר 1936, איז שוין קענטיק די פאַרוואַלטונג פון דער „ליי- און שפאַר-קאַסע" געקומען צום געדאַנק פון פאַרוואַנדלען די אינסטיטוציע אין אַ „קאָאָפעראַטיווע" מיט אָנערקענטער פון דער רעגירונג — יורידישע רעכט, ווי מיר זעען דאָס פון באַריכט, וואָס ס'האָט צוגעשטעלט דער פרעזידענט דוד באַקסער ע"ה צו דער גענ. פאַרזאַמלונג, וואָס איז פאָרגעקומען זונטיק דעם 21-סטן מערץ 1937. דאָרט זאָגט זיך צווישן אַנדערן, פאָלגענדעס: „...מיטן וואוקס פון אונזער געזעלשאַפט, האָבן מיר שוין פאַרן לעצטן פעריאָד דערפילט די אומגעהויערע שטערונגען, אויף וועלכע מיר שלאָגן זיך אָן,


24-X 1926 – 24-X 1936

דער דירעקטאָריום צוזאַמען מיט גרינדער אויפן אַקט פון צען־יעריקן יובילעאום פון דער קאָוולער לײַ־ און שפּאַר־קאַסע.

ביי אונזער טאָג-טעגלעכער ארבעט. איצט, ווען אונזער אינסטיטוציע איז אימשטאנד דורכצופירן א מערקבארן אינטערעס. (געמיינט צו זאגן: א מערקבארע שטייגערונג. — די רעד.), איז אומבאדינגט נויטיק צו פעסטשטעלן זי, דורך דער אָנערקענונג פון דער הויפּט-רעגירונג פון לאנד. און דאס אליין וועט דינען אלס פארלייכטערונג צו דורכפירן די אָפּעראציעס פונעם אנשטאלט אויפן בעסטן אופן צו גונסטן די מיטגלידער. מיין מיינונג איז, אז די חשובע מיטגלידער זאלן מיט פולן צוטרוי באפולמעכטיקן דער נייער פארוואלטונג דעם פּראיעקט דורכצופירן, בכדי צו געבן די מעגלעכקייט אנצוגיין מיט דער וויטערדיקער ארגאניזיר-ארבעט“... און ווייטער: „...איך וויל האָפן, אז מיט דער צוזאמענארבעט פון די דירעקטאָרן, וועלן מיר דורכפירן א ברייטן קאמפיין צווישן דער וואלינער לאנדסמאנשאפט צו צייכענען נייע אקציעס, און ווי מעגלעך דורכפירן אין דער פּראקטיק דעם פּראיעקט, וואס מיר האבן דיסקוטירט (וועגן פּערסאָנעריא כורידיקא)...“

אויסדריקנדיק ווייטער א דאנק פאר די מיטגלידער פון דירעקטאָריום, וואס האבן פארענדיקט זייערע מאנדאטן און דעם אומדערמידלעכן און געטרייען מיטארבעטער און כערענטע, זיסיע וויינפער און קאָנטאדאָר שטיינבערג, ווערט פארענדיקט די מעמאָריע מיט פאלגנדיקע ווערטער: „נאָר איינעם פון דירעקטאָריום, פיל איך מיר נישט אימשטאנד אָפּצודאנקען... דאס איז אונזער סינדיקאָ וו. ב. פרייד, וועלכער, נאָך עלף יאָר קרבנותפולער ארבעט, זעענדיק שוין דעם אנשטאלט א באפעסטיקטן, דערלויבט (ער) זיך צו נעמען אורלויב...“

ווי מיר זעען, אלזא, פון דער לעצט-געבראכטער טייל אין דעם באריכט, אז שוין אין יאָר 1936, איז געבוירן געוואָרן דער געדאנק, ביי די אָנפירער פון דער „ליי- און שפּאָר-קאסע“, צו פארוואנדלען זי אין א „קאאפּעראטיווער קרעדיט-אינסטיטוציע“ מיט אן אָנערקענטער פון דער רעגירונג יורידישער רעכט (פּערסאָנעריא כורידיקא).

אין יאָר 1937 האָט פארנומען דעם אמט פון פּרעזידענט דער ה׳ ברוך טאניס. אין דעם יאָר זיינען ארויסגעגעבן געוואָרן קרעדיטן אויף א סומע פון 237.570 פּעזעס, ד. ה. א שטייגערונג אויף גאנצע 60 פּראָצענט. אין שפּאָר-קאסע איז געווען א סומע פון 56.533,19 פּעזעס. נייע מיטגלידער אין פארלויף פון דעם יאָר, זיינען צוגעקומען — 114, באשטייענדיק איצט אין א צאָל פון 541 מיטגלידער. אין דער מעמאָריע פון פּרעזידענט, צוגעשטעלט צו דער גענ. פארזאמלונג פון 1938, זאָגט

זיך: „...(דאָס ארויסגעבן אזא באדייטנדיקע סומע געלט אין הלוואות) שטעלט אוועק אונזער קרעדיט־קאסע אין דער רייע פון די אנגעזעענסטע ענלעכע אינסטיטוציעס אין דער הויפטשטאָט... דאָס איז געשען א דאנק דער אומדערמידלעכער אנשטרענגונג פון דעם דירעקטאָריום אינגאנצן און באזונדער פונעם קאסיר ה׳ יעקב קרייזער און סינדיקא ה׳ וואָלף וויינשטיין, וועלכע האָבן מיטן גאנצן אחריות און איבערגעגעבנקייט צום גורל און גוטן נאָמען פון אונזער אנשטאלט, באגלייט אין דער ארבעט און דערמעגלעכט צו אזא גלענצנדיקן צושטאנד”.

דירעקטאָרן און אקציאָנערן אויף אַן אַקט ביים איבערנעמען אַמטן

וועגן דעם פראָיעקט פון „פערסאָנעריא כורידיקא”, זאָגט זיך אין ווייטערדיקן טייל פון דער מעמאָריע, אז... „די גענעראל פארזאמלונג פון פאראיאָרן האָט באפולמעכטיקט צו אָנהייבן די ארבעט פון באקומען די אָנערקענונג פון דער הויפּט־רעגירונג פון לאנד. אָבער צוליב די נויטיקע רעפאָרמען, וועלכע דארפן דורכגעפירט ווערן צו דעם צוועק... איז נישט מעגלעך געווען ביז היינט־צו־טאָג צו קומען מיט ממשותדיקס.... אָבער צו דעם ענין איז געווענדעט אונזער געהעריקע אויפמערקזאמקייט און מיר האָבן שוין אָנגעהויבן פארשידענע ארבעטן, בכדי צו פארווירקלעכן אונזער אויפגאבע”.

און ווייטער, אונטערשטרייכנדיק דעם פראָגרעס וואָס די ליי־קאסע האָט געמאכט, ווערט צוגעגעבן: „...מיר באמערקן, אז מיר באטראכטן נאָך נישט אונזער ארבעט פאר פארענדיקט. מיר זיינען איבערצייגט, אז ארבעטנדיק געטריי און איבערגעגעבן, וועלן מיר דערפירן אונזער אינסטיטוציע צו אזא צושטאנד, וואָס זאל איר דערמעגלעכן צו פארנעמען א בכבודיקן אָרט צווישן דער קאָלעקטיוויטעט....”

אין דעם יאָר (1937) איז פאָרגעקומען דער באדויערלעכער פארלוסט פון עקס־פרעזידענט דוד באקסער ע״ה, וועמענס טויט עס האָבן שטארק באדויערט אזוי די גאנצע פארוואלטונג, ווי אלע לאנדסלייט און מיטגלידער, ביי וועלכע ער איז געווען זייער באליבט.

אין יאר 1938 איז ווידער אויסגעוויילט געווארן אלס פרעזידענט, דער אלטער אקטיווער טוער וואלף-בער פרייד. עס איז אין דעם פעריאד ארויסגעגעבן געווארן הלוואות אויף א סומע פון 308.490 פעזעס, א העכערונג פון 30 פראצענט. רעאליזירטער קאפיטאל איז געווען 64.435 פעזעס און אין שפאר-קאסע — 79.334,53 פעזעס.

אין דער מעמאריע פונעם פרעזידענט, צוגעשטעלט צו דער גענ. פארזאמלונג, וועלכע איז פארגעקומען דעם 16-טן אפריל 1939, אין לאקאל אויף טוקומאן 2641, זאגט זיך צווישן אנדערן: „...מיר האלטן פאר נויטיק מיטצוטיילן די חשובע הערן אקציאנערן, אז גלייך נאך דער דאזיקער פארזאמלונג, וואס וועט דארפן באהאנדלען און באשטעטיקן דעם פראיעקט פון די סטאטוטן, וואס זאלן דערמעגלעכן, אז זונזער קרעדיט-קאסע זאל, צופאסנדיק זיך צו די געהעריקע געזעצן, אננעמען די פארעם פון א „קאאפעראטיווע געזעלשאפט”; ווי אויך אויסוויילן א דירעקטאריום, וואס וועט פארזעצן מיט אלע נארמאלע טעטיקייטן פון דער קרעדיט-קאסע, אויך (וועט דער דירעקטאריום) דארפן גלייך זארגן צו באקומען די „פערסאנעריא כורידיקא”.

אז דאס אויבנגעזאגטע איז דורכגעפירט געווארן, איז צו זען פון דער מעמאריע פון פרעזידענט, ה' יעקב טאקער, אין דעם פעריאד פון יאר 1939, צוגעשטעלט צו דער גענ. פארזאמלונג, וואס איז פארגעקומען דעם 24-סטן מערץ 1940.

אין דעם אויבנדערמאנטן פעריאד, וועלכער איז געווען א טראנסצעדענטאלער פאר דער קרעדיט-קאסע, (ווייל דעם 27-סטן סעפטעמבער 1939 איז די קרעדיט-קאסע פארוואנדלט געווארן אין א „קאאפעראטיווער געזעלשאפט”), איז ווי שוין דערמאנט, געווען פרעזידענט — ה' יעקב טאקער, סעקרעטאר — יוסף באבער און קאסיר — מאטל טעלעזאן. עס זאגט זיך אין דער מעמאריע, צווישן אנדערן: „...נישט קוקנדיק אויף דעם אויסברוך פון דער מלחמה אין אייראפע, וואס האט אריינגעבראכט א פארשטענדלעכע דעסאריענטאציע, אין די קאמערציעלע קרייזן, און דאס האט געטראפן אין דער צייט פון באקומען די „פערסאנעריא כורידיקא”, דאך קענען מיר אנווייזן אז מיר האבן פארענדיקט דעם פעריאד אין א צופרידנשטעלנדיקן צושטאנד און מיט א שטייגנדיקן פראגרעס”.

דער רעאליזירטער קאפיטאל איז געשטיגן ביז 70.500 פעזעס. הלוואות זיינען אין דעם יאר ארויסגעגעבן געווארן 295.450 פעיעס. די „קאאפעראטיווע” האט זיך איבערגעצויגן אין א נייעם גרעסערן לאקאל, אויף כונין 351, עס איז איינגעקויפט געווארן נייע מעבל און אנדערע באקוועמלעכקייטן זיינען איינגעארדנט געווארן און עס איז צו-

גענומען געװאָרן צו הילף דעם בערענטע װײנפּער און קאָנטראָר שטײנבערג, א נײער אָנגעשטעלטער. דער יוגנטלעכער סאָלאָמאָן שנײדער.

פון דאַן אָן, האָט די „קאָאָפּעראַטיװע" נאָך מער װי פריער, אָנגעהױבן צו שטײגן און פּראָגרעסירן. אין יאָר 1940 איז געװײלט געװאָרן אלס פּרעזידענט ה' ישראל הײם פּאַנטורין. דער צוטרױ פון די אַקציאָנערן צו דער „קאָאָפּעראַטיװע" איז געװאָרן נאָך גרעסער און דער אומזאַץ געהעכערט. דאָס קען מען זען פון פאָלגנדיקע ריבריקן אין באַלאַנס פון יאָר 1940: הלװאות זײנען אַרױסגעגעבן געװאָרן — 328.670 פּעזעס, אין שפּאָר־קאַסע איז געװען 102.378.21 פּעזעס, דיװידענדן האָט דאָס יאָר געגעבן 5.006.53 פּעזעס.

אין יאָר 1941, דער צװײטער פּעריאָד פון דער פּרעזידענטן פון י. ה. פּאַנטורין, איז צו באַמערקן נאָך א גרעסערע שטײגערונג אין דער טעטיקײט פון דער קאָאָפּעראַטיװע, װי עס איז צו זען פון דער „מעמאָריע און באַלאַנס", װאָס איז צוגעשטעלט געװאָרן צו דער גענ. פאַרזאַמלונג, װאו עס זאָגט זיך צװישן אנד.: „...נישט קוקנדיק אויף דעם, װאָס די לאַגע פון דעם מלחמה־צושטאַנד אין אײראָפּע האָט אויך געװירקט אויף די היגע קאָמערציעלע פאַרהעלטענישן, האָט דאָך געשטיגן און פּראָגרעסירט די טעטיקײט פון דער קאָאָפּעראַטיװע". אזוי צ. ב. האָט מען אַרױסגעגעבן קרעדיטן אין פאַרלויף פון יאָר — 454.054 פּעזעס. א העכערונג אין פאַרלויף פון יאָר מיט 125.384 פּעזעס (38 פּראָצענט). אין דעם יאָר איז אויך אָנגעהױבן געװאָרן צו מאַכן אָפּעראַציעס אין פאָרעם פון דעסקױנטאָס (אויף 120 טעג). עס זײנען צוגעקומען 55 נײע מיטגלידער און אין „פאָנדאָ דע פּרעװיסיאָן". װאָס דאָס מײנט די פּערזענלעכע אָפּגעשפּאָרטע געלטער, פון יעדן אַקציאָנער באַזונדער, האָט זיך געפונען אין קאַסע א סומע פון 154.622 פּעזעס.

און עס װערט װײטער באַמערקט אין דער „מעמאָריע": „...נישט קוקנדיק אויף דער פאַרגרעסערונג פון דעם אַרױסגעבן די קרעדיטן, איז דאָך נישט אויסגעקומען זיך צו באַנוצן מיט די קרעדיטן, װאָס זײנען פון פאַרשידענע בענק, צו אונזער קאָאָפּעראַטיװע אָנגעבאָטן געװאָרן. דאָס באַװײזט, װידעראַמאָל, דעם גוטן נאָמען װאָס אונזער קאָאָפּעראַטיװע האָט זיך דערװאָרבן אין די קאָמערציעלע קרײזן און אין די געהעריקע גרעסערע קרעדיט־אַנשטאַלטן פון שטאָט, װאָס דאָס איז א רעזולטאַט פון דער גוטער אָנפירונג און מוסטערהאַפטער אַדמיניסטראַציע פון דער קאָאָפּעראַטיװע און דאָס דערפילן מצד די מיטגלידער־אַקציאָנערן זײערע צאָלונגען און אָבליגאַציעס.



דער דירעקטאָריום ביים איבערנעמען אַמטן אין 1942.

עס זיצן פון רעכטס צו לינקס: יעקב טאָקער, זוסיע וווינפער, מאָטל קיפּער, י. ח. פּאַנטורין, חיים שטיינבערג, יעקב אברך, מיכל מלמד ע״ה, עזריאל האָכגעלערנטער.

עס שטייען: יאָקל קליינמאַן, אברהם פייערשטיין, יצחק גאַלון, עריקאָ פּאַנצער, י. מאַזשאַניק, י. זינאָוויעץ, הערשל קאָלירען, ז. קאָסאָווער און א. שנירמאַכער.

אין דעם דאזיקן פעריאָד, איז צוליב בעסערער באקוועמלעכקייט וועגן, האָט די קאָאָפעראטיווע זיך אריבערגעצויגן אין דעם (איצטיקן) לאָקאל אויף דער גאס פארמיענטא 2437.

אין יאָר 1942, אויך אונטער דער פרעזידענץ פון י. ה. פאנטורין, האָט ווידער די קאָאָפעראטיווע אונזערע געגעבן א גיי-פאראויס מיט א שטייגנדיקן פראָגרעס. עס זיינען אין דעם יאָר ארויסגעגעבן געוואָרן קרעדיטן אויף א סומע פון 683.162 פעזעס, א העכערונג אויף 50 פראָצענט. דער „פאָנדאָ דע פרעוויסיאָן” איז געשטיגן ביז 228.208 פעזעס. עס זיינען צוגעקומען 98 מיטגלידער און דער סאָציאלער קאפיטאל פון דער קאָאָפעראטיווע איז געווען 92.790 פעזעס.

א גאר גרויסן שריט פאראויס האָט אונזער קאָאָפעראטיווע געמאכט אין יאָר 1943, אונטער דער פרעזידענץ פון ה' יוסף באָבער. אין דעם יאָר איז דאָס ארויסגעבן פון קרעדיטן פארדאָפלט געוואָרן. זיי האָבן באטראָפן א סומע פון — 1.214.142 פעזעס. דער „סאָציאלער קאפיטאל” האָט זיך פארגרעסערט ביז — 127.627 פעזעס. דער „פאָנדאָ דע פרעוויסיאָן” האָט געשטיגן ביז 443.493.07 פעזעס. עס זיינען צוגעקומען 120 נייע מיטגלידער, דערגרייכנדיק די צאָל פון 672. אין צווייטן יאָר פון דער פרעזידענץ פון ה' יוסף באָבער, ד. ה. אין יאָר 1944, איז ווידער שטארק פארגרעסערט געוואָרן די קאָאָפעראטיווע-טעטיקייט. קרעדיטן זיינען ארויסגעגעבן געוואָרן — 2 011.568.88 פעזעס. אין „פאָנדאָ דע פרעוויסיאָן” איז געווען 674.924.17 פעזעס. דער קאפיטאל-סאָציאל צוזאמען מיט דעם „רעזערוו-קאפיטאל”, האָט באטראָפן 159.860.22 פעזעס. עס זיינען צוגעקומען 103 נייע מיטגלידער; אין ס"ה 773 מיטגלידער.

אין די יאָרן 1945-46 איז געווען פרעזידענט ה' יעקב קרייזער. אין פארלויף פון אָט די צוויי יאָר, איז ווידער די קאָאָפעראטיווע געגאנגען מיט אן אלץ שטייגנדיקן פראָגרעס. אזוי איז צו זען, אז אין יאָר 1946, איז ארויסגעגעבן געוואָרן קרעדיטן אויף א סומע פון 3.395.424 פעזעס. אין „פאָנדאָ דע פרעוויסיאָן” איז געווען 841.438 פעזעס און מיטגלידער זיינען געווען 927.

אויף דעם פעריאָד 48 - 1947 איז אויסגעוויילט געוואָרן אלס פרעזידענט דער ה׳ חיים שטיינבערג. די „פארגלייכס־טאבעלן“ וועלכע וועלן דאָ, מעגלעך, אויף א צווייטן פלאַן געגעבן ווערן, וועלן באַזונדער אָפּשפּיגלען דעם פּראָגרעס, וואָס אונזער קאָאָפּעראטיווע האָט געמאכט אין פארלויף פון אָט די צוויי יאָר טעטיקייט פון דער גאנצער פארוואלטונג מיט דעם פרעזידענט ה׳ חיים שטיינבערג בראש.

דער צוטרוי און פרעסטיזש וואָס די קאָאָפּעראטיווע אונזערע, באַקאנט אונטערן נאָמען די „קאָוולער באנק“, האָט זיך אין פארלויף פון אָט־דער צייט דערוואָרבן אויף דער אידישער גאס, (און נישט נאָר אויף דער אידישער גאס אליין), אלס איינע פון די גרעסטע און גוטשטייענדיקע „קאָאָפּעראטיווע קרעדיט־אנשטאלטן“ אין לאנד, איז געוואקסן פון יאָר צו יאָר. די שוועריקייטן פון צו באַקומען קרעדיטן אין אנדערע בענק, און די ליבעראַלע באהאנדלונג און פאָלקסטימלעכע באַציאונג פון די קאָאָפּעראטיווע־אָנפירער צו די מיטגלידער אירע, האָט איר נאָכמער פּאָפּולער געמאכט און עס זיינען צוגעקומען אַלץ מער נייע מיטגלידער, וועלכע האָבן דאָ געפונען אַן אָנשפאַר און פאַר א טייל — ממש א רעטונג אין זייער עקאָנאָמישן מצב.

אַז די מיטגלידער האָבן אָפּגעשאַצט ווי געהעריק די פארדינסטן און די לייסטונגען פון ה׳ שטיינבערג פאר דער קאָאָפּעראטיווע, איז צו זען דערפון, וואָס ער איז ווידערגעוויילט געוואָרן אויף נאָך א פּעריאָד, אין די יאָרן 50 - 1949. דער ה׳ שטיינבערג, צוזאַמען מיטן גאנצן דירעקטאָריום און מיט דעם אומדערמידלעכן בערענטע, זיסיע ווייספער, וועלכער שטייט פון איר גרינדונג־אָן, ד. ה. 25 יאָר פּערמאנענט ביי דער ארבעט פון אונזער אינסטיטוציע, דער קאָנטאַדאָר ש. שטיינבערג מיט דעם גאנצן פּערסאָנאל, האָבן דערפירט צו דער גוטשטייענדיקער פּאָזיציע, צום פּרעסטיזש און דערפאָלג, אין וועלכער די קאָאָפּעראטיווע אונזערע געפינט זיך היינט־צו־טאָג, לייסטנדיק מיט איר אקטיוויטעט פיל נוצן אין עקאָנאָמישן זין, פאָר אירע 1287 מיטגלידער, וועלכע זיינען אין איר אָנגעשלאָסן.

אויף דאָס אויבנגעזאָגטע צו באַלייכטן, וועלן מיר ארויסנעמען איניקע הויפּט־ציפערן פון לעצטן באַלאַנס, וואָס איז צוגעשטעלט געוואָרן צו דער/ גענ. פארזאמלונג וואָס איז פאָרגעקומען אין מערץ 1951. עס זיינען אין פארלויף פון יאָר 1950 ארויסגעגעבן געוואָרן קרעדיטן אויף דער אַלגעמיינער סומע פון 7.219.501,74 פּעזעס. דער „סאָציאַלער קאַפּיטאַל“ האָט באַטראָפן 510.700 פּעזעס. די פּערזענלעכע אינוועסטירונגען, ד. ה. „פאָנדאָ דע פּרעוויסיאָן“ האָט באַטראָפן 2.417.226,23



אַ טייל פון דירעקטאָריום און גרינדער אויפן אַקט פון 20־יעריקן יובילעאום.
עס רעדט דער פרעזידענט ה׳ יעקב קרייזער.

פּעזעס. מיר ווילן דאָ, די לעצט-געבראַכטע ציפערן, נישט קאָמענטירן, ווי ווערט געזאָגט אין אַזעלכע פאַלן: — זיי רעדן פאַר זיך אַליין.

מיר ווילן דאָ באַמערקן, אַז אין פאַרלויף פון יאָר 1949, איז געווען צו באַדויערן די פאַרלוסטן פון עקס וויצע־פּרעזידענט שמואל ציקמאַן ע"ה און פון איינעם פון די דירעקטאָרן, א טיכטיקער און געטרייער מיטאַרבעטער אין חבר. דער ה' יעקב רינבערג ע"ה און אין יאָר 1950 — דעם פאַרלוסט פון איינעם פון די גרינדער און עקס וויצע־פּרעזידענט, דער ה' מיכל מלמד ע"ה, וועמענס טויט דער גאַנצער דירעקטאָריום און אַלע מיטגלידער־אַקציאָנערן האָבן זייער באַדויערט און זיי אָפּגעגעבן דעם געהעריק־פאַרדינטן כבוד.

דער עקזעקוטיוו אין לויפנדן פעריאָד 1951



פון רעכטס: יעקב טאַקער — קאַסיר, מאַטל טעלעזאָן — פּרעזידענט,
הערשל באַבער — סעקרעטאַר.

איצט, אין לויפנדיקן פעריאָד 1951, צו די 25 יאָר עקזיסטענץ, ווערט די קאָאָפּעראַטיווע פאַרוואַלטעט פון א דירעקטאָריום. אין וועמענס אָנפירונג עס שטייען: דער ה' מאַטל טעלעזאָן, אַלס פּרעזידענט; ה' הערשל באַבער — סעקרעטאַר און ה' יעקב טאַקער — אַלס קאַסיר. דער גורל האָט געוואָלט, אַז דער ה' מאַטל טעלעזאָן, וועלכער איז געווען אין יאָר 1939, ווען ס'איז באַקומען געוואָרן „פּערסאָנעריא כורידיקאַ" — קאַסיר, דער ה' יעקב טאַקער. וואָס איז דאַן געווען פּרעזידענט און דער ה' הערשל באַבער, וועמענס פאָטער, דער ה' יוסף

אַ טייל פון עולם אויף דעם יו"ט אין „סענטראָ פאַנאַדעראָס" -- צום 20־יעריקן יובילעאום
פון „קאָאָפּ. ריאָ דע לאַ פלאַטאַ".

דער דירעקטאָריום און אַ טייל פון פובליקום אויפן אימפּאָזאַנטן אַקט, אין סענטראָ פּאַנאַדעראָס״,
צום 20־יעריקן יובילעאום פון דער אינסטיטוציע.

אַ טייל פון דירעקטאָריום און גרינדער אויפן אַקט פון 20 יעריקן יובילעאום פון דער „קאָאָפּעראַטיװע".
עס זיצן פון רעכטס צו לינקס: סאָלאָמאָן מאַרקמאַן און פרוי, וואָלף בער פרייד און פרוי, זוסיע
ווײַנפער און פרוי, יעקב קרייזער און פרוי. עס שטייען: יעקב אברך און בערל נייטער.

באָבער, איז דאן געווען סעקרעטאר, — אז אָט־די דריי השובע מיטגלידער־לאנדסלייט אונזערע, זאָלן איצט צום 25־יעריקן יובילעאום פון אונזער אינסטיטוציע, שטיין אין דער שפּיץ פון דער אָנפירונג (דער עקזעקוטיוו), און צוזאמען מיט זיי געפינען זיך איצט אין דירעקטאָריום א רייע גרינדער און לאנג־יעריקע טוער אין דער אינסטיטוציע, אזעלכע ווי: פריינט איסר קאמינסקי, דער ערשטער סעקרעטאר און מיטגרינדער — אלס איצטיקער וויצע־פרעזידענט, ה׳ מאָטל קיפער, — איינער פון די גרינדער, אלס איצטיקער — פראָ־סעקרעטאר, יעקב קאָזאק, אויך איינער פון די גרינדער — אלס איצטיקער פראָ־קאסיר און אלס וואָקאלן: .דער מיטגרינדער און מיטגליד נומער איינס, — ה׳ יעקב אברך, ישראל האָניק, אליהו יצחק רייף, איסר שער (גרינדער) און לעאָן מאָסטאָווסקי; סופלענטעם: יואל ווערפל, יעקב טאראסאָוו און אשר ווינשטיין און אלס סינדיקאָ, דער מיטגרינדער און לאנג־יעריקער אקטיווער טוער, פריינט וואָלף־בער פרייד און סינדיקאָ־סופלענטע: בער זיידאָרף, און אלס כערענטע, — דער ערשטער פרעזידענט, וועמענס פארדינסטן פאר דער אינסטיטוציע איז א באזונדער קאפיטל פאר זיך — דער ה׳ זיסיע וויינפער.

אָט־די אלע איבנאויסגערעכנטע, ד. ה. דער גאנצער דירעקטאָריום אין איצטיקן פעריאָד, ארבעטן אקטיוו פאר דעם נאָך גרעסערן פראָגרעס און וואוקס פון דער קאָאָפעראטיווע, וועלכע שטייגט אין אירע אומזאץ־אָפעראציעס, ממש פון טאָג־צו־טאָג. אזוי זעען מיר, אז בלויז אין פארלויף פון ערשטן האלבן יאר אין היינטיקן פעריאָד (1951) האָט דער ארויסגעגעבענער קרעדיט שוין איבערגעשטיגן דעם גאנצן פארגאנגענעם פעריאָד פון 1950 און אזוי אלץ ווייטער מיט אן אלץ מער שטייגנדיקן פראָגרעס.

איצט, צום 25־יעריקן אניווערסאר פון דער קרעדיט־אינסטיטוציע, האָט דער דירעקטאָריום איינשטימיק באשלאָסן צו פייערן אָט־די ווירדיקע דאטע אויף א פארנעמבארן אופן. דער יום־טוב וועט פאָרקומען אין סאלאָן „פרינץ זשאָרזש־האל”, דעם 22־סטן נאָוועמבער ד. י. אויף דעם אקט וועט זיכער אָפגעשאצט און דערמאָנט ווערן די אנגעשטרענגטע ארבעט פון די גרינדער פון דער „קרעדיט־קאסע”, — די לאנדסלייט פון קאָוועל און אומגעגנט, מיט איר ערשטן פרעזידענט און מיטגרינדער, פ׳ זיסיע וויינפער בראש און די אלע, וועלכע האָבן

אין די ערשטע יאָרן און אויך שפּעטער, געאַרבעט געטריי און איבערגעגעבן פאַר זייער באַליבטער אינסטיטוציע און האָבן דערפירט אַט-די קליינינקע געוו. „ליי- און שפּאַר-קאַסע“ ביים לאַנדסלייט-פאַראיין פון קאָוועל און אומגעגנט, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן מיט אַזעלכע קליינע מיטלען, צוריק מיט 25 יאָר, אָבער מיט מוט און גלויבן, — צו אַט-דער סאָלידער באַזע און צום גוטשטייענדיקן מצב. אין וועלכער עס געפינט זיך איצט די איבעראַל גוט-באַקאַנטע „קאָוולער באַנק“ און ווי זי הייסט היינט אָפיציעל: „קאָאָפּעראַטיווא דע קרעדיטאָס ריאָ דע לאַ פלאַטאַ“.

דער פּערסאָנאַל פון קאָאָפּעראַטיווע

עס זיצן פון רעכטס: וויקטאָר גאָלסט, סאַמועל שטיינבערג (קאָנטאַדאָר), זוסיע וויינבער (בערענטע) און גיזשערמאָ פעלדמאַן. עס שטייען: רפאל וויינבערג און בערטא שטיינבערג.

איצטיקער דירעקטאָריום



עס זיצן פון רעכטס: יעקב קאָזאַק, זיסיע וויינפּער (בערענטע), איסר קאַמינסקי (וויצע־פּרעזידענט), יעקב טאָקער (קאַסיר), מאָטל טעלעזאָן (פּרעזידענט), הערשל באָבער (סעקרעטאַר), וו. ב. פרייד (סינדיקאָ) און מאָטל קיפּער

עס שטייען פון רעכטס: בער זיידאָרף, ישראל האָניק, איסר שער, י. טאַראַסאָוו, אליהו יצחק רייף, יעקב אברך, ל. מאָסטאָווסקי, יואל ווערפל און אשר וויינשטיין.

ישראל האניק

25 יאר קאוולער באנק

ווען מען גיט א טראכט וועגן דער באדייטונג פון 25 יאר לעבן פון אזא פאלקסטימלעכער אינסטיטוציע, וועלכע איז געגרינדעט געווארן דורך באשיידענע אימיגראנטן, אין זייערע ערשטע יארן פון זיין אין לאנד און די אומשטענדן אין וועלכע זיי האבן געלעבט און וואו א סך פון זיי האבן זיך נאך נישט געהאט איינגעבירגערט אין דעם נייעם וואוין־ארט, ווייל א גרויסער טייל האט געדענקט צו נעמען דעם וואנדער־שטעקן אין האנט און פארן אין דער „אמתער" אמעריקע, און דאך האבן זיך א קליינע צאל קאוולער, ראטנער, מעלניצער און פון אנדערע נאענטע ישובים ארום קאוולע, זיך פאראייניקט מיט דעם געדאנק און האבן געשאפן דאס קליינע „בענקעלע", וואס האט אין פארלויף פון יארן דורכגעמאכט פארשידענע גילגולים און געביטן די וואוין־פלעצער און מיט פיאנערישע אידעאליסטישע פירער, געגאנגען פאראויס און געוואקסן פון יאר־צו־יאר, — ווען מען טראכט איצט דערפון, זעט מען, ווי טרוימען בלויז, אין פולסטן זין פון ווארט, זיינען פארווירקלעכט געווארן און די „קאוולער באנק" איז דערהויבן געווארן צו דער פאזיציע און פארנעם וואס זי איז היינט פאר די הונדערטער אקציאנערן און לאנדסלייט.

פארטראכט זיך נאר און באנעמט דעם ווירוואר פון דעם מענטשלעבן לעבן אין פארלויף פון 25 יאר. כאפט נאר א בליק אין תהום פון די פארלוירענע יארן, איבערהויפט פאר אונז אידן. די פארשידענע קריזיסן און צרות, אינערלעכע און אויסערלעכע סיבות, ביז צום גרויסן און פאטאלן וועלט-מבול, ווען אונזערע היימען און דאס דארטיקע אידישע לעבן איז אזוי גרויזאם ארויסגעריסן געווארן מיטן ווארצל און פארהוילן געווארן אויף אלע אייביקייטן און פארשטומט איז געווארן

אונזער בריוולעכע שפּראַך און דער המשך פון היים און פאַמיליע האָט זיך ליידער געענדיקט...

און אין וואָס דריקט זיך אויס המשך? — אָט פילסטו און דו זעסט, ווי מענטשן האָבן געגרינדעט א קליין אינסטיטוציעלע און אינטואיטיוו, האָבן זיי געשאַפן המשך און דערפאַר טאקע, דאַרפן מיר באַגריסן די גרינדער פאַר זייער איניציאַטיווע און פאַר זייער אונטערנעמונגס־גייסט, וואָס דער געזונטער פאָלקס־חוש האָט זיי געפירט און א דאנק זיי האָבן מיר היינט דעם קרעדיט־אנשטאַלט, וואָס טראָגט איצט דעם באמת גרויסן נאָמען: „קאָאָפּעראַטיווא דע קרעדיטאָ, ריאָ דע לא פּלאַטא".

וואָס דאָס ווערק באַדייט פאַר אונזערע לאַנדסלייט, קען מען עס ערשט איצט אָפּשאַצן אין דער פולער מאָס. בלעטערנדיק די אקטן, וואָס זיינען אין יענע ערשטע יאָרן געשריבן געוואָרן אין אידיש, זעט מען, ווי עס ווערט געניי אָפּגעשפּיגלט אין פאַרשידענע אַספּעקטן, די וויכטיקע ראָל וואָס די „באַנק" איז געווען פאַר אירע לאַנדסלייט. נישט נאָר די ציפערן פון יענע יאָרן דערציילן, נאָר די גרינדער רעדן דאָרט פון מענטשן, וואָס האָבן שיפס־קאַרטן געקויפט און געשיקט געלט אהיים אין דער וועג איז פיל געווען מיט זיג־זאַגן און שטרויכלונגען און א דאנק די עקשנים־גרינדער און דורך זייער פּיאָנערישער אַרבעט, האָבן זיי דעם אנשטאַלט אַדורכגעפירט בשלום איבער אַלע געפאַרן וואָס די צייט און די אומשטענדן האָבן געבראַכט און זי דערפירט צו דעם היינטיקן מצב. פון א פּרעסטיזשפולער און סאָלידער קרעדיט־אינסטיטוציע מיט א גוטן נאָמען אויף דער אידישער גאַס און אין אַלגעמיינעם באַנק־וועזן און איבערהויפּט ביי די מאַסן אקציאָנערן וואָס האָבן דעם גרעסטן צוטרוי צו איר. און אויב גרינדער פאַררופן זיך אויף זייערע ערשטע יחוס־נומערן אלס אקציאָנערן, איז עס פאַר זיי זיכער א סאַטיספאַקציע און זיי האָבן א מאָראַלישע רעכט דערצו, ווייל זיי און מיט דער געניטער און פּראַקטישער מיטהילף פון ערשטן פּרעזידענט און היינטיקן פאַרוואַלטער זיכיע ווײנפער, האָבן איבער דער אינסטיטוציע געוואַכט און זי אָפּגעהיט פון די שטורעמס און פאַרשידענע מאָמענטן וואָס זיינען פאָרגעקומען אויף דער אידישער גאַס, ווען מען האָט געוואָלט פאַרפירן די אינסטיטוציע אויף אנדערע שליאַכן און וועגן. אָט אַזעלכע מאָמענטן אין לעבן פון אן אינסטיטוציע זיינען די וויכטיקסטע, ווייל דער קלענסטער שלעכט־געשטעלטער שריט, קען אמאָל קאָסטן זייער טייער...

כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס פון די ערשטע יאָרן־אָן, נעמט די „קאָוולער באַנק" אן אקטיוון אַנטייל אין אונזערע נאַציאָנאַלע און פי-

לאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס און באַשטייערט זיך לויט אירע מעגלעכקייטן און קומט נאָך אַלע וויכטיקע ווענדונגען וועגן הילף, — אַזוי ביז היינט-צו-טאָג...

אין היינטיקן אַניווערסאַר, פון אָט-דער וויכטיקער דאַטע, דערמאָנען מיר די גרינדער און באַגריסן זייער וויזיע און פאַר זייערע לייסטונגען אין דער גאַנצער צייט. אַ דאַנק זיי, זיינען הונדערטער אידישע לעבנס געראַטעוועט געוואָרן פון די גאַז-אויוונס און קרעמאַטאָריעס און אויב ס׳וועט קומען דער צוקונפטיקער היסטאָריקער און ער וועט שרייבן וועגן אַלע צווייגן פון געזעלשאַפטלעכן, סאָציאַלן און עקאָנאָמישן לעבן אין אונזער ישוב אין אַלע זיינע פאָרמען, וועט אונזער „קאָאָפּעראַטיווע“ פאַרנעמען אַ השובן פּלאַץ.

שטיל און באַשיידן, שיין אפשר צופיל באַשיידן, איז געווען דער וועג פון דער אינסטיטוציע, אָבער דער נאָמען אירער האָט זיך איינגעבירגערט אין דער אידישער געזעלשאַפט און אויך דער אידישער גאַס, און נישט ווילנדיק מינדערשעצן אַנדערע שוועסטער-אינסטיטוציעס, זאָגן מיר דאָס אויפריכטיק אין אָט די פייערלעכע יום-טוב טעג:

— מיר זיינען שטאָלץ מיט אונזערע דערגרייכונגען, ווייל די ציפערן, וועלכע ווערן איבערגעגעבן אויף אַ צווייטן פּלאַץ, ווייזן קלאָר דעם פּראָגרעס און דעם צוטרוי פון די אַקציאָנערן. מיר זיינען שטאָלץ מיט אונזער קרוין-ווערק וואָס הייסט „קאָוולער באַנק“, ווייל זי האָט אירע צילן, פון געמיינזאַמער לאַנדסמאַנשאַפטלעכער און ברידערלעכער הילף — דערפילט ערנהאַפט, פאַר זיי, פאַר די לאַנדסלייט, ווי פאַר אַלע אַקציאָנערן.

און לאָמיר זיך ווינטשן און האָפן, אַז מיר וועלן פאָרזעצן דעם זעלבן פאָלקסטימלעכן וועג לטובת אַלע אַקציאָנערן און פאַר דער אידישער נאַציאָנאַלער רענעסאַנס-באַוועגונג — פאַר מדינת ישראל. און צו אייך, גרינדער, איז אונזער וואונטש, איר זאָלט דערלעבן צוזאַמען מיט אַלע אונזערע אַקציאָנערן דעם פופציקסטן אַניווערסאַר פון אונזער אינסטיטוציע, אין בעסערע צייטן אויף דער גאַנצער וועלט און פאַר אונזער אידיש פאָלק.

ערשטע קאָמיסיאָן דירעקטיווע

אין יאָר 1926

פרעזידענט — זיסיע וויינפער
וויצע „ — נח כהן
סעקרעטאר — איסר קאַמינסקי

פינאַנסעקר. — י. גוטערמאַן
קאַסיר — מאָטל ביזשיק
פראָ „ — העניך מאצעווער

וואָקאלן:

וואָלף בער פרייד
אליהו כהן
לייבל באָקלער
איסר שער
יעקב ראָג
זלמן לייב שער
סינדיקאָ — אהרן באָבער
סינדיקאָ סופלענטע — יעקב אברך

אין די יאָרן 1933 — 1927

פרעזידענט — זיסיע וויינפער

די איבעריקע אמטן האָבן אין די אויבנדערמאַנטע יאָרן פארנומען א רייע לאנדסלייט, וועמענס נעמען מיר קענען לײדער ניט אויסרעכענען, צוליבן פעלן פון דאַטן.

אין יאָר 1934

פרעזידענט —	וואָלף־בער פרייד	פראָ „ —	דוד באָקסער ע"ה
וויצע „ —	מאָטל קיפער	קאַסיר —	וואָלף וויינשטיין
סעקרעטאַר —	שלמה זוטעל	פראָ „ —	יעקב קאַזאַק

וואָקאַלן:

בערל פוקס
יעקב טאָקער
מאיר פ. נוליש
מאָטל מאַראַנץ
רפאל גראַבאָוו
סינדיקאָ — פאַליק פוגאַטש

אין יאָר 1935

פרעזידענט —	דוד באָקסער ע"ה	פראָ „ —	בצלאל טאַניס
וויצע „ —	יעקב קאַזאַק	קאַסיר —	וואָלף וויינשטיין
סעקרעטאַר —	שלמה זוטעל	פראָ „ —	יעקב טאָקער

וואָקאַלן:

בערל פוקס
רפאל גראַבאָוו
איסר שער
מאיר פ. נוליש
יעקב קליימאַן
וואָקאַל־סופּל. — ירחמיאל זינאָוויעץ
„ „ — בנציון ערליך
סינדיקאָ — וואָלף־בער פרייד
סינדיקאָ־סופּלענטע — יוסף באָבער

אין יאָר 1936

פּרעזידענט — דוד באָקסער ע"ה   פּראָ „ — אברהם ב. שנירמאַכער
וויצע „ — יעקב קאָזאַק   קאַסיר — וואָלף וויינשטיין
סעקרעטאַר — יוסף באָבער   פּראָ „ — איסר שער

וואָקאַלן:

שמואל ציקמאַן ע"ה
בנציון ערליך
אליעזר פּייגעלים
מאיר פּ. גוליש
מאָטל קיפּער
וואָקאַל־סופּל. — ירחמיאל זינאָוויעץ
„ „ — גרעג. ווערבאַ
סינדיקאָ — וואָלף־בער פּרייד
סינדיקאָ־סופּלענטע — שלמה זוטעל

אין יאָר 1937

פּרעזידענט — ברוך טאַניס   קאַסיר — יעקב קרייזער
סעקרעטאַר — יוסף באָבער   פּראָ „ — איסר שער
פּראָ „ — אפרים קוזמינסקי

וואָקאַלן:

שמואל ציקמאַן ע"ה
בנציון ערליך
אליעזר פּייגעלים
חיים ווינטער
מיכל מלמד ע"ה
וואָקאַל־סופּל. — משה גאַלאַנד
„ „ — גרעגאָריאָ זווערבאַ
סינדיקאָ — וואָלף וויינשטיין.
סונדיקאָ־סופּלענטע — יעקב טאָקער

אין יאָר 1938

פּרעזידענט — וואָלף־בער פרייד   פּראָ „ — עפים קוזמינסקי
וויצע „ — ברוך טאַניס   קאַסיר — יעקב קרייזער
סעקרעטאַר — וואָלף ווײַנשטיין   פּראָ „ — בנציון גאָפּען

וואָקאַלן:

יעקב אברך
לייבל באָקלער
מיכל מלמד ע״ה
זעליק לעוו
משה גאָלאַנד
וואָקאַל־סופּל. — כאַסינטאָ דייטש
„ „ — יוסף פעלדמאַן
סינדיקאָ — מאָטל טעלעזאָן
סינדיקאָ־סופּלענטע — שלמה זוטעל

אין יאָר 1939

פּרעזידענט — יעקב טאָקער   קאַסיר — מאָטל טעלעזאָן
סעקרעטאַר — יוסף באָבער   פּראָ־קאַסיר — בנציון גאָבען
פּראָ „ — ידידיה מאַליק

וואָקאַלן:

יעקב אברך
הערש גאָץ
ישראל לערער
אברהם זינאָוויעץ
מאָטל קיפּער

וואָקאַל־סופּל. — דוד שער
„ „ — כאַסינטאָ דייטש
„ „ — שלמה סמעטאַנאַ
סינדיקאָ — אברהם גאָלדפּיין

אין יאָר 1940

פרעזידענט — ישראל חיים פאַנטורין   פראָ „ — לייבל באָקלער
וויצע „ — יעקב אברך   קאַסיר — יעקב טאָקער
סעקרעטאַר — יוסף באָבער   פראָ־קאַסיר — בנציון גאָפען

וואָקאַלן:

ישראל לערער
הערש גאָץ
אברהם זינאָוויעץ
יעקב פוקס
חיים שטיינבערג
וואָקאַל־סופל. — הערש קאָלירען
„ „ — אנשל סאַפּנינאַ
סינדיקאָ — ידידיה מאַליק
סינדיקאָ־סופל.— אברהם ב. שנירמאַכער

אין יאָר 1941

פרעזידענט — ישראל חיים פאַנטורין   פראָ „ — לייבל באָקלער
וויצע „ — יעקב אברך   קאַסיר — יעקב טאָקער
סעקרעטאַר — חיים שטיינבערג   פראָ־קאַסיר — אברהם ב. שנירמאַכער

וואָקאַלן:

עזריאל הויכגעלערנטער
בנציון ערליך
יעקב פוקס
בנימין שניידער
יעקב קליימאַן
וואָקאַל־סופל. — הערש קאָלירען
„ „ — סאַלאָמאָן סאָפער
„ „ — אראָלפאָ געכליק
סינדיקאָ — מאָטל קיפער
סינדיקאָ־סופל. — יעקב ווייסברויט

אין יאָר 1942

פּרעזידענט — ישראל חיים פּאַנטורין פּראָ „ — עזריאל הויכגעלערנטער
וויצע „ — מיכל מלמד ע"ה קאַסיר — מאָטל קיפּער
סעקרעטאַר — חיים שטיינבערג פּראָ־קאַסיר — אברהם ב. שנירמאַכער

וואָקאַלן:

ירחמיאל זינאָוויעץ
בנציון ערליך
אברהם פייערשטיין
יעקב קליימאַן
בנימין שניידער
וואָקאַל־סופּל. — יצחק גאַלון
„ „ — שלמה קאַסאָווער
„ „ — עריקאַ פּאַנצער
סינדיקאַ — מאַוריסיאַ נעמיראָווסקי
סינדיקאַ־סופּל. — סאַלאָמאָן מאַזשאַנץ

אין יאָר 1943

פּרעזידענט — יוסף באָבער פּראָ „ — עזריאל הויכגעלערנטער
וויצע „ — מיכל מלמד ע"ה קאַסיר — מאָטל קיפּער
סעקרעטאַר — יעקב קליימאַן פּראָ־קאַסיר — שלמה זוטעל

וואָקאַלן:

ירחמיאל זינאָוויעץ
בנציון ערליך
אברהם פייערשטיין
ידידיה מאַליק
סאַלאָמאָן מאַזשאַנץ
וואָקאַל־סופּל. — בערנאַרדאָ פלײדערמאַן
„ „ — יצחק גאַלון
„ „ — אירע גוטפּלייש
סינדיקאַ — מאַוריסיאַ נעמיראָווסקי
סינדיקאַ־סופּלענטע — עריקאַ פּאַנצער

אין יאָר 1944

פּרעזידענט — יוסף באָבער   פּראָ „ — בערנאַרדאָ פליידערמאַן
וויצע „ — מיכל מלמד ע"ה   קאַסיר — חיים שטיינבערג
סעקרעטאַר — יעקב קליימאַן   פּראָ־קאַסיר — שלמה זוטעל

וואָקאַלן:

ידידיה מאַליק
יואל אַטלאַס
משה האָניק
בנציון ערליך
שלמה מאָושאַנץ
וואָקאַל־סופּל. — ניסן ג. קרולפעלד
„ „ — יצחק סמעטניאַנסקי
„ „ — שלמה וואַלדמאַן
סינדיקאָ — בנציון גאָפּען
סינדיקאָ־סופּל. — שמואל ציקמאַן ע"ה

אין יאָר 1945

פּרעזידענט — יעקב קרייזער   פּראָ „ — בערנאַרדאָ פליידערמאַן
וויצע „ — מיכל מלמד ע"ה   קאַסיר — חיים שטיינבערג
סעקרעטאַר — ישראל חיים פּאַנטורין   פּראָ-קאַסיר — אליהו כהן

וואָקאַלן:

יואל אַטלאַס
בנימין גוטערמאַן
הערש קאָלירען
משה האָניק
דוד פּאָקאָרני
וואָקאַל־סופּל. — מרדכי לאַנדמאַן
„ „ — לעאָן מאָסטאָוואָסקי
„ „ — יעקב רינבערג ע"ה
סינדיקאָ — מאָטל קיפּער
סינדיקאָ־סופּל. — אהרן יצחק ראָזנבוים

אין יאָר 1946

פּרעזידענט — יעקב קרייזער   פּראָ „ — עזריאל הויכנעלערנטער
וויצע „ — ליבל באָקלער   קאַסיר — יעקב קליימאַן
סעקרעטאַר — ישראל חיים פּאַנטורין   פּראָ־קאַסיר — אליהו כהן

וואָקאלן:

יעקב אברך
בנימין גוטערמאַן
דוד פּאָקאָרני
סאַלאָמאָן מאַרקמאַן
הערש קאָלירען
וואָקאַל־סופּל. — יעקב רינבערג ע״ה
„ „ — לעאָן נאַדעל
„ „ — אַלבערטאָ טאָקאַר
סינדיקאָ — אהרן יצחק ראָזנבוים
סינדיקאָ־סופּל. — לעאָן מאָסטאָווסקי

אין יאָר 1947

פּרעזידענט — חיים שטיינבערג   פּראָ „ — עזריאל הויכגעלערנטער
וויצע „ — ליבל באָקלער   קאַסיר — יעקב קליימאַן
סעקרעטאַר — ידידיה מאַליק   פּראָ-קאַסיר — בערל נייטער

וואָקאלן:

יעקב אברך
אליעזר סטריער
יעקב גאָלדבערג
סאַלאָמאָן מאַרקמאַן
וואָקאַל־סופּל. — אברהם יצחק לאַכטער
„ „ — באָריס קאַראַסיוק
„ „ — אליעזר ציקמאַן
סינדיקאָ — ברוך טאַניס
סינדיקאָ־סופּל.— אברהם ש. פּייערשטיין

אין יאָר 1948

פרעזידענט — חיים שטיינבערג   פראַ „ — בערנאַרדאַ פליידערמאַן
וויצע „ — שלמה זוטעל   קאַסיר — ישראל כהן
סעקרעטאַר — ידידיה מאַליק   פראַ־קאַסיר — בערל נייטער

וואָקאַלן:

אליעזר סטריער
יעקב גאָלדבערג
יעקב רינבערג ע"ה
אדאָלפאָ דיווינסקי
חיים לעווין
וואָקאַל־סופל. — שלמה מאַזשאַנץ
„ „ — ישראל קראַמער
„ „ — דוד פּאָקאָרני
סינדיקאָ — עמיליאָ לימאַנסקי
סינדיקאָ־סופלענטע — משה מאַנראַם

אין יאָר 1949

פרעזידענט — חיים שטיינבערג   פראָ „ — בערל פליידערמאַן
וויצע „ — שלמה זוטעל   קאַסיר — ישראל כהן
סעקרעטאַר — ידידיה מאַליק   פראָ־קאַסיר — הערש קאָלירען

וואָקאלן:

בצלאל באַלער
אַדאָלפאָ דיווינסקי
חיים לעווין
לוי בעראַנט
משה סאַנקאָווסקי
וואָקאַל־סופל. — זלמן טשערוואָנקאָ
„ „ — פייוול פערלמוטער
סינדיקאָ — וואָלף וויינשטיין
סינדיקאָ־סופל. — אפרים באַרענגאָלע

אין יאָר 1950

פּרעזידענט — חיים שטיינבערג   פּראָ „ — מאָטל קיפּער
וויצע „ — איסר קאַמינסקי   קאַסיר —יעקב טאָקער
סעקרעטאַר — ידידיה מאַליק   פּראָ־קאַסיר — הערש קאָלירען

וואָקאלן:

בצלאל באַלער
אדאָלפּאָ דיזווינסקי
ישראל האָניק
אליהו יצחק רייף
ישראל קראַמער
וואָקאַל־סופּל. — יצחק ע. יאקובאָוויטש
„ „ — משה רויזנבליט
סינדיקאָ — חיים ווינטער
סינדיקאָ־סופּל. — אברהם ב. שנירמאכער

איצטיקער דירעקטאָריום

אין יאָר 1951

פּרעזידענט — מאָטל טעלעזאָן   פּראָ „ — מאָטל קיפּער
וויצע „ — איסר קאַמינסקי   קאַסיר — יעקב טאָקער
סעקרעטאַר — הערשל באָבער   פּראָ־קאַסיר — יעקב קאָזאַק

וואָקאלן:

יעקב אברך
ישראל האָניק
אליהו יצחק רייף
איסר שער
לעאָן מאָסטאָווסקי
וואָקאַל־סופּל. — יואל ווערפּל
„ „ — יעקב טאַראַסאָוו
„ „ — אשר וויינשטיין
סינדיקאָ — וואָלף־בער פרייד
סינדיקאָ־סופּלענטע — בער זייראָף

קרעדיט־קאַפּ. „על פּאָרוועניר‟

(געוו. נייע קאָוולער־וואָלינער ליי־ און שפּאָר־קאַסע)

דעם 1־טן אָקטאָבער 1929 איז אויף דער איניציאַטיוו פון די קאָוולער לאַנדסלייט, די חברים: הערשל פּאָמעראַנץ, ישראל מלמד, אברהם יוסף גאַלפּערין, ישראל בליט, נחמן ראַבאַי, יצחק באָקסער, לייבל שיטער און אורן ערליך ע״ה — געשאַפן געוואָרן, ביים ה׳ הערשל פּאָמעראַנץ אין וואוינונג אויף סאַדי־קאַרנאָט 560, אַ קרעדיט־קאַסע, מיט דעם נאָמען: „נייע קאָוולער־וואָלינער ליי־ און שפּאָר־קאַסע‟.

די ערשטע קאָמיסיאָן דירעקטיווע איז באַשטאַנען פון פאָלגנדע חברים: פּרעזידענט — ישראל מלמד, וויצע־פּרעזידענט — אברהם יוסף גאַלפּערין, סעקרעטאַר — לייבל שיטער, פּראָ־סעקרעטאַר — יצחק באָקסער, קאַסיר — הערשל פּאָמעראַנץ, וואָקאַלן: פאַליק פלינק ע״ה, ישראל בליט, סאַלאָמאָן באָדנער, נחמן ראַבוי, מאָטל מאָראַזאָווסקי ע״ה און רעכענונגס־איבערזעער: אורן ערליך ע״ה.

ווען די „ליי־ און שפּאָר־קאַסע‟ איז געגרינדעט געוואָרן, האָט אַן אַקציע באַטראָפן צען פּעזעס, אויף וועלכער מען האָט אַרויסגעגעבן אַ קרעדיט פון דרייסיק פּעזעס, אויסצוצאָלן צו צוויי פּעזעס וועכנטלעך. אין אַ דריי חדשים אַרום, איז שוין געהעכערט געוואָרן די אַקציע אויף צוואַנציק פּעזעס יעדע און דער קרעדיט — אויף זעכציק פּעזעס, אויסצוצאָלן צו פיר פּעזעס וועכנטלעך. אַזוי־אַ שטופנווייז איז צוזאַמען מיט דער העכערונג פון די אַקציעס, אויך געהעכערט געוואָרן דער קרעדיט, ווי מיר וועלן עס אָנווייזן אין אונזער ווייטערדיקער אָפּהאַנדלונג.

די סיבה וואָס האָט באַוואויגן, אָט דער אויבנדערמאָנטער גרופּע חברים, צו גרינדן אַזאַ קרעדיט־קאַסע, איז געווען: די שווערע מאַטעריעלע לאַגע אין וועלכער עס האָבן זיך דאַן געפונען אונזערע לאַנדסלייט פון קאָוולע און אומגעגנט, מערסטנטייל אָן אַרבעטער־עלעמענט, נאָר־וואָס אָנגעקומענע אין לאַנד. און וועלכע האָבן נישט געקענט באַקומען דעם מינימאַלסטן קרעדיט אין קיין שום באַנק אָדער ליי־קאַסע, צוליב נישט האָבן די געהעריקע גאַראַנטיע. דער ציל פון די גרינדער

פון דער „ליי־ און שפאר־קאסע", איז בכן געווען, זיך ארויסהעלפן קעגנזייטיק איין לאנדסמאן דעם צווייטן, אין דער שווערער עקאנאמישער לאגע און וואס ס'איז אויך וויכטיק אונטערצושטרייכן — שאפן א היימישע און חברלעכע סביבה, וואו מען זאל זיך אפטער טרעפן איינער מיטן צווייטן. אזוי איז טאקע געווען: יעדן זונטיק פלעגט מען זיך צוזאמענקומען ביים חבר הערשל פאמעראנין אין וואוינונג, פירן די זיצונגען, אויפנעמען די צאלונגען, ארויסגעבן קרעדיטן, שמועסן און חברלעך פארברענגען.

עס זיינען אריבער א יאר אנדערהאלבן, אין וועלכער צייט עס זיינען צוגעקומען א רייע נייע מיטגלידער און דאס צימער ביים ה' פאמעראנין איז שוין געווארן צו ענג, דארט צו אקטואירן, — האט מען זיך אריבערגעצויגן אין לאקאל אויף קאנגאזשא 2461, וואו מען האט געקענט באקוועמער אנגיין מיט דער ארבעט, וועלכע האט אנגעהויבן אויסגעברייטערט צו ווערן. דא, אין דעם נייעם לאקאל, איז דורכגעפירט געווארן א יום־טוב, ביי וועלכער געלעגנהייט עס איז אויסגעדריקט געווארן אנערקענונג דעם ה' הערשל פאמעראנין פאר זיינע לייסטונגען און אקטיווער מיטארבעט לטובת דער ליי־קאסע און עס איז אים געשאנקען געווארן א „זשעטאן", אלס אנדענק.

עס האבן אנגעהויבן צוקומען נייע מיטגלידער, אין גרעסטן טייל פון דער נאענט צו קאוולע ליגנדיקער שטאט — לודמיר (וולאדימיר־וואלינסק) און מיט זייער כאראקטעריסטישער פאלקסטימלעכקייט וואס איז אויך איינגן די גרינדער און טוער פון דער „נייער קאוולער ליי־ און שפאר־קאסע", זיינען זיי געווארן הארציקע חברים און ווי מיטגלידער פון איין משפחה צוגלייך און איבערגעגעבענע טוער, מיטהעלפנדיק צום פראגרעס פון דער אינסטיטוציע און א טייל פון זיי — אזעלכע ווי די חברים: ליטוואק, שנירמאכער, קאלב א. א. האבן פארנומען פארשידענע אמטן אין דירעקטאריום, אין פארלויף פון א רייע פעריאדן, אזוי ביז היינט־צו־טאג.

אין פארלויף פון די ערשטע פינף יאר, האט פארנומען דעם אמט פון פרעזידענט, דער אקטיווער געז. טוער און פאלקס־מענטש, פריינט ישראל מלמד. אין דער זעלבער צייט, האבן זיך פעריאדיש געביטן אין דער פארוואלטונג און מיטגעארבעט צוזאמען מיט פריינט מלמד, א רייע חברים־מיטגלידער, וועמענס נעמען עס ווערן אויסגערעכנט אויף א צווייטן פלאץ. דעם ה' ישראל מלמד, האט די אינסטיטוציע פיל צו פארדאנקען, סיי איר גרינדונג, איר אנפירונג אין משך פון א רייע פעריאדן און דאס צוהעלפן צוזאמען מיט נאך חברים, ארויספירן די אינסטיטוציע פון פארשידענע קריטישע מאמענטן און סיטואציעס.



דער דירעקטאָריום פון קאָאָפּ. „על פּאָרוועניר” אין יאָר 1935. אין צענטער — פּרעז. לייבל שיטער

אין יאָר 1935 האָט איבערגענומען די אָנפירונג פון דער אינסטיטוציע, אַלס פּרעזידענט, דער ה׳ לייבל שיטער. אין דעם פּעריאָד האָט מען צוליב האָבן מער באַקוועמלעכקייט, זיך אריבערגעצויגן אין לאָקאַל פון די „אידיש-וועלטלעכע שולן" אויף לאַוואזשע 2238. דאַן איז פאַרגרעסערט געוואָרן דער קרעדיט ביז דריי הונדערט פּעזעס אויף אַן אַקציע און נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די אינסטיטוציע האָט זיך אין די לעצטע יאָרן געראַנגלט אין איר שווערער עקאָנאָמישער סיטואַציע, צוליב די קריזיס-יאָרן, וואָס האָבן דאַן געהערשט אין לאַנד און א סך מיטגלידער האָבן צוליב דעם נישט געקענט נאָכקומען זייערע צאָלונגען אין צייט, קיין קרעדיטן אין די בענק איז נישט געווען צו באַקומען און פיל מיטגלידער האָבן א חוין וואָס זיי האָבן נישט געקענט דערפילן מיט זייערע צאָלונגען. האָבן זיי זיך גענויטיקט אין נייע קרעדיטן, כדי צו קענען ווייטער עקזיסטירן און אייניקע לאַנדסלייט האָבן זיך געאיילט אריבערצוברענגען אהער זייערע פאַמיליעס, — האָט מען זיי אין דעם אויך געמוזט העלפן און די פאַרוואַלטונג, נישט קוקנדיק אויף דעם קריטישן צושטאַנד, האָט דאָך יעדן מיטגליד, אין זיין נויט אַנטקעגנגעקומען, זיך נישט רעכענענדיק מיט קיין רעגלאַמענטן, נאָר מיט דעם הברלעכן געפיל און סענטימענט, פון צו העלפן א לאַנדסמאַן און א חבר אין זיין נויט.

דאָס האָט געקאָנט דורכגעפירט ווערן א דאַנק דעם גוטן ווילן און ממש מסירת-נפש מצד אַזעלכע חברים, ווי: ישראל מלמד, א. י. נאַלפערין, פּסח ליטוואַק, לייבל שיטער, שעפּסל שנירמאַכער, מרדכי לאַנגער, פיניע קריינער, אהרן גוטמאַן און אַנדערע, וואָס האָבן מיט זייערע לעצטע אָפּגעשפּאָרטע געלטער, אין יענע יאָרן, צוגעהאָלפן דער „ליי-קאַסע", כדי זי זאָל קענען ארויסגעבן הלוואות אין שוועריקייטן און אויף לאַנגע טערמינען אויסצוצאָלן. אַט די פאָלקסטימלעכע און הברלעכע באַציאונג צווישן דער פאַרוואַלטונג און די מיטגלידער — אַן איינשאַפט וואָס די גרינדער און טוער האָבן זיך עס געשטעלט אַלס באַזע פון זייער אַקטואַציע אין דער ליי-קאַסע — ווערט אָנגעהאַלטן און פּראַקטיצירט פון דער צייט פון דער גרינדונג אָן, ביז היינט-צו-טאָג.

אין זעלבן יאָר 1935, איז געהעכערט געוואָרן דער קרעדיט ביז פיר הונדערט פּעזעס אויף אַן אַקציע, אָנגייענדיק אַזוי מיט דער אַרבעט ביז אין יאָר 1939, ווידער אונטער דער פּרעזידענץ פון ישראל מלמד. ווען דער קרעדיט איז געהעכערט געוואָרן אויף פינף הונדערט פּעזעס, און אין דעם זעלבן יאָר איז דורכגעפירט געוואָרן אַן אימפּאָזאַנטער באַנקעט, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער צען-יאָריקער עקזיס-



דער דירעקטאָריום פון קאָאָפּ. „על פּאַרווענִיר", אויפן אַקט פון צען־יעריקן יובילעאום,
מיטן פּרעזידענט ה' ישראל מלמד (אין צענטער) בראש.

טעגין פון דער „ליי־קאסע“, ביי וועלכער געלעגנהייט עס איז אויסגעדריקט געווארן אנערקענונג די גרינדער און אקטיווע טוער, פאר זייער געטרייער און איבערגעגעבענער אקטואציע לטובת דער אינסטיטוציע. דער יום־טוב איז געווען צאלרייך באזוכט און איז דורך מיט גרויס דערפאלג. עס זיינען געווען פארטראטן פארשטייער פון פארשידענע געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס און פון דעם געדרוקטן אידישן ווארט. עס איז דא כדאי צו דערמאנען, אז דער פארשטייער פון „די פרעסע“, ש. פריילעך ע״ה, זעענדיק דעם דערפאלג פון דורכגעפירטן יום־טוב, איז ער אויך מארגן — זונטיק, געקומען צו די בעסאראבער אין לאקאל, אויף פאסא 550, וואו עס האט דאן פונקציאנירט אונזער אינסטיטוציע און אריינקומענדיק, האט ער געזאגט צו די אנוועזנדיקע קאמ. מיטגלידער: איך בין ספעציעל געקומען זען די אנפירער פון דער אינסטיטוציע, וועלכע זיינען געווען בכוח צוזאמענצוברענגען אזא גרויסן עולם אויף א יום־טוב. און אין איניקע טעג ארום האט ער פארעפנטלעכט אין „די פרעסע“ א זייער ווארעמען קאמענטאר וועגן אונזער דורכגעפירטן יום־טוב.

אין זעלבן יאר 1939, ווען די געזעצן פון לאנד האבן געפאדערט, אז די „קרעדיט־קאסעס“ זאלן לעגאליזירט ווערן, איז אויך אונזער „ליי־אין שפאר־קאסע“ לעגאליזירט געווארן דורך די געהעריקע רעגירונגסאינסטאנצן און באקומען יורידישע אנערקענונג (פערסאנעריא כורידיקא) אונטערן נאמען: „קאאפעראטיווא דע קרעדיטאס על פארוועניר“. פון דאן אן האט די אינסטיטוציע אנגעהויבן צו שטייגן און פראגרעסירן. עס זיינען אריבער א פאר יאר פון אקטיווער ארבעט אונטער דער פרעזידענין פון ה׳ איסאק שנירמאכער, אין וועלכן פעריאד עס איז אנגעהויבן געווארן ארויסצוגעבן קרעדיטן צו טויזנט פעזעס אויף אן אקציע. אין דעם פעריאד האבן פיל מיטגעהאלפן מיט זייער אקטואציע די חברים: מאוריסיא קאגאן, אייזיק פעדער, שעפסל שנירמאכער, יצחק ווידער און אנדערע. אין יאר 1945 איז געוויילט געווארן אלס פרעזידענט דער אקטיווער און דינאמישער געזעלש. טוער, פריינט פסח ליטוואק. עס זיינען דאן צוגעקומען נייע מיטגלידער־אקציאנערן, דערגרייכנדיק די צאל פון צוויי הונדערט פינף און זעכציק און דער אומזאין פון די הלוואות איז פיל פארגרעסערט געווארן און ווי עס זאגט זיך אין דער „מעמאריע“ פון פרעזידענט, צוגעשטעלט צו דער גענעראל פארזאמלונג: „זיינען אן שוועריקייטן און אפציענישן, ארויסגעגעבן געווארן אלע געבעטענע הלוואות פון די מיטגלידער און עס איז אויך נישט אויסגעקומען זיך צו באנוצן מיט קיינע קרעדיטן פון אנדערע בענק“.

גרינדער און דירעקטאָרן אויפן באַערונגס־אקט פאר די ה״ה: ישראל מלמד און מאוריסיאָ קאַגאַן.

אויף דעם באַערונגס־אַקט פאַר ה׳ ישראל מלמד (וועלכער שטייט ביים מיקראָפאָן).

אויך אין די יאָרן 48 - 1947, אונטער דער זעלבער פרעזידענין פון דער פסח ליטוואק, איז ווידער פארגרעסערט געוואָרן דאָס ארויסגעבן די הלוואות אויף דאָפּלט ווי אין פאריקן יאָר, אנגייענדיק אזוי, שטיל און באשיידן, מיט א נארמאלן גאנג פון קעגנזייטיקער הילף, נישט שטרעבנדיק צו דערגרייכן גרויסע ציפערן, כדי נישט צו פארוואנדלען דער אינסטיטוציע אין אן אנדער כאראקטער און פארעם. ווי די גרינדער און די אנפירער אירע האָבן זיך געשטעלט אלס ציל פון אנהייב-אן, פליסנדיק זיך אנצוהאלטן דעם פאָלקסטימלעכן כאראקטער אויך אויף ווייטער. אין דעם יאָר איז דורכגעפירט געוואָרן א באנקעט פאר די חברים: ישראל מלמד און מאוריסיא קאגאן, אלס אנערקענונג פאר זייער לאנגיעריקער אקטיוואציע און איבערגעגעבענער ארבעט פאר דער קאאפעראטיווע. צום יום-טוב איז געקומען א גאר גרויסער עולם פון אקציאנערן און פריינט פון די באערטע און אין די רעדעס פון א רייע פערזאנען, געקומענע צום וואָרט, איז מיט אויפריכטיקע ווערטער אָפּגעשאצט געוואָרן זייערע פארדינסטפולע לייסטונגען פאר דער אינסטיטוציע. עס איז די חשובע באנקעטירטע צולעצט צוגעטראָגן געוואָרן „פערגאמינען" מיט די אונטערשריפטן פון אלע אנוועזנדיקע, אלס אנדענק.

א מערקבארן שריט פאראויס האָט די קאאפעראטיווע אונזערע געמאכט אין די יאָרן 50 - 1949, אונטער דער פרעזידענין פון באליבטן און פאָלקסטימלעכן איד, פריינט אברהם קאפלאן, וועלכער האָט אין די פריערדיקע פעריאָדן, פארנעמענדיק דעם אמט פון סעקרעטאר, זיך ארויסגעוויזן אלס אקטיווער טוער און פריינט פון דער אינסטיטוציע און האָט זיך איצט בלב ונפש איבערגעגעבן צו דער ארבעט, צוהעלפנדיק מיט זיין הייכער מאראלישער און עקאנאמיש-גוטשטייענדיקער פאזיציע, — צום פראָגרעס און גוטן צושטאנד און וועלכע די קאאפעראטיווע געפינט זיך היינט-צו-טאָג. אין דעם-א פעריאָד איז דורכגעפירט געוואָרן א באנקעט פאר דעם אוועקגייענדיקן פרעזידענט, דעם אקטיוון טוער פריינט פסח ליטוואק, ביי וועלכער געלעגנהייט עס איז געקומען צום אויסדרוק און עס איז געלויבט געוואָרן דורך א רייע רעדנער, וועלכע זיינען געקומען צום וואָרט — די פארדינסטן און אקטיוואציע פון פריינט ליטוואק פאר דער אינסטיטוציע, און אלס אויסדרוק פון אנערקענונג איז אים צוגעטראָגן געוואָרן א פערגאמין, מיט די אונטערשריפטן פון אלע אנוועזנדיקע, אלס אנדענק.

עס זיינען אין די פאר יאָר צוגעקומען א באדייטנדיקע צאָל נייע מיטגלידער, דערגרייכנדיק די צאָל פון פיר הונדערט זיבן און פופציק, וועלכע האָבן די געהעריקע נוצן פון זייער אינסטיטוציע אויפן עקאנא-

אַ טייל פון דירעקטאָריום פון קאָאָפּעראַטיווע „על פּאָרוועניר", אין יאָר 1950, אויף אַ יום־טוב.

מישן געבוט, דערפילנדיק פינקטלעך, — אלע ווי איינער, — מיט זייערע צאלונגען, ארויסווייזנדיק ביי יעדער געלעגנהייט סימפאטיע און גוטע באציאונג צו די חברים וואס פירן זי און זיינען דאנקבאר די איניציאטארן און גרינדער פון דער זעלבער, וועלכע א סך פון זיי, ווי די חברים: א. י. גאלפערין, לייבל שיטער, פסח ליטוואק, אהרן גוטמאן און אנדערע געפינען זיך היינט-צו-טאג אין דירעקטאריום און אסך אנדערע, ווי: ישראל מלמד, הערשל פאמעראנין און נאך חברים. הגם זיי זיינען איצט נישט פארטראטן אין דירעקטאריום, שטייען זיי אבער נאענט צו זייער באליבטער אינסטיטוציע און וואכן איבער איר מיט זארג און ליבע צוגלייך.

איצט, אין פעריאד פון 1951, באשטייט דער דירעקטאריום פון פאלגנדע פערזאנען: פרעזידענט — אברהם קאפלאן, וויצע-פרעזידענט — מאוריסיא קאגאן, סעקרעטאר — פסח ליטוואק, פרא-סעקרעטאר — שמחה קאלב, אקטן-סעקרעטאר — לייבל שיטער, קאסיר — וואלף געקדישמאן, פרא-קאסיר — שעפסל שנירמאכער, וואקאלן: יעקב ווייסמאן, שמואל פאק, אהרן גוטמאן, חיים פאכער און דוד אמפער, וואקאלן-סופלענטעס: שמואל ברויט און שמואל גוז, סינדיקא — א. י. גאלפערין און סינדיקא-סופלענטע — מאוריסיא ציטוואר.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם, וואס דער „לאנדסלייט-פאראיין פון קאוועל און אומגעגנט“. פייערט היינטיקן יאר דעם 25-יעריקן יובילעאום פון זייער פאראיין און צו דער געלעגנהייט ווערט דורך דעם זעלבן פאראיין ארויסגעגעבן א „פנקס-קאוולע“. אין וועלכן עס ווערט פאראייביקט די חרובע שטאט קאוולע און דאס דארטיקע געוועזענע אידישע לעבן און אויך ווערט אפגעשפיגלט די געזעלשאפטלעכע אקטואציע פון די לאנדסלייט פון קאוולע און אומגעגנט, וועלכע געפינען זיך אין ארגענטינע — האט דער דירעקטאריום איינשטימיק באשלאסן זיך אנצושליסן אין דער דאזיקער ווירדיקער פייערונג און באשטימט צו פארעפנטלעכן אט-דעם קורצן איבערבליק פון אונזער קרעדיט-אינסטיטוציע, וועלכע איז דורך קאוולער לאנדסלייט, אין יאר 1929, געשאפן געווארן און טראגט איצט דעם נאמען: „קאאפעראטיווא דע קרעדיטאס על פארוועניר“.

●

איצטיקער דירעקטאָריום פון קאָאָפּ. „על פּאָרוועניר"



עס זיצן פון רעכטס: אהרן גוטמאן, א. י. גאַלפּערין, פּסח ליטוואַק, אברהם קאַפּלאַן (פּרעזידענט), ש. שנירמאַכער, דוד אַמפּער
און חיים פּאַבער.

עס שטייען: וואָלף געקדיסמאַן, הערש פּאָמעראַנין, שמואל גוז, שמחה קאַלב, יצחק ווידער, שמואל הערץ ברויט, משה קאַגאַן,
יעקב ווייסמאַן און שמואל פּאַק. (עס פעלט: לייבל שיטער).

שמחה קאלב

דעראינערונגען

צו שרייבן וועגן דער גרינדונג פון אונזער קאאפעראטיווע, איז אייגנטלעך נישט מיין אויפגאבע, וועגן דעם וועלן שוין זיכער שרייבן אנדערע. אבער דאס וואס איך וויל און פיל פאר מיין חוב איז, צו דערמאנען און פאראייביקן די נעמען פון די חברים, וואס האבן מיט זייער מי און פליים באוויזן צו פארגרעסערן און פארפולקאמען דאס „בענקל”, וועלכעס מען האט אנגעהויבן צו שאפן מיט אזעלכע קליינע מיטלען און וואס א דאנק די זעלבע איבערגעגעבענע טוער, איז דאס אויסגעוואקסן צו א גרויסער און שיינער קאאפעראטיווע.

שוין ביים גרינדן, איז די ארבעט געווען פארבונדן מיט דער שיינער אידייע פון העלפן דעם צווייטן. מען האט נישט אינזינען געהאט נאר זיך, נאר אויך געקלערט פון העלפן דעם חבר וואס האט נישט, וואס נויטיקט זיך, און מען האט אויך נישט פארגעסן אין דעם, וואס מען האט איבערגעלאזן אין דער אלטער היים. עס זיינען געווען אזעלכע, וואס אן דער הילף פון דעם „קאוולער בענקל”, — ווי מען האט עס גערופן ביים אנהייב — האט מען נישט געקענט ברענגען קיין פאמיליע פון דער אלטער היים, אהער קיין ארגענטינע. מיר האבן דאך אין יענער צייט נישט געקענט צוקומען צו די גרויסע בענק, נאך אן הלוואה, וואו מען האט געפאדערט אזעלכע גאראנטיעס וואס מיר האבן נישט געקענט באווייזן אזעלכע צו באקומען, און דא קומען חברים און לייגן פאר: — מיר וועלן אייך העלפן אן באזונדערע שוועריקייטן, דא, אין דעם נייעם לאנד, זיך איינצוארדענען און אייערע נאענטסטע פון דער היים אהערצוברענגען. אט דאס האט דאן באדייט הילף אין ריכטיקן זין פון ווארט, באזונדערס פאר די נאר־וואס אנגעקומענע אין דעם

נייעם לאנד, וואו מען האט זיך אזוי עלנד געפונען, און נאך עפעס האט מען דערביי אין זינען געהאט: — צו ציען דעם המשך פון דער אלטער היים, וואו א סך פון אונז זיינען געשטאנען ביי דער געזעלשאפטלעכער און קולטורעלער ארבעט.

ווי שוין געזאגט, איז נישט מיין אויפגאבע צו שרייבן וועגן דער אנטשטייאונג און אנטוויקלונג פון אונזער קאאפעראטיווע, אבער אביסל דאטן ווילט זיך דאך געבן. געגרינדעט געווארן איז דאס בענקל דורך קאוולער לאנדסלייט, אבער שפעטער איז צוגעקומען א גרעסערע גרופע לאנדסלייט פון לודמיר און עס האט זיך אנגעהויבן א בשותפותדיקע ארבעט פון פארגרעסערן און פארשענערן דאס, וואס די קליינע גרופע האט געשאפן. און הגם איצט הייסט שוין דאס בענקל — „קאאפעראטיווא על פארוועניר“, אבער פאר אונז איז דאס נאך אלץ, דאס „קאוולער בענקל“, וואו מיר געפינען זיך אזוי ווי אין דער היים צווישן אייגענע און חברים, און וואו איינער דעם צווייטן איז אזוי געטריי, טאקע נאר ווי אייגענע פון איין משפחה קענען זיין.

און דער עיקר וואס מיר האבן געוואלט און שטענדיק אין זין געהאט איז געווען — אז מיר, ד. ה. דאס בענקל, זאלן נישט ווערן צו גרויס, — ווי פאראדאקסאל דאס זאל נישט קלינגען, — ווייל מיר האבן מורא געהאט פאר דער פרעמדקייט, וואס גרויסקייט ברענגט מיט זיך. און אזוי האבן מיר דאס בענקל דערהאלטן און אזוי פירן מיר זיך ביז היינט־צו־טאג, זייענדיק חברים אין אמתן זין פון ווארט, סיי אין פרייד און סיי, הלילה, אין לייד.

און ווען מיר שרייבן וועגן דער פארגאנגענהייט, קענען מיר נישט פארבייגיין און נישט דערמאנען די חברים, וועלכע האבן מיט זייער מי און אקטיוויטעט געהאלפן צו דער פארגרעסערונג פון דער, אונז אזוי ליבער אינסטיטוציע, דאס זיינען: דער חבר מרדכי לאנגער, וועלכער איז פיל מאל געשטאנען ביי דער אנפירונג, די חברים: פיניע קריינער און פסח ליטוואק, — געוועזענער פרעזידענט, וועלכער האט א סך מיטגעהאלפן מיט זיין געטרייער ארבעט, די חברים: אייזיק פעדער, הערש גראבער, שעפסל שנירמאכער, יצחק ווידער, דוד אמפער און פיל אנדערע, וועלכע ווערן דא נישט דערמאנט און באזונדערס די טייערע חברים פון קאוולע: ישראליק מלמד, וועלכער איז אונז שטענדיק אנטקעגנגעקומען מיט ראט און טאט, דער חבר גאלפערין און אהרן גוטמאן, שמואל פאק און וואלף געקדישמאן, וועלכער גיט אוועק אזוי פיל צייט פאר די אינטערעסן פון דער קאאפעראטיווע אונזערער און אזא הארציקער חבר ווי עס איז לייבל שיטער און מ. קאגאן און צו לעצט, אונ-

זער איצטיקער פרעזידענט, פריינט אברהם קאפלאַן, וואָס וועגן זיין איבערגעגעבנקייט פאַר דער קאָאָפעראַטיווע, איז נישט מיט קיין ווערטער אויסצודריקן.

אט דאָס אַלץ האָב איך ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט געוואָלט דערמאָנען און זיך ווינטשן, אַז אויך אויף ווייטער זאָלן מיר קענען ציען דעם פאָדעם, דעם המשך פון אונזער אַלטער הרובער היים און מיר זאָלן שטענדיק זיין אַזעלכע חברים און פריינט ווי מיר זיינען עס איצט.

איצטיקער פרעזידענט פון קאָאָפעראַטיווע „על פאַרוועניר"

ה׳ אברהם קאַפלאַן

לייבל שיטער

דאָס נייע „קאָוולער בענקל״

(דער סינאָנים פון חברשאַפט און פאָלקסטימלעכקייט)

איינע פון די אויפגאַבעס פון די גרינדער און אויך פון די שפּעטער־צוגעקומענע מיטגלידער פון אונזער „בענקל״ — די דעמאָלסט נאָך „נייע קאָוולער־וואָלינער ליי־ און שפּאָר־קאַסע״, — איז געווען דאָס אָנהאַלטן די פאָלקסטימלעכקייט און חברלעכקייט ביים ארויסגעבן הלוואות צו נישט־פאַרמעגלעכע אקציאָנערן. און כדי נישט אַראָפּצוגיין פון דאָזיקן אָנגעצייכנטן וועג, זיינען שוין דעמאָלסט, צוריק מיט א יאָר צוואַנציק, געווען אַזעלכע מיטגלידער, וועלכע האָבן אָנגעוויזן, אַז מיט א שטאַרק־פאַרגרעסערטער ליי־קאַסע וועט זיך פאַרגרעסערן דער צופלוס פון אקציאָנערן, וועמען עס וועט לאָקן און אינטערעסירן די גרעסערע הלוואות און אַזוי אַרום וועט דער קלענערער, נישט־פאַרמעגלעכער אקציאָנער, ארויסגעשטויסן ווערן פון דער אָנפירערשאַפט און די ליי־קאַסע וועט ווערן בלויז א געלט־ענין, פאַרלירנדיק דעם צוועק און ציל, וועלכע האָבן געבראַכט צו איר גרינדונג.

כדי אָבער צו פירן דאָס „בענקל״ אויף דעם דאָזיקן אָנגעצייכנטן וועג, האָט זיך געפאָדערט גרויסע פערזענלעכע און מאַטעריעלע אָנשטרענגונגען מצד די אָנפירער, צו קענען מיט אייגענע מיטלען נאָכקומען דאָס ארויסגעבן די הלוואות, און דאָס איז אונז אָנגעקומען נישט גרינג.

די פאַרגרעסערטע אימיגראַציע פון פוילן אין יענע יאָרן, איז אויסער פון אונזער היים־שטאָט קאָוועל, — זיינען אויך געקומען אימיגראַנטן פון אונזער שכנותדיקער שטאָט לודמיר (וולאַדימיר־וואָלינסק).

— די היימישקייט און חברלעכקייט מיט די לודמירער חברים איז גלייך איינגעשטעלט געוואָרן, ווי לאנדסלייט פון איין שטאָט צוגלייך. ווייל וועלכער קאָוולער איז נישט געווען אין לודמיר און וועלכער לודמירער איז נישט געווען אין קאָוולע? די פארברידערונג פון די ביידע שטעט — דורך דער „קאָוולער גאס" אין לודמיר, און די „לודמירער גאס" אין קאָוולע — האָט נאָך מער געמאכט פילן די נאָענטקייט זייערע, נישט נאָר אין געאָגראפישן זין, נאָר אויך אין היימישקייט און חברלעכקייט. דורך דער געזעלשאפטלעכער טעטיקייט פון די ביידע שוועסטער-שטעט, מיט קאָמפאקטע אידישע מאסן, מיט צענדליקער אידישע אינסטיטוציעס אין זיי. און נישט איינעם פון די געזעלשאפטלעכע טוער, סיי פון קאָוולע ווי פון לודמיר, איז אויסגעקומען צו באזוכן און אקטואירן אין אונטערנעמונגען פון פארשידענעם געזעלשאפטלעכן כאראקטער אין איינער אָדער אין דער צווייטער שטאָט און זיך קעגנזייטיק ארויסהעלפן אין דער געזעלשאפטלעכער אקטואציע. אָט די דאָזיקע נאָענטקייט, האָבן מיר דערפילט אויך מיטן אָנשליסן זיך פון א גרעסערער גרופע אקציאָנערן פון לודמירער לאנדסלייט וואָס זיינען נאָר-וואָס אָנגעקומען אין לאנד און מיט זייער אָנשליסונג איז גלייכצייטיק אריינגעבראכט געוואָרן מער לעבן און מער אקטיוויטעט, וואָס האָט די פריערדיקע גרינדער און טוער, צוגעגעבן נאָכמער מוט און ווילן צו דער ארבעט.

די איבערגעגעבענע גרינדער און טוער פון דעם „בענקל", די חברים: ישראל מלמד, אברהם יוסף גאלפערין, הערשל פאָמעראניץ, לייבל שיטער, יצחק באָקסער, וואָלף געקדישמאן, פאליק פלינק ע"ה, ישראל בליט, אהרן נוטמאן, משה אברוך און אנדערע, האָבן זיך געזען פארגרעסערט מיט אזעלכע חברים, ווי: פסח ליטוואק, שעפסל שנירמאכער, ישראל ליבערמאן ע"ה, יצחק ווידער, מרדכי לאנגער, שמחה קאלב, מאנעס גיפס, יצחק שנירמאכער, אייזיק פעדער, פיניע קריינער און אנדערע, ביי וועמען דאָס „בענקל" איז געוואָרן א טייל פון זייער געזעלשאפטלעכן אויסלעבן-זיך, אוועקגעבנדיק פיל צייט פאר דער אקטואציע אין זייער באליבטער אינסטיטוציע, פארנאכלעסנדיק אָפטמאָל זייערע פריוואטע אינטערעסן צוליב דעם וואוילזיין פון דער זעלבער און שטייענדיק שטענדיק אויף דער וואך, כדי אָפצוהיטן דעם נאָמען און פרעסטיזש, נישט קוקנדיק אויף קיין שום שוועריקייטן וועלכע זיינען זיי געשטאנען אין וועג.

איך פלעג זיי אלע באאָבאכטן ביי די זיצונגען און כ'האָב באמערקט, ווי די פרייד זייערע פון יעדער דערגרייכטן פראָגרעס אין אונזער „„בענקל", האָט זיך אָפגעשפיגלט אויף זייערע פנימער, און קוקנ-

דיק אויף זיי, האָבן אויך אַנדערע אַקציאָנערן, נאָך מיט מער מוט און פלייס, געהאָלפן אין דער אַרבעט. עס איז ווערט דאָ צו דערמאָנען איינעם פון די איבערגעגעבנסטע חברים אונזערע, דאָס איז דער חבר משה קאַגאַן, וועלכער האָט צוזאַמען מיט די איבעריקע חברים, פיל מיטגעהאָלפן אין דער אַרבעט. בעת דאָס „בענקל“ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין: קאָאָפּעראַטיווע „על פּאַרוועניר“, אָנערקענט פון דער רעגירונג מיט יורידישע רעכט (פּערסאָנעריאַ כורידיקאַ).

אין דער זעלבער צייט, ווען דאָס בענקל איז געוואָרן אָפיציעל אַ קאָאָפּעראַטיווע, זיינען נאַטירלעך, פאַרגרעסערט געוואָרן די קרעדיט־אָפּעראַציעס. דאָך האָט זיך נישט געביטן אויף קיין פאַל נישט, דער גייסט און נישט דער כאַראַקטער פון דער אינסטיטוציע, און עס ווערט אָפּגעהיט די טראַדיציע פון הברלעכקייט און פריינטשאַפט, ווי פריער און יעדער אַקציאָנער פילט זיך ווי ביי זיך אין דער היים, נישט אָנטרעפנדיק אויף קיין מחיצה צווישן פאַרמעגלעכע און אומפאַרמעגלעכע. ווי עס טרעפט אָפט אין אַנדערע ערטער, וואו די ערשטע זוכן אָפט, זיך צו אימפּאָנירן איבער די צווייטע.

צוזאַמען מיט דעם שטופנווייזן שטייגן פון דער קאָאָפּעראַטיווע, האָט זיך אָנגעהויבן פאָדערן אַז עס זאָלן צוגעצויגן ווערן נייע מענטשן, פרישע כוחות צו דער אַרבעט, און אויף דעם פאָרשלאָג פון הברים און באַזונדערס אויף דער אינסיסטענץ און איינלאַדונג פון חבר פּסח ליטוואַק, איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אַרבעט דער לאַנג־יעריקער מיטגליד: אַבֿרהם — אָדער ווי אַלע רופן אים — אַבֿרהמל קאַפּלאַן. און נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זיינע געשעפטן דערלויבן אים נישט, צוליב מאַנגל אין צייט, זיך אָפּצוגעבן מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. — האָט דאָך גובר געווען אין אים די פריינטלעכע באַציאונג צו דער אינסטיטוציע, אין וועלכער ער האָט דעם ערשטן קרעדיט, צוריק מיט יאָרן, נאָך זייענדיק אַן אַרבעטער — באַקומען און ער האָט דעם אַמט אַלס סעקרעטאַר אָנגענומען אויף צוויי יאָר צייט.

דער חבר אַבֿרהמל, האָט מוסטערהאַפט, דעם אַמט זיינעם אַלס סעקרעטאַר, אויסגעפילט, נישט נאָר אין טעכנישן זין, נאָר ער איז אויך אָפט געקומען צו הילף מיט באַדייטנדיקע סומעס געלט, ווען די אומשטענדן פון דער קאָאָפּעראַטיווע האָבן עס געפאָדערט. זיין געטרייַשאַפט און זיין איבערגעגעבנקייט מיט ליב און לעבן צו דער אינסטיטוציע, איז ממש צו באַוואונדערן און דער פריינט קאַפּלאַן ווערט פאַרערט פון אַלע מיטגלידער אָן אויסנאַם. אין יאָר 1949, ווען עס איז געוויילט געוואָרן אַ נייער דירעקטאָריום, איז דער פריינט קאַפּלאַן,

איינשטימיק אויסגעוויילט געוואָרן אלס פרעזידענט פון אונזער קאָאָפעראטיווע, — אן אמט, וועלכן ער האלט־אָן ביז איצט און ער פילט אים אויס בשלימות און ערנהאפט און א דאנק דעם הבר קאפלאן קומט נישט אויס צו באנוצן זיך מיט קיין אויסערלעכע קרעדיטן, ווייל ווען עס טרעפן אויסערגעוויינלעכע פאלן, שטייט דער הבר קאפלאן צו דיספאזיציע מיט זיין פריוואטן קאפיטאל און א דאנק אים ווערט געלייזט אויף א שנעלן און ווירדיקן אופן יעדע פינאנציעלע סיטואציע פון דער קאָאָפעראטיווע, ווען דער מאָמענט פאָדערט עס.

איך וויל דאָ אויך דערמאָנען די הברים: היים פאבער, שמואל פאק, דוד אמפער און יעקב ווייסמאן, וועלכע האָבן מיט זייער אקטואציע פיל געלייסטעט פאר אונזער אינסטיטוציע און אויך אונזער בערענטע, עליאס קלאס, וועלכער פירט־אָן ערנהאפט מיט דער טעכנישער ארבעט און איך האָף, אז מיט דער מיטארבעט פון די אלע איבנאויסגערעכנטע און פון אלע אונזערע אקציאָנערן, וועלן מיר דערפירן אונזער אינסטיטוציע צו דער מדרגה, אז זי זאָל זיין א מוסטער־אינסטיטוציע פון פאָלקסטימלעכקייט און הברלעכקייט, צווישן אלע עקזיסטירנדיקע אינסטיטוציעס אויף דער אידישער גאס.

איצט, נאָך מיינע צוויי און צוואנציק יאָר מיטארבעט אין דער דאָזיקער אינסטיטוציע, וועלכע איך האָב געהאָלפן גרינדן און פארפעסטיקן, גיב איך א קוק אויף צוריק און זע פאר זיך מיין הרובע היים־שטאָט קאָוולע, מיינע אומגעקומענע עלטערן, שוועסטער, ברידער און פריינט און א ווייטיק פון צער און פיין נעמט מיך ארום און נאָר דאָן, ווען איך קום זיך צוזאמען מיט די הברים און פריינט אין אונזער אמאָליקער „נייע קאָוולער־וואָלינער לייַ־ און שפאָר־קאסע“ — די איצטיקע קאָאָפעראטיווע „על פאָרוועניר”, — פיל איך די נאָענטקייט און פריינטשאפט פון הברים, וועלכע זיינען מיר ווי אייגענע פון איין משפחה און איך צייג מיך דאָן איבער, אז די ארבעט איז כדאי געווען, — אז א גרויסע זאך איז אויפגעטאָן געוואָרן, מיט דעם אויפשטעלן אזא היימישע סביבה פון חברים און פריינט און מיט וועמען עס ווילט זיך טרעפן אָפט און אָפטער און אזוי מיטארבעטן אלע צוזאמען לטובת אונזער אינסטיטוציע אין אירע מיטגלידער נאָך לאנגע, לאנגע יאָרן.

ישראל מלמד

זכרונות

(שטריכן און דאַטן)

צו דער געלעגנהייט, וואָס דער לאַנדסלייט-פאַראיין פון קאָוועל און אומגעגנט, גיט ארויס א „פנקס-קאָוועל", אין וועלכן עס ווערט באשריבן אלין פון אונזער געבורטשטאָט און פון אירע שיינע געזעלש. אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען פאַרניכטעט געוואָרן, צוזאמען מיט אונזערע טייערסטע און ליבסטע, מיט דעם בעסטן וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט — איז אלס קאָוולער און אלס איינער פון די וואָס האָט געבראַכט די אידייע צו גרינדן אונזער „נייע קאָוולער-וואָלינער ליי- און שפּאַרקאַסע", די היינטיקע קאָאָפּעראַטיווע „על פּאַרוועניר" — וויל איך דאָ איבערגעבן איניקע מאָמענטן, פון דער ערשטער צייט, בעת ווען מיר האָבן די אינסטיטוציע געגרינדעט, און א פּאָר קורצע שטריכן פון די ווייטערדיקע פּעריאָדן.

ביי יעדן צוזאמענקום פון די קאָוולער, די נאָר-וואָס געקומענע אין לאַנד (דער הויפּט-צוזאמענקום איז געווען ביים חבר הערשל פּאַמעראַנץ אין וואוינונג), פלעגט מען זיך דערמאָנען אין דער אלטער היים, אין קאָוולע און וועגן דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן וואָס דאָרט איז געפירט געוואָרן, צוגלייכנדיק עס צום היגן לעבן, וואו מען איז אזוי עלנט, הילפסלאָז א. א. וו., און דאָ קומען אלעמאָל פרישע לאַנדסלייט, איבערהויפּט אן ארבעטער-עלעמענט, וועמען מ'דאַרף העלפן, אין ערשטן מאָמענט פון זיין אָנקומען אין לאַנד. און ס'איז נישטאָ מיט וואָס — איז פון דעם אלעמען פלעגט מען אויף די צוזאמענקונפטן שמועסן און אזוי שמועסנדיק איז געקומען א פאָרשלאָג פון הערשל פּאַמעראַנץ און פון מיר, אז ס'וואָלט וויכטיק געווען צו שאַפן א הילפס-קאַסע, וואָס זאָל ארויסהעלפן דעם לאַנדסמאַן מיט אן הלוואה אויף לענגערע ראַטעס אויסצוצאָלן.

מיט דעם דאָזיקן געדאַנק אונזערן, האָבן מיר זיך געווענדעט צום חבר גאַלפֿערין און צום חבר שיטער, וועלכע האָבן מיט צופֿרידנהייט אויפֿגענומען אונזער אידייע און האָבן זיך פֿאַרפֿליכטעט מיטצוהעלפֿן אונז אין דער אַרבעט. דאָס זעלבע האָבן אויך געטון די חברים: ישׂראל בליט, אַהרן ערליך ע״ה, נחמן ראַבוי, יצחק באַקסער, סאָלאָמאָן באַדנער און אַנדערע חברים. און דעם 29-סטן אָקטאָבער 1929, איז געגרינדעט געוואָרן די הילפֿס-קאַסע, אונטערן נאָמען: „נייע קאָוולער־וואָלינער ליי־ און שפּאַר־קאַסע“. אויף דער ערשטער גרינדונגס-פֿאַרזאַמלונג זיינען פֿאַרשריבן געוואָרן אַ געוויסע צאָל אַקציעס, צו צען פֿעזעס אַן אַקציע. איך זאָג, פֿאַרשריבן געוואָרן, ווייל נישט יעדער האָט פֿאַרמאָגט די גאַנצע צען פֿעזעס פֿאַראַמאָל צו באַצאָלן, האָט מען זיך פֿאַרשריבן אַקציעס אויף אויסצוצאָלן, וויפֿל יעדער איינער האָט געקענט און מען האָט גלייך אָנגעהויבן אַרויסגעבן הלוואות צו דרייסיק פֿעזעס אויף אַן אַקציע.

מיר האָבן באַלד געשאַפֿן סטאַטוטן און רעגלאַמענטן, לויט אונזער אָנגעצייכנטן וועג, — אַ וועג פֿון העלפֿן דעם צווייטן, דעם לאַנדסמאַן מיט אַן הלוואה אָן שום שוועריקייטן און אָן אַפּציענישן, נאָר העלפֿן ברודערלעך און חברלעך און אַ דאַנק אַט-דער פֿירונג אונזערער, זיינען צוגעקומען אַלע מאָל נייע מיטגלידער. וועמען מען האָט געהאָלפֿן, הגם מיט אַ הילף בתורת הלוואה, אָבער פֿאַר יענער צייט איז עס אויך געווען אַ גרויסע זאַך, ווייל אונזערער אַ חבר, אַן אַרבעטס-מענטש האָט אין יענער צייט, ערגעץ אַנדערשוואו קיין קרעדיט נישט געקענט באַקומען, צוליב אַ רייע שוועריקייטן וואָס מען האָט אים געמאַכט. און פֿון נישט האָבן קיין צוטרוי צו אים, ווייל אויב ער איז אַן אָרעמאַן, ווי אַזוי-זשע וועט ער קענען באַצאָלן זיין הלוואה? — איז געווען די טענה... מיר אָבער, אין קעגנטייל, האָבן ערשט אַזעלכן אַנטקעגנגעטראָגן דעם קרעדיט, ווייל מיר האָבן פֿאַרשטאַנען און געפֿילט זיין לאַגע אין וועלכער ער געפֿינט זיך און אים, דעם ערשטן די הלוואה אַרויסגעגעבן.

אַזוי זיינען אַריבער עטלעכע יאָר פֿון אונזער טעטיקייט. צייטן זיינען געווען פֿאַרשידענע. עס זיינען געווען יאָרן פֿון אויפֿשטייג און יאָרן פֿון קריזיס און מיר האָבן זיך געפֿלייסט מיט אַלע אונזערע כוחות דאָס „בענקל“ צו דערהאַלטן. אין אונזער אָנשטרענגונג האָבן אונז פֿיל געהאָלפֿן די חברים לודמירער לאַנדסלייט, וועלכע, אויסער דעם וואָס זיי זיינען געווען פֿאַרטראַטן, פֿיל מאָל אין דער פֿאַרוואַלטונג (איך רוף נישט אָן קיין נעמען, ווייל זיכער ווערן זיי דערמאָנט פֿון אַנדערע חברים), זיינען זיי געוואָרן האַרציקע פֿריינט און די קעגנזייטיקע

פריינטשאפט האלט־אָן ביז היינט-צו־טאָג. מיר זעען זיי, די לודמירער חברים, אויף אלע אונטערנעמונגען און ימים־טובים וואָס די קאָוולער לאנדסלייט פירן דורך און אזוי פארקערט — די קאָוולער ביי די לודמירער. און א דאנק אָט־דער אייניקייט און חברלעכקייט, האָבן מיר באוויזן איבערצוקומען די פארשידענע שווערע מאָמענטן, וואָס מיר האָבן געהאט אין אונזער „בענקל”, און א דאנק דער עקזיסטענץ פון אונזער בענקל, האָבן פיל פאמיליעס, סיי קאָוולער ווי לודמירער, צו פארדאנקען זייער אריבערקומען אין דער צייט אהער, קיין ארגענטינע, זיך ראטעווענדיק אזוי ארום פון דעם גיהנום אין אייראָפּע.

ביי היינט-צו-טאָג, ווען מיר גיבן א קוק אויף צוריק, אויף דאָס אלין וואָס מיר האָבן דורכגעמאכט אין פארלויף פון די צוויי און צוואנציק יאָר עקזיסטענץ פון אונזער בענקל. גלויבט זיך קוים, אז מיר האָבן דאָס אלין געקענט באוויזן דורכצופירן. און דאָך איז עס אזוי. מיר האָבן אלין בייגעקומען און מיר שטייען איצט מיט א קאָאָפּעראטיווע, אויף א פעסטער און סאָלידער באזע, אָן קיינעמס הילף, נאָר מיט אייגענע כוחות און א דאנק דער פאראנטוואָרטלעכער און אהריותפולער אקטואציע פון די חברים וואָס שטייען ביי דער אָנפירונג און פון דער מיטהילף, פון אירע גרינדער און מיטגלידער.

א באזונדער קאפּיטל איז צו באשרייבן פון דער צייט, ווען אונזער „בענקל” האָט געמוזט לעגאליזירט ווערן דורך דער מאכט. עס איז דעמאָלסט געווען א צייט פון קריזיס־יאָרן פאר דער קאָמערין און פאר אלע ענלעכע אינסטיטוציעס ווי אונזערע, און פארשטייט זיך, אז אויך מיר האָבן שווער געליטן אין אָט־דער צייט. אָבער, ווידער דאָס זעלבע, א דאנק דער אייניקייט, חברלעכקייט און פאראנטוואָרטלעכקייט מצד די אָנפירער און אקטיווע טוער, איז מען אלין איבערגעקומען און עס האָט זיך איינגעאָרדנט אלין אויפן בעסטן אופן, און מיר עקזיסטירן און ברענגען נוצן אונזערע מיטגלידער־אקציאָנערן, ארויסגעבנדיק זיי די קרעדיטן אָן קיין שום שוועריקייטן און יעדער מיטגליד אונזערער געפינט זיך אין אונזער קאָאָפּעראטיווע, ווי ביי זיך אין דער היים.

אָט אזוי, אין קורצע שטריכן איבערגעבנדיק, איז אונזער, — פריער דאָס „בענקל” און איצט די קאָאָפּעראטיווע ”על פּאָרוועניר” — געפירט און פארוואלטעט געוואָרן אין א משך פון צוויי און צוואנציק יאָר, און מיר האָפן אז אויך אויף ווייטער וועט זי גיין אין זעלבן וועג.

ערשטע קאָמיסיאָן דירעקטיווע

1929 - 30

פרעזידענט — ישראל מלמד   פראָ „ — יצחק באָקסער
וויצע „ — א. י. גאַלפערין   קאַסיר — הערשל פאָמעראַנץ
סעקרעטאַר — לייבל שיטער

זואָקאלן:

פאַליק פינק ע״ה
ישראל בליט
סאַלאָמאָן באָדנער
נחמן ראַבוי
מאָטל מאָראָזאָווסקי ע״ה
סינדיקאָ — אורן ערליך ע״ה

אין יאָר 1931

פרעזידענט — ישראל מלמד   פראָ „ — פ. וואָרצעל
וויצע „ — ליטווינטשוק   קאַסיר — הערשל פאָמעראַנץ
סעקרעטאַר — פ. קריינער   פראָ־קאַסיר — ב. סאַס

וואָקאלן:

קאָטלער
נחמן ראַבוי
שפייזמאַן
וואָקאַל־סופל. — סופר
„ „ — קאָרנבליט
סינדיקאָ — י. גורטנשטיין
„ — י. בליט

אין יאָר 34 - 1932

פּרעזידענט — י. מלמד	פּראָ „ — לייבל שיטער
וויצע „ — א. י. האַלפּערין	קאַסיר — ב. סאַס
סעקרעטאַר — משה אַוורוך	

וואָקאַלן:

פּ. פלינק ע"ה
מאַניס באָרנער
פלוג
נים
א. גוטמאַן
מאַניס קיפּער
י. ליבערמאַן ע"ה
פּסח ליטוואַק
וואָקאַל־סופּל. — נ. ראַבוי
סינדיקאָ — יצחק ראָפּעלד
סינדיקאָ־סופּלענטע — חיים ניעמאַנד

אין יאָר 1935

פּרעזידענט — לייבל שיטער	פּראָ „ — נ. ראַבטאָקער
וויצע „ — א. שיינמאַן	קאַסיר — ב. סאַס
סעקרעטאַר — משה אַוורוך	פּראָ-קאַסיר — ישראל ליבערמאַן ע"ה

וואָקאַלן:

א. י. נאַלפּערין
ישראל מלמד
ש. שנירמאַכער
ה. פּאָמעראַנץ
וואָקאַל־סופּל. — פּ. ליטוואַק
„ „ — ל. רויסטיימשער
סינדיקאָ — שלמה נוליש
„ — ה. קאָרנגאָלד

אין יאָר 1936

פּרעזידענט — לייבל שימער פּראָ „ — י. לערנער
וויצע „ — א. י. גאָלפּערין קאַסיר — ב. סאַס
סעקרעטאַר — משה אַוורוך פּראָ־קאַסיר — י. ליבערמאַן ע״ה

וואָקאַלן:

פּסח ליטוואַק
ישראל מלמד
ה. פּאָמעראַנץ
ס. באָדנער
ל. ראיסטייטשער
ב. מאַזור
מ. ציטוואר
י. בליט
מ. לאַנגער
סינדיקאָ — ח. ניעמאַנד
„ — ה. קאָרנגאָלד

אין יאָר 1937

פּרעזידענט — ישראל מלמד פּראָ „ — מ. פּאַריזשער
וויצע „ — י. ליבערמאַן ע״ה קאַסיר — ב. סאַס
סעקרעטאַר — משה אַוורוך פּראָ־קאַסיר — א. גוטמאַן

וואָקאַלן:

מ. ציטוואַר
פּאַליק פּלינק ע״ה
ב. מאזור
י. גרינבוים
מ. לאַנגער
ס. ברויט
יאָסל באָדנער
ה. פּאָמעראַנץ
נ. ראַבוי
סינדיקאָ — שלמה נוליש

אין יאָר 1938

פּרעזידענט — ישראל מלמד
וויצע „ — מ. ציטוואַר
סעקרעטאַר — משה אוורוך
פּראָ „ — מאַוריציאַ פּאַריזשער
אַקטן־סעקר. — פּיניע קריינער
קאַסיר — ב. סאַס
פּראָ־קאַסיר — י. ליבערמאַן ע״ה

וואָקאַלן:

שמואל גוז
אהרן גוטמאַן
א. י. גאַלפּערין
נחמן ראַבוי
ס. ראַפּעלד
ס. באָדנער
הערשל ענגלסבערג ע״ה
פאַליק פלינק ע״ה
שמחה קאַלב
סינדיקאַ — שלמה גוליש

אין יאָר 1939

פּרעזידענט — ישראל מלמד
וויצע „ — אהרן גוטמאַן
סעקרעטאַר — מ. אוורוך
פּראָ „ — ג. גוטמאַן
אַקטן־סעקר. — פּ. קריינער
קאַסיר — ב. סאַס
פּראָ־קאַסיר — מאַנים קיפּער

וואָקאַלן:

א. י. גאַלפּערין
ש. גוליש
ה. ענגלסבערג ע״ה
י. ראַפּעלד
ס. גאָלדצווייג
ל. אַליעאַרוש
מ. סויפּער
וואָקאַל־סופּל. — ס. אקערמאַן
„ „ — ה. טשיזשיק
סינדיקאַ — מ. ציטוואַר
סינדיקאַ־סופּלענטע — מ. קאַגאַן

אין יאָר 1940

פרעזידענט — ישראל מלמד
וויצע „ — אהרן גוטמאַן
סעקרעטאַר — מ. אווהוך

פראָ „ — מ. פאריזשער
קאַסיר — ב. סאַם
פראָ־קאַסיר — מאַנים קיפער

וואָקאלן:

א. י. גאלפּערין
מ. סויפער
מאיר לאַנדא
אליעזר אָליעאַרוש
פּ. קריינער

וואָקאל־סופל. — ס. אקערמאַן
„ „ — ס. גאָלדוואַרד
סינדיקאָ — מ. ציטוואַר
סינדיקאָ־סעפּלענטע — מ. קאָגאַן

אין יאָר 1941

פרעזידענט — מ. ציטוואַר
וויצע „ — פּ. ליטוואַק
סעקרעטאַר — ב. סאַם

פראָ „ — ל. שיינער
קאַסיר — י. מלמד
פראָ־קאַסיר — ש. גוז

וואָקאלן:

י. שנירמאַכער
א. גוטמאַן
ה. ענגלסבערג ע"ה
י. שליאַם ע"ה
שמחה קאַלב

וואָקאל־סופל. — ה. באָדנער
„ „ — ח. גראָבער
סינדיקאָ — א. י. גאַלפּערין
סינדיקאָ־סופּלענטע — פּ. קריינער

אין יאָר 1942

פּרעזידענט — י. שנירמאַכער
וויצע „ — שמואל נוז
סעקרעטאַר — מאָוריסיאָ קאַגאַן
פּראָ „ — לעאָן שיטער

קאַסיר — ישראל מלמד
פּראָ־קאַסיר — י. ראַפּעלד
אקטן־סעקר. — י. ליבערמאַן ע"ה

װאקאָלן:

ה. ענגלסבערג ע"ה
א. פּעדער
י. באָדנער
ש. שנירמאַכער

וואָקאַל־סופּל. — יעקב גלוז
„ „ — יוסף רערען
סינדיקאָ — הערש גראָבער
סינדיקאָ־סופּל. — וואָלף נעקדישמאַן

אין יאָר 44 ־ 1943

פּרעזידענט — יצחק שנירמאַכער
וויצע „ — הערשל ענגלסבערג ע"ה
סעקרעטאַר — מ. קאַגאַן

פּראָ „ — י. ליבערמאַן ע"ה
קאַסיר — י. מלמד
פּראָ־קאַסיר — פּ. ליטוואַק

װאקאָלן:

וו. נעקדישמאַן
משה גראבוי
אייזיק פּעדער
יוסף באָדנער
ש. שנירמאַכער
שמואל פּאַק

סינדיקאָ — פּנחס קאַנאַן
סינדיקאָ־סופּלענטע — יצחק ווידער

אין יאָר 1945

פּרעזידענט — פּסח ליטוואַק	פּראָ „ — פּנחס קאַגאַן
ווייצע „ — אהרן גוטמאַן	קאַסיר — י. מלמד
סעקרעטאַר — מ. קאַגאַן	פּראָ־קאַסיר — י. ליבערמאַן ע״ה

וואַקאַלן:

א. פּעדער
י. באָדנער
וואָלף געקדישמאַן
שמואל פּאַק
וואַקאַל־סופּל. — יעקב טשיזשיק
„ „ — מרדכי סינגאַל
סינדיקאָ — מ. לאַנגער
סינדיקאָ־סופּלענטע — א. י. גאַלפּערין

אין יאָר 1946

פּרעזידענט — פּ. ליטוואַק	פּראָ „ — פּ. קאַגאַן
ווייצע „ — מ. ציטוואַר	קאַסיר — י. מלמד
סעקרעטאַר — מ. קאַגאַן	פּראָ־קאַסיר — ש. שנירמאַכער

וואַקאַלן:

מ. גראַבער
חיים פּאַכער
יוסף באָדנער
שמואל פּאַק
וואַקאַל־סופּל. — ישראל בליט
„ „ — מאיר ווייסמאַן
סינדיקאָ — מ. ל. שיינהאָלץ
סינדיקאָ־סופּלענטע — י. טעללער

אין יאָר 1947

פרעזידענט — פ. ליטוואַק   פראָ „ — מ. ל. שײנהאָלץ
וויצע „ — ש. שנירמאַכער   קאַסיר — אײזיק פעדער
סעקרעטאַר — אברהם קאַפלאַן   פראָ-קאַסיר — יוסף באָרנער

וואָקאלן:

ה. גראָבער
חיים פאַבער
וו. געקרישמאַן
י. ווייסמאַן
א. י. גאַלפערין
וואָקאַל־סופל. — י. קליין
„ „ — א. י. מוירנפעלד
סינדיקאָ — לייבל שיטער
סינדיקאָ־סופלענטע — פ. קאָגאַן

אין יאָר 1948

פרעזידענט — פ. ליטוואַק   פראָ „ — מ. ל. שײנהאָלץ
וויצע „ — ש. שנירמאַכער   קאַסיר — א. פעדער
סעקרעטאַר — אברהם קאַפלאַן   פראָ־קאַסיר — י. באָרנער

וואָקאלן:

ה. גראָבער
ה. ווייסמאַן
ח. פאַבער
וו. געקרישמאַן
א. י. גאַלפערין
וואָקאַל־סופל. — כ. קליין
„ „ — א. י. מוירנפעלד
סינדיקאָ — לייבל שיטער
סינדיקאָ־סופלענטע — פנחס קאָגאַן

אין יאָרי 1949

פרעזידענט — אברהם קאפלאַן
וויצע „ — ש. שנירמאכער
פראָ „ — מ. ל. שיינהאָלץ

סעקרעטאר — ל. שיטער
קאסיר — וואָלף געקדישמאַן
פראָ-קאסיר — יוסף באָדנער

וואָקאַלן:

יצחק ווידער
יעקב ווייסמאַן
אהרן גוטמאַן
חיים פאַבער
א. י. גאלפערין
וואָקאַל־סופל. — שמואל פאַק
„ „ — יעקב לייב גלוז
סינדיקאָ — שמחה קאָלב
סינדיקאָ־סופלענטע — דוד בירמאַן

אין יאָר 1950

פרעזידענט — אברהם קאפלאַן
וויצע „ — מאוריסיאָ קאָגאן
סעקרעטאר — לעאָן שיטער

פראָ „ — שמחה קאָלב
קאסיר — ש. י. נעקדישמאַן
פראָ־קאסיר — ישראל בליט

וואָקאַלן:

יעקב ווייסמאַן
יצחק ווידער
ש. פאַק
ישראל ראָזנהויז
אהרן גוטמאַן
וואָקאַל־סופל. — דוד אָמפער
„ „ — שלמה אבועלאָפיא
„ „ — שלמה גאָלדצווייג
סינדיקאָ — ישראל מלמד
סינדיקאָ־סופלענטע — חיים פאַבער

דער איצטיקער דירעקטאָריום

פּעריאָד 1951

פּרעזידענט — אבּרהם קאַפּלאַן פּראָ „ — שמחה קאַלב
וויצע „ — מאַוריסיאָ קאַגאַן אַקטן־סעקר.— לעאָן שיטער
סעקרעטאַר — פּסח יואל ליטוואַק קאַסיר — וואָלף נעקרישמאַן
פּראָ־קאַסיר — שעפּסל שנירמאַכער

וואָקאַלן:

יעקב ווייסמאַן
שמואל פּאַק
אהרן גוטמאַן
חיים פּאַכער
דוד אַמפּער
וואָקאַל־סופּל. — שמואל ברויט
„ „ — שמואל נוז
סינדיקאָ — א. י. גאַלפּערין
סינדיקאָ־סופּל. — מאַוריסיאָ ציבוואַר


יזכור
צום אייביקן אָנדענק
פון אונזערע קדושים,
וואָס זיינען אומגעקו־
מען דורך די נאַצי־
מערדער אין די יאָרן
1939 — 1945.
ת.נ.צ.ב.ה

יזכור

מיט געבויגענע קעפּ פֿון אבלים און פֿול מיט צער און ווייטיק אין אונזערע הערצער, פאראייביקן מיר די קדושים וטהורים, אומגעקומענע דורך דייטשע און אוקראינישע רוצחים ימ״ש, — אין אונזער היימשטאָט קאָוולע, — אין די יאָרן פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה 1939 — 1945.

מענער־פאַרוואַלטונג און פרויען־קאָמיסיע
פון לאַנדסלייט־פאַראיין פון קאָוועל און
אומגעגנט אין אַרגענטינע.

למזכרת נצח
הקדושים

הצדיק ר׳ וועלוועלע
מטריסק זצ״ל
(טריסקער רבי)

הרב הקהילה
ר׳ נחום משה׳לע
טווערסקי זצ״ל

למזכרת נצח הקדוש

הרב ר׳ אליעזר ניצבערג ז״ל
(דמשק אליעזר)
(דער פּרוזשענער רב)
אין קאָוולע

צום אָנדענק פון אונזערע משפּחה־מיטגלידער,

אומגעקומענע דורך די נאַצי־בעסטיעס אין קאָוולע, אין יאָר 1942:

ר׳ אלתר מצבה־קריצער (וועקסלבוים), געשטאָרבן; זיין פרוי בילה, געשטאָרבן אין געטאָ. ברײנע וועקסלבוים דע כאַרי, געשטאָרבן; שואל כאַרי און זייערע זיבן קינדער, אומגעקומען. משה און דבורה וועקסלבוים, געשטאָרבן; זייערע פיר קינדער, אומגעקומען. שמואל לייב ווילענטשיק, געשטאָרבן; זייערע פיר קינדער, אומגעקומען. העניע וועקסלבוים דע מושקינס און מאַן און קינדער, אומגעקומען. שרה וועקסלבוים דע פינקלשטיין און מאַן און צוויי קינדער, אומגעקומען. לאַנע וועקסלבוים דע קאַשטאַן, אומגעקומען אין בראַזיל, איר מאַן שלום קאַשטאַן, געשטאָרבן אין בראַזיל. פייגל כאַרי דע קאַפּיט, איר מאַן און קינד, אומגעקומען. ברכה טענענבוים דע גוז, איר מאַן און קינד, אומגעקומען. צאַלע טענענבוים און פרוי און צוויי קינדער, אומגעקומען.

ר׳ אברהם וואָרצל און פריידע זיין פרוי, געשטאָרבן. מישקע וואָרצל דע מאַנדעל, איר מאַן משה און פיר קינדער, אומגעקומען. שרה וואָרצל דע זאַפּראַן, איר מאַן און פינף קינדער, אומגעקומען. מרים וואָרצל דע טכויר מיטן מאַן, אומגעקומען. פּנחס וואָרצל, פרוי און קינדער, אומגעקומען.

עס פאַראייביקן זיי, די אין טרויער־געבליבענע זין און טעכטער, איידעם און שנור, אייניקלעך און אוראייניקלעך, פּלימעניקעס און פּלימעניצעס:

יעקב און שפּרינצע וואָרצל, פּיניע און נח וואָרצל און זייערע פאַמיליעס. מאַניע ווילענטשיק דע גון און פאַמיליע. סאַול קאַשטאַן און פאַמיליע (בראַזיל) און ליזע קאַשטאַן דע דאָרפמאַן און פאַמיליע (בראַזיל). . .

יחיאל שיינבוים ע״ה

געפאלן אין קאמף מיט די דייטשן
אין ווילנער געטאָ
דעם 1־טן סעפטעמבער 1943.

פ נ
החלוץ יחיאל
שנבוים

די מצבה אויפן קבר
פון יחיאל שיינבוים —
אויפן ווילנער בית־עולם.

עס פאראייביקן זיין
הייליקן אָנדענק:

**די לאנדסלייט
פון קאוולע
און אומגעגנט
אין ארגענטינע.**

דיכטער
קלמן ליס ע״ה

אומגעקומען אין וואַרשע, בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

עס פאַראייביקן זיין אָנדענק:

די לאַנדסלייט פון קאָוועל און אומגעגנט.

ד״ר אשר פראַנקפורט ע״ה

גרינדער און דירעקטאָר פון דער העברעאישער גימנאַזיע „הרצליה" אין קאָוועל; לערער און מדריך פון הונדערטער און הונדערטער קאָוולער אידישע קינדער, וועמען האָסט דערצויגן אין אידיש־נאַציאָנאַלן גייסט, איינפלאַנצנדיק אין זיי, ליבע, צום אידישן פאָלק און אידישן לאַנד.

צווישן די ערשטע קדושים, די קאָוולער, ביזטו געווען. די בעסטיעס, די נאַציס, האָבן דיין שעפעריש לעבן, אין יאָר 1941, פאַרשניטן.

דיין ליכטיקער אָנדענק, וועט שטענדיק שטיין פאַר אונז — דיינע לאַנדסלייט — וועלכע פאַראייביקן לזכרון דיין הייליקן נאָמען.

למזכרת נצח



1) **משה פערעל**, 2) זיין פרוי **גאָלדע פערעל**, 3) זייער טעכטערל **שושנה**, זיינען אומגעקומען אין קאָוולע אין 1942, 5) זייער קוזין **בנימין פערעל**, 6) משה פערעלס אַ שוואָגער, 7) משה פערעלס פאָטער און 8) זיין שטיפמוטער און שוועסטער, ברידער און פּלימעניצעס, וואָס זיינען אַלע אומגעקומען אין ראַדאָוויטש דורך די נאַציס אין יאָר 1942.

עס פאַראייביקט זיי לזכרון עולם:

לייבל פערעל

(מעקסיקע)

צום אייביקן אָנדענק



יצחק און מרים-ליבע גאַנטשאַר,

פון קאָוולע, אומגעקומען פאַרפייניקטע אין זייער וואַנדער-וועג אין רוסלאַנד, בעת דער צווייטער וועלט-מלחמה.

עס פאַראייביקן זייער אָנדענק:

זין, טעכטער, איידעמס, שנור,
אייניקלעך און אוראייניקלעך.

צום אייביקן אָנדענק



אונזער זיידע **משה נחום בר׳ יצחק שפאק ע״ה** און באָבע **בילה רבקה בת ר׳ שמואל** (גערופן שמעטשעכע), געשטאָרבן אין קאָוולע אין 1912; פאָטער **ר׳ יעקב בר׳ שרגא פייוול ווינטער ע״ה** געשטאָרבן אין קאָוולע 26 טעג אין חודש ניסן; אונזערע פעטערס און מומעס: **ר׳ אברהם אליעזר** און **פייגע שפאק, ר׳ אברהם יצחק** און **רחל טויביטש, ר׳ לייבל** און **חיה שטיינבערג, ר׳ אהרן** און **עטל פראַדעלים,** פעטער **ר׳ חיים ווינטער** (געשט. אין 1920) און מומע **מלכה, ר׳ משה** און **חנה גובערמאַן,** און זייערע קינדער און די שוועסטער־קינדער פון דער פאַמיליע **קאַגאַן** און אַלע אונזערע קרובים און פריינט וואָס זיינען אומגעקומען אין קאָוולע פון רוצחישע הענט אין 1942.

עס פאַראייביקן זייער אָנדענק:

חיים ווינטער און פאַמיליע.

לזכרון עולם

מיין פאָטער
שמואל וואָלף ע"ה,
געשטאָרבן אין בערלין,
26 טעג אין אדר ב'
שנת תרע"ג (1913),
מיין מוטער **גאָלדע,**
און

שוועסטער טאָניע מיט איר מאַן מאָטל ערליכגערעכט און קינדער שמואל (מיקע) און הערשעלע, וואָס זיינען אומגעקומען דורך די נאַצים אין 1942, און פאָטער, שווער און זיידע ר' אהרן בר' יצחק קאָרמאַן ע"ה, געשטאָרבן אין קיווריצע.
זייער הייליקער אָנדענק, וועט שטענדיק שטיין פאַר אונזערע אויגן.

עס פאַראייביקן זייער אָנדענק:

יעקב און מינע אברך און קינדער.

לזכרון עולם

ר' שמואל בר' מעשל שדכן, זייפטל בת אליעזר שדכן, פנחס בר' משולם גוז, חיה מלכה בת ר' שמואל גוז, צבי, אליהו, אליעזר, שמואל, שפרינצה והיים. יוסף אריה גוז, דוב גוז, ישראל פרישבערג, בעריש פרישבערג, רבקה פרישבערג, היה, הינדע, אסתר און אריה פרישבערג מיט זייערע פאמיליעס. נטע קימעל, היה, פייגע, האסיע און מנחם מענדל קימעל און פאמיליע.

עס פאַראייביקן זייער אָנדענק:

בן־ציון שדכן און פאמיליע.

לזכרון עולם

מיין פאָטער **אברהם אריה אשכנזי** ע"ה, מוטער **מלכה ראָזנבערג דע אשכנזי** ע"ה און פעטער **משה שויב** און מומע **חנה־רחל** ע"ה, אומגעקומען פון די נאַצים.

עס פאַראייביקט זייער אָנדענק:

נפתלי אשכנזי.

למזכרת נצח את הנפטרים והקדושים:

אבי מורי **ר׳ אהרן וואלף באלער ע״ה** נ׳ כ״ה חשון 1927, אמי מרת **שרה**, שוועסטער **ברײנדל** און מאן **אברהם יצחק קאזאק** און טאָכטער **גיסיע**. ברודער **בן־ציון** און פרוי און קינדער, שוועסטער **ריסל** און מאן **הערשל כ״ץ** און קינדער, שוועסטער **מאליע** און מאן **הערשל הענדזל** און קינדער, שוועסטער **דאבע** און מאן **יאנקל זוכהאליץ** און טעכטערל.

שווער און פאָטער: **ר׳ יוסף שאראפאנקער**, געשטאָרבן אין 1930, שוויגער און מוטער: **ברכה בת ר׳ יצחק גודטנשטיין** און שוועגערנס און שוועסטער **רייכל** און מאן **אלטער פריד** און קינדער, **רבקה** און מאן **ברוך בערגמאן** און קינדער, **צפורה** און מאן, **בלומקע**, **חיקע** און **האדעלע**, אלע אומגעקומען אין 1942.

עס פאראייביקן זייער אָנדענק:

בצלאל באלער און מעניע
שאראפאנקער דע באלער.

לזכר עולם

אונזערע עלטערן:

נפתלי און דינצע

קאפשוק ע״ה

און זין, שנורן,
טאָכטער, איידעמס
און אייניקלעך.

שעפבל און ציופּע מערניק און זין, שנירן, טאָכטער, איידעם און אייניקלעך.

עס פאראייביקן זייער אָנדענק:

אברהם בעריש קאפשוק און איטע מעדניק
דע קאפשוק און קינדער.

לזכרון עולם

מיין פאָטער מרדכי בר׳ שמעון טויב, וועלכער איז געהרגעט געוואָרן דורך באַנדיטן אין א וואַלד נעבן מאַניעוויטש 25 טעג אין חשון פון יאָר 1926.

עס פאראייביקט זיין טייערן אָנדענק די טאָכטער:

בעאַטריס טויב דע גליקין.

לזכרון עולם

מיין פאָטער ר׳ חיים בר׳ ישראל ווערבאַ, געשטאָרבן 17 טעג אין שבט 1918. מוטער מרים בת ר׳ שרגא פייוויש, ברודער שבתי און פרוי פאַניע און קינדער, ברודער אברהם און פרוי צילע, וואָס זיינען אלע אומגעקומען אין מאַניעוויטש אין 1942.

עס פאראייביקן זייער אָנדענק:

יהודה ווערבאַ און פאַמיליע.

יזכור

יהודית בת ר׳ מרדכי שמואל

פיגה בת ר׳ משה

ישראל בן שרגא־פייוול

משה בן ר׳ שלום

נח בן ר׳ ישראל שמעון

מרים בת ר׳ יהודה לייב

פיגה בת ר׳ נח

פערל בת ר׳ דוב

מינדל בת ר׳ דוב

דוב בר׳ גדליהו

עס פאראייביקן זייער אָנדענק:

יוסף ואהרן באָבער.

דעם אָנדענק

פון אסתר־מלכה בלומענפעלד, מאַטל גילדווארג און לאהקע גילדווארג ע״ה.

מאַניק גילדווארג און זיין פרוי מאַניע ע״ה. עס פאראייביקן

חיים און ריווע מלמד.



צום אייביקן אָנדענק

אונזערע עלטערן **מיכל בר׳ לייב שיטער**, מוטער **שרה בת ר׳ משה בורשטיין**, שוועסטער: מלכה און מאַן שלמה גרושקא (פון זידמיר) און קינדער, טשערנע און מאַן ירוכימאָוויטש און קינדער, צפּורה און מאַן מאָטל קליינער און קינדער, ברידער משה און פרוי און קינדער, און ברידער ראובן און שלמה און די שוועסטער: פּעסל און אסתר, דעם פעטער ר׳ זכריהו בורשטיין ע״ה (געשטאָרבן). פעטער חיים־יאָסל בורשטיין און פרוי אסתר און קינדער, מומע רבקה און מאַן בנציון קליין און פאַמיליע און די מחותנים: שמואל און יוכבד ווייסבערג און פאַמיליע, בנציון ירוכימאָוויטש און פאַמיליע, די פאַמיליע קליינער, יוסף בורשטיין, מלכה בורשטיין און די קאָוולער שוחטים: אשר בערלזאָן און פּסח אברוך און מיינע שווער און שוויגער מענדל און פרומע שמיקלער, וואָס זיינען אַלע אומגעקומען אין קאָוולע אין 1942.

עס פאַראייביקן זייער אָנדענק:

לייבל שיטער און קינדער

און **אברהם שיטער און פאַמיליע**.



לזכרון אבי מורי ר׳ אליהו בר׳ פנחס פאַנטורין ע״ה, געשטאָרבן אין יאָר 1922. **אמי גאָלדע בת ר׳ משה ע״ה**, שוועסטער העניע און מאַן לייבוויץ שוחט און שוועסטער ריקל, ברודער יחיאל פאַנטורין און פרוי באַניע און קינד אליהו, וואָס זיינען אַלע אומגעקומען אין קאָוועל אין יאָר 1942. און ברודער שלמה, וואָס איז אומגעקומען אין דער ערשטער וועלט־מלחמה.

ישראל חיים פאַנטורין און פאַמיליע.

לזכרון עולם



ברוך בר׳ בנימין גרינבלאט, געשטאָרבן אין 1940, **חנה־מלכה בת ר׳ שלמה**, שוועסטער פייגע דבורה און מאַן אפרים טענענבוים און דריי קינדער, שוועסטער דאָבע און מאַן יוסף סעגאל און צוויי קינדער און ברודער בנימין און פרוי און קינדער, וואָס זיינען אַלע אומגעקומען אין יאָר 1942.

עס פאַראייביקן זייער טייערן אָנדענק:

רחל גרינבלאט דע פאַנטורין און אסנע
גרינבלאט דע גוישן און פאַמיליעס.

לזכרון עולם אונזערע ליבע עלטערן







שווער און שוויגער בצלאל און ברכה פראנקפאָוויטש מיט זייערע קינדער כאסיע און הנה׳לע. און יוסף און מלכה ריט מיט די קינדער סאָסיעלע און פריידעלע, וואָס זיינען אומגעקומען בעת דער ערשטער ליקווידאציע, י״ז סיון ה׳תש״ב און רבקה׳לע, וואָס איז אומגעקומען בעת דער צווייטער ליקווידאציע, ו׳ אלול ה׳תש״ב.

עס פאראייביקן זייער אָנדענק:

פייוול און עטל פראנקפאָוויטש.

למזכרת נצח

מיין פאָטער

יחזקאל בר׳ יואל זאב

פינקלשטיין



אומגעקומען עשרת ימי תשובה אין יאָר 1942. מוטער **פרומע בת ר׳ שלמה**, געשטאָרבן י״ט כסלו פון 1932, ברידער: אליעזר און נחמן און שוועסטער בתיה, אומגעקומען אין דאָרף קרוגעל, נעבן קאָוולע פון נאצישע רוצחים. עס פאראייביקן

יואל וואָלף פינקלשטיין
און פאמיליע.

צום אייביקן אָנדענק

מיינע ליבע עלטערן **יוסף־אידל** און **צפורה יאָסיאָוויטש**, ברודער משה און פאמיליע, מיינע שוועסטער דאָבע מיטן מאן און קינדער, מלכה־דבורה מיטן מאַן און קינדער און די שוועסטער הנה־בתיה און שרה, וואָס זיינען אלע אומגעקומען פון די נאצים.

ערע זייער אָנדענק!

עס פאראייביקן זיי:

שלמה יאָסיאָוויטש
און פאמיליע.

לזכרון עולם

פון מיינע ליבע עלטערן: פאָטער **ברוך פערל** פון ראדאָוויטש, מוטער **אסתר**, ברידער בנימין און פרוי פייגע רחל'ע (בראנשטיין) און יאָסל און שלמה. אויך מיין ליבע שוועסטער הנה און שוואָגער יחיאל פראָמער. אלע אומגעקומענע על קידוש השם.

עס פאראייביקן זייער אָנדענק:
ריילע פערל און מאן יעקב
באטשקאָווסקי און קינדער:
אברהם און בנימין.

למזכרת נצח

אבי מורי **ר' יחיאל מרדכי ז"ל,**

שנפטר י"ז שבט לשנת תרס"ו 1906

עס פאראייביקט:

יוסף פאָס.



צום אייביקן אָנדענק

פון אונזערע ליבע עלטערן, שווער און שוויגער חיים און זלאטע לעוו. שוועסטער און שוועגערנס עטל און ציפע, ברידער און שוואָגערס וועלוול און משה, וואָס זיינען אומגעקומען אין 1942.

גיטל לעוו דע גאָלדצווייג
און מאן שמואל גאָלדצווייג.

צום אייביקן אָנדענק

מיין פאָטער **אליעזר בר' חיים אריה לייקאך ע"ה,** מוטער **לאה בת ר' משה קאַליקע ע"ה** און ברידער **משה** און **יוסף־בער.**

מרדכי בר' אביש גאָפען ע"ה, פייגע בת ר' שמואל הערמאן ע"ה, שוועסטער הינדע און מאן זיסיע וויינרויב און קינדער אביש, יוסף און שמואל און שוועסטער פערל, אלע אומגעקומען אין 1942.

עס פאראייביקן זייער אָנדענק:
מענדל און הנה לייקאך.

צום אייביקן אָנדענק

מיינע ליבע עלטערן מרדכי אידל און ברײנע לאה ווײנשל, מיין שוועסטער הײקע מיט איר מאן און קינד, מיינע ברידער נטע און יאנקל מיט זיין פרוי ניטל. מיין פעטער ראובן שווארצבלאט מיט זיין פרוי לאה'קע און קינדער.

עס פאראייביקן זייער אָנדענק:

דבורה וויינשל דע רעזניק
און מאן שמואל רעזניק.

לזכרון

אונזערע עלטערן משה און רייזל האָפען, ברידער איציק און צדוק, שוועסטער פייגע, פעטער נאָטע (פון ראָזשישטש), מומע שרה און פאמיליע (פון מעלניצע), וואָס זיינען אלע אומגעקומען אין 1942.

עס פאראייביקן זייער אָנדענק:

נאָטע האָפען און שוועסטער מנוחה איינשטיין און פאמיליעס.

לזכרון עולם

מיין ברודער דעם קדוש **בצלאל קאפלאן** און פרוי **חיה**, וועמען די נאציס האָבן באגראָבן לעבעדיקערהייט אין קאָוולע, אין יאָר 1942.

עס פאראייביקן זייער אָנדענק:

מרדכי קאפלאן.

לזכרון עולם

פון מיינע ליבע עלטערן: שמואל און חיה בלומע רובינשטיין, שוועסטער דוואָסיע און איר מאן נפתלי מאָוושאָוויטש און מיינע שוועסטער חנה און טעמע און ברודער ישראל, וואָס זיינען אלע אומגעקומען דורך די נאַציס אין קאָוולע אין יאָר 1942.

עס פאראייביקן זייער אָנדענק:

פיגה רובינשטיין דע באָטער
מאן און קינדער.

לזכר עולם



מיין פאָטער **משה יצחק מלמד ע"ה**, געשטאָרבן אין 1930. מוטער **שיינדל ע"ה**, געשטאָרבן אין 1934. ברודער **פישל** און פרוי **חיה־שרה** און 4 קינדער, ברודער **יעקב** מיט זיין פרוי און 2 קינדער, שוועסטער **חיה־איטע** מיט איר מאַן **אברהם קאַמען** און 2 קינדער אין שוועסטער **עטל** מיט איר מאַן און 2 קינדער, פעטער **משה קודיש** מיט זיין פרוי און קינדער, וואָס זיינע אַלע אומגעקומען אין קאָוולע אין 1942 און פעטער **חיים מלמד**, געשטאָרבן אין יאָר 1927 אין מאַציעוו און זיין פרוי און קינדער, וואָס זיינען אומגעקומען אין יאָר 1942 אין מאַציעוו.

ר' משה גלוז ע"ה אומגעקומען אין מעלניצע אין 1942.

און **ישראל גלוז** (געשטאָרבן אין מעלניצע אין 1938) און זיין פרוי און קינדער אומגעקומען אין מעלניצע אין 1942.

עס פאַראייביקן זייער הייליקן אָנדענק:

ישראל מלמד און פרוי פערל גלוז דע מלמד.

צום אייביקן אָנדענק

מיינע ליבע עלטערן

מאָטל בר׳ אשר קוזניעץ ע״ה,

געשטאָרבן י״א כסלו תרצ״א און

מוטער **לאה־דבורה** און שוועסטער **מלכה** מיט איר מאַן **שמאי עלבירט** און טאָכטער **אסתר׳קע**, שוועסטער **צעסיע** און מאַן **הערשקע סקירטש**, שוועסטער **חוה** און מאַן **יחיאל קריסטאַלקאַ** און שוועסטערל **בוזיע** און ברודער **משה קוזניעץ**, וואָס זיינען אומגעקומען דורך די נאַציס אין יאָר 1942.

אויך פאַראייביק איך אַלע מיינע פריינט די קדושים, די פאַמיליעס:

קוזניעץ, עלבירט, סקירטש, קריסטאַלקאַ, שטערנבערג, אשכנזי, זוסמאַן, ריכטער, פוקס, שויב, ראָזנבערג, ברוינשטיין, דאַנציקער, צוקער, באקימער, מעלצער, כאַסים, זעלצער, גלייבערמאן, קאַץ, שניידער, פלאָסקער, גינזבורג און **רייסישער** מיט זייערע פרויען און קינדער, וואָס זיינען אַלע אומגעקומען על קידוש השם אין יאָר 1942.

עס פאַראייביקן:

בעריש קוזניעץ און פאַמיליע.

לזכרון

מיין מאַן און פֿאָטער **בערל פייפער ע"ה**, אומגעקומען דורך באַנדיטן אין יאָר 1919, אין דאָרף פּריוואַל נעבן קאָוולע, מיין מוטער און באָבע **פריידע ע"ה**, געשטאָרבן 4 טעג אין כסלו 1929 אין מאַציעוו, מיין שוועסטער און מומע **זיסל** מיטן מאַן **משה שוואַרצבורד** און קינדער און די פאַמיליעס: **בעקער, שוואַרצבורד, שאַמעס, פיינגלוז, פּאָמעראַנץ** מיט **זייערע פאַמיליעס**, וואָס זיינען אומגעקומען דורך די נאַציס אין יאָר 1942.

אונזער בעסטן פריינט **מאיר קאָטשינסקי** און די פריינט **עטל בערענזאָן** און מאַן און קינדער און **נחום גייער** און פרוי, אומגעקומען אין 1942.

עס פֿאַראייביקן זייער

ליבן אָנדענק:

סימע ליבע פייפער

און

בילה פּ. דע קוזניעץ.



למזכרת נצח

אונזער פאָטער

הערשל בר׳ יעקב־דוד

גאָלדין ע״ה

געשטאָרבן 28 טעג אין אב 1924. מוטער רחל בת ר׳ יואל ע״ה, אומגעקומען דורך די באַלאַכאָוועצעס ערב ראש השנה 1920. ברודער שלמה מיט פרוי און קינדער, אומגעקומען אין אָדעס אין דער צווייטער וועלט־מלחמה. שוועסטער מירל־דבורה, געשטאָרבן ג׳ חשון 1935 און שוואָגער אהרן־יוסף בר׳ נה ניזוועסטנע, מיט זייערע קינדער: מלכה, עטיע און נח. איידעס פייגל און אייניקלעך: הערשעלע און חיה־רבקה׳לע און האשה מרת סערקע בת ר׳ נה, אשת ר׳ שמחה קאַץ; שמחה כ״ץ אין זון פישל און זיין פרוי רייזל און קינדער, וואָס זיינען אַלע אומגעקומען דורך די נאַציס אין ליבעוונע אין יאָר 1942. און משה בר׳ שמואל קאַגאַן, אומגעקומען אין 1942 און זיין פרוי הינדע און קינדער, אומגעקומען פון די באַלאַכאָוועצעס אין 1920.

עס פאַראייביקן זייער אָנדענק:

דוד גאָלדין, עטיע מלמד, מלכה זלאָטניק און פאַמיליעס.

צום אייביקן אָנדענק פון אונזערע ליבע עלטערן, פאָטער יוסף בר׳ דב אפּעל, געשטאָרבן כ״א שבט 1917 און מוטער לאה בת ר׳ יוסף־אריה רייכשטול, געשטאָרבן ט״ו כסלו 1941. אונזער פעטער און מומע פישל און רחל העלר, אומגעקומען אין ראָוונע אין 1942. שוועסטער רחל מיט איר מאַן ראובן בר׳ אייזיק לייב סעגאַל און זיין פלימעניק מנות נודלשטיין, אומגעקומען אין קאָוולע אין 1942.

עס פאַראייביקן:

היה גאָלדין און מלכה פאַרטוגעז און פאַמיליעס.

למזכרת נצח הקדושים

אונזער פֿאָטער **צבי אריה בר' דוב הלוי באַרנבוים**, אומגעקומען פֿון די באַלאַכאָוועצעס אין דאָרף ליבעכין אין יאָר 1920, מוטער **יענטע בת ר' אריה**, שוועסטער **ראָבע** און קינד **הערשעלע**, שוועסטער **מלכה** מיטן מאַן **אהרן ניימאַן** און קינדער און ברודער **אברהם**, וואָס זיינען אַלע אומגעקומען פֿון די נאַציס אין דאָרף ליבעכין אין יאָר 1942.

עס פֿאַראייביקן די ברידער:

בערל און יוסף באַרנבוים און פֿאַמיליעס.

לזכרון עולם

פֿון מיין פֿאָטער **אריה בר' יוסף מעשטעלער ע"ה** געשט. אום שמחת תורה 1918, מוטער **חיה־אסתר בת ר' אשר** געשט. 24 טעג אין אדר 1935, און ברודער, דעם קדוש **אשר ז"ל**, אומגעקומען פֿון די באַלאַכאָוועצעס אום צום גדליהו 1920 אין ליבעכין.

אויך פֿאַראייביקן מיר את נשמות הקדושים יעקב און איטע פוקס און קינדער שלמה און ראָבע אומגעקומען אין 1920, זייער זון משה פוקס און פֿאַמיליע, טעכטער: רחל און איר מאַן יונה ווערבער און קינדער און מלכה און מאַן מאָטל און קינדער, שוואָגער אביש אומגעקומען אין 1920 און חנה שלעכטער, וואָס זיינען אַלע אומגעקומען פֿון די נאַציס אין 1942.

עס פֿאַראייביקן:

יוסף מעשטעלער און פֿאַמיליע.

דעם הייליקן אָנדענק פון אונזערע ליבע און טייערע:



פאָטער **שלמה בר׳ אברהם אָרדאַ**, געשטאָרבן 8 טעג אין אָדר 1938, מוטער **רייזל בת שמואל**, שוועסטער פרידה און קינה, פּערל און מרים און שוואָגער נחום שוסטער און ברידעך מרדכי, יצחק און אברהם, אומגעקומענע אין ליבעכין דורך די נאַצים אין יאָר 1942.

און **משה בר׳ אַהרן הכהן**, געשטאָרבן אין עלטער פון 90 יאָר אין ליבעכין. זיינע קינדער: שמואל, פּערל, עטיע און ישראל מיט זייערע פאַמיליעס, אומגעקומען אין 1942 און שלמה, אומגעקומען אין 1920 דורך די באַלאַכאָווצעס.

עס פאַראייביקן זייער אָנדענק:

בערל און משה אָרדאַ מיט זייערע פאַמיליעס.

למזכרת נצח הקדושים

אונזערע ליבע עלטערן:

פאָטער **יוסף בר׳ שמואל הלוי סאַנטימער**,

מוטער **אסתר־רייזל בת ר׳ זיסיע לייב**



שוועסטער: רחל מיטן מאַן און קינדער, פּערל און קינד משה׳לע, יאַכע מיטן מאַן, קינד און ברודער אברהם, אומגעקומענע דורך די נאַצים אין 1942 און אונזער שוועסטער דבורה מיט אירע 2 קינדער, אומגעקומען פון די באַלאַכאָווצעס אין ליבעכין אין יאָר 1920.

אידל בר׳ אברהם קויפמאַן און קינדער: חיים, דוד און איידעם משה דעבערט, אומגעקומען אין יאָר 1920 און האשה גוליע אשת ר׳ אברהם קויפמאַן, געשטאָרבן אין 1918. האשה מרת שרה אשת ר׳ שמואל סאַנטימער און ר׳ יוסף בר׳ בנימין סאַנטימער ואשתו רבקה, אומגעקומען פון די באַלאַכאָווצעס.

עס פאַראייביקן זייער אָנדענק:

גיטל מעשטעלער, משה און שמואל סאַנטימער און פאַמיליעס.

אין אייביקן אָנדענק

פון מיין זיידע **ליפע בר' אשר הכהן** (געשטאָרבן) און באָבע **מישקע**, זיידע **ר' דוב** און זיין פרוי **חוה לעמבערגער**, אומגעקומען פון די באַלאַכאָווצעס און מיינע ליבע און טייערע עלטערן **אשר בר' ליפע הכהן סוקאַטשער** און מוטער **ליבע בת ר' דוב**, ברודער נעצל, פעטערס: יעקב און דוב און מומע מלכה, אומגעקומען דורך די נאַציס אין ליבעכין אין 1942. אברהם בר' אשר הכהן און פרוי ליבע סוקאַטשער און זון נחמיה, אומגעקומען אין 1920. קינדער: איצל, אשר, סערקע, איטקע און מלכה מיט זייערע פאַמיליעס, אומגעקומען אין 1942 און אליהו און פרוי פריידע, געשטאָרבן אין 1934. און שמחה סוקאַטשער און פאַמיליע. יאַקל און ליבע סאַראָקע און פאַמיליע, אומגעקומען אין 1942.

עם פאַראייביקן זייער אָנדענק:

יאַנקל סוקאַטשער, פרוי און קינדער.

דעם אייביקן אָנדענק

משה מאיר בר' מרדכי הכהן באַטער, געשטאָרבן 21 טעג אין חשון 1918. חיה בת יעקב,, געשטאָרבן אין 1940. שלמה בר' משה מאיר הכהן, געשטאָרבן אין 1940. יצחק בר' משה מאיר הכהן באַטער. שרה בת ר' משה מאיר מיט איר מאַן און קינד, ישראל בר' משה־מאיר, וואָס זיינען אַלע אומגעקומען, און שוואָגער יצחק בר' צבי גאָלדין, געשטאָרבן א' אלול 1950 אין ב. איירעס.

עם פאַראייביקן: **ברידער יעקב און יואל באַטער.**

מצבת זכרון — אונזערע עלטערן:

פֿאָטער **ר' אלעזר בר' חיים דוב הכהן קאַהאַן** און מוטער **אסתר בת ר' יוסף אריה הלוי רייכשטול**, שוועסטער נחמה, ברודער יוסף לייב. פֿעטערס: יעקב קאַהאַן און מומע פֿריידע און זייערע קינדער חיים־בער, שואליק און רייזל. פֿעטער ישראליק קאַהאַן און זיין פֿרוי הנה און קינדער. פֿעטער וואָלף מינענזאָן און זיין פֿרוי צירל. פֿעטער שלמה מיכער און פֿרוי לאה און קינדער פֿעבל און יצחקל. אלע אומגעקומען פֿון די נאַציס אין 1942.

דעם פֿאָטער, שווער און מחותן **ר' בנציון פּנחס ראָזשין** (גערופֿן פּנחס מעלניצער) פֿון קלעוואַן, זיין פֿרוי **שרה** און זייער טאָכטער מלכה, ברודער און שוואָגער שמערל ראָזשין און פֿרוי רבקה קערצמאַן, וואָס זיינען אומגעקומען פֿון די נאַציס אין קלעוואַן אין 1942.

עס פֿאַראייביקן די ברידער און קינדער.

פֿישל און חיים-בער קאַהאַן און פֿרוי סאָניע און פֿאַמיליעס.





דעם אייביקן
אָנדענק

פון מיינע ליבע
עלטערן: **שיע** און
אסתר קיפּער,
ברודער **הערשל**
און זיין פרוי
הינדע.

בעטער אידל גאָטמאַן און פרוי חייקע, פעטער יאָסל (אומגעקומען דורך די פּאָליאַקן אין 1919) און מומע גיטל און זין מאיר, אהרן, מענדל און טאָכטער הענציע און איר מאַן הערשקע און קינד און שוועגער און שוויגער יצחק און רבקה בינשטאָק, וואָס זיינען אלע אומגעקומען אין מעלניצע אין 1942.

עס פאַראייביקן זייער אָנדענק:

מאָטל קיפּער און פאַמיליע.





דעם הייליקן
אָנדענק

אונזערע ליבע
עלטערן: פאָטער
אברהם בר'
מרדכי-וואָלף
וואָלק (געשט.)

און מוטער **שרה קויפמאַן דע וואָלק,** ברידער אליעזר און שמעון, שוועסטער פאַניע און ביילע מיט זייערע פאַמיליעס, אומגעקומען פון די נאַציס אין 1942 אין קאָוולע.

עס פאַראייביקן זייער אָנדענק:

סנדר און וואָווע וואָלק און פאַמיליע גורטנשטיין.

למזכרת נצח

אונזערע ליבע עלטערן:

שמשון און **שרה מלכה**
לערער ע״ה

ברודער יודל לערער און פרוי הייקע כהן
דע לערער און קינדער, אומגעקומען אין
טריסק פון די נאצים אין 1942.

שוועסטער אסתר און שוואָגער ישעיה דייטש און קינדער, אומגעקומען אין 1942 אין קאָוולע. און שוועסטער טובה לערער, געשטאָרבן אין אַרגענטינע (לאַנוס) ב׳ סיון תרצ״ח — (1-6-1938).

עס פאראייביקן זייער ליבן אָנדענק:

ברידער יואל, ישראל און משה לערער און פאמיליעס.

יזכור די קדושים

אין דער קאָוולער שיל

היה קאַגאַן און קינדער שמעון, משה און הינדע און יצחק טשיזשיק און פרוי פערל מיט זייערע קינדער: מרימ׳על, משה, הערשל און בערל ע״ה, אומגעקומען אין קאָוולע אין 1942.

עס פאראייביקן זייער אָנדענק:

אשר קאַגאַן (אין פוילן) און
די פאַמיליעס טשיזשיק (אין
אַרגענטינע).



דוד ליפּלעווסקי און פרוי און קינד, אומגעקומען אין קאָוולע אין 1942.

טוליע קליימאַן פון קאָוולע, געשטאָרבן אין עלטער פון 26 יאָר אין פוילן אין יאָר 1950.

כבוד זייער אָנדענק.

לזכרון עולם

פאראייביקן מיר **אונזערע עלטערן** און שוויגער **חיים און מירל גילשלאַק**, ברודער, שוועגערן און אַלע אונזערע פריינט, וואָס זיינען אומגעקומען אין שטעטל קאָרעץ (וואָלין) דורך די נאַציס אין יאָר 1942.

כבוד זייער אָנדענק!

עס פאראייביקן זיי:

מאיר גילשלאַק און פאַמיליע.

צום אָנדענק

די זיידע־באָבע, פעטערס און מומעס מיט זייערע קינדער, וואָס זיינען אומגעקומען דורך די נאַציס אין 1942.

עס פאראייביקן:

כוליאַ גאַלפערין, מלכה גאַלפערין דע גילשלאַק, פאַולינאַ גאַלפערין דע ליטמאַנאָוויטש און סאַריטאַ גאַלפערין.

דעם אָנדענק פון אונזערע **עלטערן, שוועסטער** און **ברידער, שוואָגערס** און **שוועגערנס** און **זייערע קינדער**, וועלכע זיינען אַלע אומגעקומען דורך די נאַציס אין יאָר 1942.

עס פאראייביקן זיי:

אברהם יוסף און **פאַני גאַלפערין.**

לזכרון עולם

ר׳ שלמה
פליידערמאַן ז״ל
מקאָוולע
שנפטר בשנת 1937
בעיר קאָוולע



און **רבקה פליידערמאַן דע גאָלדבערג**, געשטאָרבן אין עלטער פון 32 יאָר אין קאָרדאָבאַ (אַרגענטינע).

עס פאַראייביקן זייער ליבן אָנדענק די פרוי, מוטער, שוועסטער און ברודער: פליידערמאַן און וויינשטיין. ב. איירעס.

לזכרון עולם

אונזער מוטער **שרה שבע וויינשטיין ע״ה** מקאָוולע, געשטאָרבן אין עלטער פון 62 יאָר אין בוענאָס איירעס.

עס פאַראייביקט איר טייערן אָנדענק:

וועלוול און ליובצע וויינשטיין
און פאַמיליעס.



לזכרון עולם

מיין פאָטער דוב סטאָליאַר, געשטאָרבן אין 1927, מוטער בתיה, שוועסטער הנה און שוואָגער וואָלף רייטער און 2 קינדער, אומגעקומען אין מעלניצע, שוועסטער אסתר און מאַן און קינד, אומגעקומען אין קאָוולע, ברודער בצלאל סטאָליאַר און פרוי און 2 קינדער און שוועסטער רבקה, אַלע אומגעקומען פון די נאַציס אין 1942.

עס פאַראייביקן זייער אָנדענק:
יקותיאל און פרוי חייקע און קינדער.

צום אייביקן אָנדענק

פאַראייביקן מיר אונזערע ליבע און טייערע:

דער שוועסטער **יענטע** און מאַן און זייער טאָכטער **אסתר** מיטן מאַן **הירש לייב גלח** און קינדער. אומגעקומען אין מאַניעוויטש אין יאָר 1942.

דעם ברודער **לייבל** און זיין פרוי **פייגל** מיט זייערע קינדער **הערשעלע און חיה'לע**, אומגעקומען אין וולאָדימירעץ אין 1942.

דעם פעטער **דוד ריידער** און פאַמיליע, דער פלימעניצע **חייקע ריידער** און פאַמיליע און אַלע אונזערע פריינט און קרובים, די אומגעקומענע קדושים אין קאָוולע און אין מעלניצע אין די יאָרן פון צווייטן וועלט־חורבן.

דעם זיידן **חיים ריידער**, געשטאָרבן אין 1914 און די באָבע **ציפּע** מיט דער גאַנצער פאַמיליע, אומגעקומען אין 1942

עס פאַראייביקן זייער אָנדענק די שוועסטער:

ריקל, שרה, רייזל און פרומע

פון דער היים — **באַטער** — מיט זייערע פאַמיליעס.

צום אייביקן אנדענק פון אונזערע טייערע און ליבע







עלטערן: **יצחק-משה און מלכה-שרה קאַרטאָפליע.** ברידער: זיסיע און אליעזר. שוועסטער: פעסיע און טאָכטער פאָליע, הייקע, פאָליע און מינע און זייערע פאמיליעס, וואָס זיינען אומגעקומען אין 1942 אין קאָוולע און אונזער ברודער מאיר, אומגעקומען אין דער ערשטער וועלט-מלחמה.







עס פאַראייביקן די טעכטער:

פאַיע קאַרטאָפליע דע מאַנדלער
און זעלדע קאַרטאָפליע דע קרוקאָווער
און פאַמיליעס.

פנחס

צום אייביקן אָנדענק

את אחי יקירי [redacted] בר' לייב מאַנדלער ע"ה, אומגעקומען אין קאָוולע אין 1942.

כבוד זיין אָנדענקען!

עס פאראייביקן אים:

בצלאַל מאַנדלער
און פאַמיליע.

מיין פאָטער משה בר' פסח קרוקאָווער ע"ר מוטער העניע בת דוד פייערשטיין, ברידער דוב און פסח, שוועסטער רבקה און סאָניע מיט זייערע פאמיליעס, וואָס זיינען אומגעקומען דורך די נאצים אין קאוולע אין יאָר 1942.

עס פאראייביקן זייער אָנדענק:

הערש קרוקאָווער און פאמיליע.

צום אייביקן אָנדענק

מיינע עלטערן **שמואל יוסף בר' שמריהו פאָמעראַנץ** און מוטער **דבורה בת ר' יהושע**, שוועסטער שרה און שוואָגער נח און קינדער און שוועסטער בתיה און שוואָגער אברהם און קינדער, אַלע אומגעקומען אין קאָוולע אין 1942.

עס פאראייביקן זייער אָנדענק:

הערשל פאָמעראַנץ
און פאַמיליע.

לזכרון

אונזערע ליבע עלטערן, **שמואל בר' צבי אריה** און **חיה־רבקה בת ר' אברהם בוים** (פון ניסכיזש), שוועסטער בילה־איטע און איר מאַן אהרן קערזשנער און גיטל און איר מאַן מיט זייערע פאַמיליעס, אומגעקומען אין קאָוולע דורך די נאצים אין 1942.

עס פאראייביקן זייער אָנדענק:

גאָלדע פיינטוך
און אַלטע ווערבאַ.

צום אייביקן אָנדענק

פון אונזערע עלטערן:

שמואל און יוכבד

ווייסבערג ע״ה



ברודער שייקע ווייסבערג און שווענערין זשעניע און זייערע קינדער בעריש און שרה׳לע; ברודער חיים ווייסבערג און פרוי; שוועסטער אַסנע און שוואָגער משה פיינגעלעס און קינד; פעטער יוסף פעלדמאַן און פאַמיליע און אונזערע מחותנים: מיכל און שרה שיטער און זייערע קינדער, און אַלע אונזערע פריינט און אייגענע וואָס זיינען אומגעקומען פון די נאַציס אין 1942 אין קאָוועל.

עס פאַראייביקן: זייער אָנדענק די קינדער און פּלימעניקעס:
הנה׳צע, רבקה, משה און איטקע און זייערע פאַמיליעס.

דעם פאָטער **ר׳ שמואל וואָלף נעסאַנעל**, מוטער **מרים בת ר׳ יעקב בלינדער**, ברידער מיכל און לייבל און שוועסטער אַסנע, אומגעקומענע אין קאָוועלע.

עס פאַראייביקן זייער אָנדענק די טאָכטער און שוועסטער:

פריידע און מאַן משה ווייסבערג.

צום אייביקן אָנדענק

מיין עלטער־זיידע אידל ראָזנצווייג ע״ה (גערופן אידל מאָנישעס) און עלטער־באָבע מינדל ע״ה. מיין זיידע היים גערשונאָוויטש ע״ה און באָבע פרידה־רבקה (גערופן באַבע) ע״ה. מיין פאָטער טוביה לעדערהענדלער ע״ה, געשטאָרבן אין קאָוולע אין חודש ניסן 1931. מיין מוטער גאָלדע גערשונאָוויטש דע לעדערהענדלער, שוועסטער מינדל מיט איר מאַן משה קאַגאַן און קינדער און די שוועסטער ליובע, וואָס זיינען אומגעקומען דורך די נאַציס אין יאָר 1942. און די פאַמיליעס: לעדערהענדלער און שטיינבאַך פון קאָוולע, סוכיד און מאַליאַר פון ראָוונע, און גאָרדין פון בריסק, אומגעקומען פון די נאַציס.

מיין פרויס משפּחה: פאָטער ר׳ מנחם־מענדל לייב שפּירא, געשטאָרבן אין חודש אדר א׳ 1925. מוטער האשה מרת שיינע־ריווע, געשטאָרבן ערב יו״כ 1937. ברודער העניך און פרוי רבקה מיט די קינדער, אסתר, יחזקאל און נאָך 4 קינדער, אומגעקומען אין 1942 אין פּולטיסק. שוועסטער מלכה מיט איר מאַן אברהם קרייזלמאַן און קינדער: מענדעלע 18 יאָר אַלט און דבורה׳לע 14 יאָר אַלט, אומגעקומען אין יאַדאָוו. שוועסטער מישע און מאַן הוד גאַרבאַרסקי און קינדער: מינדעלע 16 יאָר, באַסיע־בלימע 14 יאָר און שיינע־ריוועלע פון 5 יאָר, אומגעקומען אין יאַדאָוו, וואַרשעווער קרייז. און אַלע משפּחות און פריינט, די קדושים, כבוד און ערע זייער אָנדענק.

עס פאַראייביקן:

אדאָלפאָ קאַהאַן און פרוי גיטל שפּירא דע קאַהאַן.

יזכור

נחום און **רחל זאַלצהענדלער**

געשטאָרבן אין קאָוולע.

יהודה און שיינדל זאַלצהענדלער, יעקב און שרה ניימארק און קינד, וואָס זיינען אומגעקומען פון די נאַציס אין 1942.

עס פאַראייביקן זיי זייער זון און ברודער:

אהרן זאַלצהענדלער
און פאַמיליע.

צום אָנדענק

פאָטער **מאָטל גאָרין**, מוטער **שרה**, ברודער יוסף און זיין פרוי ליבע, שוועסטער ריסיע און מאַן פייוול און קינדער, שוועסטער שיינע רחל און מאַן יעקב, ברידער חיים און משה, שוועסטער־קינדער: שיע פישל אָקס און פאַמיליע, ראובן־בער און פאַמיליע, דוד און פאַמיליע, פייסי און פאַמיליע, איטע און מאַן און קינדער, פעטער יעקב גאָרין און פרוי, פריידע און פאַמיליע, שוואָגער און שוויגער שמערל איינבינדער און פרוי חיניע און קינדער.

עס פאַראייביקן זיי:

לעאָן גאָרין און פאַמיליע.

יזכור

פאָטער **פייסי טשיזשיק**, געשטאָרבן 10 טעג אין חשון 1912.

מוטער **פייגע**, ברודער משה און שוועסטער רבקה און זייערע פאַמיליעס אומגעקומען אין קאָוולע אין יאָר 1942.

עס פאַראייביקן זייער אָנדענק:

חיים טשיזשיק
און פאַמיליע.

לזכר עולם

מיין פאָטער **דוד שפייזמאַן**, מיין מוטער **רחל**,

שוועסטער **העני** און **דבורה**, אומגעקומענע אין קאָוולע אין 1942.

עס פאַראייביקט זיי:

זיסיע שפייזמאַן.

יזכור

יצחק צבי און **טובה שיינדל קימעל**, ברכה קאַדיש דע קימעל און מאַן מנחם מענדל און זין שלומקע.

עם פאַראייביקן זייער אָנדענק זייער זון, ברודער, שוואָגער און פעטער:

מרדכי מנחם קימעל.

יזכור

מיין פאָטער **ישראל**, מוטער **חיה־זיסל** (געשט. 1918), ברידער יאָסל און גוטמאַן, שוועסטער מלכה און גיטל מיט זייערע פאַמיליעס און שוועער יצחק הערש וויינער (געשט.), שווינער דאָבע, שוואָגערס: אברהם, אשר, לייב און פייוויש מיט זייערע פאַמיליעס. וואָס זיינען אַלע אומגעקומען אין קאָוולע אין 1942.

עם פאַראייביקט זיי:

סאַמועל פאַק און פרוי.

יזכור

מיין פאָטער **יצחק־וואָלף**, מוטער **אסתר־העני**, געשטאָרבן אין קאָוולע. און די קדושים: ברודער שלמה און קינד יצחק־וואָלף, שוועסטער רבקה, שוואָגער הערשל בורשטיין און קינדער, שוועסטער־קינדער פייוול און אירל שוחט, און מיין פרוי מלכה וואָקס דע ניס, געשטאָרבן אין ב. איירעס.

עם פאַראייביקט זיי:

מאָטל ניס.

לזכרון

מיין פאָטער **אברהם־יונה פיקס** און ברודער שמואל בצלאל, אומגעקומען דורך די באַלאַכאָווצעס אין יאָר 1920. מוטער **רייזל** בת ר׳ שמעון רויזנזאָן פון קרעמענע, שוועסטער פערקע און איר מאַן אברהם מלמד פון ליבעוונע מיט די קינדער יונה און וויטיע, שוועסטער ביילע מיטן מאַן פייוול גראָדנער פון קאָוולע און די שוועסטער חנה און יענטע.

עם פאַראייביקן זיי:

בנימין פיקס און פאַמיליע.

לזכרון עולם:



מיין פאָטער **אריה בר׳ מנחם מענדל הלוי טרייסטער** ע״ה און מוטער **פייגע בת ר׳ בנימין טענענבוים** פון קאָברין. ברודער גרשון, שוועסטער כאַסיע און איר מאַן ה׳ למדן פון ראָוונע, שוועסטער רייזעלע און גיטעלע און מומע היה לאַנצע, וואָס זיינען אַלע אומגעקומען אין 1948, אין קאָוועלע.

ר׳ אריה טרייסטער, איינער פון די חשובע קאָוולער תושבים, א קאַרלינער חסיד און שטענדיקער בעל־קורא אין „שטיבל“, א פרומער איד געוועזן און א תלמיד חכם, געוועזן מיטאַרבעטער אין „הצפירה“.

עס פאַראייביקן זייער אָנדענק: משה טרייסטער און פרוי.

דעם אייביקן אָנדענק

מיין פאָטער **שמעון בר׳ שמואל אביגדור בוימל**, געשטאָרבן אין קאָוועלע א׳ תמוז 1910, און מוטער **גיטל בת ר׳ אברהם משה**, געשטאָרבן א׳ אלול 1919 אין קאָוולע, שוואָגער: פאַליק פידעל און פלימעניקעס: רבקה, גיטל, יאנקל, ישראליק און בערטא, וואָס זיינען אומגעקומען אין קאָוולע אין 1942.

עס פאראייביקט זייער ליבן אָנדענק:

מאני בוימל.

לזכרון די אומגעקומענע קינדער פון דער פאמיליע קאמינסקי



א סדר־נאכט אין הויז פון דער מוטער פון ה׳ איסר קאמינסקי — די פרוי דינצע, וועלכע געפינט זיך איצט ביי אים אין ארגענטינע — ארומגערינגלט פון אירע קינדער און אייניקלעך: שלמה, עלקע ווילנער און קינדער אברהם (אברהם׳צע, וואָס האָט געארבעט ביי אשכנזין אין מאגאזין) און פיגה־מלכה פרינגאל און קינדער.

אומגעקומען אין קאָוולע אין יאָר 1942.

למזכרת נצח



חיים דוד און **רייזל גאלסט** און **פאמיליע**. אומגעקומען אין קאָוולע פון די נאַציס אין 1942.

עס פאראייביקן זייער אָנדענק:

נפתלי הערץ, ווערא און וויקטאָר גאלסט.

צום אייביקן אָנדענק

מיין פאָטער **ר' טייזול בר' יעקב קופערשטיין ע"ה**, מוטער **בתיה**, ברידער: **אברהם, משה** און **גדליהו**, דעם פעטער **שמואליק** און **פרוי** און **קינדער**, וואָס זיינען אלע אומגעקומען דורך רוצחישע הענט אין קאָוולע אין 1942.

עס פאראייביקט זייער אָנדענק:

שמואל קופערשטיין.

למזכרת נצח נשמות הקדושים

יצחק אייזיק פייוול בר׳ ישראל אריה הסיד ז״ל, זוגתו רחצי בר׳ דוב וואַקס ז״ל, בתם הייקע, בנם ישראל ומשפחתו ובנם הבחור דוב.

גרשון דוד בר׳ צבי דוב ז״ל הסיד; זו״ג ביני בת ה׳ משה אפצוק נכדם ישראל ובתם סאָניע והייקע.

גאָלדע בת ה׳ צבי הסיד דע ציטרין, בעלה זיסי ציטרין, בנותיהם רבקה, דבורה, טובה ובתיה ביני, ובנם צבי דוב.

משה יהודה בר׳ צבי דוב הסיד ז״ל, זו״ג זעלדע בת ה׳ זלמן פריזאנט, בניהם שלמה-בינים, יעקב יוסף ומענדל.

ראובן בר׳ צבי דוב הסיד ז״ל, זו״ג ראַניע בת הר׳ מרדכי ובנותיהם פייגע, בתיה-ביניע, רבקה ומרים. יצחק בר׳ מטות שפירא ומשפחתו, פערל בת ה״ר מטות שפירא ומשפחתה וברכה בת ה״ר מטות שפירא ומשפחתה.

מגיסם ודודם **יעקב שפירא** וגם אחותם ודודתם
שרה רייזל בת ה״ר ישראל אריה ז״ל הסיד.

צום אָנדענק

מיינע ליבע עלטערן

יוסף

בר׳ יואל חיים

און **חיה פוגאטש.**

ברודער בערל און שוועסטער חיה, אומגעקומען אין יאָר 1942.
זייער ליכטיקער אָנדענק וועט שטענדיק שטיין פאר מיינע אויגן.

עס פאראייביקט זיי זייער זון און ברודער:
פאַליק פוגאַטש.

לזכרון





אונזער פאָטער און שווער **חיים אברהם גוטמאַן** און פרוי **גנענדל**, געשט. אין קאָוולע.

ברודער און שוואָגער שעפסל, אומגעקומען אין 1942, שוועסטער מלכה, געהרגעט דורך די פּאָליאַקן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, שוועסטער גאָלדע און אירע קינדער, די עלטערן שווער און שוויגער **משה** און **אסתר ראָזנבוים** און קינדער: שרה, ביינע און ריווע, וואָס זיינען אַלע אומגעקומען אין קאָוולע אין 1942.

עס פאראייביקן זייער אָנדענק :

אהרן גוטמאַן און פרוי.

לזכרון עולם





מיין פאָטער **ר' יהודא מאיר ריכטער ע"ה** און מוטער **מלכה יהודית ריכטער ע"ה**. די שוועסטער בתיה און חיה־לאה און מיינע אַלע פריינט, וואָס זיינען אומגעקומען אין ראָטנע און אין קאָוולע אין 1942.

עס פאראייביקן זייער אָנדענק :

חיים שטיינבערג (ריכטער) און פאמיליע.

צום אייביקן אָנדענק

מיין פאָטער **אליעזר בר׳ יצחק זאב באָקלער**, געשטאָרבן י״ט אדר 1940.

מוטער **איטע בת ר׳ אריה**, געשט. כ״ה אב 1937.

שוועסטער פאָסיע
און איר מאַן
ברוך כינענזאָן

און זייערע קינדער, אומגעקומען י״ז כסלו תש״ב אין באָטייטשאָוו, שוועסטער פּינה און איר מאַן אברהם האַלפּערין און קינדער און שוועסטער עטל און מאַן שייקע מלמד און קינדער, אומגעקומען אין קאָוולע פון די נאַציס אין יאָר 1942.

עס פאַראייביקן זייער אָנדענק: **לייבל באָקלער און פאַמיליע.**

לזכרון

אונזער שוואָגער און ברודער **אורן זילבערשטיין** און פרוי **יהודית** און קינדער און פעטער **שיע ליפּלעווסקי** און פאַמיליע, וואָס זיינען אומגעקומען אין קאָוולע אין יאָר 1942.

כבוד זייער אָנדענק!

עס פאַראייביקן זיי:

יעקב און רחל זעמעל.

לזכרון עולם

פאַראייביקן מיר אַלע אונזערע פריינט און קרובים, וואָס זיינען אומגעקומען פון די נאַציישע רוצחים אין די יאָרן 1939-1945.

ברידער: ברוך און בצלאל טאַנים און פאַמיליעס.



לזכר עולם

מיין פאָטער **איציק בר׳ אהרן גוליש ז״ל**, געשט. כ׳ שבט 1920. מוטער **נחמה בת ר׳ זאב מאזוסקי**, שוועסטער: חנה־גוטע און קינד איציק, שוועסטער: לאה און מאַן און שוועסטער מינדל, ברידער: אהרן און משה גוליש, וואָס זיינען אומגעקומען פון די נאַצים.

מיין פעטער נה פייערשטיין און מומע יענטע־צירל (געשטאָרבן), מומע דאָבע ראָזנבערג און דריי קינדער און אַלע אומגעקומענע קרובים און פריינט.

עס פאַראייביקן זייער אָנדענק:

מאיר־פייוול גוליש און פאַמיליע.

צום אייביקן אָנדענק

מיין פרוי **חנה** און שוויגער **חיה־שרה דינער**, אומגעקומען דורך די נאַצים אין קאָוולע אין יאָר 1942.

עס פאַראייביקט זייער אָנדענק:

אברהם גלאַז, פוילן.

צום אייביקן אָנדענק

פון אונזערע עלטערן: **צבי קאַץ**, געשט. איסרו חג של סוכות 1917, **רחל בת ר׳ שמואל** און **אשר בר׳ צבי** און קינד שרה גוליע און פערל.

איסר בר׳ שלום בוימל, געשט. דעם ערשטן טאָג שבועות פון 1919, **ריקל בת ר׳ מרדכי** און שלמה, מישקע און שיינדל, וואָס זיינען אַלע אומגעקומען אין 1942.

עס פאַראייביקן זייער אָנדענק:

נטע און טובה הינדע בוימל
און משה קאַץ און פאַמיליעס.



דעם אייביקן אָנדענק פון אונזער מוטער רייזל וויינער ע״ה

שוועסטער העניע אַלפּערן מיט איר מאַן מענדל און קינדער חיים׳קע און נתן. אונזערע פעטערס, מומעס און שוועסטער־קינדער:

העניע ווערבע און קינדער, מלכה און איר מאַן און קינדער, משה און רבקה אָקסמאַן, יאָסל און פערל וויינער מיט די קינדער, בערל און שושנה טאָרטשעניוק, שמואל וויינער מיט די קינדער, בוזיע און מאַן, ווזיע און פאַמיליע, ווי אויך די איבעריקע משפּחה־מיטגלידער, וואָס זיינען אַלע אומגעקומען פון די נאַציס.

עם פאַראייביקן זייער אָנדענק:

ברידער וויינער (אורוגוואי).

י ז כ ו ר — מיר פאַראייביקן אונזערע אייגענע די קדושים, וועלכע זיינען אומגעקומען על קידוש השם אין קאָוולע: פאָטער און שווער **חיים נייטער**, שוואָגער און ברודער **יצחק נייטער** מיט זיין פרוי **לאה באָקסער** דע נייטער און קינד **בלומעלע**, אונזער שוועגערין און שוועסטער **מלכה**, אונזער שוואָגער און ברודער **ברוך**, אונזער שוועגערין און שוועסטער **גיטל**, שוואָגער און ברודער **מאָטל** און שוואָגער און ברודער **דוד**.

עם פאַראייביקן זייער אָנדענק:

פסח ליטוואַק און פרויביילקע נייטער דע ליטוואַק
און בערל נייטער און פאַמיליע.

לזכר עולם

אונזערע ליבע עלטערן

אליעזר און מרים

קראמער ע״ה

ברידער: מאָניש, אליהו־לייב און משה׳לע און שוועסטער היה־גיטל, אומגעקומען פון די נאצים אין 1942 אין קאָוועלע.

עס פאראייביקן זייער אָנדענק, די טאָכטער, ברודער און שוועסטער:

ישראל קראמער און אסתר קראמער

דע קאָלב און פאמיליעס.

צום אייביקן אָנדענק, אונזער פאָטער קהת בר׳ זאב דוב פרייד, מוטער פערל בת ר׳ מאיר (געשט. אין 1936), פעטער אברהם יצחק בר׳ יהודה מארדער, מומע העניע בת ר׳ מאיר, קוזין שמעון באַלטער און פרוי ליאַלא בת ר׳ אברהם יצחק און קינד וואָס זענען אלע אומגעקומען אין קאָוועלע אין 1942.

עס פארייביקן זייער טייערן אָנדענק: **וו. ב. פרייד און פאמיליע**



צום אייביקן אָנדענק

מיינע ליבע עלטערן:



די קדושים **חיים** און **מנוחה פישער** און **פאמיליע**, וואָס זיינען אומגעקומען אין קאָוולער געטאָ אין יאָר 1942.

עס פאראייביקט זייער אָנדענק, זייער זון:

יעקב פישער.

לזכרון עולם

מיין מומען **רבקה**, די ברידער **בערל**, **שואל**, **שעפע** און **שלום** און שוועסטער **חייקע** און **סאָסיע**, וואָס זיינען אומגעקומען אין קאָוולע דורך די נאַציס אין יאָר 1942.

עס פאראייביקט זייער אָנדענק דער זון און ברודער:

זיסיע ווערבע.

לזכרון עולם

מיין פאָטער **צבי בר׳ יהושע מוז**, מוטער **האדל בת ר׳ שמואל**, ברודער **דוב** און פרוי און קינדער, די שוועסטער **שרה** און פאמיליע און שוועסטער **היה־רבקה** און איר מאן **בערל** און קינדער, שוועסטער **רבקה** און **ר׳ שמעון בר׳ נתן** און פרוי.

עס פאראייביקן זייער אָנדענק:

שיע מוז און פאמיליע.



דעם אייביקן אָנדענק

מיין פאָטער **זלמן בר׳ צבי** און מוטער **עטל זאַק ע״ה**

און קינדער: חנה, אברהם, פערל, הינדע און שרה־ביילע, וואָס זיינען אַלע אומגעקומען אין קאָוולע אין יאָר 1942.

עס פאַראייביקט זייער אָנדענק, זייער זון און ברודער:

גרשון זאַק.

לזכרון עולם

מיין ברודער **אברהם יעקב שניידער** און פאַמיליע, געוואוינט אין ליבעוונע, ברודער **יוסף פנחס שניידער** און פאַמיליע, געוואוינט אין קאָוולע, מיינע שווער און שוויגער: **שלמה** און **גיטל לאַנגער**, נעוואוינט אין וויזשווע און פעטער: **מרדכי לאַנגער** און פאַמיליע, געוואוינט אין קאָוולע. אַלע אומגעקומען אין 1942.

עס פאַראייביקן זייער אָנדענק:

שמעון שניידער און פאַמיליע.

לזכרון עולם

מיין ברודער **משה זעלצער** און פרוי **ראַניע וואָלק דע זעלצער** מיט זייערע **דריי קינדער**, וואָס זיינען אומגעקומען אין קאָוולע דורך דייטשע רוצחים אין יאָר 1942.

עס פאַראייביקן זייער אָנדענק די שוועסטער און שוואָגער:

בתיה און בערל ליבערמאַן.

יזכור

פאַרשטאָרבענע מיטגלידער פון קאָוולער ל״ל-פאַראיין

מאָטל גושעבמאַכער ע״ה
דוד באָקסער ע״ה
אורן ערליך ע״ה
פאַליק פלינק ע״ה
ישראל ליבערמאַן ע״ה
הערשל ענגלסבערג ע״ה
שלמה גוליש ע״ה
לייבל קאָוועבערג ע״ה
מיכל מלמד ע״ה
יצחק שליאַם ע״ה

אינסטיטוציעס און יחידים, וועלכע האָבן מיטגעהאָלפן דאָס אַרויסגעבן אונזער פּנקס־קאָוועל

קרעדיט־קאָאָפּעראַטיווע
„ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ"
קרעדיט־קאָאָפּעראַטיווע
„על פּאַרוועניר"
ידידית מאַליק
מלכה מאַליק
היים ווינטער
אסתר ווינטער
בערל נייטער
ראובן ערליך
שמעון הובערמאַן
בצלאל באַלער
מעני באַלער
לייבל שיטער
יוסף באַבער
מאָטל קיפּער
מערעסאַ קיפּער
פּעליקס פּוגאַטש
ברידער טאָקער
בצלאל און פּאַיע מאַנדלער
דוד גאָלדין
משה אָרדאַ
שמואל סאַנטימער
הערש קרוקאָווער
יואל באָטער
מאָטל מעליזאָן
משה ווייסבערג
איטקע ווייסבערג
פּיניע וואָרצל
באַרנבוים און מעשטעלער
אהרן באָבער
ברידער וו. און ל. וויינשטיין
הערש באַר
איסר קאַמינסקי

שלמה יאַסאָוויטש
שמואל קופּערשטיין
פּסח ליטוואַק
נח וואָרצל
שמואל פּענדזיק
בערל פלייַדערמאַן
מאיר גוישן
יעקב אברך
בעריש קאָפּשוק
גרשון ווידרע
שמואל גאָלדצווייג
ישראל קראַמער
אדאָלפאָ קאַהאַן
ישראל מלמד
י. ת. פּאַנטורין
לעאָן ברענער
יואל אַטלאַס
וו. ב. פרויד
נפתלי אשכנזי
משה טרייסטער
יקותיאל סטאָלאַר
יעקב קרייזער
היים טשיזשיק
מאָניס קיפּער
נטע בוימעל
וואָווע וואָלק

הערש טשיזשיק
אברהם שיטער
זעליק פישער
וואָלף וויינשטיין
בוליאָ גאָנטשאַר
זוסיע וויינפּער
א. י. גאָלפּערין
בצלאל מאָניס
ברידער לערער
פּ. פראַנקפּאָוויטש
ישראל בליט
בערל פוקס
פוקס און פייגעלים
יוסף פּאָס
איסר שער
משה פייגעלים
ישראל האָניק
בנימין פּיקס
נפתלי גאָלוז
יעקב באָטשקאָווסקי
יעקב וואָרצל
חיים קאַגאַן
מענדל לייקאַך
לעאָן גאָרין
שמואל רעזניק
א. שנירמאַכער

קאָוולער לאַנדסלייט אין מעקסיקע:

לייבל פּערל
אברהם ליכטשיין
יעקב לופּאַ
מרדכי גאָלדבערג

הירשל רובינשטיין
בתיה רובינשטיין
וואָלף סיגאַל
מיכל גאָלדבערג

די פֿאַרלאַג־זאַמלער, וועלכע זײַנען געווען טעטיק בײַם צונויפֿנעמען באַשטייערונגען פֿאַרן „פּנקס" און אײַנשרײַבונגען אין יזכּור־אָפּטייל:

פֿרוי מעניע (שאַראַפֿאַנקער) באַלער און יעקב׳אברך
דוד גאָלדין און בצלאל באַלער
ישראל חיים פֿאַנטורין און חיים ווינטער
בצלאל באַלער און יעקב אברך
לייבל שיטער און מעניע באַלער
מעניע באַלער און ישראל חיים פֿאַנטורין
ישראל מלמד און אברהם יוסף גאָלפּערין

אויסבעסערונג פֿון דרוק־פֿעלערן:

אויף זייט 48, ענדע שורה 7 און אָנהויב שורה 8, זאָגט זיך: געבילדעט, ס׳דאַרף זיך זאָגן: געבילדעטער.

אויף זייט 219, אין דער נאָטאָ צום ליד פֿון קהת קליגער — „ליד צו אַ טויטן פּאָעט" — זאָגט זיך: ארויסגענומען פֿון זיין פֿרעמירט בוך: „די וועלט פֿאַרבעט מיך שטאַרבן". ס׳דאַרף זיך זאָגן: איבערגעדרוקט לויט אַן ערשטן וואַריאַנט, פֿאַרעפֿנטלעכט אין אידישע אויסגאַבעס.

אויף זייט 496, זאָגט זיך: זיינען אלע אומגעקומען אין 1948 — ס׳דאַרף זיין אין 1942.

שלוס-וואָרט

נאָך א צייט פון 18 חדשים אָנגעשטרענגטער און מיפולער ארבעט, האָב איך פארענדיקט שרייבן און צוזאמענשטעלן דעם „פנקס־קאָוולע". אויף וויפל די ארבעט איז מיר געלונגען, וועלן זיך קענען ארויסזאָגן די, וואָס וועלן דעם „פנקס" לייענען. ווער עס ווייסט וואָס דאָס מיינט: איין מענטש זאָל צונויפזאמלען מאטעריאלן, בילדער און דאטן, אויסהערן און פארצייכענען עפיזאָדן און געשעענישן פון א רייע פערזאָנען וואָס געדענקען און וויסן צו דערציילן וויכטיקע פרטים פון דער אלטער היים, פון אמאָל און פון דער לעצטער צייט. באארבעטן דאָס רוב צוגעשיקטן מאטעריאל, נאָכזוכן און ארויסנעמען פון ביכער און פעריאָדישע אויסגאבן—אויסצוגן, ארטיקלען און אנדערע ארבעטן וועלכע האָבן א שייכות צו קאָוולע, און על־כולם, דאָס שרייבן אין די הונדערטער בריוו צו אונזערע לאנדסלייט אין א רייע לענדער, כדי ארויסצובאקומען ביי זיי: זכרונות, בילדער און אנדערע מאטעריאלן פארן „פנקס". — איז דער, וואָס וועט דאָס אלץ נעמען אין אכט, וועט אפשר קענען זיך אָפגעבן חשבון פון דער שווערער און פאראנטוואָרטלעכער ארבעט, וואָס דאָס שרייבן און צוגרייטן דעם „פנקס" צום דרוק, רעדאגירן און קאָרעגירן אים — האָט געפאָדערט.

אויב אונזער „פנקס" איז געשריבן געוואָרן נישט פון קיין ליטעראט אָדער זשורנאליסט, נאָר פון א פשוטן מענטש (וואָס יודעי חן וועלן זיכער באמערקן), איז עס מצד אונז געווען, נישט אָן א כוונה. מיר האָבן געוואָלט אז דער „פנקס־קאָוולע" זאָל געשריבן ווערן פון איינעם, וואָס האָט די שטאָט און די מענטשן געקענט, געשריבן נישט מיט קיין ליטעראַרישער שפראך, נאָר מיט דעם פשוטן לשון פון דערציילן פאקטן און געשעענישן, ווי זיי זיינען באמת פארגעקומען און זאָל שפעטער קומען דער היסטאָריקער און ארויסנעמען פאר דער געשיכטע דאָס, וואָס אים וועט נויטיק זיין.

אונזער פאראיין האָט געוואָלט פאראייביקן די חרובע שטאָט קאָוולע און די שטעטלעך פון דער סביבה מיט זייערע קדושים, און פארצייכענען לדור דורות דאָס לעבן, דאָס אידישע, וואָס איז דאָרט אמאָל געווען. און דאָס איז געטאָן געוואָרן אויף אזוי פיל, וויפל די מעגלעכקייטן זיינען געווען צו טאָן, לויט די צונויפגעזאמלטע מאטעריאלן און דאָקומענטן.

מעגלעך, אז עס זיינען דאָ אין „פנקס", דורכגעלאָזן געוואָרן צו פארצייכענען אייניקע אינסטיטוציעס אָדער פערזאָנען יחידים, וועלכע האָבן

פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אין קאָוולער אידישן לעבן, — בעט איך, מיר איבעריכטיק צו גלויבן, אַז דאָס איז געשען נאָר דערפאַר, ווייל איך האָב נישט געוואוסט פון זיי, אָדער כ'האָב נישט געהאַט די נויטיקע דאַטן, כדי צו קענען זיי פאַרצייכענען דאָ אין „פּנקס”.

צילעצט, וויל איך דאָ, ביי דער געלעגנהייט, דאַנקען די פריינט: אברהם גלאַז און משה בעבטשוק (אין פּוילן), פאַר זייערע וויכטיקע מאַטעריאַלן און דאַטן וואָס זיי האָבן מיר געשיקט. אויך דער פריילין לאָלאַ ראַכוואַרגער־קראַוויטשינסקאַ און יצחק פינקלשטיין (ביידע איצט אין אַרגענטינע), געראַטעוועטע פון קאָוולער געטאָס — פאַר זייערע דאַטן, וואָס זיי האָבן מיר איבערגעגעבן, אַלס עדי ראיה — פון דער צייט פון דער רוסיש־פּאָוועטישער אָקופּאַציע און שפּעטער, דאָס לעבן פון די קאָוולער אידן אונטער דער נאַציִשער ברוטאַלער מאַכט און פון די ליקווידאַציעס. אויך אַ דאַנק די פריינט־לאַנדסלייט: פרוי אסתר קאָלב פון דעטראָיט (נ. אַמעריקע), יששכר אַלטער און מ. קליינער (אין בראַזיל), פאַר זייערע ווערטפולע בילדער און עקזעמפּליאַרן פון „קאָוולער שטימע” און „אונזער לעבן”, וואָס זיי האָבן מיר צוגעשיקט.

אויך די פריינט און חברים פון דער „פּנקס־קאָמיסיע”: זיסיע וויינפער, נח וואָרצל, א. י. גאַלפּערין, נפתלי גאַלסט, יעקב אברך און י. ח. פאַנטורין, פאַר זייערע עצות און אָנווייזונגען און נאָר באַזונדערס דעם חבר לייבל שיטער (אויך פון דער „פּנקס־קאָמיסיע”), פאַר זיינע וויכטיקע דאַטן, מיט וועלכע איך האָב זיך באַנוצט ביים שרייבן די געשיכטע פון קאָוולע. אַ באַזונדערן דאַנק און אָנערקענונג די אַלע חברים, וועלכע האָבן געזאַמלט באַשטייערונגען און די באַשטייערער גופא, אַ דאַנק וועמענס אַרבעט און הילף, עס איז דערמעגלעכט געוואָרן דאָס דערשיינען פון אונזער „פּנקס”.

איך געפין אויך פאַר נויטיק צו דערפילן אַ חוב און אויסדריקן אַ דאַנק און אָנערקענונג דעם ה' יעקב מושקאַט (מיטאייגנטימער פון דער דרוקעריי „קולטור”), פאַר זיינע פּראַקטישע אָנווייזונגען און פאַכמענישע עצות, וועלכע האָבן פיל געהאָלפן צו דער פאַרשענערונג און פאַרבעסערונג פון דעם פּנקס.

פאַר די אַלע אויבנדערמאָנטע און פאַר יעדן איינעם וואָס האָט מיט עפּעס־וואָס צוגעהאָלפן אין אונזער הייליקער אַרבעט, דריק איך אויס נאָכאַמאָל, אין מיין נאָמען און אין נאָמען פון דער פאַרוואַלטונג פון אונזער קאָוולער פאַראיין אין אַרגענטינע און אין נאָמען פון די קדושים, דאָ אין „פּנקס” פאַראייביקטע — אַ האַרציקן דאַנק.

בצלאל באַלער.

La confección e impresión
de este libro se terminó el
día 20 de octubre de 1951
en los Tall. Gráf. CULTURA,
Sarmiento 2157 - Bs. Aires